This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-526

סאָוועטיש

2

1977

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

2

פעוורואַל

1977

אינהאַלט

ווערק פון אונדזערע לייענער. **דערציילונגען פון ר. גאָלדענבערג, א. זשאַלייקאַ, פאַרצייכענונגען פון ג. קיזעל, ש. קאָזשעווניקאָוו, ה. געליבטערמאַן, י. קראַוועץ, א. זײַטשיק, מ. קאַזאַדאַן, ע. גוסיעווא, לידער פון ז. ווייצמאַן, ב. סינעלניקאָווא, ז. מינקין, נ. מינעוויטש** 3

שירע גאָרשמאַן. א רײַזע קיין ליטע און קיין ווײַסרוסלאַנד 30

ז. וועגדראָף. שווייצאַרישע אונטערטאַנער. אָן א היים. א נאַכטיקע באַגעגעניש (דערציילונגען) 43

יאָסל בוכבינדער. אַף זיכערע וועגן (לידער) . . . 57

כאַיִם מעלאַמוד. די טעג מיט די נעכט. (ראָמאַן. סאָף. צייכענונגען פון ה. אינגער) 62

מישע מאָגיליעוויטש. אין זוניקע טעג (לידער) . . 112

פון דער יִשׂראָעל־ליטעראַטור. **רוט לעווין. האָפענונג בײַסן שוואַרצן פרילינג (פראַגמענטן). (צייכענונגען פון ה. אינגער)** 114

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **באָרוך, (בענעדיקט) שפּינאָזע. געדאַנקען פונעם גענִיאַלן פילאָסאָף (אַרויסזאָגונגען וועגן שפינאָזען); מוישע כאַשטשעוואַצקי. א טאָג אין ביראָבידזשאַן** 136

מאָטל גרוביאַן. פון דער דיכטערישער ירושע (לידער) 143

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. דעם דיכטערס פּראָזע (וועגן אַרן ווערגעליסעס בוך „רײַזעס") 146

אַף היסטאָרישע טעמעס. **פּראָפ. ג. באָנדאַרעווסקי. אין א נעץ פון ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס (דריטער שמועס)** 154

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. **נאַטאַליע אַנצעלעוויטש. וועגן דעם יִידישן יִשעוו אין לאַטײַן־אַמעריקע** 162

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. **די טעראָריסטן און זייערע פאַרטיידיקער** 169

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 171

ווילנער יִידישער טעאַטער — 20 יאָר 174

פאַרשיידנס 178

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 180

דאָס איז טשיקאַווע 184

כראָניק 61, 185

פריילעכע שורעס. **פעליעטאָנען אין דער אויסלענדישער פרעסע** 186

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 188

שמועסן וועגן יִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

פּראָזע

רעפֿאָעל גאָלדענבערג

ניקאָלײַעוו

דרײַ נאָוועלן

פאַרוואָס האָבן זיי מיר געדאַנקט?

די סלאָבאָדקע — דאָס איז א לאנגע שמאָלע גאַס אין דער פאָרשטאָט, אָנגעשפּיקעוועט פון בײדע זײַטן מיט אײַנגאָרנדיקע הײַזקעס.

ווען איך בין אהין געקומען דאָס ערשטע מאָל איבערשרײַבן די וויילער, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די מערהײַט אײַנוווינער זײַנען דאָרט פּענסיאָנערן. אין עטלעכע טעג ארום בין איך ווידער געקומען צו די וויילער, צו מײַנע וויילער, אזוי האָב איך זיי שוין איצטער גערופן. געקומען בין איך, קעדיי דורכפירן א שמועס — דאָס איז געווען אָנגעמערקט אינעם פּלאַן פונעם וואלד־באצירק. צום שמועס האָב איך זיך לאנג געגרייט, און דאָך בין איך ניט געווען זיכער, אז ס׳וועט זיך בא מיר עפּעס באקומען. אינדערעמעסן, וואָס קאָן איך, א נײַנצניאָריק באָכערל, א סטודענט פון א פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, וואָס קאָן איך דערציילן די זקיינים, וועלכע האָבן אזויפיל געזען און אופגעטאָן אין זייער לעבן? „און ביכלאל, — האָב איך געטראכט, — ווער ווייסט, וואָס עס איז אינטערעסאנט אָט דעם אוילעם?..”

דער שמועס איז פאָרגעקומען אין א גערוימען צימער, ווו אלע מײַנע זקיינים האָבן זיך ניט אײַלנדיק צונויפגעזאמלט, יעדערער מיט זײַן בענקעלע. מע האָט, ווי עס פירט זיך, אויסגעוויילט א פאָרזיצער, און יענער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט.

איך האָב אינקורצן דערציילט די ביאָגראפיע פונעם קאנדידאט אינעם אויבער־סאָוועט און צעטיילט די צוהערער פּלוגבלעטלעך, אף וועלכע ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס, וואָס כ׳האָב זיי דערציילט, און אויך דער פּאָרטרעט פונעם קאנדידאט.

— באָריע, — האָט זיך געווענדט איינע אן אלטיטשקע צום פאָרזיצער, — איך מעג שווערן, אז אָט דער באָכער אפן פּאָרטרעט איז מיר זייער באקאנט, נאָר כ׳קען זיך ניט דערמאָנען, ווער עס איז...

— ס׳איז דאָך יורקע, — האָט איר גלײַך געענטפערט איינער א הויכער מאן מיט קורץ אונטערגעשוירענע וואָנצעס. — דער, וואָס האָט אונטערגעריסן דעם בענזאָבאק בא די דײַטשן.

— עמעס, — האָט זיך דערפרייט די אלטיטשקע, — איך געדענק עס ווי הײַנט. די פאשיסטן האָבן זיך נאָך אים געיאָגט...

און זי האָט גענומען דערציילן מיט אלע איינצלהײַטן, וויאזוי יורע האָט זיך אויסבאהאלטן טאקע הי אף דער סלאָבאָדקע, ביז ער איז ערגעץ אנטרונען געוואָרן.

— ער איז אין ערגעץ ניט אנטרונען געוואָרן. אָנגעקומען צו אונדז אין אָטריאד, — האָט זיך ווידער אָנגערופן דער הויכער.

— נאָך דער מילכאָמע האָט יורע געארבעט בא אונדז אין צעך, — האָט צוגעגעבן א פולבלעכער מאנצבל, א געוועזענער צעך־מײַסטער. ער האָט דערציילט, וויאזוי יורע האָט פאַרענדיקט די אָוונט־שול און איז אוועק אין דער גרויסער וועלט.

— און איצט, ווי איר זעט, איז ער שוין א דאָקטאָר פון וויסנשאפט, — האָט רעזיומירט דער פאָרזיצער. — וועגן דעם קאנדידאט, מיין איך, איז אלץ קלאָר. לאָמיר בעטן אונדזער אגיטאטאָר, ער זאָל דערציילן, וואָס עס קומט פאָר אין אנדערע מעקוימעס.

דער אוילעם האָט אופמערקזאם אויסגעהערט וועגן דער טשילער כונטע, וועגן נאָענטן מיזרעך, וועגן אונדזערע ספּאָרטסמענער. איך האָב געענטפערט אף פראגעס, וועלכע מע האָט מיר געשטעלט.

— אן אָנקלאָגע מעג מען? — האָט זיך פלוצעם אָנגערופן א גרײַז־גרויע פרוי מיט א פּאָר שווארצע, אמאָל גאָר שיינע אויגן. — אָט איז בא אונדז אף דער סלאָבאָדקע קיין איין לאמטערן ניטאָ. ווען ס׳קומט נאכט, איז כאָטש טאָפּ א וואנט. וואָלט איר זיך עפּשער ארײַנגעכאפּט

אין שטאָטקאָמווירט און דערמאָנט דאָרטן וועמען מע דאַרף...

— סאָרע אַבראַמאָוונע, — איז אַרײַנגעפאַלן אין איר רייד דער פאָרזיצער, — איך געדענק דאָך דיך, ווען דו ביסט געווען אַ פּרויען־דעלעגאַטקע. אַז דער שטאָטראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט עפענען אַ קינדערגאָרטן, האָסטו אָנגעשפאַרט אַזש אין כאַרקאָוו, זיך דערשלאָגן צום ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, צו פּאַוועל פּעטראָוויטש פּאָסטישעוון אַליין. און איצט, וועגן אַן עלעקטרע־לעמפּל, שיקסטו אַ סטודענט, וועלכער איז טאָג און נאַכט פאַרנומען מיטן לערנען.

ער האָט זיך געווענדט צו די צונויפגעזאַמלטע:

— איך מיין, אַז מירן בעטן סאָרע אַבראַמאָוונען, זי זאָל זיך מאַטריחעד זײַן און זיך דורכשפּאַצירן אין שטאָטקאָמווירט.

אַלע זײַנען מסכּים געווען, און, ווי ס׳איז געווען צו באַמערקן, סאָרע אַבראַמאָוונע אויך.

דער פאָרזיצער האָט מיר געדריקט די האַנט און אין נאָמען פון אַלע סלאָבאָדקער ווײַלער געדאַנקט פאַרן נוצלעכן שמועס, וועלכן איך האָב דורכגעפירט.

גייענדיק אַהיים, האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס האָבן זיי מיך געדאַנקט?

אינדערעמעסן דאַרף איך גאָר זיי דאַנקען, איך בין דאָך פון זיי פיל מער געוווירע געוואָרן וועגן דעם קאַנדידאַט, איידער זיי פון מיר.

בריוו

דער שנעלצוג האָט געיאָגט אויף מײַרעוו. מיר האָבן שוין צוויי מאָל איבערגערוקט די ווײַזערס אויפן זייגער, יעדעס מאָל אויף אַ גאַנצער שעה, און טרייסלען זיך אין וואַגאָן איז נאָך פאַרבליבן אַ היפּשע צײַט.

מיט מיר אין קופּע איז געפאָרן אַ פּאָלקאָווניק, אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, מיט זײַן פרוי און טאָכטער. איך האָב שוין געוווּסט, אַז באַלד נאָך דער מילכאָמע איז ער אָנגעקומען דינען אויף דער ווײַטמיזרעכדיקער גרענעץ, און איצט פאָרט ער אויף אַ נײַ אָרט, נית ווײַט פון קאַלינינגראַד.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זײַנען ביידע געווען אויף איין פראָנט — דעם ערשטן בײַבאַלטישן, ביידע זיך באַטייליקט אינעם שטורעם פון קעניגסבערג. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן איינער דעם אַנדערן און וועגן וואָס צו דערמאָנען זיך.

נאָר אָט זײַנען מיר שוין פאַרבײַגעפאָרן דעם בײַקאַל, און אַלע מילכאָמע־טעמעס זײַנען אויסגעשעפּט געוואָרן. אין קופּע איז געווען שטיל, די פרויען האָבן געדרעמלט אויף די אייבערשטע פּאָלקעס, דער פּאָלקאָווניק האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ גראָבן ראָמאַן, און איך האָב אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר, זיך צוגעזעצט צום וואַגאָן־טישל און גענומען שרײַבן אַ בריוו דער מאַמען.

אויף צו אָנשרײַבן דער מאַמען אַ בריוו איז דאָך קיינמאָל קיין צײַט ניטאָ, טאָג און נאַכט איז מען פאַרנומען, פאַרהאַוועט, מע שלאָפט אין שלייער. אָבער ווען דו פאָרסט אין אַ ווײַטקורסירנדיקן צוג, האָסט שוין אַלץ אַרומגערעדט מיט די שכיינים פון קופּע, איבערגעלייענט די צײַטונגען, וואָס דו האָסט געקויפט אויפן וואָקזאַל, דורכגעקוקט אַלע קאַריקאַטורן אינעם זשורנאַל „קראָקאָדיל“ און ס׳איז שוין מער ניטאָ וואָס צו טאָן, דערמאָנסטו זיך אין דער מאַמען.

דאָס בריוועלע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָט פאַרנומען איין־איינציק זײַטל, און אויך ניט קיין פולס.

— אַנטשולדיקט, ביטע, — האָט זיך געווענדט צו מיר דער פּאָלקאָווניק, — איך זע, איר שרײַבט, דאַכט זיך, אויף ייִדיש?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — דאָס שרײַב איך דער מאַמען.

— דער מאַמען? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— יאָ, דער מאַמען, — האָב איך באַשטעטיקט און זיך פאַרכידעשט, ווי קומט צו אים, אַ רוסישן מענטשן, וויסן, וויאַזוי מע שרײַבט אויף ייִדיש.

ווען איך האָב עס בײַ אים געפרעגט, האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— איר פאַרשטייט, דאָס האָט מיר דערמאָנט אַ גאַנצע געשיכטע... אַ געשיכטע, וואָס איך קען זי שוין אַזויפיל יאָרן ניט פאַרגעסן. עס איז אויך אַ געשיכטע מיט ייִדישע בריוו, נאָר יענע בריוו האָט געשריבן די מאַמע צו איר זון...

— וואָס זשע פאַר אַ געשיכטע? — האָב איך געפרעגט.

און דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— בײַ אונדז אין אויסשפּיר־ווזוואָד האָט געדינט אַ ייִדישער באָכער. באָרעך באַכמוטסקי. צי ווײַל ער איז געווען דער ייִנגסטער בײַ אונדז, צי ווײַל ער איז געווען אַ ספּראַוונער סאָלדאַט און אַן אויסגעצייכנטער אויסשפּירער, און עפּשער צוליב די אַלע זאַכן אינאיינעם, נאָר ער איז געווען דער ליבלינג בײַ אַלע אונדזערע סאָלדאַטן. אין אָנהייב טויזנט נײַן הונדערט פינף־און־פערציקסטן איז ער אומגעקומען. וועגן דעם האָט דער שטאַב מודיע געווען זײַן מאַמען, וועלכע איז געווען עוואַקויִרט קיין אַקטיובינסק. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז פון איר אָנגעקומען אַ בריוו. אַזעלכע פאַלן פלעגן זיך טרעפן ניט זעלטן, ווען בריוו זײַנען אָנגעקומען נאָכן טויט פונעם אַדרעסאַט. דאָ אָבער איז געווען אַ צושריפט: „צו מײַן אומגעקומענעם זון“. וואָס זשע שרײַבט זי אים? מיר האָבן געעפנט דעם קאָנווערט, נאָר איבערלייענען דעם

בריוו האָט קיינער פון אונדז ניט געקענט, ווײַל ער איז געווען אָנגעשריבן אַף ייִדיש.

דער פּאַלקאָווניק איז אַף אַ לענגערער ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, ווי ער זאָל וועלן זיך דערמאָנען אַלע איינצלהײַטן פון דעם, וואָס איז געשען מיט אַ סאַך יאָרן צוריק.

— איבערלייענען דעם בריוו, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — האָבן מיר ניט געקענט, נאָר ס׳איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, וואָס אַ מאַמע קאָן שרײַבן איר אומגעקומענעם זון... מיר האָבן איר גלײַך אוועקגעשיקט אַ גרויסן קאָלעקטיוון בריוו און באַקומען פון איר אַן ענטפער, שוין אַף רוסיש, נאָר אין קאָנווערט איז געלעגן נאָך אַ בריוו, געשריבן אַף ייִדיש, ווידער צו איר אומגעקומענעם זון; און זי האָט געבעטן אַז דעם בריוו אַרײַנלייגן צו אים אין ברודער־קייווער...

דער פּאָלקאָווניק איז אַף לאַנג אַנשוויגן געוואָרן.

— וואָס זשע איז ווײַטער געווען? — האָב איך געפרעגט.

— אויספּילן דער מוטערס באַקאָשע האָבן מיר ניט געקענט, — האָט געענטפערט דער פּאָלקאָווניק, — דער ברודער־קייווער איז געבליבן לעבן טילזיט, און מיר האָבן שוין צו יענער צײַט געשטורעמט קעניגסבערג. איך בין געווען באַרעכס „ווזוואָדנער“, זײַנען ביידע בריוו פאַרבליבן בא מיר, און איך היט זיי אָפּ ביז הײַנטיקן טאָג...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— מײַן דינסט־אָרט וועט איצט זײַן אין קאָלינינגראַדער געגנט, וועל איך קענען אויספּילן דער מאַמעס פאַרלאַנג.

איך האָב אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און זיך געזעצט שרײַבן אַ נײַעם בריוו צו מײַן מאַמען.

אונטערן דעמב

בא אונדז אין טאַראַסאָווקע, לעם סטאַוואָק, שטייט אַן אַלטער דעמב, אַ הויכער און אַ צעצווײַגטער. אַ סוואָרע, אַז ערגעץ דאָ איז אומגעקומען טאַראַס בולבע. מע דערציילט, אַז די זאַפּאָראָזשער קאַזאַקן האָבן לאַנג געקלערט, וויאַזוי צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון זייער אַטאַמאַן, און סאָפּקאָלסאָף זיך דערטראַכט: פאַרפלאַנצט אַ יונג דעמבל און אויסגעבויט אַ ייִשעוו, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן טאַראַסאָווקע. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר אונטערן דעמב, וועלכער שטייט לעם סטאַוואָק בא אונדז אין טאַראַסאָווקע, האָט זיך געשאַפן אַ מין פענסיאָנערן־קלוב. מיר, די עלטערע מענטשן פונעם שטעטל, קלײַבן זיך דאָ צונויף אַלע אָוונט, שפּילן אין דאַמינאָ אָדער אין דאַמקעס, און, דעריקער, מיר דערציילן איינער דעם אַנדערן די לעצטע נײַס.

זיצן מיר אַזוי אין אָוונט אונטערן דעמב און באַהאַנדלען די פרישע ייִדיעס: וואָס קיסינדזשער, לעמאַשל, האָט געזאָגט וועגן אַמעריקע, און וואָס אונדזער קילינע האָט געטײַנעט צו איר מאַן, בייס זי האָט אים געפּאַקט מיט פאַראַסקען אונטער די ווערבעס. אַז דאָס אַלץ איז שוין אַרומגערעדט געוואָרן און מ׳האָט נאָר געקאָנט הערן דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין סטאַוואָק, האָט זיך איינער אַן אַלטיטשקער אָנגערופן:

— דיאַדקי! און אונדזער יוכים האָט זיך יענע וואָך אײַנמיטן גאַס געקושט מיט צוויי מאַלאַדיצעס. אויב דאָס דערציילן זײַן טאָדאָסקען, וועט זי אים אַרײַנזאָגן נאָך בעסער, איידער קילינע איר מאַן.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער, נאָר יוכים האָט זיך ניט באַליידיקט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גוטמוטיק באַמערקט:

— וואָס הירזשעט איר, ווי די אָגערס? כ׳האָב דאָך יענע וואָך באַגעגנט באַם אויטאָבוס אונדזערע געוועזענע לערערן, דינע מאַיסייעוונען, מיט איר טאָכטער.

די ייִדיע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס. בא אונדז האָט מען געוווסט, אַז אין די מילכאָמע־יאָרן האָט יוכים געראַטעוועט די דאָזיקע פרוי מיט איר פּיצל קינד פון די היטלעראָווצעס, נאָר וויאַזוי עס איז פאָרגעקומען, האָט קיינער ניט געוווסט, ווײַל דער אַלטער האָט ניט ליב געהאַט צו רעדן וועגן דעם. איצט, בא דער געלעגנהײַט, האָבן מיר אים גענומען בעטן, ער זאָל דערציילן.

— אַפן דריטן צי אַפן פערטן טאָג נאָך דעם, ווי די פריצן זײַנען אַרײַן אין טאַראַסאָווקע, האָט זיך אין אָוונט אַרײַנגעשאַרט צו מיר אונדזער דאָקטערשע. — יוכים פאַרדרייט אַ ציגאַר, אַ ציגן־פּיסל, וואָס וואָלט געקאָנט סטײַען פאַר אונדזער גאַנצן פענסיאָנערן־קלוב. — זי, די דאָקטערשע, הייסט עס, רוימט מיר אײַן אַ סאָד, אַז בא איר אין שפּיטאָל געפינט זיך דינע מאַיסייעוונע מיט איר טאָכטערקע, וועלכע איז סאַקאָנעסדיק קראַנק געווען — אַ לונגען־אָנצינדונג — און מ׳האָט זיי ניט געקאָנט עוואַקויִרן. איצט, אויב די דײַטשן וועלן זיך דערוויסן, קענען זיי אומברענגען די לערערן מיטן קינד איניינעם. אָט פאַרוואָס די דאָקטערשע איז געקומען זיך אָן אייצע האַלטן מיט מיר. נו, האָב איך באַשטימט נעמען דינע מאַיסייעוונען מיטן קינד צו זיך. טאָדאָסקע איז אוועק צוזאַמען מיט דער דאָקטערשע, און איך האָב אַרופגעטראָגן אַפן בוידעם עטלעכע אָבערעמקעס שטרוי און אײַנגעמאָסטעט פאַר דער אומגליקלעכער מאַמע און פאַר איר אייפּעלע אַ באַהעלטעניש. דערנאָך האָב איך זיך באַגעגנט אין אורסטימאָווקע מיט מײַן מעכוטן און זיך צונויפגערעדט, אַז איך וועל ברענגען צו אים די פרוי און איר טאָכטערקע. די לערערקע קען גוט נייען, וועט זי דאָרט ווערן אַ מאָדיסטקע שטילערהייט. מיטאַמאָל אָבער טראָגט אַן דער רועך אַ דײַטשישן סאָלדאַט מיט אַ באַפעל, מיר זאָלן דרינגענד באַפרײַען דעם גרויסן צימער, אַהין

וועט זיך אַרײַנקלײַבן עפּעס אַ האופּטמאַן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פּאַסירונג האָט איבערגעפּלאָנטערט אַלע מײַנע קאָרטן. ניט נאָר אַרויספֿירן די לערערקע, נאָר אַרײַנקומען צו איר, כאָטש איין מאָל אין מעסלעס, איז שוין געוואָרן אַן אײַנשטעלעניש. האָט טאַדאַסקע מײַנע געפֿונען אַן אויסוועג. אַזױװי מע האָט אונדז אַרויסגעקערט פֿונעם גרויסן צימער, האָבן מיר אַרופֿגעטראָגן אונדזערע בעבעכעס אױפֿן בוידעם און זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט בײַ־שכיינעס מיט דער לערערן. אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמוטשעט צוויי כאָדאָשים.

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק פֿאַרצויגן מיטן ציגאַר, אַף לאַנג זיך פֿאַרהוסט, אויסגעשפּיגן און ערשט דאַן פֿאָרגעזעצט:

— שטיי איך אַזוי אײנמאָל אין הויף און האַק דעם כוואָראָסט, וואָס דער דענשטשיק האָט אַרײַנגעפּירט אַף הייצונג. פּלוצעם הער איך, ווי עמעצער רופֿט מיך פֿון יענער זײַט פּלויט. גיי איך צו. ס'איז דעם שאָכנס אײניקל. וואָס איז געשען? דער זיידע זײַנער בעט, כ'זאָל אַרײַן צו אים. האָב איך אַרײַנגעזעצט די האַק אין קלאָץ און בין אַוועק. באַם שאָכן איז געזעסן אַ יונגער באָכער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען אַ שאַליעך פֿון די פּאַרטיזאַנער, וועלכער איז געקומען מיט אַ פֿאַרגעבונג אַרויסגאַנווענען דעם האופּטמאַן. איך האָב דעם יאָט דערציילט, אַז אַ קײַלעכיקן מעסלעס שטייט אַן אוטאָמאַטשיק באַם טויער און אין פֿאָדערצימער געפֿינט זיך דער דענשטשיק מיט אַ גרויסער

אָוטשאַרקע. „דעם סאָלדאַט באַ דער קאַליטקע וועלן מיר אַראָפּנעמען, — האָט מיר דער באָכער געענטפֿערט. — מיטן דענשטשיק וועלן מיר זיך אויך ספּראַווען. אָבער דעם הונט, כאָווער לאָכנאָ, דאַרפֿט איר אָפּסאַמען".

דער אַלטער איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן. אַ קראַץ געטאָן דעם קאַרק, פֿאָרגעזעצט:

— האָב איך געמוזט נעמען די זינד אַף מײַן נעשאָמע און אָפּסאַמען דעם קעלעוו. דערפֿאַר האָט מיר דער פּאַרטיזאַנער צוגעזאָגט, אַז ווען מע וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן האופּטמאַן, וועט מען פּרווון איבערצײַען די לערערן און איר קינד קיין אוסטימאָווקע. און טאַקע, אַזוי איז עס געשען. פֿון דעמלט אָן האָבן מיר זיך מיט דינע מאַ׳סײיעוונען ניט געזען. יענע וואָך איז זי געפֿאָרן מיט דער טאָכטער קיין כמעלניצקי, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט באַ אונדז אַף עטלעכע שאָ.

— מיקיטע! יוכים! פּיליפּ! לייזער! פּעטראָ! מוישע! — האָבן אַף פֿאַרשיידענע אויפֿאַנים מיט קאָלערליי ניגונים אָנגעהויבן גראַגערן אונדזערע פֿלויגעסטעס, אומקערנדיק זיך פֿון זייער קלוב לעם דער מיל.

— עס הייבט זיך אָן די פֿערעקליטשקע, — האָט מיט אַ זיפֿץ געזאָגט יוכים. — אַז מע רופֿט, דאַרף מען גיין...

ער האָט זיך שווער אופֿגעהויבן, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפֿן שטעקן.

מיר זײַנען אויך אופֿגעשטאַנען.

אלעקסאנדער זשאליצקא
ריגע

צום העלדנטאט דארף מען זיך גרייטן

דאָס פֿײַער בושעוועט, לעקט מיט פֿלאַטערנדיקע צונגען דעם דאַך, די סטריכעס, די דיקע ברעווענעס פֿון די ווענט. אינמיטן העלן טאָג ברענט אַן אַלטע הילצערנע שטוב — די צײַט־ווײַליקע געבײַדע פֿונעם קינדערגאָרטן. מע דאַרף וואָס גיכער אַרויסכאַפּן פֿונעם פֿלאַם, אויסלייזן די אײפּעלעך, וואָס געפֿינען זיך אינווייניק אין דער שטוב! דאָס לעבן פֿון די קינדערלעך הענגט אַף אַ האָר! ראַטעווען זיי קאָן, דוכט זיך, בלויז אַ נעס. נאָר וואַרטן אַף ניסים — ניין! מע מוז אַליין, מיט די אייגענע הענט אופֿטאָן קימאַט דאָס אומעגלעכע — אַרויסשלעפּן די פֿאַרווייטלטע פֿון דער גרויסער צאָרע. קעגן דער צעיושעטער סטיכיע פֿאַרייניקן זיך מעסירעסנעפּעשדיקײַט, הויכע מאָראַלישע

אייגנשאַפֿטן פֿון די מענטשן — מוט, ווילן, מײַסטערשאַפֿט, שרעקלאָזיקײַט. און ווו נעמט זיך דאָס אַלץ באַ די פֿײַערלעשער?!

אָט האָבן שוין זייערע רויטע מאַשינעס פֿאַרנומען אַ שלאַכט־אָרדענונג. דער גערանגל האָט זיך אָנגעהויבן...

מיט פֿופֿצן מינוט צוריק, אינעם גערעמען ריגער הויף, פֿונוואַנען די מאַשינעס זײַנען נאָר־וואָס אָנגעקומען, האָב איך פֿאַרענדיקט דעם שמועס מיט אַ באַקאַנטן זשורנאַליסט, דעם מעכאַבער פֿון אַרטיקלען וועגן מאָראַלישער און רעכטלעכער דערציִונג געאָרגי גאָרדין. מיר האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגע: וואָס איז כוויוו? ביידע זײַנען מיר געווען אײַנשטימיק אין דעם, אַז דאָס גאַנצע לעבן דאַרף דער סאָוועטישער

מענטש געטרײַ אָפּהיטן די מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער געזעלשאַפט. די טעטיקייט פונעם סאָוועטישן מענטשן דאַרף שטענדיק זײַן דורכגעדרונגען מיט דערעכערעץ צו די רעכטלעכע יעסוידעס פונעם קלאַל. אָט וואָס עס באַטײַט כּויוו. פונדאַנען שטאַמט דער העלדנטאַט. צום העלדנטאַט מוז מען זיך גרייטן טאָגטעגלעך — שלײַפן די מאָראַלישע און ווילן־אייגנשאַפטן, ווײַל אין יעדן אויגנבליק קאָנען די אומשטענדן אַ פּאָדער טאָן פון דעם מענטשן, ער זאָל באַגיין אַ העלדנטאַט, אַנדערש געזאָגט — ער זאָל ערלעך אויספילן זײַן כּויוו. סײַ אין „גיבוירישע", סײַ אין „געוויינלעכע" פאַכן איז מעגלעך אַ העלדנטאַט. אָט לעבט אַ יונגער מענטש, אַרבעט, פילט אויס זײַנע פליכטן, זײַנע קאָמיוגישע היסכײַוועסן, ער איז אַ פּאָטער יאַט, נאָר ס'קומט אַ ווײַלע, און ער גיט אָפּ זײַן לעבן, ברענגט עס פאַר אַ קאָרבן, קעדיי אָפּפירן די געפאַר פון אַנדערע מענטשן. ער איז מעקײַעם געווען דעם כּויוו. זײַן העלדנטאַט האָט ער געפורעמט דאָס גאַנצע לעבן.

דער שעף פונעם קאַראַול — עלטערער לייטענאַנט אַווראָם קאַפּלאַן גלייבט זײַנע כאַווײרים, ער איז זיכער, אַז אויב עס וועט אויסקומען, וועלן די פײַערלעשער אַפילע מאַקריוו זײַן דאָס אייגענע לעבן אָף צו ראַטעווען אַנדערע מענטשן. אָפּט בייס די געשפּרעכן מיט די כעוורע, ווען ער, אַווראָם קאַפּלאַן, פלעגט דערציילן וועגן דעם גענעראַל קאַרבישעוו, וועגן אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון און יויסעף בומאַגינען, בעשאַס די שמועסן וועגן פאַרשיידענע קינאָפילמען, וועגן ביכער, וועלכע ער האָט רעקאָמענדירט איבערלייענען, אָפּט האָט ער, אַווראָם קאַפּלאַן, געזען, ווי די העראָישע בײַשפּילן פון די אומשטערבלעכע העלדן באַגײַסטערן זײַנע מיטאַרבעטער. איצט איז געקומען די רעגע צו פאַרוואַנדלען דיבורים אין טאַטן.

דאָס לעבן! דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן טײַערער? וועסט עס נאָכאַמאָל ניט איבערכאַזערן, קעדיי פאַריכטן די פעלערן, וועלכע דו האָסט דערלאָזט. פאַרלירסטו דאָס לעבן, איז אויס, קיין צווייט מאָל לעבט מען ניט. נאָר אויב עס דראָעט אַ געפאַר ניט דיר — עמעצן אַנדערש, און דו קאָנסט מיט דײַן לעבן ראַטעווען אַ פרעמדס — טו עס אָן שרעק, ווײַל דו ביסט אַ מענטש, ווײַל ס'איז, ווײַזט אויס, פאַראַן אָף דער וועלט עפּעס אַזעלכס, וואָס איז טײַערער פונעם אייגענעם לעבן...

עס הילכן די ווערטער פונעם באַפעל, קורצע, ווי אַ שאָס. אַווראָם קאַפּלאַן און זײַנע כאַווײרים, אָנגעלאָדענע מיט שווערן פײַערלעשער־קלייזײַען, גיבן זיך אַ וואָרף אַהין, וווּ עס ווילדעוועט די סרייפע. פלאַמיקע פונקען שטעכן די אויגן, אין די לונגען — הייסער שטיקנדיקער רויך. צו די פיס פאַלט אַ ברענענדיקער באַלקן. אַ שפּליטער פון גלאָז שנײַדט זיך אײַן אין קאַפּלאַנס האַנט. בלוט טוט אַ שפּריץ. עס הערן זיך קאַפּלאַנס פאַראָרדענונגען, אַלעמאָל נײַע, ווײַל עס בײַט זיך ראַשיק די לאַגע. קוידעמקאָל — פעסטשטעלן, ווו עס געפינט זיך דאָס קליינוואַרג, און טײַקעף עס אַרויסטראָגן. קינדער זײַנען ניט קיין דערוואַקסענע. דערפילנדיק אַ געפאַר, פאַרבאַהאַלטן זיי זיך אין אומבאַגרײַפלעכע ווינקלען, זיי ענטפערן ניט, ווען מע רופט זיי. יעדער פײַערלעשער פאַרשטייט זײַן אויפגאַבע, זײַן מאַנעוור. קאַפּלאַנס אָנווײַזונגען פילט מען אויס פּינקטלעך. מע אַרבעט אָנגעשטרענגט. ס'איז אַ פײַנלעכע טירכע, אַ געפערלעכע, זי פאָדערט זעלבסטבאַהערשונג און אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקײַט דעם מענטשן, די קלייניקע קינדער, וועלכע וואַרטן און האָפן אָף הילף.

אַנומלטן, בעשאַס איינער פון די טרענירונגען אין דער רויכגאַז־קאַמער, האָט דער פײַערלעשער רודזיטיס מאַרטינש געזאָגט קאַפּלאַנען: „ס'איז שטאַרק שווער. צי דאַרף מען עס אַלץ? אין אַ קאַמף־סיטואַציע, אין אַלע פאַלן, אַפילע אין אויסזיכטלאָזע, וועלן מיר דאָך סײַווי טאָן דאָס, וואָס מע דאַרף. כ'האָב געהערט, אַז עס עקזיסטירט „דער צווייטער אָטעם". ער איז פאַראַן, אָדער ניט?" קאַפּלאַן האָט ערנסט אַ קוק געטאָן אָף זײַן יונגן פרײַנט, זיך אָפּגערופן מיט אַ פראַגע: „זאָג מיר, כ'בעט דיך, ס'איז מעגלעך, אַז אַ ספּאָרטלער זאָל אַריבערשפּרינגען אַ לײַסטל, וואָס הענגט צוויי מעטער אין דער הייך, אויב ער קלאַפּט עס אַראָפּ אַפילע אָף דער הייך פון אָנדערהאַלבן מעטער? „דער צווייטער אָטעם" — דאָס איז בלויז אַ מעגלעכער רעזערוו, ניט מער. וואָס וועסטו טאָן, אויב ער וועט זיך ניט אַנטפּלעקן? מיר טאָרן זיך ניט באַזירן אָף ניט גאַראַנטירטע, ניט באַוואָרנטע יעסוידעס. מיר היטן דאָך אָפּ דעם מענטשן און דאָס, וואָס רינגלט אים אַרום, פון פײַער".

אַצינד טוט רודזיטיס מיט דאַנקבאַרקײַט אַ קלער וועגן זײַן קאָמאַנדיר, וועלכער האָט בייס דער לער ניט געשאַנעוועט ניט זיך, ניט קיינעם. ער, רודזיטיס מאַרטינש, טראַכט איצט וועגן איינס: ווי אַזוי אויסלייזן די קינדער פון דער צאָרע.

און אָט האָט מען דאָס ערשטע אייפעלע אָפּגעזוכט, דאָס צווייטע און דאָס דריטע... גיכער אַרויס פון דער געפערלעכער זאָנע! אָף דער פרישער לופט די קלייניטשקע!

דערנאָך וועט קאַפּלאַן פאַרפאַסן אַ ליד, ס'וועלן זײַן דאָרט אַזעלכע שורעס:

עס איז באַזיגט אין שלאַכט דער פלאַם,
נאָר ס'ברענט אין ברוסט אַן אַנדער פײַער,
מיט אים אַ האַלבע וועלט אַ נײַע
כ'בין דורכגעגאַנגען מינאַסטאַם.

עס לויפן צום אַרויסגאַנג די פײַערלעשער. פאַרפרעסטע ציין — ביז ווייטעק אין די קינבאַקן. פילפאַרביקע קרײַזן שווינדלען פאַר די

אויגן. ס׳דוכט זיך, אז די פאַרייכערטע קאַסקעס ווערן יעדע רעגע שווערער און שווערער, און זיי וועלן סאַפּקאַלסאָף צעקוועטשן די קעפּ. עטעמען איז ניטאָ מיט וואָס, מע פאַלט פון די פיס. אָבער אונטערגעבן זיך טאָר מען ניט, בעשום־אויפן טאָר מען ניט. פאַרגעס אין אַלץ, געדענק בלויז, אַז אָף דײַנע הענט, צוגעדריקט צו דײַן ברוסט, טראַגסטו א קינד, און ראַטעווען עס מוזסטו.

איינמאָל, שמועסנדיק מיט זײַנע כאַווירים, האָט קאַפּלאַן געזאָגט: „א סרייפע — דאָס איז א פאַרביסענער סוינע. אין די שלאַכטן מיט סרייפעס איז צומאָל אָנמעכטיק אַפילע די העכסטע אָנשטרענגונג. זי שטויסט זיך אָפּט אָן אָף אַן אומבאַמערקבאַרער וואַנט — באַגרענעצטע מענטשלעכע מעגלעכקײַטן. דער מענטש קאָן ניט פּאַשעט מער, און שוין, כאַטש קריך ארויס פון דער הויט. מיר, פײַערלעשער, מוזן אָבער באַהערשן אָט די קונסט — איבערשטײַגן די מענטשלעכע מעגלעכקײַטן. און זאָל אונדז דער באַוווסטזיין העלפן, זאָל אונדז העלפן אונדזער כויוו"...

אָט האָט מען אָפּגעזוכט דאָס לעצטע קינד. אליין דער קאָמאַנדיר טראָגט עס. נאָר וואָס איז געשען? דער עלטערער לייטענאַנט טוט זיך א וואַקל, פאַלט אָף די קני. צופיל בלוט האָט ער, ווײַזט אויס, פאַרלאָרן. דאָס אייפּעלע גליטשט זיך אַראָפּ אָפּן דיל. אָבער דער סערזשאַנט רודזיטיס איז דערנעבן — דאָס קינד איז שוין בא אים אָף די הענט. אַפּגיך צום ארויסגאַנג!

ווען אווראָם קאַפּלאַן האָט זיך נאָך געלערנט אין צענטן קלאַס פון דער שול פאַר אַרבעטער־יוגנט, האָט אים זײַן לערערן פון ליטעראַטור פאַרגעבן אָנצושרײַבן אַן אַרבעט אָף דער טעמע „וויאַזוי איך גרייט זיך צום העלדנטאַט".

אָט וואָס קאַפּלאַן האָט געשריבן:

„די פראַנצויזן זאָגן: „יעדער סאָלדאַט טראָגט בא זיך אין רענצל דעם מאַרשאַל־זשעזל". מיר אָבער, די פײַערלעשער, האַלטן ניט בייס די סרייפעס אין די קעשענעס פון די ברעזענטענע רעקלעך אַפילע דעם צייכן פון יעפרייטאָרס. ערלעך אויספילן די פליכטן — אזא איז אונדזער אַרבעט. מיר מיִען זיך, אַלס קלאַל, אין שווערע און געפערלעכע באַדינגונגען. יעדע רעגע פאָדערט פון דיר מוט, ווילן, העכסטע מאָראַלישע אָנשטרענגונגען. צו דעם מוז מען זײַן גרייט. אזעלכע זײַנען די אומשטענדן. איך בין א פּראָסטער מענטש, און אַלדאָס מענטשלעכע איז מיר ניט פרעמד. כ׳וויל מאָרגן לעבן בעסער, איידער הײַנט, געשמאַק עסן, פּײַן זיך אָנטאָן, באַזוכן טעאַטער, קינאָ, האָבן א גוטע מישפּאָכע, און דאָסגלײַכן. נאָר ווען איך טו א קלער, אַז אָט אָ־די אַלע טשייגערישע גלוסטן קאָנען זיך פאַרפונדעווען אין מיר, זיך צעוואַקסן, ווערן שטאַרקער פון דעם סאַמע וויכטיקסטן — פון לעבן צוליב אַנדערע מענטשן, ווען איך טו א קלער אזוי, כאַפּ איך א ציטער, וואָרעם איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז לעבן מיט נוץ פאַר דעם קלאַל. צי דען זײַנען פאַראַן אזעלכע לײַט, וועלכע שטעלן זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן העכער פון די געזעלשאַפטלעכע? בא אונדז אין קאָלעקטיוו, אַלנפאַלס, טאָרן ניט זײַן אזעלכע. ס׳איז אָבער מעגלעך אָן אַנדער זאַך — מענטשלעכע שוואַכקײַט. בא עמעצן קאָן פּאַשעט ניט קלעקן קיין מוט מיטאַמאָל צו גיין אָף זעלבסטאָפּפערונג. אזוי פּאַסירט, ווען דער ווילן איז א שלאַבעריקער. איך טו אַלץ, ביכדיי אויסמײַדן אזעלכס. איך פאַרהאַרטעווע זיך, ווײַל האָבן איבערצײַגונגען — דאָס איז נאָך ווייניקלעך, מע מוז האָבן קויעך זיי צו רעאַליזירן. דאָס האָב איך ווידעראַמאָל דערפילט נעכטן, נאָך דער סרייפע, נאָך מײַן ערשטער סרייפע. כ׳בין געווען שרעקלעך מיד, די הענט האָבן געפיבערט, נאָר אַפילע זיך פאַרגינען א קורצן אָפּרו האָב איך ניט געקאָנט..."

גראַטעוועט די קינדערלעך, קאָן מען זיך שוין נעמען צום פּײַער: צוימען, לעשן, שטיקן. עס שאַריִעט. די סרייפע איז ליקווידירט.

וועגן זיך און אזעלכע, ווי ער, האָט אווראָם קאַפּלאַן פאַרפאַסט א ליד:

ווען דער סיגנאַל מיך רופט אין ריי
פון פײַערלעשער זיך צו שטעלן,
באַנאַכט צי אין דעם טאָג דעם העלן
געוואָגט, ווי א סאָלדאַט, איך גיי.
אין שלאַכטן, וואָס מיט פלאַם מע פירט,
איך אײַל זיך פעסט מײַן אָרט פאַרנעמען.
די שטאָט מיט מיר וועט זיך ניט שעמען —
איר גוטס וועט בלײַבן אומבארירט.

דער עלטערער לייטענאַנט קאַפּלאַן, די סערזשאַנטן מאַרטין רודזיטיס, עדווין פּעלסיס, אילמאַר וויציס, לידוויג גרינוס, די פײַערלעשער עדוואַרד באַרסוקאָוו און וולאַדיסלאַוו גיזשיבאָווסקי — אַלע זײַנען זיי אין ריגע כאַשעווע מענטשן. זייער ערלעכקײַט און זייער איבערגעגעבנקײַט דעם לאַנד זײַנען אַלעמען באַוווסט.



שלוימע קאַזשעווניקאָוו
לענינגראַד

דער וועג קיין האָראָדאָק

אין טאַקסי־אווטאָמאָביל אַפּן וויטעבסקער וואָקזאַל־פּלאַץ זעץ איך זיך אַרײַן דער פּערטער — די מאַשין טוט זיך אַ ריס פֿונעם אָרט, אירע פֿאָרנטיקע פֿאַרעס שנײַדן זיך אײַן אין דער פֿינצטערניש, און סע ווערט קלאָר, אַז עס שיט אַ שניי, מיר דוכט זיך — אַ געדיכטער, הייסט עס, דער פֿראָסט איז געוואָרן אַ ביסל מילדער.

מײַנע שכײנים זײַנען מיר אומבאַקאַנט, און זיי זײַנען שווײַגערס. איז דאָס אפֿילו בעסער — זיי וועלן מיר ניט שטערן זיך צו פֿאַרטיפֿן אין די מאַכשאָוועס.

איך פֿאָר אַהיים, אין מײַן אַמאָליקער היים. איצטער וווין איך ווײַטלעך פֿון איר, אין לענינגראַד. מײַן היים האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ קליין ווײַסרוסיש טײַכל, אַן ערעך דרײַסיק קילאָמעטער פֿון וויטעבסק.

מײַן היימשטעטל הייסט האָראָדאָק.

לענגויס דעם וועג, אויף וועלכן כ'האָב, אַ קליינינקער, ניט איין מאָל געשפּאַנט באַנאַנד מיטן טאַטן, האַלטנדיק מײַן האַנט אין זײַן וואַרעמער ברייטער דלאָניע, ליגט אומעטום אַ שניי, אַלץ איז אײַנגעהילט אין שניי, און אויך מײַן געבוירט־שטעטל, ווײַזט אויס. אָבער אין זיקאָרן זע איך עס בלויז אין גרינס, אין פֿרישן בונטן גרינס, ווײַל פֿון זינט איך קען עס, איז עס קעסיידער געווען אײַנגעטונקען אין גערטנער, סעדער, סקווערן. אויף יעדער גאַס און זאַווולעק —ביימער, אָן אַ שיער ביימער. אַרומגערינגלטע מיט ווײַנשלביימער, זײַנען געשטאַנען אין שטעטל ביידע קלויסטערס, וועלכע האָבן מיט זייער גלאָקן־קלונג ניט געלאָזט מײַנע קריסטלעכע לאַנדסלײַט זינדיקן. דער קאַטוילישער קאָסטיאָל איז אויך געווען פֿאַרזונקען אין בערעזעס. אפֿילו די פֿינף ייִדישע קלויזן פֿלעגן זיך פֿאַרכלינען מיט גרינעם שוים, און דער בעסמעדרעש, וווּ ס'האָט געדאַוונט מײַן טאַטע, איז מער פֿון אַלע געווען אײַנגעטוקט אין פֿראַכטפֿולע באַרנביימער, ביז איבערן דאַך. בלויז די טפּיסע האָט מען ניט באַפּוצט מיט געוויקסן, איבערגעלאָזט זי הויל־קאַטויל.

אַ טפּיסע איז פֿאָרט אַ טפּיסע... מיט גרינס האָבן שעמערירט די הויפֿן פֿון רײַכע טוישווים אינמיטן שטעטל, די אָרעמע האָרעפּאַשניקעס און די ראַנד־געסלעך פֿלעגן אויך אַרום זייערע הײַזלעך פֿאַרזעצן קאָלערליי פֿלאַנצונגען. אַזוי — פֿאַרצײַטנס, אַזוי אויך אין די לעצטע יאָרן. די שולן, דער טעכניקום, די נײַע אונטערנעמונגען — אַלץ איז פֿאַרפֿלייצט מיט גרינס.

ווינטער־צײַט טרוימט זיך באַזונדערס געשמאַק וועגן גרינע ראַכוועסן...

מײַן טאַקסי דערנעענטערט זיך צום ייִשעוו דאָלזשאַ, און איך דערמאָן זיך, אַז בא מיר אין האָראָדאָק איז געווען אַ כאַווער דאָלזשאַנסקי, וואָס שטאַמט פֿון אַ צעצווײַגטער פֿאַמיליע אַלטע טוישווים, „אַבאָריגענען", גוטע באַלמעלאָכעס, עכטע פֿאַכלײַט. מײַן כאַווער פֿלעגט זיך באַרימען, אַז זײַנע עלטערן ציִען זייער פֿאַדעם פֿון די דאָלזשאַנער פּריצים.

ס'איז גאַנץ מעגלעך.

ווי־אַזוי אונדזערע אָוועס האָבן זיך באַזעצט אין האָראָדאָק, ווייס איך ניט אויף געוויס. עפּשער ווי די דאָלזשאַנסקיס. ניט פֿון קיין פֿרעמדע קאַנטן געקומען. צוערשט געלעבט דערנעבן בא אָרטיקע גוטבאַזיצערס, געווען שמידן, שנײַדערס, טעסלערס אין דאָלזשאַ, וויכאַן,ווישעדע, דאָלגאָפּאָליע, פּאָטאַשניע. אַ סימען — זייערע פֿאַמיליע־נעמען: דאָלזשאַנסקי, וויכאַנסקי, ווישעדסקי, דאָלגאָפּאָלסקי, פּאָטאַשינסקי. איינס ווייס איך אָבער זייער גוט: אונדזער ייִדישער שטאַם האָט געהאַט אַ שײַכעס צו אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטאָט, סײַ פֿאַרצײַטנס, סײַ אין די סאָוועטישע יאָרן. עס איז ניט געווען קיין איין באַלמעלאָכישער צעך אָן ייִדן, אויך די פֿאַרייניקונגען פֿון קליינהענדלער זײַנען זיך אָן זיי ניט באַגאַנגען, זיי פֿלעגן בויען הײַזער און באַקן ברויט, נייען שיך און קאָכן וווּרשט, זיי זײַנען געווען מיטגלידער פֿון דער „בלויער בלוזע" — פֿון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, זיי זײַנען געווען גאַנצע מאַכערס אינעם ברויזנדיקן אַרבעטער־קלוב און אויף ספּאָרט־פּלעצער — אומעטום זײַנען זיי גע־

אף די פאָטאָס פון רעכטס אף לינקס (פון אויבן אראָפּ): זאָוול, וווּליע, לייב, יאַנקעוו, שלוימע, איציק, זיאָמע, מוישע קאַזשעווניקאָוו און זייַן שוועסטערקינד מיכאַיל פּערעץ

וועןטעטיק, צוזאַמען מיט זייערע ניט־ייִדישע כאַווייַרים.

די האָראָדאָקער ייִדן זייַנען פון שטענדיק געקניפּט און געבונדן מיט זייערע ווייַסרוסישע און רוסישע לאַנדסלייַט. אין אונדזער מישפּאָכע, לעמאָשל, פלעגט די פרייַנטשאַפט מיט די היגע שכיינים זייַן א טראַדיציאָנעלע. מייַן פעטער סימכע־שייַעס בעסטן פרייַנט האָט מען גערופן קאָסטיע יעפרעמאָוו, דער צווייטער פעטער, יעהודע, איז געווען א גוטערברודער מיט פיליפּ ריבאַקאָוו, מייַן טאַטע האָט זיך געכאַווערט מיט ניקאָלע קרופּסקין, ניקאָלייַ ספּירידאָנאָוו, פיאָדאָר קאַפּאָוון. מיר, קליינוואַרג, האָבן ביכלאַל ניט געוווּסט פון קיין שפּראַך־גרענעצן. ניושע און וואַניע יעפרעמאָוו, אַנדריי בעלאָוסאָוו, שורקע יעוודאָקימאָוו האָבן גערעדט ייִדיש ניט ערגער, ווי מיר האָבן גערעדט ווייַסרוסיש און רוסיש. געלעבט האָבן מיר ווי איין גרויסע מישפּאָכע — ענערגישע, פריילעכע, אָרעמע; איינעם געוואַקסן, זיך געלערנט, געאַרבעט, אינייַנעם אוועק אף דער מילכאָמע. טאַקע מיט אָט דעם וועג, וועלכער פירט מיך איצט אין מייַן היימשטעטל. מיט אָט דעם וועג פלעג פון האָראָדאָק קיין וויטעבסק שפּאַנען קליין און גרויס, אָדער אף וועלאָסיפּעדן פאָרן, צי אף ליזשעס גיין. מיט אָט דעם וועג זייַנען די יאַטן אונדזערע געפאָרן קיין דאָנבאַס, אף דער מאַגניטקע, קיין בירָאָבידזשאַן, מיט אָט דעם וועג זייַנען האָראָדאָקער כאַווערע געגאַנגען באַפרייַען מייַרעוו־ווייַסרוסלאַנד, געגאַנגען אף דער פינלענדישער מילכאָמע, מיט אָט דעם וועג פלעגן קומען צו פאָרן אף קאַניקולן סטודענטן פון לענינגראַד, כאַרקאָוו, מאָסקווע. מיט אָט דעם וועג האָבן פון אונדזערע מייַרעוו־געביטן צו האָראָדאָק אין די ערשטע מילכאָמע־טעג זיך געצויגן בעזשענצעס — אַך, סאַראַ שרעקלעכע יעדיעס האָבן זיי מיט זיך געבראַכט! דעם דאָזיקן וועג האָבן באַהיט אין יענער צייַט יונגע זעלנער פונעם פּאַרניכטונגס־אָטריאַד, געוועזענע האָראָדאָקער שילער...

פיל מאָבּיליזירטע זייַנען פון אונדזער שטעטל אף דער מילכאָמע מיט אָט דעם וועג אוועק. קימאַט יעדע מישפּאָכע האָט געגעבן צושטייַער אירן א סאָלדאַט. א סאַך זייַנען פון האָראָדאָק אוועק, גאָר ווייניק האָבן זיך אומגעקערט. אפילע אָט אַזוי, ווי איך, צוגאַסט. מערסטנס האָראָדאָקער זייַנען אף אייביק געבליבן אף די שלאַכטפעלדער. אין דער אַרטילעריע האָבן זיך געשלאָגן זשאָרע יעוודאָקימאָוו און מאָסיע דאַכיאַ, עס זייַנען געווען טאַנקיסטן שוריק ריזשקאָוו, ליאָווע ראַטנער, איסאַק פּאָטאַשינסקי, לייב בוכבינדער און וואָלאָדיע זאַזיוליע. אפן באַלטישן יאַם האָבן מאַטראָסעוועט די דרייַ ברידער בעלאָכוואָסט. כאַזאַנסקי, שייַקעוויטש, ווישעדסקי, אָוווערסקי זייַנען געווען סאָלדאַטן אין דער פּעכאָטע...

איך זיץ אין טאַקסי, און מיר דוכט זיך, אז ניט קיין אומבאַקאַנטע שווייַגערס פאָרן מיט מיר, נאָר מייַנע אַלטע פרייַנט, עפּשער בערטאַנסאָן, מאַלקין, קאָרט, מערגאַלד, ראָווּבע, אָדער — ניין, ניט זיי, עס טוליען זיך צו מיר, דרעמלענדיק, אַנדערע יאַטן, קאָן זייַן — די פאַרשייַטע קונדייסים, די ברידער אוואָרם און בערל מאַסאַרסקי, וועלכע האָבן פאַרדינט א צונעמעניש „גענעראַלטשיקעס", מאַכמעס דעם, וואָס זיי זייַנען שטענדיק געווען גרייט זיך שלאָגן. אָדער עפּשער גאָר אַקימאָוו און בעלי

האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אומבאַמערקט צו מיר
אין טאַקסי...

איך טו זיך א קער אום און כאַפּ א קוק
אַף צוריק. אַפּן וועג, וווּ עס איז נאַרוואַס דורכ־
געפאָרן אונדזער אויטאָמאָביל, שפּאַנט א וווּוואָד
סאָלדאַטן. און כ'וויס שוין ניט אַליין, צי עס
איז אינדערעמעסן אַזוי, צי עס דוכט זיך מיר
אויס, צי א כאָלעם איז עס, א טרוים. אין דער
ערשטער ריי גייט מוישע קאַזשעווניקאָוו, מײַן
טאַטע, דער עלטסטער, און לעבן אים שפּאַנט
דער זון — זיאמע. זיאמע איז דאָך אַף דעם
טאַטנס הענט אויסגעגאַנגען הינטער לענינגראַד
פון א שווערער וווּנד! נו איז וואָס? סײַווי
שפּאַנט ער. מיט זיי אינייינעם גייען זאווול קאַ־
זשעווניקאָוו מיט זײַן זון וווליע. לייב קאַזשעוו־
ניקאָוו מיט זײַנע ברידער יאַנקעוו־יעהודע און
שלוימע שטייען ניט אָפּ פון די פאָדערשטע.
אין דער דריטער ריי זע איך איציק קאַזשעוו־
ניקאָוון, עפּעס שרײַט ער צו מוישע־דער־מומע־
יענטלס, אָדער, ווי מע רופט אים איצט — צו
מיכאַיל איסאַקאָוויטש פערעצן, וועלכער איז
דערגאַנגען ביזן סאָף פון דער מילכאָמע, דער
איין־און־איינציקער פונעם גאַנצן וווּוואָד...

עס הייבט אָן שאַרױען. איך קוק אופמערק־
זאַם אין פענצטערל פון דער מאַשין. ניין, עס
האָט זיך מיר אויסגעדוכט. קיינער פון די קאַ־
זשעווניקאָווס שפּאַנט ניט אַף דעם וועג, וואָס
פירט קיין האַראַדאָק. די קאַזשעווניקאָווס, מײַ־
נע קרויווים, זײַנען געבליבן אַף דער מילכאָמע.
זיי האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן, אַז אונדזער
ערד זאָל זײַן פרײַ, אונדזער האַראַדאָק זאָל
בלײַען און לעבן אייביק.

גוטמאָרגן, מײַן היימשטעטלע, מײַן האַראַ־
דאָק!

גוטמאָרגן, אַלטע פרײַנט — מײַנע ליפּעס!
איר שטייט פאַרקישעפּטע לענגויס מײַן גאַס,
נאַקעטע, נאָר איך וויס: פרילינג וועלן ווידער
זיך אויספּיקן גרינע בלעטער. איר וועט לעבן!

מענטשן-זייער צײַט און זייער גורל

גריגאָרי קיזעל
באקו

די וועגן פון לייע דובעליר

ווען עס ווערט דערמאָנט דאָס וואָרט „געאָ־
לאָג", מאָלט טייקעף אָן דער קויעך־האַדימיען
א ראָמאַנטיש בילד: טראַדיציאָנעלע פּאַלאַט־
קעס, מאַרשן מיט פולע רוקזעק אַף די פּלײַ־
צעס, פאַרשיידענע פּאַסירונגען און, פאַרשטייט
זיך, לוסטיקע מאַנצבלען, באַוואַקסענע מיט
בערד און באַשײַנטע מיט אָפּטימיזם — יעדע־
רער פון זיי איז א מעכוטן מיט דער זון און
מיט דעם ווינט. עפּשער איז עס טאַקע אַזוי,
אָבער מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די פּראָפעסיע
פון א געאָלאָג איז א שווערע, וואָכעדיקע
אַרבעט אָן באַקוועמלעכקײַטן, צו וועלכע מיר,
שטאָטישע טוישווים, זײַנען צוגעווינט און אָן
וועלכע מיר קאָנען צומאָל זיך ניט פאָרשטעלן
דאָס לעבן ביכלאַל. ס'איז אָן אָנגעשטרענגטע
אַרבעט פון מענטשן מיט שטאַרקע מוסקולן,
פון פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער, באַוואָפנטע
מיט פיל קענטענישן, מיט א קאָמפּלעקס פון
הײַנטצײַטיקע וויסנשאַפטן, און ניט בלויז מיט
לאָקאָלן, ספּעציִעלן וויסן, ווײַל אין די פעלד־
באַדינגונגען דאַרף מען קאָנען אַלץ טאָן.

די פּראָפעסיע פון א געאָלאָג טויג פאַר
דרייסטע און אַנטשיידענע. די אויסשפּירער פון
טיף פאַרבאָרגענע ערד־רײַכטימער האָרעווען
מערסטנטייל ניט צוליבן טאָג דעם הײַנטיקן.
זייערע מאַרשרוטן פירן אין דעם מאָרגן און
אין דעם איבערמאָרגן — אַף צענדליקער יאָרן
פאָרויס. געבענטשט איז יענער קאַנט, אין
וועלכן די געאָלאָגן האָבן אָנגעטאָפּט אין דער
ערד א פאַרבאָרגענעם אוצער. ווען עס גע־
לינגט אָפּזוכן נאַפט, צי גאַז, צי דימענטן, צי
נוצלעכע מינעראַלן, ווערט דער קאַנט, וווּ דאָס
איז געשען, אָן אָרט פון נײַע בויונגען, באַלעב־
טע קאָמוניקאַציעס. אָט וואָס עס באַטײַט די דאָ־
זיקע ראָמאַנטיק. עכטע ראָמאַנטיק — דאָס איז
דערהויבענע אַרבעט.

וואָס שײַעך די באַבערדלטע אָפּטימיסטן,
וועלכע לאָזן ניט צורו דעם קויעך־האַדימיען,
איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז דער אַזויגערופענער
„שוואַכער מין", די פרויען, פאַרנעמען זייער
אָרט אויך אין געאָלאָגיע, ווי אומעטום אין
אונדזער צײַט. די סטאַטיסטיק האָט פעסטגע־
שטעלט, אַז פרויען באַזיצן אָן ערעך 50 פּראָ־
צענט שטעלעס פון אינזשענירן און טעכניקער

לייע דובעליר קען רײַטן ניט נאָר אף א פערד, נאָר אויך אף א מויל־אייזל; לייע באַטראַכט א מינעראַל־דרוזע

אין די געאָלאָגישע עקספּעדיציעס, פּאַרטיעס, מאַכנעס. מע רופט זיי דאָרט צאַרט „געאָלאָגינערנס".

כ'בין זיך מוידע, שרײַבן וועגן די „געאָלאָגינערנס" איז אָנגענעם, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס די פרויען מיִען זיך ערנסט און איבערגעגעבן, אין פיל פאַלן א סאַך געראָטענער פון די מענער, נאָר ווײַל זיי מאַכן אײַנגעאָרדנטער, ווייכער, שענער דעם שטייגער פון די פעלדעקספּעדיציעס, זיי ברענגען מיט זיך ארײַן ווארעמקײַט, וואָס איז אזוי נייטיק אין די אומהיימלעכע לעבנס־באַדינגונגען פון די געאָלאָגן. ניט ווייניק אנטדעקונגען האָבן געמאַכט די פרויען־געאָלאָגן. קעדיי עס דערזען, איז גענוג בלויז איבערבלעטערן די כראָניק פון א באַליביקער געאָלאָגישער פּאַרטיע.

— פאַרשטייט זיך, ניט אלץ שרײַבט מען ארײַן אין פעלד־טאָגבוך. עס וואָלט קיין פּאַפּיר ניט קלעקן, — זאָגט מיט א מילדן שמייכל איינע פון די פּילצאָליקע פרויען־געאָלאָגן לייע אלעקסאַנדראָוונע דובעליר. — נאָר דער זיקאָרן טוט זיך זײַנס, פיקסירט אומאָפּהענגיק פונעם ווילן פאַרשיידענע פּראַטים, קלייניקײַטן. א געאָלאָג פאַרגעדענקט גוט, ס'איז, אפּאָנעם, א פּראָפעסיִאָנעלע „קרענק" — אלץ נעמען אין אכט, ניט פאַרבײַגיין אפילו א מורעשקע. פון דער זײַט דוכט זיך צומאָל, אז געאָלאָגישע אנטדעקונגען קומען פלוצלינג. ווער עס ווייסט, וואָס פאַר אן אקשאָנעסדיקע באַאָבאַכטער עס זײַנען געאָלאָגן, קאָן אזוי ניט קלערן. האגאם צופעליקײַטן טרעפן זיך אומעטום, בעסויכעם בא אונדז.

שוין העכער צוואַנציק יאָר איז לייע אלעקסאַנדראָוונע טעטיק אין געאָלאָגיע. נאָך אין 1955, א סטודענטקע פונעם אזערבײַדזשאַנער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, קומט זי אָן אין דער מײַרעוו־אזערבײַדזשאַנער עקספּעדיציע — אין דער ערשטער געאָכימישער עקספּעדיציע פון דער רעפּובליק. לייע פאַרנעמט זיך דאָרטן מיט אָפּקלײַבן מוסטערן פון בארג־מינים. זי האָט געהאַט גוטע לערער, צווישן זיי איוואַן ניקאָלײַעוויטש סיטקאָווסקי, איינער פון די דערפאַרנסטע סאָוועטישע געאָלאָגן. אין מעשעך פון די צוויי צענדליק יאָר איז לייע אלעקסאַנדראָוונע דובעליר דורכגעגאַנגען א גרויסן וועג. איצט איז זי אן עלטערער געאָלאָג.

געאָכימיע... „וויסנשאַפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" רופט מען זי, די געבוירענע אין דער באַשיידענער מינעראַלאָגישער לאַבאַראַטאָריע פון וו. אי. ווערנאַדסקי און א. יע. פערסמאַן. פאַרוואָס זשע אזוי דערהויבן און פּאָמפּעזן? דערפאַר ווײַל זי איז באַשעפטיקט מיט אן אויסערגעווײנלעך וויכטיקן איניען — מיט די געזעצן, וועלכע דערלויבן פעסטשטעלן, וויאזוי עס וואַנדערן ארום אין דער ערד־קאָרע די כעמישע עלעמענטן, וויאזוי זיי פאַרשפּרייטן זיך, די סיבעס פון זייער קאָנצענטראַציע. פּאַקטיש עפענען די געאָכימישע מעטאָדן א באַוואָרנטן וועג אופצוזוכן נײַע, פאַרבאָרגענע אין די ערד־

טיפענישן, אויצרעס, וועלכע די געוויינלעכע געאָלאָגישע מעטאָדן זײַנען ניט בעקויעך אנטפּלעקן.

לייע אלעקסאנדראָוונע דערציילט, אז שוין איר ערשטע זעלבשטענדיקע פאָרגעבונג איז געווען א זייער קאָמפּליצירטע: מע האָט געדאַרפט מאכן א רעוויזיע אין אלע באַוווסטע רעפּובליקאַנישע געבורט־ערטער, אנדערש געזאָגט, ס'איז פאָרגעשטאַנען אויספאָרשן זיי, קעדיי קלאָר מאכן, צי אנטהאַלטן זיי זעלטן־צעזייטע עלעמענטן, צי ניין. פאַלג מיך א גאנג! פון יעדער אויספיר־סקוואַזשינע אין אָט די צענדליקער געבורט־ערטער, פון יעדן שורף איז מען מעכויעוו נעמען מוסטערן פון באַרג־מינים, הונדערטער, טויזנטער פּראָבעס. אויך די לאַבאָראַטאָרישע באַארבעטונג פונעם אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל האָט פאַרנומען א מאַסע צײַט. דערפאַר אָבער זײַנען די רעזולטאַטן געווען גלענצנדיקע. אפן זאַלץ־אַרצגרוב אין דער נאַכיטשעוואַנער אויטאָנאָמער רעפּובליק זײַנען אופגעדעקט געוואָרן ליטי, רובידי, צעזי. אפן זאַגליקער אלוניטן געבורט־אָרט — גאַלי. נאָר דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז יעדעס געבורט־אָרט האָט זײַנע כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן — אינדיקאַטאָרן, וועלכע געהערן בלויז אים און בלויז אין שטרענג באַשטימטע קוואַנטיטעטן. די יונגע געאָכימיקער האָבן אנטדעקט, אזויארום, א נײַעם, פּערספּעקטיוון וועג פאַר יענע אויספאָרשער, וועלכע האָבן שוין איצט געקאָנט זיכער פּאַנאַנדעראַרבעטן די טעכנאָלאָגיע פון ארויסבאַקומען אף די געבורט־ערטער פאַרבאָרגענע זעלטענע צוגאָב־עלעמענטן. מיט די רעזולטאַטן פון לייע אלעקסאנדראָוונעס עקספּעדיציע האָט זיך טייקעף באַוואָפנט דער אַלפאַרבאַנדישער אינסטיטוט פון מינעראַלן רויזשטאָף, און ער האָט גלײַך אָנגעהויבן באַקומען רעוועך.

אין 1957 גיט מען ל. א. דובעליר א מער קאָנקרעטע אופגאַבע, האגאַם גאָר ניט קיין גרינגערע: דאָס געאָלאָגיע־מיניסטעריום לייגט פאַר איר עקספּעדיציע קלאָר צו מאכן, צי עס איז פאַראַן דער כימישער עלעמענט צירקאָני אינעם פליאַזש־פּאַס און אין די זאַמד־דיונעס באַם קאַספּישן יאַם.

לייע אלעקסאנדראָוונע האָט דורכגעשפּרײַזט פּאַזע דעם יאַם־ברעג פון אַסטאַרי ביסקל דער גרענעץ פון דאַגעסטאַן. און ווידעראַמאָל — טויזנטער פּראָבעס.

— יעדע פּראָבע האָבן מיר געגרייט צו די לאַבאָראַטאָרישע אויספאָרשונגען מיט גרויס פלײַס, — דערמאָנט זיך לייע אלעקסאנדראָוונע און טוט א זיפץ. פאַרשטיין, פאַרוואָס זיפצט זי, איז ניט אזוי פּאַשעט, אָבער פרעגן זי ווילט זיך ניט. — דעם זאַמד פלעגן מיר אין א קאַרעטע צוואָגן, רייניקן, אָפּטיילן פונעם ליים. געהאָרעוועט, ווי עכטע גאָלד־זוכער, ווײַל מיר האָבן געזוכט א מעטאַל, וועלכער איז ווערטפול ניט ווייניקער ווי גאָלד, — אָן אים קאָנען זיך ניט באַגיין ניט די מעטאַלורגיע, ניט די יאָדער־ענערגעטיק, ניט די מעדיצין. מיר האָבן פּאַשעט געמוזט, אומבאַדינגט געמוזט אנטפּלעקן אָט אָ־דעם צירקאָני!

פיל כאַדאָשים — אין פּאַלאַטקעס. טאָגטעגלעך — מאַקאַראָנעס און קאָנסערוון. דאָס קאָנסערווירטע פלייש, איבערגעמישט מיט זאַמד, האָט געסקריפּעט אף די ציין און איז נימעס געוואָרן. ניט אָפט פלעגט זיך אײַנגעבן דערקוויקן די נעשאָמע מיט פרישע פיש.

איניינעם מיט אירע כאַווײרים האָט לייע אלעקסאנדראָוונע געעגבערט דעם באָדן — ס'איז געווען ניט קיין לײַכטע פיזישע ארבעט, אָן מאָטאָרן, בלויז מיט דער קראַפט פון די מוסקולן.

דעם טײַערן צירקאָני האָט מען פונדעסטוועגן אנטפּלעקט. מע האָט פעסטגעשטעלט, ווו ער איז פאַראַן, און אפילע די ערטער, פונוואַנען ער קומט אַרײַן אין דעם פליאַזש־פּאַס.

דערנאָך זײַנען געווען א סאַך אנדערע פאָרגעבונגען.

אפן אזויגערופענעם אזערבײַדזשאַנער אוראַל — דאַשקעסאַן — זוכט לייע אלעקסאנדראָוונע דעם וויכטיקסטן פאַר דער ראַדיאָטעכניק עלעמענט — גערנאַני. די פּאַרטיע געאָלאָגן, מיט וועלכער זי פירט אָן, האָט געדאַרפט צונויפשטעלן א ספּעציעלע מאַפּע פון די דאַשקעסאַנער מאַגנעטיטישע געבורט־ערטער, באַווײַזן אף דער מאַפּע די זאַפּאַסן פון גערמאַני.

אין אזערבײַדזשאַן פירט זיך אָן אלגעמיינע אלזײַטיקע געאָכימישע אויספאָרשונג. אָנגעהויבן האָט זי זיך אין 1962 אין דער נאַכיטשעוואַנער אויטאָנאָמער רעפּובליק, א רײַכער מיט מינעראַלן און מינעראַלישע וואַסערן. דערנאָך האָט מען זי פאָרגעזעצט אין די באַרג־ראַיאָנען פונעם אזויגערופענעם קליינעם קאַווקאַז. אינטערעסאַנט איז געווען די פאָרשונג פונעם אוניקאַלן פּיליזשטשײַסקער געבורט־אָרט פון פּאָלימעטאַלן. דאָרט זײַנען די ארבעטן געווען קאָמפּלעקסנע. די בײַאָגעאָכימישע האָבן געדאַרפט פעסטשטעלן, צי עס זײַנען פאַראַן כימישע עלעמענטן אין די גראָזן און קוסטאַרניקעס. די הידראָכימישע — אין די וואַסערן. די אַטמאָכימישע — אין דער לופט.

אפסנײַ טויזנטער פּראָבעס. אפסנײַ אומענדלעכע זאָרגן. אפסנײַ אומהיימלעכער שטייגער.

די אויגן בא לייע אלעקסאנדראָוונען זײַנען יונגע, עטוואָס צוגעזשמורעטע. פון מאָל צו מאָל קאָן מען אין זיי באַמערקן אופלויכטן, און דאַן פאַרלירן זיי די שוואַרצע פאַרב, ווערן גינגאָלדענע, מיסטאַם מאַכמעס די פונקען, וועלכע וואַכן דאָרט אוף. אלנפאַלס, אזוי זעט עס אויס איצט, ווען זי דערציילט וועגן איר בײַאָגעאָכימיע. זי דערציילט פאַרכאַפּנדיק. מיט די אייגענע הענט פלעגט זי אָפּקלײַבן וואָרצלען, בלעטער, בלומען, שטענגלעך, דערנאָך דאָס אלץ — דאָס גרינס, די פלאָרע — פאַרברענען און מאַכן

איבערן אש א ספּעקטראַלן און כימישן אַנאַ־ליז.

עס פילט זיך, אַז ביִאָגעאָכימיע איז בא לייע אַלעקסאַנדראָוונען ניט קיין „שטיפטאָכטער“. כידעשן זיך איז ניטאָ וואָס, ביִאָגעאָכימיע איז סײַ א נײַע זאַך, סײַ א פּערספּעקטיוו־פולע.

און אָט זײַנען שוין באהאַנדלט די רעזול־טאַטן פון דער אומגעהייער גרויסער צאָל פּראָ־בעס, גענומענע אינדערלופטן, בא די געוויקסן, אין וואַסער, אינעם באָדן. אָט זײַנען שוין צו־נויפגעשטעלט ספּעציִעלע טאַבעלן־גראַפיקעס, וועלכע באַווײַזן, וויִאַזוי עס זײַנען פאַרשפּרייט די ווערטפולע עלעמענטן אינעם פּיליזשטשײַס־קער געבורט־אָרט. לאָזט זיך אויס, אַז פאַריינ־ווערגס האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָף א ריי אַנאָ־מאַליעס, וועלכע האָבן איידעס געזאָגט, אַז אינעם, דוכט זיך, גוט אויסגעשטודירטן ראַיאָן איז דאָ בלײַ, צין, קופּער. א גוטער כיילעק צו־גאָב־אויצרעס!

ניט שטענדיק גיט זיך אײַן אין די באַרג־ראַיאָנען אויסנוצן אַן אַווטאָמאָביל, מע מוז אָנ־קומען צום פערד אָדער צו דעם מויל־אייזל. לייע אַלעקסאַנדראָוונע לערנט זיך אויס פאָרן רײַטנדיק.

— פאַרשטייט זיך, ניט ווי אונדזער טשעמ־פּיִאָנקע פּעטושקאָווא, — שמייכלט דובעליר. — קיין לאָרבער־בלעטער האָב איך ניט פאַרדינט, אפילע קיין איין קרענצל, נאָר דאָס איז, ווײַזט אויס, דערפאַר, ווײַל קיינער האָט מיך ניט געלאָזט אַרויסטרעטן אָף די פאַרמעסטונגען מיט מײַן אישאַק. און אויב ריידן ערנסט, זיץ איך אין זאָטל פעסט, כ׳פאַל ניט אַרויס, ווי אַן אייפל פון נעסט...

אירע אויגן פאַרלירן ווידער די שוואַרצע פאַרב און גיסן זיך אָן מיט פינקלענדיקן גינ־גאָלד. זי זעצט פאָר:

— רײַטן אָף פערד צי אָף מויל־אייזלען איז גוט, אָבער עס טרעפן זיך אומגעריכטע זאַכן. אַנומלטן זײַנען אונדזער לאַגער באַפאַלן וועלף, באַנאַכט איז עס געווען. מיר זײַנען געשלאָפן. איר שטעלט זיך פאָר, מיר שטייען אויף — ניטאָ אונדזער טראַנספּאָרט, ווי אין וואַסער אַרײַנגע־פאַלן. אפילע די קאָפּיטעס פון מײַנע פערדלעך און דאָס אישאַקל האָבן די גרויִע רויבער אויפ־געפרעסן...

אין 1967 קומט אָן לייע אַלעקסאַנדראָוונע אַרבעטן אין געאָלאָגישן פאָנד — צײַטווײַליק, מאַכמעס פּערזענלעכע סיבעס. זי ברענגט אַרײַן אויך אַהין די אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן איר ערלעך געדינט בייס די געאָלאָגישע פעלד־עקספּעדיציעס: דיסציפּלינירטקײַט, פּייִקײַט ראַציִאָנעל אויסצונוצן יעדע רעגע פון דער אַרבעטס־צײַט. עטלעכע יאָר האָט זי אינעם געאָלאָגישן פאָנד פאַרוואַלטעט מיט די מאַטע־ריעלע ווערטן. איר טעטיקײַט אָף דער דאָזיקער אומדאַנקבאַרער, ווי זי פלעגט קלערן, אַרבעט האָט געבראַכט פיל נוץ. די אַזערבײַדזשאַנער געאָלאָגן, אַלנפאַלס, האָבן זי הויך אָפּגעשאַצט. דרינגענד באַקומען פונעם פאָנד די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען דיר נייטיק, ווען דו שטעלסט צונויף א פּראָיעקט פון אויסשפּירונגען — איז עס דען ניט קיין גליק? מאַכמעס איר אָפּעראַטי־ווער טעטיקײַט האָט לייע אַלעקסאַנדראָוונע, ווי ס׳איז ניט מאָדנע, אפילע געליטן: מע האָט זי לאַנג ניט געוואָלט אָפּלאָזן פונעם געאָלאָגישן פאָנד — ווידער אין די פעלד־עקספּעדיציעס. זי איז אָבער שוין מיטן גאַנצן וועזן געווען דאָרט. אָן דעם געאָלאָגישן העמערל, ווײַט פון די אומ־באַוווּסטע שטעגן איז איר שוין שווער געווען צו עטעמען.

און אָט איז לייע אַלעקסאַנדראָוונע אָפּסנײַ אין וועג, זי איז דער עלטערער געאָלאָג פון א קאָמפּלעקסנער אינזשעניער־געאָלאָגישער עקספּעדיציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אויס־שפּירן די אויצרעס פון א ווייניק געפאָרשטן ביז איצט באַרג־ראַיאָן אין דער נאַכיטשעוואַנער אווטאָנאָמער רעפּובליק. עס וואַרט אָף איר נאָך איין אַרבעט, א געפערלעכע, א שווערע — דער קאַמף מיט די אַזויגערופענע סעלן, מיט די שמו־ציקע שטיינער־שטראָמען, וועלכע פויזען אַראָפּ פון די בערג און פאַרפלייצן אַלדאָס לעבעדיקס אָפּן וועג. אין אַזערבײַדזשאַן זײַנען פאַראַן א סאַך מער סעלן, איידער אין אַנדערע באַרגיקע ערטער. לאָמיר האָפן, אַז אויך אין דעם דאָזיקן געראַנגל וועט די קאָמוניסטקע לייע אַלעקסאַנ־דראָוונע דובעליר זײַן גליקלעך.

הערש געליבטערמאַן
כמעלניצקי

די געשיכטע פון א דעשיפּרירטן היסטאָרישן דאָקומענט

1. א דעפּעש, וואָס איז ניט דעשיפּרירט

מיר, א גרופּע עקסקורסאַנטן פון דער פעדשול, זייַנען אינעם 1964 געווען אין באַקו און, לויט דער פּראָגראַם פון דער עקסקורסיע, באַזוכט דעם פיליאַל פונעם צענטראַלן מוזיי אף לענינס נאָמען. מיר האָבן געזען פילצאָליקע עקספּאָזיציעס, געווידמעטע וו. אי. לענינס לעבן און דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן אזערבייַדזשאַן.

אין איינעם א צימער דערציילן די עקספּאָנאַטן וועגן די געשעענישן פונעם בירגערקריג, וועגן דער XI ארמיי — אין 1920 האָט זי באַפרייַט באַקו פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער מוסאַוואַטיסטישער רעגירונג.

אונדזער אופמערקזאַמקייַט האָט צוגעצויגן די פאָטאָ־קאָפּיע פון א דעפּעש, וועלכע ס. מ. קיראָוו און ג. ק. אָרדזשאָניקידזע האָבן דעם 2 מייַ 1920 געשיקט לענינען — עטלעכע שוין פאַרגעלטע זייַטלעך פון א גרויסן בלאָקנאָט. אייניקע זאַצן זייַנען דאָ אָנגעשריבן מיט אָפענעם טעקסט, אָבער אין אלגעמיין איז דער אינהאַלט פאַרשיפרירט. אין דער ערשטער שורע, אינעם לינקן ווינקל, איז מיט קיראָווס האַנט אָנגעשריבן: „מאָסקווע, לענינען". נאָך דער לעצטער שורע, אינעם רעכטן ווינקל, שטייט אן אָנווייַזונג אפן שיפר — „דעזערטיר".

די מיטאַרבעטער פונעם מוזיי האָבן אונדז דערציילט, וויפל מע האָט שוין געטאָן, כדי דעשיפרירן דעם טעקסט, נאָר ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן. די דעפּעש שווייַגט. זי איז שטום.

2. דער אַלטער שיפראָוואַלשטשיק

די צייַט גייט. איך האָב שוין פאַרגעסן וועגן דער פאַרקישעפטער טעלעגראַמע צו לענינען. פּלוצעם דערזע איך אין דער „קאַמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַווּדאַ" פאַרן 7 יאַנוואַר 1976 א נאָטיץ: „דעזערטיר" אַנטבלויזט זייַן סאָד". דעם שיפר פון דער אַלטער שווייַגנדיקער דעפּעש האָט מען אַנטדעקט!

אין לעבן טרעפן זיך אומגעריכטע צופעליקייַטן. אין אייניקע טעג ארום באַגעגנט מיך א שאָכן, ייִסראָעל סיגאַל, דערלאַנגט מיר אן אַלטע צייַטונג און זאָגט מיט פאַרגעניגן:

— אן אינטערעסאַנטע נאָטיץ... וועגן מייַן קאָרעוו...

איך נעם אין די הענט די צייַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" פאַרן 13 דעקאַבער 1975, לייען: „די רעטעניש פון אן אַלטן שיפר". אָט האָסטו דיר ניסים־וועניפלועס!

— סאָלאָמאָן מאַטווייעוויטש סאַלניקער איז אייַער קאָרעוו? — טו איך א הייב די אויגן צום שאָכן.

— א נאָענטער, קימאַט פון איין ראָסל אויגערקעס: זייַן שנור און מייַן פלוינעסטע זייַנען שוועסטערקינדער, ביידע פּראָסקוראָווער.

סיגאַל דערציילט, אז אינגיכן וועט סאַלניקער מיט זייַן מישפּאָכע זייַן אין כמעלניצקי, זיי מאַכן כאַסענע א מיידל פאַר סיגאַלס אייניקל. אין באַקו איז שוין א כאַסענע געווען, איצט וועט מען פּראַווען א כאַסענע פונעם כאָסנס־צאַד.

— אויב אזוי, — בעט איך, — באַקענט מיך מיטן העלד פון דער נאָטיץ, אומבאַדינגט.

דעם צענטן מייַ האָט מיר סיגאַל אָנגעקלונגען — סאַלניקער וואַרט אף מיר.

געשמועסט האָבן מיר אריבער דרייַ שאָ.

סאָלאָמאָן מאַטווייעוויטש איז אן עלטערער מענטש, א הויכער, א ברייטפּלייציקער און שטאַלטנער, זייַן פּאָנעם און די אויגן שייַנען און זייַנען פול מיט לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַסטראַכאַן אינעם 1902. א קינד נאָך, פאָרט ער אריבער מיט דער מישפּאָכע קיין באַקו. דאָ לערנט ער זיך און ארבעט. אין 1919 איז ער פרייַוויליק אָנגעקומען אין דער 34־טער דיוויזיע פון דער XI ארמיי, אין וועלכער סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו איז געווען א מיטגליד פונעם רעוומיליטערסאָוועט (סערגאָ אָרדזשאָ־

אף דער עפענונג פונעם מוזיי פון שלאכט־רום פון דער 11־טער ארמיי. דער ערשטער פון רעכטס סאָלאָמאָן סאלניקער, לעבן אים דער קאנדידאט פאר א מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פארטיי ג. א. אליִעוו

ניקידזע איז דאן געווען א מיטגליד פונעם רעוומיליטערסאָוועט פונעם קאווקאזער פראָנט). סאלניקער באטייליקט זיך אינעם מארש אף צאריצין איבער דאָן, קובאן. דעם 28 אפּרעל 1920 טרעט די ארמיי ארייַן אין באקו. דאָ ווערט סאלניקער באשטימט פאר א שיפּראָוואלשטשיק באם שטאב פון דער ארמיי, א סוואָרע דערפאר, ווייַל ער איז געווען א גראַמאָטנער. אין 1922 נעמט ער אן אָנטייל אינעם ליקווידירן אן אופשטאנד קעגן דער סאָוועטנמאכט. ער האָט געהאט בעדייע אף שטענדיק בלייַבן דינען אין דער רויטער ארמיי, נאָר איבערן געזונט־צושטאנד דעמאָביליזירט מען אים אין 1923. ער בלייַבט אין באקו, ארבעט אין פארשיידענע געביטן. „איך בין שטענדיק געווען דאָרט, וווּהין די פּארטיי האָט מיך געשיקט“, — זאָגט סאָלאָמאָן מאטווייעוויטש. היינטער־אויגיק ענדיקט ער א פּעדאגאָגישן אינסטיטוט און איז א געוויסע צייַט א לערער פון ליטעראטור. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע, איז ער ווידער אוועק אין דער ארמיי. ער דינט אין מיליטער־טיילן פון דער קעגנלופט־שוץ, פארטיידיקט קערטש און נאָוואָראָסיִיסק. די שווערע מילכאָמע־וועגן איז ער דורכגעגאן ביזן סאָף. אהיים קערט זיך אום דער עלטערער לייטענאנט סאלניקער אין 1947, פילט אויס קאָלערליי ווירטשאפטלעכע אופטראָגן. שוין א פּענסיאָנער, טיף אין די יאָרן, איז ער א מייַסטער פון דער פּראָדוציר־לער אינעם שטאב פון בירגערלעכער שוץ אין איינעם א באקוער ראיאָן.

וועגן דעם, אז ער, סאלניקער, איז אמאָל געווען א שיפּראָוואלשטשיק, וואָלט, ווייַזט אויס, קיינער ניט געוווּסט, איז אָבער אין באקו פאראן א פארוואלטער פון די פאָנדן אינעם פיליִאל פון דעם צענטראלן מוזיי אף לענינס נאָמען ראָמאן וולאדימיראָוויטש שיין, א מענטש מיט א שטארקן כאראקטער, אן ענטוזיִאסט, און ער לייגט איַין די וועלט, קעדיי דעשיפרירן קיראָווס און אָרדזשאָניקידזעס טעלעגראמע צו לענינען; ער זוכט קוידעמקאָל וועטעראנען פון דער XI ארמיי, וועלכע ווייסן כאָטש עפּעסוואָס וועגן דעם שיפר, זוכט, געפינט ניט, טאפּט א וואנט, ווי א בלינדער; איינער א געוועזענער קיראָווס שלאכט־כאווער — מ. א. וואָלאָסאָוו — זאָגט אונטער ראָמאן וולאדימיראָוויטשן, אז אין באקו האָט לאנגע יאָרן געלעבט א שיפּראָוואלשטשיק פון דער XI ארמיי, נאָר צי ער וווינט דאָ אויך איצט, צי ער איז שוין אוועק צו די אָוועס, דאָס ווייסט ער ניט. צום באדויערן, געדענקט ער אויך ניט זייַן פאמיליע; שיין ווערט ניט ניספּאָעל, עטלעכע כאדאָשים נאָכאנאנד נישטערט ער אין שטאָט, עס העלפן אים די אָרטיקע טעלעוויזיע און ראדיִאָ, די צייַטונגען, ער האָט געמוזט זיך אָנשטויסן אף סאלניקערס שפור!

בייס זייער באגעגעניש בעט שיין, אז סאלניקער זאָל אופמערקזאם ארייַנקוקן אין דער

מיט מאנכע אונדזערע כאווירים האָט מען אזוי זיך געפּוטבאַלעוועט עטלעכע מאָל.

דארף דאָך פּאַסירן, אז אין פארלויף פון איינעם א וויזיט פון דער פּאָליציי אין אונדזער גאָרקיך האָט מען גענומען אפן צימבל מיך. א זשאנדארם אין א רונדער הארטער קעפּי האָט א קוק געטאָן אין מײַן קארט־ד־אידאנטיטע (אויסלענדער־צײַגעניש), עפּעס א בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז און מיר געהייסן אים נאָכפאָלגן. ער האָט מיך ארײַנגעזעצט אין דער פּאָליצייִשער מאשין, און אין א פערטל שאָ ארום בין איך שוין געשטאנען אין יוסטיץ־פּאלאץ פאר א ריכטער אין א טאָגע.

דער ריכטער האָט א וואָרף געטאָן א בליק אף מײַנע פּאפּירן און קעהערעף־אײַ:ן ארויסגעטראָגן דעם אורטייל — איין פראנק שטראף פאר ניט פארלענגערן צו דער צײַט די אויסגעגאנגענע קארט־ד־אידאנטיטע. מע האָט מיך גלײַך אָפּגעלאָזט און אפילע ניט אופגעמאָנט דעם פראנק שטראף.

א גליקלעכער, וואָס איך האָב אזוי לײַכט אָפּגעשניטן, האָב איך, גאלאָפּירנדיק, זיך צוריקגעקערט אין גאָרקיך. די גאנצע געשיכטע איז צוגעגאנגען אזוי בליץ־שנעל, אז איך האָב נאָך באוויזן צו פארענדיקן מײַן פּאָרציע מאַקאראָנעס, וואָס איך האָב געלאָזט שטיין אפן טיש.

ס׳זײַנען אריבער פיל וואָכן. איך האָב שוין אינגאנצן געהאט פארגעסן די געשיכטע מיטן פראנק שטראף: ניט קיינער האָט בא מיר געמאָנט דעם פראנק, ניט איך בין געגאנגען אים אײַנצאָלן.

זיץ איך מיר אין איין שיינעם טאָג אין מײַן מאנסארדע־צימער צוזאמען מיט מײַן מיטוווינער, א בוקאָווינער באָכערל, און מיר גרייטן זיך צו די עקזאמענעס.

ס׳איז געווען פרילינג, ס׳האָט זיך דערנעענטערט די ענדע פונעם לערניאָר אין אוניווערסיטעט.

פלוצעם פראלט זיך אוף מיט א גערויש די טיר און צו אונדז לאָזן זיך ארײַן צוויי פּאָליצייאגענטן. איינער אין אן אוניפאָרמע, דער צווייטער ציוויל־געקליידט, מיט זיי די באלעבאָסטע פון דער דירע.

— ווער פון אײַך איז מעסיע זשאק? — האָט מיט רוגזע א פרעג געטאָן דער ציוויל־געקליידטער, אָנרופנדיק מײַן פאמיליע־נאָמען.

— דאָס בין איך, — האָב איך זיך אופגעהויבן פון מײַן אָרט.

— באוויליקט, יונגערמאן, מיר אײַנצאָלן 76 פראנק, אָדער איך בין געצוווּנגען אײַך פארהאלטן און אָפּפירן אין פּאָליציי.

— פארוואָס זאָל איך צאָלן 76 פראנק? — האָב איך, אן איבעראשטער, געפרעגט מײַן אומגעריכטן גאסט.

— איר האָט שוין פארגעסן וועגן אײַער שטראף? — האָט בייז אָפּגעשניטן דער ציוויל־געקליידטער.

— אָך, דער שטראף! — האָב איך, א דערפרייטער, זיך אָנגעכאפּט. — איך קום טאקע א פראנק שטראף. ביטע! — האָב איך דערלאנגט פון קעשענע א מעטאלענע מאטבייע.

— וואָס זאָגט איר אף דעם כוצפּעדיקן אויסלענדער? — האָט שוין מיט קאס אויסגערופן דער ציוויל־געקליידטער. — איך זאָג 76 פראנק, און ער שטעקט מיר 20 סו.

— פארוואָס זאָל איך אײַך געבן מער, אויב איך קום אײַך נאָר איין פראנק?

— אז איר לעבט אין פראנקרײַך און עסט פראנצויזיש ברויט, האָט איר שוין געקאָנט זיך מאטריעך זײַן און זיך באקאנען מיט די פראנצויזישע געזעצן. איר זײַנט שולדיק דער רעפּובליק איין פראנק שטראף און 75 פראנק געריכט־הויצאָעס.

— שיינע געזעצן! — האָט זיך בא מיר מיט פארביטערונג ארויסגעריסן. — 76 פראנק איז א היפּשע סומע, ווו זאָל איך דאָס נעמען?

איך האָב געלעבט דערפון, וואָס אין די באנאכטיקע שאָען פלעג איך אויסלאָדן וואגאָנעס אפן וואָקזאל. די ארבעט האָט מען באצאָלט פון דער שאָ.

פון דעם מאָגערן פארדינסט האָב איך געדארפט צאָלן מײַן כיילעק דירע־געלט פאר דער מאנסארדע, זיך אָנטאָן און נאָך צאָלן סכארלימעד אין אוניווערסיטעט. פארשטייט זיך, אז בא מיר אין די קעשענעס איז געווען מער לעכער, ווי פראנקן.

איך האָב דורכגענישטערט אלע מײַנע קעשענעס, אויך מײַן בוקאָווינער כאווער האָט געטאָן דאָס זעלבע בא זיך. צוזאמען האָבן מיר אָנגעסקראָבעט ארום 20 פראנק. איך האָב אויסגעשטרעקט דאָס געלט דעם ציוויל־געקליידטן:

— אָט איז, ביטע, 20 פראנק, די איבעריקע וועל איך ניט שפּעטער ווי אין א וואָך ארום אײַנצאָלן, — האָב איך פאָרגעלייגט.

— יונגערמאן, איר ווילט פון מיר כויזעק מאכן? אָדער די 76 פראנק, אָדער איך פיר אײַך אוועק.

ס׳איז געווען א שיינער זוניקער טאָג, די עקזאמענעס זײַנען נאָענט, דער טײַוול ווייסט די פּאָליציי, ווי לאנג זי קאָן מיך אָפּהאלטן צוליב די 76 פראנק. איך האָב גענומען זוכן אן אויסוועג.

— מעסיע, — האָב איך זיך געווענדט צום ציוויל־געקליידטן, — גיט מיר נאָר איין שאָ צײַט, וועל איך אײַך צושטעלן די גאנצע סומע.

מײַן פלאן איז געווען אזא. מײַן בוקאָווינער כאווער וועט אוועקטראָגן אין לאָמבארד מײַן ניקעלירטן קעשענע־זייגער, און אזויארום וועל איך זיך אײַנשאפן דאָס נייטיקע געלט.

נאָר דער ציוויל־געקליידטער האָט גאָרניט געוואָלט הערן: אָדער געלט, אָדער ער פירט מיך אוועק.

דאן האָט זיך ארײַנגעמישט די באלעבאָסטע:

יאנקל קראוויץ
ווילניוס

איין פראנק שטראָף

פאר אונדז, אויסלענדישע סטודענטן, היימלאָזע נאווענאדניקעס, איז די סטודענטישע קאָאָפּעראַטיווע גאָרקיך פון דעם פּראָגרעסיוון פעדעראלן סטודענטן־פארבאנד געווען מאמעש א גאניידן. פאר צוויי פראנק פלעגן מיר אָנשטאָפּן די קישקעס מיט א זאטן מיטיק. אינעם סאמע ביליקסטן רעסטאָראנדל האָט מען וויינציקער ווי פאר פיר־פינף פראנק ניט געקאָנט איבערבײַסן. די גאָרקיך איז געווען פאר אונדז א היים, א קלוב, א שול פון רעוואָליוציאָנערן קאמף און אפילע א נאכטלעגער.

אונדזערע פראנצויזישע כאוויירים האָבן ווייניק זיך באנוצט מיט איר. אָרטיקע אײַנוווינער, האָבן זיי געלעבט בא די עלטערן און קרויווים. דאָ פלעגן זיך פארזאמלען די סאמע אָרעמסטע.

דער אוילעם אין גאָרקיך האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א לעבעדיקן אינטערנאציאָנאל: סטודענטן פון דער דעמלטיקער פאשיסטישער רומעניע און אונגארן, פון דער צארישער בולגאריע, פאנסקע פוילן, פון דער קלייניטשקער בורזשואזער ליטע און פון דער גרויסער פראנצויזישער קאָלאָניע אינדאָכינע.

פארשטייט זיך, אז עוויוינים צווישן זיי האָבן ניט געפעלט. ייִדישע יוגנטלעכע פון בוקאָווינע און בעסאראביע, פון ווילנע, פון ווארשע און אנדערע מעקוימעס.

צוגלײַך מיט שוין אויסגעפּרוּווטע רעוואָליוציאָנערע קעמפער זײַנען דאָ אויך געווען סטאם סימפאטיקער פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג און א היפּשע צאָל נאָך אידייִש ניט אויסגעקריסטאליזירטע אָרעמע און רעכטלאָזע אויסלענדער.

פאר דער פראנצויזישער פּאָליציי איז אונדזער גאָרקיך געווען דאָס זעלבע, וואָס פאר לײַדנשאפטלעכע פישפאנגער אן אָזערע, רײַך מיט פיש. די פראנצויזישע געזעצן האָבן שטרענג פארבאָטן אויסלענדער זיך פארנעמען מיט פּאָליטיק. ארבעטן און ווערן עקספּלואַטירט — דאָס אדעראבע וועאדעראבע. זיך אָרגאניזירן און צוזאמען מיט די פראנצויזישע כאוויירים קעמפן פאר בעסערע לעבנס־באדינגונגען, פאר סאָציאַלער גערעכטיקײַט — טרייף־פּאָסל.

פארשטייט זיך, אז אונדזערע באוווּסטזיניקע אויסלענדישע כאוויירים האָבן געהאט די פּאָליציי אין טראָק און געטאָן דאָס, וואָס מע דארף.

פלעגט טאקע די פּאָליציי פון צײַט צו צײַט זיך ארײַנרײַסן אין גאָרקיך, דורכנישטערן אלץ און אלעמען און אלס טראָפּיי אוועקפירן מיט זיך איינעם אָדער עטלעכע סטודענטן, וועלכע מע האָט געזוכט פאר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט אָדער פארן לעבן אין לאנד אָן ווױנרעכט.

געוויינלעך איז פאר אָט די אויסלענדער געווען איין שטראָף: — עקספּולסיע, דאָס הייסט, ארויסשיקן פון לאנד.

צוריק אין זייערע פאשיסטישע היימען האָבן זיי ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאָרן, קיין אנדער לאנד האָט זיי ניט געוואָלט ארײַנלאָזן.

טאָ ווי זשע ווערט מען פּאָטער פון אזעלכע ניט־געוווּנטשענע אָרכים? זײַנען טאקע די פראנצויזישע זשאנדארמען געפאלן אף א האמצאָע.

אין א פינצטערער נאכט פלעגט מען דעם פארהאלטענעם אויסלענדער ברענגען צו דער שוואך באוואכטער בעלגישער גרענעץ, מע פלעגט אים אוועקשטעלן מיטן פּאָנעם צו בעלגיע און פון הינטן אים א זעץ טאָן מיט דער טעמפּער זײַט פון א ביקס: לויף פּאָרויס און קער זיך ניט אום צוריק!

די בעלגישע פּאָליציי האָט גוט געקענט די שטיק פון זייערע פראנצויזישע קאָלעגן. ווען צו זיי אין די הענט פלעגט ארײַנפאלן אזא ארויסגעשיקטער אויסלענדער, פלעגן זיי באלד אָפּטאָן אף טערקיש זייערע פראנצויזישע גרענעץ־וועכטער. אין א פינצטערער נאכט פלעגן זיי ברענגען דעם ארויסגעשיקטן צוריק צו דער גרענעץ, אים אוועקשטעלן מיטן פּאָנעם צו פראנקרײַך און מיט א בריק פון הינטן, ווי פון א פוטבאָל־פּילקע, אים ארײַניאָגן צוריק.

מיט מאנכע אונדזערע כאווײרים האָט מען אזוי זיך געפּוטבאָלעוועט עטלעכע מאָל.

דאַרף דאָך פּאַסירן, אַז אין פּאַרלויף פון איינעם א וויזיט פון דער פּאָליצײ אין אונדזער גאַרקיך האָט מען גענומען אַפן צימבל מיך. א זשאנדארם אין א רונדער הארטער קעפּי האָט א קוק געטאָן אין מײַן קאַרט־ד־אידאַנטיטע (אויסלענדער־צײַגעניש), עפּעס א בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז און מיר געהייסן אים נאָכפּאָלגן. ער האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין דער פּאָליציישער מאשין, און אין א פערטל שאָ ארום בין איך שוין געשטאַנען אין יוסטיץ־פּאַלאַץ פאַר א ריכטער אין א טאָגע.

דער ריכטער האָט א וואַרף געטאָן א בליק אַף מײַנע פּאַפּירן און קעהערעף־אײַן אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל — איין פראַנק שטראָף פאַר ניט פאַרלענגערן צו דער צײַט די אויסגעגאַנגענע קאַרט־ד־אידאַנטיטע. מע האָט מיך גלײַך אַפּגעלאָזט און אַפילע ניט אויפגעמאָנט דעם פראַנק שטראָף.

א גליקלעכער, וואָס איך האָב אזוי לײַכט אָפּגעשניטן, האָב איך, גאַלאָפּירנדיק, זיך צוריקגעקערט אין גאַרקיך. די גאַנצע געשיכטע איז צוגעגאַנגען אזוי בליץ־שנעל, אַז איך האָב נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן מײַן פּאָרציע מאַקאַראָנעס, וואָס איך האָב געלאָזט שטיין אַפן טיש.

ס'זײַנען אַריבער פיל וואָכן. איך האָב שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן די געשיכטע מיטן פראַנק שטראָף: ניט קיינער האָט בא מיר געמאָנט דעם פראַנק, ניט איך בין געגאַנגען אים אײַנצאָלן.

זיץ איך מיר אין איין שיינעם טאָג אין מײַן מאַנסאַרדע־צימער צוזאַמען מיט מײַן מיטוווינער, א בוקאָווינער באָכער, און מיר גרייטן זיך צו די עקזאַמענעס.

ס'איז געווען פרילינג, ס'האָט זיך דערנעענטערט די ענדע פונעם לערניאָר אין אוניווערסיטעט.

פּלוצעם פּראַלט זיך אוף מיט א גערויש די טיר און צו אונדז לאָזן זיך אַרײַן צוויי פּאָליציי־אַגענטן. איינער אין אוניפאָרמע, דער צווייטער ציוויל־געקליידט, מיט זיי די באַלעבאָסטע פון דער דירע.

— ווער פון אײַך איז מעסיע זשאַק? — האָט מיט רוגזע א פרעג געטאָן דער ציוויל־געקליידטער, אַנרופנדיק מײַן פאַמיליע־נאָמען.

— דאָס בין איך, — האָב איך זיך אָפּגעהויבן פון מײַן אָרט.

— באַוויליקט, יונגערמאַן, מיר אײַנצאָלן 76 פראַנק, אָדער איך בין געצווונגען אײַך פאַרהאַלטן און אָפּפירן אין פּאָליציי.

— פאַרוואָס זאָל איך צאָלן 76 פראַנק? — האָב איך, אַן איבעראַשטער, געפרעגט מײַן אומגעריכטן גאַסט.

— איר האָט שוין פאַרגעסן וועגן אײַער שטראָף? — האָט בייז אָפּגעשניטן דער ציוויל־געקליידטער.

— אָך, דער שטראָף! — האָב איך, א דערפרייטער, זיך אָנגעכאַפּט. — איך קום טאַקע א פראַנק שטראָף. ביטע! — האָב איך דערלאַנגט פון קעשענע א מעטאַלענע מאַטבייע.

— וואָס זאָגט איר אַף דעם כוצפּעדיקן אויסלענדער? — האָט שוין מיט קאַס אויסגערופן דער ציוויל־געקליידטער. — איך זאָג 76 פראַנק, און ער שטעקט מיר 20 סו.

— פאַרוואָס זאָל איך אײַך געבן מער, אויב איך קום אײַך נאָר איין פראַנק?

— אַז איר לעבט אין פראַנקרײַך און עסט פראַנצויזיש ברויט, האָט איר שוין געקאָנט זיך מאַטריִען זײַן און זיך באַקאַנען מיט די פראַנצויזישע געזעצן. איר זײַנט שולדיק דער רעפּובליק איין פראַנק שטראָף און 75 פראַנק געריכט־הוצאָעס.

— שיינע געזעצן! — האָט זיך בא מיר מיט פאַרביטערונג אַרויסגעריסן. — 76 פראַנק איז א היפּשע סומע, ווו זאָל איך דאָס נעמען?

איך האָב געלעבט דערפון, וואָס אין די באַנאַכטיקע שאָען פלעג איך אויסלאָדן וואַגאָנעס אַפן וואָקזאַל. די אַרבעט האָט מען באַצאָלט פון דער שאָ.

פון דעם מאָגערן פאַרדינסט האָב איך געדאַרפט צאָלן מײַן קיילעך דירע־געלט פאַר דער מאַנסאַרדע, זיך אָנטאָן און נאָך צאָלן סכאַרע־לימעד אין אוניווערסיטעט. פאַרשטייט זיך, אַז בא מיר אין די קעשענעס איז געווען מער לעכער, ווי פראַנקן.

איך האָב דורכגענישטערט אַלע מײַנע קעשענעס, אויך מײַן בוקאָווינער כאַווער האָט געטאָן דאָס זעלבע בא זיך. צוזאַמען האָבן מיר אָנגעסקראַבעט אַרום 20 פראַנק. איך האָב אויסגעשטרעקט דאָס געלט דעם ציוויל־געקליידטן:

— אָט איז, ביטע, 20 פראַנק, די איבעריקע וועל איך ניט שפּעטער ווי אין א וואָך אַרום אײַנצאָלן, — האָב איך פאָרגעלייגט.

— יונגערמאַן, איר ווילט פון מיר כויזעק מאַכן? אָדער די 76 פראַנק, אָדער איך פיר אײַך אוועק.

ס'איז געווען א שיינער זוניקער טאָג, די עקזאַמענעס זײַנען נאָענט, דער טײַוול ווייסט די פּאָליציי, ווי לאַנג זי קאָן מיך אָפּהאַלטן צוליב די 76 פראַנק. איך האָב גענומען זוכן אַן אויסוועג.

— מעסיע, — האָב איך זיך געווענדעט צום ציוויל־געקליידטן, — גיט מיר נאָר איין שאָ צײַט, וועל איך אײַך צושטעלן די גאַנצע סומע.

מײַן פּלאַן איז געווען אזאַ. מײַן בוקאָווינער כאַווער וועט אוועקטראָגן אין לאָמבאַרד מײַן ניקעלירטן קעשענע־זייגער, און אזויאַרום וועל איך זיך אײַנשאַפן דאָס נייטיקע געלט.

נאָר דער ציוויל־געקליידטער האָט גאָרניט געוואָלט הערן: אָדער געלט, אָדער ער פירט מיך אוועק.

דאַן האָט זיך אַרײַנגעמישט די באַלעבאָסטע:

— מעסיע, מײַן קוואַרטיראַנט איז אַן אָנ־שטענדיקער יונגערמאַן. ער צאָלט פּינקטלעך פאַרן צימער און פירט ניט אהער קיין דאַמען. מע קאָן אים גלייבן.

די באַלעבאָסטע אַליין איז געווען ניט קיין פאַרמעגלעכע אַלמאָנע, געלעבט פון דעם, וואָס זי האָט פאַרדונגען מעבלירטע צימערן פאַר סטודענטן און אָנגעשטעלטע. פאַרשטייט זיך, אַז אירע סימפּאַטיעס זײַנען געווען אױפן צד פון אירע קוואַרטיראַנטן.

זי איז אוועקגעלאָפן און געשווינד זיך צו־ריקגעקערט מיט א גראַפין ווײַן און צובײַ־סעכץ.

דאָס האַרץ פון דעם ציוויל־געקליידטן איז געוואָרן ווייכער.

— איין שאָ, קיין איין מינוט מער!

מײַן בוקאָווינער כאַווער האָט שנעל אוועק־געהונקען צום לאַמבאַרד (איין פוס איז בא אים געווען א רעכט ביסל קירצער פאַרן צווייטן, אָבער באַוועגט האָט ער זיך געשווינד, ווי ער וואָלט פאַרמאָגט א פּאָר אַטלעטישע ראַגלאַיִם).

פון זיכערקײַט־וועגן האָט ער מיט זיך מיט־גענומען זײַן פּילפּעדער מיט א גאָלדענער פּען, טאָמער וועט דער זייגער ניט סטײַען.

ס'איז אוועק א שאָ, דער גראַפין איז שוין א ליידיקער, אָבער מײַן כאַווער איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען. דער ציוויל־געקליידטער האָט שוין גענומען אַרויסווײַזן סימאָנים פון אומגעדולד.

נאָר דאָ איז אַרײַן אין שפּיל דער פּאָליציי־אַגענט אין דער אוניפאָרמע, וואָס איז ביז איצט געווען שווײַגעדיק און פּאַסיוו. בא מיר אױפן טיש האָט ער באַמערקט א קאָנווערט מיט א פּאָר אים אומבאַקאַנטער ליטווישער מאַרקע, וועלכע האָט בא אים אַרויסגערופן א שטאַרקן באַגער.

איך האָב גענומען זוכן נאָך אַלטע קאָנווערטן מיט ליטווישע מאַרקעס, און דער פּאָליציי־אַגענט האָט פון נאַכעס אַזש געשײַנט. געווען איז ער שוין א באַיאָרטער מענטש מיט א רונד בײַכל און מיט א רונדער מאָרדע פון א גוט־מוטיקן קעלעוו. איך האָב בעקיוון פאַרצויגן די זוכעניש, קעדיי צו געווינען צײַט.

ענדלעך, אין צוויי שאָ אַרום, האָט זיך אומ־געקערט מײַן כאַווער מיט דער נייטיקער סומע.

איך האָב פרײַ אָפּגעאָטעמט. אוועקגעגעבן דאָס געלט, באַקומען א קוויטאַנציע און מיט צופרידנקײַט אָנגעקוקט די רוקנס פון די אַגענטן, ווי זיי גייען אַרויס דורך דער טיר.

דער פּאָליציאַנט אין דער אוניפאָרמע האָט זיך נאָך אומגעקוקט און מיט א בולדאָגישן שמייכל מיך באַדאַנקט פאַר די מאַרקעס.

פּאַטער געוואָרן פון די אומגעוווּנטשענע געסט, האָב איך זיך ערשט דערוווּסט, פאַרוואָס ס'האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגן מײַן כאַווערס שליכעס.

אין לאַמבאַרד האָט מען פאַרן זייגער מיטן פּילפּעדער אים אויסגעבאָרגט די קיניגלעכע סומע פון 20 פראַנק. איז ער געפאַלן אױף א האַמצאָע: האַסטיק לויפן אין גאָרקיד און בא עמעצן לײַען די איבעריקע סומע. ס'האָט אים אָפּגעגליקט: ער האָט אָנגעטראָפן א מאָמענט, ווען ס'איז געגאַנגען א פאַרזאַמלונג פון דער בולגאַרישער גרופּע כאַווירים. זיי האָבן גע־האַלטן אין באַהאַנדלען די לאַגע אין זייער צאַרישן פאַטערלאַנד. איינמיטנדערינען האָט ער זיך אַרײַנגעמישט:

— ס'פעלט אונדזער כאַווער זשאַק 36 פראַנק. אויב ער צאָלט ניט אײַן, פירט אים אוועק די פּאָליציי...

אין פראַט פון גווירעשאַפט האָבן די בול־גאַרישע סטודענטן געקאָנט דרייסט זיך פאַר־מעסטן מיט אונדז, יידישע עווייונים.

פעסטגעבויטע, טעמפּעראַמענטפולע ברונעטן, האָט מען זיי געקאָנט טרעפן אױף די שווערסטע אַרבעטן אין האַפן באַם לאָדן און אויסלאָדן שיפן, אױף דער אײַזנבאַן באַם פּאַקן וואַגאָנעס און אין די רעסטאָראַנען באַם וואַשן געשיר. נאָר אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען טאָמיד אין גוט אויסגעפּרעסטע הויזן און אין אויבערהעמ־דער מיט ברילייאַנדיקע קרעגעלעך. פאַרשטייט זיך, אין די קעשענעס פון די הויזן מיטן שאַרפן קנייטש האָבן זיך זעלטן געבאַמבלט עטלעכע פראַנק. אַז עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אַרויס־ראַטעווען א קאַמפּס־כאַווער פון די הענט פון דער פּאָליציי, איז אויב מע וואָלט געדאַרפט גלײַך אױף אָרט אויסטאָן און אוועקגעבן דאָס לעצטע העמד, וואָלט מען כאָטש אפילע א סעקונדע געקווענקלט זיך?

קעהערעף־אײַין זײַנען צוזאַמענגעקליבן גע־וואָרן די 36 פראַנק. איך האָב געהאַט שפּעטער ניט ווייניק שווערינקײַטן אױפצוקלערן, וועמען און וויפל איך בין שולדיק, קעדיי אומקערן מײַן כויוו.

נאָר פון יענעם טאָג אָן האָט אונדזערע הער־צער פאַרבונדן א נײַ פאַרזענלעך פעדעמל פון סימפּאַטיע און כאַווערשאַפט.

צענדליקער יאָרן זײַנען פאַרלאָפן פון דעמלט. דאָס זײַנען יאָרן פון וועלט־קאַטאַקליז־מען, פון פאַרלוסטן און אופשווונג. אָבער נאָך אַלע שטורעמס און ווירוגעס, ביז הײַנט־צו־טאָג, ציט זיך פון דער בולגאַרישער הויפּטשטאָט צו דער הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע דאָס פעדעמל פון געמיינזאַמער סימפּאַטיע און כאַווערשאַפט צווישן מיר און מײַנע אַמאָ־ליקע, נאָך לעבן פאַרבליבענע בולגאַרישע פרײַנט.

הומאָרעסקעס

אַרן זײַטשיק
אָרענבורג

א געשיכטע מיט א נאָמען

אין א גוטער מאזלדיקער שאָ. מײַן זון איז איצט אלט געוואָרן זעכצן יאָר, ביז הונדערט און צוואנציק. געוואָרן אן עמעסער בירגער פונעם פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן. צײַט צו באקומען א פּאספּאָרט.

צוערשט לאָמיר אים פאָרשטעלן איינעם מיט א ביסל מישפּאָכע־כראָניק, וואָס האָט א שײַכעס צום איניען. לאָמיר באווײַזן, וויִאזוי ס'האָבן זיך געקייטלט די יאָרן און מיט זיי מײַן זונס געדאנקען.

מע רופט מײַן זון מישע־גרישע. פארוואָס מישע־גרישע? אזוי האָבן מיר אים א נאָמען געגעבן, איך און מײַן פרוי, וואָס ביידע זײַנען מיר שטרענג פּרינציפּיִעלע מענטשן. האָרכט, וועט אײַך קלאָר ווערן. איך הייס באָריס מארקאָוויטש, און מײַן פרוי — אָלגע פּאוולאָוונע. און ניט געקוקט אף דעם, וואָס אונדזערע געטער שטרײַטן אין די הייכן, לעבן מיר דאָ, פון אונטן, א לעבן — האלעווײַ אף אלע ייִדן און ניט־ייִדן געזאָגט געוואָרן. מיר זײַנען ביידע נײַע, פרײַע מענטשן, לעבן אין א נײַער, פרײַער צײַט, אזוי, אז ווען מיר האָבן זיך באקענט, האָבן מיר זיך געגריבלט ניט אין די פּאספּאָרטן אונדזערע, נאָר אין די טיפענישן פון אונדזערע הערצער און געפילן, וועלכע האָבן געקלאפּט צום טאקט: טיק־טאק... און מיר האָבן זיך גענומען. פרעגט איר ווײַטער, וואָס האָט עס פאר א שײַכעס צו מישע־גרישען מיט זײַן צווייגאָרנדיקן נאָמען? איז האָט געדולד. סע האָט א שײַכעס. ווי שוין געזאָגט, זײַנען איך און מײַן פרוי מענטשן שטרענג פּרינציפּיִעלע. פּרינציפּיִעלקײַט איז אוואדע בעסער, איידער פּרינציפּלאָזיקײַט. מאסקים?

מע זאָגט, אז צוליב א פולשטענדיקן שאָלעם־באַיִס און גוטלעבן מוז איינער פון די צדאָדים עפּעס־וואָס מעוואטער זײַן, אין עפּעס זיך מאכן ענג, ווו־ניט־ווו אָפּטרעטן, נאָכגעבן. איז עס ניט ריכטיק. א רײַע — איך און מײַן ווײַב. מיר לעבן אין אכדעס, גליקלעך און צופרידן, ניט פארבייגנדיק דערבײַ א האָר פון אונדזערע פּרינציפּן. יעדערער בלײַבט בא זײַניקע. מיר געפינען שטענדיק א גלאטן אויסוועג, א געמיינזאמע פארשטענדעניש, קעדיי צו פארהיטן דעם שאָלעם־באַיִס מיט די פּרינציפּן צוגלײַך. און דאָ קומען מיר צום איקער, און ס'וועלן פארענטפערט ווערן אלע אײַערע קאשעס.

ווי סע פירט זיך, איז מיט זעכצן יאָר צוריק, אין א שטיקל צײַט ארום נאָך אונדזער צוזאמענגיין זיך, געבאָרן געוואָרן אונדזער ערשטלינג. א דערשײַנונג א גאנץ נאטירלעכע, וואָס סע טרעפט ווי בא פּרינציפּיִעלע, אזוי אויך בא ניט־פּרינציפּיִעלע עלטערן. נאטירלעך, האָט זיך געשטעלט די פראגע מיקויעך א נאָמען, וויִאזוי אָנצורופן אונדזער בעניאָכיד, דעם קומענדיקן כאָסן־באָכער, דעם־אָ טאקע, וואָס דארף אָט־אָט באקומען א פּאספּאָרט אלס עמעסער בירגער פונעם פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן. זיצט דאָך אָבער אין אונדז דער גען אָדער אן אנדער ווייסעך־וואָס, וועלכער פּיקט און טאָטשעט: ציט ווײַטער דעם דוירעסדיקן פאָדעם פון אײַערע אָוועס, סע זאָל ניט פארלאָרן גיין און ניט אָפּגעמעקט ווערן זייער נאָמען... און העיויס נאָך לעבעדיקע מײַדט מען אויס צו געבן א נאָמען (אונדזערע ביידנס טאטע־מאמע לעבן נאָך, קיין אײַנהאָרע), בלײַבט איבער נאָכן זיידן, נאָך מײַן זיידן.

— נאָך דײַנעם, — שפּרינגט אוף מײַנע, — און פארוואָס ניט נאָך מײַנעם?..

א גערעכטע טײַנע. ווי שוין געזאָגט, איז שאָלעם־באַיִס העכער פון אלץ. זײַנען מיר דאָך אָבער ביידע מענטשן מיט פּרינציפּן, האָבן מיר באשלאָסן: יאדאכעס — נאָך ביידן, נאָך ביידע זיידעס... איז שוין בעמיילע פארענטפערט אײַער פראגע וועגן דעם דאָפּלטן נאָמען. מײַן זיידע האָט געהייסן מוישע, א ייִד א קירזשנער און אן אָרנטלעכער מאן, א ליכטיקן גאניידן זאָל ער האָבן. און מײַן ווײַבס זיידע, זאָל ער דאָרט רוען צווישן אלע הייליקע, האָט געהייסן גריגאָרי, גריגאָרי קריוואָלאפּאָוו. נו, זײַנען מיר אוועק אין זאגס און געקרוינט אונדזער יוירעש מיטן דאָפּלט־געצערטלטן נאָמען: מישע־גרישע, נאָך ביידע זיידעס... זײַט איר שוין פארטיק, הא? וואָרעם ווי קען דען גלײַכער זײַן? איז

האָט געדולד. געקומען אין זאגס, שפרינגט מײַנע ווידער אוף:

— פארוואָס עפּעס שפּארסטו דײַן זיידן פון פאָרנט? פארוואָס מישע־גרישע און ניט גריישע־מישע?..

איז זי ווידער גערעכט. פּרינציפּ! עס בלײַבט ציִען קניפּלעך... און ס׳איז ארויסגעפאלן מײַן קניפּל דאָס ערשטע. אזוי איז פארבליבן: מישע־גרישע, און אדהײַעם, אין די פּאפּירן און פאר לײַטן, הייסט ער, ווי סע איז פארשריבן, מיט ביידע נעמען. מיר אָבער, יעדערער בא זיך אין הארצן, רופן אים: איך — מישע און זי — גרישע... און טאָג־אײַן, טאָג־אויס, ווען ס׳כאפּן זיך ארײַן צו אונדז זײַנע כאווײרים און פרעגן:

— מישע־גרישע איז אין דער היים?

ענטפער איך:

— אָט זיצט ער, מישע. בא זיך אין צימער...

און זי, מײַנע, אויב מע ווענדט זיך מיט דער זעלבער פראגע צו איר, ענטפערט פארקערט, מיטן טראָפּ אף איר זיידן:

— גרישע? אָט זיצט ער, גרישע, און שפּילט מיט דער קאַץ...

ווי באלד מיר האָבן דאָ מאזקיר־נעשאָמעס געוועזן ביידע זיידעס, מוז מען צוגעבן: זיי האָבן טאקע קאָשער פארדינט, אז זייערע נעמען זאָלן ניט אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד. ביידע זײַנען געוועזן פּאָשעטע, ערלעכע האָרעפּאשניקעס, געלעבט פון יעגיִאקאפּאיִם. ביידע, ווי צונויפגערעדטערהייט, געוועזן פארביסענע אקשאָנים. הײַנט רופט מען עס: פּרינציפּיִעלע.

מײַן זיידע, מוישע דער קירזשנער, האָט א גאנץ לעבן גענייט היטלען, יארמלקעס, שטרײַמלעך, פּאפּאכעס. צוגעדעקט אלעמען די קעפּ... זומער, אין די לאנגע היציקע באטאָגן, פלעגט ער זיצן אָנגעבויגן, האלב־אָנגעטאָן, האלב־נאקעט, פארלייגט א פוס אף א פוס, סטריגעווען א היטל, אונטערברומענדיק דערבײַ א פּיזמען:

ניט שטענדיק זיצט א זײַדן היטל
אף א קלוגן קאָפּ מיט מארך,
אָפּט עס איז אן אָפּנאר־מיטל
קעדיי צודעקן א פארך...

אן אקשן איז ער געוועזן א פארביסענער. יאָרנלאנג האָט ער געפירט א סיכסעך וועגן א שוטפעסדיקן פּארקן, וועלכן דער שאָכן האָט געוואָלט צענעמען און ער איז געוועזן קעגן. האָט מען געמאכט א געריכט, און דער זיידע האָט דאפקע פארשפּילט... האָט ער זיך אָפּגערופן צום שאָכן:

— נו, האָב איך ניט אויסגעפירט מיט דיר אף דער וועלט, וועל איך אויספירן אף יענער וועלט...

און גראָד זײַנען ביידע אין דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן.

וויִאזוי מע האָט דאָרט געפּאסקנט, אף יענער וועלט, ווייס איך ניט. דער פּארקן שטייט ביז הײַנט־צו־טאָג...

נו, און מײַן ווײַבס זיידע, גריגאָרי קריוואָלאפּאָוו, איז אויך געוועזן א האָרעפּאשנער מענטש און אויך א גרויסער אקשן. איך וועל ניט גיין דאָ וועגן אים דערציילן, זאָל דאָס טאָן מײַן ווײַב.

דאָס, וואָס איר ווייסט שוין וועגן די זיידעס, האָט זיך אָפּגערופן אף זייער אורייניקל, אף אונדזער זון, אף מישע־גרישען. אמאָל האָט מען עס גערופן „א גילגל”, הײַנט הייסט עס יערושע־גענעטיק. איך מיין די פּרינציפּיִעלקײַט, אָדער, אויב איר ווילט, דאָס אײַנגעאקשנטקײַט. יאָ, מײַן זון טראָגט מיט ליבע און שטאָלץ ביידע זיידנס נעמען, נאָר ער האלט זיך אקשאָנעסדיק בא זײַנע אייגענע מיינונגען און פּרינציפּן. עמעס, זײַן וועלט־באנעם איז הײַנט א נײַער, די פעסטקײַט אָבער פון די פּרינציפּן האָט ער געיארשנט בא די זיידעס.

מיר, די עלטערן, פון אונדזער זײַט, האָבן אים דערצויגן פרײַ, אָן פאָרורטיילן. פריִער אין פּיאָנעריע און שפּעטער אין קאָמיוג. אים איז לאכלוטן פרעמד יעדער מין צעטיילונג אף „קאמער־קאמער־הויז”, אף צאמען און באריערן צווישן מענטשן. ער האָט שטארק ליב זײַן טאטע־מאמע און פילט זיך ניט „פּיפּטי־פּיפּטי”, כאָצי־ייִד און כאָצי־רוס, נאָר פּאָשעט א מענטש, א קאָמסאָמאָלעץ, און שוין. א לויב צו אים! נאָר אָט, אז ס׳האָט זיך דערנעענטערט די צײַט צו באקומען א פּאספּאָרט, האָבן מיר ביידע, טאטע־מאמע, א טראכט געטאָן: „אונדזער זון גייט ארויס אין לײַטן, גייט ווערן א מענטש מיט אלעמען גלײַך, פּאסט עפּשער ניט איבערצולאָזן אים אף ווײַטער מיט צוויי נעמען. עפּעס ניט הײַנטמאָדיש...” האָבן מיר ביידע איידל און פונדערווײַטנס אים געגעבן אן אָנצוהערניש וועגן דעם. עפּשער איז גלײַכער און הײַנטצײַטיקער איבערצולאָזן אים אף זײַן ווײַטערדיקן לעבנסוועג בלויז מיט איין נאָמען. דערבײַ, פארשטייט זיך, האָב איך אין זינען געהאט איבערלאָזן זײַן ערשטן נאָמען, מישע, נאָך מײַן זיידן. און זי, מײַנע, פון איר זײַט, האָט געטראכט וועגן דעם צווייטן נאָמען — גרישע, נאָך איר זיידן. אײַ, טאָמער, — האָט יעדערער פון אונדז געטראכט, — וועלן ווידער ארויסשפּרינגען די גענעען מיט די פּרינציפּן: „מײַנער־דײַנער”, האָבן מיר דאָך אן אויסגעפּרוווט מיטל: ציִען קניפּלעך. אָבער דערצו איז, א לויב צו גאָט, ניט דערגאנגען. איר האָט באדארפט זען און הערן די רעאקציע פון אונדזער בענאָק אף דער דערמאָנטער אָנצוהערעניש, ווי ער איז אופגעשפּרונגען פון זײַן אָרט:

— ניין און ניין! וואָס הייסט, כ׳זאָל אויסקלײַבן צווישן טאטע־מאמע, צווישן ביידע זיידעס? איך בין אײַער ביידנס בלוט און פלייש, איר זײַט מיר ביידע צוגלײַך ליב, עס זײַנען מיר פרעמד אײַערע געטער, ווײַל כ׳האלט ניט פון זיי ביידן... איר אָבער אליין און אײַערע זיידעס זײַנען מיר ליב און טײַער. און ביכלאל לעמײַ זיך שעמען מיט צוויי נעמען?.. קנאפּ

דען גרויסע לײַט האָבן געטראָגן צו צוויי נעמען? זשאַן־זשאַק רוסאָ און יאָהאַן־וואָלפגאַנג געטע, ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, כאַיִם־נאַכמען ביאַליק, מאַני־לייב, עסטער־ראָכל קאַמינסקע, לייווי־ייִצכאָק בערדיטשעווער. הײַנט שאָלעם־אַלייכעמס העלדן: שימען־עליע און שיינע־שיינדל, בערל־אײַזיק און מענאַכעם־מענדל, און נאָך און נאָך... — און ער האָט גענומען שיטן מיט צווייענדיקע נעמען, ווי פונעם אַרבל, מאַכמעס ער איז באָקי אין אַלע ליטעראַטורן... קורץ, זיך אײַנגעשפּאַרט: דאַפקע מישע און דאַפקע גרישע. מישע און גרישע אינײנעם. עס געפעלט אים דער ס׳אַמער צווילינג. נאָך אַזאַ רעאַקציע האָבן מיר פאַרביסן די ליפּן. פּאַסעך שין — שאַ. מער קיין וואָרט. און צוריקגערעדט: טאַקע לעמײַ זיך שעמען מיט די לײַבלעכע צוויי נעמען? אָט האָט איינער אַ קאָרעוו מײַנער, כ׳געדענק נאָך פון די קינדער־יאָרן, געטראָגן גאַנצע פיר נעמען: אַלטער־כאַיִם־שלוימע־זיסל... פאַרוואָס פיר? צוויי נעמען, שלוימע־זיסל, ווי געוויינלעך. נו, און אַלטער און כאַיִם שוין שפּעטער צוגעגעבן, ווען ער איז צוויי מאָל מעסוקן קראַנק געווען. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים אין שול, מיט גרויס פּאָמפּע, פאַר צען מענטשן, צוגעלייגט דעם נאָמען: „כאַיִם — ער זאָל לעבן... האָט איר שוין כאַיִם־שלוימע־זיסל. און צום צווייטן מאָל, ווען ער איז שוין טאַקע געווען אָט־אָט, האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען „אַלטער" — ער זאָל זיך עלטערן, ביז הונדערט מיט צוואַנציק. איז געוואָרן: אַלטער־כאַיִם־שלוימע־זיסל... און ער האָט טאַקע געלעבט דערנאָך גאַנצע פערצן יאָר! איר פרעגט דעם סייכל פון צולייגן אַ נאָמען? אַ גאַנץ פּאָשעטער, קלאָר און פאַרשטענדלעך. ס׳ערשטע מאָל, ווען דער מאַלעכ־האַמאָוועס איז געקומען מיט אַן אויסגעשריבענעם אָרדער אַף שלוימע־זיסלען, האָט ער דערזען, אַז ער פּלאָנטערט די אַדרעסן, ווײַל ער האָט געטראָפן ניט שלוימע־זיסלען, נאָר כאַיִם־שלוימע־זיסלען... און צום צווייטן מאָל, ווען ער איז שוין געקומען מיט אַן אָרדער אַף אַלע דרײַ נעמען — אַף כאַיִם־שלוימע־זיסלען, איז ער ווידער געבליבן מיט אַ נאָז, ווײַל פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נײַער מענטש מיט אַ פירגאָרנדיקן נאָמען: אַלטער־כאַיִם־שלוימע־זיסל... און דער פריִערדיקער פאַרשוין כאַיִם־שלוימע־זיסל האָט זיך, מאַשמאָעס, שוין לאַנג־לאַנג אויסגעשריבן... ווי איר זעט, זײַנען דאָ נישטאָ ניט קיין ניִסים, ניט קיין קונצן. ס׳איז אַ פּראָסטע לאָגיקע...

און דערמיט פאַרענדיק איך די געשיכטע מיט אַ נאָמען. מישע־גרישע איז פאַרבליבן מיט זײַנע צוויי נעמען. ער האַלט אין וואַקסן. טרוימט צו פאַרנעמען אַ הויכן פּאָסט. עמעס, בייזע צינגער און ניט־פאַרגינער פּלאָנטערן, אַז עס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך פון אים אַ הונדערטפּראָצענטיקער פּעדאַנט. נאָר זיי האָבן דען אַן אַנונג וועגן פּרינציפּן? מיר זײַנען אַ דינאַסטיע פון פּרינציפּן! פון די זיידעס ביז די אוריינִיקלעך — אַקשאָנים...

מ ו י ש ע ק אָ ז אָ ד אָ ן

מאָסקווע

מיר האָבן געוואַרט אַפן קייסער

— גוואַלד געשריגן, וויפל דאַרף מען רײַבן די פּריאַזשקע פונעם פּאַסעק? דו וועסט דאָך באַלד אָפּרײַבן דאָס, וואָס עס איז אָנגעשריבן אַף איר, מע וועט דאַרפן קויפן אַ נײַעם פּאַסעק...

— בעסער וואָלסטו די שיך אָפּגערייניקט, גיב אַ קוק, וואָס פאַר אַ פּאָנעם זיי האָבן. וווּהין טראָגט דיך דער רועך? בא מענטשן זײַנען קינדער, ווי קינדער, און בא מיר איז קיין כאָלערע אַף אים ניטאָ!..

— פּימע, דו הערסט, וואָס איך זאָג, צי ניין? אָט וועט קומען דער טאַטע, וועט ער דיך ווי געהעריק מעכאַבעד זײַן מיט דעם פּאַסעק...

פּימע, מײַן עלטערער ברודער, האָט ענדלעך אוועקגעלייגט אין דער זײַט דאָס שטיקל ציגל און אָנגעהויבן זיך שפּיגלען אין דער פּריאַזשקע. פריִער האָט ער ניט געוווּסט, אַז מע קאָן אין דער פּריאַזשקע זיך זען, ווי אין אַ שפּיגל. אָבער די פיר אויסיעס «ПАРУ» האָבן שטאַרק קאַליע געמאַכט דאָס פּאָנעם, און אַפן אויסבייג האָט עס זיך אויסגעצויגן, גלײַך מע האָט עס פאַרקלעמט מיט דער טיר.

אוועקגעלייגט דעם פּאַסעק אין דער זײַט, האָט פּימע זיך אַ קער געטאָן צו דער מאַמען, וועלכע האָט אים ערשט נאָרוואָס געזידלט:

— נו, דו האָסט שוין פאַרגעדענקט, וואָס עס באַטײַטן אַף מײַן פּריאַזשקע די אויסיעס «ПАРУ»? וויפל מאָל דאַרף מען דיר אײַנטײַ־

נען, אַז «ПАРУ» איז ניט קיין מיִעסער „באַל“ — עס באַטײַט Проскуровское Алексеевское реальное училище?

און וואָס שײַעך מײַנע אָפּשאַצונגען פונעם לערנען, די „באַלן“, ווייסטו דאָך, אַז איך בין אַריבערגעפירט געוואָרן אין צווייטן קלאַס אָן שום מעניִעס, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער לערער האָט זיך צו מיר שטענדיק געטשעפּעט. ווען פימקע זאָל זיך לערנען אַזוי, ווי איך, וואָלט ער געהאַט גאָלע פינפן... גוט, וואָס איך בין ניט געבליבן אַף נאָך אַ יאָר אין ערשטן קלאַס, מע וואָלט מיך מאָרגן ניט געלאָזט אַף דער שפּאַלערע. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, מאַמע, אַז ווער עס וועט זען אַ לעבעדיקן קייסער, דער וועט לעבן ביז הונדערט יאָר...

שווער צו פאַרשטיין די מאַמע — אָט שילט זי פימען מיט אַלע כאָלערעס און ווינטשט אים, ער זאָל אײַנעמען אַ מיסע־מעשונע, און אָט וויל זי, ער זאָל לעמאַנהאַשעם גיין זען דעם קייסער, און ניט אַף אַ פאָטאָגראַפיע, ניט אין קינאָ, נאָר טאַקע דעם לעבעדיקן ניקאָלײַ דעם צווייטן, און מיט דעם זיך באַוואָרענען צו לעבן ביז הונדערט יאָר. דערבײַ וויל זי, ער זאָל אויך מיטנעמען דעם קלענערן ברודער, מיך, הייסט עס, אַף דער שפּאַלערע.

פימע דערווידערט:

— די גאָראָדאָוואָיעס וועלן איבערקוקן אונדזערע שערענגעס. און אַכוץ דעם, האָב איך פײַנט קליינע קינדער — זאָל מיישקען מיטנעמען סעריאָזשקע פּאַווּלישטשוק, ביידע רייצן זיך שטענדיק מיט מיר, כאַפּט זיי דער רועך ביידן! ניין, מיישקען וועל איך בעשום־אויפן ניט נעמען! זאָל ער ניט זען דעם לעבעדיקן קייסער, עפשער וועט ער שטאַרבן פריִער, וועט עס זײַן פאַר מיר בעסער, ווײַל אים גיסטו דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, גלײַך ווי ער איז פון אַ דוואָריאַנסקע פאַמיליע און איז ניט אַזוינער, ווי איך. און אויב דו ווילסט וויסן, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז די דוואָריאַנסקע קינדער און אַלע ניט־ייִדן וועט מען לאָזן אין דער ערשטער שערענגע, און די ייִדישע קינדער אין דער לעצטער שערענגע. מע זאָגט, אַז דאָרט וועלן זײַן סטראַזשניקעס אַף פערד מיט גלאַנציקע צײַמלעך. דאָס וועלן זײַן מאַזלדיקע פערד — זיי וועלן זען ניקאָלײַ דעם צווייטן...

די מאַמע ווייסט, צוליב וואָס עס דאַרף קומען מאָרגן קיין פּראָסקוראָוו דער קייסער. ער דאַרף פאַרהערן די פּוילישע גרענעץ, עס זאָל ניט זײַן קיין מילכאָמע. און מע זאָגט, אַז די מילכאָמע וועט זײַן דאָרט, ווו דער קייסער וועט ניט פאַרהערן די גרענעץ. בא אונדז איז די גרענעץ זייער נאָענט, לעם סאַמע פּעראָן, דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן גרעטשאַני, אַזוי אַז ניקאָלײַ דער צווייטער וועט ניט דאַרפן זיך מאַטריִעך זײַן און צוליב אויסמײַדן אַ מילכאָמע גיין דער שעד ווייסט וווהין.

אַלע באַלעבאַטים זאָרגן זיך הײַנט, מע זאָל גוט אויסקערן די גאַסן. דאָס מאַכן זיי צוליב דעם, דער קייסער זאָל ניט מיינען, אַז פּראָסקוראָוו איז אַ שמוציק שטעטל. און מע זאָגט נאָך, אַז ווען דער קייסער וועט וועלן, וועט מען אין אונדזער שטעטל אָנהייבן מויערן צווייִשטאָקיקע שטיבער, גלײַך ווי אין קיִעוו אָדער פּעטערבורג.

די מאַמע טײַנעט:

— איך וויל ניט וויסן, וואָס מע זאָגט, אָבער מיישקען זאָלסטו נעמען מיט זיך. ער איז דאָך דײַן קלענערער ברידערל, זאָל ער אויך לעבן ביז הונדערט יאָר.

— ניין, — זאָגט כאַיִם, — איך וויל אים ניט נעמען, זאָל אים נעמען סעריאָזשקע אָדער דימקע שטשעגלאָוו. דימקעס טאַטע איז אַ גאַלעך, ער וועט שטיין אין דער ערשטער שערענגע אַף דער שפּאַלערע, און מיישקע וועט זען דעם קייסער נאָך בעסער, איידער איך. ס'קען זײַן, אַז ער וועט לעבן נאָך מער ווי הונדערט יאָר...

אײַנגיכן איז געקומען אונדזער פאָטער מיט אַ נײַס: דערפאַר, וואָס עס דאַרף קומען מאָרגן דער קייסער, וועלן אַלע סאָלדאַטן פון דער קאַזאַרמע קומען צום פּעראָן, און זיי וועלן שטיין אויסגעצויגן „סמירנאָ“, אַזוי, אַז די קינדער פון דער רעאַלנע אוטשילישטשע וועלן סײַוויסײַ גאָרנישט ניט זען...

אָבער די מוטער זאָגט, אַז כאַיִם זאָל אַלציינס נעמען מיט זיך מיישקען, ווײַל ווער עס וועט זען דעם לעבעדיקן קייסער, דער וועט לעבן ביז הונדערט יאָר. זי וואָלט אַליין אויך געגאַנגען אָנקוקן דעם קייסער, נאָר זי האָט אים זייער פײַנט, ווײַל ער האָט פײַנט ייִדן.

זאָגט דער פאָטער:

— ביסט מעשוגע!

נאָר כאַיִם ווייסט, אַז דער פאָטער האָט אויך פײַנט דעם קייסער, און ער האַלט ניט פון אָבערגלויבענישן, ער וויל אָבער אויך, אַז מיישקע זאָל זען דעם לעבעדיקן קייסער, ווײַל ניט אָפט קומען צו פאָרן אין די קליינע שטעטלעך קייסאָרים. און דער פאָטער האָט געמאַכט אַ כעזשבן, אַז וויבאַלד עס איז איצט דאָס 1913 יאָר, וועט מיישקע, וועלכער איז איצט אַלט 5 יאָר, לעבן ביזן 2008 יאָר.

מאָרגן אינדערפרי האָבן אַפן קלויסטער געקלונגען אַלע גלעקער, און די גאַסן זײַנען געווען אַזוי ריין, אַז מע האָט ניט געקענט דערקענען פּראָסקוראָוו.

כאַיִם איז אופגעשטאַנען זייער פרי, און מיך, מיישקען, האָט ער סטאַם ניט באַמערקט. ער האָט גענומען דעם ראַנעץ און עטלעכע מאָל קאָנטראָלירט דעם גלאַנץ פון דער פּריאַזשקע. זײַנע שיך האָט די מאַמע אַליין געמאַכט גלאַנצנדיק. מײַן ברודער איז אוועקגעגאַנגען אין שול, און מיך האָט ער ניט געוואָלט מיטנעמען. אָבער איך בין אַליין געגאַנגען נאָך אים, און אַף דער סטאַראָבולוואַרנע גאַס האָט ער ראַכמאָנעס געהאַט אַף מיר און האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט.

אין דער שול זײַנען אַ סאַך געקומען מיט זייערע קלענערע ברידער און שוועסטער. נאָך דעם זײַנען מיר אַלע געגאַנגען צו דער סטאַנ־

ציע און אויסגעשטעלט זיך אין א לאנגער שערענגע. אזוי זײַנען מיר געשטאנען העכער צוויי שאָ, ביז עס איז געקומען צו פאָרן דער פּאָיעזד, עפּעס זייער א קורצער, אינגאנצן פיר וואגאָנען מיט א פּאראָוואָז.

איך האָב געקוקט, ווי מע זאָגט, מיט אלע אויגן. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פון דעם דריטן וואגאָן זײַנען ארויסגעגאן עטלעכע אָפיצערן מיט גאָלדענע מעדאלן און עפּאָלעטן, ענלעכע אף בערשטלעך מיט האָניק. עטוואָס שפּעטער האָט זיך פון דעם זעלבן וואגאָן ארויסגעשטעלט דער עלטסטער אָפיצער, וועלכער האָט געטראָגן אף די הענט א ייִנגעלע. באלד האָט מען צווישן אונדז אָנגעהויבן רעדן, אז דאָס טראָגט ער דעם קייסערס זון, וועלכער הייסט אלעקסיי, און לעקאָוועד זײַן נאָמען הייסט אונדזער שול „אלעקסייעווסקאיא”. און מע טראָגט אים אף די הענט דערפאר, ווײַל ער האָט קראנקע פיס. נאָך דעם איז פון דעם צווייטן וואגאָן ארויסגעגאן דעם קייסערס ווײַב מיט דער עלטערער טאָכטער, און ערשט נאָך אלעמען האָט זיך באוויזן אליין דער קייסער.

פריִער האָב איך געמיינט, אז דער קייסער איז א מעסוקן גרויסער מענטש, אָבער איך האָב געהאט א טאָעס — ער איז געווען קלענער אפילע פון די אָפיצערן. נאָר איך האָב אים טייקעף דערקענט לויט זײַן באָרד און וואָנצעס, ווי אף די פאָטאָגראפיעס...

די סוויטע האָט אף אונדז אפילע ניט קיין קוק געטאָן. זיי האָבן זיך איינפאך ארײַנגעזעצט אין די אווטאָמאָבילן, וועלכע זײַנען פּלוצעם צוגעפאָרן צו דעם פּעראָן, און זײַנען אוועקגעפאָרן. שפּעטער האָט מען געזאָגט, אז דער קייסער האָט אפילע ניט געטראכט פארהערן די גרענעץ — ער איז פּאָשעט געפאָרן אין אן אנדער לאנד צו אן אנדער קייסער...

נאָר פאר מיר איז דאָס שוין געווען ניט אזוי וויכטיק. וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געזען מיט מײַנע אויגן א לעבעדיקן קייסער, און דערפאר וועל איך, ווי די מאמע זאָגט, לעבן ביז הונדערט יאָר.

אליין דער קייסער מיט זײַן גאנצער סאמאָדערזשאוויע האָבן נאָך „געצויגן” א יאָר פיר, ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע...

פאמפלעט

עמע גוסיעווא
מאסקווע

קויפט, קויפט, קוינים...

איר האָט זיך קיינמאָל ניט באגעגנט מיט מענטשן, וועלכע ווילן מאכן א וואזוראך פֿון דער היים? מיר איז אויסגעקומען, ניט פאר אײַך געדאכט. אָט דער נעפעש איז געווען מײַנער א געוועזענער כאווער, מיט וועלכן איך האָב זיך געלערנט אין איין קלאס.

איך געדענק אים, ווען ער איז געווען א קינד, דערנאָך א שווארצהאָריק באָכערל, אן אקוראטער, צוזאמענגעקליבענער, דאפקע א קליינוווקסיקער, דערפאר אָבער א בעריע אין אלערליי וויסנשאפטן. אויך דעם אוניווערסיטעט האָט ער געענדיקט אף אויסגעצייכנט, פארטיידיקט א דיסערטאציע. דערנאָך ערגעץ נעלעם געוואָרן.

ערשט אין צוויי צענדליק יאָר ארום האָב איך אים צופעליק באגעגנט. ער האָט מיך ניט דערקענט. אגעוו, ס'איז סײַווי ניט געווען וועגן וואָס צו ריידן. אונדזער יוגנט איז שוין פון לאנג אוועק...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בין איך פונדעסטוועגן צו אים ארײַנגעקומען, ווײַל עס האָט מיך פארינטערעסירט זײַנע א מוידאָע: עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן צו קויפן א שרײַבמאשינדל „אָלימפּיע”... די מישפּאָכע פּאָרט ארויס...

דאָס פּאָנעם באם באלעבאָס איז געווען מיד און עטוואָס צעשטרײַט. איצט האָט ער, א סוואָרע, זיך דערמאָנט, ווער איך בין. דער געעלטערטער, אמאָל צוגעקליבענער באָכער האָט איידל אויספארקויפט זײַן האָב־און־גוטס, וואָס איז צו אים איבערגעגאן בעירושע.

אינעם סערוואנט, וואָס גלאנצט מיט קריש־

טאָל־ריינעם גלאָז, שטייט טײַער זילבער־געַ־פעס. אױף יעדן בעכער, לעפל, טעפּעלע הענגט א בירקע. איך האָב געמיינט, אז עס ווערט אזוי אָנגעוויזן די פירמע, נאָר ניין, מיט שווארצן טינט איז אָנגעצייכנט, וויפל עס וועגט יעדע זאך. יאָ, די זילבער־כפייצים פארקויפן זיך אפּן וואג. כ׳בין זיך מוידע, איך בין נישטוימעם געוואָרן. הייסט עס, צי שיין עס איז דער בע־כער, צי ער ברענגט פארגעניגן, דאָס איז ניט וויכטיק, אבי ער פארמאָגט אין זיך א היפּשע מאָס מעטאל.

אין מײַנע ביטערע געדאנקען מישט זיך ארײַן דער באלעבאָס פון די בירקעס. ער האָט באמערקט מײַן צעטומלטקייט, מיסטאמע א קלער געטאָן, אז איך גלייב ניט אין די דרײַ־קיקע עטיקעטקעס, אפגיך ארויסגעשלעפּט ער־געץ פון דער טיף א פינקלענדיק אפּטייק־שעלעכל און ארופגעלייגט אף דעם די לעפל. אין אָט דער רעגע דוכט זיך מיר אויס, אז איך געפין זיך אין א קלייט בא אן אלטווארג־הענד־לער. און נאָך: פון אָט א־די גאָפּלען, מעסערס, טעלער שמעקט נאָך מיט די רייכעס פון שפּײַזן, וועלכע אמאָליקע באלעבאטים האָבן געגעסן נאָך אינעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט...

— צוליב וואָס פאָרט איר אוועק פונדאנען?

— מע דארף אזוי!

— און אויב אלץ וועט זײַן ניט אזוי?

— דאָס איז שוין, וואזוי עס וועט זיך אויספּידלען...

מײַן געוועזענער יוגנט־פרײַנט זיפּצט.

אין צימער קומט ארײַן זײַן טעכטערל. זי איז אופגערעגט. די באקן פארויטלט. אירע ליפּן — אָנגעבלאָזן. כ׳ווייס ניט, צי זי איז מאָס־קים מיטן טאטנס טועכץ, עס פילט זיך, אז זי שעמט זיך, וואָס ער איז אזא. זי קוקט אף מיר פרעגנדיק: ווער בין איך — א פרײַנט, אָדער א סוינע, צי עפּשער פאָשעט א מענטש, וואָס איז גלײַכגילטיק צו זייער גורל? ערשט ניט לאנג האָט זי געענדיקט די מיטלשול. אירע כאווער־טעס וועלן אָנקומען אין די הויכשולן פונעם לאנד און פאָרזעצן זייער בילדונג, זיי וועלן גיין ארבעטן — זיי וועלן אויסקלײַבן, וואָס פאר א לעבן זיי ווילן. זייער צוקונפט איז א זיכערע. איר אָבער גרייט דער טאטע אן אנדער מאזל. וואזוי עס וועט זיך שוין אויספּידלען...

אף דער וואנט הענגט עפּעס א בילד, א באצירטס מיט געלע קארעלן, און עס דוכט זיך מיר, אז פון דעם בילד טריפן געלע טרערן.

טונקל איז אין דער גרויסער דרײַצימער־דיקער דירע. ס׳איז ענג. און ניט נאָר צוליב די כפייצים. א פרעמדער גײַסט הערשט דאָ. אלץ — אף דער וואָגשאל, אלץ — צו פארקויפן.

מיר האָבן ניט דערמאָנט אונדזער קינדהײַט, ניט געשמועסט וועגן די אמאָליקע באקאנטע. מײַן געוועזענעם פרײַנט איז עס געווען איבע־ריק.

— עפּשער דארפט איר לעשטשענקאָס א פלאסטינקע? — פרעגט ער מיט א שעפּטשען. — פאראן ווערטינסקי. א גוטע ראדיאָלע — אויך. איר ווילט זען?

דוצן מיך ריזיקירט ער ניט, כאסוועכאָלילע, איך בין זײַן קוינע, און ער איז א פארקויפער, א הענדלער. ניט פײַן האנדלט ער, דער געווע־זענער כאווער מײַנער. ניט קלוג. ער פארלירט א סאך מער, איידער ער געפינט.

צי וועט ער עס אמאָל פארשטיין?

איך בין ניט קיין ריכטער, כ׳טראָג ניט ארויס קיין אורטיילן. איך וויל באנעמען — פארוואָס? פארוואָס גיט מען זיך מיט דער היים און מע לאָזט זיך אף א קרומען וועג? די אָוועס פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק רופן צו זיך? און האנדלען מיטן גורל פון די אייגענע קינ־דער איז ניט שרעקלעך? צי וועט איר קאָנען שפּעטער בא זיי אויסבעטן מעכילע? וואָס וועט איר, עלי זעלדיס, טאָן דאָרטן, אין דער פרעמד, ווען אײַער טאָכטער וועט זיך פארבענקען נאָך די בערעזעס?

עס טוט מיר וויי, וואָס איר האנדלט אזוי. „קויפט, קויפט, קוינים״...

זיסי ווײַצמאַן
ייִשעוו טשעגדאָמין

קום אפן באַם!

זי לאַכט זיך גאָר אויסעט, די אוראַלטע טײַגע,
פון אונדזערע הײַנטיקע וואָכיקע דײַגעס.
נאָר וועלט אף כידושים און צײַטן אף ווונדער
מיר בויען דאָ די מאַגיסטראַל פון יאָרהונדערט.
ווילסטו פאַרזוכן פון לעבן דעם טאַם?
קום אפן באַם!
קום אפן באַם!

אַקשאָנעסדיק רעלסן די ווילדקײַט צעשפּאַרן.
זאָל לויערן טײַגע מיט טויזנט געפאַרן,
עס שפּאַנען פאַראַקשנטע יונגען פאַרויס,
קיין אַרבעט צו שווער, קיין בערג ניט צו גרויס.
ווילסטו זײַן פעסט, ווי פון צעדער אַ שטאַם?
קום אפן באַם!
קום אפן באַם!

ווו ווילדעניש לויערט, ווו אומוועג פאַרפּירט,
פיל שטעט וועלן אופשטײַן, מיט העלקײַט באַצירט.
ייִשוווים שוין שטייען און ערשטע וואָקזאַלן,
די צוגן די ערשטע אין ווײַטן שוין שאַלן.
דו ווילסט, דאָ זאָל יאָגן אַ באַן נאָך אַ באַן?
קום אפן באַם!
קום אפן באַם!

זון אין אַלע פענצטער

בעשאַס דו ביסט געשלאָפן,
די נאַכט איז שנעל אַנטלאָפן,
געקומען דער קאַיאָר מיט גאָרער פּראַכט.
דער האָן — דער אַלטער וועקער
געזאָגט האָט: „קו־קאַ־רע־קו!
איצט פּרווו צוריק דעריאָגן זי, די נאַכט...

די זון — אין אַלע פענצטער!
די שײַן אירע דערקענסטו,
איר לויטערקײַט, וואָס שענער איז ניטאָ?
פאַרגעס אין דײַנע זאָרגן,
זאָג יעדן אַ גוטמאָרגן
און גיי אַרויס אַנטקעגן נײַעם טאָג!

בראניע סינעלניקאָוואַ
מאָסקווע

א קינד איז געבוירן

א קינד איז געבוירן —
א מענטש איז געבוירן.
די רו און דעם שלאָף האָט די מאַמע פאַרלוירן.
זי היטלט עס, זי צערטלט דאָס קינד אינעם וויגל —
די הענט בא דער מאַמען, ווי אָדלערשע פליגל.
א כאָלעם א בייזער איר קינד זאָל ניט שרעקן,
דאָס וואָיען פון ווינט זאָל איר פּיצל ניט וועקן.
עס שמייכלט שוין אונטער, עס הייבט אָן צו שפּאַנען.
ציינדעלעך שניידן זיך —
זײַט אונדז מעקאַנע.
„מאַמע״ — עס מורמלט דאָס קינד שוין.
ס'וועט ריידן;
קיין צאָרע, כאָלילע, זאָל זיי ניט צעשיידן.
קיין שלעכטס זאָל ניט טרעפן, קיין אומגליק פּאַסירן.
די וועלט איז א גרויסע — מיט טויזנטער טירן,
מיט וועגן, מיט שטעגן, מיט טײַכן, מיט יאַמען...
א קינד איז געבוירן —
און דאָס איז די מאַמע.
איר זונעניו עפּשער א פליִער וועט ווערן —
דערלאַנגען אימירצעשעם ביז צו די שטערן,
צי עפּשער א שלאָסער, צי עפּשער א דיכטער.
א מענטש זאָל ער ווערן —
דער מאַמען איז וויכטיק.
גלייבן זי וועט, און וועט זאָרגן, וועט האָפן.
די נעכט וועט זי אירע שוין שפּעטער דערשלאָפן.

מײַן אייניק

וויפל מיר האָבן,
איז קאַרג אונדז און ווייניק...
איך בין שוין א באָבע —
איך האָב שוין אַן אייניק.

זאָל ער מיר וואַקסן, מײַן דעמבל, אָן שאָדן,
גאָר נאָך א ברעקל, מע דאַרף אים נאָך באָדן,
די ווינדעלעך וואַשן, זײַן וויגעלע וויגן —
באַגלייטן צום שלאָף מיט א וואַרעמען ניגן.

כ'וויל נאָך מײַן אייניק אין שול אַרײַן פירן,
עפּשער אים זען מיט זײַן קאַלע שפּאַצירן
און אַף זײַן כאַסענע, ווי בא א מיילעך,
א גליקלעכע טאַנצן די שער מיטן פריילעכס.

זאַלמען מינקין
דאָניעצק

שטומע שטערן

די שטומע שטערן שײַנען, ביז שפּעט באַנאַכט באַם פענצטער
צו זיי זי האָט א טײַנע: זי קוקט אין אַלע זײַטן
און וואַרט אַף די געשפּענסטער
געהאַט כ׳האָב מאַמע־טאַטע, פון טויט־לאַגער דעם ווײַטן.
געליבט זיי אומגעהויער,
עס האָט די געלע לאַטע זי קאָן באַנאַכט ניט שלאָפן.
זיי צוגעדעקט מיט טרויער... זי לאָזט די טירן אָפן.

א טרייסט

איך וועל דיר זאָגן עפּשער ווי א טרייסט:
גליק און אומגליק פאָרן זיך,
דו ווייסט?
איז זוך דײַן מאַזל ווו דו שטייסט און גייסט.

דאָס לעבן רופט, און פרעג עס ניט — פאַרוואָס?
דו ניט באַהאַלט די פרייד און דעם פאַרדראָס.
אַליין פון גורל דײַנעם זײַ א באַלעבאָס.
דערלאָז ניט די אַנטוישונג צו דײַן טיר.
אַף די געפילן דײַנע דו ביסט קאָמאַנדיר.
דײַן גורל, טײַערער, געוועגדט איז בלויז אין דיר.

מאָניע מינעוויטש
גאָרקי

צוסימע

אָט באַלד וועט דער נעפּל פאַרהילן
די לעצטע סימאָנים פון טאָג,
און בליצנדיק וועט זיך צעשפּילן
מיט פײַערלעך וולאַדיוואָסטאָק.

די מעוועס, זיי ליאַרעמען, גראַגערן,
עס הערט זיך אין זייער געשריי
דער גרויל פון מאַטראָסישע ווײַבער,
פון צײַטן פון ווײַטע דער וויי.

אין ראַכוועסן ווײַטע מיר שווימען —
בלויז וואַסער, בלויז הימל, בלויז ווינט.
נאָר אָט שוין דער דורכגוס צוסימע —
דאָס אינדזל צוסימע דערשינט.

פעלדזן, ווי דענקמעלער, גלאַנצן,
היטן דעם קייווער געטרײַ.
און רויטע מעדוזעס, ווי קראַנצן,
פאַרבלוטיקטע שווימען פאַרבײַ.

שירע גאָרשמאַן

אַ רײַזע קײן ליטע און קײן װײַסרוסלאַנד

אין װילנע האָט מיך באַגעגנט מײַנע זיװו מיט איר טאָכטער און מיטן אײדעם. מײַנע גופע איז שלאַנק, איר פּאָנעם גלאַט־לענגלעך, די האָר ניט גראָ, נאָר װײַס, װי שנײ, און זײ פאַלן פון אונטערן טונקעלן בערעט, װי דינסטער פלאַקס. איר טאָכטער סאָרע איז ניט שלאַנק, אירע געדיכטע האָר, װעלכע האָבן אַ פאַרב פון קופּער, זײַנען אַ ביסעלע צוגעפּראַשעט, װי מיט אַש. דער אײדעם כאַיִם איז ניט הױכגעװאַקסן, ער איז געזעצט, פון אונטערן העלן קאַשקעטל פינקלען זײַנע שװאַרצע לאַכנדיקע אױגן, אָבער כוץ געלעכטער איז אין זײ פאַראַן עפּעס אַזױנס, װאָס איך קאָן עס ניט פאַרטײַטשן. עפּעס אַ מין ערנסטקײַט, האָפערדיקײַט, אײנײנעם מיט דײַגע. אַ װײַלינקע זײַנען מיר געשטאַנען אויפן פעראָן, דערנאָך האָב איך געפרעגט, צי מע קען נעמען אַ טאַקסי באַם װאָקזאַל.

— אין װילנע איז אין דערױף קײן דױכעק ניט, — האָט כאַיִם אַ זאָג געטאָן, געכאַפּט מײַן טשעמאָדאַן און איז שפּאָרעװדיק אַװעק פאָרױס.

ס׳האָט מיך דערפרײט, װאָס עס װאַרטן אַף מיר אַזױפיל טאַקסי באַם װאָקזאַל, און איך האָב אַ שפּאַן געטאָן צו אײנער פון די מאַשינעס. אָבער מײַנע מיט סאָרען האָבן מיך אָנגענומען באַ די עלנבױגנס און אַ מאַך געטאָן:

— מיר גײען צו יענער, צו דער רױטער.

באַם אָפענעם באַגאַזשניק פון דער רױטער מאַשין האָט זיך געפּאָרעט כאַיִם, דערנאָך האָט ער אַהין אַרײַנגערוקט מײַן טשעמאָדאַן, איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז ניט קײן טאַקסי, װײַל כאַיִם איז שױן געזעסן באַם רול. מיר, אַלע דרײַ װײַבער, האָבן זיך אַרײַנגעזעצט, בײס כאַיִם האָט שטרענג געפרעגט:

— װאָס שטײט איר, איר װאַרט אַף אַ רעגן?

די געװײנלעכע פראַגע האָט ער אַרױסגעבראַכט מיט אַ טאָן פון אַ גרױסן מײַסטער, און מיר איז קלאָר געװאָרן, אַז דאָס אומפאַרשטענדלעכע אין זײַן בליק און דער שטרענגער אַקצענט אין זײַן פראַגע גײען פונעם אױטאָמאָביל „זשיגולי”. און טאַקע, כאַיִם איז געװען גערעכט. װי נאָר מיר זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין הױף, האָבן די װאָלקנס מער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און ס׳איז אַװעק אַ שלאַקסרעגן.

מינעס דירע — אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געװאָרן: אַ געראַמער אַרײַנגאַנג, פיר גרױסע צימערן, אַ היפּשע קיך, די איבעריקע באַקװעמלעכקײַטן — ניט צו פאַרזינדיקן.

באַם אָנבײַסן האָב איך זיך דערמאָנט, װי דער באַלשעמטאָװ פלעגט זאָגן, בײס ער פלעגט קומען צו זײַן טאָכטער: „כ׳װײס ניט, װאָס פריִער צו עסן. אױב אײער, אַף װאָס דאַרף מען פּוטער? אױב געברײכערטע פיש, אַף װאָס דאַרף מען קאַלטן אַף?..”

נאָכן עסן האָט כאַיִם זיך אַנטשולדיקט:

— כ׳װאָלט מיט פאַרגעניגן פאַרבראַכט מיט אײַך, אָבער דער צענטער פינפיאָר יאָגט אונטער, אַרבעט איז איבערן קאָפּ!

איך האָב ניט נאָר אַנטשולדיקט כאַיִמען, כ׳האָב דערפילט אַ געװיסע פאַרלעגנהײַט, װאָס איך בין ניט קײן אינזשעניער און איך װײס לאַכלוטן ניט, װי און װאָס כ׳װעל הײַנט טאָן. אָבער גאָר גיך האָט מיך אױסגעלײזט דער שרײַבער בער האַלפערן. װער ס׳האָט אים געזען,

וועט מאסקים זײַן מיט מיר, אַז ער באַזיצט אַ מאַיעסטעטישע אויסערלעכקייט, איז אינטע־ליגענט, און זײַן שטיל רײדן מיטן קוים באַמערקבארן שמייכל מאַכן אַ גוטן אײַנדרוק. פאַר־ברענגען מיט אים איז באַקוועם און פרײַ. ווער רעדט נאָך, אַז ער האָט פּאַרגעלייגט מאַכן אַ שפּאַציר איבער ווילנע. איז טאַקע גוט, וואָס דער רעגן האָט אופגעהערט. מיר גייען איבער דער שטאָט, און בער ווענדט מײַן אופמערקזאַמקייט אָף דער זויבערער אײַנגעאָרדנט־קייט פון די גאַסן און הויפן.

— דאָס איז גלעזער־גאַס, — האָט ער מיך דערפרייט.

אָבער איך האָב ניט געפונען קיין קלענסטן געגאַרטן דערפרייענדיקן שפּור...

ניט אומזיסט איז דאָ אַ ייִדישע קלאָלע: „קיין מיסט זאָל בא דיר ניט זײַן, זאָלסט פאַר־שפּאָרן צו ראַמען". דאָס איז אַ שווידערלעך־טרעפלעכע קלאָלע. אָף גלעזער־גאַס האָט מיך קיינער ניט אָפּגעשטעלט, קיינער האָט מיך ניט באַלעסטיקט מיט אומגעבעטענער נײַגעריי־קייט: „אַ געקומענע? איר האָט דאָ קרויוים? עפּשער ווילט איר גאָר בלײַבן אַ היגע?"

ס'קומט מיר אָפן זינען האַלקינס שורעס:

יאָר נאָך יאָר זײַנען אַריבער,
פולע זײַנען יענע גריבער
און נאָך רויטער איז די ליים,
יענע ליים איז איצט מײַן היים.

די ווילנער גאַסן זײַנען פול, עס שווירבלט און עס גריבלט. אַלטע ליטווינער, מיטלאַריקע ליטווינער, יוגנט, אַ סאַך קינדערלעך אין וועגעלעך, אַלע זײַנען גוט געפלעגט. די מיידלעך, די יונגע באָכערים לאַכן, שפּאַנען פרײַ איבער די גאַסן, זייערע בליקן זײַנען גלאַנצנדיק און זאָרגלאָז. פונוואַנען קאָנען זיי וויסן, ווי ווילנע האָט אויסגעזען מיט פערציק יאָר צוריק? וואָס זײַנען זיי שולדיק, וואָס מײַן געמיט איז פאַרפינצטערט? איך באַהערש זיך קוים, איך זאָל ניט אָפּשטעלן עמעצן פון זיי און ניט אויסשרײַען: „שטייט, אײַלט זיך ניט, הערט מיך אויס. דאָ איז געווען גאָר אַנדערש!"

ס'איז שוין דער דריטער טאָג, ווי איך בין אין ווילנע, מע דאַרף אָפּמערקן די קאָמאַנדי־רונג.

גיי איך אין ווילנער שרײַבער־פאַריין. דער טעכנישער סעקרעטאַר דאַנײַטע מערקט אָפּ די קאָמאַנדירונג, און אָף מײַן פראַגע, צי קען איך זען עמעצן פון שרײַבער־פאַריין, ווײַזט זי מיר אָף אַ טיר. גיי איך אַהין. בא אַ טיש זיצט אַ מענטש אין סאַמע בלי̆ענדיקן עלטער. מיר באַקענען זיך. דאָס איז פּיאַטראַס אַנטאַנאַוויטש בראַטעניס. מיר ריידן זיך דורך, איך ווײַז אים מײַנע פּאַפּירן, דאָס מיטגליד־ביכעלע און זאָג צו אים:

— כוץ דעם אַלץ, בין איך אַ היגע געבאָרענע.

— אין ווילניוס?

— אין קראַקעס. דאָרט בין איך געבאָרן געוואָרן. איך וואָלט גערן צוגעפאָרן אַהין.

— וואָס פאַר אַ טויווע איר וועט דאַרפן, וועט דער שרײַבער־פאַריין פאַר אײַך טאָן.

— עס וואָלט געווען בעסער, איך זאָל קיין שום טויווע ניט דאַרפן פונעם שרײַבער־פאַריין. אָבער אויב מעגלעך, וואָלט גוט געווען, דער שרײַבער־פאַריין זאָל מיר געבן אַ מאַשין און געפינען אַ שרײַבער, וואָס זאָל ניט זשאַלעווען אַ טאָג און מיך באַגלייטן צו מײַן היימשטעטל, ווו עס זײַנען אומגעקומען אַלע מײַנע אומשולדיקע אייגענע...

בראַטעניס הייבט זיך אוף פון שטול, מאַכט עטלעכע שפּאַן איבערן קאַבינעט, קוקט מיך אָן און שווײַגט זייער אויסדריקלעך. איך בין אויך, ווי מע זאָגט, „ניט צום שפּרעכן". עס הערשט אַ היפּשע פּאַוזע.

דערנאָך זאָג איך:

— עס קאָן זײַן, אַז דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז ניט אַזוי גרינג צו טאָן. אויב פאַר דער מאַשין דאַרף מען באַצאָלן, איז דאָס קיין מעניע ניט. אָבער אויב דער שרײַבער־פאַריין וועט געפינען אַ מעגלעכקייט דאָס צו טאָן, וועט עס זײַן אַ ברידערלעכע האַנדלונג...

בראַטעניס גייט צו צו מיר, טוט אַ פיר מיט דער האַנט איבער מײַן אַקסל און זאָגט שטיל:

— קיין געלט דאַרף מען ניט. ווען ווילט איר פאָרן אַהין?

— אויב מעגלעך, דעם פערצנטן.

— גוט. מיר וועלן עס מאַכן. וועגן געלט איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן.

איך גיב דעם אַדרעס מיטן טעלעפאָן. פּיאַטראַס אַנטאַנאַוויטש באַגלייט מיך און כאַזערט איבער:

— אלץ וועט זײַן פּינקטלעך. איך וועל געפֿינען א שרײַבער, וואָס וועט אײַך באַגלייטן און וועט פֿאַרשטיין... איך וועל אײַך אָנקלינגען. צווייפֿלט ניט.

מיר געזעגענען זיך.

מײַן אַרבעט איז איצט אַזאַ: גייען, קוקן, הערן. ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך: „א מענטש האָט צוויי אויערן, איין צונג, קעדיי ער זאָל מערער הערן און קנאַפּער ריידן"...

ווי געזאָגט, איז מינעס איידעס, כאַיִם, אַן אינזשעניער. ער דערציילט, אַז אין „זײַן" אונטערנעמונג זײַנען געבליבן ווינציקלעך ייִדן, אָבער די געבליבענע מיִען זיך, ווי עס פֿאַ־דערט זיך אין צענטן פּינפּיאַר. עס דאַרף זײַן קוואַליטעט. עס דאַרף שטיין דער צייכן פֿון אויסגעצייכנטער קוואַליטעט אַף דער פּראָדוקציע. איך צווייפֿל ניט, אַז די געבליבענע ייִדן טוען ווי עס דאַרף צו זײַן, ווי איך בין זיכער, אַז כאַיִם בלײַבט ניט הינטערשטעליק. עס איז א פֿאַרגעניגן צו קוקן, ווי ער פּוצט די שיך, וואַשט א גלאָז, שנײַדט ברויט. עס איז א כּיעס צו זען, ווי זײַנע הענט קלעפּן צו אַלץ, ווי אויפֿמערקזאַם און פּינקטלעך ער איז צו יעדער קלייניקײַט.

צו מינען קומט אַרײַן כאַימס קאַרעוו, לייב. ער איז א מעטאַל־טאָקער. ער רעדט ווינ־ציק. פּלוצעם טוט ער א זאָג:

— כאַיִם, כאַפּ זיך אַרײַן. איך דאַרף דײַן אייצע.

כאַיִם שמייכלט, אָבער זײַנע ווערטער קלינגען ערנסט:

— לייבקע, בעסער וואָלסטו מײַן אייצע ניט געדאַרפֿט! זיץ אַף אַן אָרט, פֿאָלג מיך!

דערנאָך, ווען לייב איז אַוועקגעגאַנגען, מאַכט כאַיִם צו מיר:

— וואָס קוקט איר אַזוי? בא דעם מענטשן שווינדלט אין די אויגן. ער נייטיקט זיך אין אַן אייצע...

בער האַלפּערן קומט אַרײַן צו מיר קימאַט אַלע טאָג. מיר גייען א קוק טאָן דעם טעמפּל „פּעטראַ אי פּאַוולאַ" און דעם טעמפּל „סאַנטאַ אַנאַ". בער וווּנדט מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט אַף א גרויסער גראָער געבײַדע:

— דאָס הויז האָב איך געבויט. איך בין א בוי־אינזשעניער.

כ'האָב געמיינט, אַז ער איז נאָר א שרײַבער. דעריבער מאַכט אַף מיר א שטאַרקערן אײַנדרוק דאָס, וואָס ער איז א בוי־אינזשעניער, איידער דאָס הויז גופֿא.

די טעג גייען, ס'איז שוין עלפֿטער יון, פּיאַטראַס אַנטאַנאַוויטש בראַטעניס קלינגט ניט. גיי איך גלאַט אַזוי אַרום איבער דער שטאָט. כאָטש איך דאַרף גאָרנישט קויפֿן, קוק איך אַרײַן אין עטלעכע קראָמען אַף לענין־פּראָספּעקט. די פּאָליצעס זײַנען געפּאַקט. אין א קליינעם פּאַרק זע איך א דענקמאָל פּושקינען. א נאַטוראַליסטישער ביוסט און אַן אויפֿשריפֿט מיט גרויסע בוכשטאַבן: „פּושקינאַס".

— „פּושקינאַס"?.. יאָ, ניט פּושקין — „פּושקינאַס"!..

בער האַלפּערן, דער קינסטלער אַלפּערט און איך פֿאָרן אָנקוקן פּאַנאַר. אין פּאַנאַר בין איך דאָס דריטע מאָל, הײַנט איז דער אַרטיקער מוזיי פֿאַרמאַכט, גייען מיר צו די קוואָרים...

אין אָוונט בין איך מיט מינען צוגאַסט באַם שרײַבער יאַסאַדע. דאָרט טרעפֿן מיר שוין בער האַלפּערנען מיט זײַן פֿרוי. שיינע, יאַסאַדעס פֿרוי, סערווירט א נידעריקן טיש. פֿריִער לייען איך מײַנע א נאָוועלע, דערנאָך הער איך אויס, וואָס מע זאָגט. מיר בײַסן צו. איך פֿרעג יאַסאַדען, וואָס ער שרײַבט איצט. ער זאָגט, אַז ער שרײַבט איצט, ווי פֿריִער, פּיעסן. עס קומט אויף דער געדאַנק, איך זאָל לייענען מײַנע זאַכן אין פּאַלאַץ פֿון די פּראָפֿאַריינען פֿאַר דער היגער זעלבסטעטיקײַט.

...בייס האַלפּערן און אַלפּערט פֿירן מיך אַרײַן אין פּאַלאַץ פֿון די פּראָפֿאַריינען, איז דאָרט ראַשיק און פֿאַרביק. ליטווישע יוגנט, קינדער אין קאָלירטע בונטע קליידער, אַנדערע מיט ווײַסע פֿליגל הינטער די אַקסלען, לויפֿן אויף־און־אָפּ איבער די טרעפּ. מיר קומען אַרײַן אין א זאַל, ווו עס וואָלט זיך געקאָנט אויסזעצן א פּובליקום פֿון הונדערטער מענטשן. מע רוקט צו שטולן צו א טיש, און איך הייב אָן פֿאָרלייענען. דער אָנפֿירער פֿון דער זעלבסטעטיקײַט סעגאַל זיצט לעבן מיר. בייס איך לייען, קוק איך ניט אַף אים. אָבער דערנאָך דערזע איך, אַז ער ווישט מיט א קלאָר־ווײַס טיכעלע די אויגן. דאָס מאַכט מיר א שווער געמיט. דערנאָך האָבן א צוויי־דרײַ צוהערער אַרויסגעזאָגט מיינונגען, עמעצער האָט געפֿרעגט, ווען האָט זיך אָנגעהויבן בא מיר דאָס שרײַבערײַ. בייס אַלע פֿראַגן האָבן זיך געענדיקט און מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿונעם זאַל, האָב איך דערזען א געזעמל ייִדישע יוגנט. שיינע יונגע מיידלעך און באָכערים זײַנען געזעסן אַף די טישן, וועלכע זײַנען געשטאַנען טאַקע דאָ, אין קאָרידאָר.

— פאַרוואָס זײַנען זיי ניט אַרײַנגעגאַנגען, כאָטש סעגאַל?

— פאַראַן דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט קיין ייִדיש. די ראָלן שרײַבן זיי מיט רוסישע בוכשטאַבן. די, וואָס פאַרשטייען יאָ, האָבן עטוואָס פאַרשפּעטיקט, זיי האָבן זיך געשעמט אַרײַנצוגיין, ווײַל איר האָט שוין געהאַלטן אין לייענען, — דערקלערט מיר סעגאַל.

אַזאַ פרייד: יאַנקל קראַוועץ, יאַנקעלע כלווינעס, יאַנקעלע כאַנע־מירלס, איז אויך פון מײַן שטעטל! האָב איך שוין גאָר אַ לײַבלעכן מענטשן אין ווילנע.

זיצן מיט יאַנקעלען אין זײַן ענגער געמיטלעכער דירע, דערמאָנען די שטעטלשע איז אַן אומויסדריקלעכער פאַרגעניגן. עס נעמט דורך אַזאַ בענקעניש! באַ יאַנקעלען זײַנען די אויגן שוואַרץ, זיי ווערן נאָך שוואַרצער פון פּײַנטקײַט. ער איז אויסגעוואָרן אַ וועלט. אָבער קיין זאַך רופט ניט אַרויס באַ אים אַזאַ ווייטעקדיקע בענקעניש, ווי די קינדער־יאָרן אין שטעטלע. זײַן גאַסטפרײַנטלעכקײַט איז אויסערגעוויינלעך. די פרוי זײַנע באַשעווע שטייט ניט אָפּ פון אים. און טאַקע באַ זיי אין דער דירע זײַנען זיך צונויפגעקומען עטלעכע מענטשן, ליבהאָבער פון ייִדיש. מע האָט צונויפגערוקט די טישן, באַשעווע האָט פון דער ברייטער האַנט געגרייט ייִדיש־ליטווישע געריכטן — ווײַן, פּרוכטן און נאַשערײַ. איך האָב געלייענט מײַנס אַ ווערק און בין קימאַט געוואָרן רויק, ווײַל עס האָט געהערשט אַזאַ וואַרעמע, שטילע אופמערקזאַמקײַט. נאָכן לייענען האָט מען, פאַרשטייט זיך, גוט צוגעביסן, יאַנקעלע איז פאַרשוווּנדן אין צווייטן צימערל. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער דערשינען מיט רויזן. ער האָט מיר צוגעטראָגן דעם בוקעט מיט אַזאַ גראַציעזער שעמעוודיקײַט, דאָס איז געוועזן אַזוי רירנדיק, אַז איך האָב פאַרגעסן די קוויטן צו נעמען.

— נעם, טײַערינקע, דאָס איז פאַר דיר, — האָט ער צו מיר געזאָגט.

ווען אַלע זײַנען שוין אוועקגעגאַנגען, בין איך מיט מינען נאָך אַ ביסעלע געזעסן באַם האַרציקן פאַרפאָלק...

באַ מינען אין דער היים. דער טעלעפאָן קלינגט, מינע נעמט דאָס טרײַבל. זי רעדט און שאָקלט אויסדריקלעך צו מיר מיטן קאָפּ. זי זאָגט:

— נו, שירע, פּיאַטראַס אַנטאָנאַוויטש האָט גאָרנישט ניט פאַרגעסן, די מאַשין מיט אַ שרײַבער זײַנעז שוין אַרויסגעפאָרן, קומט אַרויס אין הויף.

איך באַקען זיך מיט מײַן מיטפאָרער. דאָס איז יורי קאַברין. מינע און איר טאָכטער סאַרע בלײַבן אָפּן טראָטואַר לעבן שטוב, איך מיט קאַברינען זעצן זיך אַרײַן אין דער מאַשין. מיר פאָרן קיין קראַקעס. מיר פאָרן צו מײַן היימשטעטל!

אין ווילנע איז געוועזן קילבלעך, באַ מינען האָבן מיר זיך געוואָרעמט באַם עלעקטראָ־אייוועלע. און הײַנט, דעם 14 יוני, איז אַ וואַרעמער, אַ ליטעוועשער טאָג, ווי די זון וואָלט בעדייע געהאַט מיך צו באַגלייטן אין מײַן ווײַ־רײַזע. אונטערוועגס איז יורי קאַברין רירנדיק אופמערקזאַם. אָפּגעפאָרן אַ פּאָר שאָ, הייסט ער דעם שאָפער אָפּשטעלן די מאַשין. מיר גייען דורך אַן אַליי מיט אַ זאַמדיקער סטעזשקע, דערנאָך אָף שטיינערנע טרעפּ. מיר קומען אַרײַן אין אַ געמיטלעכער קאַפע, אָדער שפּײַז־זאַל, עס שטייען מאַסיווע טישן און שטולן פון דיקע, געהובלטע ברעטער. די שטולן זײַנען מיט הויכע אָנלענען. עס איז קיל, געמיטלעך. בלויז אַ צוויי־דרײַ באַזוכער זיצן באַ אַ טיש, האַלטן אין די הענט סטיליזירטע ליימענע קופּלען מיט ביר. קאַברין זאָגט, אַז מע דאַרף עפּעס צובײַסן. ער גופע עסט זייער קנאַפּ.

דאַטנעווע איז אַ קילאָמעטער אַכט פון מײַן היימשטעטל קראַקעס. מיר שטעלן זיך אָפּ, ווײַל עס האָט זיך פאַרוואָלט עסן דעם שאָפער און קאַברינען. דער שפּײַז־זאַל איז אַ גרויסער, מיט זעלבסטבאַדינונג. דער שאָפער און קאַברין ברענגען טאַצן מיט מיטיק. אַנטקעגן מיר זיצן דרײַ עלטערע ליטווינער, זיי עסן זייער ערנסט און פאַרטיפט גאַנצע בערג בולבע־לאַטקעס.

דאַטנעווע!

דאַטנעווע איז געוועזן דורכויס אַ ייִדיש שטעטל, סאַכאַקל איין ליטוויש געסל. דאַטנעווע און מײַן שטעטל — ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. ניט געוועזן אַ טאָג, אַז דאַטנעווער זאָלן ניט זײַן אין קראָק (קראַקעס) און פאַרקערט. מע איז געוועזן ניט נאָר באַקאַנט, מע איז געוועזן קרויוויִם און מעכוטאָנים, געפאָרן אָף סימכעס און אָף לעווײַעס. איצט — קיין איינער ניט, אויס! די מאַדאַם געשיכטע האָט בעריעש באַלעבאַטעוועט...

וואָס נעענטער צו קראָק, אַלץ קעלטער ווערט מיר, און דער אַרום ווערט פאַרוואָלקנט, כאָטש די זון שײַנט, איך זע דאָך, אַז זי שײַנט! אָבער דאָס איז מיר אַזוי איבעריק...

אָט איז אַ סטויפּיק, אָף אַ ברעטל אַן אופשריפט: קראַקעס. מיר זײַנען געקומען, הייסט עס.

— ווּ איז דאָס אָרט, ווּהין דאַרף מען פאָרן? — פרעגט קאַברין. און ער געפינט טאַקע אַן אייצע, ער הייסט אָפּשטעלן די מאַשין באַם אויספּירקאַם, גייט אַהין אַרײַן, און אין אַ ווײַלינקע אַרום גייט ער אַרויס מיט אַ יונג מיידל.

— איר זײַט דאָך יונג, איר ווייסט קיין זאַך ניט, — זאָג איך צו איר.

— איך וועל אײַך צופירן צו מײַן מאַמען, מײַן מאַמע ווייסט, ווּ דאָס אָרט איז, און זי האָט אַלץ געזען מיט אירע אויגן...

מיר פאָרן דורכן שטעטל. קיין שום סימען פון דעם, וואָס דאָ איז געווען. די זון שײַנט. דאָס מיידל הייסט אָפּשטעלן די מאַשין בײַ אַ נידעריקער אָפּגעלופּעטער כאַטע. זי ווערט פאַרשווּנדן אין הויפל און קומט באַלד אַרויס מיט אַן עלטערער פרוי. מיר פאָרן צו „יענעם אָרט״.

די וואָלקנס זײַנען נאָר אין מײַנע אויגן. איך הער דאָך, ווי קאַברין זאָגט:

— וואָס פאַר אַ פּרעכטיקער וועטער עס איז!

ווײַלעוויײַזע זע זיך, אַז ער איז גערעכט. אַ גרינג ווינטל פּלאַטערט אַרײַן דורכן אָפענעם פענצטער פון דער מאַשין. די פרוי הייסט אָפּשטעלן, מיר גייען אַלע אַרויס פון מאַשין. אַלץ איז זייער שטיל, אַ מאַנצבל אין טרעניר־פּלודערן שנײַדט גראָז, אַ פרוי, אויך אין אַזוינע פּלודערן, נעמט צונויף מיט אַ גראַבליע דאָס, וואָס דער מאַנצבל שנײַדט אָפּ. איך זע אירע פאַרברוינטע, געזונטע הענט, אירע אַקסלען. די שלייקעלעך פון איר ליפעשיק קאָנען ניט אײַנהאַלטן אירע מילך־צווילינגען. די פרוי, וואָס באַגלייט אונדז, זאָגט:

— אָט איז דאָס.

— יאָ...

פון צווישן די ביימער קוקט אויף מיר אַ בעטאָנענע סטעלע, ס׳איז דאָ אַן אויפשריפט אויך אויף ייִדיש. איך שפּרײַז אַריבער די נידעריק־הענגענדיקע שטעכלדראָטן און בלײַב שטיין אויף אַ גרינער זאַפטיקער לאָנקע.

קיין בערגעלע, קיין שום שפּור...

פייגעלעך צוויטשערן, צווישן די גרעזער שעמערירן פעלד־נעגעלעך, גרויסע צעבליטע ליליע־גלעקלעך, ראַמונקעס, אומגעהייער גרויסע וועג־בלעטער, ווי לאָפּוכעס. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון זיך שטײַפע, הויכע, גרײַפּלדיקע בלומונג. זיי שטייען שטײַף, ווי שפּיזלען. בינען זשומען, אין דער שטומער שטילקייט איז זייער זשומען פאַרטויבנדיק.

פּלוצעם הער איך דעם ייִדנס קאָל, ער וואָרנט שטרענג און ניכטער:

— רייץ ניט די בינען, זיי וועלן דיר אַרײַנלאָזן דעם גיפט!

איך הער עס און זע, ווי די לאָנקע נעמט זיך אויסבייגן, ווערט פאַרוואַנדלט אין הויכע, אומגעזעענע כוואַליעס. דאָס, און מער גאָרניט...

בײַ איך בין צו־זיך געקומען, איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: פאַרוואָס האָבן די כוואַליעס מיך אַזוי ווייך אַרײַנגענומען און מיט אַזאַ קויעך אַרויסגעשלײַדערט?

קאַברין שטייט לעבן מיר און מורמלט עפּעס. דערנאָך רופט ער אויס:

— אין מאַשין, אין מאַשין, גענוג!

לעבן דער באַגלייטערנס כאַטע הייסט קאַברין דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן. אין הויפל לעבן דער כאַטע איז דאָ אַ ברונעם, פּונקט אַזאַ ברונעם, ווי ס׳איז געווען אין אונדזער הויף. אַן עמער איז אויך דאָ. איך וויל אָנשעפּן וואַסער, קאַברין כאַפּט אַרויס דעם עמער פון מײַן האַנט. ער שעפּט אָן אַ פולן עמער, גיסט מיר אויף אויף די הענט, איר באַנעץ דעם קאָפּ. דאָס וואַסער איז אײַז־קאַלט און קלאָר, ווי דאָס וואַסער פון אונדזער ברונעם. אַ רעגעלע זע איך, ווי פון עמער־אַרויס זעט זיך מײַן מאַמעס האַנט. עס ווערט מיר אַזוי ווי אויף דער לאָנקע... קאַברין פירט מיך אַרײַן אין דער באַגלייטערנס כאַטע. מע גיט מיר קאַרוואַלאַל, און די באַלע־באָסטע דערציילט מיט אַלע פּראַטים, וואָס זי האָט געזען. איר איז גרינג צו דערציילן, זי איז דאָך נאָר אַ מיטפּילערן. זשאַלעוועט זי ניט קיין רייד.

— איר ווייסט, מע האָט דאָך גלײַך אָפּגעטיילט די מאַנצבלען. דעם זעלביקן טאָג האָבן די פאַשיסטן זיי אומגעבראַכט, דאָס האָב איך ניט געזען, אָבער מע האָט דערציילט. די ווײַבער, די קינדער, יונגע מיידלעך, אַלטע ווײַבער האָבן די פאַשיסטן אַרײַנגעקוועטשט אין די פּאַדוואַלן פונעם פּרויען־מאָנאַסטיר. איך האָב גראָד געזען, ווי מע האָט נאָכדעם די ווײַבער געטריבן. כ׳האָב אַליין געהערט, ווי אַ מיידעלע האָט געוויינט און זיך געבעטן בײַ אײנעם פון די וואַכלײַט: „הארגע אונדז ניט, קוק זיך אײַן, מײַן מאַמע און איך און מײַנע ברידערלעך, מיר זײַנען פּונקט ווי ליטווינער...״

— שווײַגט, גענוג! — האָט קאַברין אויסגערופן. און צו מיר: — מיר פאָרן!

און ווי ער זאָגט עס, שטעלט זיך אַרײַן אַן אַלטע מיט אַ שטעקן אין האַנט. איר קאָפּ

טרייסלט זיך, דער שטעקן אין אירע הענט טאַנצט. זי קוקט, קוקט אויף מיר, טוט אַ וואָרף דעם שטעקן, לאָזט זיך צו מיר און שרײַט מיט אַ ווילד קאָל:

— פּעסקיטיע! בינסט געקומען?

איך ווער אַזוי צעטומלט, אַז דאָס איז שוואַר אויסצודריקן. אונדזער באַגלייטער דער־קלערט:

— דאָס איז מײַן מאַמע, זי איז איבער די נײַנציק, זי פאַרשטייט שוין זייער קנאַפּ. אָבער זי געדענקט אַלצדינג, און אָפּט וויינט זי. ווען זי דערמאָנט זיך, וואָס די פאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן...

איצט פאַרשטיי איך. די אַלטע אויווערבאַטלעניצע האָט אויף מיר געמיינט, אַז דאָס בין איך די באָבע מײַנע, וואָרעם איך ווייס דאָך גוט, אַז וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער ענלעך בין איך אויף מײַן באָבען.

— פּאַיעכאַלי! — באַפוילט קאַברין.

מיר פאָרן פאַרבײַ דעם קלויסטער. ערשט איצט שטעל איך פאַנאַנדער די שטיבער ווי זיי זײַנען געשטאַנען. איך פאָרב איבער די לאַדנס און די טירן אין דער פאַרב, ווי זיי זײַנען געווען געפאַרבט, ווען אין זיי האָבן געוווינט ייִדן. איך דערמאָן זיך, וואָס מע האָט מיר דערציילט אין ווילנע. און דערציילט האָט מען מיר אַט וואָס. גלײַך נאָך דער מילכאָמע, ווען ליטווישע ייִדן, וואָס זײַנען לעבן געבליבן אין עוואַקואַציע, זײַנען געקומען צוריק קיין ליטע, האָבן זיי זיך באַזעצט אין ווילנע, קאָוונע. און צווישן די געקומענע האָבן זיך געפֿו־נען אַזוינע, וואָס זײַנען געפאָרן אין די קליינע שטעטלעך, פאַרקויפט דאָרט פרעמדע שטיבער די ליטווינער, ווי דאָס וואָלטן געווען זייערע עלטערנס אָדער קרוויווימס שטיבער. האָבן זיך די ליטווינער געכאַפּט צום סייכל, פאַנאַנדערגענומען די אַלטע הײַזער, זיי אויסגעבויט אפסנײַ און איבערגעפאַרבט. אַט פאַרוואָס ס׳איז ניט צו דערקענען דאָס שטעטל און נאָך אַ סאַך אַנ־דערע שטעטלעך.

פאַראַן אַ שפּריכוואָרט: ווען מע נעמט אַראָפּ דעם קאָפּ, איז פאַרשפּאָרט צו באַוויינען די האָר.

וואָס איז דאָס? דער בעסוילעם? ניט ווײַט פונעם בעסוילעם האָבן מיר געהאַט דרײַ דע־סיאַטינעס ערד, דאָס אָרט געדענק איך זייער גוט. „שטעלט זיך אָפּ!" — רוף איך אויס.

איך גיי אַרויס פון דער מאַשין. אַוואַדע, איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט. איך רײַס זיך קוים דורך דורך דער קראָפּעווע, וואָס איז העכער פון מיר. אַ סאַך מאַצייוועס זײַנען קימאַט אײַנגעזונקען. אָבער איך זוך דעם זיידנס מאַצייווע. איך פויזע קימאַט אויף די קני, און אַט לייען איך אַן אומגעווינלעכן אויפשריפט: „עליִיאָהו בען מיכאָעל. פּוי שוכייוו איש טאָם אונישמאָסוי פּסוקאָ לעקאָל נעפעש כײַ". דאָס באַטײַט: „דאָ ליגט אַ ריינהאַרציקער מענטש, און זײַן נעשאָמע איז אָפן געווען פאַר אַלדאָס לעבעדיקע". מײַן האַרץ דונערט: דער זיידע, געוויס!

קיין קאָוונע קומען מיר אָן שפּעט אין אָוונט. מיר שטעלן זיך אָפּ באַם האָטעל „באַלטיאַ". קאַברין נעמט מײַן רידיקיול מיט די דאָקומענטן און גייט אין האָטעל. אײַנגיכן קומט ער צוריק:

— אַלץ אין אָרדענונג, איר האָט אַ צימער.

איך האָב אַ צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. קאַברין געזעגנט זיך מיט מיר, ער דריקט אויס אַ מיינונג, איך זאָל מער ניט גיין אין אַזוינע ערטער, ווי דער נײַנטער פאָרט. מיר געזעגענען זיך. איך בלײַב אין צימער פונעם האָטעל „באַלטיאַ", עס רינגלט מיך אַרום קאָמפאָרט, אָפן טיש שטייט אַ טעלעפאָן.

ס׳איז זייער שטיל. איך בין נאָך אַלץ אויף „יענעם אָרט", באַם ראַנד פון מײַן היימשטעטל. דאָס איז ניט געדאַכט, אָבער דאָס איז ווירקלעכקײַט... אינדערפרי בין איך אַרויסגעפאָרן פון ווילנע. איצט איז שפּעטער אָוונט. ס׳איז אַוועק אַ טאָג.

אַ טאָג?.. וואָס אַזוינס איז צײַט? ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?..

ס׳קלינגט דער טעלעפאָן. איז דאָס מעגלעך? איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל, עמעצער רופט אָן מײַן נאָמען.

— יאָ, דאָס בין איך, אָבער ווער זײַט איר?

— איך בין דער זשורנאַליסט איציק יאַנאַס. בער האַלפערן האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז איר געפינט זיך אין קאָונאַס. מאָרגן גאַנצפרי קאָן מען צו אײַך אַרײַנגיין?

— געוויס קאָן מען.

ס׳קומט די נאכט. ס׳איז דאָ א ברייט פעלד. א פעלד אָן שום סימאָנים פון אומקום. איך זע, ווי דער מאנצבל און די פרוי אין טרעניר־פלודערן פארגרייטן היי אף ווינטער. דאָס היי איז דאָך אויסגעוואקסן אף דעם וועג, מיט וועלכן עס זײַנען געגאנגען די ייִדן פון די אַרו־מיקע שטעטלעך און פון מײַן שטעטל. איך הער, ווי דאָס מיידעלע וויל איבערצײַגן דעם וואכמאַן, אז זי, איר מאמע און אירע ברידערלעך זײַנען אויסגעגאַסן, ווי ליטווינער. איך זע די לייבן אף דעם אויסגעגנייטן האנטעך, וואָס איז געהאנגען בא דער באַגלייטערן אין שטוב לעבן אויוון. איך זע דעם הויף מיטן ברונעם, מײַן מאמע שעפּט וואסער. איך זע, ווי דער טאַ־טע בעט אונטער שטרוי דער קו, ווי דער זיידע שנײַדט ארום די צווײַגן בא די עפּלביימער, ווי די באָבע הענגט אויס די אָפּגעפארבענע וואָלענע און פלאַקסענע טאַלקעס צו טריקענען...
ניין, איך בין ניט אין „באַלטיא״, איך בין אויסער יעדן קאַמפאַרט. די נאכט שווימט אוועק לאַנגזאַם, אין די שויבן קוקט ארײַן דער באַגינען.

ווײַזט זיך ארויס, אז קאַברין האָט זיך דורכגעשמועסט מיט דער אדמיניסטראַטאָרשע, וועלכע זיצט אין כאָל, און אינדערפרי טראָגט זי ארײַן א גלאָז טיי און א פּעקעלע קיכעלעך. זי שטעלט עס אוועק אפן טיש און ווערט פארשוואונדן. איצט בין איך איינינקע אליין. עס איז שטיל־שטיל. וואו־ניט־וואו הודזשעט דורך א מאשין. זאָל איך אויסטרינקען די גלאָז טיי? יאָ. אָבער די קיכעלעך? ניין! זיי זײַנען אזוי פּינקטלעך פארוויקלט, דאָס פּעקעלע זעט אויס אזוי קאַלט און הארט — קיין קיכעלעך דארף איך ניט! עפּשער זיך צולייגן? ניין. כ׳וועל ווײַטער זיצן אפן פּאָטעל, ווי איך בין געזעסן די גאנצע נאכט, און אזוי ווי איך זיץ, נעמט די נאטור דאָס איריקע — איך כאַפּ זיך אוף פון דעם, וואָס עמעצער קלאַפּט אין טיר. דאָס איז געקו־מען איציק יאַנאַס.
— גוטמאָרגן, גוטמאָרגן. ווי זײַנט איר געשלאָפן?
יאַנאַס דערפילט, אז ער דארף מער גאָרנישט פרעגן. ער זיצט ניט לאַנג און גייט אוועק. ער זאָגט צו, אז ער וועט אָנקלינגען.
דער טאָג — ווי די פארגאנגענע נאכט. אָבער דער לעבעדיקער לעבט. בישכיינעס מיט מײַן צימער, מאַמעש מיט דער האנט צו דערלאַנגען, איז דאָ א קאַפע. דאָרטן טרינק איך אויס א גלאָז קאַווע, זיץ היפּש, ביז די אָפיציאַנטקע זאָגט, אז בא זיי הייבט זיך אָן איבע־רײַס ביז פיר אזייגער באַטאָג. גיי איך מיר ווידער אין מײַן צימער, זיץ אין פּאָטעל. יאַנאַס קלינגט. ער זאָגט, אז ער וועט באַלד ארײַנגיין מיטן ארטיסט יאַנקעוו בעלצער.
בעלצער לייגט אוועק אפן טישל א היפּשן פּאַק:
— אויב איר וועט האָבן צײַט, כאַווערטע גאָרשמאַן, קוקט ארײַן אין די קסאַווים.
ער גייט אײַנגיכן אוועק. יאַנאַס בלײַבט. דאָס מאָל ענטפער איך אף אלע זײַנע פראַגן. דערנאָך מאכט ער צו מיר:
— מיר קאָנען מאָרגן פארנאכט צופאָרן צו יאַזעס סטראַופּיס. דאָס איז ניט ווײַט. סטראַוּ־פּיס האָט גערעטעוועט זעקס און צוואנציק ייִדן בייס דער דײַטשישער אָקופּאַציע.
איך ווער גלײַך לעבעדיק:
— עפּשער קאָנען מיר פאָרן באַלד?
— ניין. איך האָב זיך צוזאמענגערעדט מיט איינער א כאַווערטע, זי האָט צו וויסן גע־געבן סטראַופּיסן, אז מיר קומען מיט אײַך מאָרגן פארנאכט.
די קומענדיקע נאכט איז מיר לינדער. א קלייניקײַט צו זאָגן, גערעטעוועט זעקס און צוואנציק ייִדן, אײַנגעשטעלט דאָס לעבן. דאָס איז אזוי הערלעך, ס׳לאָזט זיך ניט באַגרײַפן. איך פיל זיך זייער נישטיק, איך האָב נאָך פאר קיינעם דאָס לעבן ניט אײַנגעשטעלט. א ביסל געשלאָפן. אינדערפרי שוין אופגעגעסן א שטיקל ברויט מיט קעז. אויסגעטרונקען א גלאָז קעפיר, אראָפּגעגאנגען אין גאַס. קאָוונע איז מיר ניט קיין אומבאַקאַנטע שטאָט. אין קאָוונע האָב איך געארבעט אין דאָקטער ליימאַנס יעסוימים־הויז, זיך געלערנט אין אָוונט־אוניווער־סיטעט. מע דארף צוגיין אהין, ווו דאָס יעסוימים־הויז האָט זיך געפונען. איך דארף בא קיינעם ניט פרעגן. איך געפין דאָס אָרט, איין געבײַדע דערקען איך. דאָ געפינט זיך עפּעס אָן אַנ־שטאַלט. אזוי־אזוי. אלץ איז אנדערש. אנדערע צײַטן. אומבעראַכמאָנעסדיק פארגאנגענע צײַטן.
אין האָטעל, אין מײַן צימער — אלץ ווי געוועזן. בעלצערס פּעקל קסאַווים קוקט אף מיר מיט פאָרוואורף. איך בינד עס פאנאנדער. אהאַ, כ׳פארשטיי שוין. דאָס איז ניט זײַנע קסאַווים, דאָס איז קלענערע און גרעסערע אויסשניטן מיט אָפּרופן וועגן זײַן ארטיסטישן מעהוס. אָנ־הייבנדיק פון סאָף צוואנציקער יאָרן ביז דער מילכאָמע און נאָך דער מילכאָמע. אויך א סאך פאָטאָגראַפיעס. א סאָף. אלץ דורכגעקוקט. פארוויקלט, פארבונדן מיטן זעלבן שטריקל, ווי געוועזן.

אָט איז געקומען איציק יאַנאַס און באַסיע גוט. דאָס איז די כּאַוואַרטע, וואָס וועט מיט־פאָרן מיט אונדז צו סטראַופּיסן. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ לעבן א געמיטלעכער שטוב מיט א פרעכטיקן בלומען־גאָרטן.

דער אַרײַנגאַנג אין שטוב איז אין פולסטער אָרדענונג. איציק קלאַפּט אָן. אין א ווײַלינ־קע ארום גייט ארויס דער באַלעבאָס, יאַזאַס סטראַופּיס. כאָטש ער האָט שוין אָפּגעציילט זיבן צענדליק, איז ער שלאַנק, הויך, זײַן פּאָנעם איז באַשמייכלט, דער בליק פון זײַנע בלויע אויגן איז אויך שמייכלענדיק, גרייט צו פרײַנטשאַפט. מיט א ברייטן זשעסט עפנט ער די טיר אין א שיינעם אויסגעשטאַטן צימער. מיר זעצן זיך, א ווײַלינקע הערשט א פּאַוזע. מיר קוקן אָן איינער דעם אַנדערן. סטראַופּיס זאָגט צו מיר, ווי צו אן אַלטער באַקאַנטער, ווי מיר וואָלטן זיך נאָרוואָס דורכגערעדט. ער טוט א מאַך:

— די ערשטע זאַך וויל איך אײַך זאָגן, איר זאָלט ניט מיינען, אז איך שטאַם פון אָרעמע.

— אײַערע עלטערן זײַנען געווען גוטבאַזיצער?

— גוטבאַזיצער טרעפן זיך פאַרשיידענע. פאַראַן אויסבּרענגער, קאָרטנשפּילער. מײַן טאַטע, מײַנע פעטערס זײַנען געווען האָרעפּאַשניקעס, פעסטע באַלעבאַטים. טאַקע דערפאַר האָב איך געקענט אַרויסהעלפן די מענטשן פון געטאָ.

— איר האָט געהאַט פאַרבינדעטע?

— געוויס. איין מענטש וואָלט ניט געקאָנט אופטאָן דאָס, וואָס ס׳איז געלונגען צו טאָן, — דערציילט יאַזאַס שטיל און טוט א רוף:

— מאַמע, ווו ביסטו? קום אַרײַן, זע, וואָסערע געסט מיר האָבן.

עס קומט אַרײַן א באַיאָרטע פרוי, זי שמייכלט און זעצט זיך צום טיש.

— וואָס ביסטו געקומען מיט ליידיקע הענט, מאַמע? — פרעגט סטראַופּיס.

זי הייבט זיך אויף, פאַרשווינדט און קומט מיט קיבעד.

— מיט איר האָב איך געהאַט גרויסע שוועריקייטן. זי האָט געוויינט און געקלאָגט, זיך געבעטן בא מיר: יאַזאַס, האָב ראַכמאָנעס, מיר האָבן דרײַ קליינע קינדער. איין מאָל, נאָכא־מאָל, ביז איך האָב צו איר געזאָגט: „און דאָרט, אין געטאָ, זײַנען ניט קיין קינדער? דאָרט האָבן די מאַמעס געהאַט קינדער אָן ווייען?״ און ס׳האָט געהאָלפן...

א רעכטע ווײַלע שווײַגט מען. דערנאָך זאָגט סטראַופּיס:

— דאָס איז געווען א שווערע זאַך, ביז איך האָב זיך צונויפגערעדט אין געטאָ און די מענטשן האָבן זיך אַנטשלאָסן אַנטלויפן פון דאָרט. דערנאָך האָט מען געדאַרפט צוגרייטן בונקערס אין וואַלד. צוויי פרויען פון די, וואָס כ׳האָב געראַטעוועט, האָבן געשוואַנגערט. מע האָט געדאַרפט פאַר זיי מאַכן א באַזונדערן בונקער, ווײַל זיי האָבן אינגיכן געדאַרפט גע־לעגן ווערן. צום גליק, איז צווישן די־ געראַטעוועטע געווען א דאָקטער. פּלוצעם האָט מיר איינער פון מײַנע פאַרבינדעטע געגעבן צו וויסן, אז די פּאָליצײַ איז כּוישעד: בא מיר זײַנען דאָ באַהאַלטענע יידן. האָט מען געדאַרפט ליקווידירן די אַלטע בונקערס, זיי פאַרשיטן און מאַכן נײַע.

איך הער עס, און איך טראַכט: איצטער דאָ, זיצנדיק באַם טיש, הערן, וואָס סטראַופּיס דערציילט אזוי געלאַסן, קאַרג, איז ניט לעבנסגעפערלעך, אָבער אין יענע צײַטן?!..

— איר זעט, ווי פײַן ס׳איז אויסגעשטאַט מײַן דירע? א טייל מעבל האָבן באַזאָרגט די געראַטעוועטע און א גרויסן טייל האָבן מיר געשענקט די קאַוונער יידן, ווען זיי האָבן גע־פּראַוועט מײַן זיבעציקיאָריקן יובילײ...

אפשר וואַנט זע איך א בילד, וואָס עס האָט געמאָלט אַלפּערט. כ׳האָב עס גלײַך דערקענט, ווײַל אין ווילנע בין איך געווען בא אַלפּערטן און איך האָב געזען זײַנע אַרבעטן.

יאָ, אַלץ איז פײַן, פון דער ברייטער האַנט. אָבער וואָס פאַר א סכאַר קאָן אָפּגעמאָסטן ווערן פאַר דערויף, וואָס סטראַופּיס האָט אופגעטאָן?!..

דוכט זיך, אזוי ווינציק גערעדט, אזויפיל געהערט. אָט זיצט דאָס פאָרפאָלק סטראַופּיס אַנטקעגן מיר. ליבע, פרײַנטלעכע מענטשן. זייער גאַסטפרײַנטלעכע, זיי לייגן אפילע פאָר, מיר זאָלן נעכטיקן בא זיי. אָבער ס׳איז די עכטע צײַט אוועקצופאָרן. סטראַופּיס באַגלייט אונדז צום אויטאָבוס, מיר קושן זיך ווי ליבלעכע. ס׳איז שוין רעכט שפּעט.

אף מאָרגן קומט איציק יאַנאַס מיט א פּלאַן, איך זאָל פאַרלייענען פאַר דער קאָוונער זעלבסטעטיקייט מײַנע ווערק. צונויפזאַמלען וועט מען זיך איך דאָ אין הויז פון די פּראָפאַ־ריינען.

דערווײַל דאַרף איך אָפּמערקן מײַן קאָמאַנדירונג. אין קאָוונער אָפּטיילונג פונעם שרײַ־בער־פאַריין באַקען איך זיך מיטן באַוווּסטן ליטווישן שרײַבער פּיאַטראַס ווענצלאָווא. שפּע־טער קומט ער צו מיר אין האָטעל. מיר שמועסן זיך דורך, עפּעס לייען איך אים. ער זאָגט, אז

ער וואָלט געמאַכט אַ פֿאָרוואָרט אויף מײַן פֿאַרלעזונג. און אַזוי איז טאַקע געווען. קאַזיאַ קאַ־זימיראַס, דער דירעקטאָר פֿונעם הויז פֿון די פּראָפֿאַריינען, האָט געלאָזט אויפֿהענגען אַ גרויסע אַפֿישע, און דעם 17 יוני איז די פֿאַרלעזונג פֿאַרגעקומען. ס'איז געווען אַ היפּשער אוילעם, פֿאַרשטייט זיך, די קאָוונער ייִדישע זעלבסטעטיקײַט. וואָס פּיאַטראַס ווענצלאָווואַ האָט גערעדט, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, ווײַל ער האָט גערעדט אויף ליטוויש. אָבער דער אוילעם האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט גערעדט זייער וואַרעם און פֿרײַנטלעך.

אין קאָוונע בין איך לאַנג ניט געבליבן. איך בין אַרויסגעפֿאָרן קיין מינסק.

אין מינסקער שרײַבער־פֿאַריין איז ניט געווען מיט וועמען צו ריידן — עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר אין מאָסקווע. כ'האָב זיך באַקאַנט מיט הירש רעלעסן און מיט הירש בעריאַזקינען, מיט דער אַקטריסע יעהודעס אַראַנטשיק. מײַן פּלאַן איז געווען — אַרויספֿאָרן קיין באָברויסק, און איך האָב דאָס גלײַך געטאָן. די גאַסן אין באָברויסק האָבן מיר אויסגעזען „דורכויס ייִדישע". יונגע טאַטע־מאַמע מיט אייפֿעלעך אין די וועגעלעך האָבן גע־רעדט ייִדיש. איך בין געווען גליקלעך צו הערן, ווי אַ יונגע מאַמע האָט געמוסערט איר פּיצל, וואָס איז געלעגן אין וועגעלע: „האָסט זיך שוין ווידער באַנעצט..." כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ ביכער־קיאָסק, און די פֿאַרקויפֿערן, בײַ וועלכער איך האָב געפֿרעגט, צי זי באַקומט „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט מיט באַדויערונג געענטפֿערט, אַז זי האָט אײַנגאַנצן געקראָגן זעקס נומערן, זי האָט זיי פֿאַרקויפֿט, און מער האָט זי ניט.

באַם דיכטער פּיניע פּלאָטקין אין שטוב געפֿעלט מיר די ניט־רײַכע אויסשטאַטונג, זײַן פֿרוי עטל, זײַן זון, וואָס קען ייִדיש און פֿאַרשטייט די לידער, וואָס דער טאַטע לייענט אים. יאָשע ראָטנבערג, דער בריגאַדיר פֿון די פֿײַנסטאָליערס אין דער מעבל־פֿאַבריק אויף כאַלטו־רינס נאָמען, עטלס ברודער הירש, וואָס אַרבעט אויך אויף דער זעלבער פֿאַבריק, האָבן מיך אַרײַנגעפֿירט אין צענטן פֿינפֿיאָר. כוץ דעם, איז געווען אַזוי דערפֿרייענדיק, וואָס פּיניע פּלאָט־קינס שווער און שוויגער, שוין גוט באַיאָרטע מענטשן, האָבן געוווינט טאַקע דאָ, אין אַ קליין שטיבל, אַ ביסעלע אָפּגערוקט אין הינטערגרונט פֿון זײַן, פּלאָטקינס, שטוב. ס'האָט מיך זייער פֿאַרוווּנדערט, וואָס דער שווער האָט געפֿרעגט באַם ווײַב:

— ציוויע, וואָס זאָל איך באַקן? קיכלעך צי אַ לעקעך?

— פֿאַרוואָס פֿרעגט נאָכעם, וואָס ער זאָל באַקן? — האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען.

— ווער דען זאָל באַקן? ער איז דאָך דער בעקער! איך ריר זיך קיינמאָל צו קיין ברעקל טייג ניט צו. — האָט ציוויע קלאָר געמאַכט דעם איניען.

איך האָב מאַמעש געקוואָלן, קוקנדיק אויפֿן אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָרעם אי נאָכעם, אי ציוויע זײַנען, קיין בייז־אויג, באַוועגלעך, טוען אַלץ אין זייער באַלעבאַטישקײַט, טראָגן נאָך אַמאָל אַרײַן עפּעס די קינדער. און בײַס פּיניע פּלאָטקין לייענט לידער, איז אַ כ׳יעס צו קוקן, ווי נאָכעם און ציוויע זײַנען צעשמייכלט און באַגאַסן מיט נאַכעס. כוץ דערויף, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זייער פֿאַמיליע־נאָמען איז טיניאַנאָוו, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַוווּסטער רוסישער שרײַבער יורי טיניאַנאָוו איז געווען זייער אַ נאָענטער קאָרעוו. קוקן, ווי נאָכעם באַגיסט דעם גאָרטן, איז אויך ניט קיין קלענערער פֿאַרגעניגן. איך האָב צו אים געזאָגט:

— נאָכעם, וואָס באַגיסט איר, ס'איז דאָך פֿאַרוואָלקנט...

האָט ער טרעפֿלעך באַמערקט:

— זאָל מײַנס איבערגיין...

אָבער ניט נאָר די באַלעבאַטישקײַט איז זייער דאגה, זיי פֿאַרשיטן מיך מיט פֿראַגעס, זיי ווילן אַלץ וויסן. ציוויע לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורע. און זי האָט ניט איין מאָל געזאָגט:

— כ'וויס גאָר ניט, ווי כ'וואָלט געקאָנט לעבן אָן דעם זשורנאַל...

אָבער ווער עס האָט ניט געזען נאָכעמען און ציוויען, ווי זיי שטייען געבויגענע איבער זייער אוריינקל, איבער פּיניע פּלאָטקינס זונס ייִנגעלע, דער האָט ניט געזען קיין פּרעכטיק בילד. נאָכעם קאָן קיין וואָרט ניט אויסריידן פֿאַר פֿרייד. זײַן פּאָנעם ווערט נאָך רונדער, ווי עס איז. זײַנע אויגן ווערן פֿײַכט, און ער זאָגט קעסיידער מיט אַ געפּאַלן קאָל:

— ציוויעלע, האָב ראַכמאָנעס, טשעפּע אים ניט. זעסט דאָך, ער שלאָפֿט, וועסט אים, כאָלילע, אויפֿוועקן.

אָבער ציוויע שטייט אַ געבויגענע, קוקט און קוקט, פֿרעפֿלט שטיל:

— מיר פֿאַר דײַנע ביינער, נאָכעס מײַנער. נאָך מײַן קאָפּ זאָלסטו בלײַבן...

ווי נאָר פּיניעס זון נעמט פֿירן דאָס וועגעלע, גייען זיי האַסטיק נאָך און בעטן זיך:

— פיר ניט אזוי גיך, האָב ראַכמאָנעס, ס׳איז דאָך א פּיצל...

און אז ער פירט שוין ארויס דאָס וועגעלע דורך דער קאַליטקע, שטייען זייביידע און קוקן, ביז דאָס וועגעלע ווערט פארשוווּנדן פונעם געסל.

יאשע רוטנבערג דערציילט, וויאזוי ער איז מיט א בריגאדע פּיינסטאָליערס פון דער מעבל־פאבריק געפאָרן קיין מאָסקווע „מאכן א ביסל ארבעט פאר דעם פּאלאץ פון די צוזאַמענפאָרן". נאָכעם און ציוויע זיצן אויך דערביי. זיי הערן זייער אופמערקזאם, און אפילע שפּעט אין אָוונט איז אף זיי ניטאָ קיין שפּור פון וועלן שלאָפן.

אויך דאָ, אין באָברויסק, דארף איך, ווי געוויינלעך, אָפּמערקן מײַן קאָמאַנדירונג. דער ווײַסרוסישער שרײַבער־פארבאנד האָט ניט קיין אָפּטיילונג אין אָט דער שטאָט, גיי איך אוועק אין גאָרקאָם, אין אָפּטייל פון אגיטאציע און פּראָפּאגאנדע. דער סעקרעטאר פונעם אָפּטייל לידיע סערגייעוונע בולגאקאָווא נעמט מיך אוף, ווי מיר דוכט, קילבלעך, זי שרײַבט אָן אף מײַן פּאַפּירל דאָס, וואָס פאר דער בוכהאלטעריע פאָדערט זיך, און איך זאָג איר, אז עס וואָלט געווען גוט צו מאכן מײַנע א פאָרלעזונג אין דער מעבל־פאבריק אף כאלטורינס נאָמען. דאָרט זײַנען דאָ צעכן, ווו עס ארבעטן א סאך ייִדן. זי פרעגט בא מיר, צי זי קאָן מיר אָנקלינגען מאָרגן אינדערפרי.

— וואָס הייסט בא אײַך אינדערפרי? — וויל איך וויסן.

— נײַן אזייגער...

— באשטימט, איר קאָנט מיר קלינגען נײַן אזייגער. איך דארף נאָר וויסן, אז אזוי וועט זײַן, וואָרעם אינדערפרי גיי איך איבער דער שטאָט אָדער צו דער בערעזינא. דאָ האָט דאָך נאפּאָלעאָן געכאפּט די מאפּאָלע...

— גוט, איך וועל אײַך מאָרגן אָנקלינגען, — זאָגט לידיע סערגייעוונע.

און אזוי איז דאָס טאקע געווען. זי האָט מיר אָנגעקלונגען און געבעטן אומגעזאמט קומען אין גאָרקאָם פון דער פארטיי. דאָרט איז שוין געזעסן דער פארטיי־סעקרעטאר פון דער מעבל־פאבריק. ער האָט א פרעג געטאָן:

— וואָס וועלן מיר טאָן, אויב עס וועלן קומען ווינציק מענטשן?

— אויב עס וועלן קומען אפילע פינף מענטשן, וועל איך אויך לייענען. זאָל עס אײַך ניט קימערן, — האָב איך אים בארוּיקט.

— איר פארשטייט, פון קאָנווייער קאָן איך דאָך קיין מענטשן ניט אראָפּנעמען.

— וועלכע מענטשן נעמען און וויאזוי דאָס צו מאכן, ווייסט איר בעסער פון מיר, אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש.

אזוי שמועסן מיר אָפּ. מיר גייען צו צו א שווארצער גלאנצנדיקער „וואָלגע" און פאָרן צו דער פאבריק אף כאלטורינס נאָמען.

אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש פירט מיך דערנאָך איבער א גאנצן שטאָק, וואָס איז צעטיילט אף זאלן, ווו עס דעמאָנסטרירן זיך סערוואנטן, בעטן, ווייכע שטולן, אלמערס, סאָפעס. מיט איין וואָרט, די פּראָדוקציע, וואָס דאָ ווערט אויסגעפּארטיקט. דערנאָך גייען מיר אין א צימער, ווו עס זיצן שוין היפּש ייִדן. איך הייב אָן פאָרלייענען. איך לייען א שאָ און פרעג — עפּשער איז שוין גענוג? ניין, — זאָגט דער אוילעם, — לייענט נאָך. איינער א ייִד טוט זיך א שטעל אוף און פרעגט:

— פון וועמענס בוך לייענט איר דאָס? איך האָב אזא בוך ניט געלייענט.

— ביטע, זעצט זיך אוועק. נאָכן לייענען וועל איך אײַך זאָגן, אז דאָס איז מײַן בוך...

דער ייִד גייט צו, קוקט אָן דאָס בוך זייער אופמערקזאם און טוט א מאך צום אוילעם:

— איר זעט, דאָס איז טאקע זייער בוך. — און צו אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטשן אף רוסיש: — איך בין אויסגעוועזן אין אלע ביכער־געשעפטן פון שטאָט, און זייער בוך האָב איך ניט געזען...

איך בארוּיק דעם ייִדן און לייען ווײַטער. נאָכן לייענען זיצן מיר נאָך א רעכטע ווײַלע, ס׳איז דאָ נײַגעריקע, וואָס ווילן וויסן, פונוואנען בין איך, צי איז שוין לאנג, ווי איך שרײַב, און צי זײַנען דאָ אין מאָסקווע א סאך ייִדישע ארטיסטן.

עס ענדיקט זיך דער מיטיק־איבעררײַס, און די ארבעטער גייען אוועק אין זייערע צעכן. אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש וויל מיך אָפּפירן, נאָר איך זאָג אים, אז פונדאנען ווייס איך דעם וועג צום האָטעל, און מיר געזעגענען זיך.

אין אָוונט, בא פיניע פלאָטקין, דערציילט יאשע רוטנבערג: אין צעך האָט מען אים געזאָגט, אז בייס די שרײַבערן האָט געלייענט, איז געווען ווייניקער מענטשן, ווי ס׳באדארף

צו זײַן, און מע באדויערט וועגן דעם. אָבער איך האָב ניט דאָס געפיל, אַז מע דאַרף באדויערן. ס׳זײַנען געווען היפּש מענטשן, מע האָט אויפמערקזאַם געהערט, און עס איז געווען אָנגענעם.

אף מאָרגן אינדערפרי קלינגט מיר לידיע סערגייעוונע. זי זאָגט, אַז די פּאָרלעזונג איז געווען א געלונגענע. אויב די פּאַרוואַלטערן פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איז צופרידן, איז מײַן שטימונג א גוטע. פון גאַנצפרי ביז האַלבן טאָג גיי איך מיר אַרום איבער באָברויסק און שעפּ נאַכעס. ייִדן, ייִדישע פרויען, אַלע זעען אויס ניט שלעכט. די פרויען — ווי מיט קישעלעך אויסגעבעט... קיין ביז־אויג זאָל זיי ניט שאַטן! מיידלעך — כיינעוודיקע, שלאַנקע. באַקוקט די שטאָט, גיי איך מיר אפן מאַרק. איך דאַרף דאָרט גאָרנישט ניט קויפן, אָבער זען און הערן, וויאַזוי יונגע און באַיאָרטע באַלעבאָסטעס קויפן אײַן, געפעלט מיר. אָט וויל א באַהאַוונטע ייִדענע קויפן געריכערטע סקומבריע. זי לאָזט ברייט אַרײַן ביידע הענט אין דער סכוירע, דערגראָבט זיך צו א היפּשער גאָלדיקער סקומבריע און טראָגט זי צו דער וואָג. די פאַרקויפערן ווערט גרימצאָרנדיק:

— באַבושקע, גייט באַלעבאַטעוועט בא זיך אין דער היים. דאָס איז ניט מײַן ליטשנע טאָוואַר, דאָס איז טאָרגאָוואיא סעטי!

די ייִדענע קריכט אויך ניט אין קעשענע נאָך א וואָרט:

— א באָבע בין איך פאַר מײַנע אייניקלעך. וואָס רײַסטו פון די הענט, נאַכאַלקע!

— ביז גראָווע האָר האָסטו דערלעבט, און זידלסט זיך?!

איך בין געפלעפט ניט פון דעם אויסדריקלעכן דיאַלאָג, וועלכער דראָעט צו ווערן שאַרפער, נאָר דערפון, וואָס דאָס גייט אַלץ אף ייִדיש.

פונעם ערשטן קוק האָב איך זיך גאָר ניט געכאַפּט. די פאַרקויפערן האָט א ווײַס־ראָזפּאָנעם, די אויגן־לעפלעך זײַנען געפאַרבט בלוילעך, אפן קאָפּ טראָגט זי א טורעם פון פלאַקס, און אַזאַ מין מאַמעלאָשן!...

די בעסטע זאַך איז גיין צו די טישן, ווו מע פאַרקויפט בלומען.

פאָלגט מיך, פאָרט קיין באָברויסק, אַזוינע בלומען, ווי דאָרטן, וועט איר אין ערגעץ ניט קויפן. צען קאָפּעקעס א רויז. ווער עס וויל ניט קיין רויזן, קען קויפן פּעאָנעס, דעלפינ־יוס, שמעקנדיקע אוירינגלעך, נאַסטורציעס, זיי פאַרקישעפן אַזש. געוויס קוק איך מער, ווי איך קויף. אָבער דאָס באַשיידענע בינטעלע בלומען, וואָס איך טראָג אַרײַן פּיניעס שוויגער, ציוויען, רופט אַרויס בא איר פרייד. אַזוי געהיט שטעלט זי עס אַרײַן אין א גלאָז וואַסער, זעצט זיך אַוועק אף א שטול אַנטקעגן מיר און דערמאָנט זיך:

— כ׳געדענק ניט, כ׳האָב אײַך דערציילט צי ניט? אָבער ווער קאָן זיך דאָס אָנדערציילן וועגן אונדזער לעבן. מיר האָבן נאָר כאַסענע געהאַט, ניט אויספּעיעט אָנצוקוקן גוט איינער דעם אַנדערן, האָט מען נאָכעמען צוגענומען אף יענער מילכאָמע. איך בין געבליבן, ווי מע זאָגט, ניט קיין מיידל, ניט קיין ווײַבל. ווײַטער, די גראַזשדאַנסקע! הײַנט, ווי מיר זײַנען לעבן געבליבן פון אָט דער מילכאָמע, פאַרשטיי איך ביז הײַנט ניט, פרעגט מיך בעכיירעם. אַזאַ זון אַוועקגעלייגט, און איך לעב!

— ציוויע, גענוג! — שלאָגט איבער נאָכעם. — בעסער הערט מיך. אומעטיקע מײַסעס זײַנען מיר ניט זשעדנע. אף יענער מילכאָמע בין איך א יאָוון, ווי אַלע יעוואָנים. ווער האָט פאַנאַנדערגעלאָזן א סלוך, אַז איך בין א בעקער, געדענק איך שוין ניט. בעקיצער, איך שטיי אין פראָנט, פּאָלנע פּאָרמע. פלוצעם גייט צו, איך געדענק שוין ניט ווער, אָבער א נאַטשאַלניק, טוט ראַפּטאָם א פרעג: „טי איז זשידאָוו?" זאָג איך: „טאַק טאָטשנאָ!" גיט ער מיר א פלעם אין פּלייצע און מאַכט צו מיר: „כאָט טי איז זשידאָוו, סוואָיאָ דעלאָ זנאיעש! קאַלאַטשי טשטאָ נאַדאָ!"

— נאָכעם, דריי ניט דעם קאָפּ מיט די קאַלאַטשי. פאַרדריי א שטיקל טייג אף קאָרזשיקעס. האָסט פאַרגעסן, אַז הײַנט איז פרײַטיק? — לאָזט ציוויע נאָכעמען ניט דערציילן די מײַסע ביזן סאָף.

ניט נאָר הערן, נאָר קוקן אף ציוויען מיט נאָכעמען איז א כּיעס. טאָמער גייט זי אַרײַן צו עטלען מיט פּיניען, שטעלט זיך גלײַך אַרײַן נאָכעם אויך. ער זעצט זיך לעבן איר אף דער סאָפע, שמייכלט און מוסערט זי:

— א ווײַב גייט האָבן פאַרגעניגן, זאָגט זי דעם מאַן ניט קיין וואָרט. ווער טוט עס אַזוי? האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דײַן קוגל האָט ניט געוויינט, האָב איך דאָך אויך געלאַכט...

— געבן דיר א גלאָז טיי, טאַטע? — פרעגט עטל.

— א קראַנקן פרעגט מען. גיס שיטער, אבי גיכער, — ווערטלט זיך נאָכעם.

זײַן גאַנץ געשטאַלט שמייכלט. דאָס פּנעם איז קײַלעכדיק, די אויגן קײַלעכדיק, די באַקן אין דער מאָס רויטלעך, די אויסגעהאָרעוועטע הענט ליגן אַף די קני. ווײַלעווײַז גיט ער א קוק אַף ציוויען. עס פליט מיר דורך א געדאַנק: „דער אַלטער איז נאָך באַלעבאָס...” ציוויע כאַפּט איבער זײַן קוק, פרעגט שטיל:

— ווילסט שוין אין שטוב? זאָג בעסער, אַז דו ווילסט איבערבײַסן.

— ביסט אַליין זאָרעכל דער פּרעסער, — ווערטלט זיך ציוויע, הייבט זיך אויף פון סאָפע, נעמט דעם אַלטן אונטער דער האַנט, און זיי גייען אַוועק.

— עס געפעלן אײַך אונדזערע אַלטע? — וויל עטל וויסן.

— וואָס פרעגסטו? זעסט ניט, ווי שירע קוקט אַף זיי? — פיניע פלאַטקין גייט צו צו דער שאַפע, נעמט א העפט און הייבט אָן לייענען לידער. ער לייענט א ליד, וועלכע הייבט זיך אָן:

זון, שײַן, דער שעד וועט דיך ניט נעמען!

און נאָך א ליד, — ווי־אַזוי ער וועט ברענגען דער מאַמען וואַסער. ער לייענט נאָך. אין א וואָכעדיקן טאָג איז פיניע פלאַטקינס אַנבליק אַמכאָדיק. אָבער קוים הייבט ער אָן לייענען, ווערט זײַן פּאָנעם ערנסט, די בלויע אויגן קריגן א שאַרפן גלאַנץ, ער איז אַפילע העכער אין וווקס. זײַן שטים קלינגט זיכער און שטאַרק, און ס'בלײַבט בא מיר קיין צווייפל ניט, אַז ער איז א דיכטער.

ס'איז די ריכטיקע צײַט דאַנקבאַר צו זײַן הירש רעלעסן, וואָס האָט מיך אַזוי צוגערעדט, איך זאָל פאָרן קיין באָברויסק. ניט נאָר צוגערעדט, נאָר טאַקע באַגלייט צום אויטאָבוס, און ווען איך בין שוין געזעסן, האָט ער נאָך לאַנג געפאָכעט מיט זײַן הוט.

אין אָוונט קומט ארײַן יאָשע ראָטנבערג. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהאָרעוועט א גאַנצן טאָג, זיצט ער און דערציילט, וואָס פאַר א שיין מעבל מע מאַכט אַף דער אונטערנעמונג, ווו ער אַרבעט, און אַז דער צענטער פינפיאָר וועט ברענגען געמיטלעכקײַט און שיינקײַט אין די שטיבער פון די אַרבעטנדיקע. ער טוט אויך א זאָג: „מע פאַרדינט נישקאָשעדיק. איך האָב א זון מיט א טאָכטער. האָב איך, באָרעכהאַשעם, אויסגעצאָלט פאַר זיי צוויי קאָאָפּעראַטיווע דירעס. אַלץ פון די צוויי הענט”, — און ער ווײַזט זײַנע ביידע הענט מיט צענומענע פינגער פאַר דער עלעקטרע־שײַן.

פיניע פלאַטקין ווײַזט פאַרשיידענע פאָטאָס. איין פאָטאָ איז א מאָדנע. אַפן פאָדערפּלאַן שטייען עטלעכע זעק. זיי זײַנען אַזוי אָנגעשטאָפּט, ס'איז ניט צו פאַרשטיין, ווי־אַזוי מע האָט זיי פאַרבונדן. אַהינטער די זעק שטייען פרויען אין וואַטניקעס, אין ווינטערדיקע דיקע פאַטשיילעס. דער קאָלאָריט פון דער פאָטאָ איז אַזאַ, ווי ס'וואָלט געווען א מוירעדיקער פראָסט.

— פאַרוואָס האָבן זיך די ווײַבער פאָטאָגראַפירט מיט די זעק בולבע? — פרעג איך.

— בול־בע! — רופט אויס פיניע, ווערט אַנשוויגן, דעקט צו די פאָטאָ מיט דער האַנט, קוקט מיך אָן. — בולבע? אין די זעק ליגן מענטשן, אײַנוווינער פון א דערבײַיִק שטעטל. די ווײַבער, קרויווים פון די אומגעבראַכטע, האָבן זיך נאָך דער מילכאָמע דערשלאָגן א דערלויבעניש, אויסגעגראָבן די ביינער פון זייערע נאָענטע, אײַנגעפּאַקט אין זעק און אַריבערגעפירט אַהער...

אַזוי איז דאָס. אַנדערש קאָן בא אונדז ניט זײַן. כ'האָב מיך אַזוי געפרייט מיט באָברויסק, אַזוינע האָרעפּאַשנע קרעפטיקע ייִדן זײַנען געקומען אַף מײַן פאָרלעזונג. זיי זײַנען אַזוי שטיל געזעסן, אויפמערקזאַם געהערט, האַרציק מיך באַדאַנקט, און אָט איצט האָבן עס די זעק אָפּגעווישט...

כ'בין ווידער אין ווילנע, אין קאָוונע. עס איז גוט, וואָס איך האָב געזען יאָזאַס סטראַופּיסן. ער האָט מיר געמאַכט גרינגער דעם שטיין אַף מײַן האַרצן. און ס'איז, פאַרשטייט זיך, גוט, ווען מע זיצט ניט אַף אָן אָרט. אָבער מע דאַרף זיך שוין רירן, צײַט צו פאָרן אַהיים. איך גיי ארײַן אין אויטאָבוס־סטאַנציע, איך דערוויס זיך, אַז פון באָברויסק קיין מאָסקווע גייט דער אויטאָבוס דורך ראָהאַטשאָוו. אין ראָהאַטשאָוו איז דאָ א גאַס אַף שמועל האַלקינס נאָמען. איך האָב געטראַכט: געוויס איז שמועל ייִנגלווײַז דאָרט אַרומגעלאָפן. וואָס פאַר א גליק דאָס איז צו זען די ערד, דעם הימל, אַף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן דער פּרעכטיקער בוים — שמועל האַלקין.

אַפן וועג קיין ראָהאַטשאָוו בין איך געווען אופגעשרויפט, ווײַל איך האָב ניט געוווסט, צי כ'וועל באַווײַזן בייסן דורכפאָרן צו זען די גאַס אַף האַלקינס נאָמען. דערנאָך האָב איך זיך באַרויִקט, ניט שטאַרק אײַנגערעדט דעם שאָפער פונעם אויטאָבוס, ער זאָל שטיין מיט א מינוט פופצן מערער. דער שאָפער האָט געזאָגט איינמאָל ניין. ניין, איז ניין!

לעבן מיר זיצט א יונגע פרוי מיט א קינד אף די הענט. איך האָב געמיינט, אז זי פאָרט אליין, ווײַזט זיך ארויס, אז ערגעץ אף די הינטערשטע שטולן זיצט איר מאַן. ווי נאָר דער אווטאָבוס שטעלט זיך אָפּ, גייט ער צו, נעמט דאָס קינד אף די הענט, העצקעט זיך מיט דעם און זאָגט צו דעם ווײַב, זי זאָל דעם געבן א סאַך טרינקען און ווינציק עסן. בײַס דער אווטאָבוס רירט פון אָרט, גייט ער זיך אוועק אהין, ווי ס׳איז אָנגעוויזן אין זײַן בילעט. ווי נאָר עס נעמט רוישן דער מאָטאָר, נעמט דאָס קינד מוירעדיק וויינען. די מאמע גיט אים אן אָפּגע־שיילט הארט איי. דאָס וואָלט געווען נישקאָשע, אָבער דאָס כאזוערט זיך איבער יעדעס מאָל, ווי נאָר דער אווטאָבוס נעמט רוישן. איך קאָן עס ניט זען, ווארעם דאָס קינד עסט שוין דאָס זעקסטע איי. וואָס וועט מיט דעם זײַן? א גליק, וואָס דער טאטע איז צוגעגאנגען, דערזען אן איי אין קינדס הענטל, אוועקגעכאפּט דאָס קינד, געזאָגט דעם ווײַב א פּאָר שארפע ווערטער, דערנאָך ווידער צוגעגאנגען, געהייסן איר זיך זעצן אף זײַן אָרט, און ער האָט זיך אוועקגע־זעצט מיטן קינד לעבן מיר באם פענצטער. עס איז דאָ א ווערטל: „אז דער יעגער גייט אין וואלד, באגעגנט אים די כּײַע”. איך האָב זיך פאנאנדערגעשמועסט מיט מײַן שאָכן. דאָס קינד איז גראָד אײַנגעשלאָפן. דערציילט ער מיר, אז אליין ארבעט ער אין מינסק אפן אווטאָ־מאָביל־זאוואָד, ער פארדינט גאנץ גוט, האָט א באקוועמע דירע און אלץ, וואָס מע דארף.

— אײַער ווײַב ארבעט? — וויל איך וויסן.

— איך האָב דאָס פײַנט.

— וואָס האָט איר פײַנט?

— דאָס ווײַב זאָל זײַן אויסער דער שטוב. כ׳האָב ליב, זי זאָל זיך ארומדרייען אין שטוב. ווארעם איך דארף א ווײַב פאר זיך, ניט פאר דער אינדוסטריע און ניט פאר אנשטאלטן.

דערהערט אזוינע ווערטער, שווײַג איך. ער שווײַגט אויך. מײַנע געדאנקען פלעכטן זיך ווידער וועגן ווילנע, וועגן קאָונע, וועגן מינסק און באָברויסק. באָברויסק איז גאָר א באזונ־דערע זאך. איך טראכט אהין און טראכט אהער, וויאזוי און וואָס זאָל איך אויסמארקירן פארן צענטן פינפיאָר. ווידער טראכט איך וועגן הירש נאומאָוויטש טיניאנאָוון, וואָס איז א סאך יאָרן טעכנאלאָג אף דער מעבל־פאבריק, וועלכע מאכט קיד־גארניטורן און זיי האָבן דעם צייכן פון הויכער קוואליטעט. איך דערמאָן זיך וועגן איינעם פון די בעסטע ארבעטער אף דער מעבל־פאבריק נומ. 2 מיכאיל נעמעץ, פּיאָטער מאראזאָוו, הילעל טונקל. דאָס זײַנען אלץ אויסגעצייכנטע פײַנסטאָליערס. עס קומט מיר אויך אפן זינען יאַקאָוו וואָלפאָוויטש רוטנבערג, וואָס ארבעט שוין אויך א סאך יאָרן אף דער באָברויסקער מעבל־פאבריק נומ. 2.

באָברויסק. עס איז גוט, וואָס איך בין פארפאָרן אהער. דאָס האָט באשיינט מײַן רײַזע. אפילע די אלטע ייִדן אין באָברויסקער פארק, וועלכע זײַנען שוין איצט אף פענסיע, האָבן מיך זייער געפרייט. דאָס זײַנען ־דאָך טאטעס פון זין. בא איינעם איז א זון א געלערנטער און ארבעט ניט הי, אנדערע האָט אָפּגעגליקט און זייערע זין און טעכטער זײַנען אין באָב־רויסק. זיי גופע, די אלטע ייִדן, זײַנען זיכער אין קומענדיקן טאָג. מע זיצט און מע שמועסט געמיטלעך, מע גייט זיך דורך צו פרײַנט, מיט איין וואָרט, ווי איינער אן אלטער ייִד האָט מיר געזאָגט: „ניט צו פארזינדיקן, אבי יאָרן. מײַנע קינדער פארשעמען מיך ניט. זיי פארנע־מען וואזשנע שטעלעס. מײַן ייִנגסטער, וואָס ארבעט אפן קאָזשזאוואָד, האָט אויך געענדיקט א טעכניקום, און אין קעשענע נאָך קיין וואָרט קריכט ער ניט”...

דער טאטע מיטן קינד זיצן לעבן מיר, די מאמע איז דאָרט, ווו ער האָט זי באזעצט. ס׳קומט מיר אפן זינען טעוויע דעם מילכיקערס ווערטער: ניט קעראַכים איים אל באָנים — נײַערט קעראַכים אָוו אל באָנים[1]. בײַס דער אווטאָבוס שטעלט זיך אָפּ, גייען אלע מענטשן ארויס כאַפּן לופט. דער פארנאכט איז א פרעכטיקער. נעענטער צו מאָסקווע הייבט אָן רע־גענען. דער טאטע נעמט ארײַן אין די פּאָלעס פון זײַן רעקל דאָס קינד און טרייסט מיך:

— דאָס איז מאזלדיק. אוועקפאָרן מיט רעגן און קומען מיט רעגן איז א גוטער סימן...

קאָן זײַן, ער איז גערעכט. אזויפיל בין איך אויסגעפאָרן, און אָט בין איך ווידער אין מאָסקווע. אבי געזונט, דארף מען אף אן אָרט ניט זיצן.

---

[1] ניט ווי די מוטער האָט ראכמאָנעס אף די קינדער, נאָר ווי דער פאָטער.

אין פאַריקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן מיר אָפּגעמערקט ז. וואַנדראָפּס 100־טן געבורטסטאָג. מיט די דרײַ דערציילונגען זײַנע, וועלכע מיר דרוקן איצט, ווערט ניט בלויז פאַרגעזעצט דער שמועס וועגן דעם שרײַבערס שאַפונג, נאָר די לייענער באַקומען נאָך איין מעגלעכקײַט אַריבערצוטראָגן זיך אין דער עפּאָכע פון דעם אַזויגערופענעם טכום־האַמוישעוו, ווען דאָס ייִדישע פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אונטערדריקט און פאַרפאָלגט.

אײַנשליסנדיק ז. וואַנדראָפּס דערציילונגען אין דער רובריק „60 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע", האָט די רעדאַקציע אין זינען אונטערצושטרײַכן דעם היסטאָרישן פאַרדינסט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלכע האָט אָפּגעשאַפן דעם פאַרשאָלטענעם טכום.

ז. וואַנדראָף

שווייצאַרישע אונטערטאַנער

עס זײַנען פאַרבײַ וואָכן און כאַדאָשים, ווי איך זוך אַרבעט — וועלכע־ניט־איז אַרבעט, און קאָן ניט געפינען.

איך ווייס ניט, דורך וועלכע וועגן, נאָר צו באַלעבאַטים אין שטאָט איז דערגאַנגען, אַז איך בין „אַ יונג מיט אַן אָפּן מויל". איך שאַנעווע ניט די, וועמענס ברויט איך עס, און רעד אַנטקעגן קונדן.

— סאַמע סידאָראָוון, דעם מאָסקווער סידאָראָוון, האָט ער אַנטקעגן גערעדט!

דאָס אַליין איז גענוג געווען, אַז אַלע טירן זאָלן פאַר מיר זײַן געשלאָסן.

— ווּ האָט איר פריִער געאַרבעט, יונגערמאַן?

איך רעכן אויס אַלע מײַנע פריִערדיקע באַלעבאַטים: פּינקוס עט קאָ., הערצפעלד, ראָטשטיין און קלינקאָווּשטיין... לייגנדיק באַזונדערע האָפענונגען אַף די לעצטע: אַזאַ גרויסע פירמע דאַרף זײַן אַ גוטע רעקאָמענדאַציע.

— אַ, באַ ראָטשטיין און קלינקאָווּשטיין? ווי איז אײַער פאַמיליע, יונגערמאַן? המ!.. ניין, יונגערמאַן, מיר נייטיקן זיך ניט אין קיין מענטשן...

אַלץ אָפטער און אָפטער קומען מיר אַפן זינען די הייליקע ווערטער, מיט וועלכע פאַן ליפּעצקי האָט מיך אַרויסבאַגלייט פון מײַן לעצטער שטעלע: „אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט, אַז דער קונד איז שטענדיק גערעכט, טויג פאַר אונדז ניט און וועט פאַר קיינעם ניט טויגן".

פאַר מיר ווערט קלאָר, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן אין ניט־געשריבענעם שוואַרצן צעטל און מעג זיך אַף אייביק געזעגענען מיט דער געווענטענער וועלט.

פאַר דעם קאַרגן יאָר צײַט, זינט איך בין פאַריאָגט געוואָרן פון דעם געוואַנט־ און שעוויאָט־קיניגרײַך, האָב איך איבערגעפּרוּווט אַלערליי באַשעפטיקונגען: געווען אַן אַגענט פון אַ שטעמפּלמאַכער און שילדנמאָלער, געקליבן אַנאָנסן פאַר אַן אָוונט־בלעטל, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט אַנאָנסירן זיך אין אים, געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין צײַטונגען, וואָס האָבן קיין האָנאָראַר ניט געצאָלט, געזוכט קונדן פאַר פאַבריקאַנטן אַף וויזיטקאַרטלעך און געלערנט זיך אַף אַ ציין־טעכניקער. אָבער פון די אַלע פּאַרנאָסעס איז ניט שטענדיק געווען, מיט וואָס די ציין איבערצושײַערן.

מײַן דערנערונג באַשטייט דעריקער פון זיסזויערן ראָזינקעס־ברויט, וואָס איך קויף באַם טערק אַפן ראָג גאַס. פינף קאָפּעקעס פאַר אַ פרישע ברויטל און פיר קאָפּעקעס פאַר אַן אַלטגעבאַקן — „נעכטיקן". דאָסראָוו קויף איך „נעכטיקע" ברויטלעך: אי זיי קאָסטן ביליקער, אי זיי עסן זיך ווייניקער.

— די ראַזינקעס זײַנען אפֿן צװײטן טאָג פּונקט אַזױ פֿריש, װי אין ערשטן, — כאָכמעט זיך דער געלער באַכער, מיט װעלכן איך טײל דעם זעקסרובלדיקן צימער.

דער דאָזיקער געלער שאָכן מײַנער, פּונקט אַזאַ האַלב־הונגעריקער שטעלע־זוכער װי איך, איז אַ פֿרײלעכער לונג־און־לעבער.

— ראַזינקעס האָבן מיר שױן. עס פֿעלן אונדז בלױז מאַנדלען, — זאָגט ער, אַרױסקאַלופּענדיק די ראַזינקעס פֿונעם ברױט.

זופּנדיק טײ אָן צוקער, זאָגט ער צו מיר:

— מיש, מיש, אונטן איז גענוג צוקער.

אונטן — דאָס איז אין געװעלבל, װאָס אונטער אונדזער צימער.

װען עס פֿעלט אױס קעראָסין אױף אױפֿקאָכן טײ, אײצעט ער אָנטרינקען זיך מיט קאַלט װאַסער און צולײגן דעם בױך צום הײסן אױװן, װעט װערן טײ.

— דער מאַלצײַט איז סערװירט, אײַער עקסעלענץ! — מעלדעט ער פֿײַערלעך, פֿאַנאַנדערלײגנדיק די ברױטלעך אױף אַ גאַזעט.

װען עס פֿעלן אױס די צען קאָפּעקעס אױף צװײ זיס־זױערע ראַזינקעס־ברױטלעך, לײגט ער פֿאַנאַנדער געדיכט באַזאַלצענע ריפּטלעך שװאַרץ ברױט אפֿן טיש און פֿאַרנײגט זיך פֿאַר מיר:

— אַ ביסעלע געזאַלצנס, מײַן הער, צוליב אַפּעטיט װעגן. ביטע!..

דעם געלנס גאַלגאַן־הומאָר העלפֿט לײַכטער צו פֿאַרדײַען אונדזערע „מאַלצײַטן", נאָר זאַטער דערפֿון װערן מיר ניט.

אין מײַן נױט האָב איך געפּרוּװט זיך אומקערן צו מײַן אַמאָליקער פּראָפֿעסיע — אײַנבינדערײַ, אָבער אָן דערפֿאָלג.

די ערשטע אײַנבינדערײַ, װוהין איך בין אַרײַן פֿרעגן אױף אַרבעט, איז געװען אין אַ קעלער־שטוב, שװאַך באַלױכטן מיט אַן אײן־אײנציק גאַז־רערל. נאָך אײדער מײַנע אױגן האָבן עפּעס דערזען, האָט שױן מײַן נאָז דערשמעקט דעם רײַעך פֿון זײַערדיקן אײַנבינדערשן פּאַפּ, פֿון נאַסע קינדערשע װינדעלעך, פֿון שװײס און פֿון לאַנג ניט געװאַשענע מענטשישע קערפּערס.

אין װינקל, באַם אײנציקן פֿענצטערל, װאָס האָט זיך בלױז אױף אײן דריטל אױפֿגעהױבן איבערן טראָטואַר, איז באַ אַן אײַנבינדערשן װאַרשטאַט געשטאַנען אַ מיטליאָריקער ייִד מיט אַן אַפּאָסטאָל־פּאָנעם — אַ דורכזיכטיק־בלײך, לײַדנדיק פּאָנעם, אײַנגעפּאַסט אין אַ שװאַרצבערדיק רעמל, און האָט מיט אַ באַרשט געשמירט סטאָליערשן קלײ אױף די רוקנס פֿון אַ בינטל ביכער, צוזאַמענגעפּרעסטע אין אַ פּרעס.

— װאָס פֿאַרלאַנגט דער הער? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר. באַמערקט מײַן פֿאַרלעגנהײט, האָט ער זיך געאײַלט צוגעבן:

— דער הער קאָן זײַן רויִק. אונדז מאַכן מיר װעלעכענע אַרבעט דער הער פֿאַרלאַנגט. אינדז בינדן מיר ביכער, אינדז אַרבעטן מיר אַלבומען פֿאַר מוסטער־קאָלעקציעס, קאָנטאָר־ביכער... איך קאַװיר אין פֿאַר גיטע אַרבעט. גיט און ביליק.

דער „הער" האָט ניט געדאַרפֿט ניט קײן אַלבאָמען פֿאַר מוסטער־קאָלעקציעס, ניט קײן קאָנטאָר־ביכער. אַרבעט — דאָס איז אַלץ, װאָס דער „הער" האָט פֿאַרלאַנגט.

דער ייִד מיטן אַפּאָסטאָל־פּאָנעם האָט שנעל, װי ביגנײװע, אַ פֿיר געטאָן איבער מיר מיט זײַנע מידע אױגן און ראַכמאָנעסדיק — עפּשער מיט מער ראַכמאָנעס צו זיך אַלײן װי צו מיר — קרענקלעך זיך צעשמײכלט:

— ייִנגערמאַן, — פֿון אַ „הער" בין איך גלײַך געװאָרן אַ פּאָשעטער יונגערמאַן, — ייִנגערמאַן, עטץ מאַכט כױזעק פֿון מיר, צי װוּעס? האָט שוין טאַקיש אַזאַ ייִנגערמאַן, װי ענק, ניש געפֿינען קאַ־בעסערס װי אײַנבינדערײַ? סי דען אַ פֿאַך? סי דאַך אַ טשאַכאָטקע, אַ דער — ניט קאַ' פֿאַך!.. גײט, ייִנגערמאַן, און זאָל אײַך גאָט צושיקן עפּעס בעסערס...

קײן בעסער מאַזל האָב איך אױך ניט געהאַט אין אַנדערע אײַנבינדערײַען. די אײגנטימער פֿון די אײַנבינדערײַען — „הײמישע ייִדן" אין יאַרמלקעס און טאַלעסקאָטנס — האָבן געקוקט מיט כשאַד און אומצוטרױ אױפֿן פּאַצעטישן ליטװאַקל, װאָס קומט צו זײ בעטן אַרבעט.

אָפּמעסטנדיק מיך פֿון מײַן האַרטן קאַפּעליוש ביז צו די שאַרפֿע שפּיצן פֿון מײַנע אָפּגעטראָגענע, אָבער ביז שפּיגל־גלאַנץ אָפּגעפּוצטע שיך, האָבן זײ מיך, אַלע װי אײנער, אָפּגעפֿאַרטיקט:

— גײט שוין, גײט, ייִנגערמאַן. אינדז הובן מיר אַלײן ניש װוס צי טון. אינדז ברױכן מיר ניש קאַ' געזעלן.

די טירן פֿון די אײַנבינדערײַען זײַנען פֿאַר מיר געשטאַנען אָפֿן... אױף אַרױסצוגײן.

ניט געװען שױן קײן אײן באַקאַנטער מײַנער — אַכוץ די, װאָס זײַנען, װי איך, געװען אָן אַרבעט און האָבן האַלב אָדער אינגאַנצן געהונגערט, — באַ װעמען איך זאָל שױן ניט האָבן געכאַפּט אַ גמילעסכעסעדל — פֿון אַ האַלבן קערבל ביז אַ דרײַערל. באַ װעמען צו „כאַפּן" איז שױן ניט פֿאַרבליבן. האָב איך קײן אַנדער ברירע ניט געהאַט, װי װענדן זיך נאָך אַ האַלװאָע צו מײַן רײַכן קאָרעװ באַריס לעװיטין, אַ מענטש מיט אַן אײגן געשעפֿט אין מאָסקװע.

מײַן רײַכן קאָרעװס אַשירעס איז באַשטאַנען אין זײַן פּראַװאָזשיטעלסטװאָ: זײַן דיפּלאָם פֿון



אזעלכע בילדער האָט מען אמאָל געקאָנט זען אין די געסלעך פונעם יידישן טכום-האמוישעוו

א פראָוויזאָר האָט אים געגעבן וווינרעכט „אין די ערטער, וווּ ייִדן איז פארבאָטן צו וווינען". האָט ער אָפּגעזוכט א שקלאָוווער ייִד מיט קאפיטאל, נאָר אָן פראוואָזשיטעלסטוואָ, און געמאכט מיט אים שותפֿעס: דער בעספּראוונער כאָנע קושניר פון שקלאָוו האָט ארײַנגעלייגט אין געשעפט זײַן קאפּיטאל, און דער פּאָלנאָפראוונער באָריס לעוויטין — זײַן פּראוואָזשיטעלסטוואָ, און אין מאָסקווע האָט זיך געעפנט אן אָפּטאָווער רויכווארג־געשעפט אונטער דער פירמע „ב. לעוויטין און קאָ., רויכווארגער".

אף מײַן באקאָשע האָט באָריס לעוויטין מיר צוגעשיקט פופֿצן רובל מעזומען, און — שוין אָן מײַן באקאָשע — „אן אייצע פון א פּראקטישן מענטשן", וויִאזוי צו „ווערן א מענטש און דערשלאָגן זיך צו א טאכלעס אין לעבן".

„...ווי לאנג נאָך וועסטו דאָרטן זיך ארומדרייען א הונגעריקער אין דײַן פארייכערטן „רוסישן מאנטשעסטער" — לאָדז, וווּ אף יעדער שטעלע פאר פופצן קערבלעך א כוידעש זײַנען פאראן דרײַסיק הונגעריקע קאנדידאטן? — האָט פאר זײַנע פופצן רובל געוואָלט וויסן מײַן קאָרעוו דער באלטאכלעס. — דו ווילסט פאָלגן א פּראקטישן מענטשן, איז קויף פאר די פופצן רובל א באן־בילעט און קום צו פאָרן קיין מאָסקווע. איך וועל דיך שוין דאָ ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען. איך וועל דיר ניט צוזאָגן קיין ארבעט בא אונדז אין געשעפט. דאָס איז צוליב געוויסע טײַמיט ניט באקוועם, נאָר האָב קיין זאָרג ניט. ליידיק וועסטו דאָ ניט ארומגיין. די פראגע פון פּראוואָזשיטעלסטוואָ זאָל דיך ניט באומרויִקן: וועסט וווינען אין מאָסקווע, ווי עס וווינען דאָ א סאך אנדערע ייִדן — ווי א שווייצארישער אונטערטאנער, דאָס הייסט, וועסט צאָלן דעם שווייצאר פונעם הויז א דרײַערל אָדער א פינפערל א כוידעש און וועסט לעבן, ווי א גראף, ניט קיין צוגעשריבענער... ווער רעדט, אז דו וועסט קומען מיט א דאָווערענאָסט פון א סויכער, כאָטש פון דער צווייטער גילדיע, דאן לאכסטו זיך דאָך אויס פונעם סאמע מאָסקווער גענעראל־גובערנאטאָר. עמעס, א דאָווערענאָסט גיט וווינרעכט בלויז אף דרײַ כאדאָשים אין יאָר, נאָר ווו שטייט עס געשריבן, אז דו מוזסט זיך צושרײַבן? דײַן פּאספּאָרט מיט דער דאָווערענאָסט דארפן שטענדיק ליגן בא דײַן סוווערען — דעם שווייצאר. ווען מע זאָל דיך ניט א נעם טאָן, ביסטו נאָרוואָס געקומען צו פאָרן און איבערגעגעבן דעם שווייצאר די דאָקומענטן צו פארשרײַבן. דערבײַ, פארשטייט זיך, דארף מען א שטעק טאָן דעם אָקאָלאָדאָטשנעם א פינפערל אין די ציין, און דו קאָנסט ווײַטער וווינען רויִק אין מאָסקווע.

איצט פארשטייסטו שוין, וואָס הייסט א ייִד א שווייצארישער אונטערטאנער?

האקלאל, לייג ניט אָפּ און קום צו פאָרן. א מענטש דארף קלערן וועגן א טאכלעס, קאָלזמאן ער איז יונג. אָט לערן זיך פון מיר, — האָט מײַן קאָרעוו דער באלטאכלעס מיר געזייצעט. — אן אנדערער אף מײַן אָרט וואָלט זײַן גאנץ לעבן אָפּגעשטאנען הינטער פרעמדע אפטייק־טישן און געריבן מיטן מערזל אין שטויסל און פאנאנדערגעגאָסן ריצנייל אין פלעשעלעך. פאר מיר אָבער איז עס קיין טאכלעס ניט. בין איך, ווי דו זעסט, געוואָרן א סויכער, דערשלאָגן זיך צו א טאכלעס. איך האָף, אז דו האָסט מיך פארשטאנען און וועסט מיר פאָלגן"...

איך האָב אים פארשטאנען און האָב אים געפאָלגט. א ברײרע האָב איך געהאט...

.1960—1912

אָן א היים

אין וואגאָן האָט זיך אָנגעהויבן יענע לעבהאפטיקע באוועגונג, וועלכע הייבט זיך געוויינלעך אָן, ווען דער צוג דערנעענטערט זיך צום לעצטן פונקט פון זײַן מארשרוט. יעדערער האָט אײַלנדיק אראָפּגענומען זײַנע טשעמאָדאנעס און פּעקלעך פון די אייבערשטע פּאָליצעס, פארוויקלט און צוגויפגעבונדן דאָס בעטגעוואנט; פרויען מיט האנטעכער אין די הענט האָבן געאײַלט אין טואלעט־צימער; עמעצער האָט געזוכט זײַן טשײַניק, מיט וועלכן א האלבער וואגאָן האָט זיך באנוצט אין דער רײַזע; א פרוי האָט אומרויִק און דערשראָקן געשריִען: „מישא, ווו ביסטו אהינגעקומען, מישא?" א נערוועזער פּארשוין האָט זיך אליין געשיקט צום טײַוול דערפאר, וואָס ער האָט פארגעסן צו אײַנפּאקן דאָס קישעלע און דארף צוליב דעם אפסנײַ אופבינדן דעם פּאק בעטגעוואנט. די, וואָס זײַנען שוין פארטיק געווען מיט די האכאָנעס צום אויסשטײַגן, האָבן מיט אומגעדולד געקוקט דורך די פענצטער, אָפּמערקנדיק די צייכנס פון דערנעענטערונג צו מאָסקווע. די סאמע אומגעדולדיקע זײַנען שוין געשטאנען מיט זייערע טשעמאָדאנעס אין טאמבור, גרייט ארויסצושפּרינגען, ווי נאָר דער

צוג וועט זיך אָפּשטעלן. יעדערן האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אַף זײַן אָרט, צו זײַנע אייגענע, צו זײַנע פרײַנט און באַקאַנטע, אומקערן זיך צו זײַן ארבעט, צום נאָרמאַלן לעבן.

בלויז מיר איינעם האָט זיך געוואָלט, די רײַזע זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. דאָ, אין וואַגאָן, האָב איך, וויניקסטנס, פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, דאָ פּאָדערט בא מיר קיינער ניט קיין דאָקומענטן. אָבער וואָס דערוואַרט מיך דאָרטן, אין דער גרויסער פרעמדער מאָסקווע? שוין אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן, ווייס איך דאָך ניט וווהין צו גיין, צו וועמען זיך ווענדן, ווו איך וועל נעכטיקן שוין הײַנטיקע נאַכט...

צו מײַן קאַרעוו לעװיטין קאָן איך ניט פאָרן: „אַפילע, ווען איך וואָלט געהאַט פאַר דיר אַן אָרט בא זיך אין דירע, וואָלט איך דיך אויך ניט געקאָנט לאָזן ווינען בא מיר, — האָט מיך לעכאַטכילע געוואָרנט מײַן קאַרעוו. — אונדזער הויפיקער, דער דוואָרניק אונדזערער, איז א שוואַרצמייעניק, ער גיט גלײַך צו וויסן דער פּאָליציי וועגן יעדן פרעמדן אין הויז. די פּאָליציי גופע האַלט אויך אין אויג יידישע דירעס: מאַכט אָפּט נאַכט־וויזיטן, שפּירט נאָך, צי האַלטן מיר ניט בא זיך קיין ניט צוגעשריבענע יידן. א טרייפן יידן איז גלײַכער צו ווינען בא רוסישע מענטשן, רוזקער אוואַדע. נאָר זאָל עס מיך ניט אַרן: א סטאַנציע קריגט מען, אַבי געזונט און געלט"...

אין וואַגאָן האָב איך זיך באַקאַנט מיט א יידן, וואָס ווווינט שוין, ווי ער האָט געזאָגט, היפּש עטלעכע יאָר אין מאָסקווע „אַזוי", דאָס הייסט, ניט קיין צוגעשריבענער. וואָס הייסט ניט קיין צוגעשריבענער? שרײַבן שרײַבט ער זיך יאָ צו, נאָר ניט מער, ווי די לעצטע דרײַ כאַדאָשים אין יאָר, אַף זײַן דאָווערענאָסט. נײַן כאַדאָשים אין יאָר לעבט ער „אַזוי", „מיטן דוואָרניק".

דער ייד האָט מיר אופגעגעבן א גאַנצע רעשימע אַדרעסן, ווו מע קאָן ווינען „אַזוי". עס זײַנען אויך פאַראַן, האָט ער מיר געזאָגט, מעבלירטע צימערן, ווו מע נעמט גערן אוף טרייפע יידן, גאָר פּאַשעט, ווײַל א טרייפער ייד צאָלט צוויי מאָל אַזויפיל, ווי א קאָשערער גאַסט. עמעס, קיין פּאַלאַצן זײַנען אַזעלכע נומערן ניט, נאָר אַז ס'איז ניטאָ עפּעס בעסערס, קאָן מען אין אַזעלכע האָטעלן אויך איבערנעכטיקן א נאַכט, די אַנדערע. קורץ, ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי איך שטעל זיך פאָר. וואָסי שײַעך ניט שרעקלעך? מע האָט געגנוג אויסצושטיין צאָרעס, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מיט שרעק, מיט ביזיוינעס, מיט דערנידעריקונג, נאָר גאָרנישט, — יידן זײַנען שוין געוווינט צו אַזעלכע זאַכן. מע גיט זיך אַן אייצע. קאָסט נאָך א דרײַערל.

— אַפן גאַס וועט איר אין מאָסקווע ניט נעכטיקן, — האָט ער מיך באַרויִקט.

פון אייגענער פּראַקטיק, אַפּאָנעם, גוט באַקאַנט מיט דער סעדרע פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און מיט דער טאָפּאָגראַפיע פון דירעס פאַר „טרייפע" יידן, האָט דער ייד, וואָס לעבט „אַזוי", צו יעדער „זיכערער דירע", וואָס ער האָט מיר אָנגעוויזן, צוגעגעבן זײַנע האַגאָעס:

— דאָ, אַף מעשטשאַנסקע, וועט אײַך קאָסטן בילִיק — בעסאַכאַקל א קערבלעך פּופצן־אַכצן א קוידעש פאַר א ווינקל — צוזאַמען מיט נאָך א פּאָר יידן אָן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. דאָ, אַף אַלעקסאַנדראָווסקע־גאַס, אַף דער זײַט, וואָס רעכנט זיך שוין מאַרינע־ראָשטשע, וועט איר קאָנען דינגען א צימערל פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר ריינקײַט וועל איך אײַך דאָרטן ניט קאַווירן... אַף באָלשאַיאַ גרוזינסקאַיאַ, נומ. 13, קאָנט איר קויפן דעם הויפיקן פאַר א דרײַערל א קוידעש, אָבער כ'האָב מוירע, אַז דאָרטן איז א ביסל צופיל וואַנצן... דאָ, אַף סרעטענקע, 23, קאָנט איר שלאָפן רויִק, ווי בא זיך אין דער היים: ס'איז בא דעם אַקאָלאָדאָטשנעם גופע, אָבער ס'וועט אײַך קאָסטן א מאַטמען מיט געלט... מיילע, איר וועט שוין אַליין זען, וואָס פאַר אײַך איז בעסער, — האָט ער פאַרענדיקט זײַנע אייצעס.

אַז א געניטער מענטש זאָגט „מע גיט זיך אַן אייצע", ווייסט ער דאָך, וואָס ער זאָגט. פּאָרט אַן אַלטער מאָסקוועער טוישעוו! האָב איך זיך געטרייסט. דאָך האָט עפּעס אַן אומרו גענאָגט דאָס האַרץ...

סאָפּענדיק, ווי א פאַרמאַטערטער פון לויפן, האָט דער צוג לאַנגזאַם אַרײַנגעפּויזעט אונטערן גלעזערנעם דאַך פון וואָקזאַל.

ס'האָט מיר א טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. מאָסקווע! ווו, בא וועמען וועל איך הײַנט נעכטיקן? וועל איך געפינען פאַר זיך א ווינקל?..

די סומאַטאָכע אין וואַגאָן איז געוואָרן נאָך גרעסער. מענטשן האָבן זיך געריסן צום אַרויסגאַנג פון וואַגאָן, ווי זיי וואָלטן זיך געראַטעוועט פון א סרייפע. נאָך איידער דער צוג האָט זיך רעכט אָפּגעשטעלט, האָבן זיך שוין פון אַלע וואַגאָנעס געטראָגן באַנומענע קוילעס: „נאָסילשטשיק, נאָסילשטשיק!", ווי מענטשן וואָלטן געווען אין דער גרעסטער געפאַר און גערופן צוהילף... בלויז איך איינער האָב זיך ניט געײַלט אַרויסצוגיין פון וואַגאָן: מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער זשאַנדאַרם, וואָס איז, ווי א סטאַטויע, געשטאַנען אַף דער פּלאַטפאָרמע, דורכלאָזנדיק פאַרבײַ זיך וואַגאָן נאָך וואַגאָן, פענצטער נאָך פענצטער, — האָט מיך, דאַפקע מיך, דורכגעדרונגען מיט זײַן בליק, און ווי נאָר

איך וועל ארויס פון וואגאָן, וועט ער מיך א נעם טאָן: „דאָקומענטי!"...

מײַן טשעמאָדאַנטשיק איז געווען קליין און מאָגער, דאָך האָב איך גענומען א טרעגער: אָן באגאזש וועט דער זשאנדארם עפשער ווייניקער מיך באמערקן?.. עלעהיי איך בין געקומען עמעצן באגעגענען אפן וואָקזאל?..

ס'איז געווען אן עכט־מאָסקווער אָקטיאַבער־פרימאָרגן. שווערע, בלײַענע וואָלקנס זײַנען נידעריק געהאנגען איבער דער שטאָט. א שפּאָרעווודיק רעגנדל האָט, ווי דורך א זיפּ, געזייט אף דער ערד. אלץ ארום איז געווען נאס, גרוי און כמורע.

מיט אָנגעשטעלטע קאָלנערס, די הענט טיף פארוקט אין די מאנטל־קעשענעס, האָבן מענטשן, אזוי כמורע ווי דאָס וועטער, געײַלט אין אלע ריכטונגען. דראָזשקעס, די אופגעהויבענע בײַדלעך, נאס און גלאנציק פון רעגן, זײַנען, טראסקענדיק מיט די אײַזערנע שינעס איבערן שלעכטן קאָבל־ברוק, קעסיידער צוגעפאָרן און אָפּגעפאָרן פון וואָקזאל. באַן־טרעגער אין ווײַסע פארטעכער און מיט מעשענע בלעכלעך אף די ברוסטן האָבן, אָנגעלאָדענע מיט פעק, ווי די קעמלען, באגלייט אָפּפאָרנדיקע און אָנגעקומענע פאסאזשירן.

דער וואָקזאל־פלאץ האָט געווירבלט, ווי א מוראַווייניק.

איך בין געבליבן שטיין א פארלאָרענער: דער ערשטער אדרעס אין מײַן ביכעלע איז געווען פון איינער א פריידע טעמקינע, צווייטע מעשטשאנסקע גאס, נומ. 34. אָבער ווו איז דאָ ערגעץ די צווייטע מעשטשאנסקע? עפשער פרעגן דעם גאָראָדאָוואָי? ניין, אזא נארישקײַט וועל איך ניט טאָן. מיר דוכט, אז ער קוקט שוין אזוי אויך אף מיר מיט כשאד... קודעם דארף מען ניט שטיין אף איין אָרט.

— באַרין, פאַדוועזו...

לאנגזאם פאָרנדיק לענגויס דעם טראָטואר, האָט דער איזוואָזטשיק זיך אריבערגעבויגן צו מיר פון דער קעלניע.

— וואשע סטעפּענסטוואָ! וווהין פארלאנגט איר? כ'וועל טײַער ניט נעמען. זעצט זיך, פּאָרעץ, כ'וועל אײַך צושטעלן אין א מאָמענט.

עפשער טאקע נעמען אן איזוואָזטשיק? — האָב איך א טראכט געטאָן. — איך ווייס דאָך אפילע ניט, ווי מע גייט אף צווייטע מעשטשאנסקע.

אפן וועג צו דער צווייטער מעשטשאנסקע איז אונדז אנטקעגן געקומען א לעווייע. דער איזוואָזטשיק האָט א ריס אראָפּ געגעבן דאָס היטל פון קאָפּ און האָט זיך איבערגעצײלעמט. איך האָב אויך אָראָפּגענומען דאָס היטל און גענומען באטאפּן די בוזעם־קעשענעס פון בײַדע זײַטן ברוסט: זאָל מען מיינען, אז איך צײילעם זיך, און ניט דערקענען אין מיר א רעכטלאָזן ייִד...

דאָס זעלביקע האָט דער איזוואָזטשיק געטאָן יעדעס מאָל, ווען מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן איינעם פון די פילצאָליקע קלויסטערס אפן וועג. נאָר דאָ האָב איך זיך שוין געלאָזן אף א שפּיצל: דערזעענדיק פונווײַטן די קופּאָלן פון א קלויסטער, פלעג איך נעמען קוקן אין דער קעגנביבערדיקער זײַט — עס הייסט, איך זע ניט דעם קלויסטער...

פינצטערע און גליטשיקע טרעפּ האָבן מיך געפירט צום דריטן שטאָק, ווו איך האָב געזאָלט געפינען די דירע פון פריידע טעמקינע. די טיר האָט מיר געעפנט א מיטליאָריקע פרוי מיט פלאקסענע האָר און מיט א פאריסן נעזל אף א בייזן פּאָנעם.

— טשטאָ וואם אוגאָדנאָ?

ארום א לאנגן, ניט־געפארבטן טיש זײַנען געזעסן א צען־צוועלף מיידלעך און גענייט. עטלעכע האָבן געשטעפּט אף ניי־מאַשינעס.

די מיידלעך האָבן מיט נײַגער געקוקט אף דעם אומבאקאנטן.

— דאָ וווינט פרוי טעמקינע?

— ניטאָ דאָ קיין טעמקינעס! — האָט די קורצנעזלדיקע בייז געענטפערט. — איך וווין דאָ. אנאסטאסיאַ ריבאקינאַ. א מאסטערסקאיא פון וועש... וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט די אויגן? — האָט זי זיך א קער געטאָן צו די מיידלעך. — קיינמאָל קיין מאנצבל ניט געזען? טוט אײַער ארבעט!

— אנטשולדיקט, — האָב איך א זאָג געטאָן און גיך ארויס. הינטערן טיר האָב איך דערהערט דאָס געלעכטער פון די מיידלעך.

איך בין אײַליק געגאנגען פון די טרעפּ און באמיט זיך אײַנצורעדן זיך, אז דאָס געלעכטער הייבט מיך ניט אָן צו ארן: א פּאָנעם עס האָט בא מיר: מיידלעך לאכן!... פונדעסטוועגן האָב איך, אליין ניט ווייסנדיק פארוואָס, זיך געפילט דערנידעריקט.

ארויסגייענדיק פון הויף, האָב איך ווידער ניט געוווּסט, וווהין צו גיין.

פרעגן האָב איך זיך ניט באשלאָסן: מיר האָט זיך געדוכט, אז יעדער איינער וועט אין מיר דערקענען א „בעספּראַוונעם" ייִד... איך בין צוגעגאנגען צו א צײַטונגס־פארקויפער, און נאָך דעם, ווי איך האָב בא אים געקויפט א צײַטונג, האָב איך, ווי פארבײַגייענדיק, א פרעג געטאָן:

— ווי רעכנט איר, אין צוואנציק מינוט וועל איך דערגיין ביז אלעקסאנדראָווער גאס?

— אפילע ניט, ווען איר וועט דעם גאנצן וועג לויפן, — האָט ער א זאָג געטאָן.

ער האָט גענומען אויסרעכענען די אלע גאסן, וועלכע איך דארף דורכגיין, ביז איך וועל קו־

מען אף אלעקסאנדראָווסקע־גאס, פון וואָס ס'איז קלאָר געווען, אז ווייניקער, ווי אין א שאָ צײַט, קאָן איך בעשום־אויפן ניט קומען אהין.

אין דער דירע אף אלעקסאנדראָווער גאס — דער צווייטער אדרעס אין מײַן ביכעלע — האָב איך געטראָפן אן אלטיטשקן אף א שטול מיט רעדלעך, די פיס ארומגעוויקלט מיט א וואטענער קאָלדרע, א צונויפגעשטוקעוועטע פון אלערליי פילפארביקע ציצענע שטיקלעך, און מיט א דיקן וואָלענעם שאל ארום האלדז. די אויגן באם אלטן האָבן געקוקט זינלאָזיק, דאָס מויל פארקרימט, די געדיכטע גרויע באָרד צעפלאָנטערט און שמוציק. די האלב־פאראליזירטע צונג האָט זיך געמאטערט עפעס זאָגן און ניט געקאָנט. נאָר די פרוי, וואָס איז געשטאנען לעבן זײַן שטול, האָט יאָ פארשטאנען, וואָס ער רעדט. „ער זאָגט, — האָט זי מיר פארטײַטשט זײַנע רייד, — אז זינט זײַן ווײַב איז געשטאָרבן — א יאָר ווערט אף פאסכע, — האלט ער מער ניט קיין קווארטיראנטן. ניטאָ ווער סע זאָל זיי באדינען. ניטאָ ווער עס זאָל אף אים אליין אופאסן”, — האָט זי שוין פון זיך אליין צוגעגעבן.

דער פאראליזירטער האָט זיך אופמערקזאם צוגעהערט צו אירע רייד און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין האסקאָמע. בא אירע לעצטע ווערטער האָט א מוטנע טרער זיך אראָפּגעקײַקלט פון זײַן פארגלעזערט אויג. ער האָט זיך געמאטערט אויסווישן דאָס אויג, נאָר די פאראליזירטע פינגער האָבן ניט געפאָלגט.

איך האָב אָפּגעזיפצט, אָפּגעזעגנט זיך און בין אוועקגעגאנגען.

נאָכפרעגנדיק עטלעכע מאָל בא מענטשן, אָרעמע און פּאָשעטע אפן אויסזען, האָב איך ארום האלבן טאָג זיך דערקליבן צו מײַן דריטן אדרעס, ערגעץ אף די גרוזינעס. דאָס האָט זיך ארויסגעוויזן צו זײַן אן אלט, אָפּגעפליקט הילצערן הײַזל, פארוקט צווישן צוויי פילשטאָקיקע פאבריקן. דאָס הײַזל האָט אויסגעזען. ווי א הינטיש בײַדל צווישן גרויסע מויערן.

אינעם גאנצן הײַזל זײַנען געווען בלויז פיר דירעס. צוויי אונטערשטע און צוויי דאך־שטיבלעך. אף דער טיר פון איין אונטערשטער וווינונג איז געווען אויסגעמאָלט א שטיוול מיט אן אופשריפט פון אונטן: „זאקאזי אי פּאָטשינקי”. די טיר פון דער קעגניבערדיקער וווינונג איז, ניט קוקנדיק אף דער הארבסטיקער קעלט, געווען ברייט צעעפנט און פון איר האָט געשלאָגן א דאמף און דער רייעך פון זייף און סאָדע. צוויי פרויען, די ארבל פארשארצט איבער די דארע הענט, זײַנען געשטאנען אָנגעבויגן איבער באליעס וועש.

— וועמען זוכט איר? — האָט מיט א פארקילט הייזעריק קאָל געפרעגט איינע פון די פרויען.

— ווו ווינט דאָ ערגעץ כאנע שיינזאָן?

— אנא לעאָנטיעוונא? די אלמאָנע, וואָס האלט קווארטיראנטן?

— יאָ... זי האלט, דוכט זיך, קווארטיראנטן... — האָב איך טאמעוואטע געשטאמלט.

— אויבן, רעכטס, — האָט די פרוי מיט דער פארקילטער שטים א ווײַז געטאָן מיט דער האנט. — דאָ וווין איך, קעגניבער — דער שוסטער גאווריליאָוו, א שיקער. אויבן ווינט אורדאָטיא טשורקינא, לינקס, און פון דער רעכטער זײַט — אנא לעאָנטיעוונא, — האָט די וועשן מיך באקאנט געמאכט מיט דעם גאנצן אוילעם אין הויז.

ארופגעקליבן זיך איבער שמאָלע פינצטערע טרעפלעך צום דאך־שטיבל, האָב איך אן עפן געטאָן די מיט ראָגאָזשעס באשלאָגענע טיר און האָב אין שמאָלן פינצטערן קאָרידאָרל זיך אָנגעשטויסן פּאָנעם צו פּאָנעם מיט א בלייך, פארסמאָדערט מיטליאָריק ווײַבל מיט א פאטשיילע איבערן קאָפּ — קאָנטיק, געקליבן זיך ארויסגיין.

— דאָ ווינט מאדאם שיינזאָן? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין שיינזאָן, — האָט דאָס ווײַבל געענטפערט, שארף אײַנקוקנדיק זיך אין מיר.

— מע האָט מיר געזאָגט, אז איר האָט א צימער צו פארדינגען.

— קיין צימער צו פארדינגען האָב איך ניט. א ווינקל, אויב עס פאסט אײַך, וואָלט איך געקאָנט פארדינגען. מיט נאָך צוויי אין צימער.

— קאָן מען אָנקוקן?

דאָס צימער, אין וועלכן זי האָט מיך ארײַנגעפירט, איז געווען א ווינקל, אָפּגעצאמט פון דעם איבעריקן טייל דירע מיט ווײַס־געקאלכטע פאניער־ברעטלעך ביז דרײַ פערטל פון די ווענט. די מעבלירונג פונעם צימער איז באשטאנען פון דרײַ אײַזערנע בעטלעך מיט אויסגעדרייטע פיסלעך און אײַנגעפאלענע מיטנס, ווי עמעצער וואָלט זיי איבערגעבראָכן די רוקנס. א פאראָסטעט וואש־טישל מיט א פארזשאווערט בלעכן שיסל און צוויי ווינער שטולן פון טיפן עלטער. אינמיטן צימער איז געשטאנען אן אלטמאָדיש לאָמבער־טישל, דאָס גרינע געוואנט פון וועלכן איז שוין לאנג צעפרעסן געווען פון מאָל.

די ווינקלען פונעם צימער זײַנען געווען באוועבט מיט שפינוועבס. איין ווינקל איז געווען גרינלעך און פײַכט. די ווענט, פול מיט נעסטן פון גוט־אײַנגעבירגערטע וואנצן. עס האָט געשמעקט מיט שטויב און שימל.

ווי מיד איך בין ניט געווען, האָב איך דאָך געפילט, אז בלײַבן אין אזא „צימער” איז איבער מײַנע קויכעס. נאָר קעדיי ניט צו באליידיקן די





יידישע פראַפעסיעס אין טכום

באַלעבאָסטע, האָב איך פון יויצע־וועגן א פרעג געטאָן:

— וואָס וועט דאָס ווינקל קאָסטן א כוידעש?

— אכצן רובל, — האָט דאָס ווײַבל גלײַכגיל־טיק א זאָג געטאָן.

באַמערקנדיק, אַפּאָנעם, אַז די פּרײַז פאַר אַזא דירע האָט מיך איבעראַשט, האָט זי צוגעגעבן:

— אַז מע וועט מיך „נאַקראַיען", וועל איך דאַרפן אָפּזיצן דרײַ כאָדאָשים אין אָסטראָג, ניט איר. מאַכן „בלאָט" מיטן קנעפּל קאָן איך ניט. איך בין אַן אָרעמע אַלמאָנע. מע לעבט אין איינע שרעק.

— עפּשער זײַט איר גערעכט, — בין איך מיט איר מאַסקים געוואָרן. — נו, מירן זען. דערווײַל — א גוטן טאָג.

דער הארבסטיקער טאָג איז שוין באַלד געווען פאַרענדיקט, און איך האָב נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין ווינקל פאַר זיך. מיך האָט שוין פאַרדראָסן, לעמײַ איך האָב געפאָלגט מײַן זאָרגעוודיקן קאָרעוו און האָב קיין דאָווערענאָסט ניט געמאַכט. „וועלכער מעשוגענער מאַכט עס אַ דאָווערענאָסט צוויי כאַדאָשים פאַר נײַ־יאָר? — האָט ער מיר אופגעקלערט. — וועסט זיך ביזן סאָף יאָר ווי־ניט־איז איבערמוטשען אַזוי און פון נײַ־יאָר מאַכן אַ דאָווערענאָסט און זיך דרייען מיט איר אַ גאַנץ יאָר".

ווען איך האָב אָבער אַ דאָווערענאָסט, וואָלט איך דאָך געקאָנט אַרײַנגיין אין ערשטן בעסטן האָטעל און איבערנעכטיקן אַ נאַכט. אָן אַ אוויירעטאַקע פאַטערן אַ וואָסער הונדערטער אָף צוויי כאַדאָשים, אָבער אַרומשלעפן זיך אַזוי איבער די גאַסן איז נאָך ערגער. איינע הײַנטיקע נאַכט איז דאָך ווערט אַ פופציקער. וואָלט איך געהאַט סייכל צו נעמען בא דעם ייִדן, וואָס לעבט „אַזוי", כאָטש איין אַדרעס פון מעבלירטע צימערן, ווו מע האַלט „טרייפע ייִדן"! נאָר ווער זאָל טראַכטן, אַז פון אַלע אַדרעסן, וואָס ער האָט מיר פאַרשריבן, וועט זיך אויסלאָזן גאָרנישט מיט גאָרנישט?

אין מײַן ביכעלע איז פאַרבליבן נאָך איין אַדרעס — דער לעצטער, — ווו „מע קאָן, אָפן ערגסטן פאַל, איבערשלאָפן אַ נאַכט", ווי דער ייִד, וואָס לעבט אין מאָסקווע „אַזוי", האָט מיך פאַרזיכערט.

אויב ס'וועט זיך מיר דאָרטן אויך ניט אײַנגעבן צו דינגען אַ צימער, וועל איך ניט ווילנדיק מוזן ווערן אָף איין נאַכט אַן אומגעבעטענער גאַסט בא מײַן קאָרעוו, דעם באַלטאַכלעס לעוויטין.

דער רעגן האָט אופגעהערט, נאָר אַ קאַלטער, פוילער ווינט האָט דורכגענומען ביז די ביינער. איך האָב קוים געשלעפט די פיס פון מידקײַט.

— באַרין, דײַ פּיאַטאַטשאָק נאַ נאָטשליעג!..

נאָך מיר איז מיט שאַרקענדיקע דריבנע טרײַטעלעך זײַטווײַלעכס נאָכגעלאָפן אַן אָפּגעפליקטער פאַרשוין פון אומבאַשטימטן עלטער. ער האָט זיך געוויקלט אין אַן אַלטן וואַטאָוון קאָפטל, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקלעך שמוציקע וואַטע, און אין הויזן מיט „פרענדז" פון אונטן. אָף איין פוס האָט דער פאַרשוין געהאַט אַן אַלטן קאַלאָש, אָפן צווייטן — אַן אויסגעקרימטן אַלטן שטיוול, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט בלאָטיקע פינגער. צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט די פּאָלעס פון דעם קאָפטל אָן קנעפּלעך, האָט ער די צווייטע האַנט געהאַלטן אויסגעשטרעקט צו מיר און אָן אופהער געקליאַנטשעט:

— באַרין, אַ קאַלטע נאַכט, איין פּיאַטאַקל אָף נאַכטלעגער...

— נאַ, — האָב איך אים דערלאַנגט די ערשטע מאַטבייע, וואָס איז מיר געקומען צו דער האַנט.

דער באָסיאַק האָט אַ כאַפּ געטאָן די מאַטבייע און, אָן אַ דאַנק, אונטערטאַנצנדיק אַנטלאָפן.

איך האָב אים נאָכגעקוקט און מיט ביטערניש געטראַכט: אַ באָסיאַק, אַ שיקער, און די גאַנצע וועלט איז פאַר אים אָפן. אויב ער וועט פאַר די עטלעכע קאָפּעקעס ניט קויפן אַ „מערזאַוורטשיק"[1], קאָן ער דאָך האָבן אַ נאַכטלעגער אָף הײַנטיקער נאַכט. איז אין אַ נאָטשליעזשקע, אָבער פאָרט מיט אַ דאַך איבער זײַן קאָפּ. און איך? ערגער פון אַ בראָדיאַגע! פאַר גאָר מײַן געלט קאָן איך אין דער גרויסער מאָסקווע קיין נאַכטלעגער ניט האָבן... נאָר וואָס קומט אַרויס פון פילאָזאָפירן? מע מוז זיך אָן אייצע געבן וועגן אַ ווינקל, דערווײַל כאָטש אָף הײַנטיקער נאַכט.

קימאַט אַ שאָ צײַט האָב איך זיך געשלעפּט צו דעם לעצטן אַדרעס, וואָס איז פאַרשריבן געווען אין מײַן ביכעלע, אָף גרויס־סוכאַרעווער געסל.

אַ טויט־מידער האָב איך לאַנגזאַם זיך אופגעהויבן אָפן צווייטן שטאָק און ניט דרייסט אָנגעקלונגען אין טיר.

די טיר האָט מיר געעפנט אַ דיקע פרוי מיט אַ שטאַרק אָנגעפּודערט און אָנגעפאַרבט פּאָנעם און מיט אַ פּאַפּיראָס צווישן די געפאַרבטע ליפּן. מיט אַ פאַרשײַט־פרײַנטלעכן שמייכל האָט זי, אײַנלאַדנדיק, ברייט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט:

— פּאָזשאַלויטיע, יונגער מענטש!..

איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל און בין שטיין געבליבן: צי האָב איך ווידעראַמאָל זיך ניט טויע געווען מיטן אַדרעס?

אָבער די דיקע דאַמע האָט מיך ניט געלאָזן לאַנג טראַכטן:

— ביטע, ביטע, ווײַטער... מילאָסטי פּראָסים! טוט אויס דעם מאַנטל...

איך האָב זיך ניט גערירט פון אָרט. צוהערנדיק זיך צו דעם געלעכטער, צו דעם קלאַנג פון אַ פּיאַנע און צו דער טופּערײַ פון טאַנצנדיקע פיס אין צווייטן צימער, האָב איך געשטאַמלט:

— דאָ וווינט מאַדאַם אײַנבינדער? אָדער עפּשער האָב איך אַ טאָעס געהאַט מיטן אַדרעס?

— דאָ, דאָ. קומט אָקאָרשט, ווײַטער. זשענירט זיך ניט.

און אָנעמענדיק מיך פאַר דער האַנט, האָט זי מיך אַרײַנגעפירט אין אַ העל־באַלויכטן זאַלכל.

---

[1] מערזאַווטשיק — אַ פלעשעלע בראַנפן.

— אַ, אַ גאַסט... אהער, אהער, טײַערינקער!.. אָט ווער עס וועט מיך אוגאַשטשײַען!.. צו מיר קום, צו מיר!..

א האלבע טוץ האלב־נאַקעטע מיידלעך האָבן מיך ארומגערינגלט פון אלע זײַטן, יעדערע אײַנלאַדנדיק מיך צו זיך.

א מעוווּלוועלער, א דערשראָקענער, האָב איך זיך געריסן פון זייערע הענט, שטאַמלענדיק:

— לאָזט מיך אָפּ!.. איך דאַרף אהער ניט... כ'האָב א טאָעס געהאַט מיטן אַדרעס... לאָזט מיך, וואָרעם כ'וועל מאַכן א גוואַלד... לאָזט מיך, זאָג איך.

די מאַדאַם האָט צוגעקוקט און געשמייכלט.

נאָר איבערצײַגנדיק זיך, אַז איך בין ניט קיין „גאַסט", האָט זי א רוף געטאָן:

— סטיאָפּאַ! ווײַז אים דעם וועג!

א געזונטער רויטהאָריקער יונג מיט סקולאַסטע באַקן האָט מיך א נעם געטאָן פאַרן קאָלנער, א ריס אויף געטאָן די טיר און ארויסגעשלײַדערט מיך אַף די טרעפּ, נאָכוואַרפנדיק נאָך מיר מײַן מאַנטל און היטל.

— אָט האָסטו דיר, בראַנדאַכליסט! שלעפּט זיך דאָ ארום, אזא טויגעניכטס!

אין דרויסן האָט מיך באַגעגנט א קאַלטע אָסיענדיקע נאַכט...

1912—1960.

א נאַכטיקע באַגעגעניש

אין איינעם א פּראָסטיקן פּרימאָרגן טרעפט מיך אין גאַס מײַן שוועסטערקינד באַריס לעוויטין, אָט דער, וואָס האָט געזאָרגט וועגן א טאַכלעס פאַר מיר, און רופט זיך אָן:

— א, דאָווידקע, גוט, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט! פאַרשפּאָרט מיר אָנשרײַבן דיר א קאַרטל. איך וויל, דו זאָלסט זונטיק, דעם 5־טן, קומען צו אונדז, מײַן ראַכילס געבורטסטאָג. ס'וועלן זײַן געסט. וועסט זיך טרעפן מיט אונדזערע סלוצקער. עס וועלן זײַן די עפּשטיינס, קאַראַסיק האָט צוגעזאָגט קומען, פּאָליאַק מיטן ווײַב זײַנען פאַרבעטן. קום אויך, וועלן מיר פאַרברענגען אָנגענעם אַן אָוונט.

דעם עמעס גערעדט, בין איך א קנאַפּער באַלן גיין צוגאַסט צו מײַן שוועסטערקינד לעוויטין. איך וווין אין עק וועלט — אין מאַרינע־ראָשטשע, און ער — א געזעצלעכער מאָסקווער טוישעוו — אַף טאַגאַנקע. הײַנט גיי צו אים צוגאַסט און שלעפּ זיך דערנאָך שפּעט באַנאַכט צוריק איבער גאַנץ מאָסקווע אַזש קיין מאַרינע־ראָשטשע! און די געזעלשאַפט, וואָס איך וועל בא אים טרעפן, איז מיר אויך ניט איבעריק אינטערעסאַנט. נאָר אָפּזאָגן זיך פון דער אײַנלאַדונג לאָזט זיך ניט: פּאַרט א קאָרעווו, און ער באַמיט זיך אײַנצואָרדענען מיך. עמעס, קיין טאַכלעס האָט ער דערווײַל פאַר מיר ניט געפונען. זײַנע באַקאַנטע ייִדן סאָכרים מיט „פּראַוועס" האָבן קיין כיישעק ניט צו נעמען צו זיך אַף אַרבעט א ייִדן „אָן פּראַוועס": „ס'קאָנען דערפון ארויסקומען אומאָנגענעמלעכקײַטן מיט דער פּאָליציי". צוגרייטן זייערס א קינד צו דער גימנאַזיע אָדער רעפּעטירן מיט אַן אָפּגעשטאַנענעם טעמפּן בײַקל — מאַכטייסע, אָבער א שטעלע — „ליידער"...

באַריס טרייסט מיך, אַז ס'איז אַלץ בעסער צו געבן אוראָקן אין מאָסקווע צו דרײַ רובל פאַר א שאָ, איידער געבן אוראָקן אין סלוצק פאַר דרײַ רובל א כוידעש. און זאָל איך נאָר האָבן געדולד: ער וועט נאָך פאַר מיר געפינען א שטעלע, וואָס לײַט וועלן מיר מעקאַנע זײַן.

— גוט, — זאָג איך, — כ'וועל זיך ארײַנכאַפּן.

— ניט ארײַנכאַפּן זיך, נאָר טאַקע בעפּיירעש קומען און ניט פאַרשפּעטיקן.

— גוט, — זאָג איך, — כ'וועל קומען אַף געוויס, און באַצײַטנס.

דעם פינפטן אין אָוונט האָט זיך בא לעוויטינען אופגעקליבן אַן אוילעם פון וואָסערע צוועלף־פופצן פאַרשוין. מע האָט מעסיק געטרונקען, פאַרביסן מיט היימיש צוגעגרייטע מײַכאָלים און, ווי סע פּירט זיך, געשפּילט אַן אַלגעמיינעם „נײַנטן וואַל".

אזייגער איינס האָבן די געסט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערגיין זיך. און מיר גלוסט זיך ניט אוועקגיין — פּאַשעט עס הייבט זיך ניט פון אָרט! דאָ, פאַרשטייט איר מיך, איז ליכטיק, און ציכטיק, און וואַרעם — א מעכײַע! און די באַלעבאָסטע — א שמייכלענדיקע, א פרײַנטלעכע, א געמיטלעכע — פּאַשעט עס ציט צו איר, ווי צו א מאַגניט! און זייער בעניאָכידל — איינער פון מײַנע טאַלמידים, וועלכן איך דאַרף אָנהייבן גרייטן צום „פּריגאָטאָוויטעלנעם" — א פּוכקער, צעפּעסטעטער, אָבער זייער מילדהאַרציקער אַקטיאָריקער פּעמפּיק, האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין

מיר: „זאָל דער דיאַדיע דאַוויד דאָ בלײַבן...״ הײַנט גיי לאָז דאָס אַלץ איבער און שלעפּ זיך אַזש קיין מאַרינע־ראָשטשע אין מײַן קליין, קאַלט צימערל מיט די נאַקעטע ווענט און פאַרפרוירענע פענצטער! אַ קנאַפּער פאַרגעניגן, ווי מיינט איר? נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, מע מוז דאָך אַמאָל גיין אַהיים. פּאַמעלעך לאָז איך אַראָפּ דאָס ייִנגל פון די קני און גיב אַ זאָג:

— מ־נאַ, מע מוז גיין...

קוקט אויף מיר לעוויטין און זעט, אַז מיר גלוסט זיך שטאַרק ניט אַוועקצוגיין, רופט ער זיך אָפּ:

— ווייסטו וואָס, דאַוויד, בלײַב הײַנט בײַ אונדז נעכטיקן.

און אַנדערשמאָל וואָלט ער אַזאַ ניט־באַטראַכטע אײַנלאַדונג ניט געמאַכט. אין יענע צײַטן האָט מען אַ רעכטלאָזן ייִדן ניט אָנגעשלאָגן זיך מיט איבערשלאָפן אַ נאַכט. אַפילו ווען יענער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט געגעבן אָנצוהערעניש וועגן איבערשטופּן ווי־ניט־איז בײַ אײַך אַ נאַכט, האָט מען אים אויך געגעבן אַן איידעלע אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז גלײַכער, ער זאָל איבערנעכטיקן ערגעץ אַנדערש. וואָס איר ווילט, אַפילו אַ גמילעסכעסעד, נאָר ניט נעכטיקן, נעכטיקן גייט ערגעץ אַנדערש. קיין גרויסע אוילע איז עס ניט: קיינעם ווילט זיך ניט ריזיקירן מיט אייגענע דרײַ אָדער פינף הונדערט רובל פאַר יענעמס אַ נאַכט שלאָף. אין יענער מינוט אָבער איז לעוויטינען, אַפּאָנעם, זייער גוט געווען אויפן האַרצן: די געשעפטן זײַנען בײַ אים געגאַנגען גוט, די פאַמיליע האָט ער שוין לעבן זיך, אַ ביסל בראַנפן האָט ער אויסגעטרונקען, אין קאָרטן האָט אים דעם אָוונט אויך שטאַרק געגליקט, די געסט האָבן מיט געמאַכטער היספּײַלעס געריִמט זײַן זונעלעס דעקלאַמאַציע — נאַכעס פון אַלע זײַטן. און ווען אַ מענטשן איז זייער גוט אויפן האַרצן, קאָן טרעפן, ער זאָל וועגן אַ צווייטן אויך אַ טראַכט טאָן און ער זאָל אַפילו אויף אַ מינוט וועלן, יענעם זאָל אויך גוט זײַן. קיין קלאַל, פאַרשטייט זיך, איז עס ניט, פאַרקערט, פאַראַן מענטשן, וואָס פילן ניט, ווי גוט ס׳איז זיי, קאַלזמאַן זיי זעען ניט, ווי שלעכט ס׳איז דעם צווייטן. וואָרעם ווי אַנדערש קאָן מען אָפּשאַצן די מאָס פון גליק, אויב ניט קעגנשטעלן עס אומגליק — יענעמס, פאַרשטייט זיך? און דאָ זעט לעוויטין, ווי איך זיץ אַן אומעטיקער, אַ פאַרקימערטער, האָט ער זיך אויסגערעדט...

איך, ווידער, האָב ניט געקאָנט באַשליסן... עס ווילט זיך יאָ בלײַבן און עס ווילט זיך ניט בלײַבן. מײַסע־סאָטן קאָן טרעפן, די נאַכט זאָל גראָד זײַן אַן „אָבלאַוו״ און לעוויטין וועט באַשטראָפט ווערן מיט עטלעכע מייעס. צו וואָס זשע אויסשטעלן אים צו אַזאַ געפאַר?

— לעמײַ, — זאָג איך, — פאַרשאַפן אײַך אומרוז? איך וועל בעסער גיין שלאָפן אין מײַן אייגענעם „האָטעל״, וועט זײַן רויִקער פאַר ביידע צדדים.

אַזוי רוף איך זיך אָפּ, און כאַלעש, מע זאָל מיך ווידער בעטן.

בײַ לעוויטינען אָבער איז די גוטע מינוט שוין פאַריבער. ער האָט שוין, קאָנטיק, כאַראָטע אָפּגאַנצן אייסעק. צו וואָס אײַנדערעמעסן טויג אים קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? מאַכט ער צו מיר מיט אַ האַלב מויל:

— ווי דו פאַרשטייסט, מײַן ליבער.

און אַז לעוויטין הייבט מיך אָן רופן „מײַן ליבער״, איז עס איינס פון די ביידע: אָדער אים דאַכט זיך, אַז איך קלײַב זיך בעטן בײַ אים אַ גמילעסכעסעד, אָדער ער וויל פון מיר סטאַם פּאָטער ווערן.

נאָך אַזאַ איידעלער אָנצוהערעניש טוט מען זיך אָן און מע גייט אַוועק. וויל מיך אָבער דאָס בעניאַכידל זייערס ניט אָפּלאָזן: טאַנצט אַרום מיר, לאָזט ניט אָפּ מײַנע הענט, הענגט זיך מיר פּאָשעט אויפן האַלדז און בעט, פעסטענדיק זיך:

— זאָל דער דיאַדיע דאַוויד דאָ בלײַבן נעכטי־קן, זאָל ער...

און דער מוטער ווילט זיך פאַרשאַפן איר ליב קינד אַ נאַכעס־רועך. אַגעוו, איז זי נאָך אַ „גרינע״ אין מאָסקווע און ווייסט ניט, ווי מע צי־טערט דאָ פאַר אַ טרייפן ייִד. קוקט זי אַראָפּ מיט נאַכעסדיקע אויגן אויף איר טײַער קינד און זאָגט צו מיר אַזוי ווייך־פרײַנטלעך:

— טאַקע, דאַוויד, בלײַבט בײַ אונדז נעכ־טיקן. וווהין וועט איר זיך איצט, נאָך האַלבער נאַכט, שלעפּן. איך וועל אײַך אויסבעטן דאָ אויף דער קאַנאַפּע. האָט קיין מוירע ניט, איך וועל פאַר אײַך צוגרייטן אַ געלעגער ניט ערגער, ווי איר האָט בײַ זיך אין דער היים. האַ, וואָס זאָגסטו, באָריס? — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צום מאַן.

— איך האָב דאָך עס שוין פריִער געזאָגט, — רופט זיך אָפּ לעוויטין ווי פון יוּיצע־וועגן, ניט איבעריק צופרידן, וואָס דאָס ווײַב רעדט מיך אַזוי אײַן, איך זאָל דאָ בלײַבן.

נאָר זי פאַרשטייט ניט זײַן דיפּלאָמאַטיע און גיט אַ רוף:

— מאַרוסיאַ! בעט אויס דעם יונגן באַרין דאָ אויף דער קאַנאַפּע.

איז דער יונגער „באַרין״ געבליבן נעכטיקן.

ס׳האָט געמוזט זײַן אַזייגער צוויי, האַלב דרײַ באַנאַכט. איך בין נאָרוואָס אײַנגעשלאָפן. ערשט איך הער, ווי דורכן שלאָף, מע קלינגט. בין איך די מינוט אופגעשפרונגען, ווי מע וואָלט מיר

אפן וואַרעמען געלעגער א פליוכע געטאָן אַן עמער קאַלט וואַסער. דער קלונג, פאַרשטייט איר מיך, איז מיר גוט באַקאַנט געווען: דאָס איז א באַזונדער מין קלונג — א לאַנגער, א שאַרפער, אַן אומגעדולדיקער. מיט איין וואָרט, א פאָליצייִשער קלונג, א קלונג, וואָס, וואָס... איך קאָן אײַך ניט אָפמאָלן, וואָס פאַר א קלונג דאָס איז. איר וועט עס סײַווי ניט פאַרשטיין, סײַדן איר האָט אליין געלעבט אין מאָסקווע אָן רעכט. נאָר דאָס קאָן איך אײַך זאָגן: ווי שטאַרק איך זאָל ניט שלאָפן, וועט מיך אָט דער דאָזיקער קלונג גלײַך אופוועקן. אזוי בין איך בעטעווע דאַפקע א שטאַרקער שלאָפער. איר קאָנט אפילע אין זעלביקן צימער לערנען זיך שפילן פידל, רירט עס מיך ניט: איך שלאָף! נאָר זאָל אָבער א פאָליצייסקער א קלונג טאָן באַם טיר, אזוי שפרינג איך אויף, ווי א פײַערלעשער, בייס ער דערהערט דעם אליארעם־גלאָק. איך בין צוגעלאָפן צו לעוויטינס צימער און אָנגעקלאַפט אין טיר.

— באַריס, דו הערסט?

— אוי, ווי איז מיר! — האָט די ערשטע זיך אופגעכאַפט די מאַדאַם לעוויטין. — וואָס איז געשען? — פרעגט זי א דערשראָקענע.

— שרעקט זיך ניט, — זאָג איך, — ראַכיל איסאַקאָוונע, דאָס בין איך...

— וואָס איז מיט אײַך? וואָס איז געשען? פאַרוואָס שלאָפט איר ניט?

פון דעם ווײַבס רייד האָט לעוויטין זיך אויך אופגעכאַפט.

— וואָס איז? וואָס טוט ער דאָ באַם שלאָף־צימער? — פרעגט ער א האַלב־שלאָפנדיקער.

— מיר דאַכט, אַן אָבכאָד, — זאָג איך, — פאָליציי קלינגט.

דערהערט „פאָליציי“, איז לעוויטין גלײַך אַראָפגעשפרונגען פון בעט און אַרײַנגעלאָפן צו מיר אין עס־צימער. גלײַך נאָך אים איז ראַכיל איסאַקאָוונע אין א כאַלאַט און אין שטעקשיך אָף די באָרוועסע פיס צוגעלאָפן צו דער טיר, נאָר דערזען מיך אין איינע אונטערוועש, האָט זי א געשריי געטאָן „אײַ!“, און צוריק פאַרהאַקט די טיר.

לעוויטין, אויך אין אונטערוועש, האָט זיך געדרייט איבערן עס־צימער, א דערשראָקענער, א צעטומלטער, ניט ווייניקער, ווי ער אליין וואָלט געווען אָן רעכט.

— אָט האָסטו דיר! — האָט ער געטײַנעט. — דאָס האָט מיר נאָך געפעלט. כ'האָב אָבער געזאָגט... כ'האָב געזאָגט... אלץ זי, אירע אופטורעכצן: „דאָ נעכטיקן!“ — האָט ער אויסגעלאָזט דעם קאַס צום ווײַב, פונקט ווי זי — ניט ער — וואָלט די ערשטע מיך פאַרבעטן איבערנעכטיקן באַ זיי די נאַכט.

און מיר איז אָפן האַרצן — איר קאָנט שוין אליין זיך פאַרשטעלן. ס'איז מיר ניט אזוי געגאַנגען וועגן זיך — מיילע, מע וועט מיך אַרויסשיקן פון מאָסקווע, וועל איך צוריק קומען, — ווי וועגן לעוויטינען: דרײַ אָדער פינף הונדערט רובל שטראָף איז ניט קיין קלייניקײַט!

— עפשער, — זאָג איך, — לאָזט זיך דאָ וואָס מאַכן? ווער מאַכט דאָ אָבכאָדן אין אײַער אויטשאַסטאָק — אַן אָקאָלאָדאָטשנער צי אליין דער פריסטאַוו?

— מאַכן? מיט די קנעפלעך פון זעקסטן אויטשאַסטאָק וויל ער עפעס מאַכן! יענע זײַנען די ערשטע שוואַרצמייעניקעס אין שטאָט. ער וועט באַדײַ פאַרלירן אַן אייגענעם פינף־און־צוואַנציקער, אבי באַשטראָפן א ייִד מיט פינף הונדערט רובל.

— עפשער, — זאָג איך, — קאָן איך זיך ווו באַהאַלטן?

— באַהאַלטן? איר ווילט זיך טאַקע באַהאַלטן? — הייבט לעוויטין אָן מיטאַמאָל צו „אירצן“ מיך. — האָט קיין מוירע ניט, פון זיי וועט איר זיך ניט אויסבאַהאַלטן. איך קען שוין גוט די שוואַרצמייעניקעס, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל קומען זיי צו מיר מיט נאַכט־וויזיטן.

אין זײַן בליק איז אזויפיל בייזקײַט, קימאַט סינע, פונקט ווי איך וואָלט עס אײַנגעלאַדן די פאָליציי צו אים מיט א וויזיט אָף דרײַ אזייגער באַנאַכט. נאָר גלײַך נאָכדעם גיט ער זיך א כאַפ:

— סײַדן אין אַלטאַנקע איבערוואַרטן.

— אין וואָסער אַלטאַנקע? — פרעג איך.

— אין אַלטאַנקע, וואָס אין סעדל. און מאַך קיין שיִעס ניט, וואַרף אָף זיך אַרוף מײַן פויטער און לויף אַראָפ דורך די הינטער־טרעפ גלײַך אין סעדל אַרײַן און וואַרט איבער, ביז זיי וועלן אוועקגיין.

— פאַרגעס ניט צונעמען דאָס בעטגעוואַנט און מײַנע זאַכן פונדאַנען, — וואָרן איך אים פון מײַן זײַט, — זיי זאָלן זיך ניט אָנשטויסן, אז עמעצער איז דאָ געשלאָפן.

אַרופגעוואָרפן אָף זיך לעוויטינס פוטער, בין איך אַרויסגעלאָפן דורך דער הינטער־טיר, און אין עטלעכע שפרונג בין איך שוין געווען אין אַלטאַנקע, דאַנקענדיק גאָט, וואָס לעוויטין וועט צוליב מיר ניט דאַרפן צאָלן קיין שטראָף און טאַקע וואָס איך אליין בין דאָ ניט אַרײַנגעפאַלן.

באַרויקט זיך א ביסל, דערפיל איך, אז די פיס ווערן מיר פאַרפרוירן. די קאַמאַשן — דיינע, אַרויסגעלאָפן אָן קאַלאָשן. דער שניי אין סעדל איז א האַלב אַרשין טיף — קיין לעבעדיקער פוס טרעט דאָרטן ניט דעם גאַנצן ווינטער — האָב איך אָנגענומען פולע שיך מיט שניי. און דאָ, פאַרשטיי איך, איז אַן אייסעק

ניט אף איין מינוט: דאָס הויז איז גרויס, ייִדי־שע פֿאַמיליעס וווינען דאָ ניט ווייניק, קאָן עס דויערן אַ שאָ צוויי־דרײַ, ביז זיי וועלן אַלעמען דורכנישטערן. און דאָ פֿיל איך — איך בלײַב אָן פּיס. און כ׳האָב מוירע, איך זאָל זיך ניט פֿאַר־קילן, דער איקער, דאַרפֿט איר וויסן, איז האַלטן די פּיס וואַרעם, — קלער איך: וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן. איך רוק זיך אַרויס פֿון דער אַלטאַנ־קע, קוק זיך אַרום, נעם אָן אַ הויפֿן שניי, דריק צונויף אַ שניי־קײַלכל און גיב אַ וואַרף אין פֿענצטער פֿון לעוויטינס דירע אַפֿן צווייטן שטאָק... עפֿנט זיך אַ פֿאַרטקע, לעוויטין רוקט אַרויס דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום.

— טססס!.. — גיב איך אַ רוף. — דאָס בין איך. וואַרף מיר אַרויס מײַנע קאַלאָשן, וואָרעם איך בלײַב אָן פּיס.

— גוט, — מאַכט ער, — זײַ נאָר שטיל. זיי זײַנען איצט בײַ די וויגאָדסקיס.

אין אַ מינוט אַרום עפֿנט זיך ווידער די פֿאַרטקע און עס פֿליט אין טיפֿן שניי אַרײַן פֿריִער איין קאַלאָש, דערנאָך דער צווייטער.

אויסגעטרייסלט דעם שניי פֿון די שיך און אָנגעטאָן די קאַלאָשן, האָב איך גענומען דרייען זיך איבער דער קליינער אַלטאַנקע, איך זאָל כאָטש אַ ביסל דערוואַרעמען זיך. ערשט איך הער — מע גייט! ס׳הייסט, ניט מע גייט, נאָר מע לויפֿט! בין איך אַ טויטער געוואָרן. וואָרעם ווער קאָן אַהער גיין דרײַ אַזייגער באַנאַכט, אויב ניט פּאָליציי? פֿאַרשטעק איך זיך אין אַ ווינקל מיטן פּאָנעם צום ווענטל, — אַשטייגער, ווי דאָס וואָלט געהאָלפֿן, מע זאָל מיך ניט דערזען, — און וואַרט, מע זאָל מיך שוין אַ נעם טאָן פֿאַרן קאָלנער. ערשט עס גיט זיך האַסטיק אָן עפֿן די טיר און, אָנשטאָט דעם באַקאַנטן נוסעך: „היי דו, קום נאָר אַרויס!“ — דערהער איך אַ דערשראָקענעם אויסגעשריי:

— אוי, מאַמע!

„מאַ־אַ־מע“ — ווייס איך דאָך גלײַך, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ פּרוי. וואָרעם אַ מאַנצבל, דאַרפֿט איר וויסן, וועט ניט שרײַען „מאַמע“, אַ מאַנצבל, אַז ער דערשרעקט זיך, וועט ער אַ געשריי טאָן: „גוואַלד“, „קאַראַול“, „שמאַ־ייִס־ראָעל“ — וואָס איר ווילט וועט ער שרײַען, נאָר ניט „מאַמע“. מאַמע — דאָס איז אַ ווײַבער־שער שרעק־אויסגעשריי.

אויסגעקערט זיך מיטן פּאָנעם צו דער טיר, האָב איך שוין אַ געשריי געטאָן „אוי!“, ניט „מאַמע“, פֿאַרשטייט זיך, — איך האָב מער קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן פֿון שרעק.

אין טיר פֿון דער אַלטאַנקע איז געשטאַנען עפּעס אַ מאָדנע געשטאַלט: אונטן — ברייט און שוואַרץ, אויבן — שפּיציק און ווײַס, אָטעמט שווער און האַסטיק, קוים עס קאָן דעם אָטעם כאַפּן.

אַז דאָס איז ניט קיין פּאָליציי, האָב איך גלײַך געזען. און אַז ניט פּאָליציי, איז וואָס, דאַכט זיך, האָב איך וואָס מוירע צו האָבן? פֿונ־דעסטוועגן, וועט איר מיר גלייבן, האָבן מיר די ציינער אין מויל אויסגעקלאַפּט דרויב, ווי אַ גוטער פּײַקלער אַף זײַן פּײַקל.

בין איך דאָך פֿאָרט עפּעס אַ מאַנצבל, מאַך איך זיך קוראַזש און פֿרעג:

— ווער איז עס?

— איך! — ענטפֿערט די מאָדנע געשטאַלט. — און ווער זײַט איר?

ענטפֿער איך ניט, ווער איך בין, און פֿרעג ווידער:

— ווער איז דער „איך“?

ענטפֿערט מיר ניט די געשטאַלט, ווער דער „איך“ איז, און פֿרעגט:

— איר זײַט אַ ייִד?

— אָט האָסטו דיר, — זאָג איך, — ווער דען בין איך? ווען איך וואָלט ניט געווען קיין ייִד, וואָלט איך אין אַלטאַנקע ניט געזעסן, ס׳הייסט, געזעסן וואָלט איך, נאָר אין אַ זומערדיקן אָוונט, ניט אין אַ מאָסקווער פֿראָסט דרײַ אַזייגער באַנאַכט.

איך גיי צו נעענטער און דערזע: אַ יונג מיידל אין אַ שוואַרץ קליידל, מיט אַ וואַטאָווער קאָלדרע אין אַ ווײַסער ציך איבערן קאָפּ און אַקסלען. פֿון קאָלדרע, ווי פֿון אַ ראַם, טיילט זיך אויס אַ מאַטעווע־בלאַס, באַקיינט פּאָנעם מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס טליִעט נאָך די שרעק פֿון דער ערשטער מי־נוט. צו דער זעלביקער צײַט שמייכלען זיי צו מיר אַזוי אומעטיק־צוטרויִלעך: איך בין זיכער, הייסט עס, אַז איר זײַט אַ לײַטישער מענטש און מיט מיר וועט קיין בייז ניט געשען...

— האָט קיין מוירע ניט, — זאָג איך, — איך בין ניט קיין גאַזלען און ניט קיין פֿאַרברעכער, כאָטש איך באַהאַלט זיך אינמיטן נאַכט אין פֿאַרשנייטע אַלטאַנקעס.

און דערציילט איר בעקיצער מײַן גאַנצע קאָ־מיש־טראַגישע געשיכטע.

צעלאַכט זי זיך מיט אַ שטיל אומעטיק גע־לעכטער.

— זײַנען מיר, הייסט עס, ביידע העלדן פֿון איין און דער זעלביקער טראַגיקאָמעדיע: ייִדן פֿאַרברעכער... מײַן שוואָגער — וויגאָדסקי פֿון דער צוועלפֿטער דירע, — מײַן שוואָגער איז גע־פֿאַלן אַף דעם זעלבן סייכל, וואָס אײַער שוועס־טערקינד. געהייסן מיר איבערוואַרטן דאָ אין אַלטאַנקע, ביז די אַבלאַווע אין הויז וועט זיך ענדיקן.

קורץ און גוט, מיר האָבן זיך באַרויִקט און זיך פֿאַנאַנדערגערעדט. איך האָב איר דערציילט אַ ביסל וועגן זיך: ווער און וואָס איך בין, ווי איך קום אין מאָסקווע און וויאַזוי איך לעב דאָ,

וועגן מײַנע פּלענער אַף דער צוקונפט. זי, פון איר זײַט, האָט מיר אויסדערציילט איר גאַנצע ביִאָגראַפיע. מע רופט זי סאָניע. אליין איז זי פון וויטעבסק, פאַריקן יאָר געענדיקט גימנאַזיע, געטרוימט וועגן אָנקומען אַף מעדיציִנישע קורסן, ניט אײַנגעגעבן זיך: פּראָצענט־נאָרמע[1]... האָט זי באַשלאָסן דערווײַל אָנקומען לערנען זיך אַף ציינדאָקטערשע קורסן, געקליבן זיך שוין פאָרן קיין וואַרשע אָדער קיין יוריעוו — דאָרטן איז פאַר ייִדישע סטודענטן גרינגער אָנצוקומען, — פּלוצעם איז געשטאָרבן די מוטער. האָט די שוועסטער — מאַדאַם וויגאָדסקע איז איר לײַבלעכע שוועסטער, — האָט די שוועסטער געהאַלטן אין איין שרײַבן: קום צו פאָרן און קום צו פאָרן, וועסט זיך א ביסל צעשטרייען, קומען צו־זיך, דערנאָך וועסטו פאַרן זיך לערנען. נו, איז זי געקומען. נעכטן געוואָרן א וואָך, אַז זי איז דאָ. ערשט הײַנט באַנאַכט — אַן אָבכאָד! האָט דער שוועסטערס מאַן, וויגאָדסקי, גיך אַרויסגעשיקט זי אַהער אין סעדל איבערוואַרטן אין אַלטאַנקע. פּאָליציי האָט שוין געקלונגען אין פאַראַדנעם אַרײַנגאַנג, האָט זי ניט באַוויזן אַרויסצוגיין אין קאָרידאָר און אָנטאָן דעם מאַנטל. קוים אַרופגעכאַפּט אַף זיך א קאָלדרע און אַרויסגעלאָפן דורך דער הינטער־טיר אַהער, אין סעדל.

[1] פון דער אַלגעמיינער צאָל אָנקומענדיקע אין די הויכשולן האָט מען באַם צאַריזם ייִדן אָנגענומען בלויז פינף פּראָצענט, אין די הויפּטשטעט — דרײַ פּראָצענט.

אַזוי האָבן מיר זיך פריידלעך געשמועסט א שאָ און עפּשער מער. מיר האָבן גאָר ניט באַמערקט, ווי די צײַט לויפט.

ווען די אָבלאַווע אַף „טרייפע ייִדן" האָט זיך פאַרענדיקט, און לעוויטין איז אַראָפּ מיך רופן צוריק אין שטוב אַרײַן, און וויגאָדסקי איז אויך געקומען נאָך זײַן שוועגערן, האָבן זיי, אַף אונדז קוקנדיק, זיך ביידע צעלאַכט.

— קוקט נאָר אָן דאָס פּאָרל, — האָט לעוויטין געשפּאַסט, — זיצן און וואָרקען, ווי די טײַבעלעך.

— איך האָף, אַז דאָס איז ניט אײַער לעצטע באַגעגעניש, — האָט וויגאָדסקי פון זײַן זײַט שפּאַסיק צוגעגעבן. — לאָמיר זיי ווינטשן ווײַטערדיקע באַגעגענישן, נאָר אונטער בעסערע אומשטענדן.

וויגאָדסקיס ווערטער זײַנען געווען ווי א נעוויִעס. זיבן יאָר שפּעטער האָבן מיר ווידעראַמאָל זיך באַגעגנט. דאָס מאָל אין לאָנדאָן.

פּונקט אַזוי ווי איך, האָט סאָניע ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין אָרט אונטער דער זון אין צאַרישן פּאָטערלאַנד, איז זי געצוווּנגען געווען צו פאָרן זוכן פאַר זיך קענטעניש און ברויט אין פרעמדע לענדער.

איצטיקע באַגעגעניש אונדזערע איז געווען לענגער, ווי די ערשטע אין דער פּראָסטיקער נאַכט אין אַלטאַנקע: זי האָט געדויערט קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט...

1956—1912

אָפּ זיכערע וועגן

פֿאַראַנען קאַנטן

פֿאַראַנען קאַנטן אױף דער ערד ניט ווייניק,
גאַנצע מאַטעריקן, וועלכע גלאַנצן אין דער וועלט
מיט זייער לויטערקייט, מיט זייער געטלעכער שיינקייט,
וואָס ביז אומזין יעדערן געפֿעלט.
שטיי איך אָפּט פֿאַרקישעפֿט, פֿון פֿאַרגאַפֿטקייט א געקלעמטער
און קלייב דעם פֿאַרגעניגן אין האַרץ מיינעם וואָס מער.
פֿרעגן מיך די ראַכוועסן און טײַנען צו מיר שטענדיק:
ווער האָט עס אַן יושער צעטיילט אַזוי די שיינקייט,
אַז בלײַבן זאָלן געקריוודעוועט גרויסע טיילן פֿון דער וועלט,
באַ לאַנדשאַפֿטן פֿאַרנומען די זוניקייט, וואָס בלענדיקט,
און גאַנצע קאָנטינענטן קאָרטשען זיך פֿון קעלט.
זומפּן ערגעץ וויקן אין זינקעניש פֿון דזשונגליעס,
אַנגעגליטע זאַמדן דאָרשטן אין מיטבאָריעס,
אין דער טריקעניש זיי זוכן כאָטש א קווועלכל א קאַלטס,
נאָר דער הימל און די ערד זײַנען דאָרט שטענדיק אויסגעהונגערט
נאָך א וואַסערל, וואָס רינט ניט צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ.
לאָז איך זיך אוועקגיין דורך וועגן דורך פֿאַרשוואַרצטע —
באַהערשן אָט די ווילדקייט, וואָס גיט זיך איינעט שווער.
מיטנעמען מיט זיך וועל איך וווּנדערלעכע פֿלאַנצן
און באַקרוינען און באַשיינען־די ניט־מאַזלדיקע ערד.
כ׳וועל פֿון וויסטעניש דערהייבן אַלע דערנערדיקע ראַכוועסן,
די ערדן די פֿאַרלאָזטע כ׳וועל אַרויסשלעפּן פֿון דאַלעסן,
זיי זאָלן מער ניט ליגן אין שטויביקייט פֿאַרשטעלט.
אין צירונג וועל איך אָנטאָן אַלע אָרעמע מאַטעריקן,
דערהייבן זייער לעבן צו א פֿײַנער עקזיסטענץ.
כ׳וועל מיט לויטערע באַגינענס די טונקלעניש באַגליקן,
באַכיינען אַלע וועגן מיט בלומענדיקע קרענץ,
אַז די גאַנצע פּלאַנעטע זאָל מיט אַלדאָסגוטס זיך קוויקן
און שטאָלצירן מיט איר שיינקייט ווי ווענעציע און פֿלאָרענץ.

איז דען מעגלעך

איז דען מעגלעך, אַז די גרויסע בעריכע אין הימל
זאָל ווערן מיטאַמאָל אין איר ליכטיקייט אַנטוישט?
איז מעגלעך, אַז דעם פֿויגל זאָל דערעסן זײַנע פֿליגל
און די נעסט אױף צווײַגן, וועלכע ער אַליין האָט אויסגעבויט?
זאָגן קאָנסטו, וואָס דיר ווילט זיך, נאָר די וועלט וועט דאָך ניט גלויבן
אין מעשונעדיקן, ווילדן, אומגעלומפּערטן געדאַנק.
קוק זיך אײַנעט אינעם גוטמוט, וואָס איך טראָג אין מײַנע אויגן,
וועסטו זען א וועלט א גאַנצע מיט איר ערלעכן פֿאַרלאַנג.
ניין, קיין ווינט וועט ניט פֿאַרלעשן מיט זײַן העסלעך־העפֿקער רוישן

יענע דויערעסדיקע טרײַהײַט, וואָס אין האַרץ מײַנס לעבט פון לאַנג.
מיך וועט קיינער ניט פאַרפירן צו דעם אָפּגרונט פון אַנטוישונג,
ווי ניט מעגלעך צו פאַרפירן דעם גינען־שטערן צום פאַרגאַנג.
מעגסטו זאָגן, וואָס דיר גלוסט זיך, נאָר ס׳וועט קיינער דיר ניט גלויבן,
אַז מײַן ווירדע כ׳בין מעסוגל טרײַבן העפקערדיק צום טויט,
אויף די וועגן שטייט מײַן דרייסטקײַט מיט די אופגעוואַכטע אויגן
לעם אַן אויסגעקרימטער פּאַרטקע, וואָס פאַרמאָגט שוין ניט קיין פּלויט.
אָט די דרייסטקײַט וועט ניט לאָזן קיינעם אומברענגען מײַן גלויבן,
וואָס מיט צאַפּלדיקן ציטער כ׳האָב פון קינדווײַז נאָך געבויט.
קוק זיך אײַנעט אין דער פרײַנטשאַפט, וואָס איך טראָג אין מײַנע אויגן,
וועסטו קיינמאָל אין דײַן לעבן, קיינמאָל זײַן אין מיר אַנטוישט.

ווען כ׳זע ניט קיין שטערן

ווען די בלויקײַט פון הימל ווערט האַרבסטיק פאַרוואָלקנט
און כ׳זע ניט קיין איינציקן שטערן פאַר זיך,
דוכט מיר אויסעט: די שאָטנס מיך נעמען פאַרפאָלגן
און אין פינצטערע נעצן מיך שלעפן צו זיך.
שטיי איך פאַראַקשנט און ריר זיך פון אָרט ניט
און גיי ניט אַהין, וווּ די פינצטערניש וויל.
ווען דער ציכטיקער הימל ווערט פּלוצעם פאַרוואָלקנט
און עפּעס אַ בענקשאַפט צעשטערט מײַן געפיל,
געפין איך, די שטראַלן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן
פון זומער, פון זוניקע טעג,
די דאָזיקע שטראַלן — איך ברענג זיי צו טראָגן
פאַר הערצער, וואָס וואַרטן, אַז נעמען זאָל טאָגן
אויף ווידער זיך לאָזן צו הויכקײַט פון בערג.

ווי זיס און זאַפטיק

ווי זיס און זאַפטיק איז דער ווײַנטרויב
און ווי גאַליק ביטער איז זײַן יאָדער,
מיט זײַן זיסקײַט כ׳עס זיך אָנעט,
מיט זײַן ווײַן־זאַפט כ׳טרינק זיך אָנעט,
און מיט פרישקײַט גיסט זיך אָנעט
אין מײַן קערפּער יעדער אָדער.
ווײַזט אויס, די זיסקײַט קומט אָן טאָמיד
דורך דער ביטערניש פון יאָדער.

אָט דאָס אומבאַשטימטע וואַרטן

אָט דאָס אומבאַשטימטע וואַרטן,
הײַנט דאָס טראַכטן!
אינעם דויערהאַפטן וואַרטן
קאָן דאָס האַרץ באַם גרעסטן גיבער
פּלאַצן פון געדולד.
אַך, מײַן וואַרטן לעם איר פּאַרקן
אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן
לעם דעם פּלויטל באַ איר שטוב!
ווי זשע קערט מען אום די רעגעס,
יענע כ׳יעסדיקע שאָען,
יענע ווײַסינקע ברעזעס,
וואָס זײַנען עפּשער אויך ניטאָ שוין?
איז דען מעגלעך, ס׳זאָל ניט בלײַבן
אויף די וועגן כאָטש אַ רעמעז
פון יענעם יוגנטלעכן טײַנעג
מיט זײַן זויבערדיקן עמעס,
וואָס האָט מיט ליבשאַפט אונדז געפּײַניקט.
וואָלט איך פאַרגעזעצט דאָס וואַרטן
און ניט אופגעהערט צו טראַכטן
אַפילע ביז פאַרטאָג,
אַבי כ׳זאָל קענען זיך דערוואַרטן,
זי זאָל צוגיין צו דעם פּאַרקן
און פאַרלײַכטערן מײַן בענקשאַפט,
וואָס מאַטערט מיך און פּלאָגט.
גיי איך אָפּזוכן דעם רעמעז
פון אַנטרינענדיקן טײַנעג,
עפּשער וועל איך אים געפינען
צווישן קליאָנען און ברעזעס.
אויב שוין לײַדן, איז אויף דער עמעס
און פון ליבשאַפט זײַן געפּײַניקט.

דעם עגאָיסט

האָסט אָפּגעלעבט א לעבן בלויז פאַר זיך,
זעלטן־ווען געטראַכט האָסט וועגן יענעם,
און אויב ס'האָט ווען־ניט־איז
דיך עפּעס־וואָס באַריִרט,
דאָס פאַרטרויען ניט געהאַט האָסטו פאַר וועמען,
ווײַל יאַמען פאַרגעניגן האָסטו אָנגעשעפּט פאַר זיך,
ס'האָט דער ווייטיק דײַנער קיינעם ניט גערירט,
ווען דאָס הארץ דײַנס האָט צעפּלאַמט זיך ווי א גענעם.
האָסט אָפּגעלעבט א לעבן בלויז פאַר זיך
און קיינמאָל ניט געטראַכט האָסט וועגן יענעם,
איז טישקעווע דײַן ווייטיק בלויז אין זיך,
ווײַל ווענדן זיך נאָך הילף האָסט ניט צו וועמען.

דעם ניט־פאַרגינער

ניט דו האָסט מײַן יוגנט באַכיינט
און ניט דו וועסט באַשײַנען מײַן עלטער,
פון קינדווײַז מײַן הארץ האָסט פון פרייד אַנטוויינט,
געשאָכטן מײַן גליק ווי אַן עמעסער שעכטער.
ווען איך האָב פאַר ווייטיק ניט איין מאָל געוויינט,
האָסטו זיך געשטיקט פון געלעכטער.
נאָר אײַנגעשפּאַרט בין איך געגאַנגען אליין
צום שנייִקן באַרג־שפּיץ, געקלעטערט אַלץ העכער,
כאָטש דו האָסט געטרוימט און געוואָלט מיך דערזען,
ווען איך וועל א פאַל טאָן פון באַרגיקער הויכקייט,
אַזוי ווי א קאַלטער פאַרגליווערטער גלעטשער.
נאָר איך בין געקראָכן אַלץ העכער און העכער,
כאָטש דו האָסט צעשאָקלט די טרעפּ פון מײַן לייטער.
האָב איך זיך דערווײַטערט פון קינע פון דײַנער,
דערווײַטערט איך האָב זיך פון כוצפּע דײַן פּרעכער,
מײַן דרייסטקײַט, זי האָט מיך דערהויבן
צום באַרג־שפּיץ אַלץ העכער.
די ערד האָט מײַן יוגנט מיט בלױוּנג באַכיינט מיר,
וועט זי אויך באַשײַנען מײַן וועג אויף דער עלטער.

אָט ליגט מײַן פרייד

אָט ליגט מײַן פרייד מײַן זומערדיקע,
די געליבטע מײַנע,
צונויפגעקאָרטשעט און פאַרשרומפּן.
ווי א פאַרגליווערט וואַסערל אַן אומעטיקס,
אַרומגערינגלט ליגט זי מיט די זומפּן.
לאָז איך גיין זיך צו דעם וואַסערל
דורך א קאַלטער בלאָטיקײַט,
הייבט זי אויף זיך א באַוואַסערטע
און טרייסלט אָפּ פון זיך די קויטיקײַט.
נעם איך אָן זי פאַר די הענטעלעך
און ווי אַן אייגן קינד איך פיר זי,
דערקענט זי גלײַך די סטעזשקעלעך,
ווו זי האָט קינדווײַז נאָך געשפּילט זיך.
ווערט מײַן פרייד נאָך פריילעכער
און שפּרינגט אַריבער זומפּן,
כאָטש קריטיק איז איר הוילעך נאָך,
פאַרבלאָטיקט און פאַרשרומפּן,
נאָר מיט איר איז מיר דאָך פריילעכער,
ווען דער אומעט נעמט מיך נאָגן.
היט איך אָפּ די פרייד מײַנע
פון מאַטערניש און פּלאָגן,
אַז צווישן ליידן זאָל זי שײַנען
און אָף קיין ווייטיק זיך ניט קלאָגן.

א בלאַנדזשענדיק פּײַער

א בלאַנדזשענדיק פּײַער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין הימל
דעם פינקלענדיקן מילכוועג, אף א ווײַלע זיך פאַרטראַכט,
צי זאָל עס ווײַטער גיין אין האלבנאכט
מיט רויכערדיקן טומל,
קײַקלען זיך און קנוילן זיך, פלאַקערנדיק זיך שפּרייטן
מיט פלאַמען מיט געפעדערלעכע אין אָנגעהיצטן רוים;
צי זאָל עס עפשער בעסער מיט די סרייפעס זיך צעשיידן,
ווײַל פון פײַערן פון גרויסע וועט אף דר'ערד דאָך ניט פאַרבלײַבן
קיין גרעזעלע קיין אײַנציקס, קיין סימען פון קיין בוים.
איז נאָך וואָס זאָל עס די פלאַמען אין דעם הימל איצט פאַרשפּרייטן
און דערשרעקן אלע פלאַנעטן אף די אויסגעקעמטע בייטן?
האָט דאָס בלאַנדזשענדיקע פײַער אינעם הימל דאָרט באַשלאָסן,
אז ווײַטער פונעם מילכוועג מאכט עס ניט קיין טראַט,
זיך אָפּגעזאָגט צו שפּרייטן דעם סרייפעדיקן טומל,
וואָס פאַרלענדן קאָן דאָס לעבן פון אן אויסגעבויטער שטאָט.
בעסער, זאָגט דאָס פּײַער, וועל איך מיטהעלפן דעם הימל
די פינצטערניש פאַרלעשן, וואָס פאַרוואָלקנט דעם גאנצפרי,
כ'וועל בעסער גיין באַליכטיקן די טאָלן, וועלכע דרעמלען,
ווו ס'ליגן בלימעלעך געהויקערט און בענקען דאָרט נאָך בלי.
איז געבענטשט זאָל זײַן דאָס פּײַער, וואָס שאַנעוועט מײַן מי
און קומט צו גיין פאַרגרעסערן די פלאַמען פון גאנצפרי.

ווינטן

פאַראנען ווינטן, וואָס פאַרמאָגן צופיל גוורע,
ברענגען זיי בלויז אומגליקן און שאָדן אף דער ערד,
און א ווינט מיט ווייניק קויעך רירט ניט אָן די זריע,
דאָס קערנדל דאָס קלענסטע ווערט אף פעלדער ניט צעשטערט.
איז ווער באַדאַרף די ווינטן מיט איבערפולטער גוורע,
וואָס אומברענגען זיי קאָנען די גוטסקײַט פון דער וועלט?
נאָר אויב דו ווילסט די שטילקײַט אפאנעמעסן געווינען,
דערלאָז ניט, ס'זאָלן בושעווען די ווינטן מיט א קעלט.
יעדער שטורעם וויכערט אויס זיך און פאַרלירט זײַן גוורע,
און א ווינטעלע א שטילינקס לעבט זיך רויק אויס די וועלט.
צו רויִקײַט און שאָלעם איז דאָס הארץ מײַנס דאָך געווענדט,
בענטש איך יענע ווינטן, וואָס טראָגן שטילקײַט אין די הענט.

אף אונדזערע ליטעראריש־מוזיקאלישע דאָנערשטיקן

מוישע טייפס 10־טער יאָרצײַט

אין דעקאבער 1976 איז געוואָרן צען יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער באַוווּסטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער מוישע טייף. אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער געדענק־דאטע איז אין לאָקאל פון דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאָרגעקומען א ליטעראַרישער דאָנערשטיק, אף וועלכן עס האָבן זיך פארזאמלט שרײַבער, ארטיסטן, קולטור־טוער. פון מינסק איז געקומען צו פאָרן די אלמאָנע פונעם דיכטער עסטער בלושטינסקאיא.

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן ארײַנפירוואָרט פונעם הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס, וועלכער האָט כאראקטעריזירט מוישע טייפן ווי איינעם פון די גרעסטע שעפער אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. דער עולם האָט באערט דעם אָנדענק פון מוישע טייפן מיט א מינוט שטילשווײַגן.

עס שליסט זיך אײַן דער מאגניטאָפאָן, און די בײַוועזנדע הערן מיט א פארכאפּטן אָטעם דעם דיכטערס קאָל. מוישע טייף לייענט מיט זײַן ווונדערלעך־אויסדריקלעכער שטים אייניקע זײַנע לידער. פון א צווייטער מאגניטאָפאָן־טאשמע דערטראָגט זיך שפּעטער דעם דיכטערס אויסטערליש מײַסעלע „דאָס גאָלדענע עפּעלע" אין דער אויספירונג פונעם איצט שוין פארשטאָרבענעם ביראָבידזשאנער שוישפּילער מוישע בענגעלסדאָרף.

צוויי שאָ נאָכאנאנד האָבן אין לאָקאל פון רעדאקציע געקלונגען מוישע טייפס פּאָעטישע ווערק, ווי אויך לידער, געווידמעט זײַן אָנדענק, וועלכע עס האָבן געלייענט די דיכטער ארן ווערגעליס, אווראָם גאָנטאר, כאַיִם ביידער. באָריס מאָגילנער האָט פארגעלייענט טייפס ליד „א פּאָסעק פון טאנאך", וועלכע שליסט זיך מיט דער סטראָפע:

> די וועלט האָט אופגעוועקט א פּאָסעק פון טאנאך,
> ווו ניט קיין ווערטער — הייסע אויגן שײַנען...
> און ס'האָט א סקולפּטאָר, ווי די שטאָלגיסער, באנאכט
> געהאקט א דענקמאָל פאר דעם פּאָסעק פון יעשײַע.

מיט זיכוינעס וועגן דעם דיכטער זײַנען ארויסגעטראָטן ריווקע רובין און די רוסישע דיכטערן יונא מאָריץ — די איבערזעצערן פון טייפס לידער.

ווי באַוווּסט, ווערן מוישע טייפס שאפונגען אָפט אויסגעפילט אף אָוונטן און אין קאָנצערט־פּראָגראמעס. איינע פון די בעסטע אויספילערנס פון זײַנע ווערק איז די עסטראדע־מײַסטערן סאָפיע סײַטאן, וועלכע איז געקומען אף דער באגעגעניש צוזאמען מיט דעם קאָנצערטמײַסטער אנע כענאך, קעדיי באערן דעם אָנדענק פון איר באליבטן דיכטער. זי האָט אויסגעפילט אזעלכע פּערל פון זײַן שאפונג, ווי „קיכעלעך און זעמעלעך", „אף גיטקע טײַבעלעס זאוווּלעק", „שײַקע פײַפער".

צום שלוס פון דעם אָנדענק־אָוונט זײַנען באוויזן געוואָרן קאדרען פון א ליבהאָבערישער קינאָ־לענטע, אף וועלכער מע זעט דעם לעבעדיקן מוישע טייפן אף אָפּרו צווישן שרײַבער און בא זיך אין דער היים.

נאָכעם פרידמאַן

אין אָט דעם נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מיר זיך געקליבן אָפּמערקן נאָכעם פרידמאנס 70־טן געבורטסטאָג, נאָר דער טעלעגראף האָט געבראכט די טרויעריקע יעדיִע פון ביראָבידזשאן, אז פּלוצעם איז ער געשטאָרבן.

אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן קומט נאָכעם פרידמאן קיין ביראָבידזשאן מיט דעם ערשטן עשעלאָן איבערוואנדערער. ער איז געווען פאָרזיצער פון א קאָמונע אין ביראָפעלד.

נאָכן פארענדיקן דעם מאָסקווער מעלוכישן פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען קערט זיך נאָכעם פרידמאן אום קיין ביראָבידזשאן. זינט דאן איז זײַן גאנץ לעבן געווען ענג פארבונדן מיט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, ווו ער האָט פארנומען פאראנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין די רעדאקציעס פון די געגנטלעכע צײַטונגען „ביראָבידזשאנער שטערן" און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא", אין געגנטלעכן קאָמיטעט פאר טעלעוויזיע און ראדיִאָטראנסלירונגען. העכער פערציק יאָר פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דער קאָמוניסטישער פּרעסע.

זײַענדיק א געניטער זשורנאליסט, האָט ער באוויזן זײַנע פײַיִקײַטן אויך אין אנדערע ליטעראַרישע געביטן. נאָך אין 1932, אינעם זאמלבוך „דער שלאָגלער האָט דאָס וואָרט", האָט ער דעביוטירט מיט א דערציילונג „די שווארצע קאסע". ער איז געווען אן אקטיווער אווטאָר אינעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", ווו ער האָט פּובליקירט פארצייכענונגען, דערציילונגען, לידער. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט ער געארבעט אין דער ארמייִשער פּרעסע.

נ. מ. פרידמאן האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אין פארשיידענע יאָרן איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פון געגנטקאָם פון קאָמיוג און פון געגנטלעכן קאָמיטעט פון קפּסס, אלס מיטגליד פון דער ביוראָ פונעם ביראָבידזשאנער שטאָטקאָם פון פּארטיי. ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פון דער געגנטלעכער אָרגאניזאציע פונעם זשורנאליסטן־פארבאנד פון פּססר און פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאראייניקונג.

דער לעבנס־וועג פון נ. פרידמאן, זײַן פּיליאָריקע געוויסנהאפטע מי אין דער פּארטייִשער פּרעסע איז אָפּגעמערקט מיטן אָרדען פון רויטן שטערן און מיט זעקס מעדאלן. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען א פּערסאָנעלער פּענסיאָנער פון רעפּובליקאנישן באדײַט.

ס'איז אוועק פונעם לעבן א טאלאנטפולער זשורנאליסט און שרײַבער, א הארציקער מענטש. ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק!

כאַים מעלאַמוד

די טעג מיט די נעכט

ראָמאַן

8

גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס שטומע, פאַראַקשנטע שפּאַרעניש צווישן שעפּסל דעם קרומען מיט זײַן בעניאָכידל אַריען האָט געדויערט אַ סאַך מער ווי אַ וואָך, נאָר קיינער האָט דערפון ניט געוווּסט. די שפּאַרעניש האָט זיך געצויגן פאַרביסן און שטיל און איז געבליבן ליגן אינווייניק, אינעם נידעריקן שטיבל מיטן אַלטן, פאַרשוואַרצטן שטרויענעם דאַך, מיט די אָפּגעקאַלופּעטע ווענט און מיט די פּײַכטע פּלעקן, וועלכע האָבן זיך פאַרקליבן אין ווינקל אונטערן ברייטן הילצערנעם בעט, וואָס פון זיי איז ניט מעגלעך געווען פּאָטער ווערן ניט זומער, ניט ווינטער — און פון אָט דעם עסעריקן שימל איז דאָ אַ קײַלעכיק יאָר געשטאַנען אַ רייעך פון איבערגעפּרײַעטע קיזיקעס. שעפּסלס ווײַב, באַסיע, האָט ניט אויפגעהערט הריזען איר מאַן דעם שלימאַזל, געטײַנעט, אַז מע דאַרף עפּעס טאָן, ווײַל ס׳איז פּאָשעט אומעגלעך אויסצוהאַלטן, מע קאָן אַזוי פאַרטשאַדעט ווערן. נאָר שעפּסל האָט אויף אַלע אירע טײַנעס, ווי ביכלאַל

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 1977.

אף אלע טײַנעס, וואָס די וועלט האָט געקאָנט האָבן צו אים און ער צו דער וועלט, געענט־פערט מיט איין וואָרט:

— וואָסי שײַעך?..

טײַנעס האָט ער אַליין געהאַט ניט ווייניק, ווײַל געוועזן איז ער אַ ביסל ווי אַ צוגע־פלעטשטער און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט אַ באַגאַנוועטער: פֿון זײַן ווּקס האָט מען צוגעגאַנוועט אַ פּאָר ווערשקעס און זיי צוגעשטוקעוועט צו זײַן באַ־סיען, און אַלעמאָל, ווען ער וויל איר עפּעס זאָגן, עפּעס פֿרעגן בא איר, מוז ער פֿאַרײַסן דעם קאָפּ אַרויף. פֿונוואַנען האָט זיך גענומען די שטענדיק אַנגעשוואָלענע רעכטע באַק און וויאַזוי פּאַטער ווערן פֿונעם געשווילעכץ, ווייסט ער אַליין ניט, פּונקט ווי ער ווייסט ניט, ווי פּאַטער ווערן פֿון דער עסעריקער פּײַכטקײַט אין שטוב. און דערפֿאַר איז בא אים שטענדיק געווען אַ מינע, ווי ער וואָלט געליטן פֿון מוירעדיקן ציינווייטעק און עס קאָסט אים אַ סאַך געזונט אײַנצוהאַלטן אין זיך דעם קרעכץ. אָפּטמאָל האָט געטראָפֿן, אַז ער האָט פּלוצעם זיך צעברומט מיט אַ בייזן ברומען, וואָס האָט זיך געריסן פֿון זײַנע פֿעסט צוגעשלאָסענע ליפּן: דער ווייטעק, הייסט עס, איז בא אים אַזוי גרויס, אַז האַלטן אים אין זיך איז ער שוין ניט בעקויעך. די אויגן זײַנע זײַנען אין אַזעלכע מינוטן געוואָרן אַ סאַך גרעסער, ווי געוויינלעך. קיין טרערן זײַנען אין זיי ניט געווען, נאָר דער שטומער בליק איז געווען פֿול מיט אומויס־דריקלעכן פּײַן.

דאָס גענגעלע זײַנס איז שוין געווען זײַן אייגענע שולד: אַ גענגעלע, ווי ער וואָלט פֿאַר־שטאָכן די פּיאַטע פֿונעם רעכטן פֿוס מיט אָן אַ שיר בודיקעס אָדער גאָר מיט אַ פֿאַרזשאַ־ווערטן צוואַק, עס האַלט דאָרטן אין איין אָנרײַסן, יאַטרעווען, עס טוט זיך דאָרטן אַזוינס, אַז מע טאָר זיך ניט צורירן צו דער רעכטער פּיאַטע. איז ער געגאַנגען דעריבער מיטן רעכטן פֿוס אויף די שפּיץ פֿינגער. אינדערעמעסן אָבער האָט זיך דאָס גענומען דערפֿון, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט זיך געצויגן אין דער הייך, געוואָלט אויסזען אַ ביסל העכער. דער רעכטער פֿוס, אויך אַ שטיקל אַקשן, ניט ווייניקער פֿון שעפּסלען אַליין, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, און ער האָט שוין גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראַכטן, קעדיי צווינגען דעם רעכטן פֿוס גיין ווי אַ מענטש. איבער דעם טאַקע האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן — שעפּסל דער קרומער.

די שפּאַרענישן מיט זײַן בעניאָכידל, מיט אַריען, אַרום קאַלווירט האָבן זיך געצויגן עפּשער עטלעכע וואָכן. די שפּאַרענישן מיט זײַן באַסיען אַרום די פּײַכטע ווענט האָבן זיך געצויגן יאָרן. באַסיע האָט געטײַנעט, אַז דאָס קומט פֿון דער שטאָל, ווײַל עפּעס איז דאָרט ניט אין אָרדענונג און עס רינט פֿון דאָרט אַרויס ניט אין דרויסן, נאָר אין שטוב אַרײַן. שעפּסל פֿלעגט דערוויזן, אַז פֿאַרקערט, די פּײַכטקײַט קומט נאָר פֿון דרויסן און דאָס איז אַזאַ זאַך, אַז מע קאָן עס ניט איבערמאַכן, סײַדן צעוואַלגערן די שטוב און איבערשטעלן זי אויף אַן אַנדער אָרט. נאָר ס'איז דען אַ שפּילעכל — צעוואַלגערן די שטוב און איבערשטעלן זי? איז ער דאָ אויך אָפּגעקומען מיט זײַן ווערטל:

— וואָסי שײַעך?

באַסיע האָט דאָס געדאַרפֿט נעמען אויף איר כּעזשבן און מאַכן אַ שוויַג. דאָס שטיבל איז געווען אירס, איר שטיקל יערושע, איר בידנע נאַדן, אוועקגעשטעלט האָט עס נאָך דער זיידע מיט קימאַט הונדערט יאָר צוריק, ווען ער איז קוים אַ לעבעדיקער געקומען אַהער צופּוס פֿון דער ליטע זיך ראַטעווען פֿון דער קאַנטאָניסטן־דינסט. צו איר זיידן האָט שעפּסל קיין טײַנעס ניט געקאָנט האָבן, מיסטאָמע האָט אים אויף עפּעס בעסערס ניט געסטײַעט. נאָר איר, באַסיען, וואָלט ער געקאָנט זאָגן:

— האָסט מיר אַרײַנגערוקט אַזאַ טײַערן נאַדן און האָסט נאָך טײַנעס?

וואָלט שוין באַסיע געמוזט אָפּענטפֿערן:

— טשעפּע ניט מײַן נאַדן! דאָס איז אַ יערושע פֿונעם זיידן. דו ווייסט, ווער מײַן זיידע איז געווען?

וועגן באַסיעס זיידן ווייסט שעפּסל נאָר דאָס, אַז געווען איז ער אַ ייִד אַ גוואַר, האָט געקאָנט גיין איינער אַליין אויף אַ ווילדן באָק, אויף אַ בוהײַ און אפֿילע אויף אַ וואָלף בלויז מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט און אוועקלייגן אויף טויט די שרעקלעכסטע כײַע מיט איין קלאַפּ. טאַקע אַדאַנק זײַן גוורע איז ער געווען איינער פֿון די געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן אין דאַן נאָך ווילדן סטעפּ די שרעקלעכסטע פּוראָניעס. ער האָט איינער פֿון די ערשטע אוועקגעשטעלט זײַן שטוב, טאַקע אָט דאָס יערושע־שטיבל. באַסיע וואָלט געקאָנט אַ סאַך דערציילן וועגן איר זיידן, נאָר זי זאָגט גאָרנישט ניט, זי גיט זיך בלויז אַ שטעל אַוועק, פֿאַרלייגט די הויכע בריסטן, שעפּסל זאָל זען, סאַראַ שטאַלטנע זי איז, סאַראַ ניט־ווײַבערשע גוורע עס יוירט אין אירע האַרט פֿאַרקנאָטענע הענט, וועלכע

ס'איז אפילו שווער א קניפּ צו טאָן, און אירע לאַנגע, פּאַרסאַרפּעטע פיס, וואָס קאָנען אויס־שפּאַנען איבערן סטעפּ א גאַנצן זומערדיקן טאָג פון באַגינען ביזן אָוונט. און זאָל ער, שעפּסל, דערנאָך איר א קוק טאָן אין פּאָנעם אַרײַן, אַף אירע פולע פאַרפּלאַמטע באַקן, בלוט און מילך. דאָס אַלץ האָט זי אויך באַקומען בעיערושע פונעם זיידן. האָט ער נאָך וואָס צו קלאָגן זיך אַפן נאַדן?

נאָך אַלעמען איז שעפּסל קיין כאָלעש ניט געווען. ניט קיין כאָלעש און ניט קיין פּוי־ליאַק. אַלע יאָרן נאָך דער כאַסענע האָט ער געהאַלטן אין איין דראַפּען זיך באַרג־אַרוּף, געקראַכן, קאָן מען זאָגן, אַף אַלע פיר, נאָר אַרויסדראַפּען זיך און דערקלײַבן זיך צו א שטיקל לײַטיש באַלעבאַטישקײַט ניט געקאָנט. איז דער איינציקער טרוים זײַנער געווען — האָבן אַמאָל אָן עמעסע פּאָר פערד. ער איז גרייט געווען אַף אַלץ — אָפּלעבן עטלעכע יאָר אַף טרוקן ברויט מיט א פּיסנע באָרשטש, צוניפּלייגן א קאָפּעקע נאָך א קאָפּעקע, אָרײַנקריכן אַפילע אין כיִוועס. ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער פאַרמאָגט א פּאָר גוטע פערד, און ניט אָט די הינקענדיקע קליאַטשע, וואָלט ער געווען א באַלעבאָס גלײַך מיט אַלע און עס וואָלט אים אַזוי ניט דאָקוטשעט די געשוואָלענע באַק. עס וואָלט אים ניט געקימערט, וואָס מע רופט אים שעפּסל דער קרומער, און עס וואָלט אים אַפילע צוגעגעבן כשיוועס דער צונאָמען שעפּסל וואָסישײַעך.

אַף זײַן איינציק פערד האָט ער אַליין געערעדט לאָשנהאָרע. דער היכער פערדאַטש, וואָס האָט זיך שטענדיק געמינעט מיט זײַנע געל־גרויע פאַרבן, איז ניט געווען קיין קליאַטשע. ער האָט געשלעפּט פאַר צוויי, געגעסן פאַר דרײַ, און דער מאָגן איז בא אים שטענדיק געווען האַלב־פּוסט. דערפאַר האָבן זײַנע זײַטן שטענדיק אויסגעזען ווי אײַנגעפאַלן און דער רוקן א ביסל צו שאַרף. עמעס, ער האָט טאַקע אונטערגעהינקט, צוגעפאַלן אַפן רעכטן פאָדערשטן פוס, דערצו נאָך געהאַט א טעווע צושאָקלען מיטן קאָפּ. צו דער אַרבעט האָט עס ניט געשאַט, נאָר ער האָט א סאַך אָנגעוווירן פון זײַן פערדישן כיין. געווען זײַנען אין דאָרף טשיקאַווערע זאַכן, פון וועמען און פון וואָס אָפּצושפּעטן, נאָר שעפּסלען האָט זיך געדוכט, אַז מע האַלט זיי אין איין באַרעדן, אים און זײַן דערעזש, און נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ביידע א ביסל היני־קענדיקע.

דער סיכסעך מיטן ווײַב איבער די נאַסע וועגט האָט זיך געצויגן יאָרן, די שפּאַרעניש מיטן זון איבערן קאַלווירט האָט געדויערט דעם גאַנצן ווינטער. שעפּסל האָט זיך ניט פאַר־געשטעלט, וויאַזוי בלײַבט מען עס אינגאַנצן אָן א פערד. אָן זײַן דערעזש איז ער דאָך אויס מענטש! אַקשאָנים זײַנען זיי געווען ביידע, דער זון עפּשער נאָך מער פונעם טאַטן, דערצו נאָך האָט אַריע גערעדט און שעפּסל האָט געשוויגן, בלויז נאָך מער אָנגעבלאָזן די געשוואָ־לענע באַק און פון צו מאָל צו מאָל אַרויסגעברומט:

— וואָסי שײַעך?

באַסיע האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט ניט קיין קליינע דייע, נאָר צוערשט איז ניט געווען קלאָר, אַף וועמעס צאַד זי איז. קעגן קאַלווירט האָט זי ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, נאָר מיטן דערעזש איז איר אויך געווען שווער צו שיידן זיך. אַפילע מער ווי מיט דער קו. נאָר די מאַמע האָט אַריע גיכער אײַנגערעדט: אַזעלכע דרײַ לײַט, ווי זיי, וועלן אין קאַלווירט פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט. טאַקע צוליב אָט דעם ערשטן אָרט, און ניט צוליב רײַכשאַפט אָדער ווער ווייסט דאָרט וואָס, האָט באַסיע די ערשטע נאָכגעגעבן. האָט שוין שעפּסל קיין אַנדער ברייִרע ניט געהאַט: אָנגעשריבן א מעלדונג און אוועקגעפירט דעם דערעזש אין קאַלווירט.

וועגן די שטילע שפּאַרענישן צווישן דעם טאַטן און דעם זון האָט קיינער ניט געוווּסט, זיי זײַנען פאַרבליבן אינווייניק, אינעם שטיבל מיט די נאַסע ווענט. אָנגעהויבן זיך ראַשן אַרום זיי האָט זיך נאָך דעם, ווי דאָס רעדל האָט פלוצעם זיך א דריי געטאָן אַף צוריק. יאָ, ווען דאָס רעדל האָט זיך א דריי געטאָן אַף צוריק, האָט שעפּסל, ניט געזאָגט גאָרנישט ניט זײַן באַסיען, ניט אַריען, אָנגעשריבן א נײַע מעלדונג, אוועקגעטראָגן אין קאַלווירט און אָפּגעפירט דעם דערעזש צוריק אהיים. האָט שוין אַריע, אויך בא קיינעם ניט געפרעגט קיין אייצעס, אָנגעשריבן א פּונקט פאַרקערטע מעלדונג און אוועקגעפירט דעם דערעזש צוריק אין קאַל־ווירט. ווײַטער איז שוין אַלץ געגאַנגען אָן מעלדונגען. צו פאַרנאַכט־צו האָט שעפּסל געבראַכט דעם דערעזש אהיים, און נאָך האַלבער נאַכט, צו באַגינען־צו, האָט אַריע אוועקגעפירט דאָס פערד אין קאַלווירט.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט נאָכגעשפּירט נאָך אָט דער שפּיל און געוואַרט, מיט וואָס וועט זי זיך ענדיקן. אָפּשטעלן זי איז שוין געווען אוממעגלעך, פאַרהאַלטן עמעצן, אָפּזאָגן אים —

איך ניט, דאָס וואָלט דאָך געהייסן צוואַנג, און וועגן צוואַנג האָט מען געוואָרנט אָף אַלע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען ווי וועגן דעם שרעקלעכסטן פאַרברעכן.

שעפּסלס שטומע שפּאַרעניש זײַנען ווי אומיסטן צוגעטראַכט געוואָרן, עס זאָל זײַן פון וועמען אָפּצושפּעטן און אַ ביסל לינדערן די אייגענע וויטעקן, די אייגענע פאַרלוירנקײַט, אומפאַרשטענדלעכע צעצווייטקײַט, ווען מענטשן ווייסן אַליין ניט, וווהין צו פאַרקערעווען און וואָס וועט פאַר זיי זײַן בעסער. ניט איינער האָט דעמלט דורכגעמאַכט די זעלבע שפּיל, עמעס, בלויז אין די געדאַנקען.

אָנגעהויבן האָט זיך עס גראָד ניט פון שעפּסלען, ניט ער האָט אָנגעהויבן און ניט אָף אים האָט מען געוואַרט. געדוכט האָט זיך, אַז אָנהייבן וועט גאָר אוורהם-איצל — די שקאַפּע שטייט דאָך שוין בא אים אין דער היים, איז ער שוין מיט איין פוס פון יענער זײַט, ער דאַרף שוין אַפּילע קיין מעלדונג ניט שרײַבן. ער דאַרף נאָר אין איינעם אַ באַגינען ניט ארויס אָף דער אַרבעט, וועט שוין אַלץ זײַן קלאָר. מענאַשע האָט אויך געקלערט אַזוי, ווײַל נאָך יענער געשיכטע האָט ער אים געהאַלטן פאַר ניט קיין פעסטן קאָלווירטניק, פאַר אַזאַ, וועמען מע האָט דאַן אַרײַנגעשריבן צווישן די וואַקלדיקע, און ביכלאַל פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם עלע־מענט. יעדן באַגינען איז מענאַשע געגאַנגען אַפן קאָלווירטישן הויף מיט אַן אַלץ וואַקסנדי־קער האַרצקלאַפּעניש און ציין־קריצעניש, מיט אַ פול מויל שטעכווערטלעך און זידלערײַען, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט אַ שיט טאָן אָף אוורהם־איצלען, אָף אַלע יענע, וואָס זײַנען צו גוטהאַרציק, נאָכגיביק צו פאַרשיידענע וואַקלונגען, און בעסיכעם אויך אָף מיר, בא וועמען אוורהם־איצל האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זײַן זײַעכץ.

איך האָב אויך יעדן באַגינען אָנגעהויבן פון אַ שפּאַציר אַפן קאָלווירטישן הויף, ווײַל טאַקע דאָס בערגל פון יענער זײַט בריקל, ווו ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן אויספורעמען זיך עפּעס ענלעכס אָף אַ קאָלווירטישן הויף, איז געווען דער עפּיצענטער פון אַלע אופטרייסלונ־גען, פון אַלץ אָנוואַקסנדיקן שטורעם, פון אַ מעגלעכער ערדציטערניש, און דאָס, וואָס עס וועט געשען אין די ערשטע מינוטן פונעם נײַעם טאָג, נאָך איידער די זון וועט זיך באַווײַזן, וועט אויסקלאָרן, וואָס עס וועט אוועק פון קאָלווירט און וואָס עס וועט בלײַבן, וואָס עס וועט דערבײַ געזאָגט ווערן און וואָס עס וועט פאַרשווונדן ווערן. און דעריבער — ווי וועט אויסזען די טעגלעכע סוואָדקע, די סאַמע שרעקלעכע סוואָדקע פון יענע טעג. און ווי וועלן אויסזען מיר אַליין.

אין יענע שווערע ערעוו־שטורעמדיקע באַגינענס, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די לופט אַרום איז אַזוי געדיכט, אַז ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען, האָבן מיר, איך מיט מענאַשען, קימאַט ניט גערעדט צווישן זיך. רעדן איז ניט געווען וועגן וואָס, צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך קעגנשטעלן דעם שטראָם, איז אויך געווען אומעגלעך, ווײַל ס׳איז געווען אַ געפאַר אַריבערטרעטן דאָס דערלויבטע און אַרויסרופן אָף זיך די ערגסטע שטראָף. אַפּילע דעם „גוטמאָרגן" זײַנען מיר אָפּגעקומען מיט אַ שטומען שאָקל מיטן קאָפּ. אָט אַזוי האָבן מיר אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, אַרײַנגעקוקט אין יעדער שטאַל, אין יעדן ווינקל, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מיר זײַנען ביידע שטאַרק פאַרטאָן אין עפּעס אַ זייער וויכטיקן איניען.

אוורהם־איצל איז אויך יעדן באַגינען געקומען אָף דער אַרבעט מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט געפילט, אַז מענאַשע האָט געוואָרפן אָף אים אַן אויג, אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּירט אים נאָך פוסטריט, און ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער פאָרזיצער איז גרייט אים אויסזידלען, מאַכן מיט דער בלאָטע גלאַט אַזוי, אָף צו שטילן אַ ביסל דעם אייגענעם צאָרן. די האַרצפּלאַטערניש איז בא אוורהם־איצלען געווען ניט קיין קלענערע. נאָר קיין ציין־קריצעניש האָט ער ניט געדאַרפט. ער איז אָף קיינעם ניט געווען בייז, צו קיינעם ניט געהאַט קיין טײַנעס, און פאַר זיך אַליין זיך מוידע געווען, אַז ער איז טאַקע אַ ביסעלע שולדיק, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקײַט, און אַז ווען ער זאָל ניט געווען פאַרלירן דעם ניכטערן סייכל, וואָלט ער עס קיינמאָל ניט געטאָן.

יעדן גאַנצפרי, ווען ער האָט גענומען די בײַטש אין איין האַנט, דאָס טאָרבעלע עסן אין דער צווייטער און זיך געלאָזט אַפן קאָלווירטישן הויף, איז דער איינציקער פאַרלאַנג זײַנער, אַ פאַרלאַנג, וואָס ער האָט איבערגעכאַזערט אין זיך ווי אַ טפילע, געווען, אַז גאָט זאָל אים אויסהיטן פון אַ באַגעגעניש מיט מענאַשען און ער זאָל בעשאָלעם זיך אַרויסקלײַבן פונעם הויף.

דאָס איבעריקע, האָט ער געוווּסט, וועט ער שוין ניט אויסמײַדן. יעדן גאַנצפרי, ווי נאָר ער פלעגט קומען אַפן הויף, האָבן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל, אָפּגעבנדיק דעם „גוטמאָרגן", געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכט עפּעס אײַער שקאַפּע? ווי האַלט עס מיטן קימפּעט?

און ווי דאָס זאָל ניט געפרעגט ווערן, ערנסט צי אין אַ שפּאַס, מערסטנטייל טאַקע אָפּשפּעטן אַ ביסל, האָט אווראָם־איצל אָפּגעענטפערט מיט יענער טמימעסדיקער גוטסקייט, ווי אַף די סאַמע בעסטע ווונטשן:

— אַ דאַנק... זי האַלט שוין אַט־אַט...

אין יענעם באַגינען האָט אווראָם־איצל געשפּאַנט צום קאַלווירטישן הויף מיט זײַן געווײנלעכער הארצפּלאַטערניש, מיטן אומקלאָרן געפיל פון שולד און מיטן הייסן פאַרלאַנג, ער זאָל זיך ניט באַגעגנען מיטן פּאַרזיצער. דאָס טאַרבעלע עסן, וואָס איז אַלעמאָל באַשטאַנען פון איינעם און דעם זעלבן — פון צוויי גראָבע ריפּטלעך ברויט, אַ פּלעשל מילך, פאַרשטעקט מיט אַ קאַטשנדל פון קוקורוזע, און אַ פּאָר זויערע אוגערקעס, — האָט זיך געבאַמבלט אַרום דער רעכטער קני, די בײַטש האָט אַ ביסל זיך נאָכגעשלעפּט און געמאָלט אַפן שטויב קרומע פּאַסיקלעך, און ער אַליין האָט מיט פּאַרדראָס און מיט אומרו געטראַכט וועגן דעם, אַז ער האָט, אַפּנעם, אַ טאָעס געהאַט אין כעזשבן און צו פרי געבראַכט די שקאַפּע צו זיך אַהיים. זי שטייט שוין אין שטאַל באַלד אַ פּאָר וואָכן, און מע זעט נאָך ניט, זי זאָל זיך קלײַבן צו קימפּעט. דערצו איז ער אַרײַנגעפּאַרן מיט דעם אין אַזאַ צײַט, אַז ס׳קומט אויס — ער איז אין אַלעמען שולדיק.

געקומען אַפן הויף, ווי אַלע טאָג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָפּגעגעבן אַלעמען דעם אַ ביסל שולדיקן „גוטמאָרגן" און אָפּגעענטפערט, ווי שטענדיק, אַז די שקאַפּע האַלט שוין אַט־אַט, האָט ער אַפּגיך אַרויסגעפירט די פּאָר פערד, וואָס זײַנען געווען פאַר אים פאַרפעסטיקט, און אָנגעהויבן אײַנשפּאַנען זיי אין וואָגן, אַף וועלכן ס׳זײַנען נאָך פון נעכטן געבליבן ליגן די באַרענעס. די שלייעס זײַנען אויך אַף נאַכט געבליבן צוגעטשעפּעט צו די אַרטשיקעס. דאָס ערשטע פערד האָט ער אײַנגעשפּאַנט גיך, נאָר ווען ס׳איז געקומען צום צווייטן, איז צו אים צוגעלאָפן בײַנעש דער ניט־פאַרגינער.

בײַנעש האָט די גאַנצע צײַט פאַרשאַלטן די וועלט דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט אַרײַנטרעטן אין קאַלווירט, און איצט האָט ער זי נאָך מער פאַרשאָלטן דערפאַר, וואָס ער איז אַרויס פון קאַלווירט. פאַרוואָס האָט ער פריִער געמוזט אַרײַנטרעטן און איצט אַרויסטרעטן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. די בייזע קינע, וואָס האָט אים געהריזעט, געטאַטשעט ווי אַ וואָרעם אַלע יאָרן, צעקריגט מיט אַלע שכײנים, האָט אים איצט אויך ניט געלאָזט צורו. ער האָט ניט געקאָנט מוחל זײַן אווראָם־איצלען, וועלכער האָט אָפּגעפירט די שקאַפּע אַהיים אין דער צײַט, ווען ער, בײַנעש, האָט נאָך פריִער געטראַכט טאָן דאָס זעלבע, כאָטש מיט גאָר אַנדערע קאַוואָנעס. ער האָט ניט געקאָנט מוחל זײַן דעם סאַמע נאָענטן שאָכן זײַנעם, מוישע־יאַסיען, וועלכער האָט אומדערוואַרט פאַרלאָזט דאָס דאָרף, ווען ער אַליין, בײַנעש, האָט אויך געטראַכט דאָס צו טאָן. נאָך אווראָם־איצלען און נאָך מוישע־יאַסיען האָט שוין אָבער ניט געפּאַסט איבערכאַזערן דאָס זעלבע, און בײַנעש האָט ניט אופגעהערט צו זידלען זיך דערפאַר, וואָס אַלע יאָרן בלײַבט ער מיט עפּעס הינטערשטעליק. האָט ער איצט באַ זיך באַשטימט ניט פאַרשפּעטיקן. און זאָל די וועלט זען! צוגעלאָפן צום וואָגן, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן פאַרן דישל:

— שפּאַן שוין אויס מײַן פערד!

— און וואָס זאָל איך אײַנשפּאַנען? — האָט אווראָם־איצל געפרעגט מיט זײַן טמימעסדיקער מינע.

— שפּאַן אײַן דײַן שקאַפּע!

— מײַן שקאַפּע?

— נו יאָ, דײַן שקאַפּע! און הער אוף צו כיטרעווען! די אייגענע שקאַפּע אָפּגעפירט אַהיים, און אַף דיר זאָלן אַרבעטן פרעמדע פערד?

אווראָם־איצל האָט לויט זײַן טעווע אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס וויל ער פון אים, אָט דער בײַנעש, און וואָס מיינט ער מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. ער, אווראָם־איצל, כיטרעוועט? אַף אים אַרבעטן עס פרעמדע פערד? און ער אַליין אַף וועמען אַרבעט, ער, אווראָם־איצל, וועלכער פאָרט יעדן באַגינען דער ערשטער אַרויס אין סטעפּ? דער גאַנצער איניען האָט אים אויסגעזען ווילד. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס אָפּצוענטפערן און וואָס ווײַטער צו טאָן: צי זאָל ער לאָזן בײַנעשן אוועקפירן זײַן פערד, צי אים דערלאַנגען אַ פּאַטש. פון קיין פּעטש האָט ער קיינמאָל ניט געהאַלטן. אַפילע ווען עמעצער איז פאַרקראָכן מיטן פּלוג אַף זײַן ערד, האָט ער געזוכט אַ שטיצע באַ די, וועלכע זײַנען געשטאַנען דערבײַ, עמעס, צו ווײַט אַ ביסל, צו רויִק און צו גלײַכגילטיק, ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג אַרויסגעקוקט אַף אַזאַ זאַך און וואַרטן נאָר, אַז עמעצער זאָל אָנהייבן. דאָס מאָל איז אָבער דער נאַכט־שומער לייבל מאַלץ געווען אַף דער וואַך. ער האָט דאָך

געגעבן א שווּנג ניט צו דערלאָזן אַזאַ גאַזלעוואַיסטווע. צוגעשפּרונגען צום וואָגן, האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס פערד פאַרן צײַמל:

— איך וועל ניט דערלאָזן! אָן אַ דערלויבעניש וועל איך ניט דערלאָזן!

ביינעש מיט לייבלען זײַנען געווען פון איין וווקס און פון איין גווורע. נאָר די רעציכע באַ ביינעשן איז הײַנט געווען אַ שטאַרקערע, איידער באַ לייבלען, ווײַל ער האָט זי געכאָ־ וועט און אונטערגעוואַרעמט אין זיך ניט איין טאָג. כוץ דעם, איז דאָ געגאַנגען אינעם פערד אַליין אויך, אינעם שטילן, האַכנאָעדיקן פערדל, וואָס האָט גוט פאַרגעדענקט דעם פריִערדיקן באַלעבאָס, דעם בייזן קײַסן, וועלכער האָט געקאָנט גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס, דערלאַנגען אים עטלעכע גוטע שמיץ. סײַוויסײַ איז דאָס שוין געווען אויסגעשפּאַנט, און ווען ביינעש האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַפן פערד און אים דערלאַנגט אַ פּאָר פעסטע שמיץ מיט די שטיוול, האָט ער אַ ריס געטאָן דאָס צײַמל, איבערגעריסן דאָס שטריקל און איז אַוועק.

לייבל איז געבליבן שטיין מיטן צײַמל אין דער האַנט, געדרייט מיט דעם אַף רעכטס און אַף לינקס, באַקוקט עס פון אַלע זײַטן, דערנאָך אַ פּאַכע געטאָן מיט דעם, געפּאַכעט בייז און דראָענדיק און געשריגן צום אוילעם, וואָס האָט געקײַכט פון געלעכטער:

— איך וועל ניט דערלאָזן! אָן אַ דערלויבעניש וועל איך ניט דערלאָזן!

אין אָט דעם טאָג האָט מען אומעטום דערציילט און איבערגעכאַזערט, ווי־אַזוי ביינעש איז צוערשט אָנגעפאַלן אַף אוורעם־איצלען, דערנאָך שיר זיך ניט צעפּאַטשט מיט לייבלען, זיך אַרופגעכאַפּט אַפן פערד, אַ נעם געטאָן עס פאַר דער גריווע און אָנגעהויבן פּויקן אין אים מיט די שטיוול, ווי אין אַ פּויק. שעפּסל וואַסיששײַעך מיט זײַן שפּאַרעניש איז געקומען שוין שפּעטער, אַפן צווייטן צי אַפן דריטן טאָג.

און ס'איז אַוועק איין געשיכטע נאָך דער אַנדערער. יעדערער האָט זיך געשפּאַרט מיט זיך אַליין, געסטאַרעט זיך בײַקומען די אייגענע וואַקלענישן און אײַנרעדן זיך, אַז אַלץ וועט זײַן ווי בעסער קאָן ניט זײַן, ווײַל ער איז דאָך ניט איינער, און אויב דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן אַף צוריק, איז דאָך אַ סימען!.. דערצו האָט מען געדאַרפט דערשטיקן די אייגענע בושע — באַ וועמען אַ ביסל, באַ וועמען אַ סאַך, — ווײַל איינס פון די ביידע: אויב דיר איז אַזוי שווער אָנגעקומען פּויעלן באַ זיך אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט, וואָס זשע דאַרף מען איצט קריכן צוריק? וועסט דאָך ניט גיין דערווײַזן, אַז מע האָט דיך געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, גענומען פאַרן גאָרגל. און אויב דו אַליין האָסט דערלאָזט אַ ביסעלע צוואַנג בענעגייע זיך אַליין, איז דאָס דאָך געשען דערפאַר, ווײַל דער סייכל־האַיאָשער האָט דיר אונטערגעזאָגט, אַז איצט איז אַזאַ צײַט... קאָן דען זײַן, אַז די צײַט זאָל מיטאַמאָל אַ קערעווע טאָן אַף צוריק?

אַבע־שמועל, וועלכער האָט געפילט, אַז אַף אים פאַלט אַ שטיקעלע פּלעק דערפון, וואָס זײַן ברודער מוישע־יאָסיע איז אַוועק אין שטאָט, האָט דאַפקע זיך באַצויגן צו דעם אַלעמען גאַנץ רויִק, ניט אַראָפּגעפאַלן באַ זיך און פאַרענטפערט אַלץ, ריכטיקער, געטרייסט אַלעמען מיטן פּאָסעק „מאַ שעיאַאסע האַזמאַן לוי יאַאסע האַסייכל”, ס'הייסט, אַז מיט דער צײַט וועלן זיך אַלע באַטראַכטן, אַפילע זײַן היציקער ברודער אויך. נאָר גראָד אַבע־שמועלס פּסוקים האָבן געגעבן אַנדערע אַ מעגלעכקײַט זיך צו פאַרענטפערן. טאַקע אַף דעם זאָלבן סמאַך: וויבאַלד ס'איז נאָך דאָ צײַט אַף באַטראַכטן זיך, איז פאַרוואָס טאַקע ניט?

דאָס דאָרף האָט ווידער זיך צעשפּאָלטן: אַף די, וואָס בלײַבן, און אַף די, וואָס גייען אַוועק. און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, שווער געווען פּאַרויסצוזען, וועלכע זײַט וועט איבער־ציִען. יעדן טאָג — עטלעכע נײַע מעלדונגען. עטלעכע מעלדונגען גאַנצפרי און עטלעכע מעל־דונגען אין אָוונט. עס האָט זיך געדוכט, אַז גאָר איניִכן וועט געשען אַזוינס... אַ גוסרעגן, אַ האָגל, אַ פאַרפלייצונג, עפּעס פון יענע זאַכן, וואָס דאַרפן איבערקערן די וועלט. נאָר גראָד אַף אַזאַ איבערקערעניש האָט זיך קיינער ניט געריכט.

באַנאַכט האָט דער ווינט זיך צעפײַפט אַף זײַן ווינטערדיקער שפּראַך, זיך צעוואָיעט, ווי אַ גאַנצע סטײַע וועלף, זיך צעשפּילט אַף אַלע זײַנע פײַפעלעך, זיך צעהוליעט בייז, זיך צעיר־שעט מיט עפּעס פײַנטלעכס, נעקאָמעדיקס, און צו באַגינען איז דער גאַנצער אַרום געווען פאַרשוואַרצט. אַ שוואַרצע זאַווערוכע פאַרווייעט דעם הימל מיט דער ערד מיט אַ צע־בושעוועטן שטויב, וואָס יאָגט אַ צעדולטער, ווייסט ניט פון קיין שום שטערונגען, רײַסט זיך אַרײַן אין די הײַזער דורך די צוגעמאַכטע טירן און פענצטער, זעצט זיך אָפּ אַף די לונגען, אין מויל, צווישן די ציין מיט אַ קריצעניש און שטיקעניש. און וואָס מע זאָל ניט נעמען אין מויל אַרײַן — אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך אָדער פּאַשעט אַ גלאָז וואַסער, שטיקט דאָס און קריצט אין מויל מיט מיליאַרדן זעמדעלעך.

וואָס זשע זאָלן מענטשן זאָגן, אַז דער סטעפּ אַליין... ער שמײַסט זיך און קאַטעוועט זיך, רײַסט אַף זיך די הויט, מאַכט פון זיך אַליין אַש און פּאָרעך און מישט אויס אַלץ אַרום אין

א קריצנדיקן, קויטיק־שווארצן געמיש. האָט יעדערער דאָס געקאָנט אויסטײַטשן אַף זײַן אויפן: אייניקע — אַז דער סטעפּ איז מוירעדיק אופגעטראָגן אַף די, וואָס פאַרלאָזן דעם קאָלווירט, אַנדערע — אַז דאָס שטראָפט ער די, וועלכע בלײַבן.

דער שטורעמווינט האָט געווילדעוועט וואָס אַמאָל שטארקער, אַמאָל זיך צעטאַנצט העפּ־קערדיק און אויסגעזונגען א שיקערדיק לידעלע, אַמאָל זיך צעוויינט, געהיכצט, זיך פארכליפּעט און מיטאַמאָל גאָר אָנגעהויבן כאָרכלען, ווי ער אַליין וואָלט זיך געוואָרגן מיטן עסעריקן שטויב.

אין די ערשטע שאָען זײַנען אַלע געזעסן אין די הײַזער און מיט שרעק אַרויסגעקוקט אַף דעם צעבושעוועטן דרויסן, אַף דער שטויביקער כאַשכעס. ווער ס׳האָט שווײַגנדיק גע־בראָכן די הענט, ווער — שטיל צוגעהוסט, און אַנדערע האָבן איינעם מיטן ווינט געוויינט און צוגעוואָיעט, צוגעטראַכט דערבײַ פאַרשיידענע טפילעס, וועלכע זײַנען ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דערנאָך איז שוין ניט געווען ווען צו טפילע טאָן. דער ווינט האָט צעריסן אַף שטיקלעך די רעשטלעך פון די סקירדעס שטרוי, צעוויעט איבער די הויפן, צעזייט איבער דער גאַס, און מענטשן האָבן מיט צעשפּרייטע הענט זיך א לאָז געטאָן נאָך דעם, וואָס כאַפּן איז שוין געווען אומעגלעך. ניט כאַפּן, ניט צונויפשאַרן, ניט פאַרהיטן דאָס, וואָס עס איז נאָך געבליבן דערווײַל ניט געריירט. דערנאָך האָט עס בא איינעם אַראָפּגע־ריסן א סנאָפּ פונעם שטרויענעם דאַך, בא א צווייטן אַרויסגעפּליקט עטלעכע טשערעפּיצעס. האָט מען שוין געמוזט זיך דראַפּען אַף די דעכער, ווער דורכן בוידעם, ווער מיט עפּעס א לייטער, און שטימען, הייזעריקע, צעיושעטע, פאַרצווייפלטע, האָבן געפּרוווט איבערשרײַען, איבערוואָיען דעם צעבושעוועטן ווינט.

בלויז בילעם... ער האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער דאָרפישער גאַס מיט א לאַנגער סוקעוואַטער הילאַקע אין דער האַנט. געשפּאַנט בעגילופנדיק, פּונקט ווי אָט די שוואַרצע זאַווערוכע וואָלט געווען זײַן אייגן שטיקל אַרבעט, און ער איז זייער צופרידן, וואָס ער האָט אַזוי פײַן אָנגעוואָראָזשעט. אַלעמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א נעם געטאָן די הילאַקע צווישן די קני, צוגעלייגט ביידע הענט צום מויל, צונויפגעקנייטשט די ליפּן און זיך געסטאַ־רעט א פײַף טאָן, ווי דער ווינט אַליין. צי ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן, צי ניין, נאָר ער איז געווען גרויס בא זיך, זיכער, אַז ער מיט דער זאַווערוכע טוען אָפּ א פײַן שטיקל אַרבעט. האָט ער אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און דראָענדיק געטײַטלט מיטן לאַנגן פינגער:

— אַל דעאַטייפּט!.. אין קאַפּאַקאַלי!.. לאַ־אַ־זאָ־זלי!..

צײַטנווײַז איז דער ווינט א ביסל שטילער געוואָרן, געסאָפּעט בלויז, ווי די קויכעס וואָלטן בא אים אויסגעגאַנגען, דערנאָך, אָפּגערוט א ביסל, זיך צעבושעוועט מיט א נײַער קראַפט, נאָך בייזער, נאָך צעיושעטער געיאָגט די שטויב־וואָלקנס, געשאָטן אַף רעכטס און אַף לינקס גאַנצע הויפנס, געשלײַדערט זיי אין אַלע טירן און פענצטער, אין יעדערן, ווער ס׳האָט ניט אַזוי זיך א קערעווע געטאָן. און ס׳איז געבליבן איין זאַך — שפּײַען. ס׳איז אוועק א מעשונעדיקע שפּײַעניש, אַן אומזיסטער פּרווו אויסצושפּײַען דעם אָפּגעזעצטן שטויב. מענטשן האָבן געשפּיגן, און דאָס אויסגעהונגערטע פּי איז געשטאַנען לעבן די ליידיקע קאָרעטעס, געציטערט פאר שרעק און שטיל, יאָמערדיק גערעוועט. געהוסט און גערעוועט, געהוסט און גערעוועט.

און אין דעם צווייטן באַגינען...

— דער סטאַוואָק!..

— די הרעבליע!..

די צוויי אויסגעשרייען, וואָס דער שטורעמווינט האָט אין איין אויגנבליק צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף, האָט גלײַך אַרויסגעיאָגט פון די הײַזער קליין און גרויס, און אַלע האָבן אין איין קאָל נאָכגעשריגן איינער דעם אַנדערן:

— דער סטאַוואָק!..

— די הרעבליע!..

מע האָט קיינעם ניט געדאַרפט דערקלערן, וואָס דאָס הייסט. דער סטאַוואָק איז אַרויסגע־שפּרונגען פון זײַנע ברעגן, פאַרגיסט די הרעבליע, קאָן זי צוביסלעך אינגאַנצן צעשווענקען, צעברעקלען, און דאַן... אויס מיטן סטאַוואָק. צי ס׳האָט שוין אַמאָל געטראָפן אַזוינס, צי ניין, נאָר אַלע האָבן קלאָר זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט געשען, אויב דער סטאַוואָק וועט אויסרינען און דאָס פּי וועט בלײַבן אָן וואַסער. דאָס איז שוין געווען אַן איניען סײַ פאַר די, וועלכע זײַנען געבליבן אין קאָלווירט, און סײַ פאַר די, וועלכע זײַנען פון אים אַרויס. אין אַזאַ פאַל באַקומט דער דאָרפראַט אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן מאָביליזירן אַלץ און אַלע־מען אַף באַקעמפן, ליקווידירן די געפאַר.

נאָר מע האָט קיינעם ניט געדאַרפט מאָביליזירן. מענער און פרויען זײַנען געלאָפן צום סטאַוואָק — ווער מיט א לאָפּעטע, ווער מיט א ווילע, און פונעם קאָלווירטישן הויף האָבן געיאָגט עטלעכע פורלעך, אָנגעלאָדענע מיט פרישן שטאַל־מיסט. טאַקע אָט דער הנאָי, אויסגעמישט מיט ערד און פעסט אײַנגעטראָמבעוועט אַף דער הרעבליע און ארום איר, האָט געדאַרפט פאַרלאַטען, פאַרשטעקן באַצײַטנס די מעגלעכע דורכרײַסן. איך אליין האָב אין דעם פאַרשטאַנען זייער ווייניק. אָבער דער היגער אוילעם האָט אָן ווערטער, אָן באַזונדערע קאָמאַנדעס אליין געוווּסט, וואָס מע דאַרף טאָן.

דער סטאַוואָק, וועלכער האָט ערשט נעכטן אזוי בענימעסדיק אַרויסגעגלאַנצט מיט זײַנע שטילע וואַסערן, א גאַנץ באַשיידענער און האַכנאָעדיקער, שלאַבעריק געשווענקט זײַנע גראַזיקע ברעגן, דורכגעשטעפּטע מיט אָן א שיר פערדישע פּאַדקאָוועס און בעהיימישע קאָפּיטעס, האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אז ער איז א שטיקל קאַרעוו דעם יאַם און אז ער וויל, קאָן ער אויך עפּעס. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אָנגעדראָדלט, ווי באַרויגעז אַף דער וועלט, און געמאַכט אזעלכע האַוויַעס, גלײַך ער קלײַבט זיך פאַרטרינקען דאָס גאַנצע דאָרף. פאַר א פאַרפּלייצונג האָט קיינער זיך ניט געשראָקן, מע האָט נאָר מוירע געהאַט, ער זאָל, כאַלילע, אליין ניט אויסרינען און בלײַבן באַ גאָרניט. געווען איז דער סטאַוואָק צעקאַליעצעט ביזן דעק, ווי מע וואָלט אים געהאַלטן אין איין מישן מיט טויזנטער לאָפּעטעס. עפּעס גאָר א ליימיקע שיטעריצע, א טונקל־געלבלעכע, ערטערווײַז איבערגעשטרײַפט מיט קרומע קויטיק־שוואַרצע פּאַסן. ליימיק־שווערע כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן איינע אַף די אַנדערע מיט אָן איבערגעטריבענער בייזקייט, מיט א געמאַכטער גוווּרע, געשפּרונגען, פאַרשפּריצט די ברעגן, פאַרגאָסן די הרעבליע און טאַקע געפּרוּווט זי צעווייקן אַף שטיקלעך, זי אופרײַסן אָדער דורכרײַסן זיך דורך א פּאָר שפּאַרונקעלעך און אַרויס אַף דער פרײַער וועלט.

טאַקע אָט די שפּאַרונקעלעך זײַנען געווען דאָס גרעסטע געפאַר, און אלע — די, וועלכע זײַנען אָנגעפּאָרן מיט די פורלעך הנאָי, און די, וועלכע זײַנען אָנגעלאָפן מיט לאָפּעטעס און ווילעס אָדער געקומען אַפילע אָן גאָרניט, האָבן געטאָן איינע און די זעלבע זאַך. מע האָט פאַרשטאָפּט, פאַרלאַטעט יעדעס שפּעלטעלע און לעכעלע, קעדיי וואָס פעסטער, קרעפטיקער אײַנטראָמבעווען די הרעבליע, מאַכן זי מאָנאָליטער. ווער ס'האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם הנאָי פון די וועגענער, ווער ס'האָט טאַקע דאָ, באַם ברעג, געגראָבן די ערד מיט די לאָפּעטעס און פאַרשאָטן דעם הנאָי, און דער סטאַוואָק, וועלכער האָט זיך געקליבן אופרײַסן די הרעבליע, האָט אליין געמוזט באַשפּריצן די נאַרוואָס אָנגעשיטע ערד און געהאָלפן זי איבערקנעטן. דאָס איבעריקע האָט שוין געטאָן דער אוילעם, וואָס איז געקומען אהער אָן גאָרניט. זיי האָבן געטאַנצט. מענער און פרויען, אַלט און יונג האָבן געטאַנצט אַף דער הרעבליע, געטאַנצט בייזלעך, ווי גאָר שיקערלעך, אײַנגעטאַפּטשעט דאָס, וואָס איז נאַרוואָס אָנגעשאָטן געוואָרן. און קעדיי דער שיקערלעך־בייזער טאַנץ זאָל האָבן עפּעס א זין, האָט מען זיך גענומען פאַר די הענט ווער מיט וועמען ס'האָט זיך געפּאַקט. אן אלטער ייִד מיט א יונג מיידל, א צעשויבערטער באָכערעץ מיט אן אלטער ייִדענע. מע האָט זיך געדרייט, ווי אין א פריילעכס, אין א שער, ווען פּאָרלעך דאַרפן זיך אַלעמאָל בײַטן איינער מיטן אַנדערן, זיך געדרייט, געטאַנצט, געהעפּקעט, אויסגעזונגען עפּעס אזוינס, וואָס איז ניט קיין לידל און ניט קיין טפּילע, אָדער געשריגן גלאַט אזוי אין דער וועלט אַרײַן. געשריגן אַפּצולאָכעס דעם שטורעמווינט, אַפּצולאָכעס דער שוואַרצער זאַווערוכע, געטאַנצט און געזונגען, קעדיי אַלץ ארום און אויך די צעבויטעטע וואַסערן אינעם סטאַוואָק זאָלן זיך זיי אויסווײַזן ניט אזוי שוואַרץ, ניט אזוי קויטיק.

וואָס זשע האָבן געזאָלט טאָן מיר אליין, איך און מענאַשע, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט אָט דער רעטונגס־אָפּעראַציע, — געבן די נייטיקע פאַראָרדענונגען, קאָמאַנדעס? קאָמאַנדעווען האָט מען ניט געדאַרפט. האָבן מיר געטאָן דאָס, וואָס אלע. פריִער געגראָבן די ערד ארום סטאַוואָק, דערנאָך אויך אוועק אַף דער הרעבליע, גענומען זיך פאַר די הענט מיט וועמען ס'האָט זיך געמאַכט און געטאַנצט, מיטגעזונגען מיט אַלעמען אזוינס, וואָס קיין לידל האָט דערפון ניט געקאָנט ווערן.

בילעם איז אויך אַרײַן צווישן די טאַנצנדיקע, נאָר קיינער האָט אים ניט געוואָלט נעמען פאַר דער האַנט. האָט ער געטאַנצט איינער אליין. אַרײַנגעשטעקט אין דעם פרישן אָנשיט זײַן סוקעוואַטע שטעקן און געטאַנצט ארום אים. געטאַנצט בייזער פון אלע אַנדערע, צוגעטופּעט מיט איין פוס, צוגעזעצט זיך אַף ביידע און געדרייט זיך ארום שטעקן קימאַט אַף די קני. ער איז, אַפּאַנעם, געווען אופגעבראַכט, וואָס קיינער באַמערקט אים ניט, ניט אים, ניט זײַנע קונצן, האָט ער פאַרהויבן דעם שטעקן אין דער הייך, א זעץ געטאָן מיט אים אין דער הרעבליע און אויסגעשריגן:

— א לאַך, א לאַך!..

א ווײַלע האָבן אַלע זיך אָפּגעשטעלט. גראַד פאַר דעם האָבן אַלע זיך געשראָקן, און עטלעכע שטימען האָבן אויסגעשריגן אין איין קאָל:

— ווּ א לאַך?

בילעם, א צופרידענער, וואָס די שפּיל האָט זיך אים אײַנגעגעבן, האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— א לאַך, א לאַך!

— א לאַך?.. אָט וועל איך דיר באַלד מאַכן א לאַך!..

דערנאָך האָט ביינעש זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט אַפילע ניט געקלערט אים אראָפּ־שטופּן, ער האָט אים געוואָלט בלויז לײַכט א שטורכע טאָן. נאָר ער איז געווען שטאַרק בייז, ביינעש דער ניט־פאַרגינער, און ער האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר עפּעס א לאַך. האָט ער א שטופּ געטאָן בילעמען אַזוי, אַז יענער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַרײַנגע־פאַלן אין סטאַוואָק.

— ראַטעוועט! — האָט בילעם אָנגעהויבן קוויטשען ניט מיט זײַן קאָל. אָט דאָ האָבן מיר שוין געמוזט אַרויסווײַזן אונדזער מאַכט, געבן די נייטיקע פאַראָרדענונגען. די וואַסער איז געווען בילעמען קימאַט ביזן האַלדז, און ווען מיר האָבן אים אַרויסגעשלעפּט, איז ער געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט א גליטשיקן שליים. ער איז געשטאַנען אָן אײַנגעקאָרטשע־טער, אָן אײַנגעשרומפּענער, מיטאַמאָל געוואָרן א סאַך קלענער, ווי געוויינלעך, געציטערט פאַר קעלט און געסטאַרעט זיך אַרויסשפּײַען זײַנע קלאָלעס.

— אַל דעאַטייפּט! — האָט ער כריפּענדיק געטײַטלט אָף ביינעשן.

דאָס ערשטע מאָל האָט זײַן „אַל דעאַטייפּט" באַקומען א קאָנקרעטן אויסדרוק, און דער אוילעם האָט עס אופגענומען פּונקט פאַרקערט, ווי בילעם האָט געמיינט: אַז דאָס איז אים אליין טאַקע געקומען פאַר אַלע זײַנע קלאָלעס.

און גראַד מענאַשע האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט פון דער הרעבליע:

— גייט אהיים, איר וועט זיך נאָך צוקילן.

בילעם האָט שוין פונדערווײַטנס אויסגעשריִען מיט א וויינענדיק קאָל:

— ס'וועט א רועך אין אײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן!

— אָ, דאָס איז גאָר אַנדערע דיבורים, — האָט זיך אָנגערופן אַבע־שמועל, א פאַרסאָפּעטער פּונעם טאַנצן. — וואָ־פּטאָך האַאָסוין עס פּיהאָ!..[1]

ערשט איצט איז צו מיר דערגאַנגען, וואָזוי און פונוואַנען זײַן פּאַשעטער נאָמען מיילעך איז איבערגעמאַכט געוואָרן אָף בילעם. געוויס האָט מען דערמיט געמיינט דאָס באַוווּסטע אייזל, וואָס כאָטש ס'האָט באַקומען לאָשן, נאָר אַרויסרעדן עפּעס גוטס איז דאָס ניט געווען בעקויעך.

איך קאָן ניט זאָגן, פאַרוואָס גראַד אין דער מינוט האָב איך זיך דערמאָנט אין הופּאָלאָ־ווער סטאַוואָק און ס'האָט מיך ווי א טראַג געטאָן.

— ווּהין פּלוצעם? — האָט מענאַשע געפרעגט א פאַרוווּנדערטער.

— קיין הופּאָלאָווע... דאָרטן אויך... דער סטאַוואָק... מע דאַרף א קוק טאָן.

— ביסט משוגע? — און א קוק געטאָן אָף מיר מיט זײַנע אויגן־שטעכלקעס. — ווער לאָזט זיך עס אין סטעפּ אין אַזא שטורעם?..

ער האָט מיך באַקוקט, ווי געוואָלט זיך איבערצײַגן, צי בין איך טאַקע ניט בא די גע־דאַנקען, דערנאָך זיך אָנגערופן:

— נו, גוט. קום אײַנשפּאַנען די בעדאַרקע, וועלן מיר צופאָרן.

דאָס פערדל איז געווען ניט קיין שוואַכס און ניט קיין פוילס, נאָר דער ווינט האָט געשמיסן אין פּאָנעם, און ס'האָט קוים געשלעפּט די פיס. דער ווינט האָט צעשויבערט, צעבלאָזן די געדיכטע הריווע, געשלײַדערט זי אָף רעכטס און אָף לינקס אָדער אויסגעצויגן די האָר אַרויף און פאַרוואַנדלט דאָס פערד אין א בריִע, וואָס קיינער האָט אָף זײַן לעבן ניט געזען. און מיר ביידע — געוויס אויך אַזעלכע בריִעס, צוויי מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס ווערן ביסלעכווײַז פאַרשאָטן מיט יאַגנדיקן שטויב. אַרויסרעדן עפּעס א וואָרט איז געווען אומעגלעך, נאָר מיר האָבן נאָך קיינמאָל זיך ניט געפילט אַזוי נאָענט — ווי איין מענטש, ענג צונויפגעדריקטע, צונויפגעשמעלצטע דורך דער צעשפּילטער זאַווערוכע.

[1] דאָס אייזל האָט אופגעעפנט דאָס מויל.

הופּאַלאָווע איז געווען פּאַרזונקען אין שטויביקער כאַשכעס. אַף דער גאַס — קיין איין לעבעדיקער נעפעש. און דער סטאַוואָק... מיטן סטאַוואָק איז דאָ געווען אַלץ אין אָרדענונג. ער איז געווען אַ סאַך קלענער פון נײַ־זלאָטאָפּאָליער, און די הרעבליע — אַ גאַנץ פעסטע. מיר זײַנען אַרופגעפאָרן אַף דער הרעבליע און געבליבן שטיין אַ ווײַלע, ווי געסטאַרעט זיך אויספּרווון איר פעסטקײַט, און אַ מעסט טאָן מיטן אויג, צי שפּרינגען ניט די כוואַליעס אַריבער אַף יענער זײַט. ניין, דאָס וואַסער האָט דאָ קיינעם ניט געדראָעט. נאָר דער סטאַוואָק איז דאָ אויך געווען צעקאַליטשעט ביזן דנאָ, און די כוואַליעכלעך, וועלכע האָבן געטאַנצט איינס אַפן אַנדערן, זײַנען דאָ אויך געווען ליימיק־שווערע, פאַרקויטיקטע, נאָר ניט ענלעך אַף יענעם סטאַוואָק, לעבן וועלכן איך בין אָפּגעזעסן אַ נאַכט אין פאַריקן האַרבסט.

— נו, אין ראַטנטאַל איז קיין סטאַוואָק ניטאָ, — האָט זיך אָנגערופן מענאַשע, — האָבן מיר אַהין ניט וואָס צו פאָרן.

עמעס, אין ראַטנטאַל איז קיין סטאַוואָק ניט געווען... נאָר פאַרוואָס ניט פאַרפאָרן אַהין אַ קוק טאָן, וואָס מאַכט דער דאָרטיקער אוילעם אין אזא זאַווערוכע? און דעריקער טאַקע... נאָר גיי דערצייל אים, מענאַשען...

„כאַשעווער כאַווער...

איך האָב צוגעזאָגט אָנשרײַבן און בין געבליבן אַ ליגנער. נאָר ווען איך זאָל קאָנען אויסלייגן אַף פּאַפּיר די סיבעס, וואָלסטו מיר עפּשער מויכל געווען. די ערשטע צײַט האָב איך פּאָשעט ניט געוווסט, אַף וועלכער וועלט איך בין. ניט דערפאַר, וואָס די אַרבעט איז געווען פאַר מיר צו שווער. צו שווערער אַרבעט בין איך געווינט, און שלעפן אַ גאַנצן טאָג וועגעלעך מיט ערד איז ניט שווערער, ווי אַרומיאָגן אַ גאַנצן מעסלעס איבערן דאָרף אָדער אָפּשוויצן אין דאָרפּראַט פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט, אָנהאַריקען זיך מיט צענדליקער מענטשן, איבערהריזען זיך דאָס האַרץ פאַר אָן אַ שיר קלייניקײַטן, אַמאָל פּאָשעט נאַרישקײַטן. דו דאַרפסט עס אַליין גוט פאַרשטיין. דאָ איז ניט שווערער און, אויב דו ווילסט וויסן, אַפילע פריילעכער. ווײַל דו ביסט ניט איינע אַליין! טויזנטער אַזעלכע, ווי דו, יאָגן אַרום איבערן ריזיקן קאָטלאָוואַן אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף. אַראָפּ — מיט ליידיקע וועגעלעך, און אַרויף — מיט פולע. דער קאָטלאָוואַן ווערט וואָס אַמאָל טיפער און גרעסער, די באַרג־אַרופן — וואָס אַמאָל העכער און מעשופּעדיקער. און עס כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל, ווען דו גיסט אַ טראַכט, אַז דאָס אַלץ וועט פאַרטרונקען ווערן און די וואַסערן וועלן דאָ באַשעווען, ווי אין אַ יאַם.

דער געוועט איז דאָ אויך אָן אַנדערער. זעסט שטענדיק אַרום זיך דײַן בריגאַדע, דו פילסט, ווי אַלע, פּונקט ווי דו, גייען אָפּ מיטן שווייס, און דו פאַרשטייסט, אַז דו טאָרסט ניט אָפּשטיין, דו טאָרסט ניט זײַן פון די לעצטע. וואָלט דאָס געווען צו דערלײַדן, ווען ניט די בענקעניש. דו שלעפּסט דאָס שווערע וועגעלע, יאָגסט מיט דעם אַהין און אַהער, און אַלעמאָל שווימט אַרויס פאַר דיר עפּעס אַנדערש... עס זשומען אין די אויערן אַלע ווײַטע רוישן, מיט וועלכע עס איז פול דײַן סטעפּ. מיט די רוישן איז מיילע, נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט די רייכעס? איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז זיי וועלן מיר אַזוי אויספעלן, אַז איך וועל ניט קאָנען לעבן אָן זיי. דו ווייסט דעם טאַם פונעם באַגינענדיקן טוי? האָסט אַמאָל פאַרזוכט דעם ביטערן טאַם פון בורקון און די טערפּקע קלעפּיקײַט פון פאַלין? אָדער ווען דו רײַסט אויס אַ שטענגעלע קוקורוזע, צעברעכסט עס אַפּצווייען, און דיר גיט אַ שפּריץ אין מויל אַרײַן אַ גאַניידנדיקע זיסקײַט. און עס דוכט זיך דיר, אַז דאָס שטענגעלע וויינט, עס באַגיסט זיך מיט טרערן, עס טוט דעם וויי...

און ווי זאָל איך דיר איבערגעבן, ווי עס בענקט זיך נאָך די רייכעס פון אונדזער שטוב, באַזונדערס ווען די ראָשטשינע גייט אויף, די מאַמע הייבט זי אָן איבערקנעטן, און איבער דער גאַנצער שטוב צעגייט זיך דער רייעך פון געווירטן טייג. עס הייבט אָן קיצלען אין האַלדז, און דו הייבסט זיך אָן באַלעקן.

שטיי איך אָפּט אַזוי, שטעל אויף אין זיקאָרן די רייכעס פון אונדזער דאָרף, די רייכעס פון יעדער שטוב. וויפל מאָל בין איך אין זיי געווען, און אַלעמאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אין יעדערער שמעקט אַ ביסל אַנדערש, די זעלבע ראָשטשינע האָט גאָר אָן אַנדערן רייעך. און דאָס ברויט אויך. און אַפילע דאָס געפּעס. פונוואַנען נעמט זיך דאָס? איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. נאָר איצט דוכט זיך מיר, אַז דאָס נעמט זיך פון דער באַלעבאָסטע, פון איר בעריעשאַפט צי ניט־בעריעשאַפט, פון די קינדערלעך, וועלכע לויפן אַרום איבערן הויף, פון דעם היי, וואָס טריקנט זיך אין דער סטאַדאָלע, און פונעם גאָרטן. בלאָנדזשע איך אָפּט אַזוי אַרום פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף, און עס ווילט זיך אַזוי צוקומען נעענטער, אָן עפן טאָן די טיר און אַרײַנקוקן אין שטוב אַרײַן. נאָר די הײַזער בלײַבן ווײַט, די

טירן בלײַבן צוגעשלאָסן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, און פאַרוואָס האָט זיך אַזוי געדאַרפט באַקומען? נאָר איך קאָן צו קיינעם קיין טײַנעס ניט האָבן, איך האָב אַליין באַשטימט מײַן גורל. נאָר ווען איך טו א טראַכט... באַזונדערס, ווען איך דערמאָן זיך אין אונדזער פּלאַנטאַזש, אין יענעם שמאָלן גראָזיקן סטעזשקעלע, אַף וועלכן מיר האָבן שפּאַצירט, אין אונדזער בריקל... הייבט זיך מיר אָן דוכטן, אַז איך אַליין בין אַן איבערגעבראָכן קוקורוזע־שטענגל, עס טוט מיר ווײ, און עס ווילט זיך וויינען... נאָר — דאָס איז ניט פאַר מיר. ס'איז ביכלאַל ניט קעדײַ צו רעדן, צו דערמאָנען וועגן דעם... דו דאַרפסט עס ביכלאַל ניט וויסן. פּאָשעט, עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט. און אויב דו ווילסט וויסן, בענק איך נאָך דיר אויך. דו ביסט דאָך שוין אויך מײַנער א זעמליאַק, א נײַ־זלאַטאָפּאָליער. און מיר האָבן מיט דיר שוין אויך עפּעס געמיינזאַמס. זאָל זײַן אַפילע, אַז דאָס איז ניט מער ווי איין־און־איינציקע נאַכט, ווען מיר האָבן געשפּאַנט איבערן דאָרף און איך האָב דיר איבערגעגעבן יעדן הויף באַזונדער. איך האָב זי פאַרגעדענקט, יענע נאַכט, און צווישן אַלע מײַנע דערמאָנונגען קומט זי אָפּט אוף מיט איר באַזונדערן טאַם, זייער און זייער א ביטערלעכן...

זײַ מיר מויכל, וואָס איך האָב ביז איצט ניט אָפּגעזוכט דײַניקע. איך האָב פּאָשעט ניט געקאָנט. איך האָב אין דער ערשטער ריי געדאַרפט אָפּזוכן זיך אַליין, געפינען מײַן אָרט אין אָט דער נײַער פאַר מיר וועלט. די אַרבעט איז טאַקע א שווערע, נאָר ניט פון די, ווען מע פאַלט צו צום געלעגער קוים א לעבעדיקע און מע ווערט גלײַך אַנשלאָפן. ליגסטו און טראַכסט, ליגסטו און בענקסט. און די זאַך איז דאָך ניט בלויז אין דעם, וואָס דו טאַסקעסט שווערע װעגלעך. דו דאַרפסט באַנעמען, צוליב וואָס טוסטו דאָס, צוליב וואָס טוט זיך עס און וואָס וועט עס געבן. אָן דעם האָט דאָך די אַרבעט קיין זין ניט!

דערפאַר האָב איך זיך שוין ניט אָפּגעזאָגט, ווען די טעג האָט מיך ווידער אַרויסגערופן דער סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם און פאָרגעלייגט ווערן פאַרטאָרג פון איינעם א באַצירק. איצט ווייס איך שוין, צוליב וואָס דאָס אַלץ טוט זיך, צוליב וואָס גייען טויזנטער מענטשן אָפּ מיט שוויס. און איצט איז מיר שוין אָפּצונעמען שווער. שוין ווידער, ווי פריער. ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט. און איך טרוים וועגן א פרײַער שאָ, א פרײַער מינוט. ווערסט מיר גלייבן? ס'איז מיר געוואָרן א ביסל גרינגער... טאַקע דערפאַר, וואָס שווערער. ניטאָ שוין ווען אַרומבלאָנדזשען איבער נײַ־זלאַטאָפּאָל, ניטאָ ווען צו בענקען. און יענץ סטעזשקעלע אין פּלאַנטאַזש ווערט ביסלעכווײַז פאַרוואַקסן. און יענץ שוואַך בריקעלע... איצט וועל איך זיך שוין קאָנען נעמען זוכן דײַן יאַנקלען.

ווי פילסטו זיך אַף דײַן נײַעם אָרט? ווי גייט די אַרבעט אין דאָרפראַט, וואָס פאַרא נײַסן זײַנען אין קאָלווירט און ווי האָסטו זיך צונויפגעאַרבעט מיט מענאַשען? דאָס ווילט זיך אוודע וויסן. ווײַל מענאַשע... און דו אַליין, דו שרײַבסט נאָך אַלץ לידער?

„פאַר דורכויסיקער,
פאַר דורכויסיקער!“ —
זינגט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער...

זעסט, ווי איך האָב פאַרגעדענקט דײַן ליד? שרײַב, שרײַב אַמאָל מיר אויך עפּעס אָן.

גיטל“.

וועגן וואָס זשע זאָל איך איר שרײַבן? וועגן דעם, ווי מע האָט צעשלעפּט די בעהיימעס פון דער פערמע? וועגן דעם, ווי דער קאָלווירט, אין וועלכן זי האָט אַרײַנגעלייגט אַזויפיל מי, אַזויפיל האַרץ, איז זיך אַף האַלב צעפאַלן? וועגן דעם, אַז זי האָט אַזוי געהאָרעוועט אַף פאַרניכטן די מעזשעס, און מיר קומט איצט אויס זיי טיילווײַז אופשטעלן? וועגן דער שוואַרצער זאַווערוכע, וואָס האָט פאַרשאָטן אַזויפיל שוין אופגעגאַנגענע ברויטן? ניין, וועגן דעם וועל איך ניט קאָנען שרײַבן. סײַדן עפּשער וועגן אָט דעם...

געשען איז דאָס אַפן צווייטן צי אַפן דריטן טאָג נאָך דער שוואַרצער זאַווערוכע. אַרום־און־אַרום איז נאָך פול געווען מיט שטויב, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אַף די גאַסן, אין די הויפן, אַף די דעכער און אין די הײַזער. ניט אַלץ איז נאָך געווען אויסגעהוסט, ניט אַלץ איז נאָך געווען אויסגעשפּיגן, און מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען צעדולטע, ווי נאָך א שווערער קרענק. דער סטעפּ איז אויך געלעגן, ווי א שווערער כוילע, פול מיט יאַטרענדיקע ווונדן, מיט פאַרזאָטן בלוט. ווו אָפּגעשונדן ביזן ביין, ווו מיט אָנגעשיטע בערגלעך שטויב, ווער ווייסט פון וועלכע מעקוימעס אָנגעטראָגן. מע וועט ערשט דאַרפן צולייגן א האַנט אַף אויס־

היילן אים, ער זאָל ווערן צוריק אַזאַ, ווי געוועזן. איצט האָבן אַלע אַרויסגעקוקט אויף אַ רעגן, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען אַ רעפֿועה סײַ די מענטשן, סײַ דעם סטעפּ.

די אַלע טעג, סײַ בײַס דער זאַווערוכע, סײַ נאָך איר, האָט אַווראָם־איצל ניט איבערגעלאָזט זײַן שקאַפע אויף קיין איין מינוט. ער האָט שטאַרק מוירע געהאַט, זי זאָל, טאַקע איבערן שטורעם, ניט אַפּוואַרפֿן. ער האָט פֿאַרשטעקט אין שטאַל אַלע שפּאַרונקעלעך, דער שטויב זאָל ניט דורך, ווײַל טאָמער, כאַלילע, וועט די הוסטעניש אַרײַן אין דער שקאַפע, איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. פֿון דער הוסטעניש האָט ער די שקאַפע ניט פֿאַרהיט, נאָר אַלץ איז בײַ איר דורך בעשאָלעם. אויפֿן צווייטן צי אויפֿן דריטן טאָג נאָך דער זאַווערוכע איז ער געשטאַנען לעבן דער שקאַפע, דערלאַנגט איר עפּעס אין מויל אַרײַן און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר אויפֿגעבלאָזענעם בויך. פּלוצעם האָט די שקאַפע אויף אים אַ קוק געטאָן... אַזוי אַ קוק געטאָן, ווי קיין שום כײַע האָט אויף אים קיינמאָל ניט געקוקט. גאָר ניט מיט קיין פֿערדישן בליק. געווען איז אין אָט דעם בליק אַזויפֿיל צאַר, אַזויפֿיל ווייטאָג און עפּעס ענלעכס אויף אַ שטומער געזעגעניש, ווען עמעצער לאָזט זיך אויף אַ געפֿערלעכן איניען און ווייסט ניט, צי ער וועט אַרויס פֿון אים אַ לעבעדיקער. אַווראָם־איצל איז אַ דערשראָקענער אַרײַנגעלאָפֿן אין קיכל:

— כענע, גיכער!

צוליב וואָס האָט ער געדאַרפֿט לויפֿן, צוליב וואָס רופֿן זײַן כענען, וואָס ווייסט זי אין אַזעלכע איניאָנים?.. וועגן דעם האָט ער אַ טראַכט געטאָן ערשט דערנאָך. נאָר די שרעק... די שרעק האָט אים אַ יאָג געטאָן, און ווען זיי זײַנען צוריק אַרײַן אין שטאַל, ער מיט כענען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די שקאַפע איז געלעגן אויף דער אָנגעבעטעטער שטרוי, ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן פֿון איר האַלב. זי האָט שטאַרק געסאָפּעט מיט די אײַנגעפֿאַלענע זײַטן, מיטן אויסגעליידיקטן בויך און באַלעקט דאָס לאָשעקל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַלע פֿיר, שיקערלעך געהוידעט זיך, נאָר אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט זיך צולייגן. אַווראָם־איצל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס לאָשעקל אויף די הענט, באַקוקט עס, באַטאַפּט עס פֿון אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט אַליין ניט געקאָנט גלייבן, אַז נאָך אַלעמען זאָל די שקאַפע קאָנען האָבן אַזאַ געזונט, אַזאַ שיין לאָשעקל.

— כענע, — האָט ער אַרויסגערעדט שוין ניט אַזוי הויך, — וואָס זשע טוט מען?

— צוערשט דאַרף מען געבן דער שקאַפע עפּעס אין מויל אַרײַן.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך דאַרף די קימפּעטאָרן זיך אויסשלאָפֿן.

— זיך אויסשלאָפֿן גאָר? — האָט אַווראָם־איצל זיך געכידעשט. — פֿאַרוואָס עפּעס זיך אויסשלאָפֿן?

האָט שוין כענע זיך דערלויבט אָפּשפּעטן פֿון אים:

— וואָס דען? וואָס דען דאַרף זי? דו ביסט אַמאָל געגאַנגען צו קימפּעט?

און נאָך דעם, ווי די שקאַפע האָט זיך אויסגעשלאָפֿן — אַזוי האָט עס געהייסן בײַ אַווראָם־איצלען, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט זאָגן פּעסט, צי איז זי טאַקע געשלאָפֿן, די שקאַפע, צי ניין, — האָט אַווראָם־איצל אַ נעם געטאָן דאָס לאָשעקל אויף די הענט און געהייסן כענען אַרויספֿירן די שקאַפע.

— עפּשער אָפּלייגן אויף מאָרגן? — האָט כענע ווי געבעטן זיך.

— אַוואַדע וואָלט מען געדאַרפֿט... נאָר פֿאַרשטייסט, ס׳איז איצט אַזאַ זאַך...

אַווראָם־איצלען האָט דאָס פֿאַרביטן אַ גאַנצע רעדע. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז אַוואַדע וואָלט בעסער געווען, די שקאַפע זאָל נאָך זײַן אַ ביסל בײַ זיי. נאָר ער האָט זיך אַזוי אָנגעליטן איבער איר, אַזויפֿיל ביזאָיען, אַזויפֿיל כשאַד און אַזויפֿיל שרעק! און ער האָט שוין פֿאַרשעט מער קיין קויעך ניט, ער וויל שוין וואָס גיכער וויסן דעם אוילעם, און טאַקע דעם פֿאַרזיצער אַליין, אַז אומזיסט האָט מען געשפּעט פֿון אים, אומזיסט כוישעד געווען, דערווײַזן, אַז ער האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט. און באַזונדערס איצט, נאָך דעם, ווי אייניקע, די וואָקלדיקע, ווי מע רופֿט זיי, און נאָך אַזאַ זאַווערוכע, ווען בײַ אַלעמען אויפֿן האַרצן איז נאָך פֿול מיט שטויב...

אין די געדאַנקען האָט זיך בײַ אים אַלץ אויסגעלייגט קלאָר און גלאַטיק, נאָר האַרגעט אים אַפּילע, וואָלט ער ניט געקאָנט אַרויסברענגען אויף אַ קאָל זײַנע געדאַנקען. ער האָט געקאָנט בלויז איבערכאַזערן:

— פֿאַרשטייסט, ס׳איז איצט אַזאַ זאַך...

אַווראָם־איצל איז געגאַנגען פֿאָרויס מיטן לאָשעקל אויף די הענט, און כענע איז נאָכגעגאַנגען אויף עטלעכע שפּאַן הינטער אים, געפֿירט די שקאַפע פֿאַרן קייטל. דאָס לאָשעקל האָט

געהאַלטן דאָס קעפּל פּאַרקערעוועט אַף צוריק, זיך געצויגן צו דער מאַמען, און די שקאַפּע איז געגאַנגען, אויסגעצויגן דעם האַלדז, און געהירזשעט ראַכמאָנעסדיק און צאַרט מיט אַ שטיקל קוויטשיקל.

אווראָם־איצל האָט געשפּאַנט אַ גליקלעכער און אַ שטאָלצער, זײַנע ווײַסלעכע אויגן האָבן קינדעריש געשמייכלט צו דער וועלט און צו יעדערן, וועמען עס האָט זיך אים באַגעגנט אַפן וועג.

— מאַזלטאָוו! — האָט אַלעמאָל אויסגעשריגן אַן אַנדערער.



— מאַזלטאָוו, אווראָם־איצל, אַ גוטער שאָ!

און איינע אַ ייִדענע, פאַרהויבן די הענט אַרוף:

— אוי, גאָטעניו, ס׳זאָל טאַקע זײַן אין אַ גוטער שאָ!

אווראָם־איצל האָט געשפּאַנט איבערן דאָרף, ווי אַ טרעגער פון עפּעס גוטס, ווי אַן אָנזאָגער פון גוטע בסורעס, און זײַן גליקלעך שמייכעלע, זײַן צוגעלאָזטע שטים האָט געקלונגען אין יענעם שטילן באַגינען ווי אַן עכטער קויל־מעוואַסער, געקלונגען דערמונטערנדיק און טרייסטנדיק.

אַפן קאָלווירטישן הויף האָט אים באַגעגנט אַ גאַנצע פּראָצעסיע. פון די, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פעסט, פון די, וועמען קיינע וואַקלענישן און קיינע שטורעמס האָבן ניט געבראָכן. פאַר זיי איז אווראָם־איצל מיטן לאָשעקל אַף די הענט אוואַדע געווען, ווי אַ גוטער סימען, אַז נאָך אַלעמען, אַז פונדעסטוועגן... און נאָך, און נאָך אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע האָבן ניט קיין סאָף, ווײַל אין זיי אַליין ליגט עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן, וואָס דאַרף זיך ערשט אויסקלאָרן. האָט שוין געקלונגען איבערן גאַנצן הויף:

— אין אַ גוטער שאָ!

9

וויפל זשע טעג און נעכט האָב איך „געבאַלעבאַטעוועט” אין ניי־זלאַטאָפּאָליער דאָרפּראַט ביז יענער שווארצער זאווערוכע? וויפל טעג און נעכט לייגן זיך אריין אין יענער צייט, ווען פונעם קאַלווירט איז געבליבן האַלב, און אַף מיר, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק זיך ארומקוקן, האָבן זיך אַ שיט געטאָן אומגעוויינלעכע, ניט פּאַרויסגעזעענע פּאָדערונגען און נויטן? אַלץ האָט זיך אזוי פארפּלאָנטערט און איבערגעפּלאָכטן, אַז מיר איז איצט שוין שווער זיך צו דערמאָנען, צי האָט די געשיכטע מיט אווראָם־איצלען זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר מײַן קומען קיין ניי־זלאַטאָפּאָל, צי ווען איך בין שוין געווען אַ דאָרטיקער. צי האָט מוישע־יאָסיע פארלאָזט דאָס דאָרף, ווען איך בין שוין געווען אַ היגער, צי דאָס האָט מיר גיטל דערציילט אין יענער נאַכט. און נעסיע, מײַן נײַע באַלעבאָסטע נעסיע? פאַרוואָס האָב איך אין איר פארגעסן?

געוווען איז נעסיע אַן עמעסע איישעס־כאַיל. זי האָט געקאָנט פאַר אַ טאָג איבערטאָן ווער ווייסט וויפל ארבעטן סײַ בא זיך אין שטוב, סײַ אין סטעפּ און צו פּאַרנאַכט־צו אויסזען אזוי מונטער, אזוי ענערגיש און אזוי דאָרשטיק נאָך נײַס, ווי אין פריִען באַגינען. זי האָט געקאָנט יעדער הויף אַף אויסווייניק, געוווסט, וואָס בא יעדן אין טעפּל קאָכט זיך, געקענט אַלעמען פון קליין ביז גרויס אזוי, ווי איך וועל געוויס קיינמאָל ניט קענען, און געהאַט וועגן יעדערן איר באַזונדערע מיינונג — אַ מיינונג ניט גלאַט אזוי, ניט פון קיין יִידענע אַ סעדעכע, וועלכע קאָן צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, נאָר אַ מיינונג מיט אַ פּאָליטיש פּינטעלע, וואָס אין יענע צײַטן איז עס געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע. אַ רעדנערקע איז זי אויך געווען ניט קיין שלעכטע, עמעס, מיט ווייניק „פּאַר” און מיט זייער שטאַרקע „קעגנס”. אין דער ערשטער ריי קעגן גאָט און קעגן די באַלעגופים. מיט אָט די צוויי צדאָדים האָט זי געהאַט אַ באַזונדערן כעזשבן, געַרעדט וועגן זיי מיט אַ הייסער פארביטערטקײַט. ניין, דעם גאָט האָט זי אינגאַנצן ניט אָפּגעלייקנט, נאָר געהאַלטן אים פאַר דער סאַמע ערגסטער בריִע — אזא, וואָס מע טאָר אין קיין יִידישער שטוב ניט ארײַנלאָזן, ווײַל סײַ גאָט און סײַ דער באַלעגוף זײַנען פון איין כעוורײַע.

זי איז געווען פון יענע אַלמאָנעס, וואָס זייער עלטער איז שווער צו באַשטימען. די היגע האָבן מיסטאָמע געוווסט, מיר איז דאָס ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען. צי בא די פּופּציק, צי נאָך די פּופּציק. מיך האָט נאָר געוווּנדערט, וויאַזוי קאָן אזא ריִרעוודיקע פרוי, וועלכע פּאָרעט זיך אַ גאַנצן טאָג, זײַן אַ ביסל צו פולבלעך, און וויאַזוי קאָן מען בא אזא פולבלעכקײַט ארומ־טאַנצן אזוי גרינג אַ גאַנצן טאָג און ניט דורכלאָזן דערנאָך קיין איין פארזאַמלונג, ווי שפּעט זי זאָל זיך ניט ציִען.

זי האָט מיך אופגענומען ווי אַן אייגענעם מענטשן און איז געווען שטאַרק פארומערט, וואָס מײַן גאַנץ ביסל פארמעגן באַשטייט פון איין העמדל און עטלעכע ביכלעך.

— און דאָרטן, בא זיך אין דער היים, האָסטו אויך גאָרניט?

— ניין, — האָב איך אָפּגעענטפערט, אַ ביסל טאַקע אַ פארשעמטער.

איך בין דערמיט ניט געפאַלן אין אירע אויגן, פארקערט, נאָך מער אויסגענומען, ווײַל זי האָט געהאַלטן, אַז אַ פּאַרזיצער מוז זײַן נאָר פון דעם גראַד, פונעם אָרעמען קלאַס. מעגלעך דערפאַר האָט זי שטרענג נאָכגעקוקט, איך זאָל ניט אוועק אַף דער ארבעט ניט געפרישטיקט, קומען צו דער צײַט צום מיטיק און זיך ניט לייגן שלאָפן אָן וועטשערע. און זי האָט מיך שטאַרק געמוסערט, ווען איך האָב אָפּט, זייער אָפּט געבראָכן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג. פאַר די קעסט האָט זי גענומען בא מיר דרײַסיק רובל אַ כוידעש. אַ ביסל ווייניקער, איידער אין אַנדערע הײַזער, פּאַשעט דערפאַר, וואָס מער האָב איך ניט געהאַט, דאָס איז געווען דער גאַנצער געהאַלט מײַנער. און איך האָב ניט געקאָנט מוידע זײַן זיך פאַר איר אין מײַן נאַרישן געדאַנק, אַז איך לאָז אַמאָל אומיסטן דורך אַ מיטיק צי אַ וועטשערע, עס זאָל מיט עפּעס געדעקט ווערן דאָס, וואָס זי דערלייגט צו מיר, דאָס פּינפּערל, וואָס זי וואָלט געדאַרפט נע־מען בא מיר, ווי אַלע אַנדערע, בא קעסט־לײַט.

איר מוסער איז דערנאָך אריבער די גרענעצן פון ריינעם שטייגער. אין די דאָרפישע איניאָנים איז זי געווען באַהאַוונט אַ סאַך מער פון מיר, און אָפּטמאָל האָט זי מיר פּאָרגע־וואָרפן, אַז אין עפּעס אַ פאַל צי בענעגייע דעם אָדער יענעם האָב איך ניט ריכטיק געהאַנדלט. אָפּט האָט דאָס מיך אַפילע געקימערט, איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פונוואַנען ווייסט זי אַלץ, וואָס עס קומט פּאָר אין דאָרפּראַט?

אין די טעג פון דער שווארצער זאווערוכע, ווען איך בין געקומען אין אָוונט אהיים אַ סאַך פריִער, ווי געוויינלעך, און זי האָט געוואַרעמט וואַסער, איך זאָל זיך ארומוואַשן פונעם

שטיבּ, האָבּ איך זיך אַ בּיסל געגוויער דערוווּסט וועגן איר אַלמאַנישן גורל און פאַרוואָס זי איז אַזוי צעקריגט מיט גאָט. דאָס זײַנען געווען די איינציקע פאַר אַוונטן, ווען מיר האָבּן בּיידע אין איין צײַט געגעסן וועטשערע. אין שטובּ איז געווען ריין, געמיטלעך, דער טיש, ווי שטענדיק, פאַרשפּרייט מיט אַ ריינעם טישטעך, נאָר די זאַווערוכע האָט שטאַרק געלאָזט פון זיך הערן מיט איר ווילדן געוואָי און מיט די הויפּנס שטויבּ, וואָס זי האָט געשמיצט אין די פענצטער, געקלאַפּט אין זיי, ווי מיט אַ האַגל.

— וואָס האָט ער, דער אייבּערשטער, צו די מענטשן, — האָט נעסיע זיך צערעדט, דער־לאַנגענדיק די וועטשערע. — אַלעמאָל אַן אַנדער שפּיצל. וואָס מיינט ער דערמיט?

געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיכער געווען, אַז איך וועל בּאַלד פאַר־ענטפערן אַלע אירע פראַגן. נאָר איך האָבּ ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. האָט זי געשטעלט נאָך איין פראַגע, שוין ניט מיר, נאָר זיך אַליין:

— ס'איז דען אַזוי גרינג צו בּלײַבּן אַן אַלמאָנע צו דרײַסיק יאָר?..

אַף אָט דער פראַגע האָט זי קיין ענטפער ניט געדאַרפט, דאָס איז געווען פאַר איר בּלויז אַן אַרײַנפיר צו דעם, וואָס זי האָט זיך געקליבּן דערציילן. ס'איז געווען צו זען, אַז פאַר די פאָר טעג האָט זי זיך אַזוי אָנגעשווּיגן, אַזויפיל אָנגעטראַכט און אַזויפיל זיך דערמאָנט, אַז זי מוז זיך איצט אויסרעדן דאָס האַרץ.

אָנגעהויבּן האָט זי פון פּײַוועשן, דערנאָך אַריבּער אַף בּילעמען. איך האָבּ ניט גלײַך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָבּן אָט די צוויי בּיז גאָר פאַרשיידענע מענטשן אַזוי ענג בּאַ איר זיך צונויפגעפּאָרט. נאָר בּאַ איר האָבּן זיי שטענדיק זיך בּאַקומען ווי שוטפים. דער דריטער שוטעף איז געווען גאָט אַליין, ווײַל אָן אים וואָלטן זיי גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטאָן.

דערנאָך רוקט זי אָפּ גאָט אין אַ זײַט און שטעלט אַרויס אַף זײַן אָרט דעם מאַלעכהאַמאָ־וועס. די טריקעניש פון איין־און־צוואַנציקסטן יאָר האָט צוגעטראַכט עפּשער גאָט, נאָר דער־נאָך האָט דער מאַלעכהאַמאָוועס שוין אַליין געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, און געשניטן, ווי מיט אַ קאָסע. ער האָט געשניטן, און בּילעם דער וואָראָזשבּיט האָט אונטערגעקליבּן, ער מיט זײַן וועגעלע...

בּילעם האָט געשפּאַנט איבּערן דאָרף, ווי דער מאַלעכהאַמאָוועס אַליין, אַ פאַרוואַקסענער, אַ צעשויבּערטער, אין אַ צעפליקטער שוואַרצער קאַפּאָטע בּיז די פּיאַטעס. אַלץ אַף אים איז געווען קויטיק, פאַרשמאַלצעוועט און פאַרשטויבּט: די צערעפּעטע שטיוול, דאָס דורכגעלע־כערטע היטל און די לאַנגע, קיינמאָל ניט אָפּגעשוירענע נעגל. ער האָט געשפּאַנט מיט זײַנע שווערע טריט, בּייז געטאָפּטשעט די ערד, געשטופּט פאַר זיך דאָס וועגעלע, וואָס ער האָט צוגעפּאַסט פאַר אַ מיטע, און סײַ דאַן, און ווען ער האָט געפירט אַ נײַעם מעס, סײַ ווען ער איז ערשט פאַרפאָרן נאָך אים, האָט ער אויסגעשריגן, אויסגעזונגען און אויסגעוויינט זײַנע שטראָף־ווערטער:

— פאַר אונדזערע שווערע זינד. ווײַל מיר זײַנען ניט קיין פאַרגינערס. מיר קוקן איינער דעם אַנדערן אין מויל אַרײַן.

דאָס האָט זי טאַקע געמיינט, נעסיע, די מיִעסע שוטפעס צווישן פּייוועשן, בּילעמען און גאָט. ווײַל טאַקע דאָס וועגעלע... כאָטש אָן דעם וועגעלע וואָלט מען זיך סײַווי ניט געקאָנט בּאַגיין. ווער איז דען געווען בּעקויעך אַליין אַרויסבּאַגלייטן דעם מעס אַפן בּעסוילעם, אַז קיין פערד זײַנען שוין ניט געווען בּאַ קיינעם און מע האָט אַליין קוים געזשיפּעט. נאָר ער, בּילעם, האָט דערבּײַ אויסגעפּילט צוויי שליכעסן — איינע פונעם מאַלעכהאַמאָוועס און אַ צווייטע פון פּײַוועשן. ס'הייסט אַזוי: אויבּ איר האָט אַ בּיסל צירונג, אַ לײַטישן טישטעך, אַ פּאָר נײַע שטיוול, דערלאַנגט עס אהער, וועל איך עס אָוועקטראָגן פּײַוועשן און וועל אײַך דערנאָך בּרענגען אַ טאָרבּעלע ווייץ. נו, און אויבּ ניט... אויבּ ניט, וועל איך מאָרגן, איבּערמאָרגן פאַרפאָרן צו אײַך מיטן וועגעלע.

בּאַ פּײַוועשן האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן בּאַנאַכט. בּאַנאַכט האָט מען געקאָכט, בּאַנאַכט האָט מען געבּאַקן, און בּאַנאַכט האָט מען געגעסן. בּאַטאָג האָט זײַן שטובּ אויסגעזען טויטלעך־שטום, ווי אַלע איבּעריקע הײַזער. נאָר צוקומען נאָענט האָט קיינער ניט געטאָרט, כוץ בּיי־לעמען. פּײַוועש האָט שטאַרק מוירע געהאַט פאַרן אויסגעהונגערטן אוילעם, מוירע געהאַט, מע זאָל אַזוי, אין איינעם אַ טאָג, זיך ניט אַרײַנרײַסן צו אים אין הויף און מאַכן פון אים טיל־טעל. פּײַוועש האָט געהאַט אַ גרונט מוירע צו האָבּן: אַלע האָבּן געוווּסט, אַז בּלויז ער האָט געהאַט דרײַ דעסיאַטין פּאַר, פון וועלכע ער האָט אַראָפּגענומען אַריבּער צוויי הונדערט פּוד ווייץ...

פאַרוואָס האָט נעסיעס מאַן ניט געוואָלט איבּערגעבּן דעם טישטעך דורך בּילעמען? ערשטנס, האָט ער זיך געמיִעסט נעמען פון זײַנע הענט דאָס טאָרבּעלע ווייץ, צווייטנס, האָבּן

אַלע געוווּסט, אַז פֿון יעדן טאָרבעלע שיט בילעם אַ ביסל אַראָפּ פֿאַר זיך. האָט איר טאַנכום געוואָלט דורכפֿירן דעם בײַט אָן אַ פֿאַרמיטלער. אַ יונגערמאַן אַ גוואַר, איז ער צו יענער צײַט שוין געווען גוט אויסגעהונגערט און פֿון זײַן גוורע איז געבליבן זייער ווייניק. גענומען אַ נײַעם, טאַקע נאָך ניט קיין געניצטן טישטעך, איז ער אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט אַוועק צו פּײַוועשן.

וואָס איז דאָרט פֿאָרגעקומען, ווייסט נעסיע ניט ביז הײַנט. צי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דינגען און שטאַרק זיך צעקריגט, צי ס'איז גאָר קיין דינגעניש ניט געווען, נאָר מע האָט אים גלײַך גענומען מיימעסן. און עפּשער האָט גאָר אָנגעהויבן טאַנכום. יאָ, ס'האָט אַזוי אויך געקאָנט זײַן, ער איז געווען אַ היציקער, איר טאַנכום, נאָר זײַנער אַ פּאַטש האָט דאָן קיין שום ווערט ניט געהאַט... ווי ס'איז דאָרטן ניט געווען, נאָר אין אַ שאָ אַרום, אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל, איז ער קוים דערקראָכן אַהיים אַ פֿאַרבלוטיקער, אַ צעמאַזיקטער, מיט אָפּגעשלאָגענע לונגען. אין אַן אַנדער צײַט וואָלט ער זיך עפּשער אַרויסגעדראַפּעט, נאָר דאַן... מיט וואָס היילן און פֿאַר וואָס? אָפּגעהוסט אַ פּאָר כאַדאָשים, און שוין.

— דערהאַרגעט האָבן זיי אים... פּאָשעט דערהאַרגעט, אָט אַזוי, פֿאַר גאָרניט.

אַ שווערע, אומעטיקע וועטשערע איז באַ אונדז געווען יענעם אָוונט. ס'האָט די גאַנצע צײַט שטאַרק געקריצט אין מויל, און נעסיע... זי האָט גערעדט און געקוקט ניט אױף מיר, נאָר ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן, געקוקט גאָר דורכן פֿענצטער אױף דעם צעבושעוועטן דרויסן, ווי זי וואָלט עמעצן דאָרטן געזען, צי אָט דער שטילער געוואַלד האָט איר אין עפּעס דערמאָנט... און מיטאַמאָל, ווי אַראָפּגעטרייסלט פֿון זיך די טרויעריקע זוונגען:

— ווייסט איר וואָס, גיט בעסער אַהער אײַער העמדל, וועל איך עס אויסוואַשן, עס איז דאָך שוואַרץ, ווי די ערד...

זי האָט געוואַשן מײַן העמדל, און איר פּאָנעם איז, ווי אין אַ קישעף, געוואָרן וואָס אַמאָל ליכטיקער, זיך אויסגעגלעט, באַקומען די פֿרײַערדיקע ברוינקײַט, גלײַך זי האָט אָקאָרשט אויסגעשווענקט צוזאַמען מיטן העמדל דאָס מאָרעשכוירעדיקע. זי דרייט ווידער אויס דאָס העמדל און ווישט אָפּ פֿונעם פּאָנעם די עטלעכע טראָפּנס, וואָס האָבן דערבײַ אַ שפּריץ געטאָן.

— ווערט איר דאָך פֿרעגן, פֿאַרוואָס איז פּײַוועש ביז איצט נאָך אין דאָרף? פֿאַרוואָס האָט מען אים נאָך ניט אַרויסגעשיקט?

טאַקע, דער איניען איז געווען מיר ניט אינגאַנצן קלאָר, נאָר פֿרעגן עמעצן איז דאָך ניט שײַעך. עמעס, פּײַוועשעס זון מיט דער טאָכטער זײַנען אַוועקגעפֿאָרן נאָך איידער עפּעס איז, אײַנמיטן ווינטער, געוויס אַוועקגעפֿירט מיט זיך דאָס סאַמע ווערטפֿולסטע און געוויס ערגעץ ניט שלעכט זיך אײַנגעאָרדנט. דאָ איז געבליבן נאָר פּײַוועש מיט זײַן פֿרוי. נאָר פֿאַר־וואָס ווױנען זיי נאָך ביז איצט אין זייער שטוב?

— ווײַל ער האָט ערגעץ אַ האַנט, פּײַוועש. עפּעס גאָר אין די הויכע פֿענצטער. און אַלע־מאָל קומט אָן אַן אַנדער פּאַפּירל, און אַלעמאָל אַן אַנדער קאָמיסיע, אַן אַנדער אויספֿאָרשונג. וואָס זשע, איר האָט גאָרניט געהערט דערפֿון?

— כ'האָב נאָך ניט באַוויזן...

נעסיע איז, זעט אויס, ביז גאָר צופֿרידן, וואָס זי האָט מיר דערציילט אַזוינס, וואָס איך ווייס ניט, און גאָר גענומען מיך טרייסטן:

— זאָלט איר וויסן, יעדער זאַך האָט זיך איר אָנהייב און איר סאָף. און נאָך אַזאַ זאַווע־רוכע... אָט ווערט איר זען, איר קענט נאָך ניט אונדזערע נײַ־זלאָטאָפּאָליער!

אַזוי צי אַזוי, נאָר איך האָב שוין געמוזט באַקאַנען זיך. איך האָב געמוזט באַשטימען באַ זיך, אַז פֿון איצט אָן איז נײַ־זלאָטאָפּאָל מײַן נײַער גוירל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אַרויס־געוואַנדערט פֿון מײַן טאַטנס שטוב און בין געוואָרן אַ מענטש פֿאַר זיך. אָבער גראָד דאָס האָט מיך ווייניק־וואָס געקימערט: סײַווי בין איך געווען אַ זעלטענער גאַסט אין דער היים, געגעבע־טיקט, ווי די נאַכט האָט מיך פֿאַרכאַפּט. פֿאַרקערט, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איצט וועל איך האָבן מער פֿרײַע צײַט און וועל ענדלעך אָפּשיקן די אַרבעטן אין דער הינטער־אויגיקער פֿאַר־טיי־שול. *מיט פֿאַרטיי־געשיכטע איז מיר געווען גרינגער. אַ סאַך זאַכן האָב איך שוין געוווּסט.* ערגער איז געווען מיט פּאָליטעקאָנאָמיע, באַזונדערס מיט די באַגריפֿן פֿון ווערט און מערווערט, פֿונוואַנען עס קומט אַרויס די גאַנצע עקספּלואַטאַציע. מיטן האַרצן האָב איך עס גוט פֿאַרשטאַ־נען און בין בייז געווען אױף אַלע עקספּלואַטאַטאָרס אין דער וועלט, נאָר אויסדריקן דעם באַ־גריף מיט ווערטער האָב איך ניט געקענט. באַזונדערס איז מיר געווען שווער צעשנײַדן דאָס שטיקל סכוירע אױפֿצווייען און דערקונדיקן זיך, אין וועלכן שטיקל סכוירע ליגט די ווערט און אין וועלכן דער מערווערט. נאָך שווערער איז מיר געווען באַנעמען די אַרבעטס־קראַפֿט אַלס

סכוירע. דאָס העלע בילד, וואָס מאַרקס האָט אָנגעמאָלט, וויִאַזוי דאָס קומט פּאָר, וויִאַזוי דער באַלעבאָס גייט פֿונעם מאַרק און רײַבט אַ צופֿרידענער די הענט, און וויִאַזוי דער אַרבעטער גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווײַל ער ווייסט — ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן פֿעל און באַלד וועט מען זי אָנהייבן דעמבעווען, — האָב איך פֿאַרגעדענקט אָף שטענדיק, נאָר פֿאַרשטעלן זיך דאָס אַלץ אָף דער פּראַקטיק האָב איך ניט געקענט. שולדיק איז געווען מײַן קאָפּ, וואָס איז געווען פֿאַרקלאַפּט מיט אַן אַ שיר אַנדערע זאַכן. מיט צעקײַען דאָס האַרבע ניסל, וואָס הייסט נײַ־זלאַטאָפּאָל. און ווען איך האָב אַמאָל שפּעט אין דער נאַכט אַ נעם געטאָן דאָס ביכל אין דער האַנט, בין איך שוין ניט געווען אימשטאַנד עפּעס באַנעמען.

נײַ־זלאַטאָפּאָל אַליין האָט, ווײַזט אויס, זיך אַליין אויך ניט געקענט באַנעמען. אַן אַלט דאָרף, דאָס עלטסטע צווישן די ייִדישע דערפֿער. עס זײַנען נאָך דעמלט געשטאַנען אייניקע פֿון די ערשטע זעמליאַנקעס, האַלב אײַנגעוואַקסענע אין דער ערד, און דאָס אַליין האָט עס געמאַכט פֿיל עלטער פֿון די אַרומיקע דערפֿער. עטלעכע אַלטע אַקאַציעס מיט אַ סאַך פֿאַר־טריקנטע צווײַגן, ווי אָפּגעשטאַרבענע גלידער, און דער סטאַוואָק מיט די פֿאַרגרינטע וואַסערן באַם בלאָטיקן ברעג, אַרום וועלכן עס שפּרינגען אַרום און קוואַקען באַטאָג און באַנאַכט אַן אַ שיר זשאַבעס.

פֿאַרוואָס האָט נײַ־זלאַטאָפּאָל געדאַרפֿט זײַן אָרעמער פֿון אַלע איבעריקע ייִדישע דער־פֿער, איז שווער געווען צו זאָגן. עפּשער איבער דער וואַסער? מיט וואַסער איז דאָ געווען ביז גאָר שלעכט. איין־און־איינציקער אַרטעזיאַנישער ברונעם. אין די ניט־טיפֿע קרענעצעס אין אייניקע הויפֿן איז דאָס וואַסער געווען ביטער ווי גאַל, ניט געטויגט אַפֿילו אָף פֿאַיען דאָס פֿי. דער מיטלפֿויערשער שיכט איז דאָ געווען אַ פֿיל שוואַכערער, איידער אין סלאַדקאָ־וואָדנע, זעליאָנאָפּאָל, נײַ־דאַראָווקע, מעזשיריטש און אַנדערע. די אָרעמקײַט האָט דאָ אַרויס־געקוקט פֿון יעדן הויף.

איז באַשערט געווען, אַז גראָד נײַ־זלאַטאָפּאָל זאָל ווערן אָף דער עלטער אַ ראַיאָנישער צענטער. ס'האָט אויסגעזען מאָדנע, ווען אָף אַן אַלטער כאַלאַבודע איז געהאָנגען אַזאַ פּיל־באַדײַטנדיקער שילד, ווי „ראַיפֿינאָפּטייל", און אָף אַן אָוראַלטער זעמליאַנקע מיט פּיצינקע פֿענצטערלעך און אַ ליימענעם דאַך — אַזאַ גרויסאַרטיקע שילד מיט גרויסע אויסיִעס: „מעלו־כישער באַנק". און אָוואַדע איז געווען ניט באַקוועם, וואָס דער ראַיערדאָפּטייל מיט אַלע זײַנע אַגראָנאָמען, זאָאָטעכניקער און וועטערינאַרן האָט זיך באַזעצט אין אַ שטיבל אין איין עק דאָרף און די מיליציע אין אַ שטיבל אין צווייטן עק, לעבן סאַמע סטאַוואָק. צו פֿרילינג איז צוגעקומען גאָר אַ שפּאָגל־נײַער אַנשטאַלט, וועגן וועלכן מע האָט ביכלאַל ביז איצט ניט געוווּסט, — אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. און ווײַל דאָס איז געווען איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע אַנשטאַלטן, האָט ער איניינעם מיטן ראַיקאָם און ראַיוסיספּירקאָם זיך אַרײַנגע־קליבן אין די נאָך ניט אויסגעווײַסטע צימערן און ניט געפֿאַרבטע דילן פֿונעם צווייגאָרנדיקן מויער.

און דאָס איז שוין געווען אָוואַדע געווען ווי אָף לייצאָנעס. אָף מוישע־יאָסיעס שטוב, ווו פֿאַר אַ פּאָר וואָכן זײַנען די אינערלעכע ווענטלעך געווען צעוואַלגערט און אָפּסנײַ איבערגע־שטעלט, עס זאָלן זיך באַקומען אַ פּאָר לײַטישע קאַבינעטן, האָט זיך באַוויזן אַ גאַנץ בעקאָוועּ־דיקע שילד אויך פֿון אַ שפּאָגל־נײַעם אַנשטאַלט — „ראַיקאָלווירטפֿאַרבאַנד"!

די ענגשאַפֿט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אַלעמאָל זײַנען צוגעקומען נײַע אָנגע־שטעלטע, מערסטנטייל דאָפּקע ניט קיין נײַ־זלאַטאָפּאָליער, נאָר פֿון די אַרומיקע דערפֿער אָדער גאָר צוגעשיקטע פֿון קרײַז, און קימאַט אין יעדער שטוב איז געווען אַזאַ קעסטקינד, ווי איך.

ענג און ראַשיק איז געוואָרן אין נײַ־זלאַטאָפּאָל. פֿון די פֿורלעך, וואָס האָבן יעדן טאָג זיך אויסגעשטעלט אַרום די ראַיאָנישע אַנשטאַלטן, פֿון די מענטשן, וועלכע זײַנען געגאַנגען פֿון איין אַנשטאַלט צום צווייטן, צעוואָרפֿענע אין פֿאַרשיידענע ערטער. באַזונדערס ראַשיק איז געווען אַרום דער פֿאָליקליניק, וועלכע איז פֿון זיך אַליין געוואָרן אַ ראַיאָנישע, שוין גע־האָט דרײַ דאָקטוירים, אַפֿילו אַ ציינדאָקטער, און אַהער האָבן טאָג נאָך טאָג זיך געצויגן פֿורלעך פֿון אַלע נאָענטע און ווײַטע דערפֿער.

אין דאָרפֿראַט איז אויך געוואָרן ענגער. די פֿערציק ווירטשאַפֿטן, וועלכע זײַנען אַרויס פֿון קאָלווירט, האָבן יעדן טאָג באַלאַגערט אונדזער אָפּנאַם־צימער פֿון גאַנצפֿרי ביז באַנאַכט. יעדערער איז נאָך אַלעמען געווען פֿול מיט טײַנעס, באַ אַלעמען זײַנען אויפֿגעקומען אַן אַ שיר נײַע דײַגעס, יעדערן האָט עפּעס געפֿעלט פֿון דעם, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט פֿריִער און ער קאָן זיך אָן דעם בעשום־אויפֿן ניט באַגיין: באַ וועמען אַן אָרטשיק, באַ וועמען אַ צײַמל, באַ וועמען אַ באָרענע און באַ וועמען אַזוינס, וואָס ער ווייסט אַליין ניט. עפּשער אַ שטיקעלע

געשאַמע, א שטיקעלע הארץ, עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט אוועקגעטראָגן צי אוועקגעפירט אין קאָלווירט און קאָן דאָס איצט שוין ניט צוריק באַקומען, — א שטיקל פון זיך אליין. וויל ער, הייסט עס, געפינען אין דאָרפראַט דאָס, וואָס ער האָט פארלוירן, ריכטיקער, ער וויל, אז דער דאָרפראַט זאָל אים העלפן דאָס געפינען.

נאָך דער שווארצער זאווערוכע איז די ערד געלעגן ווי א שווערער כוילע, זי האָט ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס מע וויל פון איר, פארוואָס שנײַדט מען זי אף שטיקלעך. און איך אליין... מיט יעדן וואָרף פונעם קלאַפּטער, מיט יעדן שפּאַן איבער דער האָנע האָט זיך מיר געדוכט, אז מיר אלע, סײַ די, וועלכע מעסטן איבער די ערד, סײַ די, וועלכע גייען נאָך, און סײַ די ערד אליין, שפּאַנען אף צוריק. יעדער שפּאַן — א שפּאַן אף צוריק. פונעם הײַנט אינעם נעכטן, פונעם הײַנט אינעם נעכטן. און עס דויערט נאָך דער שטורעמווינט, און עס האלט נאָך אין איין קריצן אין מויל, און אלע אינגעווייידן זײַנען פול מיט שטויב, מיט זאמד, מיט פארטריקנטע הרודקעלעך ערד.

יאָ, טאקע אָט די פּלעקלעך. און אָט די נײַע אופגעקומענע מעזשעס. איך האָב דאָס געמוזט טאָן און ניט געקאָנט באַפרײַען זיך פונעם געפיל, אז איך באגיי א פארברעכן קעגן דער ערד, אז איך האָב זי מיט עפּעס אָפּגענארט. פריִער האָט מען זי צונויפגעגאָסן אין איין אויסגוס, און איצט שנײַדט מען זי ווידער אף שטיקלעך. מיר שפּאַנען אלעמאָל אינצווייען מיט די הילצערנע קלאַפּטערס אין די הענט, און איך קאָן בעשום־אופן ניט פארשטיין: פארוואָס אינצווייען, פארוואָס אינצווייען? יאָ, פאָרויס גיי איך, און נאָך מיר דער, ווער ס'האָט ארויסגעשלעפּט א צעטעלע מיט א באשטימטן נומער און מע דארף אים אָפּמעסטן זײַן כיילעק. איך וואָרף פאָרויס פאר זיך מיטן קלאַפּטער, און יענער טוט דאָס זעלבע הינטער מיר, איך זאָל אים ניט אָפּנארן. און נאָך אונדז גייט א גאנצער אוילעם. צעקריגטע און צערייצטע, מע שרײַט, מע גוואלדעוועט און מע גיט זיך אלעמאָל א וואָרף מיט די לאָפּעטעס צו דעם אָרט, ווו מע דארף אויסגראָבן א גריבל און ארײַנקלאַפּן א פּלעקל. מע ארבעט מיט די לאָפּעטעס בייז און צעיושעט, דערנאָך פארהייבן זיך א פּאָר העק איבערן פּלאָקן, סטארען זיך ארײַנקלאַפּן אים וואָס טיפער אין דער ערד, ער זאָל זיך האלטן פעסט, זיכער, אף אייביק.

אלץ האָט אויסגעזען לעפּיש, אומנאטירלעך. דאָס האָבן געוויס געפילט און פארשטאנען ניט נאָר איך. דאָס פארביטערטע גראָבן מיט די לאָפּעטעס און דאָס היציקע אונטערהוקען מיט דער האַק האָבן אויסגעזען ווי א ווילדע צולאָכעס־שפּיל. גיכער פאר אלץ איז דאָס געווען א פּרווו צו דערשטיקן די אייגענע ניט־זיכערקײַט, די אייגענע פארלוירנקײַט, דעם ניט קלאָרן געפיל, וואָס האָט רוען ניט געלאָזט: אז וואָס זיי זאָלן ניט טאָן, ווי טיף זיי זאָלן ניט פארקלאַפּן די פּלעקלעך, וועלן זיי שוין ניט זײַן ווי געווען, אז עפּעס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער זיי אזוינס, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט אומקערן דאָס נעכטיקע. עפשער האָט דאָס זיך גענומען נאָך דערפון, וואָס נאָך אלעמען, נאָך אָט דעם גרויסן טומל, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז דער קאָלווירט ווערט אינגאנצן צעפאלן, איז דער אָפּפלוס געווען ניט אזא, ווי עמעצן האָט זיך געוואָלט. די מערהײַט איז געבליבן אין קאָלווירט. און אויב אזוי, וואָס זשע האָט געטויגט אָט דאָס לויפעניש, דאָס אײַלעניש? ווען מע זאָל געווען צוווארטן א פּאָר טעג, וואָלט מען עפשער איבערגעטראכט...

קיינער האָט דאָס אף א קאָל ניט אויסגערעדט, נאָר אף די פּענעמער פונעם אוילעם, וואָס איז יעדן גאנצפרי געקומען אין דאָרפראַט און זיך געשפּאַרט איבער נארישקײַטן, קלייניקײַטן, איז געווען צו זען, אז ניט צוליב דעם קומען זיי אין דאָרפראַט, ניט אזוי צוליב דער באָרענע און ניט אזוי צוליב צײַמל. זיי מוזן פּאָשעט אויסרעדן זיך איינער פארן אנדערן און אלע איניינעם פארן דאָרפראַט. און כאָטש דאָס רעדעניש איז פול מיט רעמעזלעך, מיט אָנצוהערענישן, פארשטייען מיר אלע גוט איינער דעם אנדערן.

אָט אזוי האָבן פּלוצעם זיך אומגעקערט יענע ראשיקע טעג, ווען יעדער איינער האָט זיך געשפּאַרט מיט זיך אליין, געדארפט ערשט בײַקומען די אייגענע וואקלענישן און אײַנרעדן זיך, אז אלץ וועט זײַן גוט, אלץ וועט זײַן אזוי, וואָס בעסער דארף מען ניט, אז, ענדלעך, מוז עס זײַן אזוי, ווײַל אנדערש קאָן דאָס שוין פּאָשעט ניט זײַן. א פארפאלענע זאַך. קיינער האָט די דאָזיקע געדאנקען ניט ארויסגעזאָגט, יעדערער האָט זיך געסטארעט פארבאהאלטן זיי וואָס טיפער, נאָר לויט דעם, ווי מע האָט געטריבן לייצאָנעס איינער פונעם אנדערן, ווי יעדערער האָט מיט עפּעס ניט קיין קלאָרער קאוואָנע געשפּעט פון זיך אליין, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, וואָס עס טוט זיך בא זיי אפן הארצן.

האָט זיך באקומען אזוי, אז איך מיט מענאשען זײַנען געבליבן פאָרזיצערס פון צוויי באַזונדערע וועלטן, באזונדערע טעריטאָריעס: ער — פונעם קאָלווירט, איך — איבער די פערציק אינדיווידועלע ווירטשאַפטן. דאָס, וואָס אף דער טעריטאָריע פונעם דאָרפראַט זײַנען געווען

נאָך צוויי קאָלווירטן, און דאָס, וואָס דער היגער קאָלווירט איז אויך מײַנער, האָט גאָרנישט ניט געענדערט. מענאשע האָט שוין ניט געדארפט בעטן, איך זאָל זיך ניט מישן אין זײַנע איניאָנים, איך האָב געהאט גענוג יאָגענישן אָן זיי.

איז בא מיר אויסגעקומען, ווי עמעצער וואָלט גענומען און מיך אליין אָפגעוואָרפן אַף צוריק, ווער ווייסט אַף וויפל יאָרן. איך האָב דאָך שוין געהאלטן בא אזא גרויסער קאָמונע, געטרוימט וועגן ריזיקע סעדער און ווײַנגערטנער, פערמעס און עלעקטראָסטאנציעס, געטרוימט אפילע וועגן אזעלכע זאכן, וואָס איך האָב אפילע מוירע געהאט ארויסברענגען אַף א קאָל. און אָט בין איך מיטאמאָל געוואָרן א באלעבאָס איבער אינדיווידועלע פויערים.

— איצט זײַנט נאָר איר אונדזער פאָרזיצער, קיין אנדערן אנערקענען מיר ניט, — האָט מען מיר געזאָגט.

און ערגער פון אלץ איז געווען דאָס, וואָס ארויסגעזאָגט האָט דאָס ביינעש דער ניט־פארגינער. דאָס האָט געדארפט הייסן, אז גראָד אזא, ווי איך, איז צום הארצן יענע, וועלכע זײַנען אנטלאָפן פונעם קאָלווירט.

— איצט דארפן מיר נאָך א קאָמנעזאם א באזונדערן שאפן. מע זאָל אונדז אָנזען! ווײַל וואָס באקומט זיך, די אָרעמשאפט איז שוין געוואָרן אויס ייִכעס בא דער ראטנמאכט? נא דיר גאָר!.. און ווער האָט צו אזוינס זיך געקאָנט דערטראכטן? אויזיע בוקין, וועלכער האָט נאָך געהאט זייער א פײַנעם צונאָמען — אויזער דאלעס! איך האָב זיך מיט אים נעענטער באקאנט ערשט אין די לעצטע, זאווערוכעדיקע טעג. מיר איז אים אפילע שווער אויסצומאָלן. ווײַל אָנהייבן דארף מען פון די אלטע קאלאָשן, ארומגעבונדענע מיט שטריקלעך. דערנאָך גייען די קויטיקע אָנעטשעס, דערנאָך א פאָר פארלאטעטע גאליפע־הויזן, איבער וועלכע ס׳הענגט אראָפּ א העמדל פון א מעשונעדיקן קאָליר, און ערשט נאָך אלעמען — א ניט געגאָלט פּאָנעם, פון וועלכן עס שטעקן ארויס די ניט אויסגעשלאָפענע אויגן. קיין קינדער האָט ער ניט געהאט, דײַגעס, אזויארום, אויך ווייניק, נאָר מיטן דאלעס האָט ער זיך ארומגעטראָגן ווי מיט דער רײַכסטער צירונג, ווי מיט א גאָר גרויסן ייִכעס, מיט וועלכן די ראטנמאכט שטאָלצירט און וועט אייביק, לויט זײַן מיינונג, שטאָלצירן. דערפאר איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער אופטו מיט די קאָלווירטן. ווײַל אויב קאָלווירטן, איז דאָך אויס מיטן קאָמנעזאם, מיט דער אָרגאניזאציע פון די אָרעמע פויערים, מיט אלע להאָטעס און מיטן גאנצן ייִכעס. ער איז די גאנצע צײַט געווען אופגעטראָגן אַף דער ראטנמאכט, וואָס איבער די קאָלווירטן מאכט זי אים, אויזיען, אויס מענטש. איצט איז ער א ביסל געקומען צו־זיך, ווײַל ס׳איז בא אים אויסגעקומען, אז די מאכט איז, ענדלעך, געקומען צום סייכל, נעמט פאריכטן אירע פעלערן.

— אָן אייגענער קאָמנעזאם, — האָט ער מיך אלץ אײַנגערעדט. — און זאָלן זיי וויסן!

דאָס סאמע ערגסטע און פארדריסלעכסטע איז געווען, וואָס אפילע מענאשע האָט גענומען אַף מיר קוקן, ווי אַף א פאָרשטייער און באשיצער פון די „מעשומאָדים", ווי ער האָט אָנגערופן די נײַ־אופגעקומענע אינדיווידואלן. ווילד, וואָס ווילדער קאָן שוין ניט זײַן. נאָר אזוי האָט דאָס, אפּאָנעם, אויסגעזען. מענאשע איז געווען שטארק אופגעטראָגן אַף די „מעשומאָדים" און איז גרייט געווען ארויסלאָזן זיי אָן גאָרנישט ניט. איך בין געווען אופגעטראָגן ניט ווייניקער פון אים, נאָר נעקאָמע נעמען דערפאר איז דאָך ניט שײַעך. מיט די פרילינגדיקע פארזייען איז אויסגעקומען גרינגער: מע האָט אָפּגעשניטן א ברעג פונעם מאסיוו, זאָל זײַן אפילע דעם ערגערן, דערנאָך געשלעפט קניפלעך און פאנאנדערגעטיילט. אָבער וויאזוי זיך באגיין מיט די ווינטער־ברויטן, וועלכע יעדערער האָט פארזייט אַף זײַן פריִערדיקער נאכלע? יעדערער האָט געפאָדערט זײַן אייגנס, בעסערס צי ערגערס, נאָר זײַנס. מענאשע האָט זיך אײַנגעשפארט: מע טאָר ניט צעברעקלען דעם מאסיוו אַף שטיקלעך, עס וועט זײַן שווער מיטן שניט. און איך האָב געזאָגט... יאָ, איך האָב געזאָגט, אז ביזן שניט איז נאָך ווײַט, און ווער ווייסט, עס קאָן ביז דאן ווידער ווערן איין מאסיוו.

— פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן, — האָט א קוק געטאָן אַף מיר מענאשע מיט זײַן גיפטיק שמייכעלע, — נאָר ווען מע לאָזט מיך...

— וואָס זשע וואָלט געווען?

— א פײַג וואָלט איך זיי אומגעקערט.

פארשטייט זיך, אז דאָס זײַנען געווען בלויז רייד. מע האָט געמוזט דורכקומען מיט די פרילינג־פארזייען און מיטן ווינטער־ווייץ, דורכקומען מיט פיל אנדערע זאכן, נאָר ווען ס׳איז געקומען צום ביסל זריִע, צו דער קוקורוזע, וואָס מע האָט נאָך ניט באוויזן צו פארזייען, האָט מענאשע געמאָלדן — איינמאָל ניין, די קוקורוזע וועט ער ניט אומקערן. אפן קאָלווירטישן הויף האָט זיך געקאָכט. ביינעש האָט געשריגן, אז ער וועט דערגיין ביז מאָסקווע, און אויזער דאלעס האָט געגוואלדעוועט, אז ער וועט אופהייבן דעם גאנצן קאָמנעזאם.

האָבן מיר שוין געמוזט אַפּנעמעסן זיך צעקריגן. באַגינען איז די קריגעריַי אויפֿגעגאַנגען אַפֿן קאַלווירטישן הויף, שפּעטער איז זי אַריבער אין די צימערלעך פֿון דאָרפֿראַט, און אין אָוונט האָבן מיר ביידע, איך און מענאַשע, זי אַריבערגעטראָגן אין דער קאָנטאָר פֿון דער קאַל־ווירט־פֿאַרוואַלטונג. איך האָב גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען מענאַשען, אַלץ אין אים האָט געקאָכט, נאָר ניט איך בין געווען שולדיק אין דעם. גיי ווייס, אַז גראָד עפּעס אַ ציַימל, אַ גראַשן די ווערט, וועט אים אַזוי צערייצן. נאָר דאָס איז, אַפּאָנעם, געווען יענער לעצטער טראָפּן.

— איר זייַט אַלע... אָפּאָרטוניסטן זייַנט איר! און דו אויך! אַ פֿאַרזיצער מיט אַ רעכטן אָפּנייג!

ווי זשע מעג מען אַזוינס אָפּשווייַגן?

— וועגן רעכטן אָפּנייג וועלן מיר באַהאַנדלען אויף דער ביוראָ פֿון דער ראַיקאָם. ווייַל קיינעם איז ניט דערלויבט זיך וואַרפֿן מיט אַזעלכע ווערטער. דערווייַל קאָן איך זאָגן נאָר איינס: פֿאַראַן געזעצן, און ברעכן זיי טאָר מען ניט!

— אַ נייַער געזעצגעבער זיך געפֿונען! איך ווייס נאָר איין געזעץ — דער קאָלווירט!

— איך ווייס אויך איין געזעץ פֿאַר אַלע איניאַנים — אונדזערע סאָוועטישע געזעצן...

האָט דאָס מאָל שוין געמוזט קומען צום ראַיקאָם, טאַקע אויף דער נאָענטער זיצונג.

איך בין דערנאָך אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן ניט איין נאַכט אָפּגעזעסן אויף די זיצונגען פֿון ביוראָ פֿון ראַיקאָם און אויף שטענדיק איינגעזאַפּט אין זיך די אָנגעגליטקייַט פֿון יענע נעכט, די איבערגעמאַטערטקייַט און אויסגעשעפּטקייַט, דעם רויטלעכן גלאַנץ פֿון ניט־אויסגעשלאָ־פֿענע אויגן און דעם אומויסדריקלעכן דראַנג געפֿינען די געהעריקע לייזונג פֿון צענדליקער האַרבע פֿראַגן. וויאַזוי, לעמאָשל, דורכפֿירן דעם פֿאַרזיי קימאַט אָן זריע און אָן פֿוראַזש און אָן רעזערוו־טיילן צי אָן ברענשטאָף פֿאַר די טראַקטאָרס. און וויאַזוי אַרויספֿירן דאָס ברויט צום עלעוואַטאָר, ווען אַלע וועגן זייַנען צעקוואַסעט... און אויף יעדער זיצונג איז שטענדיק געווען איינער אַ „באַל־יויזל" — אַ פֿאַרזיצער פֿון אַ דאָרפֿראַט צי פֿון אַ קאָלווירט, באַ ווע־מען די איניאַנים זייַנען ערגער, ווי אומעטום, און דורך וועמען מע האָט געדאַרפֿט אָנלערנען אַלע איבעריקע מיט אַן אויסרייד צי מיט עפּעס ערגערס.

אַ ביסל גרינגער איז געווען דערפֿון, וואָס אַזעלכע כלוקעדייעס זייַנען געווען ניט ווייניק, און איך מיט מענאַשען זייַנען געווען ניט די איינציקע. עטלעכע איניאַנים פֿון דעם זעלבן מין — וועגן דער באַציִונג צו די, וועלכע זייַנען אַרויס פֿון קאָלווירט. אויף דער זיצונג האָט געדאַרפֿט געפּאַסקנט ווערן דער איניען גופֿע, נאָר לויט דעם, ווי דער פֿאַרזיצער פֿון ראַיויס־פּירקאָם סלאַדקאָוו האָט אונדז אַלעמען באַקוקט, אַלעמען איינעם און יעדערן באַזונדער, האָט יעדערער געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז אין דער ערשטער ריי וועט ער אַליין אַרײַנכאַפּן דעם עמעסן פּסאַק. יענער שטרענגער, נערוועזער, וואָרענענדיקער און שטראָפֿנדיקער בליק, פֿון וועלכן עס גייט דורך אַ גרויל איבערן לייַב, עס הייבט אָן וואָרגן אין האַלדז, און עס ווילט זיך פֿאַרוקן ערגעץ אין אַ ווינקעלע — וואָס ווייַטער פֿון אָט דעם בליק. דער סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם, פֿלאָטקין, האָט גראָד אויסגעזען רויִקער, אַ סאַך רויִקער, זיכערער. ער האָט שוין באַוויזן אַלץ צו באַטראַכטן און שוין קלאָרער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם גאַנג פֿון די געשעע־נישן. יאָ, געוויס איז דאָס טאַקע געווען אַזוי, ווייַל פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן גאָר פֿון קרילאָוס מאָשל וועגן דעם מילנער, באַ וועמען די פֿרילינג־וואַסערן האָבן דורכגעריסן די הרעבליע, און ער האָט אויסגעלאָזט דאָס האַרץ צו די הינער.

— וואָס זשע, עס קומט זיי אַ פּרעמיע דערפֿאַר? — סלאַדקאָוו איז געבליבן זיצן אויף זייַן אָרט, נאָר דער איינדרוק איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט אויפֿגעשפּרונגען.

— וועמען, די הינער? — האָט פֿלאָטקין אַ שמייכל געטאָן.

— שפּאַסן איז ניטאָ פֿון וואָס!

דאָס מאָל האָט סלאַדקאָוו זיך שוין אויפֿגעהויבן. דאָס פּאָנעם איז געווען צונטער־רויט, און ער האָט זיך געקליבן זאָגן עפּעס זייער דראָענדיקס, נאָר פֿלאָטקין האָט אים איבערגע־שלאָגן:

— אָט דאָס מיין איך טאַקע... וואָס זשע, מיר געזעגענען זיך דען מיט זיי אויף שטענדיק? די אַלע, וועלכע זייַנען הייַנט אַרויס פֿון קאָלווירט, וועלן מאָרגן, אין אַ כוידעש אַרום, אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווידער ווערן קאָלווירטניקעס. לוינט דען אַזוי קריגן זיך מיט זיי? מע דאַרף דאָך פֿאַרשטיין דעם איניען אַזוי...

יאָ, אַוודע דאַרף מען פֿאַרשטיין דעם איניען טיפֿער. און פֿלאָטקין האָט געזאָגט אַזוינס, וואָס איז פֿאַרבליבן באַ מיר, ריכטיקער אין מיר, אויף שטענדיק. און געזאָגט דאָס אויך אַזוי, ווי געמיינט ניט אונדז, נאָר עמעצן אַנדערש. עפּשער טאַקע סלאַדקאָוון אַליין, מיט וועמען ער האָט די גאַנצע צייַט ניט אויפֿגעהערט זיך שפּאַרן:

— און נאָך איין זאַך דאַרפֿן מיר פֿאַרשטיין: מע טאָר קיינמאָל ניט זוכן קיין שולדיקע ערגעץ אין אַ זײַט. זוכט שטענדיק די שולד אין זיך אַליין. יאָ, יאָ, אויב עפּעס גייט בײַ אונדז ניט אַזוי, איז ניט דער פֿויער שולדיק, ניט דער קאָלווירטניק, נאָר מיר אַליין, מיר מיט אײַך. עפּעס האָבן מיר, אַפֿאַנעם, ניט דערטאָן, עפּעס ניט דערטראַכט... אַזוי האַלט עס מיט אונדזערע הײַנטיקע איניאַנים. און אַזוי וועט עס האַלטן שטענדיק.

— אַזוי האַלט עס הײַנט, און אַזוי וועט עס האַלטן שטענדיק, — האָט מענאַשע איבערגעכאַזערט, ווען מיר, פֿאַרשוויצטע, פֿאַרפּלאַמטע און צעכראַסטעטע, זײַנען אַרויס אויף דער קילער, באַנאַכטיקער גאַס. אַרויסגערעדט בייז, צערייצט, ווי פּלאַטקינס ווערטער וואָלטן אים געשטאָכן די אויגן. — איז וואָס זשע זאָלן מיר טאָן? זיך צאַצקען מיט זיי, בעטן זיך בײַ זיי?

עפּעס איז געווען אַזוינס אין דעם אויסגעשטערנטן הימל, אין דער שאַרפֿער, ניט זומערדיקער קילקייט, אין דער איבערגעטריקנטקייט פֿון דער לופֿט, וואָס האָט זי געמאַכט שיטערער, ווי געוויינלעך, יעדעס אַרויסגעבראַכט וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אַף אַ מײַל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מענאַשע שרײַט צו הויך, דערפֿאַר האָב איך אָפּגעענטפֿערט פֿיל שטילער:

— ווער זאָגט דען? מע דאַרף פּאַשעט... האָסט דאָך געהערט? דערטראַכטן דאַרף מען.

— דיר איז גרינג צו זאָגן. ווער האָט עס צײַט צו טראַכטן?

דאָס איז שוין געווען צו דערלײַדן. ס'איז געווען אַרויסגעזאָגט אויך שטילער און געווען ענלעך אַף אַ האַסקאָמע — ער איז טאַקע גרייט אַ טראַכט טאָן. און כאָטש ער האָט דאָס ניט אַרויסגעזאָגט אַף אַ קאָל, איז זײַן שטימונג גרינג געווען צו פֿאַרשטיין. האָב איך אים אָנגענומען פֿאַרן עלנבויגן:

— מענאַשע, לאָמיר זיך ניט קריגן.

האַלב רויִקזידיק, האַלב צוגעלאָזט, קוים אויסבאַהאַלטנדיק דאָס, וואָס עס קאָליוצעט זיך בײַ אים אינווייניק, האָט ער געענטפֿערט:

— אַט דאָס טײַנע איך דאָך! וואָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן?

10

„מישליי שלוימוי"...[1]

ווען איך שרײַב דאָס מיט אַ יאָר פֿופֿצן־צוואַנציק צוריק, וואָלט איך געוויס אָט דאָ אַ סאַך דורכגעלאָזט. ווײַל ווי דערציילט מען עס ווען זיך אַליין אַזעלכע זאַכן, ווי שטעלט מען עס אַרויס זיך אַליין אַף לײַטיש געלעכטער? נאָר בײַ די זיבעציק יאָר מעג מען שוין אין אַלץ זיך מודה זײַן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אונדזער סאָד איז געוואָרן אויס סאָד. קיינער האָט מיט גאָרנישט ניט געגעבן צו וויסן, אַז ער שטויסט זיך אָן, קיינער האָט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין וואָרט, נאָר אַפֿילע מיט צוגעמאַכטע אויגן האָב איך געפֿילט, אַז בײַ שלוימע טשערטשער אין שטוב קוקט מען אַף מיר ווי אַף אַ כאָסן. דאָס האָט מיך אָפּטמאָל געשטעלט אין זייער אַ לעפּישער לאַגע. ס'איז אַפֿילע שווער געווען צו זאָגן, וואָס עס האָט איבערגעוויגן אין יענע שווערע מינוטן — אָפּהענטיקייט, פֿאַרצווייפֿלונג צי אַ זיסע, אײַנוויגנדיקע וואַרעמקייט. נאָר בײַקומען אָט די אומגעלומפּערטקייט, דערווידערן מיט עפּעס אָדער קעגנשטעלן אַזוינס, עס זאָל גלײַך ווערן קלאָר, בין איך ניט געווען בעקויעך. וואָס דערווידערן, וואָס קעגנשטעלן, אַז קיינער זאָגט גאָרנישט ניט, אַז איך אַליין לאָז זיך פֿירן, ווי אַף אַ שטריקל, לאָז זיך אַרײַנציִען וואָס אַמאָל טיפֿער, אָן שום ווידערשטאַנד?

אַלעמאָל, ווען איך פֿלעג קומען קיין ראַטנטאָל, האָב איך שוין געמוזט עסן מיטיק בײַ שלוימע טשערטשער, און ווען מיר איז אויסגעקומען זיך צו פֿאַרהאַלטן ביז שפּעט אין אָוונט, האָב איך שוין דאָרט געדאַרפֿט עסן וועטשערע און בלײַבן נעכטיקן. ס'האָט געדאַרפֿט אויסזען גאַנץ נאָרמאַל און לײַטיש — בײַ וועמען דען נעכטיקן, אויב ניט בײַם פֿאָרזיצער פֿונעם קאָלווירט? נאָר אַלע אין שטוב האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. עפּשער איז דאָס מער געקומען דערפֿון, וואָס די באַלעבאָסטע האָט זיך געסטאַרעט, אַז די מײַכאָלים זאָלן מיר געפֿעלן, נאָכגעשפּירט, איך זאָל אָפּעסן אַלץ, וואָס זי האָט דערלאַנגט צום טיש זיך געזאָרגט, איך זאָל, כאָלילע, ניט אויפֿשטיין פֿון טיש קיין הונגעריקער. אין דעם איז געווען פֿיל מער פֿון געוויינלעכער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט, און דערפֿון האָט מיר אָפּט זיך געשטעלט דער ביסן אין האַלדז, איך האָב געפֿילט, ווי דאָס גאַנצע פּאָנעם פֿלאַמט.

[1] „שלוימעס מעשאָלים".

זי שטייט מיר פאר די אויגן, די שווײַגנדיקע און געטרײַע העניע, וועלכע איז דערנאָך טאקע געוואָרן מײַן שוויגער. זי האָט שטענדיק א ביסל זיך געהויקערט, אירע שווארצע אויגן און איר לענגלעך, אײַנגעפאלן פּאָנעם איז געווען פול מיט זאָרג, פול מיט מיטלײַד צו דער גאנצער וועלט. אויסגעזען האָט זי א סאך עלטער פון אירע יאָרן, עפּשער דערפאר, וואָס אין אלע אירע באוועגונגען האָט זיך געפילט אן אויסערגעוויינלעכע פאַרהאַרעוועטקײַט, מידקײַט, גאנץ באמערקבארע סימאָנים פון דעם, אז זי דערשלאָפט ניט ווער ווייסט וויפל הונדערטער נעכט. אלץ איז געווען אף אירע הענט: קאָכן און באקן, מעלקן, האָדעווען און פּאָיען די קו, ברענגען צו א טאכלעס דעם באגינענדיקן, באטאָגיקן און אָוונטיקן געמעלק און אויך דעם גאָרטן — דעם היפּשן גאָרטן הינטער דער שטוב, ווו כוץ קארטאָפּל, פּאפּשוי און זונרויזן איז געווען צו עטלעכע בייטן אוגערקעס און פּאָמידאָרן, ציבעלעס און קנאָבל, פּאסאָליעס און אנדערע זאכן, וואָס א באלעבאָסטע מוז האָבן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די שטוב־איניאָנים, ארויסגעטריבן די קו אין טשערעדע, נעמט זי די סאפּע און גייט אוועק אפן גאָרטן. און שטענדיק, ווי נאָר איך פלעג אריבערשפּאנען די הרעבליע אין הופאַלאָווער באלקע און זיך אופהייבן בארג־ארוף, אָדער ווען איך בין געפאָרן אף עפּעס א וואָגן צי געגאנגען צופוס, טאקע מערסטנטייל צופוס, האָב איך נאָך פונדערווײַטנס געזען הינטערן יישעוו אפן גאָרטן, וועלכע גיסט זיך צונויף מיטן ארומיקן סטעפּ, א פרוי, שטארק אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד, אמאָל האקט זי מיט דער סאפּע, און אמאָל רײַסט זי אויס מיט די הענט די מיסטגראָזן, א גרעזעלע נאָך א גרעזעלע.

די מײַכאָלים אירע זײַנען געווען טאקע געשמאקע, באזונדערס ווען איך האָב געטראָפן אהין א פּרײַטיקצונאכטס אָדער אין א שאבעסדיקן טאָג און אלץ אין שטוב איז געווען באהויכט מיט שטילער רו, מיט נעשאָמעדיקער ציכטיקײַט און זויבערקײַט. אפילע דער אלטער פארצערעוועטער טישטעך אפן טיש און די מארלעווע פאָרהענגלעך אף די ניט גרויסע פענצטער. האָט טאקע געהאט דעם זיבעטן טאַם דער צימעס פון פּאסאָליעס, פון יענע פּאראקשנטע ראבע פאסאָליעס, וועלכע זײַנען גרייט געווען הונדערט מאָל פארברענט ווערן, אבי ניט אָפּקאָכן זיך. שוין אָפּגערעדט פונעם שטיקעלע אָף, דעם ביינערדיקן פולקעלע מיטן דינעם הײַטעלע און דאָס ביסעלע יויך מיט מאצע, וואָס האָט געגלאנצט מיט אָן א שיר שמעקנדיקע אייגעלעך. אלץ איז געווען אָנגעפּילט און דורכגעזאפּט מיט יענעם ווײַטן שטעטלדיקן שאַבעס, פון וועלכן מע האָט בא אונדז אין שטוב שוין לאנג ניט געוווסט. דאָס האָט מיך אי געצויגן אהער, אי געשראָקן, און איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט אויסקלאָרן ביז סאָף, וואָס אין מיר איז שטארקער און וועלכן געפיל דארף איך זיך אונטערוואַרפן. אזוי צי אזוי, נאָר קיין שרעקלעכע זינד האָב איך אין דעם ניט געזען. ערגער איז געווען צו זיצן און צוקוקן, ווי שלוימע טשערטשער נעמט ארויס פונעם שאפקעלע מיט גלעזערנע טירלעך עפּעס א סייפערל און גראָבט זיך אײַן אין דעם מיט זײַנע שטענדיק פאַרטראכטע אויגן, פּלעטשט צו דעם צו דאָס שוין היפּש גרוילעכע בערדל, אינגאנצן אָפּגעשיידט פון דעם ארומיקן — פונעם סטעפּ, פון דער אייגענער שטוב, אפילע פון דעם, וואָס מיר זיצן אינצווייען באנאנד, פון יענער זײַט טיש, און שושקען זיך. ביין, ערגער איז געווען דאָס, וואָס איך אליין בין ניט געווען אימשטאנד צו באשטימען און אָפּשאצן מײַן אופירונג — צי איז זי א ריכטיקע, א לײַטישע, צי ניט. פונקט ווי איך האָב ניט געוווסט, ווי באציִען זיך אירע עלטערן צו אונדזער שושקען זיך — צי באוויליקן זיי דאָס, צי זיי פארורטיילן אונדז.

אין איינעם א שאבעסדיקן פארנאכט האָט שלוימע ארויסבאקומען פונעם שאפקעלע א סייפערל און זיך צוגעזעצט לעבן מיר א סאך נעענטער, ווי געוויינלעך. ער האָט אָן עפן געטאָן דאָס סייפערל, עפּעס א לייען געטאָן פאר זיך, דערנאָך א קוק געטאָן אף מיר פון דער זײַט. אינעם בליק פון זײַנע צוגעזשמורעטע אויגן איז געווען א שמייכל מיט א פראגע איניינעם. דאָס שמייכעלע האָט געדארפט א ביסל לינדערן די פראגע און געדארפט באטײַטן, אז אויב איך ווייס אפילע ניט, איז אויך ניט שרעקלעך... צי קאָן איך זאָגן, וואָס איז דאָס פאר א סייפערל? האָב איך זייער פאַרזיכטיק, אויך א ביסל פון דער זײַט, א קוק געטאָן אפן סייפערל, און איבערגעלייענט:

— „מישליי שלוימוי".

איז שוין זײַן שמייכעלע געוואָרן גאָר אן אנדערס. ס'איז זיך מיטאמאָל צעוואקסן, צופרידן פון זיך אליין, צופרידן פון מײַן ענטפער אף זײַן שטומער פראגע.

— אזוי גאָר? קאָנסטו גאָר לייענען אזעלכע אויך? אנו, אנו? — האָט ער מיך ווי געגנורמען אפן צימבל.

זי איז געזעסן דערבײַ, און איך האָב געזען, ווי איר פּאָנעם האָט זיך צעפלאמט, ווי זי ציטערט, איך זאָל, כאָלילע, ניט ארײַנבראָקן עפּעס א נארישקײַט. און כאָטש זי אליין האָט

אין די דאָזיקע „מישליי” גאַרנישט ניט פאַרשטאַנען, האָט זי זיך אַנגעשטויסן, אַז דער דאָזי־קער שמועס איז זייער אַן ערנסטער, אַז דאָס פּרוּווט מיך איר טאַטע אויס און אַז פון דעם הענגט אָפּ איר גורל, אונדזער ביידנס גורל. בין איך געוואָרן א ביסל בייז, טאַקע ווי צע־רייצט, און דאַך, מיט יענעם שטאָלצן געפיל, אַז מיר זײַנען גאַרניט אַזעלכע אַמעראַצים, ווי מע מיינט, ווייסן אויך אין די קליינע אויסיִעלעך, א נעם געטאָן דאָס סייפערל, פון יענע ספאָ־רימלעך, וואָס איך האָב ניט געהאַלטן אין די הענט שוין אריבער האַלב פון מײַן נאָך ניט גרויס לעבן, א בלעטער געטאָן די פאַרגעלטע איבערגעטריקנטע זײַטלעך און א לייען געטאָן:

— שמאָ בני מוסאַר אָוויכאַ...[1]

— נו, און פאַרטײַטשן קאָנסטו דאָס אויך?

— פאַרטײַטשן איז ניט שווער, — האָב איך דערווידערט. — נאָר די צײַט איז איצט אַן אַנדערע.

— וואָס זשע, יעדע צײַט האָט אירע באַזונדערע טײַטשן?

— ניט אין דעם גייט עס, נאָר איצט קומט אָפּט אויס די קינדער צײַען די עלטערן נאָך זיך.

— דעריבער טאָרן שוין די עלטערן קיין מוסער ניט זאָגן?

— קיינער פאַרווערט ניט, פאַרקערט, אָט, איר זעט דאָך...

און א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויף דער פּרישער צײַטונג „דער שטערן”, וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

— איר האָט דאָך געווויס געלייענט וועגן קריטיק און זעלבסטקריטיק.

— נו, יאָ, אַוודע...

דאָס שמייכעלע איז געוווען שוין גאָר פון אַן אַנדער מין. מיט א ביסעלע כריזעק, ווי ער וואָלט געזאָגט: צוגעגלײַכט, „מישליי שלוימוי” מיט קריטיק און זעלבסטקריטיק!

און דאָך איז ער, אַפּאַנעם, געבליבן צופרידן פונעם פאַרהער. אויב איך קען א ביסל איווריע, מעג איך שוין זײַן א שטיקל אַפּיקורעס.

— אויב אַזוי, שענק איך דיר דאָס סייפערל. וועסט האָבן א פרײַע מינוט, וועסטו כאַפּן א קוק... עס שאַדט ניט...

א פרײַע מינוט... ווען וועל איך זי האָבן, יענע פרײַע מינוט? און ווי נעמט מען ביכלאַל אין די הענט אַזא סייפערל? ווי לייגט מען עס אוועק צווישן מײַנע ביכלעך פון פּאַרטיי־גע־שיכטע און פּאָליטעקאָנאָמיע? וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס צו דעם, וואָס עס קומט פאָר איצט און וואָס עס עגבערט מיר דעם מויעך באַטאָג און באַנאַכט? און אויב עס טרעפט זיך אַמאָל א פרײַע מינוט, מוז איך דאָך דערגייין דעם סאָד פון ווערט און מערווערט! און עפּעס מוז איך דאָך אַמאָל אויסקלאָרן פאַר זיך די באַגריפן פון אַבסטראַקטער און גײַזעלשאַפטלעך־נייטיקער מי! נאָר אַפּזאָגן זיך פון דער מאַטאָנע האָב איך ניט געקאָנט. כ'האָב ניט געטאָרט!

ס'איז ניט געוווען קיין צײַט אַרײַנצוקוקן אין „מישליי שלוימוי”, ניט געוווען ווען אויס־קלאָרן פאַר זיך דעם באַגריף וועגן אַבסטראַקטער מי. איך האָב געדאַרפט אויסקלאָרן און אויסכאַזערן נײַ־זלאַטאָפּאָל אליין, וואָס האָט געמאַכט אַזא אומדערוואַרטן און אומפאַרשטענד־לעכן שפּרונג אויף צוריק. עס האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אויף מיר מיט אַן א שיר נײַע דײַגעס, אַן א סאָף און אַן עק, הונדערטער פראַגן, אויף וועלכע ס'איז אוממעגלעך געוווען צו ענט־פערן, לייזן זיי דערווײַל — אַוודע ניט, נאָר ווײַזן זיי אין די סוואָדקעס איז געוווען אומ־פאַרמײַדלעך.

סוואָדקעס, סוואָדקעס... איין זאַך איז געוווען צו באַקומען יעדיִעס פון דרײַ קאָלווירטן, אַפגיך צונויפרעכענען אַלץ אינאיינעם, מאַכן פון זיי איין סוואָדקע און אוועקטראָגן אין ראַיערד־אָפּטייל, גאָר אַנדערש איז אַרויסבאַקומען אַזעלכע יעדיִעס פון עטלעכע און פערציק אינדי־ווידועלע ווירטשאַפטן. אין יעדער קאָלווירט איז דאָ א בוכהאַלטער, וועלכער ווייסט שוין ווו אײַן און ווו אויס, און אויב ער האָט אין זײַן סוואָדקע א ביסל צוגעלײַגט, איז דאָס זײַן אוווירע. גיי אָבער האָב צו טאָן מיט א האַלבער מייע באַלעבאַטים, וועמען די סוואָדקעס גייען אינגאַנצן ניט אָן, גיי זוך אים אין פרײַען באַגינען אָדער שפּעט אין אָוונט בא אים אין דער היים, זוך אים באַטאָג אין סטעפּ און דערוויס זיך בא אים דאָס, וואָס ער אליין ווייסט: וויפל האָט ער פאַרזייט, וויפל אויסגעפּאָליעט, וויפל סוסליקעס אויסגעכאַפּט און ווי גרייט ער זײַן ביסל רעמאַנענט צום שניט.

דער סעקרעטאַר פון דאָרפראַט יאָסל פײַנשטיין האָט דאַפקע געגעבן אַן אייצע: סײַווי זײַנען די יעדיִעס קיינמאָל ניט קיין פּינקטלעכע, איז וואָס איז דער כילעק, אויב מע האָט

---

[1] הער, מײַן זון, דײַן פאָטערס מוסער.

אין איין אָרט צוגעשריבן עפּעס איבעריקס און אין א צווייט אָרט עפּעס ניט דערשריבן? אין דער קומענדיקער סוואָדקע וועט זיך אַלץ אויסגלײַכן.

— איך ווייס אָט די סאָלדאַ־בולדאַ אַף אויסווייניק, — האָט ער געקנעלט מיט מיר. — און בא מיר באַקומט זיך שטענדיק טוטעלקאַ וו טוטעלקו.

נאָר איך האָב ניט געוואָלט זיך לאָזן אַף אָט דעם גליטשיקן וועג. ווײַל אויב אָנהייבן לײַגן אין די סוואָדקעס פון דאַרפּראַט, קאָנען די ליגנס ווײַטער וואַקסן אָן א סאָף און אָן אַן עק. אין ראַיאָן וועט דער ליגן ווערן צען מאָל גרעסער, אין קרײַז זיך ווײַטער קייפּלען, און ביז ער וועט קומען צום צענטער... איך האָב ניט געקאָנט נעמען אַף זיך אַזא אווירע און זיך געסטאַרעט, אַז אונדזערע סוואָדקעס זאָלן זײַן ווי ווײַט מעגלעך פּינקטלעכע. איך האָב אַלע־מאָל אויסגעפרעגט יעדן באַזונדער, ווי האַלט עס בא אים מיטן דורכפּאַליען און דורכרײַסן, מיטן רעמאָנט און מיט די סוסליקעס, און צוגעזאָגט יעדערן גאָלדענע בערג, אויב ער וועט יעדן פינפטן טאָג אַרײַנקומען אין דאַרפּראַט און אַליין איבערגעבן די נײַטיקע ידיעס. אין די גאָלדענע בערג האָט ווייניק ווער געגלייבט, און אַרויסציִען די ידיעס איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. האָט זיך באַקומען דאָס, וואָס עס האָט געמוזט זיך באַקומען. פון די ווײַטסטע דאַרפּראַטן זײַנען די סוואָדקעס אָנגעקומען צו דער צײַט, און נאָר אונדזערער, וועל־כער געפינט זיך די פינפטע שטוב פון ראַיויספּירקאָם, האָט געהאַלטן אין איין פאַרשפּעטיקן. בין איך טאַקע גאָר אײַנגיכן געבענטשט געוואָרן מיט אַן אויסרייד. מיר איז געווען ניט אַזוי פאַרדראָסיק דער אויסרייד גופא, ווי דאָס, וואָס דאָס דינע פּאַפּירעלע מיטן אונטערשריפט פונעם פאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע דאַרפּראַטן און קאָלווירטן. זאָלן, הייסט עס, אַלע וויסן, וואָס פאַר א בעריע איך בין, און זיך אָפּנעמען דער־פון א ביסעלע מוסער.

ווען איך האָב, שוין נאָכן אויסרייד, ווידער פאַרשפּעטיקט מיט די סוואָדקעס, האָט דער פאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם מיך אַרויסגערופן צו זיך.

איך האָב גלײַך זיך אָנגעשטויסן, אין וואָס דאָ גייט, און פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס וועט זײַן ניט קיין אײַנגענעמענער. א ביסל האָב איך אים שוין געקענט, קיין גוטס האָב איך פון אים ניט געוואַרט, און איך האָב בײַסמײַסע א טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט מיר געווען ליבער צען מאָל אַרײַנקומען צו פלאָטקינען, ווי איין מאָל צו אים, צו סלאַדקאָוון.

דאָס האַרץ האָט מיר טאַקע צו שטאַרק געקלאַפּט, און איך האָב נאָך מער זיך דערשראָקן פאַרן סקריפּ פון דער טיר, וואָס האָט זיך מיר געדוכט צו שאַרף און הילכיק. נאָר סלאַדקאָוו האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט גאָרנישט ניט, זעט קיינעם ניט, עפּעס ווי פאַר זיך אַליין אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער איבערן טיש, און ערשט אין א מינוט אַרום, נאָך דעם, ווי מײַן באַגריסונג און, ווי מיר האָט זיך געדוכט, איך אַליין אויך זײַנען געבליבן הענגען אינדער־לופטן, האָט ער ראַשיק זיך א הייב געטאָן און מיט ביידע הענט א קוועטש געטאָן דעם טיש.

— וועגן וואָס זשע טראַכטן מיר? — האָט ער אויסגעשאָסן.

— וועגן וואָס זאָל איך טראַכטן? — איך האָב טאַקע אינדערעמעסן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

— וואָס מאַכסטו זיך טאַמעוואַטע? ביזוואַנען וועסטו אונטערײַסן די אַרבעט פון ראַיויס־פּירקאָם?

— איך, איך רײַס אונטער?

— ווי דען אָנרופן דאָס, אויב ניט אונטערײַסערײַ? אַלע ווײַטסטע דאַרפּראַטן שטעלן צו די סוואָדקעס צו דער צײַט, און דו?..

— איך... איך סטאַרע זיך, די סוואָדקעס זאָלן זײַן פּינקטלעכע, עמעסדיקע...

ביז אָט דער מינוט איז אַף זײַן פּאָנעם געווען בלויז שטרענגקייט, געוויינלעכע שטרענג־קײַט פון א מענטשן, וועלכע מוז פאָדערן פון זײַנע אונטערטעניקע דיסציפּלין. איצט איז אַף זײַן פּאָנעם אַרויסגעשפּרונגען א רויטקײַט פון אַן אַנדער מין.

— וואָס זשע ווילסטו זאָגן? דו אייגער שטעלסט צונויף עמעסדיקע סוואָדקעס, און אַלע איבעריקע לײַגן?

איך בין ניט געווען געווינט צו אַזעלכע צאַרנדיקע אויסגעשרייען און האָב זיך אײַנ־גאַנצן פאַרלוירן.

— א שטרענגער אויסרייד מיט א וואָרענונג!

איך בין געווען צו שטאַרק פאַרכושט, און דעם פאַרזיצערס שטים איז דערגאַנגען צו מיר, ווי פון העט ווײַט:

— און פאַרשרײַב זיך דאָס אָפּן שטערן!

מיר האָט זיך אפּאַנעמעסן געדוכט, אַז דער שטרענגער אויסרייד איז אָנגעשריבן בא

מיר אפן שטערן, און מיר האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן ערגעץ, אַנטלויפן אין עק וועלט,
אויסבאַהאַלטן זיך פון א זײַטיק אויג. נאָר ווּהין לויפן, ווּ איז ער, אָט דער ערגעץ, אָט דער
עק וועלט? סײַדן קיין ראַטנטאָל. אוודאי קיין ראַטנטאָל! בלויז דער געדאַנק, די האָפענונג,
אַז אין אַ שאָ אַרום קאָן איך זײַן דאָרטן, כאָטש אַפילו פונדערווײַטנס זען, ווי זי שפּאַנט
איבערן ישעיהו'ס אָדער שטייט אין סטעפּ צווישן אַ כאָפּטע מיידלעך און האַקט מיט דער סאַפּע
די מיסטגראָז, האָט געקאָנט לינדערן מײַן געמיט און שטילן די שווערסטע אַנגסטן.

גוט, וואָס ס'איז שוין געוועזן פּאַרנאַכטלעך און איך האָב ניט געמוזט גיין אין דאָרפּראַט.
און צוליב וואָס, אייגנטלעך, אַהין גיין? דער סעקרעטאַר זאָל גלײַך באַמערקן, וואָס באַ מיר
איז אָנגעשריבן אַפן שטערן? כ'האָב געקאָנט קומען אין מײַן דירע און מײַן גוטע באַלעבאָ־
סטע זאָל פון גרויסער פרייד, וואָס איך האָב אַזוי פרי זיך געיאָוועט, מיך באַלוינען מיט זייער
אַ געשמאַקער וועטשערע. כ'האָב געקאָנט גלאַט אַזוי שפּאַצירן איבערן דאָרף אָדער זיך
אַוועקלאָזן אין סטעפּ, אַרומבלאָנדזשען איינער אַליין און נאָכשפּירן, ווי עס קומט אָף דער
וועלט דער קילער פּאַרנאַכט, ווי פון ערגעץ קומט אָן אַזאַ מעכײַעדיק ווינטעלע, פּונקט ווי
ס'האָט זיך נאָרוואָס אויסגעבאָדן אין יאַם און איז פול מיט פרישקײַט, די צוגעוויאַנעטע גרעז־
לעך, אַזעלכע שלאַבעריקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך, הייבן אָן זיך אויסגלײַכן, ווערן
שטײַפער, מונטערער, ווי אופגעוואַכטע נאָך אַ שווערן כאַלאָשעס, און די פּאַרנאַכטיקע טונקל־
קײַט מאַכט דעם אַרום וואָס אַמאָל קלענער און שמעלער, אײַנגעשרומפּענער, די שאָטנס
ווערן לענגער, ביז זיי פאַרשווינדן אינגאַנצן, און די ערד פאַרוקט זיך אין אַ פאַרשאָטנט
ווינקעלע.

נאָר אַלע וועגן האָבן מיך געפירט קיין ראַטנטאָל, ווײַל ווי די נאַכט זאָל ניט אײַנהילן
די גאַנצע וועלט אין אַ שוואַרצער כאַשכעס, איז פאַר מיר גענוג איין פּאָר אויגן, אירע אויגן,
און אַלץ אַרום וועט פאַרגאָסן ווערן מיט בלענדנדיקער שײַן.

ווען איך זאָל געווען וויסן!.. איך וואָלט אַפילו נאָענט ניט צוגעקומען, איך וואָלט אינ־
מיטן דער נאַכט אַנטלאָפן פון דאָרטן, איך וואָלט אַרויסגעזעצט אַ פענצטער און אַנטלאָפן.
וויבאַלד איך האָב שוין איבערגענכטיקט, האָב איך שוין ניט געטאָרט אַוועק אָן פרישר־
טיק. דאָס וואָלט געווען ניט שיין פון מײַן זײַט, איך וואָלט געוויס באַליידיקט מיט דעם די
באַלעבאָסטע. צוליב מיר איז זי דאָך אופגעשטאַנען אַזאַ גרויסן פאַרטאָג, צוליב מיר אײַנ־
געהייצט דעם אויוון און זיך געשטעלט באַקן לאַטקעלעך. לאַטקעלעך אָף זויערמילך, וועלכע
האָבן געשמעקט איבער דער שטוב מיט אַזויפיל היימישער געמיטלעכקײַט. און איך האָב שוין
געמוזט צוזוואַרטן אַ ביסל.

איך האָב ניט גלײַך פאַרשטאַנען, צוליב וואָס קומט אַלעמאָל אַרײַן עמעצער אַנדערש
און זעצט זיך צו אָף אַ בענקל אינעם צווייטן, ניט גרויסן צימערל. מע איז געזעסן שטיל,
זיך דורכגעשמועסט וועגן עפּעס. מיר איז דאָס ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, איך בין געזעסן אין
קיכל און זיך אײַנגעקוקט אינעם פריילעכן פײַער פונעם אויוון, געזען, ווי די לאַטקעלעך
הייבן אָן זיך רויטלען, ווערן צוגעניטעט, זיך צוגעהערט, ווי דער הייסער, צעפּינטעטער בוימל
האָט זיך צעשיפּעט אַפן בעקעלע און טוט אַלעמאָל אַ שפּריץ אַרויס מיט אַ בייזן, צעגליטן
טראַפּן. איך האָב ניט באַמערקט, ווי שלוימע טשערטשער איז אַרײַנגעקומען אין קיכל, זיך
אַוועקגעשטעלט לעבן מיר, אַ קוק געטאָן אָף דער גאַס דורכן אָנגעהויכטן פענצטערל און
זיך אָנגערופן זייער שטיל, ווי מע רוימט אײַן עמעצן אַ סאָד אין אויער:

— פאַרשטייסט... איינער האָט הײַנט יאָרצײַט, ווײַל ער אָפּזאָגן אַ קאַדעש. פעלט אונדז
אַ צענטער צום מיניען.

— נו, איז וואָס? — איך האָב טאַקע צוערשט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט
עס צו מיר.

— איר עפּשער... כ'מיין, עפּשער וועסטו זײַן דער צענטער?..

אוודאי האָב איך זיך געדאַרפט אופהייבן און אַוועקגיין. און עפּשער נאָך זאָגן דערבײַ
אַזוינס, אַז קיינער זאָל מער ניט וואַגן זיך ווענדן צו מיר מיט אַזעלכע באַקאָשעס. צו מיר,
דעם פאַרזיצער פון דאָרפּראַט, דעם פאַרברענטן אַפּיקורעס! איך ווייס ביז הײַנט ניט, פאַר־
וואָס האָב איך אַזוי ניט געטאָן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אומ־
דערהערט, אַזוי אומדערלאָזבאַר, אַז ס'האָט מיך ווי געפּלעט. די אופגעבראַכטקײַט האָט גע־
פלאַקערט אין מיר, נאָר אַרויסברענגען פון זיך אַ וואָרט האָב איך ניט געקאָנט. איך האָב נאָר
געפילט, ווי ס'האָט מיך מיטאַמאָל באַשלאָגן אַ היץ און ווי אין מיר ערגעץ דאָרטן, טיף אינ־
ווייניק, האָט זיך צעברענט אַזוינס, וואָס קאָן מיטאַמאָל אופרײַסן. און דאָס אײַנציקע, אָף
וואָס איך בין דאַן געווען פײַיק... יאָ, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. איך האָב זיך מיטאַמאָל
צעסאָפּעט, געסאָפּעט, ווי אַ גאַנדז, ווי עס וואָלט מיר ניט געסטײַעט קיין לופט.

נאָר דאָס האָט גאָרנישט ניט פאַרענטפערט און אוואַדע ניט געקאָנט זײַן קיין ענטפער אויף דער אומגעלומפּערטער באַקאָשע. און שלוימע האָט מײַן שוויַיגעניש אויפגענומען ווי א שטומע האַסקאָמע. ער האָט אפילע געפונען פאַר נייטיק מיר פאַרגרינגערן דעם איניען און איז געגאַנגען אַף זייער א וויכטיקער פּשאָרע:

— דאַרפסט אפילע ניט אַרײַנקומען אין צימער. מעגסט זיך זיצן אין קיכל, קאָנסט אפילע פּרישטיקן, קיינער וועט דערפון ניט וויסן. און דו וועסט האָבן א מיצווע. שמײַ בני מוסאָר אָוויכאָ...

אוואַדע, ווײַבאַלד איך האָב געלאָזט, מע זאָל מיך עקזאַמענירן אַף „מישליי שלוימוי״, ווײַבאַלד איך האָב זיך דערלויבט פירן א שמועס אַרום אַזעלכע זאַכן און זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ מאַטאָנע, האָט מען שוין געמעגט זיך דערלויבן מיר פאָרלייגן צו זײַן א צענטער צום מיניען.

איך בין געזעסן ווי אַף קוילן, נאָר אויפהייבן זיך האָט מיר ניט קיין קויעך און ניט קיין מוט געקלעקט.

אַפן קלייניקן קיך־טישל זײַנען געשטאַנען די הייסע, שמעקנדיקע לאַטקעס, אַרויסגעקוקט צו מיר מיט זייערע פאַרברוינטע בעקלעך, נאָר איך האָב זיך אפילע ניט צוגערירט צו זיי. איך בין געווען זייער ווײַט פון טישל, זייער ווײַט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעם צווייטן צימער. כ׳האָב געפילט א מוירעדיקע וואָרגעניש פונעם געדאַנק, אַז ס׳האָט מיך מיטאַמאָל א וואָרף געטאָן אַף א יאָר צען צוריק. דוכט זיך מיר שוין, אַז ניט עמעצער, נאָר איך אַליין שטיי און זאָג קאַדעש נאָך דער מאַמען, לויף יעדן פאַרנאַכט אין בעסמעדרעש, לערן אָפּ א פּיירעק מישנײַעס און קוק מיט אומגעדולד אַרויס אַפן צענטן, איך זאָל קאָנען אָפּזאָגן א ראַבאָנען־קאַדעש. ווײַ, ווײַ, ווען איז דאָס געווען!.. מײַן גאָט, וועלכן איך האָב ווײַטעקלעך געזוכט, איז שוין פון לאַנג געהאַט פאַרשוווּנדן, אַזוי ווי יענער ערעוו־יאָמקיפּער, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט גיין צו קאָלנידרע און זיך צעקריגט מיטן טאַטן. ווי זשע האָב איך איצט געקאָנט בלײַבן זיצן אַלס א צענטער צום מיניען? און ווער איז אין דעם שולדיק? זי?

איך בין געזעסן אין קיכל ווי א געליימטער און גאָרנישט ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן. אלעמאָל האָבן די אויערן אופגעכאַפּט עפּעס אנדערס, וואָס איז, ווי א רויכעלע, ארויס־געשווומען פונעם צווייטן צימער. דאָס שטילע שעפּטשען, דאָס נאָך שטילערע אונטערברומען, די אומעטיקע ניגנדלעך פון א וואָכעדיקן שאַכרעס, וואָס איך האָב שוין ניט געהערט ווער ווייסט וויפל יאָרן... איצט האָבן זיי צערודערט מײַן געהער, ווי ניגנדלעך פון גאָר אַן אנדער וועלט, פון גאָר אַן אנדער צײַט.

ווען דער אוילעם האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין, האָט יעדערער, פאַרבײַגייענדיק, זיך פאַרנייגט פאַר מיר, זיך פאַרניגט מיט דאַנקבאַרקײַט, מיט פאַרשטאַנד, אַפּשאַצנדיק ווי געהעריק מײַן אופירונג. בא איינינקע איז געוועזן אויך אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל, ווײַל, ווי זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, וועט דאָס מיר ניט אַפּגיין גלאַט. דערפון איז מיר געוואָרן נאָך שווערער אפן הארצן, ווי איך וואָלט אפּאַנעמעסן באַגאַנגען דעם שרעקלעכסטן פאַר־ברעכן און פאַרדינט די שטרענגסטע שטראָף. די געשיכטע מיט די סוואָדקעס און דער שטרענגער אויסרייד, וועלכער איז אָנגעצייכנט בא מיר אפן שטערן, האָט איצט מיר אויס־געזען ווי א קינדער־שפּיל. אויך מיר אַן אווירע, אויך מיר א שטראָף! איצט מוז איך זיך ארויסטראָגן דעם שווערסטן אורטייל: מער וועט מײַן פוס דאָ ניט זײַן. און ביכלאַל — איך וועל זיך סטאַרען וואָס זעלטענער קומען קיין ראַטנטאָל. ווי וועל איך קאָנען קוקן אָט די ייִדן אין די אויגן, פילן אף זיך זייערע שטומע בליקן, בליקן, וועלכע זאָגן וועגן דעם, אַז איך האָב מיט זיי א געמיינזאַמען סאָד? און אויב איך וועל מוזן קומען אהער, וועל איך זיך סטאַרען, מיר זאָלן זיך מער ניט באַגעגענען. און ווי שפּעט עס זאָל ניט זײַן, וועל איך דאָ קיינמאָל ניט בלײַבן נעכטיקן. בא קיינעם ניט!

•

דער גרוילעכער פאַלין מיט זײַנע דינע, פאַרשפּיצטע בלעטעלעך האָט זיך געפילט אין סטעפּ מײַסע־באַלעבאָס, באַגלייט יעדערן אף אלע וועגן, כוצפּעדיק ארויסגעקוקט פון אלע נאָך ניט פאַראַקערטע מעזשעס. א מינדסט ווינטעלע האָט צעטראָגן איבערן סטעפּ זײַן שאַרפן ביטערלעכן רייעך, אַפּגעזעצט אף הענט און פיס און אין מויל מיט א דין שטויבעלע, וואָס האָט געשניטן אונטער דער צונג און געוואָרגן אין האַלדז. דער בורקון מיט זײַנע גראָבע שטאַנגען און געלן צוויט, איבער וועלכן ס'האָבן פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט זיך גערייסעקט די בינען, האָט געקאָנט עמעצן אַפּנאַרן. געשמעקט האָט ער ניט מיט זיס און ניט מיט בי־טערס, און אַז מע טוט א קוועטש אָדער א ברעך איבער א שטענגל, טוט פינקלדיק א רין ארויס א טראָפּן געדיכטער זאַפט, ענלעך אף מילך צי סמעטענע. דערפאַר האָט דער בורקון נאָך א נאָמען — מאַלאָטשײַ. נאָר גאָט זאָל אַפּהיטן א פּרווו טאָן די דאָזיקע ווײַסע פליסי־קײַט אף דער צונג — זי איז ביטער, ווי גאַל, ביטער און קלעפּיק, קלעמט טייקעף צונויף דעם גומען, און ס'איז אפילע שווער אראָפּשלינגען א ביסל שפּײַעכץ.

וואָס זשע זאָל מען אָבער טאָן, אַז די גלאָז ווארעמע מילך, וואָס די באַלעבאָסטע שטעלט אוועק אפן טיש, איז ביטער, ווי פאַלין מיט בורקון אײנינעם, פונקט ווי די קו וואָלט א גאַנצן טאָג זיך געפּאַשעט ארום די וועגן און אף די ניט־פאַראַקערטע מעזשעס. איך האָב צוערשט געמיינט, אַז דאָס איז טאַקע אזוי, דערנאָך פאַרשטאַנען, אַז די קו איז ניט שולדיק, די באַלעבאָסטע אויך ניט. די ביטערקײַט איז אין מיר אליין, זי ליגט ערגעץ טיף אינווייניק, און וואָס איך זאָל ניט נעמען אין מויל אַרײַן, וועט עס מיך כאַפּן פאַר דער צונג, צונויפקלע־מען דעם גומען און בלײַבן שטעקן אין האַלדז. און ווו איך זאָל ניט גיין און שטיין, וואָס איך זאָל ניט טאָן, וועגן וואָס איך זאָל ניט טראַכטן, טוט אלעמאָל א שלאָג ארוף די ביטער־קײַט, און מיר הייבט זיך שוין אָן דוכטן, אַז איך אליין בין פון קאָפּ ביז די פיס אײַנגעטונ־קען אין פאַלין...

באַטאָג און באַנאַכט לאָזט מיך ניט צורו איינע און די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס דאַרף איך זיך קאַטעווען, פאַרוואָס דאַרף איך אײַנלייגן די וועלט, אײַנשטעלן זיך פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט און זײַן א גאַזלען איבער זיך אליין? פאַרוואָס דאַרף איך די גאַנצע צײַט האַלטן אין איין אײַנרעדן זיך, איבערצײַגן זיך, אַז אנדערש האָב איך ניט געקאָנט, אַז איך מוז באַשטעטיקן מיט מײַן אופירונג, מיט מײַנע טאַטן די הויכע פּרינציפּן, דערווײַזן דער וועלט, אַז איך בין טאַקע אַזאַ, ווי איך בין, אַז איך בין גרייט מאַקריוו זײַן מיטן סאַמע טײַערסטן און מיט זיך אליין, דערווײַזן מײַן אומבעשאָלעמדיקײַט צו יעדער מינדסטער אַפּווײַכונג, צו יעדער זאַך, וואָס קאָן אראָפּפירן פון וועג און פאַרוואַנדלען דיך אין א פּאַשעטן קליינביר־גער?

אוודע איז מיר איצט גרינג צו שפּעטן פון זיך אליין און באַקוקן יענץ באַכערל מיט א לײַכט שמייכעלע. אָבער דאַן... די סיבע איז דאָך געווען ניט בלויז אין מיר אליין, נאָר אין

יענער אומגעוויינלעכער צײַט מיט אירע הארבע מידעס, אין דעם, וואָס מיר זײַנען פּאַשעט געווען יונג, און אונדז האָט געפעלט סײַ קלאָרער באַנעם און סײַ ניכטערער געדאַנק.

— טיפּעש איינער, — האָב איך ניט איין מאָל גערעדט צו זיך אַליין. — וואָס האָסטו אַזוי מוירע פאַר זיך? וואָס ציטערסטו? גיי שוין אַוועק קיין ראַטנטאָל, טאָק איר אָפּ אַ ליגן, אַז דו ביסט די עטלעכע טעג געווען שטאַרק פאַרנומען, קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט, אָדער אַז דו האָסט גאָר געמוזט אַ פּאָר טאָג צו זיך אַהיים, דער טאַטע איז עפּעס ניט געזונט, אַנטשולדיק זיך פאַר איר און מאַך אַזאַ מינע, זי זאָל קיינמאָל זיך ניט דערוויסן, קיינמאָל דיך ניט כױשעד זײַן אַפילו אין דײַנע נאַרישע געדאַנקען, נאַרישע באַשלוסן און נאַרישן אופטו. גיי, לויף, קאָלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט.

נאָר דער דאָזיקער געדאַנק און די אונטעריאָגנדיקע אַנטשיידנקײַט האָט מיר געקלעקט בלויז אויף די עטלעכע מינוט, קאָלזמאַן איך האָב געשפּאַנט ביזן עק דאָרף. דאָ האָט גלײַך אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַ צווייטער געדאַנק, אַ בריִענדיקער, אַ שטרענגער און אַ וואָרנדיקער:

— געדענק, עס וועט דיך פאַרפירן!

און איך האָב פאַרקערעוועט צוריק. געשפּאַנט מיט לאַנגזאַמע, שלאַבעריקע טריט. אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, עפּעס גאָר ווי אַן אויסגעשמיסענער, האָב איך זיך אַליין געמור־סערט, זיך געהריזעט סײַ דערפאַר, וואָס איך בין נאַרוואָס געווען אַזוי אַנטשיידן, סײַ דערפאַר, וואָס איך האָב דאָס אַזוי גיך אָנגעוווירן. און מיר איז שרעקלעך געוואָרן פון דעם געפיל פון פּוסטקײַט, אָפּהענטיקײַט, פונעם דערשיטערנדיקן גלײַכגילט צו אַלץ און צו אַלעמען — סיווי, שוין אַלציינס...

איך האָב דערנאָך זיך באַשווירן מיט אַלע מעגלעכע און אומעגלעכע שוועס, אַז דאָס וועט זײַן בא מיר דאָס איינציקע מאָל, דאָס לעצטע מאָל. ווײַל אויב דיך באַהערשט אַזאַ גלײַכגילט, האָב איך זיך אַליין געוואָרנט, הייבסטו אָן פאַרלירן זיך אַליין, ווערסט אויס מענטש.

דערווײַל האָט קיינער ניט באַמערקט, וואָס מיט מיר קומט פאָר, אַפילו מײַן באַלעבאָסטע, נעסיע זאַהאָט, ווײַל נעכטיקן בין איך געקומען שפּעט אין אָוונט, ווען די באַלעבאָסטע איז שוין געשלאָפן. דערפילט האָט דאָס גראָד דער סעקרעטאַר פון דאָרפּראַט יאָסל פײַנשטיין. ביז וואָס־ווען האָט ער זיך דערפילט אַזוי פרײַ אין צוניפשטעלן די סוואָדקעס, אַז די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. באַזונדערס העפקערדיק איז ער זיך באַגאַנגען מיט די יעדיִעס וועגן די פאַרניכטעטע סוסליקעס. ער האָט זיי פאַרניכטעט גאַנצע טויזנטער לויט ביידע צײַגערס — סײַ אויפן פיזישן אופן, סײַ אויפן כימישן. עמעס, מיטן פיזישן אופן איז ער געווען מער פאָרזיכטיק, ווײַל דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געדאַרפט שטימען מיט דער צאָל פעלעכלעך, וואָס זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער פאַרגרייט־קאָנטאָר. אָבער מיטן כימישן אופן האָט ער געקאָנט טאָן, וואָס מע וויל.

און די סוסליקעס?.. זיי האָבן געפּײַפט אויף אונדז און אויף אונדזערע סוואָדקעס, באַזונדערס באַגינען, ווען די טאָלאָקע הינטערן דאָרף איז געלעגן אַן אויסגערוטע פון דער נאַכט. לעבן יעדער נאָרע איז געזעסן אַ סוסליק, בעפּאַרהעסיע זיך געוואָרעמט אויף דער זון און כוצפּעדיק געזשמורעט די גאַזלאָנישע אייגעלעך. כ'האָב זיך באַגעגנט מיט זיי יעדן גאַנצפרי, ווען איך פלעג זיך לאָזן צום ברעג דאָרף אויף צו פאַרקערעווען קיין ראַטנטאָל, און טאַקע דאָ, לעבן דער טאָלאָקע, געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט צו דער ערד.

די סוסליקעס האָבן געפּראַוועט סימכעס, און איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרכאָלעמטער, אײַנגאַנצן ווי ניט קיין היגער, ניט אויפגעהערט זיך קריגן און זיך שפּאַרן מיט זיך אַליין. און אין מויל איז אַלץ געוואַקסן די ביטערקײַט, וואָס איז געקומען פון טיף אינווייניק, ווי דאָרט וואָלטן געהאַלטן אין איין ברעכן זיך שטענגלעך פון בורקון און גיסן אין מיר אַריבער זייער קלעפּיקע ביטערקײַט.

— הער נאָר, באָכער, וואָס גייסטו עפּעס אַרום, ווי אַפן אוילעם־האַטויהו? זאָג מיר, דאָ איז ניט פאַרמישט עפּעס אַ מיידל?

— און אַז אַ מיידל, איז וואָס?

— איז הער מיך אויס, איך האָב דערצו אַ גוטע אייצע...

נאָר זײַנע אייצעס האָב איך ניט געקאָנט אָנעמען. קיין שום אייצעס ביכלאַל. ווי נעמט עס אַ מענטש זיך אַליין פאַרן גאָרגל? אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר, אַזוי זוניק־העל, ריין אויף צו שפּיגלען זיך. האָב איך מיט די אייגענע הענט דאָס צעבויטעט, פאַרפּלאָנטערט, און מיר איז שוין שווער דאָס פאַנאַנדערפּלאָנטערן. און דאָס קנײַלעכל האַלט אין איין אָנוואַקסן מיט נײַע קנופּן, אָן אַ סאָף און אָן אַן עק. און פאַר וועלכן קניפּל זאָלסט זיך ניט נעמען, איז דאָס ניט אַרויסצוציִען.

נאָר די צײַט האָט געפּאָדערט אירס. מע האָט געמוזט אויף אַלץ קוקן מיט אָפענע אויגן

און עפּעס טאָן. כאָטש עפּעס! כאָטש אַזוי, אַז קיינער זאָל גאָרנישט ניט באַמערקן. און מער פֿון אַלץ אין דער וועלט האָב איך געגאַרט זען זי. און אַרויסגעקוקט. יעדן טאָג, יעדע שאָ. עפּשער, עפּשער... כאָטש אַ גרוס, כאָטש וועלכן־ניט־איז גרוס!..

די פּאָליקליניק, וועלכע איז איצט געוואָרן אַ ראַיאָנישע, האָט זיך געפֿונען הינטערן דאָרפֿראַט, האַרט צוגעשפּאַרט צום פּלאַנטאַזש, און אָפּן ניט־גרויסן פּלאַץ האָבן יעדן גאַנצפֿרי זיך אויסגעשטעלט צענדליקער פֿורלעך פֿון פֿאַרשיידענע דערפֿער. אַלעמאָל איז פֿאַרבײַ די פֿענצטער פֿונעם דאָרפֿראַט דורכגעפֿאָרן אַן אַנדער פֿורל, און דאָס האָט אַלעמאָל מיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, אַ צי געטאָן צום פֿענצטער. עפּשער, עפּשער...

דער „עפּשער" איז געווען אַ ביז גאָר פֿאַרשיידענער, אָפּט אינגאַנצן אַ ווילדער. עפּשער איז געקומען עמעצער פֿון דאָרטן און מיר געבראַכט אַ בריוול, עפּשער איז קראַנק געוואָרן עמעצער פֿון זייעריקע, און דאָס האָט מען עמעצן געבראַכט צום דאָקטער אָדער מע איז געקומען נאָך אים. און עפּשער, עפּשער איז דאָס טאַקע זי אַליין געקומען נאָכן דאָקטער...

איצט וועט מיך שוין קיינער ניט קאָנען שטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס איך האָב קימאַט אינגאַנצן אויסגעמײַדט ראַטנטאָל, כאָטש געווען איז דאָס דאָרף אינעם באַשטאַנד פֿון נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַט. איך האָב שוין עטלעכע מאָל געדאַרפֿט זײַן דאָרטן, זיך דורכפֿאָרן איבער די פֿעלדער, דורכקאָנטראָלירן, ווי גייט דער קאַמף מיט די מיסטגראַזן, וועלכע הלושען די ברויטן, ווי גייט די צוגרייטונג צום שניט, פֿאַנאַנדערקלײַבן אָפּן אָרט אַ ביז גאָר לעפּישע געשיכטע, אַ געשיכטע, אין וועלכער ס'איז אָפּילע שווער געווען צו גלייבן: ווי אַזוי איינע אַ מאַמע האָט אויסבאַהאַלטן דאָס ברויט פֿון די אייגענע קינדער. נאָר איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט פֿון איין טאָג אָפּן אַנדערן. איך האָב זיך פּאָשעט ניט פֿאָרגעשטעלט, ווי וועל איך זיך באַגעגענען מיט איר ברודער דעם פֿאָרזיצער און וואָס וועט זײַן, אויב איך וועל דערזען אירע עלטערן, און טאָמער טאַקע באַגעגן איך זיך מיט איר אַליין? און אַלעמאָל, ווען איך האָב באַדאַרפֿט צופֿאָרן און דאָס אָפּגעלייגט, האָב איך געמוזט אַרויס פֿונעם דאָרפֿראַט און אַוועקלאָזן זיך צום פּלאַנטאַזש, אַרומבלאָנדזשען צווישן זײַנע שיטערע ביימלעך, אָדער גאָר אַוועק אין סטעפּ. פֿאַרשיידענע זעונגען האָבן מיך געריסן אָף שטיקלעך, צעשרויפֿט און פֿאַרגעסן צוריק צונויפֿשרויפֿן, און איך בין אַרומגעגאַנגען ווי ניט איך, ווי ניט אינגאַנצן איך, נאָר באַזונדערע, צעוואָרפֿענע שטיקלעך, וועלכע קאָנען זיך ניט צונויפֿקומען.

נאָר דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס איז געשען, איז מיר אָפּילע אָפּן זינען ניט געקומען. אין איינעם אַ טאָג האָב איך דערזען דורכן פֿענצטער, ווי ס'איז צוגעפֿאָרן אָף זײַן בעדאַרקע איר ברודער, דער פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט. איך האָב זיך דערפֿרייט און אײַנצײַטיק זיך דערשראָקן. ער איז אויך די לעצטע צײַט ניט געווען אין דאָרפֿראַט, און איך האָב זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, ווי וועט אויסזען אונדזער באַגעגעניש. איך האָב זיך אָנגענומען מיט קויעך, געסטאַרעט זיך צוגעבן מײַן אויסזען אַזאַ, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פֿאָרזיצער, און אין די געדאַנקען צוגעגרייט אַ פּאָר פֿראַגן, אונדזער שמועס זאָל גלײַך באַקומען די נייטיקע ערנסטקײַט און זאַכלעכקײַט. נאָך אַלעמען בין איך געזעסן, ווי אָף קוילן, און מיט האַרצפּלאַטערניש געוואַרט, די טיר זאָל זיך עפֿענען. נאָר די טיר האָט זיך ניט געעפֿנט און קיינער איז ניט אַרײַנגעקומען. און ווען מער אײַנזיצן האָב איך שוין ניט געקאָנט, בין איך אַרויס אין דרויסן און אַליין צוגעגאַנגען צו דער בעדאַרקע. דאָס פֿערדל איז געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט, בלויז פֿאַנאַנדערגעצוימט, געקײַט דאָס ביסל פֿרישע היי, וואָס מע האָט אים אונטערגעוואָרפֿן. נאָר בײַ דער בעדאַרקע איז קיינער ניט געווען. איז ער, הייסט עס, געקומען ניט אין דאָרפֿראַט, ניט אין ראַיוויספּירקאָם, נאָר אין פּאָליקליניק. האָט שוין דאָס האַרץ זיך צעקלאַפּט אָף גאָר אַן אַנדער אויפֿן. וואָס זשע האָט בײַ זיי געטראָפֿן? ווער איז קראַנק געוואָרן? אָף וועמען האָב איך עס אויסגעבעטן אַן אומגליק?

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפֿרעגט בײַ אים, ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון פּאָליקליניק.

— די קליינע איז קראַנק געוואָרן... דאָס בין איך געקומען נאָכן דאָקטער.

די קליינע!.. הייסט עס, אַז טאַקע זי אַליין!

און ער, ווי איך וואָלט געווען אינגאַנצן אַ זײַטיקער, אַ פֿרעמדער, האָט מער אָף מיר אָפּילע קיין קוק ניט געטאָן. צונויפֿגענומען פֿון דער ערד דאָס ביסל היי, פֿאַרצוימט דאָס פֿערד און אַ נעם געטאָן די לייצעס.

— וואָס איז מיט איר? — האָב איך שוין ניט געפֿרעגט, נאָר אויסגעשריגן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אָף מיר און גאָרנישט ניט געענטפֿערט. און ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך אַרופֿגעזעצט אָף דער בעדאַרקע, האָט ער צעפֿירט די הענט, וואָס האָט געדאַרפֿט הייסן: „דו דאַרפֿסט בעסער וויסן וואָס..."

— איך וועל פֿאַרנאַכט קומען, — האָב איך שטיל אַרויסגערעדט.

געכאַפּט זיך, אַז איך האָב צוגעזאָגט צו פּעסט, צו קאַטעגאָריש, האָב איך צוגעגעבן:

— אויב עס וועט ניט טרעפן עפּעס אַזוינס...

ע, ווען עס זאָל טאַקע ניט געווען טרעפן און איך זאָל אין יענעם פאַרנאַכט געווען קומען קיין ראַטנטאָל! אַלץ, אַלץ וואָלט דערנאָך געווען גאָר אַנדערש. פאַר מיר, פאַר איר, פאַר אונדז ביידן. נאָר... פונוואַנען זאָל איך געווען וויסן? פונוואַנען זאָל איך געווען וויסן, אַז אין אַ שאָ אַרום וועל איך באַקומען אַ פּאָוועסטקע פונעם ראַיאָנישן אויספאָרשער און וועל טייקעף מוזן פאָרן. טאַקע מיט אים אינאיינעם אין מײַן אייגענעם ייִשעוו, אויף אַ באַגעגעניש אויג אויף אויג מיט די ציבעלמאַנס.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס ביסטו דאַן ניט געקומען?

ניט איין מאָל האָב איך זי געזען אין כאָלעם. אַ בלייכע, אַן אויסגעשמאַכטע, קוים וואָס זי רעדט אַרויס אַ וואָרט און האַלט זיך קוים אויף די פיס. אירע אויגן, שטענדיק אַזעלכע לויטערע, דורכזיכטיקע, ווי אַ קרענעטשקעלע אין פריִען באַגינען, אויגן אויף צו שפּיגלען זיך, זײַנען שרעקלעך צעקאַלויצעט און מע זעט אין זיי גאָרנישט ניט, כּוץ אַ שטומען ווייטעק. זי שטייט אײַנגעוויקלט אין איר מאַנטעלע, ציטערט פון קעלט, און אירע ליפּן שעפּטשען שטיל אַרויס ווערטער, וואָס פּאַסעווען מיר דאָס לײַב:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען?

און פיל שפּעטער, אין יאָרן אַרום, ווען ס'איז געווען שוין אַזויפיל איבערגעלעבט, סײַ גוטס, סײַ שלעכטס, און אויך פיל שרעקלעכס, דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, וואָס די מילכאָמע האָט מיט זיך געבראַכט, ווען ס'האָט זיך שוין געקאָנט דוכטן, אַז יענץ ווײַטע, ביז גאָר ווײַטע האָט זיך שוין אויסגעוועפּט, פאַרגעסן, איז אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן, טוט אָפּט אַ שווים אַרויס יענע פראַגע, יענע טײַנע, אַמאָל אין כאָלעם, אַמאָל אין וואָר:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס ביסטו יענעם פאַרנאַכט ניט געקומען?

ער איז מיר נאָכגעגאַנגען פוסטריט, דער ווינטער מיט זײַנע פרעסט און זאַווערוכעס, און אָפּט, גאַנץ אָפּט דערמאָנט אין זיך, דורכגענומען אויף דורך און דורך מיט אַ שנײַדנדיקער קרירע. ער גייט מיר נאָך, אייגנטלעך, ביז הײַנט, קומט מיר צו כאָלעם מיט אַלע זײַנע טעג און נעכט, מיט אַלע זײַנע רויִקע און קריגערײַען, מיט אַלע זײַנע לײַדנשאַפטלעכע אויפברויזן, הייסע טרוימען, וואַקלונגען און אַנטוישונגען, מיט אַלע מענטשן, וועלכע פלעגן אָנרייכערן דאָס קליינע צימערל פון דאָרפּראַט ביז דער סטעליע, מיט אַלע ייִדן און ייִדענעס, וועלכע פלעגן מיך אָפּשטעלן אינמיטן גאַס, ווער מיט אַ ביטע, ווער מיט אַ טײַנע, ווער מיט אַ בראָכע און ווער מיט אַ קלאָלע. און אַוואַדע יענער נעפּלדיקער פאַרנאַכט, ווען מיכל ציבעלמאַן איז אַנטלאָפן פון דאָרפּראַט און זײַן מערי האָט געפּראַוועט כאַלאָשעס. טאַקע יענע נאַכט, וועלכע איז געקומען נאָך דעם, ווען מיר זײַנען געזעסן אינצווייען, איך און זי, אײנער אַנטקעגן דעם אַנדערן לעבן דעם קאָסעוואַטע טישל פונעם דאָרפּראַט.

נאָר אין דעם פאַל האָט דער ווינטער מיך פּאָשעט געגומען פאַרן גאָרגל. ס'איז אַוועק אַ סעדרע — אויפדעקן און באַשטראָפן די, וועלכע האָבן פאַרקריפּלט די ליניע פון קאָלעקטיוויזאַציע, די, וואָס האָבן איבערגעבויגן דעם שטעקן, געבראָכן דעם גרעזעץ פון פרײַוויליקײַט.

טוט פריִער אַ טראַכט וועגן זיך אַליין, אויספאָרשער און ריכטער, עפּשער האָט איר אַליין ערגעץ איבערגעבויגן דעם שטעקן, עפּשער האָט איר אַליין עמעצן געצווונגען אָדער גלאַט אַזוי אונטערגעײַלט, אונטערגעיאָגט מיט די אַלע סוואָדקעס, מיט די אַלע באַריכטן און מיט די שטרענגע פאָדערונגען. טוט אַ טראַכט וועגן זיך אַליין!

נאָר ווער האָט דאַן געקאָנט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? און ווער האָט עס געהאַט צײַט אַרײַנקוקן, פאַנאַנדערקלײַבן זיך, וועמענס הענט האָבן געשריבן די אָדער יענע מעלדונג, וועמענס בייזער ווילן האָט זיי געשטויסן אויף אַזעלכע אַנאָנימקעס?

פון סלאַדקאָוואָדנער דאָרפּראַט זײַנען קיין אָנקלאָגעס ניט אָנגעקומען. מיר האָבן דאָרטן טאַקע קיינעם ניט געצווונגען, קיינעם ניט באַוולט. און אויב עס איז געווען יענע אומגעלומפּערטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מע האָט באַשטימט אַנטבאַלעגופּעווען די אַלמאָנע בעלאָווע, איז דאָס באַצײַטנס פאַריכט געוואָרן.

אָבער ציבעלמאַן, מיכל ציבעלמאַן!

ער וועט מיר שטענדיק שטיין פאַר די אויגן אַזאַ, ווי איך האָב אים דערזען בײַ די פּורלעך ווייץ אין בורלאַצק. זײַן בייזער, דראָענדיקער און בראָטנדיקער בליק איז ניט צוגעלאָשן געוואָרן אויך באַגינען, ווען מיר האָבן אים אַוועקגעפירט אין דאָרפּראַט. נאָר וווּהין איז ער דאַן אַהינגעקומען, האָבן מיר ניט געוווּסט. איצט האָט ער זיך אַ יאַווע געטאָן אין ייִשעוו, געקומען צו גיין אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווי ס'איז גאָרנישט ניט געשען, געשפּאַנט איבערן

יישעוו מיט דער מינע פֿון א מענטשן, וועלכער האָט זיך, ענדלעך, דערוואָרט אַף זײַן צײַט און איצט וועט ער אָפּנעמען נעקאָמע פֿאַר אַלץ. אין דער מעלדונג, וואָס ער האָט אָוועקגעטראָגן אין דער מיליציע, איז געווען א היפּש צעטל פֿאַרברעכער, קימאַט דאָס גאַנצע קאָמיוגישע קעמערל. נאָר איך בין, פֿאַרשטייט זיך, געווען דער ערשטער אין צעטל. מיט מיר האָט ער געהאַט א באַזונדערן כעזשבן.

אוי, וויפֿל מעלדונגען ס'האָבן זיך געשאָטן אַף אונדז יענע טעג, וויפֿל אוויירעס מע האָט אויסגעזוכט אין אַלע אונדזערע אופֿטועןן! מע האָט געדאַרפֿט האָבן א צענדליק יאָמקיפּערס, מיר זאָלן גאַנצע מעסלעסן זיך שלאָגן „אַלכעט". מיטאַמאָל זײַנען מיר געוואָרן די ערגסטע פֿאַרקריפּלער, די ערגסטע פֿאַרבייגער און אָפּנייגער, און עס קומט אונדז אַלעמען באַשטראָפֿן אַפֿן סאַמע שטרענגסטן אויפֿן. עס קומט אונדז מיימעסן, עס קומט אונדז קאַטעווען אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט און אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי, פֿון קאָמסאָמאָל. אַזוי האָט טאַקע געזאָגט איַיזיק צאַפּ אַף איינער א פֿאַרזאַמלונג, ווען מע האָט אונדז געטרייבערט די קישקעס, דורכגעשווענקט יעדעס ביינדעלע און אַלעמאָל געפֿונען אין אונדז אַזעלכע כאַטאָים, ווי מיר וואָלטן טאַקע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס געווען טרייף.

— זיי האָבן אוואַדע קאָשער פֿאַרדינט טורמע, — האָט ער א זאָג געטאָן צו זיך אין דער באָרד אַרײַן. — נאָר לעכאָלהאַפּאָכעס דאַרף מען זיי אויסשליסן פֿון קאָמסאָמאָל און אַרויסטרײַבן פֿון דער אַרבעט.

יאָ, איַיזיקן האָט זיך אויך געדוכט, אַז ס'איז געקומען זײַן צײַט און ער קאָן זיך נויקעם זײַן אין אונדז אַלעמען. פֿון פּעסיען איז שוין אָפּגערעדט. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן יישעוו, אַלעמאָל אָפּגעשטעלט עמעצן אַנדערש און הייס אײַנגעטײַנעט:

— אָט וועט איר זען. זיי וועלן דאָס אַלץ אויסקרענקען. עס וועט זיי אויספּאַלן באָקעם. איך, אַז איך פֿאַרשעלט!..

ווען דער אויספֿאָרשער האָט מיר פֿאָרגעלייענט די מעלדונג וועגן דעם, אַז איך האָב דורכגעפֿירט אַן אומגעזעצלעכע אונטערזוכונג, געהעכערט מײַנע פֿולמאַכטן און אָן א גרונט אַרעסטירט א מענטשן, דערצו נאָך זייער ניט איידל זיך באַגאַנגען מיט א פֿרוי, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז א שפּאַס. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אָנגעשריבן אַף פּאַפּיר, באַשריבן גאַנץ ערנסט מיט אַלע פּראַטים. באַשריבן בייז און האַרב, באַלייגט פֿון אַלע זײַטן מיט גוואַלדן און ווייגעשרייען פֿון א מענטשן, וועלכער פֿאָדערט נאָר איין זאַך — גערעכטיקײַט. די פֿראַגן פֿונעם אויספֿאָרשער זײַנען אויך געווען ערנסטע, קורצע און אָפּגעטאָקטע, יעדער פֿראַגע האָט אָפּגעהילכט אין די אויערן, ווי א שאָס, ווי א דונער־קנאַל, אין יעדער פֿראַגע איז, ווי אין א גראָבער שאָלעכץ, געלעגן דער איינציק־מעגלעכער ענטפֿער, וועלכער האָט געמוזט באַשטעטיקן: יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי געווען.

איך בין געזעסן קעגן דעם אויספֿאָרשער ניט ווי א מענטש, וועמען מע איז אין עפּעס כוישעד, נאָר ווי אַזאַ, וואָס איז שוין שולדיק, אומבאַשטרײַטבאַר שולדיק אין אַלע גרעסטע און שווערסטע זינד, און מיר דאַרפֿן דאָס אַלץ בלויז אופֿשרײַבן אַף פּאַפּיר, אופֿשרײַבן מיט א שיינעם קסאַוו און מיט דער אײַנגעשטעלטער פֿאָרם פֿון פֿראַגן און ענטפֿערן. דער אויספֿאָרשער האָט געשטעלט א סאַך נאַרישע פֿראַגן, מײַנע ענטפֿערן זײַנען געוויס געווען ניט קליגער, און די גאַנצע געשיכטע האָט אויסגעזען ווי א נאַרישע, לעפּישע שפּיל, פֿון וועלכער ס'האָט זיך געוואָלט אַרויסשפּרינגען אַף דער גאַס און אויסשרײַען פֿאַר דער גאַנצער וועלט: מענטשן, וואָס טוט זיך עס?

נאָר אַרויסשפּרינגען האָב איך ניט געקאָנט. ס'האָט מיר מיטאַמאָל ווי אָפּגענומען אַלע איירורים, און איך בין געזעסן ווי א געליימטער. איז די שפּיל געגאַנגען מיט איר גאַנג: א פֿראַגע און אַן ענטפֿער, א פֿראַגע און אַן ענטפֿער. די פֿראַגע איז געווען א קורצע, דער ענטפֿער איז געווען א לענגערער. מיט ציטערדיקע הענט האָב איך אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל, און דער איינציקער פֿאַרלאַנג מײַנער איז געווען: וואָס גיכער אַרויס פֿון אָט דעם פֿאַרטונקלטן צימערל, אַראָפּטרייסלען פֿון זיך אָט די געליימטקײַט און גלײַך אוועק קיין ראַטנטאָל. דער ברודער האָט איר דאָך דערציילט וועגן מײַן צוזאָג, און זי וואַרט געוויס אַף מיר. און ניט נאָר דאָס, וואָס זי וואַרט, איך מוז שוין ווילן, וואָס איז מיט איר? נאָר פֿאַטער ווערן פֿונעם אויספֿאָרשער איז געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן, און ס'איז געווען געוועדט ניט אין מיר. ווען איך האָב אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל און זיך געקליבן אוועקגיין, האָט ער זיך אָנגערופֿן גאַנץ איידל:

— איין מאָמענט. באַלד וועט צופֿאָרן א טאַטשאַנקע, וועלן מיר מיט אײַך זיך דורכפֿאָרן אַף אײַער יישעוו. וואָס דאַרפֿט איר זוכן א צופֿעליק פֿורל?

איצט קאָן איך זיך אָנשטויסן, אַז דאָס איז געווען ניט קיין הוילע איידלקײַט. ער האָט

געוויס געהאַט בעדייע אויסטאַפּן באַ מיר אין וועג דאָס, וואָס איך האָב, ווי אים האָט זיך געדוכט, פאַרלייקנט בייסן אויספרעג.

צוערשט זײַנען מיר געפאָרן שווײַגנדיק. דער אויספאָרשער האָט, ווי פריִער באַ זיך אין קאַבינעט, מיט אַלע קויכעס אײַנגעהאַלטן אַפן פּאָנעם די שטרענגקײט און ניט־צוטרויט־לעכקײט און אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אַף מיר, ווי געוואָרנט, איך זאָל זיך ניט צורוקן צו אים אַ ביסל נעענטער, ניט ברעכן די אײַנגעשטעלטע דיסטאַנץ. האָב איך אויך געהאַט אַ מעגלעכקײט אים באַקוקן אַף דער ליכטיקער שײַן און באַמערקן אַזוינס, וואָס אין פּאַרטונקלטן צימער איז באַמערקן געווען אוממעגלעך. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר זײַן אויסזען האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַ פאַרגלײַך מיט אַ קאָנדוקטאָר — אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז פאַרבליבן באַ מיר פון דער ווײַטער קינדהײט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן מיטן צוג פון כאַשטשע־וואַטע קיין הײַוואָראָן צו אונדזער פעטער קאַלמען. דער קאָנדוקטאָר האָט מיך עפּעס שטאַרק אָנגעשראָקן מיט זײַן שוואַרצן אָנצוג און מיט די גלאַנציקע קנעפּ, מיט דעם מאָדנעם הוט און זייער שטרענגע וואָנצן. ער האָט דאַן אַזוי אַ קוק געטאָן אַף מיר, אַז איך האָב זיך ווי צונויפגעקאָרטשעט און אַ כאַפּ געטאָן דעם טאַטן פאַר דער האַנט. דער קאָנדוקטאָר האָט שווײַגנדיק דורכגעשטעמפּלט אונדזערע בילעטן, שווײַגנדיק אַרויס פונעם וואַגאָן. פיל נעכט האָבן מיר דערנאָך זיך געכאָלעמט קאָנדוקטאָרס אין שוואַרצע רעקלעך, פאַרשפּיליעטע אַף אָן אַ שיר קנעפּלעך, און איך האָב אַלעמאָל זיך אופגעכאַפּט מיט אַ געוויין. דער אויספאָרשער איז מיט גאָרנישט ניט ענלעך געווען אַף יענעם קאָנדוקטאָר, ניט מיטן אָנצוג, ניט מיט די וואָנצן. אַ קײַלעכדיק, קלײַנדיק, ריין־אויסגעגאָלט פּאָנעם, ווײַסלעכע אויגן מיט אָפּגעבליאַ־קעוועטע געלבלעכע ברעמען און גראָבלעכע, אָדער ווי מע רופט זיי, פעטלעכע ליפּן. ער איז געווען אַף אַ צען יאָר עלטער פון מיר, און איך האָב געדאַרפט אויסזען קעגן אים ווי אַ שנעקל, באַזונדערס קעגן זײַן פריִען פליך, וועלכער האָט ווי דורכגעפּאָליעט זײַן קאָפּ מיט אַ ברייטער ווײַסער סטעזשקע פונעם שטערן ביזן האַלדז־און־נאַקן. נאָר דער בליק! יענער בליק, וואָס איז כוישעד יעדערן, אַז ער פאָרט אָן אַ בילעט...

איך האָב פון דער זײַט באַקוקט דעם אויספאָרשער און געטראַכט וועגן ראַטנטאָל, וואָס האַלט זיך אין איין דערווײַטערן פון מיר. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי ליגט אָן אויסגע־מאַטערטע פון גרויסער היץ, פון אומבאַוווּסטע פאַר מיר ווייטעקן. זי עפנט אַלעמאָל די אויגן, קוקט זיך אַרום און שעפּטשעט שטיל אַרויס:

— ער איז נאָך ניט געקומען?

און די מאַמע אירע, וועלכע זיצט לעבן איר געלעגער באַטאָג און באַנאַכט, ברעכט די הענט:

— אוי, דאָס קינד רעדט פון היץ...

איך האָב געקוקט אַפן אויספאָרשער, און דער אויספאָרשער האָט געקוקט אַף מיר. גע־וויס האָט אים געוווּנדערט מײַן צושטאַנד. לויט זײַן פאָרשטעלונג, האָב איך געדאַרפט זיך שרעקן פאַר דער פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש מיט די ציבעלמאַנס. נאָר איך האָב זיך ניט געשראָקן, פאַרקערט, דאָס האָט מיך אַפילע אונטערגעמונטערט, ווײַל איך וועל זיי קאָנען זאָגן אין די אויגן אַלץ און אָפּלייקענען די פריִערע רעכילעסן. כוץ דעם, האָב איך זיך געטרייסט דערמיט, וואָס איך וועל הײַנט זײַן אין דער היים, זיך זען מיט מײַניקע. אַזוי וואָלט עפּשער אוועק נאָך אַ כוידעש, ביז איך וואָלט געפונען אַ פרײַען טאָג. איך בין געווען שטאַרק פאַר־נומען מיט זיך און ניט גלײַך פאַרשטאַנען די פראַגע:

— וווּהין פאַרפאָרן ווייסטו?

— האַ? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— ציבעלמאַנס שטוב, מײַן איך.

— אַ מאָשל, איך בין פאַרבײַגעגאַנגען לעבן איר אַ מאָל טויזנט...

— בלויז פאַרבײַגעגאַנגען? — זײַן פאָרשערישער בליק איז געווען פול מיט כשאַד און אומצוטרוי. — און באַ זיי אין שטוב ביסטו קיינמאָל ניט געווען?

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז בייסן אויספרעג איז די דאָזיקע פראַגע ניט געשטעלט גע־וואָרן, און געוויס האָט זי אַ באַזונדערן אינטערעס. האָב איך געענטפערט אַזוי, ווי דאָס איז געווען אינדערעמעסן:

— שטעלט אײַך פאָר, אַפילע קיין איין מאָל ניט.

— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט אַ דערשטוינטער.

— אָן אַ פאַרוואָס... מיר איז פּאַשעט געווען עקלדיק אַריבערשפּאַנען די שוועל פון זײַן שטוב. איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ער גלייבט מיר ניט. לויט זײַן ווערסיע האָב איך גע־דאַרפט זײַן באַ די ציבעלמאַנס ניט איין מאָל אָדער כאָטש איין מאָל. האָט ער געפרעגט אָן אומצופרידענער, אַפילע מיט פאָרוואָרף:

— ווי קומט עס? אַ פֿאַרזיצער פֿון דאָרפֿראַט מוז זײַן באַקאַנט מיט יעדן הויף.
— איך האָב אים גוט געקענט פֿון דרויסן.
— אַ שאָד, אַ שאָד...

וואָס איז געווען אַ שאָד, איז געבליבן פֿאַר מיר אַ סאָד: צי דאָס, וואָס איך בין ניט געווען אין אָט דעם הויף, צי דאָס, וואָס עס טראָגט אַרײַן אַ פּלאָנטער אין זײַנע אויספֿירן.

דאָס סאַמע ערנסטע איז געווען פֿאַר מיר אַריבערטרעטן די שוועל פֿון ציבעלמאַנס שטוב. דאָס ערשטע מאָל אַריבערטרעטן די שוועל פֿון דער שטוב, וואָס איז פֿול מיט סינע צו מיר, דערצו נאָך ווי אַ באַשולדיקטער.

איך ווייס ניט, צי זיי האָבן זיך באַצײַטנס צוגעגרייט צו אונדזער קומען, צי דאָס איז געווען דער געוויינלעכער הוילעך פֿון אָט דער שטוב — אַ הוילע שטוב, קיינמאָל ניט קיין צוגעראַמטע, קיינמאָל ניט קיין צוגעבעטע, מיט קויטיק בעטגעוואַנט, מיט פֿאַרלעגערטן שטויב אין אַלע ווינקעלעך. אַ שטוב אָן גאָרנישט ניט, מיט פֿון לאַנג ניט קיין געשמירטן הוילן דיל, מיט אָן אַלטן צעפּאָרענעם טיש אָן אַ טישטעך, מיט אָן אויסגעקרימט באַנקבעטל און אָן אָפּגעקאַלופּעט שאַפֿקעלע, בײַ וועלכן איין האַלב טירל האָט געפֿעלט. אַלץ האָט געדאַרפֿט באַווײַזן אויסזיכטלאָזן דאַלעס.

זינט יענעם שאַבעס פֿאַרנאַכט, ווען מערי האָט אַזוי קונציק אָפּגעשפּילט איר כאַלאָשעס אין דאָרפֿראַט און מיכל האָט אַזוי פֿרעך אָפּגעשפּעט פֿון אונדז, האָב איך זיי מער ניט געזען. אונדזער איצטיקע באַגעגעניש האָט געדאַרפֿט זײַן ווי אַ פֿאָרזעצונג פֿון יענער נאַכט, ווען עס האָט געשאָטן מיטן לעצטן ווינטערדיקן שנייעלע, פֿון יענעם ערעוו־פֿרילינגדיקן באַגינען, וואָס האָט אויפֿגערודערט דעם יישעוו, פֿון אַלץ, וואָס עס איז געשען אין יענעם נעפּלדיקן טאָג און וואָס עס האָט זיך געוויס אָפּגעזעצט אין יעדערן פֿון אונדז מיט אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן.

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, האָט מען גלײַך געקאָנט באַמערקן אויף מיכלס פּאָנעם, אַ פֿולס מיט זודיקער ריצכע, טאַקע מיט יענער, עכט גאַזלאָנישער, וואָס ער האָט איצט ניט איבעריק געסטאַרעט זיך אויסבאַהאַלטן. און דער בליק זײַנער, אַ בלוטדאָרשטיקער בליק, וועלכער האָט מיך דורכגענומען יענע נאַכט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט לעבן בורלאַצקער דאָרפֿראַט בײַ די צען פֿורלעך ווייץ, האָט אויסגעזען צאַפּלדיק־פֿריש, ווי ער וואָלט אים די גאַנצע צײַט געכאָוועט, געפּעסטעט, באַגאָסן באַטאָג און באַנאַכט, ער זאָל, כאָלילע, ניט אויסגעקילט ווערן, ניט פֿאַרוויאַנעט ווערן, ער זאָל זיך האַלטן אין אים אַזוי, ווי געווען, ווען די צײַט וועט קומען.

ס'איז געווען צו זען, אַז די גאַנצע מײַסע מיטן אויספֿאָרשן, אויספֿרעגן און איבערפֿרעגן און מיטן שמועס אויג־אויף־אויג איז ציבעלמאַנען ניט צום האַרצן. ער וואָלט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט פֿיל פּראָסטער — מיר אויסגעזעצט די ציין, איבערגעבראָכן די ריפּן, און פּאָטער. און כאָטש אַלץ אין אים האָט געקאָכט, האָט ער אויסגעזען בלייך, איז געווען שטאַרק אויסגעצערט. אָפּפּאָנעם, אַז די לעצטע צײַט זײַנען די קעסט געווען בײַ אים ניט קיין וואַזשנע.

זי, מערי, איז געווען פּונקט דער הייפּעך. דער פֿרילינג האָט שוין באַוויזן עפּעס אָפּטאָן מיט איר ציגײַנעריש פּאָנעם, און זי אַליין האָט אויך צוגעלייגט צו דעם אַ האַנט. די אויגן האָבן בכלל אין קיין פֿרילינג זיך ניט גענייטיקט. זיי האָבן געגלאַנצט מיט פּעך־שוואַרצן, רייצנדיקן גלאַנץ, ווי אויך אירע גרויסע אויערינגלעך, וועלכע האָבן געדאַרפֿט צוגעבן דעם גלאַנץ אַ פֿריילעכן קלאַנג, אַזאַ, וואָס קומט בײַ אַ גרויסער סימכע. דאָס שמייכעלע איז אויך געווען פֿול מיט גלאַנץ, מיט אָפֿענער שאָדנפֿרייד, מיט נעקאָמע.

און אָט זיצן מיר באַם ניט־פֿאַרשפּרייטן טיש איינער קעגן אַנדערן, איך און מערי. פֿון דער זײַט, ווי צווישן אונדז ביידע, זיצט דער אויספֿאָרשער. און ווידער די זעלבע נאַרישע שפּיל פֿון פֿראַגן און ענטפֿערס. די שפּיל ציט זיך איצט אַ סאַך לענגער, ווײַל אויף יעדער פֿראַגע דאַרפֿן לויט דער ריי ענטפֿערן סײַ איך, סײַ זי. דערבײַ האָט יעדערער זײַן ענטפֿער, יעדערער גאָר אַן אַנדערן. איין ענטפֿער קריגט זיך מיטן צווייטן, איין ענטפֿער לייקנט אָפּ דעם צווייטן, און אַלעמאָל שטויסן זיי זיך צונויף, בוצקען זיך, הייבן אָן אַן עמעסן געשלעג.

עפּעס קומט פֿאָר הינטער מײַנע אויגן, נאָר וואָס, ווייס איך ניט. איך פֿיל נאָר, אַז אין אָט דער באַגעגעניש אויג־אויף־אויג נעמען אָן אָנטייל ניט בלויז צוויי מענטשן. פֿון ערגעץ קוקן אַרויס נאָך אַ פּאָר אויגן, וועלכע שלאָגן זיך אויך מיט מיר, אַזוי אַז די קויכעס פֿון די צדאָדים זײַנען ניט קיין גלײַכע. אַלעמאָל, ווען דער אויספֿאָרשער שטעלט אַ פֿראַגע, טוט מערי אַ פּינטל מיט די אויגן, טוט מיט זיי אַ פֿיר אין אַלע זײַטן, זוכט מיכלען, ער זאָל איר אונטערזאָגן. און כאָטש דער אויספֿאָרשער האָט געבעטן מיכלען פֿאַרלאָזן דעם צימער, ווייס איך זיכער, אַז ער שטייט הינטער דער טיר, קוקט אַרײַן דורך אַ שפּאַרונקעלע, און זיי ווינקען זיך איבער, שמועסן זיך דורך אויף זייער שפּראַך, וואָס נאָר זיי ביידע פֿאַרשטייען זי. זיי האָבן

דאָס געוויס באַצײַטנס פֿאַרויסגעזען, ווי געהעריק אָפּגערעפֿעטירט יעדער קלייניקייט אַזוי, אַז קיין שום זאַך זאָל ניט אַרויסרופֿן קיין כשד.

— וויפֿל מאָל זײַנט איר געווען אין דער שטוב? — די דאָזיקע פֿראַגע איז פֿאַרגעבן געוואָרן בלויז מיר.

— קיין איין מאָל ניט, — האָב איך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס אין וועג.

מעריס פֿאַרלוירנקייט האָט געדויערט א ווײַלע. דערנאָך זײַנען, ווי ניט אומיסטן, זיך צעפֿאַלן די האָרנאָדלען, און די האָר, מיטאַמאָל פֿאַנאַנדערגעצוימטע, האָבן זיך צעשאָטן איבער איר פּאָנעם, פֿאַרשטעלט דעם שטערן, די אויגן. זי האָט אָנגעהויבן שלײַדערן מיט אָט די ניט־געהאָרכזאַמע האָר אַף רעכטס און אַף לינקס, זיי פֿאַרכאַפּט מיט ביידע הענט און אָנגע־בויגן זיך צום דיל צונויפֿנעמען די האָרנאָדלען. ווער ווייסט, וועלכע סימאָנים זי האָט דאַן באַקומען דורכן שפּאַרונקעלע, נאָר זי האָט ראַשיק זיך א הייב געטאָן און אויסגעשריגן:

— ס'איז א ליגן! איר זײַנט געווען!

— ווען בין איך געווען? — האָב איך אויסגעשריגן, מיסטאָמע ניט אַזוי, ווי מע מעג זיך דאָס דערלויבן אין גאַנג פֿון אַן אויספֿאָרשונג.

דער אויספֿאָרשער האָט א קלאַפּ געטאָן מיטן בלײַער אין טיש, ווי רופֿנדיק אונדז ביידע צו אָרדענונג, דערנאָך מיט אַן איבעראַשנדיקער רויִקייט אַרויסגערעדט:

— ביטע, ענטפֿערט אַף דער פֿראַגע. ווען איז דער פֿאַרזיצער פֿון דאָרפֿראַט געווען בא אײַך אין שטוב?

— וואָס הייסט ווען? מע קאָן עס דען פֿאַרגעדענקען?

דער אויספֿאָרשער — ווידער מיט דער זעלבער רויִקייט:

— פֿונדעסטוועגן, פּרילינג צי ווינטער, באַטאָג צי באַנאַכט, און וועגן וועלכן איניען?

— ווי זאָל איך געדענקען, ווען דאָס איז געווען? איך האָב דען געקוקט אַף דער פּאָגאָדע, צי אָפּן זייגער? דער פֿאַרזיצער, ווען ער דאַרף און ווען ער וויל, קומט ער אַרײַן. ער דאַרף בא עמעצן בעטן א דערלויבעניש?

אָבער דער אויספֿאָרשער איז ניט צופֿרידן. ער קלאַמערט זיך מיטן בליק אין איר פּאָנעם:

— איך וואָלט זייער געבעטן... קאָנקרעטער... ווען, מיט וועמען, צי עפּשער איינער אַליין...

פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אַף א זײַט און א כאַפּ געטאָן מיט די אויגן א נײַעם סימען, צעשפּי־ליעט מערי האַסטיק דאָס קאָפּטל, צעשפּיליעט צאָרנדיק, מיט א ריס. דאָס פּאָנעם אירס, דאָס בראָנזעווע פּאָנעם, וואָס אַנערקענט ניט קיין אַנדער פֿאַרב, איז געוואָרן צונטער־רויט, ווי פֿאַרגאָסן מיט א בייזן, סיפּעדיקן פֿלאַם:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? איך זאָל אײַך ווײַזן, וויאַזוי דאָס איז געווען? אָט אַזוי איז דאָס געווען! א ריס געטאָן אַף מיר דאָס קאָפּטל און גענומען זוכן בא מיר אין בוזעם גאָלד, גאָלד האָט ער דאָרט געזוכט!

מעגלעך, אַז אַף מײַן פּאָנעם האָבן זיך צעשפּילט ביידע פֿאַרבן אײנײנעם. איך בין געוואָרן רויט און בלייך, מעגלעך, אַז מער בלייך, ווי רויט, נאָר דער שווייס, וואָס איז אַרויס אָפּן פּאָנעם, האָט איבערגעמישט אַלץ אײנײנעם. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, בין געזעסן ווי א געפּלעפּטער און בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין". ניין, ניין, ניין! אַרויסרעדן עפּעס בין איך ניט געווען אימשטאַנד, מיך האָט געשטיקט אין האַלדז די גרענעצלאָזע אופּגעבראַכט־קייט קעגן אָט די פּרעכע רעכילעסן, און איך האָב ניט געקאָנט דערשטיקן אויך דאָס געפֿיל פֿון בושע, וואָס אַף מיר, אַף אַזא באָכער, ווי איך, קאָן מען אויסטראַכטן אַזעלכע זאַכן. רעדן בין איך ניט געווען בעקויעך, נאָר דער שטומער און פֿאַראַקשנטער „ניין" האָט געדאַרפֿט דערקלערן א סאַך. ערשטנס, טאַקע דעם „ניין" אַליין, אַז איך לייקן אָפּ קאַטעגאָריש אַלץ, פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף, אַז דאָס איז א בייזע אויסטראַכטעניש, א בילבל, און צווייטנס, אַז מע טאָר ניט, מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַזעלכע מענוואָלים זאָלן באַשמוצן אומשולדיקע מענטשן און גוירעם זײַן צו דער סאַמע שרעקלעכסטער אומגערעכטיקייט. דאָס איז אויך גע־ווען ווי א שטומער אויסגעשריי צום אויספֿאָרשער: „מאַכט וואָס גיכער א סאָף צו אָט דער ווילדער, אומגעלומפּערטער באַגעגעניש! איך קאָן דאָס ניט זען, איך קאָן דאָס ניט הערן, איך וועל דאָס פֿאַשעט ניט אויסהאַלטן!" אַלץ אין מיר האָט געציטערט פֿון עקל. מיט אַזא אומפֿאַרשעמטקייט האָב איך זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל, און דאָס האָט איבערגעדרייט, איבערגעקערט אַלץ אינווייניק, ביז קאָפּשווינדל, ביז כאַלאָשעס.

— פֿאַרוואָס האָט איר וועגן דעם ניט געשריבן אין דער מעלדונג? — הער איך, ווי דער אויספֿאָרשער פֿרעגט.

יאָ, טאַקע עמעס, וועגן דעם, אַז איך האָב געזוכט גאָלד בא איר אין בוזעם, איז אין דער מעלדונג ניטאָ. דאָס איז צוגעטראַכט געוואָרן ערשט איצט. די פֿראַגע האָט א קלונג געטאָן

פאַר מיר ווי אַ רעטונג, ווי אַן אויסלייזונג, און איך האָב שוין מיט נײַע אויגן אַ קוק געטאָן אויפֿן אויספֿאָרשער. פֿרי׳ער אויפֿן אויספֿאָרשער, דערנאָך אויף מערין, וועלכע האָט מיט ציטערדיקע הענט געגומען צונויפֿשפּיליען דאָס קאָפּטל.

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס? — האָט מערי אַרויסגערעדט מיט אַ געפּאַלענער שטים, דערפֿילנ־דיק, ווײַזט אויס, אַז מע האָט זי דאָ מיט עפּעס געפּאַקט. — מע קאָן דאָס פֿאַרגעדענקען?

איצט איז די פֿראַגע געווענדט בלויז צו מיר, און געזאָגט געוואָרן איז זי מיט אַן אַנדערער, שוין מיט אַ ווייכערער שטים:

— און וואָס קאָנט איר זאָגן אויף אָט דער מעלדונג?

— ניין און ניין! אַ ליגן פֿון אָנהייב ביזן סאָף!

— די באַגעגעניש איז געענדיקט! — האָט דער אויספֿאָרשער געמאָלדן, שוין ווידער מיט זײַן שטרענגער שטים. — ביטע, שרײַבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל.

איך בין ביז הײַנט אַ קליינער וויסער אין די ענינים פֿון יוריספּרודענץ, כ׳האָב פֿאַר מײַן לעבן מער ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין אויספֿאָרשונג, די פּראָצעסועלע קאָדעקסן האָב איך אין די הענט ניט געהאַלטן. אין יענע יאָרן האָב איך אַוודאי אין אַזעלכע עניינים קיין אַנונג ניט געהאַט. האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס האָט דער אויספֿאָרשער ניט דורכגע־מאַכט די זעלבע שפּיל מיט מיכלען. צי איז פֿאַר אים עפּעס קלאָר געוואָרן אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט די ווײַטערדיקע שפּיל איבעריק, צי מיט מיכלען איז אים אַלץ קלאָר געווען פֿון אָנהייב אָן. איך האָב נאָך ניט געקאָנט וויסן, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך פֿאַר מיר ענדיקן, נאָר איך האָב געפֿילט, אַז די מיינונג פֿונעם אויספֿאָרשער, זײַן פֿאַרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן עניען הייבט אָן זיך בײַטן. איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער אויפֿן האַרצן. ווען מיר זײַנען אַרויס אין דרויסן, האָב איך זיך דערפֿילט מונטערער, פֿרײַער און אַפֿילו זיך דערלויבט אים פֿאַרצולייגן:

— עפּשער וועלן מיר פֿאַרפֿאָרן צו אונדז עפּעס איבערקײַען?

— איך האָב קיין רעכט ניט, — האָט ער קאַלט געענטפֿערט. — איך האָב קיין רעכט ניט קומען אין נאָענטע באַציִונגען מיט די, וועמענס קרימינעלע טאַטן איך פֿאָרש אויס.

בין איך, הייסט עס, פֿונדעסטוועגן אַ קרימינעלער, מיט וועמען אַזאַ אָרנטלעכער מענטש, ווי אַן אויספֿאָרשער, טאָר קיין מאַגע־אומאַסע ניט האָבן. מיילע, זאָל זײַן אַזוי, דערפֿאַר וועל איך הײַנט נעכטיקן אין דער היים, אויף מײַן היימישן געלעגער און זיך קוויקן מיט דער מומעס געשמאַקע מײַכאָלים. מעגלעך, אַפֿילו מיט אירע געפּרעגלטע קאַרטאָפֿל, וואָס צעגייען זיך אין מויל. כ׳וועל זיך זען מיט אַלע מײַניקע, מיט אַלע אונדזערע כעוורע, און מיר וועלן זיך שוין אָנרעדן פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען.

איך האָב גאָר ביז איצט ניט געפֿילט, ווי שטאַרק איך האָב זיך אויסגעבענקט נאָך מײַן אייגענעם יישעוו. די צוויי כאַדאָשים זײַנען געווען אַזוי אָנגעזעטיקט מיט אומגעוויינלעכע געשעענישן, דערשיטערנדיקע, אופּטרייסלענדיקע, אַזעלכע, אַז ס׳איז ניט געווען ווען צו בענקען, ניט געווען אַפֿילו ווען אַרומקוקן זיך. איצט האָט די בענקעניש מיך אַ נעם געטאָן, ווי אין קלעמען.

מעגלעך, אַז פֿאַר אָט דעם געפֿיל וואָלט מען געדאַרפֿט צוטראַכטן אַן אַנדער וואָרט. ווי קאָן מען עס בענקען נאָך דעם, וואָס דו זעסט פֿאַר די אויגן, טרעטסט איבער דעם מיט די פֿיס? דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, וועט דאָס אַלץ אויסזען אַנדערש. פֿאַרשיידענע רײַזעס איבער נאָענטע און ווײַטע מעקומעס, שיידונגען, קורצע און לאַנגע, אַפֿילו אויף יאָרן, וועלן ווערן אַ געוויינלעכע זאַך. איצט אָבער האָט געמוזט דורך אַ פּאָר מינוט, איך זאָל זיך אָנ־עטעמען, אײַנשטילן די איבערגעוואָרעמטע צערודערטקײַט, קומען אַ ביסל צו־זיך, ווי נאָך אַ כאַלאָשעס, איך זאָל קאָנען רויִקער באַקוקן מײַן אייגענעם יישעוו, די ברייטע גאַס, איבער וועלכער דער נאָך ניט אָפּגעזעצטער שטויב הענגט, ווי דער באַגינענדיקער נעפּל, די שיטערע הײַזער, וואָס קוקן נאָך פֿרײַ אַרויס אויף דער גאַס צווישן די יונגע ביימלעך מיט די פּלאָ־טערנדיקע בלעטעלעך, וועלכע גיבן צו דעם שטילן, שטומען ווינטל אַ ביסעלע לאָשן... מײַן אייגענע ערד, וואָס איז מיר אַזוי טײַער סײַ פֿון דער נאָענט, סײַ פֿונדערווײַטנס, דער גאַנצער אַרומיקער סטעפּ מיט זײַן קילער פֿאַרנאַכטיקײַט, מיט זײַנע פֿאַרדומפּענע קלאַנגען, וועלכע דערגייען אַהער פֿון ערגעץ זייער ווײַט, קלאַנגען, וואָס ברענגען מיט זיך יענע אָפּפֿרישנדיקע פֿײַכטקײַט. און דער זומערדיקער פֿאַרנאַכט אַליין מיט זײַן אײַנוויגנדיקער שטילקײַט און וועקנדיקער אופֿגעלעבטקײַט, ווען עס צערעוועט זיך דאָרשטיק און בענקענדיק די בעהיימעס, וואָס קומען פֿון דער טשערעדע און צעגייען זיך איבער די הײַזער, ווען עס צעקלינגען זיך אין אַלע הויפֿן די מעלקשעפֿלעך און עס הייבט אָן גיין אַ מילכיק רעגנדל, וואָס דרינדזשעט אין די עמער מיט וואַרעמע טראָפּנס, ווען עס הייבן זיך אָן ציִען פֿון די קוימענס די אָוונטיקע רויכעלעך און פֿון די צעעפֿנטע טירן און פֿענצטער צעגיסט זיך איבערן יישעוו איין לידל

נאָכן צוויטן, פון יענע לידלעך, וועלכע דרעמלען שטענדיק אינדערשטיל און וואַרטן נאָר, מע זאָל זיי א וועק טאָן.

איך האָב דערפילט מיטאמאָל אלע קלאנגען און רייכעס סײַ פון דעם איצטיקן זומער, סײַ פון דעם פאַראַיאָריקן, אונדזער ערשטן און שווערן זומער אין סטעפּ. אָבער פאַרוואָס האָב איך איינגענעם מיט א קינדערישער פרייד דערפילט אזא ביטערן בײַטאם, אזא קריצעניש אף די ציין, ווי ס׳וואָלט מיטאמאָל א בלאָז געטאָן יענע שוואַרצע זאַוועריוכע און אלץ, וואָס איך האָב געגומען אין מויל אַרײַן, איז געווען באשפּריצט מיט פאַלין און באשאָטן מיט זאמד...

און בא מיר איז אופגעקומען א הייסער פאַרלאַנג זיך אומקערן צוריק אין פאַריקן זומער מיט אלע זײַנע שוועריקײַטן, מיט זײַנע אויסמאַטערנדיקע היצן און קילע נעכט, מיט זײַן ניט-דערעסן און ניט-דערשלאָפן, מיט זײַן טריקעניש און גוסרעגן, מיט אלץ, וואָס אונדז איז אויסגעקומען אויסצושטיין, אבי באפרײַען זיך פון אָט דעם שווערן, פּרעסנדיקן געפיל, אבי עס זאָל ניט זײַן אין מײַן לעבן אָט דער לעפּישער אויספּרעג, אָט די מערי, וועלכע האָט א ריס געטאָן אף זיך דאָס קאַפּטל...

אהיים בין איך ניט געגאנגען, נאָר געלאָפן, אונטערגעשפּרונגען, ווי א קונדעס, א פאַרשײַט יינגעלע, אופגעהויבן פון דער ערד א צווײַגעלע און געפּירט דערמיט איבער די שיטערע שטאכעטעלעך פון די פּלויטן, ווי געפּיקט אין א פּײַקל און געגעבן אָנצוהערן דעם גאנצן יישעוו, אז איך בין דאָ, איך לויף אהיים און בין גאָר פריילעך, בעגילופנדיק, ווי איך וואָלט געגאנגען פון זייער א רײַכער כאסענע. און ס׳האָט זיך מיר טאקע אָנגעהויבן דוכטן, אז מײַן פאַרלאנג הייבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן, דער הײַנטיקער זומער פאַרשווינדט און ווי דורך א קישעף הייבט אָן ארויסקומען דער פאַריקער זומער. א סימען? פישל שוסטער!

ער איז מיר אָנגעקומען מיט א ליידיק זעקל אף די פּלייצעס, נאָר געטראָגן האָט ער עס, האַלטנדיק בלויז באם עק, ווי דאָס וואָלט געווען א פּולער, שווערער זאק מיט ווייץ צי מיט גערשטן. געשפּאנט האָט ער שמײַדיק, געײַלט ערגעץ, מיססאמע צום קאָלווירטישן שפּײַכלער. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, מיך א כאפּ געטאָן פאַר דער האנט, ווי זייער אָן אנגעלייגטן גאסט, אף וועמען ער האָט די גאנצע צײַט ארויסגעקוקט. ער האָט גלײַך פאַרגעסן, אז ער אײַלט זיך, פאַרגעסן ביכלאל, וווהין ער גייט, און, לויט זײַן טעווע, געגומען מיך באקוקן פון קאָפּ ביז די פיס, געזוכט אין מיר דאָס, וואָס עס האָט מיך געמאכט ניט ענלעך אף זיך אליין:

— נו, סקאַצל קומט!

ווידער מיך באקוקט פון אלע זײַטן, א דערפרייטער, קימאט א גליקלעכער:

— אָ, דײַניקע קוקן אזוי ארויס אף דיר! לאָמיך זיי אָנזאָגן די בסורע.

און גלײַך זיך געלאָזט לויפן אף צוריק מיטן ליידיקן זאק אף די פּלייצעס. ווי מוירע האָבנדיק, עמעצער זאָל ניט אויסכאפּן בא אים די מיצווע, האָט ער נאָך פונדערווײַטנס אָנגעהויבן שרײַען:

— רעב הערשל, ער איז געקומען, אײַערער, אָט גייט ער!..

מיר איז געוואָרן גוט און גרינג, ווי איך וואָלט אָפּגעשווענקט פון זיך דעם קויט פון ציבעלמאנס שטוב, די פאַרסאמטע לופט, מיט וועלכער זי איז פול, און אויסגעוואשן זיך אין ריינע, זויבערע וואסערן. נאָר לאָזט זיך אויס, אז דאָ האָט מען געוווסט וועגן דעם איניען א סאך מער, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אפילע מער, ווי איך. פאַר די לעצטע פאַר וואכן איז דער אויספאַרשער געווען דאָ א פאָר מאָל, אויסגעפרעגט קימאט אלעמען, און איבערן יישעוו זײַנען ארומגעגאנגען פאַרשיידענע קלאנגען, איינער ווילדער פונעם אנדערן. מיכל האָט ארומגעשפּאנט איבערן יישעוו כוצפּעדיק, ארויסרופעריש, ניט אופגעהערט צו דראָען:

— אָט וועט איר זען. זיי וועלן בא מיר אלץ אויסקרענקען! זיי וועלן בא מיר שפּײַען מיט בלוט! זיי וועלן פאַרגעדענקען יענע נאכט, וויפל זיי וועלן לעבן!

און ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין: ווי נעמען זיי זיך צונויף אזוי בעפּאַרהעסיע בא איציקן אין שטוב, ער און שימען דרייפוס? און וואָס איז דאָס פאַר א יאָמטעוו, וואָס פּעסיע באקט אלע טאָג קעזניקעס און קאשניקעס? און נאָך מער איז שווער געווען צו פאַרשטיין מיכלען אליין. ער איז ניט אין קאָלווירט, ניט בא זיך אליין באלעבאָס. ניט ער אקערט, ניט ער זייט, שליאָנדערט ארום גאנצע טעג, און נאָר ער סטראַשעט, און נאָר ער דראָעט.

אייניקע האָבן געשטוינט, אנדערע — זיך געוווּנדערט, און נאָך אנדערע האָבן זיך געשראָקן. און מער פון אלעמען דער טאטע. די שרעק איז אים געלעגן אפן פּאָנעם. אים איז שווערער פון אנדערע געווען צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר: זײַנע קינדער זאָלן האָבן צו טאָן מיט אויספאָרשער, זײַנע קינדער זאָל מען וועלן גאָר מישפּעטן, ארײַנזעצן אין טורמע?

די שרעק איז געלעגן באַם טאַטן אויפֿן פּנים, נאָר מיך האָט ער באַגעגנט מיט אַ בליק, וואָס האָט געזאָגט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש:
וואָס האָב איך דיר געזאָגט? האָט דיר געטויגט אָט די קאַלאַטנעטשעס? דו קענסט ניט די ציבעלמאַנס, די גאַנצע באַנדע זייערע?
— כאַפּט דער רועך די ציבעלמאַנס, — האָב איך אָפּגעענטפערט ווי וויַט מעגלעך זאָרגלאָז און לוסטיק. — איך האָב פאַר אים קיין מוירע ניט.
די מומע, וואָס האָט זיך געפּאַרעט באַם אויוון, האָט אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:
— יאָ, אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטיין!
און דאָך איז דער אָוונט געווען אַ שטיקעלע יאָמטעוו פאַר אונדז אַלעמען. אַ זעלטענער אָוונט, אַ טומלדיקער, אַ ראַשיקער, ענלעך אויף די אָוונטן פון פאַבריקן זומער, ווען מיר האָבן געוווינט אין די באַראַקעס.
דער ערשטער איז אַריַנגעקומען פישל:
— אַ גוטן אָוונט איַך, ליב איַך מיט איַער גאַסט. אַנו, לאָמיך נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף דיר. זע נאָר, זע נאָר, שוואַרץ, ווי אַ בורעק!
פישל קוקט אויף מיר, איך קוק אויף פישלען, און מיר שמייכלען ביידע, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט זיַן שפּאַס, די איבעריקע פאַרשטייען אויך.
— הערט נאָר, וואָס איך וועל איַך זאָגן. אַלץ קעדיַי, אַבי לעבן בליַבן. — פישל גיט זיך אַ גרינגן קראַץ אונטערן אויער, ווי די געשיכטע, וואָס ער וויל דערציילן, ליגט ערגעץ דאָרטן, און ער דאַרף זי אַרויסקאַלופּען. — פאַראַיאָרן זומער, ניט היַנט געדאַכט, ווען מע האָט בייסן גוסרעגן צוגעגאַנוועט מיַן געצײַג, האָב איך געמיינט, אַז דער הימל איז באַ דער ערד. און דאָ ניט לאַנג, ווען איך האָב פונעם קאָלווירט צוריקגעפירט די קו אַהיים און געהייסן עסטערן וואָס גיכער זי אויסמעלקן, ווייסט איר, וואָס מיַן עסטער האָט געזאָגט? זי האָט געמאַכט אַ בראָכע, ווי איבער אַ גרינגער אונגערקע. נו, גייט רעדט מיט אַ ייִדענע...
אוואַדע זיַנען באַ פישלען געווען די בעסטע קאַוואָנעס. ער האָט גוט געוווסט, מיט וואָס עס שמעקט באַ אונדז אין שטוב, געוואָלט פאַרקערעווען אַ ביסל אין אַ זיַט און מאַכן דעם אָוונט אַ ביסל פריילעכער. ער איז גרייט געווען צו דערציילן פאַרשיידענע געשיכטעס, עמעס־סע און צוגעטראַכטע, מיַסעס ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן. און ס'איז אוועק און אוועק. אַ מיַסע וועגן באַלשעם, אַ מיַסע מיט אַ וויַסן בער, אַ מיַסע מיט אַ שוואַרצן כאַזער, וועלכער איז געווען ניט קיין כאַזער, נאָר אַ פאַרשטעלטע בריַע, אַ מיַסע וועגן אַן אַלטן פּאַרעץ און אַ מעשוגענער פּריצע, ביז... ביז ס'האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און ס'איז אַריַנגעקומען אַנשל.
ער איז אַריַנגעקומען מיט ראַש, ווי נאַרוואָס פונעם וואָגן אַראָפּ, אַ פאַרפאַליעטער און אַ צעכראַסטעטער, גליַך זיך פאַרטשעפּעט מיט דער פאָלע פונעם רעקל פאַרן שמאָלן טירל, אויסגעשפּיגן און זיך אויסגעזידלט אויף זיַן אויפן, ערשט דערנאָך פאַרשפּיליעט דאָס רעקל און זיך אָנגערופן:
— נו, וואָס האָב איך איַך געזאָגט? אַז ער וועט ניט קומען מיט גוטן, וועלן מיר אים אַראָפּברענגען מיט בייזן.
געכאַפּט זיך, אַז ער האָט געזאָגט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, האָט ער צוגעבראָקט אַ ביסל פון זיַן ריין באַלעגאָלישן:
— זאָלט איר וויסן זיַן אַזוי... באַ אונדז, באַ די באַלעגאָלעס, אַז איינער הייבט אָן פאַלשעווען, נעמען זיך אַלע פאַר די דריקלעך, און שוין, יענער מוז שוין אוועק אָן אַ זיַ־געזונט. וואָס מיינט איר, מיר וועלן לאָזן ציבעלמאַנען לאַנג האווקען?
דערנאָך איז געקומען כאַים־בער מיט זיַן פריילעכן „באַראַכהאַבע״, שפּעטער, שוין באַ דער וועטשערע — לייבעש מיט זיַן שטילן, פאַרשעמטן „בראָכים האָיושווים״, וויַטער האָט זיך אַריַנגעריסן סימכע מיט זיַן הייזעריקלעכן הוסט, דערנאָך נאָך עמעצער. אין שטוב איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער, און ווען ס'איז אַריַנגעקומען אורציע, איז ער געבליבן שטיין אויף אַ וויַלע אויף דער שוועל, אַ פיר געטאָן מיט די אויגן, ווי געזוכט פאַר זיך אַ פריַ ערטעלע.
די מומע האָט אים דערלאַנגט דאָס נידעריקע בענקעלע, נאָר אורציע האָט זיך אָפּגעזאָגט:
— אַ דאַנק, איך בין אַריַנגעקומען אויף אַ וויַלע. ווער האָט איצט אַ פריַע מינוט?
און כאָטש קיין פריַע ציַט איז ניט געווען באַ קיינעם, איז מען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַזוי שפּעט, אַז אַנשל האָט זיך דערלויבט אַ שפּאַס טאָן:
— נו, כאַים־בער, גיי שוין אַהיים. דיַן צירל איז אַליין אין שטוב, עס קאָן זי נאָך עמעצער אַרויסגאַנווענען.
— נישקאָשע, — האָט כאַים־בער אויך געשפּאַסט, — באַנאַכט וועט מען זי עפּשער צוגאַנ־ווענען, אָבער ווי נאָר עס וועט אָנהייבן צו טאָגן, וועט מען זי ברענגען צוריק.

דאָס קליינע לעמפּעלע האָט שוואַך באַלויכטן די פּענעמער פון די געסט, אייניקע, פאַר־רוקטע אין א פאַרטונקלט ווינקעלע, האָט מען קימאַט אינגאַנצן ניט געזען, נאָר פאַר מיר האָבן זיי אַלע געשײַנט מיט א העלער, בלענדנדיקער שײַן. מיר איז געווען גוט, עס האָט מיך גאָר אָנגעהויבן ווי אײַנוויגן, און איך האָב געפילט, אַז אָט ווער איך אַנשלאָפן.

נאָך דער אומגעלומפּערטער אויספאָרשונג איז מיר דאָ געווען זייער גוט. איך בין גרייט געווען דאָ פאַרבלײַבן אַף שטענדיק. און עפשער טאָן גאָר אַזוי, ווי גיטל? אינגאַנצן אוועק פונדאַנען, טאַקע אהין, אַפן דניעפּראָבוי, און אַזוי, ווי זי, טאַסקען א גאַנצן טאָג שווערע ווע־געלעך מיט ערד און מיט שטיינער? נאַרישע, נאַיִווע געדאַנקען, פּוסטע כאַלוימעס. איך וועל דאָ ניט בלײַבן און וועל אין ערגעץ ניט אַוועקפאָרן. קיינער וועט מיך ניט לאָזן. און איך אַליין אויך ניט. דאָס וואָלט געהייסן, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פאַר די ציבעלמאַנס. און איך טאָר ניט, איך טאָר זיך ניט שרעקן פאַר זיי.

נאָר דאָ איז אַרײַנגעקומען א נײַע שכנטע, זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער טיר, א נעם געטאָן אין דער האַנט דאָס אונטערשטע ליפּעלע, צונויפגעשנורעוועט עס און אָנגעג־הויבן מיט א דין קעלעכל:

— איך בין אומיסטן אַרײַנגעקומען ביז איך... מע זאָגט, איר האָט א גאַסט, האָט איר... געכאַפּט זיך, אַז זי האָט הײַנט געבראַכן איר שטענדיקן נוסעך, האָט זי ערשט צום סאָף געפרעגט:

— ריווקע, עפּשער האָט איר אָן אַלטע ציבעלע עפּשער?

איז שוין אַפילע זי אויך געקומען. פאַרוואָס זשע זעט מען ניט קיינעם פון די כעווריע? מיר האָט אויסגעזען, אַז דער גאַנצער שמועס איז צוגעטראַכט, קעדיי פאַרעדן מיר די ציין. איך האָב אַלעמאָל געריסן זיך עפּעס פרעגן, נאָר מוירע געהאַט. בלויז איין מאָל א וווּנק געטאָן צו מאַניען, וועלכע איז געזעסן לעבן פענצטער. זי האָט גראָד פאַרשטאַנען מײַן פראַגע, נאָר געענטפערט מיט א קנייטש פון די פּלייצעס. ס'הייסט, זי ווייסט אויך ניט.

ערשט העט שפּעטער, ווען דער אוילעם האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין זיך, האָבן זיי זיך אַרײַנגעשאָטן אַלע מיטאַמאָל, גענומען טרייסלען און אַרומטאַפּן מיך פון אַלע זײַטן, און יאָסל, וועלכער האָט מיך פאַרבעטן אין דאָרפּראַט, האָט א פרעג געטאָן מיט א מינע פון אן אויס־פאָרשער, ניט פון אן אויספאָרשער בכלל, נאָר טאַקע פון אונדזער אויספאָרשער, מיט וועלכן איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע שווערע שאָען:

— פונדעסטוועגן, ווי זײַנט איר עס פאַרפאַלן געוואָרן אף אַזוי לאַנג?

איידער איך, א דערשטוינטער, האָב צוגעקלערט, ווי־אַזוי צו ענטפערן אף זײַן שפּאַס, האָט ער געשטעלט א צווייטע פראַגע, וואָס האָט מיך אינגאַנצן ווי געפּלעפט:

— און ענטפערט פּינקטלעך. וויפל מאָל זײַנט איר געווען אין אָט דער שטוב, ווען, מיט וועמען און צוליב וועלכע איניאַנים?

לאָזט זיך אויס, אַז דער אויספאָרשער האָט זיי אויך אַלעמען אַרויסגערופן, זיי אָפּגע־האַלטן ביז איצט אין דער געבײַדע פון דער נאָרוואָס פאַרענדיקטער שול און אויסגעפרעגט יעדערן באַזונדער, דערנאָך אַלע אינאיינעם. אַלץ וועגן אײַנעם און דעם זעלבן איניען: וועגן יענער נאַכט, ווען מיר האָבן פאַרהאַלטן די צען פורלעך ווייץ, וועגן יענעם באַגינען, ווען מיר זײַנען אַוועק מיט מיכלען אין דאָרפּראַט, און דעריקער האָט ער געוואָלט וויסן, צי בין איך אַמאָל געווען בא מיכלען אין שטוב. ער האָט זייער געוואָלט זיך דערקונדיקן, צי איז געווען בא אונדז געווער, ווען מיר האָבן געפירט מיכלען אין דאָרפּראַט, ווײַל אויב מיט געווער, קאָן דאָס הייסן אַרעסט, אומגעזעצלעכער אַרעסט, און דאָס איז שוין געוויס א קרימינעלער פאַרברעכן.

— אוי, האָט ער אונדז אויסגעמוטשעט,— האָט טוליע געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

— וואָס זשע וועט איצטער זײַן? — האָט געפרעגט די מומע.

— ס'וועט גאָרנישט ניט זײַן,— האָט יאָסל זי באַרויִקט.— וואָס מיינט איר, ס'איז ניטאָ קיין עמעס אף דער וועלט? זיי האָבן א גרויסן טאָעס, אויב זיי מיינען, אַז דאָס רעדל האָט זיך א דריי געטאָן אַף צוריק און ס'איז ווידער געקומען זייער צײַט.

— נו, ריווקע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט זיך אָנגערופן דער טאַטע.

אונדזערע כעווערע האָבן אויך איבערגעלעבט עטלעכע שווערע שאָ. איצט זײַנען זיי גע־ווען אַזוי אופגערודערט, באַריידעוודיק, זיגעריש־אויפגעלעבט, אַז ס'האָט קיינעם ניט געוווּנ־דערט, ווען יאָסל האָט אָנגעהויבן זינגען:

ווען איך זאָל זײַן דער בורייע אויילאָם,
ווייסט איר, וואָס איך וואָלט געמאַכט...

געוויס איז דאָס געווען דערפאר, ווײַל דאָס לידל האָט ער געזונגען אויך אין יענער
נאכט, ווען מיר האָבן מיט דער באלקע געשפּאנט קיין בורלאצק.
ווען מיר זײַנען ארויס באגלייטן די כעוורע און געבליבן דערנאָך אפן הויף אײנצווייען,
האָט טוליע שטיל, ווי וועגן א גרויסן סאָד, געפרעגט:
— און וועגן מירלען האָסטו זיך גאָרנישט ניט דערוווּסט?
יעדערן כאָלעמט זיך זײַנס... טוליען וועט נאָך לאנגע יאָרן נאָכגיין זײַן ערשטע ליבע,
וועלכע איז געבליבן ווי העגנגען אינדערלופטן.
פון דער באלקע האָט א צי געטאָן מיט אָפּרישנדיקער פּײַכטקײַט, מיט יענע רייכעס,
וועלכע האָבן מיך אזוי געשיקערט און פארקישעפט אין פאָריקן זומער, ווען מיר האָבן גאנצ־
צענע נעכט געהאָרעוועט באם לאמפּאטש. און די שאָרעכן... אָט די שאָרעכן און זיפצן פונעם
באנאכטיקן סטעפּ וועלן מיך שטענדיק רעגן מיט זייער סוידעסדיקײַט.
— ניין, — האָב איך ווי פארענטפערט זיך, — דערווײַל נאָך ניט. מע האָט זי די ערשטע
צײַט געזען אין מארי־ופּאָל, נאָר זי האָט גיך ניט געסטײַעט פון דאָרטן.
און קעדיי אים א ביסל אונטערמונטערן:
— ניט געזאָרגט, מיר וועלן זי אָפּזוכן, דײַן מירל...
ער האָט שטיל א זיפץ געטאָן און מער וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט. זײַנען מירביידע
געבליבן שטיין לעבן אונדזער פלויט פון שיטערע ברעטער און שווײַגנדיק געקוקט אין דער
נאכט, וועלכע האָט איצט באלאגערט דעם סטעפּ פון דער ערד ביזן הימל. ערשט איצט האָט מיך,
ווי אויסגעטאָן פון אלץ, מיט וואָס איך בין געווען אָנגעפולט דעם גאנצן טאָג, א שניט געטאָן
אין מויעך:
— זי!.. זי איז דאָך א גאנצן פארנאכט, א גאנצן אָוונט געזעסן און האָט געוואַרט אף
מיר! און עפּשער נאָך איצט אויך!..

צוויי כאַדאָשים האָט מוישע־יאָסיע אָפּגעארבעט אף דער שאכטע. ווי אמאָל אין דער
היים, איז ער שטענדיק אופגעשטאנען פארטאָג, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעפּאָיעט די פערד און
זיי אײַנגעשפאנט אין וואָגן. ביז אָט דער מינוט, ביזן אײַנשפּאנען האָט ער, ווי פריִער, גע־
פילט דעם אײַנגעוווינטן אומגעדולד, געטאָן אלץ מיט אײַלעניש, ער זאָל, כאָלילע, ניט פאר־
שפּעטיקן, ער זאָל זײַן אין סטעפּ עטלעכע מינוט פארן זון־אופגאנג. נאָר ווען די פערד זײַנען
שוין געווען אײַנגעשפּאנט און ער האָט זיך געדארפט ארופזעצן אפן וואָגן, איז אלץ מיטאָ־
מאָל אָפּגעפאלן — דער אומגעדולד, די אײַלעניש און דער געפיל פון זשעדנעקײַט צו אלץ,
וואָס איז געווען פארבונדן מיטן סטעפּ. ווײַל דער וואָגן אליין האָט שוין ניט געשמעקט ניט
מיט פריש היי, ניט מיט א ביסל צוגעטריקנטס, מיט יענע אלע רייכעס, וואָס טוען א קיצל
אין דער נאָז, פארטרײַבן די לעצטע רעשטלעך פון שלאָף, מאכן מיטאמאָל וואכנדיק און מונ־
טער. דער וואָגן איז דורכויס געווען פארשטויבט, באקלעפּט, פארשווארצט און דורכגעזאַפּט
מיט קוילן־שטויב, און ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט אף זײַן זיץ־ברעטל, האָט דער וואָגן
ברויגעזלעך א ציטער געטאָן, א שיט געטאָן, א זעץ געטאָן אין דער נאָז מיט שטיקנדיקן
שטויב און געצווונגען א ניס טאָן אָדער זיך צעהוסטן. אײַלן זיך איז שוין ניט געווען וווהין
און צוליב וואָס. געפאָרן איז ער ניט אין סטעפּ, נאָר צו דער שאכטע, ווו ער האָט א גאנצן
טאָג געלאָדן און אויסגעלאָדן אלץ, וואָס מע האָט געהייסן. אמאָל קוילן, אמאָל געהילץ און
אמאָל פּאָשעטע ערד, וואָס עס הייסט פּאָראָדע. די קוילן האָט ער געפירט פון דער שאכ־
טע צו דער אײַזנבאן, דאָס געהילץ — פון דער אײַזנבאן צו דער שאכטע, און די פּאָראָדע —
פון דער שאכטע צום קײַלעכדיק־שפּיציקן בארג, וואָס מע רופט אים מיט א מאָדנעם און אומ־
פארשטענדלעכן נאָמען — טעריקאָן. און ניט אזוי דער נאָמען, ווי גופע די דאָזיקע שווארצע
בערג, וואָס האלטן אין איין וואקסן ארום די שאכטעס, פארדעקן מיט זיך צענדליקער דעסיא־
טינעס ערד, אף וועלכע ס׳האָט געקאָנט וואקסן עפּעס רעכטס. טאקע דאָס האָט ניט אופגע־
הערט דריקן מוישע־יאָסיען, פארשארפט אין אים דעם געפיל פון געפאלנקײַט, א געפיל, אז
ער טוט ניט דאָס, וואָס מע דארף, ניט דאָס, צוליב וואָס ער לעבט אף דער וועלט.
אפן ליידיקן וואָגן פלעגט ער א ביסל פאָרן, לעבן אָנגעלאָדענעם איז ער מערסטנטייל
געגאנגען צופוס, נאָר ניט פונעם צופוס גיין און ניט פונעם רודעוועץ שאָענווײַז מיט דער
לאָפּעטע אָדער פונעם טאסקען די קלעצער זײַנען צו פארנאכט־צו די פיס געוואָרן ווי געליימט
און אין אָוונט האָט אים קוים געסטײַעט קויעך אויסשפּאנען די פערד, ארײַנפירן זיי אינעם

קליינעם שטעלעכל אָדער לאָזן זיי אַף נאַכט צוגעבונדן צום וואָגן, און אָפּקומען די וועטשערע מיט א פּאָר גלעזער מילך. מיד געוואָרן איז ער גאָר פון עפּעס אַנדערס, א סאַך שווערערס און דריקנדיקס.

קיין באַריידעוודיקער איז מוישע־יאָסיע קיינמאָל ניט געווען. פון אַלע פּסוקים, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זײַן געלערנטן ברודער, איז איין מײַמער פונעם פיירעק געווען אים צום האַרצן: רעד ווייניקער און טו מערער. רעדן גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן, האָט גע־הייסן פאַר אים אומזיסט געפּאַטערטע צײַט, אָדער, ווי זײַן ברודער וואָלט געזאָגט — א בראַ־כע־לעוואַטאָלע. איצט האָט ער אינגאַנצן ווי אַנגעוווירן דאָס לאָשן. יעדן אָוונט האָט זלאַטע געפּרוווט אַרויסציִען פון אים כאָטש א פּאָר ווערטער, נאָר דאָס איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. און ווען זי האָט אים שוין שטאַרק דאַקוטשעט מיט אירע פראַגן און מיט אירע טײַנעס: סטײַטש, א מענטש איז א גאַנצן טאָג צווישן אַזא אוילעם און האָט ניט וועגן וואָס צו דער־ציילן, — פלעגט ער זיך א נעם טאָן מיט דער לינקער האַנט פאַרן גאָרגל און אַרויסזיפן כרי־פּענדיק:

— איך קאָן ניט, עס דישעט מיך.

און זלאַטע האָט אים ביכלאַל אופגעהערט צו פרעגן. יעדן אָוונט, ווען ער איז געקומען אהיים, האָט זי בלויז אוועקגעשטעלט אַפן טיש דאָס קריגל מילך, אָנגעשניטן עטלעכע שטיק־לעך ברויט, און, צוזעצנדיק זיך אין א ווינקעלע אַף איר אַלטן, הינקענדיקן קיך־טאַבורעטל, צוגעקוקט, ווי מוישע־יאָסיע קײַעט דאָס ברויט אָן כיישעק, ווי פאַרשלאָפן, און טוט זיך אַלע־מאָל א קלאַפּ מיטן פויסט אין דער ברוסט, ווי דער ביסן וואָלט אים געבליבן שטיין אין האַלדז. אין יענע געציילטע מינוטן, ווען זיי זײַנען איניינעם געזעסן, ווי שטומע, זײַנען בא זלאַטען אין קאָפּ דורכגעפלויגן הונדערטער פראַגן, גלאַט אַזוי געדאַנקען, וואָס זי האָט געוואָלט זיי אַרויסזאָגן, נאָר אַלעמאָל זיי געלאָזט בא זיך. פראַגן? ער וועט אַף זיי סײַווי ניט ענטפערן. געדאַנקען? ער האָט מיסטאַמע זײַנע אייגענע ניט וווהין אַהינטאָן...

דאָס וואַרגעניש און שטיקעניש האָט מוישע־יאָסיע אופגענומען ווי אַן אומפאַרמײַדלעכע זאַך. נאָר די פיס! דאָס האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין. פאַרוואָס עפּעס די פיס? זיי זײַנען דאָך אַלע יאָרן געווען בא אים אַזעלכע פעסטע גייערס, ער האָט געקאָנט אַרומשפּאַנען מיט זיי איבערן סטעפּ פון פאַרטאָג ביז שפּעטן אָוונט, סײַ נאָכן פלוג, סײַ נאָך די באָרענעס, סײַ נאָך דער זייעלקע. אויב פאַרגלײַכן, מאַכט ער איצט ניט דורך אפילע קיין האַלב פון דעם, וואָס ער פלעגט אויסשפּאַנען פאַר א טאָג אין סטעפּ. פאַרוואָס זשע עפּעס די פיס? איז זלאַטע שוין געווען צופרידן, א ביסל צופרידן און א ביסל דערשראָקן דערפון, וואָס אין איינעם אַן אָוונט, ווען זי האָט אים אפילע וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט, האָט ער פּלוצעם געזאָגט:

— איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין... די פיס... פאַרוואָס עפּעס די פיס?

דאָס שטיבל, וואָס זיי האָבן געדונגען, איז געשטאַנען גראָד ניט אַף קיין שלעכט אָרט, אַפן סאַמע בּרעג פון דער שאַכטיאָרישער שטאָט מאַקייעווקע, ווו די שטיבלעך זײַנען שוין געווען היפּש שיטערלעך, קימאַט ווי אין דאָרף. דאָ זײַנען געווען ניט קיין גרויסע גערטנדלעך הינטער די הײַזער, עטלעכע ביימלעך פון פאָרנט, און ניט ווײַט, טאַקע גאָר נאָענט פון זייער שטיבל, — א היפּש שטיקל טאָלאָקע, ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט א האַלב צענדליק קי און א פּאָר צענדליק ציגן. נאָר סײַווי, די גערטנדלעך, די ביימער, דאָס גראָז, דער גאַנצער אַרום האָט דאָ געהאַט גאָר אַן אַנדער קאָליר און געשמעקט אויך אַנדערש, ווי צוגערייכערט, ס'האָט אַלעמאָל זיך געוואָלט א הוסט טאָן, און געדוכט האָט זיך, אַז אויך די ביימער הוסטן אונטער, די ביימער, דאָס גראָז, און שוין אָפּגערעדט פון די קי און פון די ציגן. זייער קו האָט אויך אָנגעהויבן הוסטן מיט עפּעס א פאַרדעכטיקן הוסט.

אין איינעם א פאַרנאַכט, ווען מוישע־יאָסיע איז, ווי שטענדיק, געקומען אַהיים שטאַרק א מידער, האָט זלאַטע ניט גלײַך אוועקגעשטעלט דאָס קריגל מילך אַפן טיש, נאָר אָנגענומען אים פאַר דער האַנט און אוועקגעפירט הינטערן שטיבל, צום גערטנדל, ווו זיי האָבן באַוויזן פאַרזעצן א ביסל קאַרטאָפל:

— טו אומיסטן א קוק.

— וואָס זאָל איך דאָ באַקוקן? — האָט מוישע־יאָסיע ניט פאַרשטאַנען.

— זיי ווייִנען...

— ווער ווייִנט, ווער ווייִנט עס? — האָט מוישע־יאָסיע אויסגעשריגן, באַקוקנדיק די קווייִ־טעלעך, די ערשטע ווײַסע קווייטעלעך, וועלכע האָבן ניט זיכער אַרויסגעקוקט פון די בלייִכ־לעכע בייטן.

— די קאַרטאָפל, — האָט זלאַטע אַרויסגעזיפּצט. — ס'איז דען צוויט, ס'איז טרערן, ניט קיין צוויט...

— נאָ, נאָ, — האָט מוישע־יאָסיע אָנגעשריגן אַף איר אַזוי, ווי ער האָט קיינמאָל אַף איר ניט געשריגן. — וואָס דיר קאָן אַרײַנקומען אין קאָפּ. ווײַבערשע מעשוגאַעסן!

און שוין גאָר אַ דערצאָרנטער, מיט אַ דראָענדיק־ציטערנדיקער שטים, צו וועלכער זלאַטע איז אינגאַנצן ניט געווען געוווינט, אויסגעשריגן:

— זאָלסט ניט סמייען! דו הערסט, זלאַטע, זאָלסט ניט סמייען!

האָט זלאַטע אויך אַ ציטער געטאָן. ניט אַזוי פון פאַרדראָס, ווי פון שרעק. און אַף אירע צוגעבערנטע, אײַנגעפאַלענע באַקן האָט אַ רין געטאָן אַ טרער. זי האָט זיך אַ קערעווע געטאָן אין אַ זײַט און אַזוי, אַז מוישע־יאָסיע זאָל ניט זען, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן. זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען, איר מאַן. רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן טאָר מען ניט, ווײַל אויב אָנהייבן רעדן וועגן דעם, דאַרף מען אויסוואַרפן איינער דעם אַנדערן אַזעלכע זאַכן! און וואָס איז שוין איצט דער כילעק, וועמען איז פריִער אַרײַן אין קאָפּ אַזאַ מעשוגאַס?

די ערשטע צײַט האָט זיך זיי ביידן געדוכט, אַז אַלץ גייט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. פאַרדינט האָט דאָ מוישע־יאָסיע גאַנץ היפּש, אַזויפיל האָט ער אין זײַן לעבן ניט פאַרדינט, און אָפּגעלייגט דאָס געלט אַ קאָפּעקע צו אַ קאָפּעקע, מע דאַרף דאָך קויפן אָדער אַליין אויסבויען אַ שטוב. די טעגלעכע הויצאָעס האָבן זיי געצויגן פון דער קו, פון די עטלעכע ליטער מילך, וואָס זיי האָבן יעדן טאָג פאַרקויפט. זלאַטע האָט געמאַכט אַ כעזשבן, אַז זיי דאַרפן ניט פאַר זיך אַזויפיל מילך. און אַזוי ביז איינעם אַ טאָג... ביז יענעם טאָג, ווען מוישע־יאָסיען איז געקומען אַפן געדאַנק, אַז די גאַנצע באָרעניש איז אַן איבעריקע זאַך. קיין שטוב וועלן זיי ניט קויפן, בויען וועלן זיי דאָ אוואַדע ניט, און ביכלאַל... ער ווייסט ניט, צי וועלן זיי דאָ בלײַבן. ערשטנס, די בענקעניש. און צווייטנס, יעדן טאָג הריזעט אים אַלץ שטאַרקער דער געדאַנק, אַז ער טוט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, ניט דאָס, וואָס ער, מוישע־יאָסיע, דאַרף טאָן. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט מיט יעדן טאָג אַן אַנדערער, נאָר ניט דער, וואָס געווען. ווי אַ בוים, אַן אַלטער בוים, וואָס מע האָט אַרויסגעריסן, אַרויסגעגראָבן מיט די וואָרצלען און אַוועקגעפירט אין אויסערײַסעניש. ווי קאָן אַזאַ אַלטער בוים זיך אָנעמען ערגעץ אַנדערש?

— אָט, אָט...

דעם „אָט” זאָגט מוישע־יאָסיע צו זיך אַליין. מיט באַוווּנדערונג און מיט שרעק, וואָס ער אַליין הייבט אָן ווערן אַן אַנדערער. ווײַל ביז איצט איז ער ניט געווען גענייגט צו קיינע באַטראַכטונגען. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי געוויינלעך, אַזוי נאַטירלעך, ווי נאָר פאַר אים באַשאַפן געוואָרן, — דער הימל און די ערד, דער טאָג מיט דער נאַכט, דער זומער מיטן ווינטער, די שנייען מיט די רעגנס, און ס'איז ניט געווען איבער וואָס צו פאַרטראַכטן זיך. טו דיר, מוישע־יאָסיע, דײַן זאַך, און שוין. נאָר ווי זאָל זיך ניט טראַכטן, אַז דער גאַנצער אַרום איז ניט זײַנער. אָפּגעפאָרן אינגאַנצן אַ הונדערט קילאָמעטער פון דער היים — און אָט, די וועלט איז דאָ אינגאַנצן אַן אַנדערע. דער סטעפּ איז אַרום־און־אַרום אַ צעגראָבענער, אַ צעפּאַסעוועטער, פול מיט טיפע גריבער און מיט אָט די מעשונעדיקע בערג — די שפּיציקע טעריקאָנען, וועלכע זײַנען סטראַשידלעס, וואָס האַלטן אין איין רייכערן זיך, טליִען, ווי עס וואָלט זיי געהאַלטן אין איין מאָרדעווען און זיי שטיקן זיך מיטן אייגענעם רויך. דער הימל איז דאָ אויך אַ פאַרייכערטער. ער רעדט שוין ניט פונעם וואָגן, וואָס האַלט אין איין סקריפּען, קרעכצן, אַ דורכגעזאָפּטער מיט קוילן־שטויב, אַז קיינע שמירעכצן העלפן אים ניט. און די פערד אַליין... עפּעס גייען זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, די אויערן הענגען אַראָפּ, ווי בײַ אַלטע קליאַטשעס, און זיי ווערן פון טאָג צו טאָג מאָגערער, כאָטש ער זשאַלעוועט זיי ניט קיין עסן.

אָנגעהויבן האָט זיך פון דעם, וואָס אין איינעם אַ פאַרטאָג, ווען ער האָט צוגעבערשטלט די פערד, זיך געסטאַרעט אַרויסרײַבן מיטן אײַזערנעם קאַם דעם שטויב פון זייערע רוקנס, האָט ער אַ קוק געטאָן אין זייערע ברויגעזלעך־פאַרכמורעטע אויגן, און ס'האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט:

— איר בענקט אויך אַהיים?

אין יענעם טאָג האָט זיך אים געאַרבעט באַזונדערס שווער, ער האָט קוים זיך דערשלעפּט אַהיים און נאָך מער איבערגעשראָקן זלאַטען, ווען ער האָט זי געבעטן אים אויסבעטן אַפן וואָגן. וואָסי? ס'איז אים זייער דושנע אין שטוב. אינדערעמעסן איז די דושנעקײַט געווען ניט מער ווי אַן אויסרייד, ער האָט פּאָשעט מוירע געהאַט פאַר זײַנע געדאַנקען, מוירע געהאַט, עס זאָל ווידער זיך עפּעס ניט אַרויסכאַפּן בײַ אים. פאַר די פערד איז ניט שרעקלעך, זיי וועלן צושווײַגן, אָבער זלאַטע טאָר אַזוינס ניט הערן, זי טאָר ניט וויסן, וואָס בײַ אים אַפן האַרצן טוט זיך.

אַ גאַנצע נאַכט איז מוישע־יאָסיע ניט געשלאָפן, געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אַפן אויסגעשטערנטן הימל. דער באַנאַכטיקער הימל האָט אויסגעזען פיל היימישער, קימאַט אַלע היגע שטערן זײַנען אים געווען באַקאַנט, און גראָד איבער דעם האָט די בענקעניש זיך

אזוי צעשפּילט אין אים, אַז ער איז גרייט געווען באַלד אײַנשפּאַנען די פערד און זיך אומ־קערן צוריק, פונוואַנען ער איז געקומען. נאָר וווּהין וועט ער פאָרן? מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער זיך באַווײַזן אין דאָרף, וואָס וועט ער זאָגן דעם ברודער אבֿא־שמואל, און וואָס וועט דער ברודער אים זאָגן? ער איז געלעגן און זיך פאַרגעשטעלט, ווי דאָס גאַנצע דאָרף וועט זיך צונויפלויפן אַף זײַן בייזוווּנדער און יעדערער וועט זיך סטאַרען זאָגן אַזוינס, עס זאָל אים אַ שטאָך טאָן. און דער שאָכן זײַנער, ביינעש דער ניט־פאַרגינער!.. אוי, ס'זאָל אַ רוצח אין זײַן טאַטן אַרײַן. איבער אים, איבער אים טאַקע...

מוישע־יאָסיע האָט זיך אַליין אויסגעזידלט. אַף וועמען בייזערט ער זיך, צו וועמען האָט ער טײַנעס? און וווּהין וועט ער קומען? די שטוב האָט ער פאַרקויפט, די ערד־נאַכלע איז שוין ניט זײַנע, און ער איז שוין אינגאַנצן ניט קיין דאָרפישער. מע האָט אים שוין געוויס אויסגעמעקט פון אַלע צעטלען. אַלע שטײַערן האָט ער שטענדיק געצאָלט צו דער צײַט, די ברויט־פאַרגרייטונג האָט ער אויך אויסגעפּילט צווישן די ערשטע. ס'איז אים ניט אָנגעשטאַ־נען זײַן צווישן די באַלעכויוועס, צווישן די אָנזעצערס, באַזונדערס צווישן אַזעלכע, וואָס מע פאַרשרײַבט אַף דער שוואַרצער ברעט: די, וואָס ברויט האָבן זיי אַ סאַך און די פּלענער פּילן זיי ניט אויס. איצט וואָלט ער געוואָלט זײַן פאַרשריבן אין סאַמע ערגסטן צעטל, אַפילו אַף דער שוואַרצער ברעט, אַבי זײַן פאַרשריבן דאָרטן, אין דער היים. ער וואָלט שוין יאַקאָס זיך פאַרענטפערט. און איצט וואָס? דאָרטן האָט מען אים אויסגעמעקט, דאָ איז ער אין ערגעץ ניט פאַרשריבן, סײַדן אין די רעשימעס פונעם סטאַראָסטע, דעם עלטסטן אַרטעלשטשיק. נאָר דאָס איז דאָך גאָרנישט ניט: יאָ פאַרשריבן, ניט פאַרשריבן. קומט גאָר אויס, אַז ער איז גאָר ווי אַ נאַוועגאַדניק, אַ היימלאָזער. ער, מוישע־יאָסיע!

נאָך אָט דער שווערער, שלאָפלאָזער נאַכט האָט ער שוין טאַקע קוים געשלעפּט די פּיס. די קני האָבן געהאַלטן אין איין ציטערן, כאָטש נעם און לייג זיך אַוועק אינמיטן וועג אָדער לעבן אָט דעם טעריקאָן, וועלכער סטאַרטשעט מיט זײַן שפּיציקער הייך, ווי אַ מאַציייווע. וואָס פאַר אַ מאַציייווע, וועלכע מאַציייווע? נו יאָ, דאָ ליגן דאָך באַגראָבן אַוואַדע עטלעכע גוטע דעסיאַטינעס ערד, אַף וועלכער ס'האָט געקאָנט וואַקסן דער בעסטער ווייץ. איז גיי, מוישע־יאָסיע, לייג זיך אויך אַוועק לעבן דער באַגראָבענער ערד!

אין אָוונט, ווען ער האָט דערזען אַף זלאַטעס פּנים עטלעכע פראַגן מיטאַמאָל, פון יענע פראַגן, וועלכע טאָרן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אַף אַ קאָל, האָט ער אַ דערשראָקענער אויס־געשריגן:

— שווײַג, זלאַטע, רעד ניט!..

נאָר רעד יאָ, רעד ניט, סײַווי איז דאָס אים נאָכגעגאַנגען, נאָכגעפאָלגט פוסטריט, ווו ער איז געגאַנגען און ווו ער איז געשטאַנען, האָט ער געזען פאַר זיך די אייגענע גאַס, די אייגענע ערד, דעם אייגענעם הימל. מער אין שטיבל איז ער שוין ניט געשלאָפן, געלעגן אָפן וואָגן און געפרוווט זיך פאָרשטעלן, ווי זעט איצט אַלץ אויס דאָרטן, אין דער היים. דער ווינטער־ווייץ האָט שוין געוויס אַרויסגעוואָרפן דעם זאַנג, און דער גערשטן... יאָ, באַם גערשטן האָבן שוין געוויס זיך באַוויזן די טרײַבעלעך. די קאַרטאָפל האָבן זיך אומעטום צעצוויטעט, און די גערטענער זיינען איצט ווי אין שניי... און די פּאַפּשוי... ניין, קיין קאַטשענעס זײַנען נאָך ניטאָ, נאָר די בלעטער דאַרפן שוין געוויס זײַן. אַזעלכע שטײַפע, אַזעלכע גראָבע און זײַנען אײַנ־געטונקען אין באַגינענדיקן טוי. און מעשונעדיקע כאַלוימעס. אין כאַלעם האָט אַלץ אויסגעזען קאַפּויר: דער הימל איז אַף דער ערד, און די ערד איז אָפן הימל. אַלץ וואַקסט מיט די וואָרצ־לען אַרויף און מיט די בלעטער אין דער ערד. און ער אַליין גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

האָט ער שוין מעקאַנע געווען די עמעסע שאַכטיאָרן. זיי לאָזן זיך דאָך אַפּאַנעמעסן יעדן גאַנצפרי אַראָפּ אין קאַפּאַקאַל, אין אַזאַ פינצטערער טיפקײַט, אַז אים איז דאָס שרעקלעך זיך פאָרשטעלן. און גאָרניט, יעדן גאַנצפרי קומען זיי זיך צונויף צו דער שאַכטע מונטערע, פריילעכע, מע פאַררייכערט אַ ציגאַרעט, מע וויצלט זיך, און מע קאָן מיינען, אַז קיינער טראַכט אַפילו ניט וועגן דעם, אַז באַלד וועט מען זיך אַראָפּלאָזן אין אַ פינצטערן טהאָם. און פאַר־נאַכט קומען זיי אַרויף פון דאָרטן אַזעלכע, אַז די שוואַרצע שיידים דאַרפן אויסזען לײַטישער. נאָר די אויגן בלישטשען, און ס'איז פאַראַן אין זיי אַ מידע האַנאָע אַף מעקאַנע צו זײַן. געוויס אַזאַ, ווי ס'פלעגט זײַן באַ אים, ווען ער האָט שפּעט אין אָוונט זיך אומגעקערט פון סטעפּ. געוויס פּילן זיי, אַז זיי טוען זייער זאַך. זיי טוען זיך זייערס, און ער ניט. ער איז דאָ ווי אַ זײַטיקער, אַן אונטערגעשטופּטער. גאַנץ מעגלעך, אַז אַן אַנדערער, אַ יינגערער, זײַן זעליקל, לעמאַשל, ווען עס קומט אים אויס, וואָלט זיך דאָ אײַנגעמאָסטעט. אָבער ער, מוישע־יאָסיע, ניט, ער קאָן ניט!

און עפשער וואָלט ער אויך אזוי געקאָנט, נאָר א ביסעלע שפּעטער? א מענטש ווערט דאָך צו אַלץ געוווינט. נאָר דאָס, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן אין איינעם א פּאַרנאַכט...

צווערשט האָט מוישע־יאָסיע אַליין געלאַכט פון זיך: פון איין אָרטעל אַרויס און אין דער אַנדערער אַרײַן. אַפּאָנעם, אז די גאַנצע וועלט באַשטייט איצט פון אָרטעלן. זייער אָרטעל איז געווען פון א באַזונדערן מין, אַן א קאָנטאָר, אָן א פּאַרוואַלטונג און אָן א פּאַרזיצער. קיין בוכהאַלטעריע איז אויך ניט געווען. דרײַסיק לײַט מיט זייערע וועגענער, פאַרשוינען ביז גאָר פאַרשיידענע: שטעטלשע באַלעגאָלעס, בערדיקע ייִדן מיט פּײַפּנדיקע בײַטשן און מיט אַזעלכע גרילצנדיקע קלאָלעס, וועלכע האָבן געקאָנט רירן פון אָרט די ערגסטע קליאַטשע; פאַרומערטע פויערים פון די נאָענטע און ווײַטערע דערפער, מיט בערד און אָן בערד, נאָר אַלע פאַראַקשנטע שווײַגערס. געווען אויך אַן אַלטער גריך און א יונגער דײַטש. יעדערער פון זיי האָט געטראָגן אין זיך עפּעס א פּאַרדראָס, עפּשער אַזאַ, ווי מוישע־יאָסיע, א סך, מעגלעך פיל אַן ערגערן, ווי באַ אים, און קיינער איז ניט געווען גענייגט צו רעדן וועגן דעם. געאַרבעט האָבן זיי שווער און ענערגיש, מיט א בייזער פאַרביסנקײַט, און די קאַרג־שאַפט האָט מאַמעש אַרויסגעשפּאַרט פון זיי. פאַר א גראָשן זײַנען זיי גרייט געווען דורעס זײַן איינער דעם אַנדערן. דער עלטסטער אָרטעלשטשיק, אַדער ווי אַנדערע האָבן אים גערופן, דער סטאַראָסטע, איז אויך געווען פון דעם מין, א ווערגעלעך מיט א טיפן שניט אויף דער רעכטער באַק, מיט א פּאָר אויסגעמושטרירטע פויסטן און שטענדיק שיקערלעכע אויגן. נאָר ער האָט, אַפּאָנעם, מער פון אַנדערע זיך אויסגעטויגט פאַר דעם אַיניען: געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער שאַכטע, געפירט דעם כעזשבן פון אַלע אַרבעטן, אַלע צוויי וואָכן באַקומען דאָס געלט פאַר דער אַרבעט און צעטיילט צווישן אַלע אַנדערע. מע האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז פון אָרנטלעכקײַט איז ער ווײַט, אז ער נעמט אַלעמאָל אַראָפּ פאַר זיך עפּעס איבעריקס. נאָר קיינער האָט זיך ניט געקלאָגט. פאַרדינט האָט מען סײַווי ניט שלעכט. און וואָס איז שײַך קלאָגן זיך?

נאָר יענעם פאַרנאַכט... דער ווערגעלעך האָט ווידער געבראַכט דעם לוין פאַר צוויי וואָכן און איז דאָס מאָל געווען א סך פרעכער, ווי פריִער. אַזוי פרעך, אז ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. נאָר וואָס? גאָרניט, מע האָט פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט א שוויַג. מוישע־יאָסיע אויך. נאָר איינער... גראָד פון יענע, וועלכע האָבן געשוויגן מער פון אַלע. פאַר דער גאַנצער צײַט האָט מוישע־יאָסיע בלויז זיך דערוווּסט, אז מע רופט אים יעגאָר טימאָפּייעוויטש, זײַן פאַמיליע איז געבליבן א סאָד, און מע האָט אויך ניט געקאָנט זאָגן, צי איז דאָס טאַקע זײַן עמעסער נאָמען, צי אַן אויסגעטראַכטער. באַם נאָמען האָט ער זיך געהאַלטן פעסט, נאָר מיטן דאָרף, פונוואַנען ער שטאַמט, איז געווען א פּלאָנטער: אַלעמאָל האָט ער אָנגערופן אַן אַנ־דער דאָרף. ער איז דאַפּקע געווען א מענטשל, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגן — ניט מיט קיין ברייטע פּלייצעס און ניט מיט קיין שטאַרקע פויסטן. אָבער לויט זײַן גענגעלע האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז פאַר א נויט קאָן ער געבן א פּאָר גוטע פּעטש.

איז אָט דער יעגאָר טימאָפּייעוויטש צוגעגאַנגען צום סטאַראָסטע און זיך אָנגערופן:

— הער נאָר, מיראָניטש, דו ביסט טאַקע אַן עמעסער כאַזער, נאָר מע דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן.

ס'איז שוין געווען היפּש פאַרנאַכטלעך, אַלע זײַנען געווען שטאַרק מיד, יעדערער האָט זיך געאײַלט, און יעגאָרס ווערטער, אַרויסגערעדטע ניט איבעריק הויך, האָבן אַפילע ניט אַלע געהערט. נאָר מיראָניטש אַליין, מיראָניטש האָט זיך צעשריגן אויפן פולן קאָל:

— וואָס, איר זײַנט מיך כוישעד? איר וועט עפּשער גיין זיך קלאָגן אויף מיר? איר מיינט, איך ווייס ניט? איר זײַנט אַלע באַלעגופים, מיט באַלעגופישע נעשאָמעס, נאַוועגאַדניקעס, בע־זשענצעס, צי דער רועך ווייסט ווער איר זײַנט. עפּשער שטאַלן אונטערגעצונדן, אַקטיוויסטן געהאַרגעט, נאָר איך מאַך דאָך א שוויַג...

עפּשער האָט דער יעגאָר טימאָפּייעוויטש זיך דערפילט געטראָפן מער פון אַנדערע, מעג־לעך אויך דערפאַר, וואָס ער האָט עס אָנגעהויבן. האָט ער אים דערלאַנגט א זעץ מיטן פויסט אונטער דער נאָז. מיראָניטש איז אומגעפאַלן, נאָר גלײַך זיך אויפגעהויבן, א וויש געטאָן מיט דער האַנט דאָס פאַרבלוטיקטע פּאָנעם און זיך צערעוועט:

— באַנדיטן! בעזשענצעס! פאַר א קאָפּעקע! איך וועל אײַך ווײַזן!..

וואָס דערנאָך איז געשען, ווייסט שוין ניט מוישע־יאָסיע, ער האָט אָפּגיך זיך אַרופגע־כאַפּט אויף זײַן פורל, א שמיץ געטאָן די פערד, און דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט אים געקלונ־גען אין די אויערן:

— באַנדיטן, באַלעגופים, בעזשענצעס!..

ער, מוישע־יאָסיע, איז א באַלעגוף? ער איז דאָס אַנטלאָפן פון עמעצן?

אויס, מער וועט ער קיין טאָג ניט זײַן, ער וויל מער ניט האָבן צו טאָן מיט דער אָרטעל, ניט מיט יעגאָרן און ניט מיט מיראָניטשן. אהיים, אהיים, וואָס עס זאָל אַף אים דאַרט ניט וואַרטן — אהיים, טאַקע מאָרגן אהיים!.. נאָר ווי זאָגט מען דאָס זלאַטען, ווי דערקלערט מען איר, ווי גיט מען עס איר צו פאַרשטיין?

וואָס האָט זלאַטע דערזען אַף אים אַזוינס, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. נו, יאָ. ער האָט געציטערט. אַלץ אין אים געציטערט, ס'האָט אים געמאַרדעוועט, ווי אין אַ קאַדאַכעס, און ער האָט אַפילו ניט געקאָנט אָפּבײַסן אַ שטיקל ברויט.

— אָבער זאָג שוין! — האָט זי געבעטן. — זאָג, וואָס איז מיט דיר?

— פאַרשטייסט, זלאַטע, איך האָב מוירע...

— פאַר וועמען האָסטו מוירע?

— איך האָב מוירע, איך וועל פון זינען אַראָפּ. עפּעס זע איך אַזעלכע כאַלוימעס...

— וואָס פאַרא כאַלוימעס, ווײַ איז מיר, וואָס פאַרא בייזע כאַלוימעס?

— פאַרשטייסט, זלאַטע, אַלץ קאַפּויר, אַלץ קאַפּויר. די גאַנצע וועלט קאַפּויר. און איך אַליין גיי מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

האָט זלאַטע אים אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ, צי איז ער, כאַלילע, ניט קראַנק געוואָרן, צי רעדט ער ניט פון היץ, און דערנאָך געזאָגט קאַטעגאָריש, ווי מע טראָגט אַרויס אַ פּסאַק:

— מוישע־יאָסיע, מיר פאָרן!..

מוישע־יאָסיע איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. ער האָט געוואָלט דערווידערן זלאַטען, דערווײַזן איר, אַז זיי האָבן ניט וווהין צו פאָרן, אַז זיי האָבן איצט קיין היים ניט. נאָר זלאַטע האָט דאָך געזאָגט דאָס, וועגן וואָס ער האָט נאָרוואָס געטראַכט און וואָס ער האָט מוירע געהאַט אַרויסברענגען אַף דער צונג. האָט ער גלײַך אויסגעשריגן, ווי מוירע געהאַט, זי זאָל ניט כאַראַטע האָבן, ניט כאַפּן צוריק:

— יאָ, יאָ, זלאַטע, אהיים, אהיים! טאַקע שוין!..

געזאָגט און אַ פּיר געטאָן מיט דער צונג איבער די איבערגעטריקנטע ליפּן, ווי אַ לעק געטאָן די אייגענע ווערטער, געפּרווט, וואָס פאַר אַ טאַם זיי האָבן. זיי זײַנען אים, אַפּאַנעם, געפעלן געוואָרן, ווײַל ער איז מיטאמאָל געוואָרן שטאַרק אופגעלעבט:

— אָט, טאַקע שוין, זלאַטע. לאָמיר נאָר אַרומוואַשן און אָנשמירן דעם וואָגן.

ס'איז טאַקע אויסגעקומען, אַז קיין בילכערס האָבן זיי ניט, אַז זיי האָבן דאָ ביכלאַל מער קיין איניאָנים ניט. און טאַקע וואָס? פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעאַרבעט ביז הײַנט, האָט ער שוין אַלץ באַקומען. און הײַנטיקער טאָג? מיילע, זאָל דער ווערגעלעץ זיך וואַרגן מיט דעם. זוכן וועט אים אַוודע קיינער ניט. מיראָניטש וועט אַ קוק טאָן, אַז ער איז ניטאָ איין טאָג, אַ צווייטן, וועט ער אים אויסמעקן פון זײַן צעטל, און שוין. —

זלאַטע האָט געשלעפּט וואַסער פון דער טיפער קרענעצע, און מוישע־יאָסיע האָט באַגאָסן דעם וואָגן, יעדער שפּאַרונקעלע און געריבן מיט אַ קוואַטש יעדעס ברעטעלע, געריבן מיט אַלע קויכעס, געסטאַרעט זיך אַראָפּרײַבן פון אים ביזן לעצטן שטויבעלע, עס זאָל ווי פריער אַ גלאַנץ טאָן די גרינע פאַרב און עס זאָלן אַ שײַן טאָן די רויטע קווייטעלעך. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו די פערד, זיי זאָלן אויך דערפילן, אַז מע פאָרט אהיים, באַגאָסן מיט וואַסער, געריבן מיטן קאַם און געגעבן זיי אָן איבעריק ביסל האָבער, זיי זאָלן האָבן קויעך נאָך אַ קורצן אָפּרו, טאַקע הײַנט באַנאַכט, זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

מיט דער זעלבער אײַלעניש, מיט דעם זעלבן אומגעדולד, ווי אין יענער רעגנדיקער נאַכט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, האָבן זיי אײַנגעפּאַקעוועט זייער ביסל האָב־און־גוטס, אײַנגעשפּאַנט די פערד, צוגעבונדן די קו צום וואָגן, זיך אָפּגעזעגנט מיטן באַלעבאָס פונעם שטיבל און אַרום האַלבער נאַכט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. געזעגענען זיך מיט די שכיינים, מיט די שאַכטיאָרן, וועלכע גייען יעדן באַגינען אַרויס צו דער שאַכטע, מיט זייערע פרויען, וועלכע קומען יעדן גאַנצפרי צו זיי נאָך מילך, זײַנען זיי פּאַשעט ניט געוואָרן באַקויעך. פאַר די אַלע, פאַר וועמען די צעגראָבענע, פאַרשטויבטע און פאַרייכערטע דאָניעצער ערד מיט די שאַכטעס און טעריקאָנען איז געוואָרן זייער היים, האָט מוישע־יאָסיע זיך געפילט אַ ביסל שולדיק. און ניט אַזוי שולדיק, ווי פּאַשעט זיך געשעמט: ווי וועט ער דאָס דערקלערן, מיט וואָס זיך פאַרענטפערן? סײַווי וועלן זיי ניט פאַרשטיין און וועלן אים געוויס פאַרורטיילן. גיי דערצייל זיי וועגן דער בענקעניש און דער הריזעניש, וועגן נארישע כאַלוימעס און נארישע צעטלען. נו יאָ, יעדער מענטש דאַרף זײַן פאַרשריבן אין לײַטישע צעטלען...

די נאַכט איז געוואָרן אַ זומערדיק־אויסגעשטערנטע, און די קילקײַט אָן איבעראַשנדיקע. פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט ער האָט זיך דאָ באַזעצט, האָט מוישע־יאָסיע ניט געפילט אַזאַ מעכײַעדיקע, אַזאַ אָפּפרישנדיקע קילקײַט פון די היגע נעכט. זי איז געגאַנגען פון אומעטום:

פונעם נאָענטן סטעפּ, פונעם ניט ווײַטן יאַם און פון די ווײַטע שטערן. ער האָט זי מאַמעש געשלונגען, געפּילט, ווי מיט יעדן שלונג עטעמט זיך אים גרינגער און עס נעמט אים דורך אַ פרײדיקע מונטערקײַט. די פערד, אויך דערפילט, אַז זיי האָבן פאַרקערעוועט מיטן וועג אַהיים, האָבן גרינג אונטערגעטיאַפּקעט, געפּרוּווט אַפילע אַ לויף טאָן, און מוישע־יאָסיע האָט אַלעמאָל געדאַרפט אַ צי טאָן די לייצעס, ווײַל פון הינטן איז געווען צוגעבונדן די קו און איבעריק יאָגן האָט מען ניט געקאָנט. דער וואָגן, אַ ריין אויסגעוואַשענער, אַ גוט אָנגע־שמירטער, האָט געבליאַסקעט קעגן די שטערן מיט זײַן גרינער פאַרב און רויטע קווייטעלעך, שטיל צוגעקלונגען מיט אַ דין, ריין קעלכל, ווי אויסגעזונגען אַ לידעלע, אַ פריילעך לי־דעלע, וואָס מוישע־יאָסיע האָט שוין ניט געהערט ווער ווייסט ווי פיל טעג און נעכט.

נאָר זלאַטע... אַן אויסגעצערטע, ביז גאָר אַן אויסגעשמאַכטע פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט איבערגעהאָרעוועט, איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט פאַר די שווערע צוויי כאָדאָ־שים, האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט שטאַרק מיד. די קילע, אָפּפרישנדיקע לופט האָט זי ווי פאַרשיקערט, און ווי נאָר זיי האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אין וואָגן, האָט זי צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָף מוישע־יאָסיעס אַקסל און אָנגעהויבן דרעמלען.

ס'איז געווען אַ מאָדנער דרעמל. דער ערשטער געשמאַקער דרעמל פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן פון דער היים. און זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים: צי זאָל זי אים פאַרטרײַבן, צי זאָל ער זיך וואַקסן געזונטערהייט, שטיל גענעצן, אויס־ציִען און אײַנבייגן הענט און פיס און אײַנוויגן זי מיט אַ שטילן און קורצן אָטעם. זי האָט אים געגאַרט, דעם דרעמל, און געהאַלטן בײַסמײַסע, אַז ער איז ניט צו דער צײַט. זי דאַרף דאָך ערשט איצט רויִק באַטראַכטן, וואָס עס וואַרט אָף זיי און וואָס עס שטייט זיי פאָר. זי האָט זיך שוין געזען צווישן אירע אַמאָליקע שכיינים, מיט וועמען אַמאָל זיך געליובעט און אַמאָל זיך געקריגט, געזען איר אייגענעם גאָרטן מיט צעצוויטעטע קאַרטאָפל און זונרויזן, די טאָלאָקע און דעם סטאַוואָק, ווּהין די טשערעדע איז זיך צונויפגעגאַנגען צו האַלבן טאָג און ווּהין זי האָט זיך שטענדיק געײַלט אויסמעלקן די קו. זי האָט שוין אַליין ניט געוווּסט, צי דאָס טראַכט זי אַזוי, מאָלט אויס פאַר זיך אַליין די פאַרבאָר־גענע טרוימען, צי עס כאָלעמט זיך איר. און פונוואַנען האָט פּלוצעם זיך גענומען אָט דאָס פּרעסעניש, אָט די שרעק? עפּעס האָט אַ טרייסל געטאָן דעם וואָגן, און זי איז מיטאַמאָל וואַכנדיק געוואָרן, ביז גאָר וואַכנדיק און אויסגעניכטערט פונעם שרעקלעכן געדאַנק, אַז קיין גאָרטן האָבן זיי ניט, קיין שטוב אויך ניט, די פריִערדיקע שכיינים זײַנען שוין איצט קיין שכיינים ניט, און ווער ווייסט... איר האָט זיך געדוכט, אַז זיי פאָרן שוין לאַנג, זייער לאַנג, ווער ווייסט וויפל, און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— מיר וועלן פאַרפאָרן קיין פּעטריקאָווקע?

— ביז פּעטריקאָווקע איז נאָך ווײַט!..

— אָבער מיר וועלן פאַרפאָרן?

איז שוין מוישע־יאָסיע ווי בייז געוואָרן:

— פאַרוואָס דאַרפן מיר גאָר פאַרפאָרן קיין פּעטריקאָווקע?

— איך ווייס? די קו זאָל אָפּרוען, די פערד אונטערהאָדעווען...

— אויך מיר אַ דײַגע! וואָסי, ס'איז דען ווינטער, צי ס'גיסט אַ רעגן? מיר וועלן געפינען ווו אונטערהאָדעווען די פערד. אַזאַ סטעפּ! טו אַ קוק.

ער האָט ניט געוואָלט זיך מודיע זײַן, אַז קיין פּעטריקאָווקע קאָן ער ניט פאַרפאָרן. ס'איז אים פּאַשעט אַ בּיזאָיען. ווי וועט ער קוקן זאַכאַרן אין די אויגן? ער איז דאָך געווען גערעכט, זאַכאַר. אוי, ווי גערעכט! ווי האָט ער עס דאַן געזאָגט, זאַכאַר? אַ פּויער דאַרף באַאַרבעטן די ערד, און אַ קוילנגרעבער דאַרף גראָבן קוילן. יעדערער דאַרף טאָן זײַן זאַך. ע, ווען ער זאָל דאָס געווען פאַרשטיין אַ ביסעלע פריִער!

און ווי ער האָט דערנאָך ניט געסטאַרעט זיך פאַרטרײַבן די דערינערונגען וועגן יענער נאַכט און וועגן זײַן שמועס מיט זאַכאַרן, זײַנען זיי אַלעמאָל אַרויסגעקראָכן פון אַן אַנדער ווינקעלע, ווי דער גאַנצער באַנאַכטיקער סטעפּ וואָלט געהאַלטן אין איין שושקען זיך וועגן דעם — אַמאָל מיט מיטגעפיל, נאָר אָפטער מיט אַ שאָדנפרייד, וועלכע האָט געוואָרגן אין האַלדז און אײַנמיטן דער קילער נאַכט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכער דאָרשט.

נאָך די ערשטע און סאַמע שווערסטע דרײַסיק קילאָמעטער איבערן פאַרעגנטן, צעקוואַ־סעטן סטעפּ האָבן זיי, איבערגעפרוירענע, איבערגעמאַטערטע, דורכגענעצטע ביז די ביינער, קוים זיך דערקליבן טאַקע קיין פּעטריקאָווקע און פאַרפאָרן צו זאַכאַרן. אײַנגעשטאַט דעם וואָגן אין דער קלוניע, אַרײַנגעפירט די פערד און די קו אין דער שטאַל, האָבן זיי אָפּגיך אַראָפּגענומען פון זיך די דורכגענעצטע בגאָדים, אַרופגעוואָרפן אָף זיך דאָס, וואָס זאַכאַר האָט

ארויסגעקראָגן פונעם היפש טיפן, האַלב-ליידיקן קאַסטן, און טייקעף זיך צוגעזעצט צום טיש, אַף וועלכן ס'איז שוין געשטאַנען א פולע מאַקרעטע מיט קאַרטאָפּל און א שיסל זײַעכץ. די זאַכאַריכע, ווי זלאַטע האָט גערופן מאַרינען, האָט אפילע דערלויבט דעם מאַן אויסטרינקען מיט די געסט צו קעלישעקלעך בראַנפן.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, און דורך די פאַרעגנטע פענצטערלעך, פאַרשווומענע מיט קויטיקלעכע שטראָמען, האָט אַרײַנגעקוקט א גרויער פאַרנעפּלטער באַגינען. מוישע-יאָסיע האָט זיך געהאַלטן פעסטער, נאָר זלאַטע האָט מיטאַמאָל דערפילט אַלע גרוילן פון דער מאַבלדיקער נאַכט, אין וועלכער זי האָט אַזוי ניט באַטראַכט, אַזוי נאַריש דערטרונקען אַלץ, וואָס עס האָט זיי דערהאַלטן באַם לעבן. ס'האָבן נישט געהאָלפן ניט די הייסע קאַרטאָפּל, ניט דאָס ביסעלע בראַנפן, מאַרינע האָט געמוזט אויסבעטן זלאַטען אַף דער נאָך וואַרעמער לע-זשאַנקע און אײַנדעקן זי מיט א פּאָר פּעלצן.

מוישע-יאָסיען האָט אויך היפש אונטערגעוואָרפן, נאָר ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דאָס גייט אים ניט אָן. ער האָט פלײַסיק געקײַט די הייסע קאַרטאָפּל, מיט איבערגעטרי-בענער האַנאָע געבלאָזן אַף זיי און אַלעמאָל, ווי אויך פון טײַנעג, געקוועטשט דאָס אָנגע-ווייקטע בערדל, פון וועלכן ס'האָט געטריפט אַפן טיש גראָבע טראָפּנס.

זאַכאַר האָט שווײַגנדיק באַטראַכט מוישע-יאָסיען מיט א געפיל, וואָס אים אַליין איז שווער געווען צו דערקלערן, נאָר פרעגן האָט ער ניט געוואַגט. אַז א מענטש לאָזט זיך אין אַזא געוויטער, אין אַזא שלאַקסרעגן אין א ווײַטן וועג, האָט געוויס געדאַרפט עפּעס טרעפן. געווען איז זאַכאַר אַף דרײַ יאָר עלטער פון מוישע-יאָסיען, די פרײַנטשאַפט זייערע האָט צוערשט זיך אָנגעהויבן מיטן עלטערן ברודער, מיט אַבע-שמועלן, וועלכער איז געווען מיט זאַכאַרן קימאַט אין די זעלבע יאָרן, אויך אַזא געזעצטער, מיט דער זעלבער טעווע אַרײַנ-טראַכטן זיך אין יעדער זאַך און געפינען פאַר דעם א טיפערן פּשט. זאַכאַר איז געווען הע-כער פון מוישע-יאָסיען און האָט אויסגעזען מאָגערער, און אין זײַן שמאָל, לענגלעך בערדל האָבן פון ביידע זײַטן ארויסגעקוקט גראָווע פּאַסיקלעך. וואָלטן זיי ביידע געווען אַזוי אָפּגע-שוויגן די עטלעכע שאָ, נאָר גראָד מוישע-יאָסיע... דאָס האָט ער אַליין פאַרפירט דעם ניט-אײַנגענעמענעם שמועס:

— עפּעס איז באַ דיר אַזוי געראַם געוואָרן אומעטום, זאַכאַר, און אַזוי פּוסטלעך...

— ווייסט ניט? אוועקגעפירט אַלץ אַהין, אין קאָלווירט...

— ווער האָט עס דיך אַזוי געיאָגט?

— ווער האָט עס מיך געדאַרפט יאָגן? די צײַט אַליין...

מוישע-יאָסיען איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זאַכאַר רעדט מיט רעמאָזימלעך, ווי זײַן ברודער אַבע-שמועל.

— וואָס פאַר א שײַכעס האָט אָהער די צײַט?

— די צײַט, ברודערקע, די צײַט איז אַזא בריָע... מע דאַרף זי פאַרשטיין, די צײַט, מע טאָר אין איר קיין טאָעס ניט האָבן...

ווידער אַבע-שמועלס ווערטער. האָט עס שוין ביז גאָר צערייצט מוישע-יאָסיען:

— און דו האָסט זי אַזוי גוט פאַרשטאַנען, די צײַט?

זאַכאַר האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, וואָס האָט עס אַזוי געיאָגט מוישע-יאָסיען אין אַזא געוויטער. איז אַוודאי ניט איצט געווען די צײַט צו קריגן זיך.

— איך ווייס ניט, — האָט ער אָפּגעענטפערט געלאַסן, — נאָר מיר דוכט זיך...

— אַלעמען דוכט זיך! אַלעמען דוכט זיך, אַז אין קאָלווירט וועלן די קוילעטשן אַליין פליִען גלײַך אין מויל אַרײַן. מײַן ברודער אַבע-שמועל אויך...

— קיינעם דוכט זיך ניט, נאָר די ערד... די ערד דאַרף פאַרזייט ווערן, דאָס ברויט דאַרף אויסגעבאַוועט ווערן. אָט פאַרסטו אוועק, און ווער וועט דײַן ערד באַאַרבעטן?

— זאָל דער קאָלווירט דײַגענען, ס'איז איצט זײַן ערד.

— עך, מוישע און יאָסיע... — זאַכאַר האָט אפילע א שמייכל געטאָן. — אַזעלכע צוויי קלוגע נעמען אינײנעם... אָט פאָרסטו אין דער וועלט אַרײַן, וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? דײַן זאַך איז דאָך די ערד, ביסט דאָך א פּויער, אַן ערדאַרבעטער...

— וויל איך מער ניט, — שרײַט אויס מוישע-יאָסיע. — איך וויל מער ניט זײַן קיין פּויער!

— עט... — זאַכאַר סטאַרעט זיך רעדן שטילער. — מאַלע וואָס א מענטש וויל צי וויל ניט. עס דוכט זיך נאָר. אפילע א בוים, אַז מע פלאַנצט אים איבער, נעמט זיך ניט אומעטום אָן. און א מענטש... א מענטש האָט דאָך, כוץ אַלעמען, א באַרוף. פאַרשטייסט, יעדערער דאַרף טאָן זײַן זאַך. דער פּויער דאַרף באַאַרבעטן די ערד, און דער קוילנגרעבער דאַרף דערביוווען קוילן.

מוישע־יאָסיע האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אויפן פאַרעגנטן דרויסן, און כאַטש מע האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דער רעגן וועט נאָך גיסן און גיסן, האָט ער, אין אַנגעדראָדלטער, געגומען ווען זלאטען:

— היידא, מירן גיין איינשפּאַנען...

— וואָס איז די איילעניש? — איז זאכאר געבליבן דערשטוינט. — עס רעגנט דאָך.

— געגוג פונמיינטוועגן מיין ברודער אבע־שמועל, זיין מוסער און זיין קלוגשאַפט... — ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט ארויסזאָגן, זייער שטעכיקס, נאָר געזאָגט גאָר אַנדערש:

— עס קאָן אזוי גיסן נאָך אַ גאַנצן מעסלעס, און מיר דאַרפן פאָרן.

און פונקט אזוי, ווי נעכטן אין אָוונט, האָט ער אין איילעניש ארויסגעפירט דעם וואָגן פון דער קלוניע, איינגעשפּאַנט די פערד, איינגעמאָסטעט זלאטען, וועלכע האָט ניט באוויזן ווי געהעריק זיך אָנוואָרעמען, און אַ פּאַכע געטאָן מיט דער בייטש. אַפּזיצן אַזאַ לאַנגן טאָג בא זאכארן האָט ער פּאַשעט מוירע געהאַט, עס איז אים אָן דעם אויך געווען שווער אויפן הארצן.

— נו, זיי געזונט, האָב קיין פאַריבל ניט, — האָט ער שטיל ארויסגערעדט.

— פאָרט געזונטערהייט, — און זאכאר האָט אים דערלאַנגט די האַנט. — זאָל גאָט געבן, איר זאָלט קיין כאַראָטע ניט האָבן.

די נאַכט האָט זיך געצויגן איבער די אָפּגעקילטע וועגן, אויף וועלכע דער שטויב האָט באוויזן אָפּזעצן זיך. אַלעמאָל איז עפּעס אַ שאָטנדל ארויסגעשפּרונגען אויפן וועג, איבערגע־קריצט זיך מיט אַ צווייטן שאָטנדל, אַ ווײַלע ווי געשלאָגן זיך איינס מיטן אַנדערן און ווי־דער ניט געסטייעט. אַמאָל איז אויפן וועג ארויסגעלאָפן ניט קיין שאָטנדל, נאָר עפּעס אַ לעבע־דיקס, פון יענע באשעפענישן, וואָס האַלטן זיך אויף צווישן די ווייצן און גערשטנס און נאָר באַנאַכט דערלויבן זיי זיך אַ שפּאַציר איבער די וועגן, — אַ העזל צי אַ סוסליק, מעגלעך אפילע אַ פּיקסל אָדער אַ יאַשטשערקע. מוישע־יאָסיע קען זיי גוט, אָט די בריעס. אַלע יאָרן זיי־נען זיי אים געלעגן אין די ביינער. נאָר איצט האָט ער גאָר ווי זיך דערפרייט מיט זיי און איז גרייט געווען מיט זיי פאַרפירן אַ שמועס, ווי מיט אַלטע גוטעפריינט.

— דאָס בין איך, מוישע־יאָסיע, וואָס זשע, איר דערקענט מיך ניט?

אַלץ ארום איז געווען איינגעוויקלט מיט נאַכט, מיט רו, מיט דרעמלענדיקער סוידעס־פולקייט, און ס'איז שווער געווען אונטערשיידן אַ העזל פון אַ פּיקסל. נאָך מער, ס'איז אים אפילע שווער געווען אונטערשיידן דעם ווייץ פונעם גערשטן. באַטאָג וואָלט ער אַלץ דער־קענט פאַר אַ מייל: דעם ווייץ, וועמעס גרינקייט זעט אויס ווי באַגילדעט, דעם האָבער, וואָס ווערט יונגערהייט גרוי, און דעם גערשטן מיט זיין עטוואָס בלייכן גלאַנץ. די נאַכט האָט אָבער אַלץ איבערגעפאַרבט אין איין טונקל־גרינער פאַרב. אונטערשיידן דעם ווייץ פון דעם האָבער האָט מען געקאָנט סיידן לויט זייער וווקס און דערביי זיך אָפּשטעלן, אראָפּקריכן פונעם וואָגן, אריינגיין אין פעלד און אַ נעם טאָן אין די הענט די זאַנגען. נאָר אָפּשטעלן זיך האָט מוישע־יאָסיען קיין מוט ניט געסטייעט, ער האָט פּאַשעט זיך געשעמט. און אויב זאָגן דעם גאַנצן עמעס, האָט ער זיך געפילט שולדיק פאַרן ווייץ מיטן גערשטן, וואָס ער, דער פּאַטאָמסטוווּנער פויער, וועמענס עלטערזיידע איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק באַטראָטן דעם נאָך ווילדן סטעפּ, דורכגעלייגט די ערשטע באַראָזנע צווישן די געדיכטע און הויכע גראָזן, אוועקגעשטעלט דאָ די ערשטע זעמליאַנקעס, אויסגע־גראָבן די ערשטע קרענעצעס און פאַרפלאַנצט די ערשטע ביימלעך. מוישע־יאָסיע האָט זיך געפילט שולדיק פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָזט דעם סטעפּ סאַמע ערעוו דעם פאַרזיי און אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אָן אים. און אַלץ ארום, וואָס וואַקסט, וואָס צוויטעט און וואָס הייבט אָן רייף ווערן, איז ניט זיינס. אפילע פונעם ביסל מעבל זייערס איז גאָרנישט ניט געבליבן — קימאַט אַלץ האָט זיך צעשאָטן נאָך פריער, ווען זיי האָבן זיך געריכט פון אָרט, און דאָס שאַפּקעלע מיטן טישל האָבן זיך צעשאָטן איצט, ווען זיי האָבן ווידער געגומען פּאַ־קעווען זיך. גרינגע פאַרשווינענן! דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך יאָ פאַרהיט, איז דאָס קופּערנע קווערטל, אַ פּאָר עמער און דאָס שמאַלינקע באַנקבעטל. דאָס באַנקבעטל האָט זיך ארויסגע־וויזן פאַר אַ גיבער, עפּעס גאָר ווי פון אייזן. איצט וועט עס עפּשער ווידער דאַרפן ווערן אָן אָנהייב פון אַ ניי לעבן.

זלאַטע שווייגט, זלאַטע זאָגט גאָרנישט ניט, זלאַטען איז איצט ליב אַלץ, ווייל נאָך אַלע־מען קערן זיי זיך דאָך אום אַהיים. נאָר מוישע־יאָסיען הערט ניט אויף זיך דוכטן, אַז אויף איר איינגעפאַלענעם פּאָנעם, אין אירע איינגעשרומפּענע אויגן לייענט ער אַ שטומען פאַרוווּרף. און אַז ער פּרוווט אריינלייגן די אייגענע געדאַנקען אין זלאַטעס מויל, קלינגען זיי גאָר אזוי:

— צוליב וואָס געדאַרפט צעברעכן זיך, צוליב וואָס געדאַרפט צעשטערן די אייגענע נעסט? ווער און וואָס האָט אונדז געיאָגט פונעם אייגענעם דאָרף, פון דער אייגענער ערד? וואָס פאַרא גליקן האָבן מיר געזוכט אין אַ פרעמד אָרט, בײַ אַ פרעמדן אײַסעק? יעדערער דאַרף דאָך טאָן זײַן זאַך! איינער באַאַרבעט די ערד, אַ צווייטער דערבײַוועט קוילן...

הער נאָר, ס׳איז דען זלאַטע? ס׳איז דאָך זאַכאַרס און אַבאַ־שמועלס ווערטער!

— ווייסטו וואָס, זלאַטע, — רופט ער זיך אָן, — לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן. מירן קומען אַהיים, פאַרנעמען מיר באַלד אָן אָרט באַם סטאַוואָק און שטעלן זיך אַוועק מאַכן לאַמפּאַטש. ווי מיינסטו, מײַן גלעלערנטער ברודער וועט אויך פאַרקאַטשען די הויזן?

— און ווו וועלן מיר שטעלן די שטוב? ווו וועלן מיר נעמען אַ פרײַען פלאַץ מיט אַ גאָרטן?

אַזוי, דוכט זיך אים, פרעגט זלאַטע, און ער ענטפערט:

— ניט געזאָרגט, זלאַטע, אָרט וועט סטײַען.

נאָר דאָ קומט זלאַטעס סאַמע האַרבסטע קאַשע — וועגן קאַלווירט.

ענטפערט ער איר:

— מיטן קאַלווירט וועלן מיר זיך אָן אייצע געבן. לאָמיר נאָר אוועקשטעלן די שטוב. מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פון אַנדערע?

פון אָט די געדאַנקען ווערט מוישע־יאָסיע באַ זיך פעסטער, זיכערער, און ער הייבט אָן טראַכטן, אַז זײַן שולד איז גאָר ניט אַזוי גרויס. מאַלע וואָס, אַ מענטש האָט געהאַט אַ טאָעס. נו, איז ער גענוג געשטראָפט דערפאַר. דאָס גיט אים צו אַ ביסל מוט. ער שטעלט אָפּ די פערד, קריכט אַראָפּ פונעם וואָגן, גייט צו צום ראַנד פונעם פעלד און טוט אַ נעם אין די הענט עטלעכע זאַנגען. יאָ, ס׳איז ווייץ. ווייצענע זאַנגען מיט ווייכע, גליטשיקע הערעלעך, צווישן וועלכע עס הייבט ערשט אָן אויפקומען, אָנעמען זיך, אָנגיסן זיך מיט מילך דאָס קוו־מענדיקע קערנדל. מוישע־יאָסיע גלעט די זײַדענע הערעלעך און בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער וויל זיך אָנשמעקן, אָנטישען, ער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער וויל, און פאַרשטייט ניט, וואָס עס באַטײַט אָט די זיסלעכע וואַרעמקײַט, וועלכע האָט פּלוצעם אַ זעץ געטאָן פון טיף אינווייניק און איז גרייט אַרויסשפּרינגען פון די אויגן מיט אַ טרער. דערפילט, אַז זי האָט אָנגע־ווירן דעם אָנשפּאַר, האָט זלאַטע אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אַ פיר געטאָן מיט די אויגן, געוואָרן מיטאַמאָל וואַכנדיק:

מוישע־יאָסיע, ווו ביסטו ערגעץ, מוישע־יאָסיע?

— איך שטיי און קוק. עפּעס צו פרי האָט דער ווייץ אַרויסגעוואָרפן דעם זאַנג. דער סוכאָווײ זאָל, כאַלילע, ניט אַ בלאָז טאָן פאַר דער צײַט.

— פאַרוואָס צו פרי? — דערווידערט זלאַטע. — סאַמע צו דער צײַט. דו האָסט פּאַשעט ניט באַמערקט. אַז מע איז אַזאַ לאַנגע צײַט אָפּגעריסן פון דער ערד.

דעם גאַנצן מעהאַלעך האָט מוישע־יאָסיע אויסגעפּלאַנירט און פאַנאַנדערגעטיילט צווישן טאָג און נאַכט אַזוי, אַז אַהיים זאָל ער קומען שפּעט אין אָוונט, ווען דאָס דאָרף וועט שוין שלאָפן, ער זאָל אויסמײַדן ניט־געוווּנטשענע באַגעגענישן. דער כעזשבן איז געווען אַ ריכטי־קער, נאָר ווײַל ער און זלאַטע זײַנען געווען פול מיט אומגעדולד און אויך די פערד האָבן גאַנץ אָפּטער אָנגעהויבן אונטערטיאָפּקען, ווי עמעצער וואָלט זיי אונטערגעיאָגט, האָבן זיי דורכגעמאַכט די הונדערט קילאָמעטער אַ ביסל פריִער, ווי מוישע־יאָסיע האָט אויסגערעכנט. אין סוויאַטאָדכאָווקע, אַ ווערסט צען פון דער היים, זײַנען זיי פאַרפאָרן אין אַ הינטערגעסל, ווײַט פונעם ברייטן שליאַך, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעפּאַיעט די פערד און די קו, אַליין איבער־געכאַפּט און אָפּגערוט אַריבער אַ שאָ. און דאָך זײַנען זיי צוגעפאָרן צום אייגענעם דאָרף, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק און די פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן אָנגעהויבן ערשט אויסציִען זיך איבערן אײַנגעשטילטן סטעפּ.

— טו אַ קוק, מוישע־יאָסיע. אָט זעט מען שוין דעם פּלאַנטאַזש... און אָט דעם סטאַ־וואָק! — האָט זלאַטע אויסגעשריגן.

מוישע־יאָסיע האָט דאָס אויך געזען. ער האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווי נאָר ס׳האָבן זיך געענדיקט די ערדן פון סוויאַטאָדכאָווקע. און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן זייערע, נײַ־זלאַטאָ־פּאָליער, ער האָט געזוכט מיט די אויגן זײַן אייגענע דעסיאַטינע, וועלכע ליגט ערגעץ אינ־מיטן אָט דעם יאַראָווע קלין, וואָס האָט געדאַרפט פאַרזייט ווערן מיט גערשטן צי מיט זומער־ווייץ. אַלץ איז פאַרזייט געוואָרן אָן אים, און עס האָט אים איבעראַשט די דורכויסיקײַט, די פאַרגאַנצטקײַט פונעם גרויסן מאַסיוו, אַריבער צוויי הונדערט העקטאַר, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי איין אויסגוס, איין בלייכלעכע גרינקײַט, און דאָס האָט צוגעגעבן דעם גאַנצן אַרום, דעם הימל און דער ערד דעם זעלבן קאָליר. ס׳האָט אים אַ שטאָך געטאָן ערגעץ טיף

אינווייניק דערפון, א שטאָך געטאָן מיט א געפיל פון אייפער: מע איז זיך דאָ באַגאַנגען אָן אים, און קיינער דערמאָנט שוין אים אפילע ניט. געווען א מוישע־יאָסיע, און ניטאָ מוישע־יאָסיע. עלעהיי א מענטש שטאַרבט. די דאָזיקע פאַרגלײַכונג האָט שוין ארויסגערופן אַן אַנדער געפיל — א בייזן, א דראָענדיקן, א געפיל, וואָס קאָן הייסן: „ער וועט זיי נאָך ווײַזן, צי ער לעבט, צי ניט", א געפיל, וועלכן מע קאָן לינדערן נאָר מיט א קלאָלע, מיט א זידלוואָרט. און ער האָט זיך אפילע דערפרייט, דערזעענדיק צווישן דער בלייכער גרינקייַט פונעם גערשטן א כוצפעדיקע געלקייַט — געלע פלעקן, ווי אלטע לאַטעס אַף א נײַעם בעגעד.

— טו נאָר א קוק, זלאַטע, וואָס עס טוט זיך. סווירעפּע! אויך מיר באַלעבאַטים, ניט געקאָנט באַצייַטנס אויספּאָליען.

מוישע־יאָסיע האָט ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן וועגן די פאַרשיידענע איבערשטאַלטונגען, וואָס דער סטעפּ האָט דורכגעמאַכט אין אָט דעם שווערן, זייער שווערן פרילינג, די טיילעכצן און איבערטיילעכצן. נאָר פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט א מעגלעכקייַט אויסזידלען זיך, איז אים געוואָרן א ביסל גרינגער. האָט ער שוין רויִקער געקאָנט באַמערקן דעם פלאַנטאַזש לענגויס דעם דאָרף, דעם סטאַוואָק, וועלכער האָט ארויסגעגלאַנצט פונדערווייַטנס מיט זייַן פאַרנאַכטיקן גלאַנץ, און די טאָלאָקע, ווו דער פאַסטעך האָט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די טשערעדע, קעדיי זי אוועקטרייַבן אין דאָרף אַרייַן. מוישע־יאָסיע איז געזעסן אַפן וואָגן, דורכגענומען מיט עפּעס א פאָרכטיקער שטילקייַט, און אייַנגעזאַפּט אין זיך, געשלונגען מאַמעש אַלע באַקאַנטע, אייגענע רייכעס, נאָך וועלכע ער האָט זיך אַזוי אויסגעבענקט. אפילע דער שטויב, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּזעצן זיך און געשטיקט אין האַלדז, האָט אים אויך אויסגעזען ביז גאָר באַטאַמט.

די פערד האָבן, אַפּאָנעם, אויך דערפילט און דערקענט דאָס אייגענע, לאַנגאָניקע, אויסגעבענקטע, זיי האָבן מיטאַמאָל זיך צעהירזשעט אַזוי, ווי זיי האָבן ניט געהירזשעט קיין איין מאָל פאַר די לעצטע צוויי כאָדאָשים. געהירזשעט פריילעך, רופנדיק, און זייערע שטימען האָבן געקלונגען, ווי בײַ יונגע לאָשעקעס. זיי האָבן אַלעמאָל געפּרוווט א יאָג טאָן, זיך לאָזן אין גאַלאָפּ, און מוישע־יאָסיע האָט געדאַרפט די גאַנצע צייַט שטאַרק אָנציִען די לייצעס. די קו, וואָס איז די גאַנצע צייַט האַכנאָעדיק נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן, האָט אָנגעהויבן רייַסן זיך אַף רעכטס און אַף לינקס, און ווען זי האָט דערזען די טשערעדע, איז זי גאָר ווי פון זינען אַראָפּ, אָנגעהויבן אונטערטאַנצן, פאַריסן דעם עק און געצויגן דעם וואָגן אַף צוריק.

נאָר ווען זיי זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט פונעם דאָרף, דאָרטן, ווו דער וועג פאַרקערעוועט קיין הופּאָלאָווע, האָט מוישע־יאָסיע א ציִ געטאָן די לייצעס און פאַרקערעוועט אַף רעכטס.

— וווהין? — האָט זלאַטע אויסגעשריגן א דערשראָקענע.

— וואָס זשע ווילטסו, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל זיך צונויפלויפן אַף אונדזער ביזזווונדער? מירן פאַרפאָרן הינטערן פלאַנטאַזש און דאָרטן זיך אָפּשטעלן. און א ביסל שפּעטער, טאַקע העט שפּעטער...

— טו א קוק, וואָס מיט דער קו טוט זיך...

— אָט דאָס זאָג איך דאָך. גיי אַראָפּ און טרייַב זי אונטער.

אַזוי זײַנען זיי אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף פון גאָר אַן אַנדער זײַט. מוישע־יאָסיע איז געזעסן אַפן וואָגן און מיט בײדע הענט אײַנגעצויגן די לייצעס, זלאַטע איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן און אַלעמאָל געטאָרעט די קו באַם רוקן, ווי אונטערגעמונטערט זי. די פערד האָבן פריילעך צוגעהירזשעט, און די קו האָט שטיל געברעוועט, ווי אונטערגעכליפּעט, ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס האָט מען זי ניט געלאָזט צו דער אייגענער טשערעדע.

טיף הינטערן דאָרף, הארט לעבן פלאַנטאַזש, אין א זײַט פונעם וועג, וואָס פירט אין דאָרף אַרײַן, האָט מוישע־יאָסיע אויסגעשפּאַנט די פערד, צוגעבונדן זיי צו א בוים און זיי דערלאַנגט א קופּע פריש היי, וואָס ער האָט באַוויזן אָנשנײַדן אונטערוועגנס. זלאַטע האָט אויסגעמאָלקן די קו, ארויסגעקראָגן דאָס אַלטע, ריין־אויסגעריבענע קופּערנע קווערטל און אָנגעגאָסן מוישע־יאָסיען זײַן געוויינלעכע וועטשערע. דערנאָך זײַנען זיי ביידע געזעסן אַף דער ערד, און זלאַטע האָט צוגעקוקט, ווי מוישע־יאָסיע זופּט אַזוי געשמאַק די וואַרעמע מילך, קײַט דאָס היפּש צוגעטריקנטע ברויט און גיט אַלעמאָל זיך א קוויק אַף א קאָל מיט יענער אַמאָליקער קוויקעניש, ווען ער פלעגט קומען אין אָוונט פון סטעפּ. ארום האָט געשמעקט מיט אָן א שיר באַקאַנטן, מיט א סאַך רייצנדיקן, מיט ניט ווייניק פרעסנדיקן, און זלאַטע האָט ניט באַמערקט, ווי א פאָר טרערן האָבן א בלישטשע געטאָן אין אירע אויגן. באַמערקט האָט עס מוישע־יאָסיע און אָנגערופן זיך טרייסטנדיק:

— נו, איצט איז דאָס שוין אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך. איצט זײַנען מיר אין דער היים.

— איז עפּשער זאָל איך אַרויסגיין אַף יענער זײַט פּלאַנטאַזש? עס ווילט זיך אַ קוק טאָן. כאָטש מיט איין אויג.

— ניט געײַלט, זלאַטע, וועסט נאָך באַװײַזן אָנקוקן זיך. בעט דערוויַיל אויס אַפן הײ. לאָמיר כאַפּן אַ דרעמל...

קיין דרעמל האָט מוישע־יאָסיע, פאַרשטייט זיך, ניט געכאַפּט. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און אײַנגעקוקט זיך אינעם היגן הימל, וועלכער האָט אים אויסגעזען פּיל היימישער, ווי אומעטום. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן, און ער האָט זיך איבער־געוווּנקען מיט זיי, ווי מיט אַלטע באַקאַנטע. און ווען אַפן הימל האָט זיך באַוויזן די יונגע לעוואָנע, האָט מוישע־יאָסיע זיך גאָר דערפילט יאָמטעווודיק, ווי אַלע זײַניקע וואָלטן זיך צונויפגעקומען אַף אַ סימכע. ער האָט געקוקט אַפן הימל און זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים דאָ, אַף דער ערד. פונעם דאָרף האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון יענער אוּנטיקער אופגעלעבטקײַט, וואָס קומט פאָר דער קורצער זומערדיקער נאַכט. ערגעץ האָבן געדרינדזשעט עמער, ערגעץ האָט אַ האַק זיך אָראָפּגעלאָזט איבער אַ שײַטל האָלץ, אַ קינד האָט זיך צעוויינט פאַרן שלאָף, אַ פרוי האָט געשריגן פון איר הויף, זיך איבערגערופן מיט איר שכיינע, און דאָס ווינטעלע, וואָס האָט צערודעוועט די בלעטער פון די שיטערע ביימער, האָט דערטראָגן אַהער דעם רייעך פון אַ פרישׂ, נאָך וואַרעם, איבערגעבראָכן אַפּ־צווייען, לעבל ברויט. פון טורקענעווקער שליאַך האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג פון אַ שווער אָנגעלאָדענעם וואָגן, און איבערן גאַנצן דאָרף האָבן זיך צעקוואַקעט די זשאַבעס אַרום דעם סטאַוואָק. און וואָס איז דאָס פאַר אַ גרילצעניש? ווי קומט אינמיטן דער נאַכט אַזאַ גריל־צעניש? איז ער געלעגן, מוישע־יאָסיע, און געסטאַרעט זיך טרעפן די רעטעניש פון די נײַע באַנאַכטיקע שאָרעכן, וואָס ער הערט צום ערשטן מאָל. טראַקטאָרס. אָך, יאָ, די טראַקטאָרס. דאָס באַראָנעווען זיי אָדער קולטיווירן דעם פּאַר...

און גראַד אָט דאָס אומגעוויינלעכע גרילצעניש האָט אים אַרויסגעפירט פון זײַן סימכע־דיקײַט און אַרויסגערופן בײַ אים יענע אומרויִקע, דריקנדיקע געדאַנקען, וועלכע גיבן אַלע־מאָל אַ כאַפּ באַם האַרצן. ווײַל נאָך אַלעמען, ווייסט ער נאָך גאָרנישט ניט. ער ווייסט ניט, וואָס עס שטייט אים פאָר און וואָס עס וואַרט אַף אים. ער ווייסט, אייגנטלעך, ניט, צו וועמען איז ער געקומען און צו וועמען וועט ער צושטיין. צו די, וועלכע זײַנען אַרויס פונעם קאָל־ווירט, צי צו די, וועלכע זײַנען געבליבן. ער ווייסט ניט, ווי־אַזוי וועלן אים באַגעגענען זײַנע דאָרפסלײַט, וואָס עס וועט אים עפּעס זאָגן זײַן קלוגער ברודער און ווי עס וועט אַף אים אַ קוק טאָן מענאַשע, דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט. פון דעם דאָזיקן קוק הענגט דאָך אָפּ, צו וועלכן צאַד וועט מוישע־יאָסיע צושטיין: צו די פאַרבליבענע צי צו די אָוועקגעגאַנגענע. און וואָס איז דאָס פאַר אַ בריִע, דער נײַער פאָרזיצער פונעם דאָרפראַט, צי האָט ער אים שוין אינגאַנצן אויסגעמעקט פון די דאָרפישע צעטלען, צי איז ער נאָך ערגעץ פאַרבליבן?

איין זאַך האָט מוישע־יאָסיע געוווּסט אַף זיכער: ער איז בײַ זיך אַף דער אייגענער ערד. און וואָס ס'זאָל ניט געשען...

— נאָר וואָס דאַרף עפּעס געשען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן בײַ זיך און אַ קוק געטאָן אַף זלאַטען.

זלאַטע איז געלעגן אַפן פרישן הײ, אײַנגעדעקט מיט איר קורצן סעקל, און שטיל גע־עטעמט. זי איז אײַנגעשלאָפן, ווי נאָר זי האָט זיך צוגעלייגט, שטאַרק אָן איבערגעמאַטערטע פונעם שווערן וועג, פון די אַלע איבערטראַכטענישן און איבערלעבונגען, אײַנגעשלאָפן גע־וויס אויך מיטן געדאַנק, אַז ווי דאָס זאָל ניט זײַן און וואָס ס'זאָל ניט געשען, זײַנען זיי בײַ זיך אין דער היים.

— וואָס דאַרף עפּעס געשען? — האָט מוישע־יאָסיע ווידער אַרויסגערעדט, ווי טרייסטנ־דיק זלאַטען. — מיר זײַנען דאָך בײַ זיך אין דער היים. אָט וועסטו זען, אַ נײַע גאַס וועלן מיר אָנהייבן!



מישע מאַגילעוויטש *

אין זוניקע טעג

עס לויפט די צײַט

וווּ אַ ריכטער, ברענגט די צײַט איר
אורטייל,
אומפאַרמײַדלעך לויפן דורך די טעג,
ווי אַ כאַלעם, איז אוועק דער אורלויב,
ווי איין טאָג, דער כוידעש איז אוועק.
און צוריק אַהיים מע דאַרף זיך גרייטן,
ס'דאַרף איינגיכן אָנקומען דער צוג,
קומט פון וואַלד אַ פויגל מיך באַגלייטן
מיט אַ נײַעם ניגן אפן צונג.
און מיט בלויקײַט גיסט זיך אָן די ראָסע,
די קוקאווע שטיל די יאָרן ציילט,
ס'האָט מיך אָט דער וווּנדערלעכער אָסיען
מיט אַ וואַסער גאָטלעכן געהיילט.
און דער אָוונט העגנט איבערן טויער,
דאַרף מען צו דעם באַן איינגיכן גיין,
און די שקיע אין אַ העמדל בלויער
האַלט דאָס גאָלדענע פײַער אין די ציין.
אָט איז שוין די רעכטע צײַט געקומען,
שוין פאַרלאָזן דאַרף איך אונדזער הויז,
און דעם שאַכנס הינטל מיט אַ טומל,
ווי מיט מוסער, מיך באַגלייט אַרויס.
וואָס זשע, הינטל, האָסטו זיך צעהאַוקעט,
וואָס אוועק — זיך קערט ניט אום צוריק,
ס'איז די צײַט פון אַלעמען אונדז שטאַרקער,
גיי זיך אָף דײַן אָרט און רויִק ליג.
כ'פאָר, און עס באַגלייטן מיך די סאָסנעס,
די בערעזעס און דער גאַנצער וואַלד,
פּרעכטיק איז דער מירגאָראָדער אָסיען,
וואָס קיין פולן כוידעש איז ניט אַלט.

קינדער פון באַם

ניט ווײַט פון שטאָט בירעבידזשאַן,
אָט דאָרטן, ווו מע בויט דעם באַם,
מיט שטאַרקע הענט אי נעכט, אי טעג
אין טײַגע שנײַדט מען דורך אַ וועג.
מע קאַרטשעוועט די ביימער אויס,
דערנאָך מע שטעלט אוועק אַ הויז,
און ס'שמעקט מיט פעך, מיט פרישער ליים
די נײַע אויסגעבויטע היים.
און ניט אומזיסט לעם דעם כינגאַן
מע רופט אונדז „קינדער פונעם באַם".

היים מײַן נײַע, טינדאַ

כ'וווין אפן ווײַטן באַם, אין טינדאַ,
די שטאָט איז שיין, מײַן ערנוואָרט.
מיט נאָך אַזעלכע הונדערט קינדער
איך וווין דאָ אַנדערהאַלבן יאָר.
אַמאָל אַהער איז ניט דערגאַנגען
די זון פון הימל מיט איר ליכט,
און ס'פליגן צווײַגן, ווי די שלאַנגען,
פון פיכטעס פלעכטן זיך געדיכט.
לעם זומפן צעדערס די פּאַטלאַטע,
וואָס שטייען ביז די קני אין שליים, —
מע שנײַדט זיי אָפּ, פון קלעצער האַרטע
מע בויט דאָ אויס אַ נײַע היים.
די אַלטע וועלדער דורכגעגראָבן,
די העלע זון געבראַכט אַראָפּ,
דעם וועג פאַר אונדזער קינדער־גאָרטן
די ווילדע טײַגע טרעט דאָ אָפּ.
זיך גרויסט דאָס לאַנד מיט אונדזער בויונג,
זיך גרויסט מיט יעדערן פון אונדז,
און ס'לייגט אין טײַגע דורך דער בויער
אַ בריק אַזש ביז דער ווײַטער זון.

7—969

קינסטלער

יִסאָסכער=בער ריבאַק

דאָס יינגל מיטן קלעבל

א מיטיק אין פעלד



יידישע פויערים

פון דעם אלטן שטייגער

סקולפּטאָר פייסעך קריוואָרוצקי



פון דער סעריע פאָרטרעטן
פון יידישע שרייבער:

איציק פעפער.

שאָלעם־אליכעם

דער יוגאָסלאַווישער זינגער דזשאָרזשאַ מאַריאַנאָוויטש

העלד פון סאָציאַליסטישער מי נינע קאָזלאָווא
(ניי־פּעטערגאָפער זייגער־זאַוואָד)



עס קומען שפּערלעך אין סאַפּיסק

עס האָבן אין זומפּן סאַפּיסקער געווימלט
די פרעש און די שלאַנגען אין מאַך און אין שימל,
נאָר מענטשן עס זײַנען אהערצו געקומען,
געקאָרטשעט די טײַכע, פאַרפלאַנצט זי מיט בלומען.
ווו וועלף און ווו בערן עס האָבן געווינטערט,
עס גרינען די גראָזן און ס׳שפּילן זיך קינדער,
נאָר איינס האָט געפעלט דאָ אין זוניקע טעג —
א פויגלשער ווימל בא מענטשן אין וועג.
און ס׳האָט זיך דער ברויט־פירער סאַשע פאַרטראַכט
און האָט אַף זײַן ברויט־וואָגן שפּערלעך געבראַכט.
זיי האָבן די ברעקלעך פון כאַלע געפּיקט
און זײַנען געקומען אין יישעוו סאַפּיסק.
און ס׳פרייען זיך גרויסע, און ס׳פרייען זיך קינדער:
זיי האָבן אַף גאַסן שוין שפּערלעך אַצינדער.

דער ניגן

עס איז שטיל, אזוי שטיל, בלויז די בלעטער
אַף צווײַגן זיך וויגן,
און עס שפּילט דער קלאַוויר אַן אלטן, א ייִדישן ניגן.
און עס גיט מיך א טראַג, און עס רירט
מײַן נעשאָמע און וווּנדערט:
איך האָב דאָך פאַרשפּעטיקט צו דיר
אַף א גאַנצן יאָרהונדערט!
אוועק איז די צײַט. די יוגנט איז לאַנג שוין אנטרונען.
פונוואַנען זשע האָט זיך דאָס קוועלכל דאָס פרישע גענומען,
וואָס האָט אָנגעצונדן די נאַכטיקע שוואַרצקײַט
פון אָסיען
און האָט זיך פאַרלאָשן? עס לעשט זיך
אַף ביימער די ראָסע.
עס איז שטיל, אזוי שטיל, בלויז די בלעטער
אַף צווײַגן זיך וויגן,
און אלץ איז אוועק מיט דעם אלטן, דעם ייִדישן ניגן,
און אלץ איז פאַרבײַ, נאָר מײַן טרוים,
נאָר מײַן כאַלעם ז׳געבליבן,
און ס׳קושט מיך דער ווינט מיט די פײַכטע
מיט ווארעמע ליפּן.

רות לעווין

האָפֿענונג בייסן שוואַרצן פֿרילינג

(פראַגמענטן)

נאָרע און די פֿאַרגעשיכטע

— אלאָ, רות! א גרוס דיר פון נאָענטע ווײַטן!
איך האָב ניט דערקענט איר שטים.
— שאלאָם, — האָב איך מיט א געוויסער אײַנגעהאלטנקײַט געענטפערט.
— האָסט מײַן שטים ניט דערקענט, וואָס?
אין דעם מאָמענט האָב איך שוין געוווּסט.
— א, נאָרע, וואָס מאכסטו? ביסט אין לאנד? וואָס עפעס פלוצעם?
— שטעל דיך פאָר, עס טרעפט בא מיר אמאָל, ווי דו זעסט. כ׳בין געקומען אייערנעכטן. עס איז מיר געוועזן אָנגענעם. ווי זאָגט מען דאָרט, „ס׳איז מיר געוואָרן ווארעם אף דער נעשאָמע” פונעם געדאנק, וואָס ערשט אייערנעכטן איז זי געקומען צו פאָרן און האָט שוין מיר אָנגעקלונגען.
מיך האָט מען ניט איבעריקס געבאלעוועט מיט אזא אופמערקזאמקײַט, באזונדערס אין די לעצטע יאָרן.
— זייער גוט האָסטו געטאָן. — און בעעמעס, אין דעם מאָמענט האָב איך שוין ניט געהאט קיין פאריבל אף איר מאכמעס דעם, וואָס פאר די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך זעלטן־ווען געהערט וועגן איר, און זײַט אירע נעסיִעס האָט זי מיר קלאל אופגעהערט צו שרײַבן. אויך איך האָב א לאנגע צײַט געשוויגן.
— דו מיינסט דאָס בעעמעס? — ווײַזט אויס, זי האָט אין מײַנע ווערטער דערשפּירט א פאָרוואורף און זיך געפילט געטראָפן. איך האָב אף דעם רעאגירט מיט א געלעכטער. זי האָט אויך געלאכט. לאָמיר ניט מאכן קיינע אויספירן, מיר זײַנען דאָך ניט קיין קינדער און ניט אזוי טעמפּ. ווער רעדט נאָך, אז פרײַנט זײַנען פאראן ניט קיין סאך. כאָטש מיר האָבןביידע גענוג באקאנטע, דאָך זעלטן־ווער פון זיי קאָן אָנגערופן ווערן פרײַנט.
— וואָס מאכסטו? דערצייל וועגן זיך! — האָבן מיר אויסגערופן אין איין און דער זעלבער צײַט. און ווידער ביידע זיך צעלאכט. דאָס איז געווען פון דעם מין לאכן, וואָס מאכט היימיש און נאָענט.
און אויך די ענטפערס זײַנען געווען ענלעכע:
— מע לעבט.
— מע ציט די ליאמקע.
— ביסט געקומען אף לאנג?
זי האָט ניט געענטפערט. געלאכט. מיר האָבן ביידע געוווּסט, אז טאקע דאָס איז יענער שוך, וואָס קוועטשט איר.
— מיר דארפן זיך טרעפן און זיך דורכריידן וועגן אלץ.

— קום צו מיר, גוט?

— ניט צו דיר און ניט צו מיר. לאָמיר זיך טרעפן אף אן אינטימען אופן. איך האָב דיר וואָס צו דערציילן אויג אף אויג.

— איך האָף, אַז ס'איז גאָרניט געשען.

— עס איז דאפקע פיל געשען. טאָמיד טרעפט זיך עפּעס. איצט אָבער ביסט דו מיר פּאַשעט נייטיק, רוט, — דער „דו" איז דערבײַ געווען שטארק באַטאָנט.

איך בין איר נייטיק? עס האָט מיך געוווּנדערט און גלײַכצײַטיק געפרייט. הייסט עס, אַז ס'זײַנען נאָך פאראַנען ווערטן אף דער וועלט, און אין דער ערשטער ריי מענטשלעכע באַ־ציִונגען, וועלכע גייען ניט לעיבעד.

— גוט, נאָרע. וואָס זשע לייגסטו פאָר?

— לייג דו פאָר. איך וועל אָנעמען. כוץ דעם, בין איך וויי־ניקער פון דיר פארנומען. ווי זאָגט מען בא אונדז: מײַן צײַט איז אין מײַנע הענט.

— קום צו גיין אפן יאם־ברעג. ס'גייט?

אין די פריִערדיקע יאָרן האָבן מיר זיך פיל מאָל געטראָפן דאָרט, אין יענער קאפע.

...ביידע זײַנען מיר דעמלט געווען נײַנצניאָריקע, ביידע קאָמוניסטקעס, ווען אונדזערע שיפן האָבן געאַנקערט אין כײַפע, ביידע טעטיק צווישן דערוואַקסענע.

איך האָב אוודע באַדאַרפט דעמלט, אין א פּאַסיקן מאָמענט, זי א פרעג טאָן, צי האָט זי געגלייבט אין דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע גראַנדיִעזע פּלענער? און איך אַליין — איך האָב געגלייבט? איך מיין, אַז יאָ. נאָר, ס'דאכט מיר, איך האָב שוין דעמלט געפילט דאָס, וואָס איך האָב פיל שפּעטער פאַרשטאַנען: עפּעס וועט אונדז געלינגען אופטאָן, און, מעגלעך, אפילע עטוואָס וויכטיקס, אָבער קיינמאָל וועלן מיר פולשטענדיק ניט זײַן צופרידן מיט זיך אַליין. דאָס איז איבער אונדזערע קויכעס, העכער פון אונדזער ווילן. א דאָר א צעדרויבלטער מיט הערצער צעריסענע צווישן היימלענדער, לאַנדשאַפטן, שפּראַכן. און נאָרע האָט נאָך דערצו דעראָבערט א דריט היימלאַנד — פּאַריז...

די ערשטע צײַט האָבן מיר זיך ביידע מיט לײַב־און־לעבן אָפּגעגעבן אונדזער ארבעט, די לימודים, דער ווידערשפעניקייט. אָן קיין שום זײַטיקע געדאַנקען. צוויי צוואַנציקיאָריקע „זקיינעס", וואָס זעען אויס ווי פערציקיאָריקע.

„ווי א צווילינג". אָבער מיט פאַרשיידענע לעבנס־געשיכטעס. וועמען פון אונדז ביידן איז לײַכטער געווען אונטערצופירן דעם כעזשבן אינעם הארבסט פון אונדזער לעבן, אָדער — אויב זײַן פינקטלעכער — וועמען איז געווען שווערער?

די מישפּאָכעס — דער ערשטער דאָר פון דער יידישער אינטעליגענץ: געניג געבילדעט, דאָך ניט איבער דער מאָס. רעשטלעך פון אלטע טראַדיציעס מישן זיך איבער מיט נײַע, אָבער גיסן זיך ניט צונויף. צוערשט אין קלעם פון אנטיסעמיטיזם, נאָכדעם אף א קורצער צײַט דער ליכטשטראַל פון באַפרײַונג דורך די סאָוועטן, און דאַן די קינדהײַט אף די שווערע מילכאָמע־וועגן.

„ווי א צווילינג". איר פאָטער אָבער איז געווען א קאָמוניסט נאָך פון די „סטודענטישע" יאָרן. און זײַן דאָקטערײַ, ווי בא מײַן פאָטער די מאָלערײַ, איז געוועזן א טיטל, א פאַרנאָסע אין דאַכקעס און נויט.

„די וועלט האָט דאַן געהאלטן בא אײַנפאַלן, ניט עמעס?" — פלעגט זי אָפּטמאָל פרעגן און איך פלעג איר ענטפערן „יאָ". „שרעק האָט ארויסגעשפּאַרט פון יעדן ווינקל. פון יעדן וואָרט. פון יעדן טראָטואַר. דער טאַטע האָט געבעטן, איך זאָל ניט אוועקפאָרן. צוגעזאָגט א נײַ לעבן, א סאָציאַליסטיש. די מאַמע האָט געבעטן, איך זאָל פאַרזעצן די לימודים. גאָט אַליין ווייסט, צי האָבן מיר גוט אָדער שלעכט געטאָן, וואָס מיר האָבן זיך ניט אומגעקערט אין אונדזער שטאָט. מיר זײַנען אוועקגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט. קיין איין באַקענט הויז. קיין איין באַקענטער מענטש. און קאָשמאַרפולע געשיכטעס אף יעדן שריט: דאָ איז געווען די געטאָ, אף דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט מען אופגעזאַמלט די יידן צום טראַנספּאָרט. אפילע דאַן, ווען ס'האָט געשײַנט די זון, האָט זיך געדאכט, אַז דער רויך פאַרוויקלט אַלץ ארום".

און א צווייטן מאָל:

„און די עלנטקייט? אן אבסאָליוטע. זומער. 1946. עלנט אַליין. מיט די עלטערן פלעג איך באַזוכן זייערע פרײַנט. אין קינאָ אַליין. באַטאָג איז עס געווען. בייס איינעם פון די באַזוכן האָב איך זיך מיט אים געטראָפן. אן עלנטער יונגערמאַן. דער ערשטער. אַן אופטרייסלונג. ביז יענעם אָוונט בין איך געווען זיכער, אַז איך ווייס א סאַך, לייען א סאַך. זיך גוט געלערנט. דרײַ שפּראַכן, אײַנגעשלאָסן פראַנצויזיש, א געלעכטער מאַמעש. די מאַמע האָט זיך וועגן דעם געזאָרגט אפילע בייס דער מילכאָמע. זי אַליין האָט אונטעררײכטעט. איין ער. געקומען און האָט

אלץ אומגעוואָרפן מיט זײַנע רעדעס אף אלע געביטן פון קולטור, פילאָסאָפיע, פּאָליטיק. ער האָט אף מיר אויסגעגאָסן א מאבל פון נעמען — ווי קומט עס, האָסט גאָר ניט געהערט?.. — קאוטסקי, פראָיד, באַראַקאַוו, בעטהאָווען, מענדעלסאָן (ניט דער קאָמפּאָזיטאָר, נאָר יענער, פון דער האסקאָלע), דויִרעסדיקע זײַלן, אויטאָעמאַנסיפּאַציע, און איבערגעקערטע פּיראַמידע... איך האָב זיך געפילט צעבראָכן. א באַברילטער, א קענער, מיט צען יאָר עלטער פון מיר. דער ייִדישער קאָמוניזם פון האשאָמער־האצאיִר, און ער אין דער שפּיץ. האקלאַל, ער האָט זיך אײַנגעליבט, און איך אויך. עס איז דורך בלויז א יאָר, און איך האָב פאַרשטאַנען, אז איך האָב זיך אײַנגעליבט אין זײַן באַהאַוונטקײַט. אין מײַנע אמביציעס בין איך געוווען פאַרליבט. איך בין זיך אליין נימעס געוואָרן. ציפּערן — ווי קומט עס, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט ניט געטראָפן, רוט? — איז פאַר מיר געוואָרן א פריוואַטער אוניווערסיטעט. איך האָב מיט אופגעעפנטע אויגן א קוק געטאָן אף אלץ ארום מיר. און אויך אף אים... דעם סאָף ווייסטו".

יאָ. אין א פּאָר כאָדאָשים ארום, נאָך זייער קומען אין לאַנד, זײַנען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

און אירע עלטערן? זײַנען זיי געוווען מאסקים מיט זייער הייראַט, מיט דער נעסיִע? סאָף־קאָלסאָף איז זי דאָך געוווען א באַסיעכידע.

„ווער האָט דעמלט געפרעגט קאַשעס? כוץ דעם, איז דער טאַטע געוווען א ביסל צעבראָכן, א ביסל מיד. אלץ, וואָס האָט פריִער אויסגעזען וויכטיק און סטאַביל, איז אין די מילכאָמע־יאָרן אף אייביק פאַרלאָרן געגאַנגען. ער האָט זיך ניט געוווּרעט. זיך נאָר געבעטן. און די מאַמע, א פאַרלאָרענע, א מאַכטלאָזע נאָך דעם אומקום פון צוויי אירע ברידער. קיין זייכער איז פון זיי ניט געבליבן. אפילע אין דער ערד".

א צווייטן מאָל, א ביסל שפּעטער:

„אגעוו, ביז הײַנטיקן טאָג קען איך ניט באַשטימען, וואָס איז בעסער: אנטלויפן פון דער דאַזיקער מיט בלוט אָנגעזעטיקטער און שטומער ערד אָדער בלײַבן דאָ. פּרוּוון זי צווינגען, זי זאָל געבן לאָשן: ווו זײַנען די קוואָרים? ווו? פיל אזוינע, ווי איך און דו, האָבן אויסגעקליבן דאָס ערשטע. איז עס גוט אָדער שלעכט?.. קעדיי א ביסל שפּעטער צו פאַרגעסן דאָס בלוט און די שטומע ערד און זיך דערמאָנען אין דעם לינדנבוים, וואָס אינעם שול־הויף, אין די קופּערנע בלעטערפאַלן, אין דעם ערשטן שניי, אין דער באָבען, וואָס ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל אוועקלייגן כאָטש איין בלימל אף איר קייווער. און לעסאָף, נאָך ניט אינגאַנצן לעסאָף, וועט ווערן קלאָר, אז היימלאַנד פּליוס היימלאַנד איז אין לעצטן סאַכאַקל — קיין שום היימלאַנד. פּונקט אזוי ווי מוטער־שפּראַך פּליוס מוטער־שפּראַך. עס איז לעכערלעך, אָבער דאָס „פּראַנצויזיש זיצט אין מיר אצינד פיל באַקוועמער, ווי רוסיש און איוּוריט".

אָבער דאָס אלץ איז געקומען פיל שפּעטער.

צוערשט — דאָס באַפרײַען דעם געוויסן פון דער פאַלשער ליבע צום מאַן דעם לאַמדן און דאָס אײַנבײַסן זיך מיט די ציינער אין דער נײַער שפּראַך — אין איוּוריט. און נאַטירלעך דאָס אָפּטרייסלען זיך פון אלע אומגערעכטיקײַטן. אונדזער דאָר האָט געוווּסט, ווי זיך אָפּצוטרייסלען פון אוולעס. די צאָל אוולעס האָט זיך ניט פאַרמינערט, נאָר אונדזער דאָר האָט זיך צוגעפּאַסט.

די אומגערעכטיקײַט, וואָס האָט געבראַכט צו דער ענדגילטיקער אנטשיידונג, אז נאָר דער קאָמוניזם וועט אויסלייזן פון אלע אוולעס, איז געוווען פאָלגנדע:

„דער דאָזיקער מענטש, שימעק, האָט מיר הײַנט, באַם אראָפּנעמען די פּרוכטן, מיט א געלעכטערל דערציילט: „דו זעסט די רעשטלעך פון א דאָרף אף דעם בערגל? מיר האָבן מיט זיי פרידלעך געלעבט, יאָמטעוו־צײַט פלעגן מיר אײַנלאַדן צו אונדז אין קיבוץ זייערע קינדער, קעדיי צו פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. אין דער צײַט פון די בלוטיקע געשעענישן איז פון דאָרט קיין איין שאָס ניט געקומען. אָבער אין 1948 איז אין דאָרף אײַנגעשטאַנען א מיליטערישע טייל. די דאָרפסלײַט האָבן געטײַנעט, אז זי איז אהין אַרײַן מיט גוואַלד. זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט: דער מוכטאַר האָט זיך דערעדט, אז זיי וועלן אונדז ניט באַשיסן. און זיי האָבן טאַקע ניט געשאָסן. געשטאַנען זײַנען זיי אָבער די גאַנצע צײַט אפן בערגל איבער אונדזערע קעפּ. דו זעסט? האָבן אונדזערע קאָמאַנדירן באַשלאָסן, אז מע דאַרף זיי באַזײַטיקן. „וועמען? די טייל?" — האָב איך געפרעגט, און ער האָט געענטפערט: „ניין, זיי אלעמען. זיי זײַנען דאָך אלע אראַבער". האָבן מיר אהין אַרײַנגעשיקט א לעבעדיק באָמבעלע. זײַנען זיי אלע אנטלאָפן. און דאַן, ערשט דאַן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, סאַראַ ליגנערס זיי זײַנען די אראַבער. דער באָדן פונעם דאָרף איז געוווען מאַמעש צום באַוווּנדערן אין פאַרגלײַך מיט דעם, וועלכן זיי האָבן זײַנערצײַט פאַרקויפט דעם קערן־קאַיעמעט לעיִסראָעל — פאַר אונדזערטוועגן. „ניט די דאָרפסלײַט האָבן פאַרקויפט דעם דאָזיקן באָדן, — האָב

איך דערווידערט, — נאָר די עפּענדיס, אַזוי שטייט דאָך בעפּיירעש געשריבן אין אַלע ביכער.״ רוט, גלייב מיר, עס האָט זיך מיר געגלוסט וויינען, ווען ער האָט מיט זײַן אינטעליגענטישן שמייכלעלע געענטפערט: „איז עס דען וויכטיק? זיי זײַנען דאָך אַלע אַראַבער.״ עס האָט מיך געעקלט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב פאַרנומען אַ רײַ אין קראַנקן־הויז און בין אַנטלאָפן אין באַראַק. דו ביסט ניט געווען דערנעבן. געוויינט. נאָכדעם ביסטו געקומען. איך קען מער ניט. איך קען ניט״.

מיר זײַנען געזעסן אין וועלדל. דער רייעך פון די סאַסנע־ביימער איז געווען אַ שאַרפער, די אונטערגייענדיקע זון איז געווען רויט, און דער געדיכטער געבלעטער איבער אונדזערע קעפּ האָט געוויינט צוזאַמען מיטן ווינט. אין דעם דאָזיקן וועלדל האָט זיך אין אַ יאָר אַרום, אויף איינער אַ פּרעכטיקער סאָסנע, אופגעהאַנגען די דערצי׳ערין פון קינדער־גאָרטן, די עלנטע שוויַיגערן, וועגעטאַרי׳אַנערן, ספּאַרטלערן. זי האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין צעטעלע. פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? זיכער ניט דערפאַר, וואָס אין קינדער־גאָרטן האָבן אויסגע־פּעלט די שכײנישע אַראַבישע קינדער אין די שוועס־טעג פון 1950.

מיר האָט זיך דעמלט געדאַכט, אַז נאָרע פאַרמאָגט אַ שטאַרקע ווילנסקראַפט און איז פעסט און אַנטשיידן. אַ ביסל שפּעטער, בעהאַדראַגע, איז געקומען די מידקײַט און ניטשטאַנד־האַפטיקײַט. זי איז געשפּרונגען פון איין איניען צום צווייטן, זיך דערווי׳טערט פון טעטי־קײַט — און איין פלוכט נאָך דער צווייטער. נאָך יעדער פלוכט — זעלבסטפּײַניקונג — און ווי־דער געשפּרונגען, און ווידער געלאָפן.

און דאָ איז דערשיינען אַמנאָן

1951. די שאָלעם־קאָמיטעטן. די כסימעס קעגן באַנוצן זיך מיט אַטאָמישן געווער. מיר האָבן פּיל אופגעטאָן אין יענע טעג.

אויף איינער פון די זיצונגען האָט זיך נאָרע געטראָפן מיט אַמנאָנען. ער איז געווען אַ פאַרשטייער פון מאַפּאַם. אַ סטודענט, באַהאַוונט, אין מעלוכישע איניאַנים און סאָציאָלאָגיע, אַ געוועזענער פּאַלמאַכניק, אַ לינקער. זײַן גאַנצע מישפּאָכע איז ערגעץ־ווו דאָרט אין איירא־פּע אומגעבראַכט געוואָרן.

דעמלט, אין דער צײַט פון זייער שטורמישער ליבע, האָב איך פּונקט ווי נאָרע געהאַלטן, אַז ער איז אַ כאַכעם, אַ פּיקייעך און אַ פּייִקער יונגערמאַן. איך האָב דאַן געטראַכט, האַגאַם איך האָב עס קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט, אַז אַדאַנק זײַנע פייִקייטן און קלוגשאַפט וועט ער שטײַגן הייך. נאָר כ׳וויס ניט פאַרוואָס, איך האָב געפילט, האַגאַם נאָך אַ ביסל מעטושטעש, אַז צו דעם באַרג־שפּיץ וועט ער ניט דערגרייכן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. הויך געקלע־טערט, נאָר צום באַרג־שפּיץ ניט דערגרייכט — ווײַל דאַפקע איבעריקע כאָכמע און פייִקײַט שטערן דעם מענטשן זיך דערהויבן צו יענער וועלט־הייך, וועלכע אַמנאָן האָט פאַר זיך אויסגעוויילט.

„איך האָב אים מעסוקן ליב. ער איז גאָרניט, ווי מע מיינט, קיין ענציקלאָפּעדיע אויף צווי פּיס. אַ לעבעדיקער מאַנצבל. אַן אינטערעסאַנטער. אָריגינעלער. גוט, ער איז ניט קיין קאָמוניסט. נאָך ניט. ער וועט אָבער זײַן. ער האַלט דערבײַ. איך בין זיכער. ער זעט דען ניט, אַז ס׳איז דער איינציקער אָבליגאַטאָריש־נויטווענדיקער וועג? מיר הערן ניט אויף צו שמועסן איינער מיטן צווייטן,״ — פּלעגט זי מיר אַלץ דערציילן און דערציילן אין יענע קנאַפּע נעכט, וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן פאַר אונדז ביידן. זי פּלעגט מיט דווייקעס איבערכאַזערן דעם טעזיס: ער וועט זײַן אַ קאָמוניסט, איך בין זיכער. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי געוואָלט זיך אַליין איבערצײַגן. זייער געוואָלט און געגלייבט אין איר קראַפט, וועלכע איז איר פּרי׳ער, אין ענלעכע פאַלן, בײַגעשטאַנען — און זי האָט זיך אין אים אַזוי שטאַרק פאַרליבט דאַפקע דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט אַן אייגענעם ווילן אין אונטערשייד צו די, וועלכע זי האָט פּרי׳ער געליבט.

אין די יונגע יאָרן מישן זיך איבער אילוזיעס מיט האָפענונגען, אַזוי, אַז מע קען זיי ניט פאַנאַנדערטיילן.

1954. זיי זײַנען איבערגעפאָרן קיין ירושאַלאַיִם. איך האָב אַמנאָנען מער קימאַט ניט געזען. אויך די באַגעגענישן מיט נאָרען זײַנען געוואָרן זעלטענער. מיר פּלעגן זיך טרעפן אויף פּאַרטיי־קאָנפערענצן, זיצונגען, באַראַטונגען. זי האָט זיך פאַרנומען מיט פּאַרטיי־אַרבעט און

גלײַכצײַטיק שטודירט מאָלערײַ אין בעצאַלעל. מיך האָט עס געפרײט. מיר פּלעגן צוזאַמען גײן אין „קאַמער־טעאַטער", עס זײַנען דאַן געווען פּאַרשטעלונגען, וועלכע האָבן פּאַרדינט אויפמערקזאַמקייט, געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַרויסגערופן וויכּוחים. פּלעגן מיר זיצן אין מײַן קלײנער קיך און רײכערן, ביז ס'פּלעגט נעמען שאַרײַען אָף טאָג. וואָס מאַכט אַמנאָן? אויסגעצײכנט. לערנט זיך אויסגעצײכנט. איז טעטיק אין די לינקע קרײַזן פון זײַן פּאַרטײ, פון מאַפּאַם. לײענט אַ שלאַל.

— ער האַלט נאָך אַלץ דערבײַ? — האָב איך אײנמאָל באַ איר אַ פרעג געטאָן מיט אַ געגנוג בײזן שמײכל.

— ניין. אָבער ער איז אַ סאָציאַליסט. אַ לינקער. — מער האָט זי וועגן דעם ניט געוואָלט רײדן.

זי האָט בלויז אַ יאָר שטודירט און פאַרלאָזן די מאָלערײַ־שול.

„עס וועט פון מיר גאָרניט אַרויסקומען, קײן וואַן־גאָג... לאָך ניט, איך מאַך ניט קײנע פאַרגלײַכן. ס'איז עפּעס אַנדערש. וואַן־גאָג געהאַט די מעגלעכקײט זיך זעצן אין באַן און אָפּפאָרן צו זיך אַהײם, אין האָלאַנד."

זי האָט די מאָלערײַ ניט פאַרוואָרפן. געצײכנט שוואַרץ — ווײַס. אויך אין די צײַטונגען, וואָס איבער מײַן טיש אין דער קיך, איז דאָ איר געמעל: צווײ ברײט געעפנטע אויגן און אַרום זײ שאָטנס, טיפער טרויער.

האָט זי דאַן געפילט אָדער געוווּסט, אַז עפּעס פעלט אין אירע געמעלן און וועט טאָמיד פעלן — יענץ עפּעס, וואָס פעלט אין די בילדער פון אַלע ייִסראָעלדיקע מאָלער און וואָס אָן דעם איז ניט מעגלעך קײן עכטע קונסט? פונוואַנען זאָלן זײ שעפּן דאָס דאָזיקע „עפּעס"? פון מיקעלאַנדזשעלאָס „דאַוויד" אָדער פון רעמבראַנדטס „אַקײדאַס ייִצכאָק"? אונדזערע אָוועס האָבן פאַרבאָטן מאָלערײַ — אין נאָמען פון זײער גאָט — און די קינדער זײַנען פאַרורטײלט דערפון צו לײדן.

עטלעכע יאָר פּלעגט זי אונדז אַרײַנשיקן אירע צײכענונגען פאַר דער צײַטונג. נאָכדעם האָט זי אויפגעהערט: „איך האָב פון זיך אויסגעזויגט אַלע זאַפטן". אַמנאָן האָט דערווײַל פאַרענדיקט זײַנע לימודים. געאַרבעט. גיוראָן האָבן זײ אַוועקגעגעבן אין קינדער־גאָרטן. און פּלוצעם אַ קלונג אין טעלעפאָן: „איך קום אין טעל־אָוויוו. אַ וויכטיקער אינײען". איך האָב געפילט איר אויפרעגונג אין טעלעפאָן־טרײַבל, נאָכדעם בײַסן טרעפן זיך. זי איז געקומען בעטן באַ דער פּאַרטײ אורלויב אָף צווײ יאָר. אַמנאָן פאָרט מיט אַ שליכעס קײן פּאַריז. זײ פאָרן מיט. פּאַריז... וויפל מאָל האָב איך געהערט וועגן פּאַריז. זי האָט זיך געפילט גליקלעך.

— וועסט האָבן די מעגלעכקײַט זיך ענדלעך צו פאַרפולקומען אין מאָלערײַ.

— ניין. איך בין צו קלײן פאַר דעם. איך האָב דיר שוין געזאָגט. נאָך וואַן־גאָגן טוען נאָר די מעקסיקאַנער עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט זײַן נאָמען. איך אָבער בין קײן מעקסיקאַנערן.

מיר האָבן געלאַכט, נאָר ס'איז געווען ווײַט ניט קײן פרײלעכער געלעכטער. ווען איז פון אונדזער געלעכטער אָף שטענדיק פאַרשוווּנדן די פרײד?

„איך וועל, מעגלעך, שטודירן פאָטאָגראַפיע אָדער קינאָ. איך האָב זיך אין צענטראַל־קאָמיטעט דערעדט, אַז איך וועל פון דאָרט רעגולער אַרויסשיקן קאָרעספּאָנדענצן פאַר דער צײַטונג".

איך האָב געשוויגן. עס האָט זיך געוואָלט גלײבן. וואָס האָט זי דערפילט אין מײַן שווײַגן? איך ווײס ניט, נאָר זי האָט געטאָן אַ זיפץ און אַ צוק געטאָן מיט אירע שײנע אַקסלען:

„איך וועל שרײַבן אַנאָנים. די כאַווײרים זײַנען מיט מיר מאַסקים. צוליב אַמנאָנען. וואָס קען מען מאַכן? ער פאָרט דאָך אין נאָמען פון זײַן פּאַרטײ! און דו ווײסט, ער האָט מיר דערצײלט, אַז ער האָט די קוואָטע טעטיק זײַן אַלפי זײַנע לינקע אָנשויונגען. ס'איז דאָ אַ באַשטימטע לאָגיק. אויב ער וועט ניט פאָרן, וועט פאָרן אַן אַנדערער. און מעגלעך דאַפקע פון די רעכטע.

„מיר דאַכט, אַז אין פּאַריז שיקן זײ טאָמיד די לינקע..."

„דו טראַכסט אויך אַזוי? איך האָב אים דאָס אַרויסגעזאָגט. ער אָבער האַלט, אַז ס'איז שמאָלקעפּיקײַט, אַ ירושע פון סטאַלינס צײַטן, פון וועלכער איך דאַרף זיך באַפרײַען. אײנס איז מיר קלאָר, רויט: ער איז טרײַ דעם סאָציאַליזם און שעצט זײער הויך די פראַנצויזישע קאָמוניסטן.

איך האָב איר ניט געזאָגט, אַז ס'איז שוין געוואָרן אַ מאָדע: מע שעצט קאָמוניסטן פון אַ צווײטן לאַנד און מע פאַראַכט אָדער מע האָט פײַנט די, וואָס זײַנען דאָ, אינעם אײגענעם לאַנד. כ'האָב נאָר געזאָגט:

— כוץ דעם אלעמען, האָסטו אים ליב.
— ביסט א בייזע, רוט.
זי האָט אים טאַקע ליב געהאַט, דעמלט.
זי האָט באַקומען אורלויב און איז אָפּגעפאָרן אין דער שטאָט פון אירע טרוימען, וואָס איז געוואָרן פאַר איר אַן איר־מיקלעט.
נאָך דעם צוריקקער איז קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט ווידער געהאַט א טאָעס אין אירע פּרי׳ערדיקע אָפּשאַצונגען, נאָך איין טאָעס אין דער קייט פון טאָעסן. אָדער נאָך איין שוואַכ־

קייט אין דער קייט פון שוואַכקייטן. זי האָט זיך ניט אומגעקערט צו איר פּאַרטיי, פּאַשעט — ניט אומגעקערט זיך. זי פלעגט זיך באַווייזן אָף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. פלעגט סיסטע־מאַטיש שרייבן פאַר דער צייטונג. בייזע צינגער האָבן גערעדט, אַז די סיבע איז אמנאָן — מע האָט אים איינגעלאַדן אין מעלוכע־אַפּאַראַט. זיינע מעלוכישע פליגלען האָבן אָנגעהויבן וואַקסן.
איך האָב זיך בא איר ניט נאָכגעפרעגט, ווי מע פרעגט זיך ניט נאָך בייס א לעווייע, איך האָב אַפילע ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען זי האָט מיר איינמאָל, ווי פאַרבייגייענ־דיק, א זאָג געטאָן: „איך ווייס ניט, וואָס מיט איר איז געשען. איך בין מיד פון אַלע זיצונגען און באַראַטונגען. איך בין פון דעם אַלעמען אַלט געוואָרן.” זי האָט, מיסטאָמע, געוואָרט, איך זאָל זי פרעגן, איבערצייגן.
איך האָב גאָרנישט ניט געפרעגט... צו וואָס איבערצייגן, איינשמועסן? דערצו נאָך נאָרן, וועלכע ווייסט געַנוי אַזוי ווי איך אַלע טעאָריעס, אַלע מעגלעכקייטן און אַלע יעסורים פונעם קאָמוניזם אין דאָזיקן לאַנד.
ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו דעם, אַז נאָרע שטיצט אונדז, נאָרע שרייבט פאַר אונדז, טראָגט אריין איר גאָב. א ביסל שפּעטער איז שוין דאָס אַליין געוואָרן א דערגריי־כונג. איך האָב איינמאָל אונטערגעהערט, ווי א יונג מיידל האָט מיט היספּײלעס איינגערוימט אין אויער איר כאַווער: „דו ווייסט, ווער זי איז? דאָס איז די פרוי פון אמנאָן שאמיר. יאָ, יאָ, פון אים טאַקע. און זי סימפּאַטיזירט אונדז.”

זי האָט אַלץ ווייניקער דערציילט וועגן זיך, בלויז געציילטע שאַרפע באַמערקונגען: „כ'בין אַ שלימאַזלניצע", „נאָך איין באַנקראָט". דערפאַר האָט זי איצט מער דערציילט וועגן אירע עלטערן, וואָס זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד, צו זייער איינציקער טאָכטער. פונעם קאָ־מוניסט־ווענעראַן איז גאָרניט געבליבן. מיד, אַלט, פרעמד. לייענט אונדזער צײַטונג. אַף דער עלטער זיך ווידער אָפּגעגעבן זײַן אורשפּרינגלעכער פּראָפעסיע. דער מעדיצין. אַפילו זיך פאַרליבט אין איר. און וואָס מער ער לײַדט פון דעם, וואָס ער געפינט ניט קיין אַלגעמיי־נעם לאָשן מיט מיר און מיט זײַן אייניקל — אַלץ מער פאַרשליסט ער זיך. ער אַנטלויפט צו דער מעדיצין, ווי איינער, וואָס ס'האָט אים באַהערשט אַ דיבעק. איך בין אַ קאַליקע, אָן אַ שפּראַך, — האָט ער איינמאָל געזאָגט. בלויז איין מאָל. די מאַמע איז אַרויסגעשפּרונגען: „וואָס הייסט? ביסט אַ דאָקטער, און די מעדיצין איז אַ צווישנפעלקערלעכע שפּראַך, דערצו די אַמיינסטן מענטשלעכע שפּראַך. כוץ דעם, נאַרע, איז עס דאַפקע גוט. מע האָט ניט צו טאָן מיט דער פּאַסקודסטווע, וואָס הייסט פּאָליטיק".

איך האָב געקוקט אַף אים און מער ניט דערקענט מײַן פאָטער. ער האָט געשוויגן. געשמייכלט און געשוויגן.

דאָס איז אויך, ווײַזט אויס, איינע פון די עמיגראַציע־פּלאָגן. דו טרעפסט זיך פּלוצעם נאָך אַ שאָק מיט שווערע יאָרן מיט דײַנע עלטערן. זיי קומען צו דיר פון דער וועלט פון דײַן יוגנט. נאָר איר זײַט פרעמדע. דו קוקסט אַף זיי מיט אָן אויסגעפּרוווטן, אָפּגעווײַטערטן, אָפּגעפרעמדטן בליק.

עס האָט זיך איבערגעריסן די נאַטירלעכע קעסיידערדיקײַט פונעם דורותדיקן צוזאַ־מענלעבן, אין איין לאַנד, אין איין לופט. די דאָזיקע מאַקע האָט געטראָפן אויך נאַרען. אָנ־שטאָט אַ העלן לײַכט־טורעם — אַ ליכטל, וואָס צאַנקט קוים...

...זי האָט אופגעהערט צו ריידן וועגן אַמנאָנען. אמין ער איז פאַרשוווּנדן פון איר לעבן. זײַנע אַרטיקלען און מעשׂים האָבן מיר אופגעדעקט די סיבה: עס איז אין זיי קיין זייכער ניט פאַרבליבן פון זײַנע לינקע אָנשוויונגען. ער איז ניט געוואָרן קיין רעכטער, ער איז שטענדיק געווען באַדאַכט און גרייט צו אַ קאָמפּראָמיס — ער האָט געפונען דאָס „גאָלדענע שטעגעלע", וואָס איז אַלט ווי די וועלט: „די מיט איז דער געשמאַקסטער קיילעך פון דעם הערינג".

און וואָס מער סע האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַמנאָנס אָנשוויונגען, אַלץ מער האָבן זיך געשטאַרקט נאַרעס וואַקלונגען. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין עקסטרעמקײַט צו אַ צווייר־טער, אָן לאָגישער באַדאַכטונג, ניט אָפּגעווויגן און ניט אָפּגעמאָסטן אירע טאַטן. און טאָמיד האָט זי, ווי איר פאָטער, געזוכט אויסצומײַדן שאַרפע ווינקלען, זיך ביז צום טויט געשראָקן פאַר אַנטוישונגען, און דערפאַר ניט פאַרווירקלעכט אירע פאַרטראַכטן — עס זאָל זײַן ווייני־קער מיט אַן אַנטוישונג, אָן עכטער אָדער געדאַכטער. איר מוירע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין פאַטאַליזם.

נאָך דער מאָלערײַ איז געקומען די דראַמאַטורגיע. אין אירע איינאַקטערס האָט זיך געשפּירט טאַלאַנט. נאָכדעם איז געקומען איר ערשטע און לעצטע דראַמע. אַ דראַמע, וואָס פאַרכאַפּט, רעגט, אַ רעאַלע שילדערונג פון ווירקלעכן לעבן, פון ווירקלעכע מענטשן און ווירקלעכע פּראָבלעמען פון דאָזיקן לאַנד. די דראַמע האָט שוין געזאָלט גיין אַף דער סצענע. אין יענע וואָכן איז זי געווען גליקלעך און אַנטשלאָסן — טעאַטער און נאָר טעאַטער: דאָס איז איר אַרענע, איר מעדיום. און פּלוצעם — אָפּגעזאָגט. עס וועט ניט גיין. פאַרוואָס? סטאַם פּרע־טענזיעס צו דער „קינסטלערישער" זײַט נאָך אַזעלכע באַגײַסטערטע אָפּרופן. די סיבה איז אָבער געווען איינע: עס זײַנען דאָ אין דער דראַמע צופיל געזעלשאַפטלעך־פּסיכאָלאָגישע שאַרפע ווינקלען. יענע שאַרפע ווינקלען, מיט וועלכע ס'איז איבערפולט אונדזער לעבן. און פאַר וועלכע נאַרע האָט זיך אַזוי געשראָקן. זי האָט גאָרניט געזאָגט, איך האָב אָבער געוווסט — זי וועט מער קיין דראַמעס ניט שרײַבן. זי האָט טאַקע ניט געשריבן. זי איז ביסלעכווײַז ביכלאַל געוואָרן קאַרגער אַף דער פּען. דער גוירל פון איר דראַמע האָט אין איר עפּעס אײַנגעבראָכן. יענעם עפּעס, צוליב וועלכן עס איז קעדײַ מאַמשיך זײַן דאָס שרײַבן.

זי האָט נאָך געשריבן לידער, אָבער ניט פיל און ניט אָפט. האָט אייניקע אַרויסגעשיקט פאַר אונדזער צײַטונג. געווען איז דאָס דאַן, בײַס זיי האָבן געלעבט אין דאָרעם־אַמעריקע — אַמנאָן האָט דאָרט געדינט אין דער געזאַנדשאַפט, אַלס ערשטער אָדער צווייטער סעקרעטאַר.

און פּונקט אַזוי ווי זי האָט ניט אויסגעשטעלט אירע בילדער, האָט זי ניט פאַרעפנטלעכט איר דראַמע, האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט קיין זאַמלונג פון אירע לידער.

דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן אירע נעסיִעס קיין פּאַריז. זי איז אַהין געפאָרן אַליין. בײַס איינער אַ נעסיע האָט זי זיך געגנומען באַשעפטיקן מיט פאָטאָגראַפיע. פּײַנע פאָטאָגראַפיעס. איינע פון זיי הענגט איבער מײַן טיש: אַן אַלטער, נאַקעטער פּאַריזער קאַשטאַנען־בוים,

הינטער אים אַן אַש־גרויער הימל. אין איינעם אַ ווינקל אַ ליכטיקער פלעק, אַזוי אַז עס דאַכט זיך, אַז אַלץ גויסעסט דאָ און בעט אַף זיך דעם טויט. אַף דעם פּאָטאָ איז אָנגעשריבן: „בלויז דער פאָטאָאַפּאַראַט קאָן אויסדריקן אַזוינע זאַכן, ניט עמעס?״ זי איז געווען גערעכט.

זי האָט אַפילו ניט געפּרוווט צו פאַרעפנטלעכן קיין איין פאָטאָ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי אַליין לייגט אַף זיי מער קיין אַכט ניט.

— ווער אינטערעסירט זיך דאָ מיט קינסטלערישער פאָטאָגראַפיע? — און אויך אין דעם איז זי געווען גערעכט. און ווער — מיט פּאָעזיע?

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ בעהאַדראָגעדיקע אויסגעליידיקטקייט, און דאַן האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס בלאָנדזשען פון אָרט צו אָרט, פון איין פּרנסה צום צווייטן. זי האָט אופגעהערט צו ריידן וועגן אַמנאָגען. „וואָס מאַכט ער?״ „נישקאָשע״. אַ שמייכל און אַ שנעלער איבערגאַנג צו אַנדערע טעמעס. איינמאָל האָב איך איר געזאָגט: „איך האָב אים געהערט אין ראַדיאָ. דאָס מאָל איז זיין אַרויסטרעטונג געווען ניט שלעכט״. זי האָט געענטפערט אַזוי, ווי זי וואָלט גערעדט וועגן אומדזערן אַן אַלגעמיינעם באַקאַנטן: „איך האָב ניט געהערט, נאָר איך שטעל מיך פאָר. ער טרעט אַרויס ניט שלעכט, קימאַט אַלעמאָל, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן באַזונדערע פראַגן. ער מיידט אָבער אויס צו ריידן וועגן זיי אַלע צוזאַמענגענומען״.

אַ צווייטן מאָל. אַן אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט אַמנאָגען, האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן: „ווער ווייסט, וואָס קען געשען מיט דער ליבע... זי ווערט מיד און מאַכט מיד. דו ווייסט פּאַשעט ניט, צי האָסטו נאָך ליב, אָדער שוין ניט. צי מע האָט דיך ליב, צי ניט. און לעסאָף גייט עס אויך פאַריבער. און ס׳קומט דער גרויסער גלייכגילט, ווי אָט דער דאָזיקער יאַם.״

אַזוי אַז אויך צו זייער שיינער און שווערער ליבע איז געקומען דער סאָף...

„דאָס איז, רוט, אַן אַלט געוואָרענער פונדאַמענט... און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער אַנ־שטאָט אים. אָ, פאַראַן — דער שעקער. קליינע שקאָרים. פאַלשע ווערטער. פאַלש שווייגן. און ס׳קלעקט קיין מוט ניט צו פאַנאַנדערגיין זיך.

ס׳איז דאָ אויך דאָס געפּיל פון ראַכמאָנעס. אויך באַטראַכטונג, יישעווי־האַדאַאַס. און אין סאַכאַקל — אָפּנאַרער און אָפּגענאַרטע. אַף יעדן שריט. ווער האָט דאָס געזאָגט? דאַכט מיר, ענגעלס. לאָך ניט פון מיר, כ׳בעט דיך, וואָס איך ציטיר די „אָוועס״. אונדזער דאָר איז אַזוינס דערלויבט.

„וואָס האָט ער געזאָגט?״

„אַז די ליבע אָן אַ געזעצלעכער כאַסענע איז עטישער, ווי אַ געזעצלעכע כאַסענע אָן ליבע״.

„דאָס איז עמעס, אָבער...״

„אָבער! אין דעם גייט עס טאַקע! די מערהייט טוט געגוני דאָס צווייטע״, און האָט צוגע־געבן אויס ליבע זיך זעלבסט צו פייניקן:

„צייטנווייז פיל איך, אַז עס איז ניטאָ קיין שום כילעק צווישן מיר און אַ זוינע. און אויב יאָ אַ כילעק — איז ער איר צו גונסטן. זי טוט עס באַוווסטזיניק. זי פאַרקויפט זיך פאַר געלט...״

איך האָב שוין אַפילו ניט געשמייכלט. די צעבראָכענע ליבע־קאָרעטע האָט איר דער־מאָנט אָן דער גרויסער פּריַיז, וואָס זי האָט פאַר איר אָפּגעצאָלט. און די גאַנצע וועלט איז פאַר איר כאָרעוו געוואָרן.

„איז עס דען ניט שוידערלעך, רוט?״

דאָס איז אויך געווען מיט אַ צייט צוריק. ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון איינער פון אירע רייזעס קיין פּאַריז. איר לידל איז שוין געווען אַן אַנדערס. ס׳איז שוין גאָרניט פאַרבליבן פונעם ווייטעק, אָנשטאָט דעם — אַ פאַרהאַרטעווועטקייט, וואָס קומט פון שאָלעם מאַכן מיט דער געשאַפענער לאַגע. פאַר אַ פרעמדן האָט עס געקענט אַוואַדע אויסזען ווי מאָדערנער אינטעליגענטישער ציניזם. אָבער ניט אין מיינע אויגן. זי האָט שאָלעם געמאַכט מיט דעם, אַז דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר אין איר לעבן האַלט באַ אומפאַלן.

זי איז ניט געבוירן פאַר מילכאָמעס, פאַר מער ווי איין היימלאַנד, פאַר געזעלשאַפטלעכן קריג.

אַ צווייטן מאָל האָט זי פאַרגעזעצט:

„איך קייקל זיך באַרג־אַראָפּ. באַוווסטזיניק. און כ׳וועל ווייטער זיך קייקלען. איך האַלט זיך אָפּ. בעקיוון. כאָטש איך וואָלט געוואָלט עס פאַרהאַלטן. איז עס מעגלעך? איך בין טויט פאַר אַזאַ מעגלעכקייט. פאַר אַזאַ נעס. ניט צוליב אַמנאָגען. נאַרישקייטן. אויך ניט צוליב גיוראַן. אים נאָר איך קלאַל ניט אָפּ. צוליב זיך אַליין. מאַכמעס עקל צו זיך אַליין. איך זוך אינעם אָוואַר יענע רעגע, ווען ס׳איז אין מיר אַלץ ניסרעף געוואָרן. עס דאַכט מיר, ווען איך

געפֿין די דאָזיקע רעגע, וואָלט פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן די סיבה. און דאַן... מעגלעך אויך דער אויסוועג. נאַרישקייטן. דאָך, ווען איך געפֿין...״

זי כּאָוועט שוין ווידער איליוזיעס. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן, ווי טאָמיד, ווען איך שטויס מיך אָן אױף פּוסטע איליוזיעס:

„זײַ זיך ניט מאַטריעך אומזיסט, וועסט גאָרנישט ניט געפֿינען. ווייסט אָבער, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מעגלעך, ס׳איז אַ ביסל באַנאַל, אָבער ס׳גייט פֿון האַרצן. ווען דו גיסט זיך פֿאַרשפּאָרן אַ טיראַדע, רוט. איך ווייס. איך שעץ. איך בין מעקאַנע.״

„מעגלעך, מעגלעך. אָבער ס׳איז ניט פֿאַר מיר. איך פֿאַרמאָג די אַבסאָליוטע פֿרײַהייט זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם, וואָס ס׳איז מיר „צום האַרצן״,— האָט זי געענטפֿערט מיט בייזן כּויזעק איבער זיך אַליין.

„דו פֿאַרסט שטענדיק אַרום און דאָס איז דיר צום האַרצן. פֿיל קלייניבירגער זײַנען דיר מעקאַנע, און איך אויך. מיר איז דאָך קיינמאָל ניט געלונגען צו זען די שטאָט פֿון סטענדאַל און פּיסאַראָ. אָבער פֿון דעם אַרומוואַנדערן וועט ניט קומען די רעטונג. וואַרט אַ ווײַלע, לאָז מיך ענדיקן. דאָס איינציקע, וואָס וואָלט געקענט העלפֿן, איז אַראָפּגיין פֿון זינען. ס׳איז עפּ־שער פּאַראַדאָקסאַל, נאָר ווייניק ווער ראַטעוועט זיך מיט דער הילף פֿון מעשוגאַס, אין דער מערהייט אָבער זײַנען מיר נאַרמאַלע מענטשן און דאַרפֿן זיך אויסלעבן אינעם לעבן, וואָס איז אונדז געגעבן״.

„און דו וועסט נאָך צוגעבן: זיך אָפּגעבן אונדזער פּאָליטישן ציל אַאַוו. איך וועל דיר פֿאַרשפּאָרן אַ טיראַדע, רוט. איך ווייס. איך שעץ. איך בין מעקאַנע.״

„אַ דאַנק דיר, נאַרע. איך בין דאָס גאַרניט געוועזן אויסן. איך ווייס, אַז דו ווייסט״.

„אָבער איך האָב קיין קויעך ניט, רוט״.

„אויך דאָס ווייס איך״.

„און דו — דו האָסט נאָך?״

„פֿאַר פֿיל זאַכן — ניט. נאָר פֿאַר דעם — יאָ״.

פֿון דעמלט האָב איך זי מער ניט געזען. אַ פּאָר יאָר. פֿאַרשוווּנדן. אָף עטלעכע יאָר אוועק פֿון מײַן לעבן.

איך בין געקומען צום אָרט, ווו מיר האָבן זיך געזעגנט, פֿאַר דער אָנגעמערק־טער צײַט. געוואַרט. וואָס נאָך איז אין איר אָפּגעבראָכן געוואָרן פֿאַר די עטלעכע יאָר?

מיר האָבן זיך צעקושט, געלאַכט, אָן וואַרטער אָנגעקוקט איינע די צווייטע. געקוקט און געלאַכט. ס׳איז אונדז פּאַשעט גוט געוועזן צוזאַמען.

— דערציייל, רוט, וואָס הערט זיך אין אונדזער קליינטשינקן לאַנד, וואָס די וועלט האָט מיט דעם צו טאָן, ווי עס וואָלט געוועזן אַן „אויבער־מאַכט״?

— לאָז אָפּ, דו ווייסט דאָך אַליין. אַלץ, וואָס דאָ קומט פֿאָר, איז קלאָר פֿון אַלע זײַטן, און אַפֿילו נאַטירלעך. אונדזערע קינדער וועלן אין אַ צוואַנציק־דרײַסיק יאָר אַרום אונדז באַטראַכטן ווי מעשוגאָים. אָדער סטאַם בעהיימעס. דערציייל בעסער וועגן זיך. לאָמיר דיך אָנקוקן, בורידעק זײַן, ווי האָט אױף דיר געווירקט פּאַריז.

— און איך האָב דיך שוין געננוי באַטראַכט. כּ׳לעבן, ניט שלעכט.

זי איז אויך געוועזן „כּ׳לעבן, ניט שלעכט״. קימאַט זיך ניט געענדערט. מעגלעך, אַזאַ איז זי געוועזן אין מײַנע אויגן, ווײַל יעדער שטריך אירער איז מיר געוועזן באַקאַנט און נאָענט. כּוץ דעם, האָב איך עס אויך פֿריער געוווּסט און איצט זיך נאָך מער איבערצייגט, אַז צוויי זאַכן אין איר בילדן דעם איקער: צוויי אויגן, וואָס דו זינקסט אײַן אין זייער טיפֿקייט און טרויער; אַ פּאָר ליפּן דיקע, עמפּינדלעכע, ווירקזאַמע. זיי האָבן זיך ניט געענדערט און פֿאַנגען דיך, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס איבער זיי איז אַדורך דער אַקער פֿון דער צײַט. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז ביידע האָבן מיר דאַרשטיק געזוכט אין די געזיכטער שטריכן פֿון פֿריער, און אויסגעמיטן נײַע קנייטשן, קעדיי זיך זעלבסט צו טרייסטן. מיר זײַנען דאָך ביידע געוועזן פֿונעם זעלביקן עלטער, דעם האַרבסטיקן עלטער.

— וואָס מאַכט דײַן פּאַריז? וואָס מאַכסטו?

— מײַן פּאַריז. האַלעווײַ וואָלט ער געווען מײַנער. איך האָב אַמאָל געטראַכט, קוים קום איך אַהין אָן, באַדאַרף איך מער גאָרניט. און דער סאָף? אויך דאָרט, פּונקט אַזוי ווי אין טעל־אַוויוו, טרוים איך וועגן אונדזערע לאַנדשאַפֿטן, וועלכע איך וועל שוין קיינמאָל מער ניט זען. מיט יאָרן ווערט אַלץ שטאַרקער די בענקשאַפֿט נאָך די פּייזאַזשן פֿון דער קינדהייט... און דאָך עטעמט זיך דאָרט לײַכטער. די שפּראַך, דער שנײַ, דער האַרבסטיקער קופּער, די

טראַטוארן. און ניטאָ דאָרט די שטיקנדיקע נאַציאָנאַליסטישע לופט, וואָס בא אונדז. — זיך צעלאַכט — בא אונדז. בא מיר האָט זיך אַלץ אויסגעמישט.

איך האָב זי פאַרשטאַנען. אויך איך זע דאָך אין אײראָפּע דעם טעל־אוויווער יאַם... און, פּאַרקערט, אפן ברעג יאַם אין טעל־אוויוו הער איך דאָס שורשען פון די בלעטער אונטער די פיס און זע אײַז־בילדער אף די פענצטער. און דאַפקע דערפאַר האָט זיך מיר געוואָלט, מיר זאָלן איבערגיין צו אַן אַנדער טעמע.

— ווען פאָרסטו צוריק?

— מאַך ניט כויזעק פון מיר. איך האָב קיין אַנונג ניט, ווען. גיורא ווערט הײַנטיקן זומער אופגערופן צו מיליטער־דינסט, צו דעם דאָזיקן געגנעם. אָנהייב אויגוסט. איך האָב געפּלאַנט זיך צוריקקערן אין יוני, זײַן מיט אים אין צײַט פון די עקזאַמענעס. איך בין אָבער געקומען אַצינד. און גלײַך דיר אָנגעקלונגען. איך דאַרף דיך נייטיק.

איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָב איך פאַר זיך געטראַכט. ווען אַפילע דו דערציילסט מיר ווייניקער. נאָר איינס איז מיר ניט קלאָר — וואָס קאָן איך טאָן? צוליב גיוראַן, צוליב יאָסיען, צוליב יאַציקן, צוליב אָט די אַלע ייִנגלעך?

איך האָב געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— איך בין געקומען, מאַכמעס איך האָב באַקומען אַ בריוו פון גיוראַן. אַ דערשיטערנדי־קער בריוו.

— עס האָט עפּעס פּאַסירט?

— ניין, גאָרניט שרעקלעכס. דאָס ייִנגל איז געזונט. ער האָט אַפילע ניט געבעטן, איך זאָל קומען. פּאָשעט — ער לעבט איבער אַ קריזיס. אַן ערנסטן קריזיס. אומדערוואַרט. נאָך דער מילכאָמע האָב איך מיט אים ניט געקענט ריידן. ער איז געווען באַרויִשט. בלינד און טויב. איך האָב אים געוואָלט אַרויסשלעפּן אף אַ פּאָר יאָר פונדאַנען, עס זאָל אים ניט פאַר־טראָגן די האַסטיקע שטרעמונג. ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער הארצווייטעק. פאַרשטיי מיך — אַ זון אַן אַ נעשאָמע, אָן אַן עמעס, אָן עלעמענטאַרער מענטשלעכקייט. עפּעס אַ מין דאַיאַן אין מיניאַטיור. בייז און ציניש, מיט פאַרשטאָפּטע געהירן.

— האָסט מיר דערפון גאָרניט דערציילט.

— איך האָב ניט געקענט. זיך געשעמט. ס'איז געווען מײַן פּערזענלעכע שוואַכקייט.

— דו טרײַבסט איבער.

— איך טרײַב ניט איבער. איך האָב דאָך אים דערצויגן. איך האָב אים געלייענט די ערשטע ביכער. איך האָב געפירט מיט אים אָפטע געשפּרעכן. ער האָט געוווּסט, אַז איך בין געווען אַ מיטגליד פון פּאַרטיי. און אַצינד שוין ניט. ער האָט געוווּסט, אַז זײַן זיידע איז געווען אַן אַלטער קאָמוניסט. און איז ניט מער. מײַן קינד איז אויך באַהערשט געוואָרן פונעם אַנטיקאָמוניזם. קינדער האָבן פּײַנט פּשאָרעס — „סימפּאַטיזירט“, „מיד“, „טרײַ דעם געדאַנק“. איך בין פאַרזונקען געווען אין פּשאָרעס. ביז צום האַלדז, און געשטרויכלט געוואָרן. מיר האָבן זיך צעקריגט. ער האָט מיך אויסגעלאַכט. אָן ווערטער, אָבער אָפּגעשפּאָט. און אַמנאָן האָט געשמייכלט. ניט געוואָלט מיר העלפן אים אַרויסציִען פונדאַנען. אָבער איצט ניכטערט זיך דאָס ייִנגל אויס. ער איז אַליין צו דעם געקומען. און דאָס פאַרדריסט...

— איז דאָך גוט, נאַרע. דאָס פרייט מיך.

— זיכער איז דאָס גוט. און איך בין גליקלעך. אָבער ער פּייניקט זיך, ער איז אומגליק־לעך. מיט אים צוזאַמען איך. און מאַכטלאָז קעגן דעם מאַבל פון שײַלעס און טוויִעס, אף וועלכע איך האָב ניט קיין ענטפער. איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך האָב אים נעכטן טעוואָס שרעקלעכס אַרײַנגעזאָגט: „ווען איך וואָלט נאָר געקענט, וואָלט איך דיך צוריק אין מײַן טראַכט אומגעקערט“. און ווייסטו, וואָס ער האָט מיר אף דערוף געענטפערט? ער האָט געזאָגט רויִק מיט אַ שמייכל: „איך האָב דיך ליב, מאַמע, דאָך פאַרדריסט מיך, וואָס איך בין פון דאָרט אַרויס“. דו פאַרשטייסט?

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט געקענט אויסריידן קיין איינציק וואָרט. אוואַדע האָב איך פאַרשטאַנען. ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן אויך פון אַנדערע ענלעכע, גאָר ניט פריילעכע געשפּרעכן, ווי זיי וואָלטן געווען וואַריאַציִעס אף איין און דער זעלבער טעמע. און דאָך האָב איך אַרויסגעשטויסן פון זיך:

— וואָס האָט ער דיר געשריבן? דערצייל זשע.

— צוליב דעם טאַקע האָב איך דיר טעלעפאָנירט. איך האָב מיטגעבראַכט דעם בריוו. דו זאָלסט אים לייענען און עפּשער וועגן אים אָנשרײַבן אין צײַטונג. איך האָב מיטגעבראַכט אויך אייניקע מײַנע פאַרצייכענונגען.

— צום טײַוול, דו קענסט דאָך עס אַלײן טאָן.
— איך װעל עס ניט טאָן, דו װײסט עס גוט. עס איז באַ מיר קײן זיכער ניט געבליבן פֿונעם גלױבן אין דעם געשריבענעם װאָרט.
— און פֿון מיר פֿאַרגרסטו געשריבענע װערטער?
— דאָס איז אַ פֿאַרײנפּאַכונג, רוט. איך װײס, אַז דאָס געשריבענע װאָרט איז נײטיק, אָביעקטיװ נײטיק... איך גלײב אָבער ניט אין מײַנע געשריבענע װערטער. דו אָבער שרײַבסט און גלײבסט אין זײ. דו מוזסט שרײַבן. אַפֿילו דאַן, װען דײַנע װערטער װעלן איבערצײַגן כאָטשבי אײנעם, אײן־אײנציקן מענטשן. װעט עס זײַן אַ ישעש, אין אונדזערע באַדינגונגען...
דער ציגאַר האָט געציטערט צװישן אירע פֿינגער, װי אַן אַנטבלױזט האַרץ. איך האָב אָװעקגענומען פֿון איר צװײטער האַנט דעם קימאַט צעקװעטשטן קאָס און אָװעקגעשטעלט אױפֿן טיש. זי האָט אַ שמײכל געטאָן און זיך געגומען אין די הענט... אַרױסגעשלעפּט פֿון איר האַנט־בײַטל אַן אָנגעפּאַקטן קאָנװערט און מיר דערלאַנגט. אין איר בליק און אין די װינקלען פֿון אירע ליפּן, װאָס האָבן געצױגן דאָס פּנים אַראָפּ־צו, האָב איך דערשפּירט אַ געפּערלעכע שפּאַנונג.
— אָט איז דער בריװ און די נאָטיצן. װעסט נאָכדעם איבערלײענען אין דער הײם.
און פּלוצעם איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ פֿאַרדאַכט, אַז זי באַנוצט זיך מיט נאַרקאָטיקעס. עס פּאַסט צו איר ייִעש. איך האָב געפֿרעגט. זי האָט זיך ניט געכּידעשט.
— יאָ. שױן װיפֿל מאָל. װעסט װעגן דעם לײענען. אין אײנעם פֿון מײַנע נאָטיצן. גענוי װעגן דעם. ערשט הײַנט אײַנדערפֿרי אָנגעשריבן. נאָך דעם שטרײַט, װאָס איך האָב נעכטן געהאַט מיט גיריקן.
מיר האָבן שװײַגנדיק געקוקט אױפֿן יאַם. אַ געפֿיל פֿון שטאַרקער נאָענטקײַט האָט אונדז בײדן אָנגעכאַפּט. עס האָט זיך געװאָלט, די נאָענטקײַט זאָל זיך ציִען אײביק, װײַל מיר האָבן גוט געװוּסט, אַז זי איז בלױז אױף אַ רעגע, אַז זי װעט פֿאַריבערגײן, און װער װײסט, װען װעט די דאָזיקע רעגע זיך װידער אומקערן.

גיוראַס בריװ...

מיך האָט דערפֿרײט, װאָס אין דער הײם איז קײנער ניט געװען. אַלע זײַנען זיך פֿאַנאַנ־דערגעגאַנגען, יעדערער צו זײַנע אַסאָקים, װי שטענדיק אין דער צײַט פֿון שקיִע, װעלכע דױערט דאָ, אױף ברעג פֿון יאַם, אַ ביסל לענגער. קײן זאַך פֿאַרשטעלט זי ניט — ניט קײן הױז און ניט קײן בױם, און ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקײַט אײַנצוזאַפּן ביזן דעק אַלע אירע שאַ־טירונגען. איך האָב זיך אַ װאָרף געטאָן אױף דער סאָפֿע, אין האַנט — דער קאָנװערט, אױף דער נאָז — די ברילן. קוידעמקאָל — גיוראַס בריװ. קען דען בײס אַזאַ פֿרילינג, אַ פּורפּור־רױטן פֿון בלוט און שװאַרצן ייִעש, זײַן אין מײַן לעבן אַ מער כאַשעװע פּאַסירונג, װי דאָס דאָזיקע גנײװישע באַרירן זיך צו אַ יונגער נעשאָמע, װאָס האָט ניט דערלױבט, מע זאָל זי טײטן.
געפֿונען. קלײנע אױסיִעס, אַ קסאַװו אַ נערװעזער, אַ יוגנטלעכער.
„שאַלאָם דיר, מאַמע.
דו װוּנדערסט זיך, זיכער, װאָס איך שרײַב דיר אַזאַ לאַנגן בריװ, און דער איקער, ביסטו, זיכער, דערשטױנט פֿונעם אינהאַלט. און, מעגלעך, אַז דאָרט, װײַט, אין דײַן באַליבטן פּאַריז, שטעלסטו זיך די פֿראַגע: פֿאַרװאָס האָט ער ניט גערעדט מיטן פֿאָטער. איך שרײַב „מעגלעך״, װײַל איך װיל מײנען, אַז דו פֿאַרשטײסט פֿאַרװאָס, און אױב דו װעסט דאָך פֿרעגן, איז דאָס מאַכמעס יענע אַלע נאַרישקײַטן, װעלכע איך האָב דיר מיט אַ יאָר אָדער צװײ צוריק אַרױס־געזאָגט, און דער טאַטע האָט פֿון זײ האַנאָע געהאַט, װי פֿון אַ לוסטיקער פֿאַרװײַלונג. דו, געדענקסט איך, האָסט געפּרוּװט זיך אײַנהאַלטן און אַפֿילו צושמײכלען, נאָר אין דײַנע אױגן (אין װעלכע איך לײען טאָמיד דײַנע געדאַנקען) איז געװען אַזאַ געשפּאַנטקײַט, אַז איך בין זיכער, דו האָסט נאָכדעם געטאָן נאַרישקײַטן, קעדײ אױסצומײַדן אַן אופֿרײַס. אָבער מעגסט מיר גלײבן: דעמלט האָב איך ניט געקענט אַנדערש רײדן, איך האָב אין די דאָזיקע נאַריש־קײַטן געגלײבט.
נאַטירלעך, אַז איך האָב געקענט רײדן מיט אים, װײַל ער װעט דאָך זײַן דער, װעלכער װעט נאָכדעם מוזן אײַנשלינגען דאָס אַלץ, װאָס מע װעט פּאַטשקען אין די גאַזעטן. כאָטש איך פֿאַרלאָז זיך אױף אים, ער קען די מעלאָכע פֿון אײַנשלינגען די דאָזיקע פּאַטשקערײַ. דו ביסט מיט מיר מאַסקים?

און נאָך א זאך, מאמע. ניט אויס שרעק האָב איך מיט אים ניט גערעדט, זאָל דיר אזעלכס ניט אײַנפאלן. פּאָשעט, ער פארמאָגט א שטארקע זעלבסטזיכערקײַט, און אָפּגעוויגענע, א געזעלשאפטלעכע. בא אים זײַנען דאָ טאָמיד די נייטיקע ארגומענטן אין דער קעשענע. און זײַן קלוגיטשקער געלעכטערל מאכט צונישט יעדן פעסטן ארגומענט מײַנעם. שווער צו זאָגן וועגן דיר (און וועגן מיר), אז מיר זײַנען געבענטשט מיט אזוינע טײַערע אייגנשאפטן, ווי די דאָזיקע. איך האָף, אז דו בייזערסט זיך ניט. אָף דײַן געזיכט זײַנען דאָך שטענדיק אָנגע־שריבן אלע דײַנע מאָרעשכוירעס און וואקלונגען. און דו ווייסט דאָס גוט — איך האָב געזען, ווי דו קוקסט ארײַן אין שפּיגל און „קערסט" זיי אויס...

דו געדענקסט, מאמע, ווען דו פלעגסט זײַן אין דער היים, פלעגן דורכגיין גאנצע וואָכן אָן דעם, מיר זאָלן עטוואָס מאמאָשעסדיקס ריידן צווישן זיך. „עפּשער ווערסטו מיר שוין אמאָל צונייען דאָס דאָזיקע פארשאָלטענע קנעפּל, מאמע, פוילערן, וואָס דו ביסט", „עפּשער ווערסטו זיך שוין אמאָל נעמען פאר א רעכטן בוך אָנשטאָט צו יאָגן אָן אופהער אָף דעם מאָטאָציקל?", און אויב עס פלעגן זיך שוין יאָ אמאָל פארבינדן צווישן אונדז מאמאָשעסדיקע געשפּרעכן, האָסטו, זיכער, געדאכט, אז זיי זײַנען צופעליקע, ניט עמעס? ווײַל איך דיר טאקע הײַנט אנט־פּלעקן דעם סאָד — זיי זײַנען קיינמאָל ניט געווען צופעליקע אָדער קימאט צופעליקע. איך בין געווען זייער איניציִאטאָר. אָפּטמאָל האָב איך עס געטאָן אָף א פּראָוואָקאציִאָנעלן אופן, קעדיי הערן דײַן מיינונג. איך פלעג בעקיוון ארויסזאָגן נארישקײַטן — און דו פלעגסט זיך בייזערן, עמעס, דו האָסט זיך געפּרווּט אײַנהאלטן, נאָר דײַנע אויגן האָבן זיך געבייזערט, איך האָב עס געפילט. ווייסטו, צוליב וואָס איך האָב עס געטאָן? עס איז מיר געווען נייטיק, אומבאדינגט נייטיק, קעדיי אויסצוהערן אויך אן אנדער מיינונג, ווײַל אָט די אלע עקלהאפטע נארישקײַטן האָבן געבילדעט דעם הויפּט־מאטעריאל אין די צײַטונגען, אין דער ראדיִא, אין די הערצער פון די מענטשן, די לערער און טאלמידים אין מײַן קלאס.

און נאָך א זאך. איך האָב געוואָלט ריידן דאפקע מיט דיר, ווײַל דו האָסט אפילע קיין איין מאָל מיר ניט געזאָגט: „רייד ווי א מאנצבל", „אָט דאָס זײַנען רייד פון א מאנצבל". דאָס איז, מעגלעך, דערפאר, ווײַל איך בין אין דײַנע אויגן נאָך א קינד, און אויך דער טאטע זעט אין מיר זײַן קינד. און ביכלאל, די לעצטע צײַט (ווען דו ביסט נאָך געווען אין דער היים) קערט מיר די גאל פון דעם דאָזיקן „ווי א מאנצבל". דער סופּערמעניזם פון צאהאל האָט זיך פארוואנדלט אין א מין הויפּט־זאך אין לעבן. און דאָס איז דערפאר, ווײַל איך פארשטיי ניט, פארוואָס ווערן פאררעכנט אלס מאנצבילן און סופּערמענער מענטשן, וואָס פארנעמען זיך מיט אָן אמיינסטן אומענטשלעכער מעלאָכע — מיט קריג, מיט טעמפּער סאָלדאפּאָניע, מיט הארגע־נען מענטשן, וועלכע זײַנען טאָמיד שוואכער פון דעם באוואָפנטן און אויסגעײַבטן סופּערמען. עס ווערן אופגעריסן הײַזער — און זיי זײַנען סופּערמענער, ניט נאָר אין די אייגענע אויגן, נאָר אין די אויגן פון דער גאנצער מעדינע... מאמע, מיר דאכט זיך, אז ס'איז א פארקערטע וועלט. און וואָס פארא שיינע ביכער זײַנען ביז איצט געשריבן געוואָרן און וואָס איז פון זיי דער מער? מע האָט טאָמיד געליובט אין טאָג ארײַן דעם קויעך, דאָס מיליטער און די זיגער. דאָס זעלבע הײַנט, ווען אלע האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען די דאָזיקע שיינע ביכער און לייענען זיי אפילע. ווייסטו, ווי אומנוצלעך איז געווען דאָס אלץ, וואָס מע האָט זיך בא־מיט דיר אין דער קינדהייט אײַנצושמועסן: „לייען, לייען... ווײַל עס ברענגט פארגעניגן", „דערציט די געפילן", „ענדערט דעם שטאנדפּונקט" און דגל.

און ווייסטו, צו וועלכע אויספירן איך בין געקומען? צו דעם, אז איך בין ניט קיין סופּער־מען, ווײַל ניט זײַן קיין סופּערמען און וועל ניט זײַן קיין סופּערמען, און איך, שעם זיך, ווען איך זע אָדער לייען וועגן דעם. מיך כאפּט אָן א ציטער בלויז פון דעם געדאנק, אז עס קאָן זיך געפינען אזא איינער, וואָס וועט וועלן פון מיר מאכן א געוויינלעכן ייִסראָעלדיקן סור־פּערמען.

ווען מע האָט מיך ארויסגערופן, האָב איך זיך בעקיוון פרײַוויליק ניט געמאָלדן צו קיין שום כאִיל. „וואָס הייסט, דו ווילסט ניט זײַן קיין פליִער?" — האָבן זיך אופריכטיק געכידעשט די אָפיצערן. „שטעלט אײַך פאָר"... „און דו מעלדעסט זיך ניט פרײַוויליק צו קיין שום כאִיל?" „שטעלט אײַך פאָר"... דאָס איז געווען שוין נאָך דײַן אוועקפאָרן. איך פיל, מאמע, אז שוין פון די ערשטע ביסן, וואָס זײַנען דאָ אין מײַן בריוו, גלוסט זיך דיר וויינען. איך וויל ניט, דו זאָלסט וויינען. אָבער איך מוז דיר שרײַבן. איך האָב קיין אנדער ברייִרע. איך מוז דיר באשרײַבן דעם גאנצן איניָען.

אין וועלכן איניָען גייט עס? אין דרײַ כאָדאָשים ארום מאָביליזירט מען מיך (אגעוו, דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו יענער צײַט זיך אומקערן), און פּלוצעם אָדער ניט פּלוצעם גיי

איך דעם אנטקעגן, פול מיט ווידערגעפיל און עקל, און פיל מיך, ווי איך וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין א פּאַסטקע.

איך דאַרף גיין זיך לערנען הארגענען, ווי מעגלעך גיך און עפעקטיוו, ווי עס פּאַסט פאַר א מיטגליד פון אַן אַנטוויקלטער, נוצלעכער, דערהויבענער געזעלשאַפט. און הארגענען ניט די, וואָס זײַנען געקומען צו מיר אין טעל־אָוויוו מיך צו אונטערדריקן און מײַן הויז אופּצו־רײַסן, נאָר יענע, צו וועלכע איך, דער געוויינלעכער סופּערמען, בין געקומען זיי צו אונטער־דריקן און זייער הויז אופּצורײַסן, ווײַל איך בין בארופן אַפּצוהיטן דעם „קויסל", דעם „נאַוויס קיוווער", און דערפאַר ווײַל זיי „ווילן ניט קיין אַפּמאַך", און איך וויל נאָר „דירעקטע אונ־טערהאַנדלונגען" און נאָר אַן „עכטן שאָלעם אין נײַע זיכערע גרענעצן"...

דערצו האָב איך די לעצטע צײַט געמאַכט אַן אַנטדעקונג, וואָס האָט מיך אינגאַנצן פאַר־ניכטעט.

מע טוט דיר אָפּ קאַלעמינע מײַסים־טאַטוים אין אַזע און ראַמאַלא, און מע רעדט אין איין אָטעם וועגן דעם אַלץ, וואָס די נאַציסטן האָבן אָפּגעטאָן לעגאַבע די ייִדן, און מע פּרוווט דערמיט זיך זעלבסט צו באַרעכטיקן... דו פאַרשטייסט? ס׳איז דאָך א שווינדלערלעכער ליגן! און ניט סטאַם איינער א ביליקער זשורנאַליסטל שרײַבט אַזוי, ווי עס פּרוווט מיר אײַנשמועסן דער טאַטע, נאָר זיי אַלע, אין מעלוכישן מאַסשטאַב, אַזוי צו זאָגן. ווי דערלויבט מען זיך אַזעלכע מײַסים? און אַלץ צוליב דעם, קעדיי אָפּצוּוואַרפן יעדן פאַרשלאַג וועגן שאָלעם, וועגן רעגולירונג. און ס׳זײַנען דאָך שוין פאַראַנען מאַמאָשעסדיקע פאַרשלאָגן מיצאַד נאַסערן, און ער האָט אַפילע איינגעלאַדן נאָכעם גאָלדמאַנען קיין קאַיר. דו האָסט דאָרט, אין פאַריז, כאָטש א שטיקל האַסאָגע וועגן דעם, וויאַזוי מע באַשמוצט דאָ דעם דאָזיקן גאָלדמאַנען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געקליבן פאָרן אין קאַיר? פאַר וואָס? פאַר וועמען? ווו איז דער עמעס? דעם ליגן האָב איך אַנטפּלעקט, אָבער ווו איז דער עמעס? איך ווייס ניט. איך וועל זיך פּילן גליקלעך, ווען איך וועל באַקומען אַן ענטפער אויף אַט די אַלע פראַגן...

אָבער דערווײַל דאַרף איך גיין שיסן אין א יונג מיידל, וואָס דעמאָנסטרירט אין אַזע? איך דאַרף גיין הארגענען אָדער געהארגעט ווערן צוליב דעם אַראַבישן הויז, וואָס איז אופּגע־ריסן געוואָרן אין אַלט־ירושאָלאַיִם צוליב מײַן מיניסטער פאַר קולטור און דערציִונג?..

דו האָסט א באַגריף, מאַמע, וואָס מיר שטייט פאַר אופּצוטאָן אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום? דו האָסט א טאָעס, אויב דו מיינסט, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס עס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט זינט דײַן אָוועקפאָרן. איך האָב נאָך עפּעס אַנטדעקט, וואָס איז, מעגלעך, אויך מיט דעם פאַרבונדן. איך האָב אַנטדעקט, אַז אין לאַנד זײַנען דאָ דרײַ פעלקער: דאָס ערשטע איז „ווײַס" און געהערט צו דעם „אײַבערשטן פון שטויסל", דעם זאַטן און אַנטשליסנדיקן באַ־לעבאָס; דאָס צווייטע איז „שוואַרץ" און וווינט אינעם „טכום פון אָרעמקײַט"; און דאָס דריי־טע — די אַראַבער, וועלכע זײַנען „קלאַל קיין פאָלק ניט" און, ווײַזט אויס, אויך „קיין מענטשן ניט".

האַקלאַל, צאַהאַל, מאָביליזאַציע, דרײַ יאָר דינסט. און צוליב וואָס? צוליב וועמען? לע־שעם וואָס? איך ווייס ניט. ווי עס זאָל ניט זײַן, פאַרשטיי איך, אַז פאַרגיסן מענטשלעך בלוט איז אַן ערנסטער איניען. ווען איינער הארגעט אַוועק א מענטשן, ווערט ער באַשטראָפט מיט אייביקער טפיסע, ניט עמעס? און אַז מע הארגעט אַוועק א סאַך — איז עס פּאָליטיק... ווי בינדט זיך איינס מיטן אַנדערן? איך דאַרף וויסן, צוליב וועלכן עמעס איז מיר דערלויבט צו פאַרגיסן פרעמד און מײַן אייגן בלוט. און ביכלאַל איז דאָך קיין שולד אָדער אומשולד דערין, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן א ייִד און ניט קיין אַראַבער, פראַנצויז אָדער נעגער. קיין שולד אָדער אומשולד דערין, וואָס איך בין געבוירן א דײַטש און ניט קיין מאַראָקאַנער, טיימע־נער אָדער פערסיאַנער. קיין שולד אָדער אומשולד דערין, וואָס איך בין געבוירן און גע־וואַקסן אין ווילשטאַנד און ניט אונטערן צייכן פון אָרעמקײַט. פאַרוואָס זשע דאַרף איך פאַרגיסן בלוט לעשעם זאַכן, אין וועלכע איך בין ניט שולדיק און ניט אומשולדיק און איך האָב צו זיי קיין באַזונדערע שײַכעס? מײַן שולד באַשטייט נאָר דערין, וואָס איך טראַכט און וויל פאַרשטיין און וויסן דעם עמעס. נאָר דערין שטעקט מײַן שולד, אָבער קיינער גלייבט מיר ניט.

און לאָמיר אָנעמען, אַז ס׳וועט מיר „געלינגען" צו פאַרגיסן בלויז „פרעמד" בלוט און כ׳וועל בעשאָלעם זיך צוריקקערן פון דער דאָזיקער „באַזונדערס פילבאַרער מאַראָכע אינעם לעבן פון יעדן מאַנצבל". וואָס דערוואַרט מיך? איך וועל שטודירן, ווערן א מוזיקער, און אויב ניט — וועט דער טאַטע מיך באַזאָרגן מיט א גוטער שטעלע אין אַפּאַראַט. איך וועל האָבן אַן אייגענע דאַטשע און נאָך אַן אייגענע אויטאָ דערצו. עס קערט מיר די גאַל, מאַמע. די אָרעמע קוואַרטאַלן וועלן דאָך בלײַבן אָרעמע קוואַרטאַלן, און די פּאָסט־טרעגער וועלן

נאָך אַלץ באַקומען קנאַפּע גראַשנס און וועלן שטרײַקן צוליב עטלעכע צוגאָבלעכע פּרוטעס. און ווו וועלן זיך אַהינטאָן אַלע קינדער, וואָס זייערע הײַזער האָט מען אופגעריסן הײַנט און מע וועט אופרײַסן מאָרגן אין שכעם און אין אזע? און אַלע צײַטונגען און מיניסטאָרן וועלן פאַרזעצן צו בראָקן ליגנס אזש ביז צום ברעכן.

עס זעט אויס זייער טרויעריק, מאַמע, ניט עמעס? גלייב מיר, איך וואָלט דיר אזעלכס ניט געשריבן, נאָר ס'איז בא מיר הײַנט א באַזונדערס שווערער כורבן אף דער נעשאָמע. איך האָב זיך אומגעקערט פון ירושאָלאַיִם, פון דער דעמאָנסטראַציע קעגן דער קיריא אין כעוורען. מע האָט אונדז באַגאָסן מיט פאַרביקער וואַסער. עס איז געווען אויסטערליש, וואָס זאָל איך דיר זאָגן. די, וואָס ווערן זיך „קעגן די באַשלוסן פון דער רעגירונג״, האָט מען נאָך קיין איין מאָל ניט באַגאָסן מיט קיין פאַרביקער וואַסער. אָבער אונדז יאָ. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס בײַס דעם פאָלקס־רעפערענדום זײַנען 63% שטימען געווען פאַר גאָלדמאַנס רײַזע קיין קאַיר, אָבער די דעמאָקראַטיע זאָגט — ניין. וואָס זשע באַטײַט, אויב אזוי, דעמאָקראַטיע? נאָך איין פראַגע אָן אַן ענטפער. מע קען דערוואַרגן ווערן פון אזוי פיל שײַלעס אָן טשוועס.

און אויב דו מיינסט, אז דאָס אַלץ קומט פאַר אָן א שעמעץ פון הומאָר, האָסטו א טאָעס. מיר האָבן א נײַעם „גאָען", א „גוטן ייד״, דאָס איז טעקאָא אין די פאַרייניקטע נאַציעס. ער האָט אונדז אַלעמען פאַשעט אָנגערופן א „כאַליאַסטרע שיזאָפרעניקער״. דה.. אַלע די, וואָס פרעגן שײַלעס, וואָס ווילן ניט קיין פרעמדע שטאָכים, וואָס ווילן א בעקאַוועדיקן שאָלעם, זײַנען מעשוגאָיִם, דו פאַרשטייסט? אין מײַנע אויגן אָבער זײַנען מעשוגאָיִם דאַפּקע יענע, וואָס שפּאַצירן זיך רויִק איבער דער דיזענגאָף־גאַס און גיבן די מעגלעכקײַט דעם דאָזיקן טעקאָא ארויסצוטרעטן אין זייער נאָמען אין די פאַרייניקטע נאַציעס.

איך בין זיכער, אז דאָס אַלץ וועט אמאָל פּלאַצן. עס מוז פּלאַצן. אָבער דערווײַל? זיך אָפּזאָגן פון מאָביליזאַציע? שרײַבן אין צײַטונג? אָנשרײַבן גאָלדען? דאַיאַנען?.. קוידעמקאָל גאָר איך צו באַקומען אַן ענטפער אף אַלע פראַגן. און אז איך וועל שוין יאָ געפינען די טשוועס — וואָס וועל איך מיט זיי מאַכן?..״

נאָכדעם זײַנען געקומען עטלעכע שורעס וועגן דעם, אז „מיר זײַנען געזונט, די באָבע און דער זיידע בענקען, דער טאַטע אויך. ווען קערסטו זיך צוריק? דערווײַל אָבער ענטפער מיר און גיב אַן אייצע...״

פון נאַרעס נאָטיצן...

...איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו בלויז איין מאָל. עס איז מיר געווען גענוג. ער איז שוין אינגאַנצן געווען אין מיר. ווען איך האָב זיך געוואַשן, האָב איך באַמערקט, אז מײַנע הענט ציטערן. און דאָס האָט בא מיר ארויסגערופן גרויס צאָרן אף זיך אַליין...

איך האָב טעלעפאָנירט אין „על־על״. מאָרגן אינדערפרי. מאָרגן אום האַלבן טאָג וועל איך אים זען. איך האָב געשיקט א טעלעגראַם. איך האָב געקענט טעלעפאָנירן. נאָר וואָס קאָן מען זאָגן אין טעלעפאָן?

איך בין ארײַן אין טאַמאַזשניע. באַלד אף דער שטעל שטעל האָב איך צווישן די הונדערטער אויגן געטראָפן גיריקס צוויי הירשן־אויגן. אמנאָן איז ניט געקומען. בעסער אזוי, האָב איך געטראַכט.

מיר האָבן זיך ארומגענומען. זיך צעקושט. געשמייכלט. ער איז געשטאַנען לעבן מיר א היוכער, א שלאַנקער און געגלעט מײַנע האָר. איך האָב אים נאָכאמאָל צוגעדריקט צו זיך. זיך צוגעהערט, ווי עס קלאַפּט בא אים דאָס האַרץ. ער האָט געגלעט מײַנע האָר ווי א דערוואַקסענער. יאָ, ער איז רײַף געוואָרן. מיט איין מאָל. אין איין בריוו. צווישן צוויי רײַזעס פון זײַן מוטער.

איך האָב אײַנגעשלונגען די טרערן און צו אים געשמייכלט:

— דו שעמסט זיך ניט, גירינקע? ביסט נאָך מער אויסגעוואַקסן, איך בין מאַמעש א שרעטל אין פאַרגלײַך מיט דיר.

— ווירקלעך, א מעטער מיט זעקס און זיבעציק, מאַמע.

— און דו שעמסט זיך גאָרניט צו קוקן אף מיר אזוי־אָ, פון אויבן אראָפּ? — און איך האָב אים ווידער צוגעדריקט צו זיך מיט אזא קראַפט, אז איך האָב געהערט, ווי עס שורשען זײַנע ביינער.

— קום, לאָמיר זיך זעצן, וועט מיר ניט אויסקומען צו שעמען זיך.

מיר זײַנען אוועק געאַרעמט. און איך האָב געהערט דורך די האָר מײַנע ווי ער שעפּטשעט:

— זייער גוט, מאַמע, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט. כאָטש איך בין דאָס ניט געוועזן אויסן, ווען איך האָב דיר געשריבן דעם בריוו.

— ס'איז גאָר ניט וויכטיק, מיט א כוידעש מער אָדער מיט א כוידעש ווייניקער. וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט דער טאַטע?

— אין פולער אָרדענונג, ער האָט דיר איבערגעגעבן זײַן קוש. בא אים איז א דרינגענ־דיקע זיצונג אין ירושלאַיִם. אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אין דער לעצטער מינוט זי אָפּצולייגן אַף אַן אַנדער צײַט.

— וואָס מאַכן די באָבע און דער זיידע?

— אין אָרדענונג. דער זיידע שמייכלט צו אַלץ און שווײַגט, ווי דער שטייגער. די באָבע זיפצט אַף א קאָל.

מיר האָבן זיך ניט ווילנדיק איבערגעטראָגן אין יענע טעג, וועלכע האָבן אינגאַנצן גע־הערט אונדז ביידן און זײַנען געווען אָן וואָלקנס. אויב אַזוינס איז ביכלאַל מעגלעך. און עפּשער האָב איך דאַן אַף מײַנע פּלייצעס אַרופגעלייגט אַלע וואָלקנס — אויך זײַנע. דאַן בין איך געווען בעיעכוילעס דאָס צו טאָן.

מיר האָבן זיך געזעצט איבערבײַסן. און ווי אַמאָל, אין אַזוינע פאַלן, האָט זיך אונדזער שמועס צעוויקלט פון זיך אַליין. אָן א וועלכער ניט איז באַמיִונג. אָן א באַזונדער איניציאַ־טיוו. דער קויעך פון רעגילעס. פון קינדווײַז אויף. בייס דעם אָנבײַסן. בייס דער וועטשערע. וויפל זײַנען זיי געווען, אַזוינע געשפּרעכן? אין די טויזנטער. און געווען זײַנען מיר בלויז זאַלבעצווייט. טאָמיד. אויסער די שאַבאָסים. די געשפּרעכן פלעגן זיך אָנהייבן טייקעף. ער פלעגט אופהייבן זײַנע קני, דעם רוקן אָנשפּאַרן אַף דעם קיל־שראַנק. צוערשט האָב איך ניט געוווּסט, אַז זײַנע קני זײַנען אופגעהויבן. דער טיש האָט זיי פאַרבאָרגן. און אָט שוין א צײַט מיט יאָרן, אַז זיי זײַנען איבער דעם טיש.

— איך וויל, דו זאָלסט מיר גלייבן, מאַמע, אַז ס׳טוט מיר לײַד, וואָס דער בריוו מײַנער האָט צעשטערט דײַנע פּלענער. כאָטש ערגעץ־ווו, אין אַ ווינקעלע פֿונעם האַרצן, האָב איך געוואָלט, דו זאָלסט קומען. דאָס איז אָבער געווען, גלייב מיר, אונטער דעם באַוווּסטזײַן.

— נאַרעלע, איך בין געווען גליקלעך, ווען איך האָב געלייענט, אַז איך בין דיר נייטיק. אין די לעצטע יאָרן האָב איך געטראַכט...

— איך ווייס עס...

די גאַנצע צײַט האָב איך גערעדט פֿון מײַן גליק. און קיין איין וואָרט וועגן מײַן מאַכט־לאָזיקייט, וועגן מײַנע ליידן. איך האָב ניט געקענט. ווײַזט אויס, דער מוטערלעכער אינסטינקט האָט ניט דערלאָזט.

איך האָב זיך אופֿגעהויבן אָנצוגיסן טיי. געשטאַנען צו אים מיט דעם רוקן. אַזוי איז בע־סער. אַף אַ ווײַלע. ווײַל זײַן שטים איז געווען געבראָכן פֿון טרערן, וואָס האָבן געוואָרגן אין האַלדז. מײַן קינד גלוסט זיך וויינען... נאָר ניט אַזוי ווײַנט אַ קינד. ס׳איז אַ געוויין פֿון אַ דערוואַקסענעם. פֿון אַ מענטשן, וואָס ווערט צעריסן אַף שטיקער. איך ווייס, וואָס דאָס באַטײַט. יעדעס וואָרט פֿון זײַן בריוו גיט זיך באַ מיר אָפּ אין האַרצן. און איך בין דערנעבן, און גאָרניט. אָדער קימאַט גאָרניט. אַ קוש וועט ניט העלפֿן. אויך אַ שמייכל. אויך אַן אומאַר־מונג. אויך ווערטער. און דאָך בין איך צו צו אים. צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו מײַן ברוסט. אַף איין ווײַלע. און אָפּגעלאָזן.

— דײַן בריוו ווייס איך אויסווייניק. נו, און וואָס ווײַטער?

— איך האָב באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַן אָפֿענעם בריוו גאָלדען. דה., איר און פֿאַר די צײַטונגען. צוזאַמען מיט נאָך כעוורע. מיר דאַכט, אַז דאָרט, אין דער רעגירונג, ווייסן זיי ניט, אַז ס׳איז אונדז קלאָר, אַז עפּעס פֿוילט באַ זיי אין דער מעלוכע.

— יאָ.

— קיין אַנדער ברייירע, דו פֿאַרשטייסט? אַז אַלע זאָלן ווייסן.

— איך פֿאַרשטיי. האָסטו גערעדט מיטן טאַטן?

— יאָ, פֿיל מאָל. און דאָסראָוו אַף די הויכע טענער. ער באַמיט זיך זײַן דערצ׳עריש, דו קענסט דאָך אים, אָבער יעדעס מאָל ווערט ער געשטרויכלט.

— ווי׳אַזוי?

— צוערשט האָט ער געלאַכט מיר אין פּנים אַרײַן: „פֿון פֿלי׳ער, פּאַראַשוטיסטן און דער שטענדיקער זעלבסטפּײַניקונג פֿון דער מאַמען ביז צום אַבסאָליוטן פּאַציפֿיזם? און וואָס וועט זײַן מאָרגן? און איבערמאָרגן? קינדערשע סאַלטאָ־מאָרטאַלעס... עפּשער וועסטו פּרי׳ער גרינטלעך דערלערנען די איניאַנים און רײַף ווערן אין דײַנע אָנשוויונגען און דאַן ערשט צוטרעטן צו מײַסים? מיר האָבן זיך ווידער און ווידער אומגעקערט צו אונדזערע וויקוכים. ביז ער האָט לעסאָף פֿאַרשטאַנען, אַז עס גייט אַ רייד וועגן אַן ערנסטן און טיפֿן קריזיס, וועלכן איך לעב איבער. און דאַן האָט ער מיר אָנגעדײַטעט, אַז מאַכמעס איך בין פֿון געבוירן אַ מוזיקער, איז מעגלעך, איך זאָל אָנגענומען ווערן אין אַ מיליטערישער קאַפּעלע. שרעקלעך אופּגעבראַכט פֿון זײַנע ווערטער, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל ניט וואַגן מיך „אײַנאַר־דענען", און נאָך מער בין איך דערצאָרנט געוואָרן, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „אָט די עקסטרעמקײַט, וואָס האָט קיין אַנונג ניט פֿון טיפֿן אַנאַליז, האָסטו, ווײַזט אויס, געיאַרשנט פֿון דײַן מוטער און דײַן זיידן". ער האָט ניט געהאַט, וואָס מיר צו ענטפֿערן, ווען איך האָב אים צו ווייסן געגעבן, אַז דו ביסט דערדריקט און שווײַגסט, און דער זיידע שמייכלט בלויז טרויעריק. זײַ מיר מויכל, מאַמע, ס׳איז דאָך עמעס. דאַן האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דער־קלערן, אַז „ס׳זײַנען דאָ קאָנקרעטע אומשטענדן און אָביעקטיווע מעגלעכקײַטן", מע דאַרף נאָר קענען זיי געפֿינען און האַנדלען אַף אַן „עפֿעקטיוון" אויפֿן אַאַוו. עס האָט מיך גענודיעט, איך האָב שוין לאַנג קיין נערוון ניט פֿאַר אַזוינע העסבײַרים, הינטער וועלכע ס׳ליגט פֿאַר־באָרגן אַ צופּאַסלערישע אינטעליגענטישע אונטערטעניקייט. און דאָס אין דער צײַט, ווען אַלץ... ווערט אופֿגעריסן.

דאָס איז געווען אונדזער לעצטער געשפּרעך. פֿון דעמלט טו איך אַלץ אַליין.

איך האָב די גאַנצע צײַט געשמייכלט. זיך באַמיט, אַז דער שמייכל זאָל ניט פֿאַרשווינדן פֿון מײַן פּנים. איך וועל קיינמאָל ניט ווייסן, האָב איך געטראַכט, דעם עמעס: גלייבט דען אַמנאָן אין דעם אַלעמען אַף אַן אידעאַליסטישן אופֿן אָדער אַלע זײַנע זאָרגן זײַנען פֿאַר־בונדן בלויז מיט דער קאָנסטרוקטיווער קאַריערע זײַנער. אַמאָל בין איך געווען די, וואָס האָט זײַן קאַריערע באַדראָט. האָט ער מיך „איבערצײַגט"... איצט איז זײַן זון קעגן אים אופֿגעשטאַנען... און ער פּרוווט אים איבערצײַגן. פֿאַר מיר האָט שוין דער דאָזיקער עמעס קיין שום כשיוועס. מײַן ליבע איז טויט. אָבער פֿאַר גיריקן?

— אוווכיין, גירינקע, האָסטו אָנגענומען די נייטיקע באַשלוסן און פּאַרווירקלעכסט זיי, איז וועלכע אייצעס דאַרפסטו נאָך?

ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַנע אָפענע הירשן־אויגן דירעקט אין מײַן נעשאָמע אַרײַן און האָט אַ זאָג געטאָן אָן אופרעגונג און ערנסט:

— דו ביסט מיר נייטיק, מאַמע.

טרערן האָבן מיך געוואָרגן. איך האָב זיי אָבער אײַנגעהאַלטן.

— איך בין דאָ, גיריק. איך בין מאַסקים מיט דײַנע באַשלוסן. איך האָב אַלץ מוירע געהאַט, אַז דו וועסט זיך אויך אָנשליסן צו דעם פֿאַרלאָרענעם דאָר. מײַנעם און דעם טאַטנס.

— דו געהערסט ניט צום פֿאַרלאָרענעם דאָר, מאַמע... דער טאַטע — דאָס איז עפּעס אַנדערש.

— אַנדערש בלויז אין איינצלהײַטן. ער האָט אויך געהערט צו די לינקע. נאָך אַדהייעם באַמיט ער זיך... נאָר עפּעס האָט אים קאַליע געמאַכט. מיך אויך. מיך — די דעפּרעסיע.

— לעגאַבע זיך וועל איך עס ניט דערלויבן. איך וועל ניט זײַן דער כאָרעוו געוואָרענער דאָר — פֿון זייער האַנאָ־וועגן. איך בין ניט קיין אייגננוציקער אָסקן און ניט קיין אַמעראַציִשער נײַער אַלע... איך ווייס... וואָס איך ווייס...

— וואָס?

— אָדער איך וועל עפּעס איבערמאַכן דאָ אָפּן אָרט, אָדער איך וועל פֿונדאַנען לעגאַמרע פֿאַרשווינדן.

— גירי. ניין. רייד ניט אַזוי. דו ביסט דאָ געבאָרן. איבערמאַכן — דאָס יאָ. נאָר — ניט בײַטן דײַן וווינאָרט, גיריק. קוק מיך אָן. איז עס דיר ווייניק? אַ צעשפּאָלטן לעבן, אַ צעשפּאָלטענע נעשאָמע, אַן אומופּהערלעכע מאַרעשכוירע. אַ דורכויסיק אומלויפֿן אַהער און אַהין אָן שום ציל און טאַכלעס. דאָ וועט דיר, מעגלעך, געלינגען ניט זײַן קיין דאָר קיין פֿאַרלאָרענער. אין אַן אַנדער אָרט — זיכער ניט. פֿאַרגעס דעם דאָזיקן „אָדער״. איין זאַך איז בלויז קעדײַ: איבערמאַכן.

ער האָט געשמייכלט צו מיר אויס ראַכמאָנעס, נאָר ניט אויס סאָלידאַריטעט. גאָט מײַנער, אין מײַן געבוירן בין איך ניט שולדיק, אָבער אין זײַנעם — יאָ. דאָס, וואָס האָט מיך געשראָקן, איז געשען. די עלטערן האָבן געגעסן ניט קיין רײַפֿע פּרוכט... אויך די לעצטע האָפֿענונג, אַז מײַן זון וועט ניט זוכן קיין אַנדערע היים־ערטער — אויך זי ווערט געבראַכט צו קוווּרע?! מעסוקענע פֿאַרברעכער זײַנען די, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַ יונג קינד זאָל וועלן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, וואָס איז פֿאַר אים דאָס איינציקע אונטער דער זון, ווײַל ער איז דאָ געבאָרן. וויפֿל אַזוינע פֿאַרברעכער דרייען זיך אַרום אין דאָזיקן לאַנד, אין דער דאָזיקער וועלט? ווי איבערצײַגט מען אים?

איך הער, ווי ער זאָגט:

— איבערמאַכן! ווי‌אַזוי? מיט וועמען? מיט אַ בינטל יונגוואַרג און אַ הײַפֿל פּראָפֿעסאָרן? אין פֿלוג דאַכט זיך: אַלץ איז אַזוי קלאָר, לויטער, ווי אין אַ גוטן שפּיגל. און דאָך, ווען ס׳ווערט געמאָלדן אַ דעמאָנסטראַציע — וויפֿל קומען צו גיין? דער „דערפֿאָלג״ איז גרויס, ווען ס׳קומען עטלעכע הונדערט, העכסטנס טויזנט, פֿון דרײַ מיליאָן. און די, וואָס קומען? צעקריגטע, זײַנען זיי צווישן זיך ווי אָף מעסער, און פֿאַרוואַרפֿן מיט שמוץ איינס דאָס אַנדערע. די לעצטע צײַט האָב איך זיך געהאַט געטראָפֿן מיט פֿאַרשיידענע מינים פֿון די דאָזיקע לײַט. אייניקע האָבן זיך באַמיט מיך פֿאַרווערבירן. ענלעכע לאָזונגען, ענלעכע דיבורים, ענלעכע דייעס, דעמאָנסטרירן אַלע צוזאַמען. אָבער סאַראַ שרעקלעכער האַס פֿון איינעם צום צווייטן! מאַמעש סאָנים!

— איך ווייס עס. איך ווייס. און דאָך, איז דאָ נאָר איין וועג, קינד מײַנס.

— דער קאָמוניזם, ווילסטו זאָגן. איך ווייס. איך בין אָבער ניט זיכער, מאַמע. איך בין פֿול מיט פֿאַרדאַכט און זאָרג. איך לייען צײַטונגען.

— ניט מיט די צײַטונגען אַליין לעבט דער מענטש, וואָס וויל זײַן אַ מענטש.

— ביכער? מאַרקסיזם? עפּשער. מע דאַרף דאָס אַלץ באַטראַכטן.

— און ווי האַלט עס מיט דער מוזיק? זינט איך האָב זיך צוריקגעקערט...

— אויך פֿאַר דעם קלעקט מיר איצט ניט קיין צײַט און ניט קיין נערוון.

אויך פֿאַר דעם. מיט וואָס פֿאַרא ביטל. ער האָט דאָך קאַליאָמאָוו געטרוימט אָנצופֿילן זײַן לעבן מיט מוזיק. און איצט נאָ דיר: „אויך פֿאַר דעם״... ער פֿאַרשטייט נאָך ניט, אָבער פֿילט, און אַפֿילע מער ווי מע דאַרף: ס׳איז ניט גענוג אָנצופֿילן דײַן וועלט מיט מוזיק. מיט געמעלן. מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס. די וועלט לאָזט דיך ניט צורו.

קונסט האָט די וועלט ניט געענדערט. און ענדערט ניט. און דאַן קומסטו אָן צו דער פּאָליטיק. זי קומט צו דיר. רײַסט זיך אַרײַן. טרײַבט אַוועק פון דיר דעם שלאָף. וווהין וועלן אים ברענגען די דאָזיקע יעסורים? ס׳איז מעגלעך, אַז ער וועט אַנטלויפן צו דער מוזיק. אַלץ איז אין זײַנע הענט. און איך? וואָס קאָן איך מאַכן? געבן אײַצעס. ווען מע נייטיקט זיך אין זיי. אָקיי, ביכער. צווײַלן אים, ער זאָל לייענען. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער. אומעגלעך אים צוצווײַלן. מע קאָן נאָר אײַצענען. מיר וועלן, ווײַזט אויס, זײַן פרײַנט. ווי געווען. און דאָך ווערט דער ראַדיוּס פון מײַן ווירקונג אין זײַן וועלטל אַלץ קלענער. ער נעמט אַליין אָן די נייטיקע באַשלוסן. עס איז געקומען די שאָ.

יענער טאָג – ווען

וועלן אָפּגיין די הערצער די פּאַרפּראָענע?

אינעם כוידעש יול איז געווען אומדערטרעגלעך הייס (נאַרישקײַטן — אײַנבילדונג — מענטשן טראָגן אַלץ איבער). און דאָך — שווייס איז גערונען טאָג און נאַכט. און טאָג און נאַכט האָבן „מיר גוט געשלאָגן", און אונדזערע רעמלעך זײַנען געווען שוואַרצע.

און דאָס לעבן האָט זיך געצויגן צווישן האָרעוואַניע און ייִעש, צווישן געלעכטער און געוויין, צווישן מאָלצײַטן און קעפּלעך אין די צײַטונגען, צווישן נעמען אַ „דוש" און „אָט זײַנען די לעצטע נײַס אין זייער פולן פאַרנעם".

און בײַס יעדער נײַס־אויִדיציע פּרווו איך מיר אָפּגעבן אַ דין־וועכעזשבן, וואָס האָב איך געטאָן דאַן, ווען „צען דרײַסיק האָבן אונדזערע אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס... און פון ביידע ברעגן פון קאַנאַל זײַנען אופגעגאַנגען צום הימל זײַלן רויך און פלאַמען..."? פון די קאַנאַל־ברעגן זעט מען דאָך ניט די אָפּגעברענטע מוטערלעכע בריסטן און די צעדרויבלטע קינדערישע גופימלעך... און וואָס האָב איך געטאָן דאַן, ווען „12 אַזייגער באַנאַכט זײַנען פונעם סוינעס פײַער אומגעקומען צוויי זעלנער פון צאַהאַל און זייערע מישפּאָכעס האָבן באַקומען מוידאָעס וועגן דעם". וואָס האָב איך געטאָן? איך בין דאָך ניט פון זייערע מישפּאָכעס — האָב איך געטרונקען קאָפע? געלייענט אַ בוך? געהערט די לידער פון זשאָרזש בראַסאַן אויסגעפּילט דורך יאָסי באַנאַי?

דער יול איז געווען הייס און סאַרפּעדיק. איך האָב זיך ניט געטראָפן מיט זיוועץ. אויך ניט מיט נאָרען. זיי איז אויך, וואַרשײַנלעך, געווען אַזוי הייס, אַז ס׳האָט זיך אַפילע ניט געגלוסט אַראָפּנעמען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל. געווען זײַנען מיר געצוווּנגען פיל מאָל אין טאָג זיך שטעלן אונטערן דוש, קויפן זיך דינע בלוזעס, טרינקען אײַז־קאָפע, אַזוי מוירעדיק איז הייס געווען. אָבער סאָפּקאָלסאָף זײַנען מיר דאָך ניט באַם קאַנאַל און ניט אין ראַפּיִאַך. און אונדזערע מישפּאָכעס האָבן ניט באַקומען קיינע מוידאָעס.

און פּלוצעם, אין דער ערשטער שאַבעס־נאַכט אין לאַנד — פײַער־איבעררײַס. זאָל מען גלייבן? אַלע טרערן, וואָס זײַנען ניט אויסגעוויינט געוואָרן בעמעשעך פון דרײַ יאָר, האָבן מיר אויסגעוויינט איצט, אין דער דאָזיקער שאַבעס־נאַכט. ווײַל מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ניט וויינען אין די גרויליקע שאָען. נאָר וויינען, ווען ס׳איז דאָ כאָטש איין פונק פון פרייד.

פײַער־איבעררײַס. איז ער מעגלעך אין אונדזער לעבן פון בלוט, פײַער און שווערד? די טרערן גיסן זיך אַליין. אַ מעכטיקער רעזערוואַר פון יאָרן, פון נײַס־אויִדיציעס יעדע שאָ, פון שוואַרצע רעמלעך טאָג־אויס טאָג־אײַן. סאַרא קאָלאָסאַלער רעזערוואַר. און דאָך האָט אים דורכגעריסן.

פײַער־איבעררײַס. וועט ער לאַנג דויערן? וועלן נאָך פאַלן מענטשן אָדער ניט? טמימעס. טרערן. טמימעס. טרערן. טמימעס. טמימעס.

אָבער צוערשט איז געווען דער פרייד־געפּילדער. דער טעלעפאָן האָט געיובלט. די שטיימען אין טרײַבל האָבן געציטערט. די העלדזער זיך געוואָרגן. אין ראַדיִאָ — אין אַלע הײַזער, אַף אַלע שטאָקן, פון אַלע פענצטער.

איך האָב אָנגעקלונגען נאָרען.

ביידע אין איין קאָל: געהערט? יאָ. יאָ.

— ס׳איז וווּנדערבאַר! זיך טרעפן אין „פינטי"? אָקיי. מיר וועלן רויִק נעמען אַ גלעזל. אין אָרדענונג, גירינקע האָט געקלונגען, ער וועט באַלד ווידער קלינגען, וועל איך אים זאָגן, ער זאָל אַהין קומען... אוואַדע האָסטו אים לאַנג ניט געזען... עס האָט זיך מיר ניט

געגלייבט, ביז איך האָב אַליין דאָס אַלץ ניט געהערט אין דער ראַדיאָ. אמנאָן האָט אויך ניט געוווּסט... ענדלעך, איז ער דאָך ניט דער ערשטער שטערן...

איך האָב געשמייכלט. נאָרע האָט קיינמאָל זיך ניט באַנוצט מיט אַזעלכע „לאַנגע" זאַצן, און נאָך אין טעלעפאָן־געשפּרעך. האָט די פרייד געענדערט די געוויינלעכע מאָס פון אירע זאַצן? איך בין געזעסן באַם שווייַגנדיקן טעלעפאָן און געטראַכט: ווען ס'געלינגט מיר איר אָנצודרייַען, זי זאָל ניט מיטברענגען אַמנאָנען. עפּשער, צום גליק, אַ דרינגענדיקע זיצונג... ער איז טאַקע ניט געקומען. „ער איז שרעקלעך פאַרנומען. טעלעפאָן־געשפּרעכן. באַראַטונגען."

זייַנען מיר דערווייַל געווען זאַלבעצווייט. זיך צעקושט אָן ווערטער. געזעסן אָן ווערטער. פיר אויגן, פול מיט טרערן, און פיר ליפּן, אַף וועלכע ס'איז פון סימכע פאַרגליווערט געוואָרן דער שמייכל.

לעסאָף, נאָרע:

„ס'האָט זיך ניט געגלייבט. פּאַשעט ניט געגלייבט. ערשט נעכטן האָב איך געפילט, אַז דאָס האַרץ ווערט באַ מיר פאַרפרוירן אין דער דאָזיקער היץ. אין יול. איך האָב געטראַכט, עס וועט שוין ניט אָפּגיין און ס'וועט שוין אַזוי שטאַרבן. און אָט איז געקומען דער טאָג. דער אָוונט. איצט גלוסט זיך מיר שרייַען אין אַלע גאַסן: Vive la vie!. זינט איך האָב זיך צוריקגעקערט, בין איך געוואָרן אַ שרעקלעכע עגאָיסטקע. איך טראַכט נאָר וועגן דעם 17 אווגוסט. פּאַלט אויס פּינקטלעך אין צען טעג אַרום. און וועגן דעם האַרצן, וואָס איז פאַרפראָרן געוואָרן אין דער דאָזיקער היץ אונדזערער.

— לאָז צורו, מיר זייַנען אַלע „עגאָיסטן", ניט נאָר דו.

מייַנע ווערטער, און עפּשער די דאָזיקע גליקלעכע שאָען, האָבן זי, ווייַזט אויס, דערך מונטערט — זי איז זיך פּלוצעם פאַרגאַנגען אין אַ הילכיקן געלעכטער, אין איר אָוראַלטן און זעלטענעם געלעכטער:

— היינט האָב איך פאַרשפּילט אין אַ געוועט מיט אַמנאָנען. מיר האָבן זיך געשפּאַרט טאַקע מיקויעך די דאָזיקע נייַס. יעדע שאָ, מינימום אַ פּאָר מינוט יעדע שאָ, שליסט ער אייַן די ראַדיאָ. און איך בלייַב שטיין פאַרגליווערט. מאַמעש פאַרגליווערט. איך אַנטלויף אין קיך. אין אַן אַנדער צימער. איך הער זיך דאָך צו. ער האָט אָבער ליב הערן די נייַס רויִק און מיט קאָפּ. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָבן מיר ווידער געשטרייַט. איך האָב אים געזאָגט: „איך וועל אָנהייבן הערן ראַדיאָ בלויז דעם 17 אווגוסט, בלויז דעמלט". ס'איז געווען בייז פון מייַן זייַט. איך האָב עס געוווּסט. איך האָב אָבער אַנדערש ניט געקענט, איך האָב אים געמוזט דאָס אונטערוואַרפן. אין פּאָנעם אַרייַן. ער איז שטאַרק געווען באַרויִגעט. אים פאַרדריסט, וואָס איך גלייב ניט אין דעם, אַז ער־געהער צו די „טויבן" און באַשולדיק אויך אים.

איך גלייב דאַפקע אין דעם, אַז ער איז מיט די „טויבן" און ניט מיט די „שפּאַרבערס". עס גיט אָבער גאָרניט. וועמען העלפט עס? ניט מיר, ניט אים. ניט קיינעם. אָבער צום איקער. אין דעם־אָ אָוונט האָב איך זיך אָוועקגעזעצט לעבן דעם קאַסטן און אויסגעהערט אַלע סטאַנציעס. אויך אויסלענדישע. עס האָט זיך מיר פּאַשעט ניט געגלייבט. איך האָב זיך געוואָלט איבערצייַגן. פֿייַער־איבעררייַס אין ענגליש. אין פראַנצויזיש. נאָכאַמאָל. און ווידעראַמאָל. ס'איז געווען אַ מין שאַמפּאַניער. און אויב איינס און דאָס זעלבע אין אַלע שפּראַכן — אַ סימען, ס'איז עמעס. האָב איך גענומען לאַכן. ווי אַ שיקערע. און געזאָגט אַמנאָנען: איך האָב דעם געוועט פאַרשפּילט, היינט איז בלויז דער 7 אווגוסט. עס איז געווען איין־איינציקער אויגנבליק, ווען מיר האָבן זיך ווידער דערפילט זאַלבעצווייט, ניט יעדער באַזונדער.

זי האָט געלאַכט. מיר האָבן ביידע געלאַכט.

— צוויי מאָל קאָניאַק. מיט סאָדע־וואַסער.

איך האָב ניט דערווידערט — אין דעם דאָזיקן אָוונט איז מיר אַפילע קאָניאַק געווען ליב און אָנגענעם, צו אַלדי שווארצע יאָר.

נאָרע האָט פאַרגעזעצט:

— מיר האָבן זיך צעקושט. קימאַט ווי אין אַמאָליקע יאָרן. אָדער, פּיליִכט, קימאַט ווי צוויי בידנע אַלט־געוואָרענע עלטערן פון איין זון. ווייַזט זיך אַרויס, אַז אַמנאָן האָט ניט געוווּסט. דאָס איז, וואָרשיינלעך, אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין מעקוימעס העכערע פון דעם מאָקעם, וואָס ס'פאַרנעמט אַמנאָן. „זייער גוט, וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן!" — האָט ער געזאָגט. „בעעמעס? „אַוואַדע, ווען ניט, וואָלט עפּעס אופגעריסן באַ דער יוגנט אונדזערער"... איך בין צו צו אים, גענומען אים קושן. עס איז געווען פּאַר אונדז אַ קורצע, נאָר אַ גרויסע רעגע. ער איז אויך געווען גליקלעך. פּאַשעט גליקלעך. פון דער בסורע. פון דער דאָזיקער רעגע.

איך אָבער, צו דער שאַנד מײַנער, האָב מיך ניט אינגאַנצן באַטייליקט אין דער דאָזיקער רעגע. די גאַנצע צײַט האָט מײַן מויעך געהריזעט די שײַלע: צי גלייבט ער, אָדער עפּשער ווייסט ער — איז דאָס טאַקע אַ שריט לעגאַבע דעם שאָלעם?

ענדלעך האָב איך אים געפרעגט. ער האָט געשוויגן. און ערשט נאָכדעם, ווען איך האָב אים ווידער געפרעגט, האָט ער געענטפערט: „מירן זען, מע דאַרף בוידעק זײַן אַלע באַדינ־גונגען"... איך ווייס ניט, וואָרשײַנלעך, דעמלט, און עפּשער אין דער מינוט, ווען ער האָט אָנגעהויבן טעלעפאָנירן מיקויעך זײַנע איניאָנים, האָט זיך די גליקלעכע רעגע פאַרענדיקט. זיך אויסגעוועפּט.

זי איז אַנשוויגן געוואָרן. איך האָב אויך געשוויגן. ס'איז אונדז ביידן געווען קלאָר דער ייִעש, אין וועלכן ס'האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט דער זאַץ: „מירן זען, מע דאַרף בוידעק זײַן די באַדינגונגען..." מיר האָבן דאָך געשמייכלט, ווי מיר וואָלטן זיך געגעבן דאָס וואָרט: אָבער ניט אין דעם דאָזיקן אָוונט, צום טײַוול! אין דעם דאָזיקן אָוונט וועלן מיר קיינעם ניט לאָזן קאַליע מאַכן אונדזער געמיט־צושטאַנד. דיה לצרה בשעתה. צו אונדזער גליק, האָט מען פונקט אין דער מינוט געבראַכט דעם קאָניאַק. מיט אַ סאַך סאָדע־וואַסער. מיר האָבן געטרונ־קען און געשמייכלט. און די גאַנצע גאַס האָט געשמייכלט. אַלע מענטשן אין קאַפע, אַלע פאַרבײַגייער, אַלע לאַמטערנס, אַלע ביימער, אַלע פאַרעס אין די אויטאָמאַשינעס.

— נאָכדעם האָט געקלונגען גירינקע. „מאַמע, האָסט געהערט? ווײַן ניט, איך בעט דיך זייער, ווײַן ניט." און דו ווייסט, רות, ער איז גאָרניט געווען אויפגערעגט. איך ווייס אָבער, ווען ער וואָלט פאַר מיר געשטאַנען, וואָלט איך געזען טרערן אין זײַנע אויגן. דער טעלעפאָן האָט אים געהאָלפן. זיי קענען פאַרבאַהאַלטן זייערע געפילן. אַ דאַנק פון אײַך. באַלד קומט ער, פּינקטלעכער, באַלד וועלן זיי קומען.

— ווער נאָך?

— זײַנע אַ כאַווערטע. ס'איז דאָ אַזאַ באַ אים. איך האָב זי קוים באַוויזן צו באַטראַכטן. אַ שעמעוודיקע. ווי אַן אײנד. וועסט זי זען. עפּשער וועל איך דאָסמאָל האָבן די מעגלעכקײַט זי געגנוי אָנצוקוקן.

מיר האָבן זיך צעלאַכט. אַלץ אַרום האָט געלאַכט, איז געווען שיין און לוסטיק.

עס האָבן זיך גענומען אויפקלײַבן פרײַנט. מיר האָבן זיך געוווערטלט. געלאַכט. געלאַכט צוזאַמען מיט דער יובלדיקער גאַס, מיט דער יובלדיקער וועלט. גאָט מײַנער, שוין מיקאַמע יאָרן האָבן מיר ניט געהאַט אַזאַ טײַערן אָוונט!

גאָט אין הימל, וויפל זאַכן האָבן מיר ניט געוווּסט אָדער געוואָלט פאַריאָגן פונעם האַרצן אין יענעם אָוונט. מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז ס'איז ניט דער סאָף און אַפילע ניט דער אָנהייב פונעם סאָף. מיר האָבן אָבער אַזוי געגאַרט דעם דאָזיקן אָנהייב, אַז מיר זײַנען פאַרשיקערט געוואָרן פון דעם־אָ ווילן אונדזערן, נאַטירלעך, ניט אָן דער הילף פונעם יובל און דעם קאָניאַק. מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז ס'וועלן פאַלן נאָך און נאָך ייִנגלעך, ייִדישע און אַראַבישע, אָף די „זיכערע גרענעצן" און אין די „נאַכלעס פון אונדזערע אָוועס", מיר האָבן ניט געוווּסט, ווי גוט סע פילן זיך יענע, וואָס האָבן ליב אַ לוינבאַרן אָפּזאַץ פון סכוירע און ביליקע אַרבעטס־קראַפט, נאַפט, אַלטערטימלעכקײַטן און מאַנצבלשע שטאַרקע עמפּפינדונגען. מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז זיי וועלן ניט אײַנגיין אַפילע אָף אַ געצאָסמעטן שאָלעם־אָפּמאַך.

ס'איז געווען אַ זעלטענער פאַר וויפל יאָרן אָוונט. אַן אָוונט פון גלייבן אין דער לאָגיק, אין אָנשטענדיקײַט, אין ווערטן, וואָס זייער נאָמען איז ס'מענטשלעך לעבן. אַן אָוונט פון זייער פּיל גליקלעכע מינוטן צוזאַמענזײַן. מיר האָבן געוואָלט גלייבן, האָפן, אויסשעפּן דאָס גליק ביז צום דעק, ווײַל אין דער טיף פון אונדזערע אומגליקלעכע הערצער האָבן מיר געפלאַטערט, אַז ער וועט פאַרשווינדן. — —

גיורא איז פּלוצעם אויפגעשווומען צווישן דעם האַמוין, אַ הויכער און שלאַנקער און לעבן אים — אַ דינינק באַשעפעניש אָף לאַנגע פיס, פאַרברוינטע, גלאַנצנדיקע. צוויי פאַרשעמטע „שאַלאָמס", צוויי אָפּגעווײַטערטע בליקן. עס זעט אויס, אַז די גאַנצע פרייד פון דעם דאָזיקן אײינמאָליקן אָוונט היטן זיי אָפּ פאַר זיך אַליין.

— באַקענט זיך, מײַן זון און זײַן כאַווערטע אילאַנאַ. איר ט'זיך צוזעצן?

— מירן זיצן אַ ווײַלע. דו אײַלסט זיך ניט אַהיים, מאַמע?

— ניין. הײַנטיקן אָוונט זײַנען מיר ביידע פרײַ פון היסכײַוועסן. זיצט מיט אונדז אַ ביסל.

— אין אָרדענונג, מיר זיצן.

— וואָס וועט איר טרינקען?

גיורא האָט זיך געווענדט צום מיידל אָף דער באַזונדערער און אוניווערסאַלער שפּראַך פון פאַרליבטע — מיט דעם בליק נאָר. זי האָט אים אײַנגערוימט:

— טעמפּאַ.

— איר האָט ניט קעגן טעמפּאַ? — האָבן ביידע געפרעגט.

— ס'מאַכט ניט אויס, זאָל זײַן טעמפּאַ.

איך האָב ניט אָנטיילגענומען אינעם דיאַלאָג וועגן דעם געטראַנק, וואָס מע האָט געזאָלט באַשטעלן. איך זיץ און נעם פון זיי ביידן ניט אַראָפּ קיין אויג, האָגאָם איך ווייס, אַז דאָס איז קעגן אַלע קלאָלים פון אָנשטענדיקייט. דער דאָפּלטער קאָניאַק העלפט מיר שפּײַען אויף די קלאָלים.

אַוווּכיין — דאָס ייִנגל איז דער הערשער אין גײַסט, אין די גײַסטיקע פּראָגראַמען פון דער מעלוכע פון דעם דאָזיקן פּאָרל. דאָס מיידל איז די הערשערן אין אַלע פּראַקטישע איניאָנים פון דער מעלוכע. דערוויַיל דאָמינירט דער גײַסט איבער דער מאַטעריע אין דער דאָזיקער מעלוכע. ער — דער זון פון מײַרעוו, נאַרעס זון, דער בעניאָכיד — איז די פאַרקערפּערונג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר וועמען דער עמעס איז דער העכסטער אימפּעראַטיוו. זי — די טאָכטער פון מיזורעך, וואָס צערײַסט אַלע מינע קייטן, ציט זיך צו די ברייטע, פרײַע רוימען, אָבער די קייטן שלעפּן זיך נאָך, הענגען אויף איר... סאַראַ זיוועג... ער איז אופגעקומען, צו זײַן גליקלעך, אָבער איז אויך אין דער זעלבער צײַט צו זײַן אומגליקלעך. אָדער־אָדער, קיינע מיט. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט האָפן, אַז זיי וועלן זײַן גליקלעך. כ'האָב מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט גלייבן, אַז ס'איז מעגלעך. פאַרוואָס ניט?.. אָבער, דעם עמעס גערעדט, פאַר־וואָס יאָ? אין דעם דאָזיקן ברייט צעעפנטן טהאָם פון גרויסער און קליינער סינע? עס זײַנען דאָך אין דעם דאָזיקן טהאָם ניט פאַראַנען קיין אײַנזלען פאַר לאַנגדויערנדיקע ליבעס, פאַר לאַנגדויערנדיקן גליק. איך גלייב ניט, אַז זיי זײַנען דאָ.

קרענקלעכער פּעסימיזם אָדער גרויזאַמער רעאַליזם?

איך האָב דערזען, ווי ס'באַוועגן זיך גיוראַס ליפּן, און מײַן אינערלעכער מאָנאָלאָג האָט זיך איבערגעריסן. וואָס דערציילט ער? וועגן וואָס רעדט ער?

— ...ס'איז גאַרניט אַזוי (וואָס איז „גאַרניט אַזוי"?). זינט איך געדענק זיך, פאַרזיכערט מען מיך: וועסט אויסוואַקסן, וועט שוין געוויס זײַן שאָלעם, און עפּשער וועסטו ביכלאַל ניט דאַרפן גיין צו מיליטער־דינסט... — און ער שמייכלט צו אונדז אַלעמען, ווי ס'וואָלט פאַר אים געווען אַ קינדער־גאָרטן.

עמעצער האָט אים, זעט אויס, פאַרקויפט אַן אולטראַ־אָפּטימיסטישן פּראָגנאָז. ער זעצט פאָר צו שמייכלען, און אויך אויף אילאַנאַס ליפּן וועבט זיך אַ שמייכל — ניט קיין שמייכל, ווי בּאַ מאָנאַ־ליזע, כאָטש, געוויס, האָט אילאַנאַ זי קיינמאָל ניט געזען. און אויב יאָ געזען... גיוראַ שמייכלט, נאָר אין זײַנע גרויסע־קאַרע אויגן האָט זיך פעסט און זיכער באַזעצט דער טרויער. די פרייד בּאַ דעם דאָזיקן פּאָרל פּראַלט ניט אַרויס מיט אַזאַ קראַפט, ווי אונדזערע.

פונוואַנען קומט דער דאָזיקער אַלטער טרויער אין דעם דאָזיקן אָוונט? פון דעם, וואָס ער ווייסט, אַז ער איז איינער פון די קאַנדידאַטן פאַר דער „שפּיל־אַרענע"?

און ווידער טרעט דורך דעם וועג צו מײַן אויער גיוראַס שטים, וואָס איז פול מיט ביטער־קײַט און כויזעק:

— אין כעוווראָן לעבט מען אויף, לויט מײַן מיינונג, דעם נעכטן און מע איז מעקאַבער דעם מאָרגן...

און די אויגן פון זײַן מיידל זײַנען צוגעשמידט צו זײַנע ליפּן.

איך קוק זיך אַרום, און מיר דאַכט, אַז אַלע קוקן אויף אים, ווי איך. און עפּשער דאַכט זיך מיר נאָר? און עפּשער האָט זיך טאַקע די גליקלעכע רעגע פאַרשעמט און איז אַנטלאָפן, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דער דאָזיקער טרויעריקער קאַנדידאַט? און עפּשער האָט בּאַ אַלעמען דאָס טראַכטן פאַרטריבן דעם געפיל?

און בּעעמעס, וואָס וועט זײַן מאָרגן? און אין דרײַ כאָדאָשים אַרום? און אין אַ יאָר אַרום? וויפל דוירעס וועלן נאָך שמאַכטן אין דער דאָזיקער מוירעדיקער סינע און דעם דאָזיקן עקל־דיקן אײַגנגוץ? וויפל יוגנטלעכע זײַנען נאָך פאַרורטיילט צו אייביקער יוגנט? אויף וויפל הער־צער הענגט נאָך די גזיירע „פאַרפרוירן צו ווערן אין דער דאָזיקער היץ אונדזערער"?

איך זע, ווי ס'באַוועגן זיך ליפּן, צינדן זיך אָן ציגאַרן, לעשן זיך שוועבעלעך, ווי ס'פּאַכן ברייטע הענט. איך זע, ווי ס'באַרירן זיך גרופּעס און פּאָרלעך. דער אַלגעמיינער שמועס האָט זיך צעבערעקלט. אונטער דער לאַסט פון די הירהורים, ספּייקעס, פּכאָדים?

דאָס פּאָרל שעפּטשעט אינדערשטיל. איך האָב דעם כשאַד, אַז ס'איז זיי נימעס געוואָרן צו זיצן מיט אונדז. זיי ווילן אונדז פאַרלאָזן.

— נאָך איין גלעזל, צום טײַוול! — שרײַט עמעצער אויס, האָבנדיק די קאַוואָנע, כאָטש נאָך אויף איין רעגע אײַנצוהאַלטן די קאָמפּאַניע.

— שוין שפּעט, כאַווייריִם.
— שפּעט.
— בעעמעס שפּעט.
דאָס מיידל שטייט אויף, שמייכלט. אויך גיורא שטייט טייקעף אויף. זיי איז טײַער יעדער זייער אויגנבליק. צי דען ציילן זיי שוין אויך זייערע אויגנבליקן? זיי פאַרלאָזן אונדז.
מיר טרינקען דאָס לעצטע גלעזל.
גיורא נעמט זי אַרום, זי אָבער וואָגט ניט זיך צודריקן צו אים. איר גאַנצער פּראַקטישער מעהוס רוימט איר אײַן, אַז עמעצנס אַ קוק פון אונדזער טיש אַרויס פאָלגט זיי נאָך.
און ס'איז ניט איין עמעצער און ניט איין קוק — ס'זײַנען אַכט בליקן אָדער 16 אויגן.
און נאַרע — זי זאָל כאָטש ניט אויסברעכן מיט אַ געוויין... עפּעס האָט אַ ציטער געטאָן אין איר. איר שיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט. אירע אַקסלען ציטערן. איר האַרץ איז ווידער פאַרקילט געוואָרן. אין דער דאָזיקער היץ אונדזערער? זי פלעכט איבער אירע הענט, קעדיי אַ ביסל צו צוימען די נערוון. זי צוימט זיי אײַן.
זיווע איז בלאַס און שווײַגט. ווי זי וואָלט אײַנגעדרעמלט אָדער וואָלט געוועזן געליימט.
דאָס פּאָרל איז שוין פאַרשווונדן אין האמוין, און עס האָט קיין באַגריף ניט פון דעם, וואָס עס האָט פאַרזייט אין אַכט דערוואַקסענע, אויסגעפּרוווטע הערצער.
פאַרוואָס פרירן די הערצער אין דער דאָזיקער היץ אונדזערער?
ווען וועלן זיי אָפּגיין? — —

פון איוורית — א. ר.

ליטעראַרישע געדענק=דאַטעס

באָרוך (בענעדיקט) שפּינאָזע

(1677—1632)

דעם 22 פעברואַר 1977 ווערט 300 יאָר, זינט עס איז געשטאָרבן איינער פון די גרעסטע דענקער־פילאָסאָפן באָרוך שפּינאָזע.

שפּינאָזעס וועלט־אָנשויונג איז רייף געוואָרן אין פעריאָד פון דער שטייגנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע און באַזונדערס אין האָלאַנד, ווו עס איז שטאַרק געווען דער קאַמף קעגן די רעשטלעך פונעם מיטלאַלטער און פעאָדאַליזם. באַנאַנד מיט די ווערק פון די מיטלאַלטערלעכע יידישע דענקער־ראַציאָנאַליסטן איבן עזרא, ראַמבאַם און אַנד. האָט דער יונגער געלערנטער גרינטלעך שטודירט די גריכיש־רוימישע פילאָסאָפיע פונעם אַלטערטום. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו דער פילאָסאָפיע פון זיין צייט (דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, פרענסיס בעקאָן, רענע דעקאַרט).

לויט זיין פילאָסאָפישן דענקען איז שפּינאָזע געווען א מאַטעריאַליסט און אַטעיִסט, לויט זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען — אַן אידעאָלאָג פון די דעמאָקראַטישע פאָלקסמאַסן. זיינע גרונט־ווערק — „טראַקטאַט וועגן פאַרפולקומען דעם אינטעלעקט״ (אַרום 1662), „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט״ (1666—1670), „עטיק״ (1662—1675) — האָבן אַרויסגערופן גרימצאָרן בא די אָפּיציִעלע מאַכטהאָבער און אויך בא די רעדלפירער פון דער יידישער קעהילע אין אַמסטערדאַם, ווו מע האָט אים אַריינגעוואָרפן אין כיירעם.

מיר גיבן דאָ אייניקע קורצע אויסצוגן פון שפּינאָזעס ווערק און אַרויסזאָגונגען פון אָנגעזעענע דענקער און קינסטלער וועגן שפּינאָזען.

געדאַנקען פונעם גענ׳אַלן פילאָסאָף

וואָס בעסער א מענטש קען זיך אַליין, אַלץ מערער וועט זיך אים איינגעבן צו באַפרייען זיך, צו ווערן א בעעמעס פרייער מענטש. א פרייער מענטש איז יענער, וואָס ווייסט, וויאַזוי זיך צו באַנוצן מיט דער טייערסטער מאַטאָנע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — מיט זיין סייכל. („עטיק״)

די געזעלשאַפט איז זייער נוצלעך און אין דער העכסטער מאָס נויטווענדיק ניט נאָר קעדיי זיך צו באַשיצן דאָס לעבן קעגן סאָנים, נאָר אויך קעדיי צו שאַפן א סאַך זאַכן. וואָרעם אויב מענטשן וואָלטן ניט געוואָלט אַרויסווייזן קיין געמיינשאַפטלעכע הילף איינער דעם אַנדערן, וואָלטן ניט געקלעקט קיין פייִקייטן

און קיין צײַט זיך צו דערנערן און צו דער־
האלטן זיך וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, מאכמעס
ניט אלע זײַנען גלײַך מעסוגל צו אלץ און ניט
יעדער איינער וואָלט געוואָלט בעקויעך זיך צו
פארשאפן דאָס אלץ, וואָס ער דאַרף אזוי
שטארק האָבן. קויעך און צײַט וואָלטן ניט גע־
קלעקט בא יעדן איינעם, ווען ער וואָלט אליין
באדארפט אקערן, זייען, שנײַדן, מאָלן, קאָכן,
וועבן, נייען, און טאָן נאָך א סאך אנדערע
זאכן, וואָס זײַנען נייטיק, קעדיי זיך צו דער־
האלטן באם לעבן, שוין אָפּגערעדט וועגן קונסט
און וויסנשאפטן, וואָס אויך זיי זײַנען אין א
גרויסער מאָס נייטיק פאר דער פערפעקציע,
שליימעסדיקײַט פון דער מענטשלעכער נאטור
און פאר זײַן גליק.

(„טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראקטאט")

אין קיין שום פאל שטרעבן מיר, ווילן מיר,
גלוסטן און באגערן עפּעס־וואָס דערפאר, ווײַל
מיר האלטן עס פאר גוט, נאָר פארקערט, מיר
האלטן פאר גוט עפּעס דערפאר, ווײַל מיר
שטרעבן דערצו, ווילן עס, גלוסטן עס און בא־
גערן עס.

(„עטיק").

קיין שום זאך, בעעמעס, אכוץ פינצטערע און
טרויעריקע אָבערגלויבנס, פארווערט ניט דעם
מענטשן זיך צו פרייען. פארוואָס זשע זאָל זײַן
מער געזעצלעך צו שטילן דאָרשט און הונגער,
ווי צו פארטרײַבן מעלאנכאָליע?.. ס'איז פארן
כאָכעם צו ציִען נוצן פון זאכן, און אַף וויפל
נאָר מעגלעך פון זיי האנאָע צו האָבן (דערבײַ
אָבער ניט איבערכאַפּן די מאָס, וואָרעם דעמלט
איז עס שוין ניט מער קיין האנאָע). ס'איז פארן
כאָכעם, זאָג איך, מיט א מאָס זיך צו דערקוויקן
און קרעפטיקן מיט געשמאקע מײַכאָלים און
געטראנקען, ווי מיט שמעקנדיקע רייכעס, מיט
דער איידעלער שיינקײַט פון בליִענדיקע
פלאנצן, מיט לײַטישער קליידונג, מיט מוזיק,
מיט גימנאסטישע שפּילן, מיט טעאטער און
דעסגלײַכן, אלץ אזעלכע זאכן, פון וועלכע יע־
דער איינער קאָן געניסן אָן שום שאָדן פארן
צווייטן.

(„עטיק")

דאָס גוטע, וואָס יעדער איינער, וועלכער
גייט אפּן וועג פון טוגנט, פון גוטע מידעס,
באגערט זיך, וועט ער אויך באגערן פאר אנ־
דערע מענטשן.

(„עטיק")

אזויווי ליבע איז פרייד, באגלייט מיט דער
אידיי וועגן אן אויסערלעכער סיבע, און האס
איז טרויער, באגלייט פונקט אזוי אויך מיט
דער אידיי וועגן אן אויסערלעכער סיבע, וועלן
דעריבער אָט די פרייד און אָט דער טרויער זײַן
מינים פון ליבע און האס. אזויווי אָבער די
ווערטער ליבע און האס ווערן דאָ גענוצט אין
זייער באציִונג צו אויסערלעכע אָביעקטן, וועלן
מיר דאָ די דאָזיקע עמאָציעס באצייכענען מיט
אנדערע נעמען: פרייד, באגלייט מיט דער אידיי
וועגן אן אויסערלעכער סיבע, וועלן מיר רופן
קאַוועד, און די איר אנטקעגנגעשטעלטע עמאָ־
ציע טרויער וועלן מיר רופן בושע — דערבײַ
דאַרף פארשטאנען ווערן, אז דאָס איז אינעם
פאל, ווען פרייד אָדער טרויער קומען אויף
איבער דעם, וואָס דער מענטש גלייבט, אז ער
ווערט געלויבט אָדער געטאַדלט; אנדערש
ווערט פרייד, באגלייט מיט דער אידיי וועגן אן
אויסערלעכער סיבע, גערופן צופרידנקײַט מיט
זיך זעלבסט, און דער איר אנטקעגנגעשטעל־
טער טרויער ווערט גערופן כאראָטע. אזויווי
אָבער ס'קאָן דאָך טרעפן, אז די פרייד, מיט
וועלכער עמעץ שטעלט זיך פאָר, ער זאָל האָבן
אפעקטירט אנדערע, זאָל מעגלעך זײַן ניט מער
ווי נאָר אין זײַן פאָרשטעלונג בלויז, און אזוי־
ווי יעדער איינער שטרעבט זיך פאָרצושטעלן
וועגן זיך אלץ דאָס, וואָס זאָל אים, לויט זײַן
פאָרשטעלונג נאָך, מיט פרייד אפעקטירן, קאָן
דעריבער גאנץ גרינג טרעפן, אז דער פוסטער
באלגײַווע זאָל זיך אליין גלאָריפיצירן און זיך
פאָרשטעלן, אז ער איז בא אלעמען אָנגעלייגט,
בייס אינדערעמעסן איז ער גאָר פאר אלעמען
אַן אָנשיקעניש.

איז דערפון געדרונגען, אז יעדער איינער
שטרעבט, אַף וויפל נאָר מעגלעך, אז אלע אנ־
דערע זאָלן אויך ליבן דאָס, וואָס ער אליין האָט
ליב, און האסן דאָס, וואָס ער אליין האסט.

אויב דער וועג, וואָס פירט אהין, וווּהין איך
האָב אָנגעוויזן, זעט אויס צו זײַן אן אומגע־
הייער שווערער, קאָן מען אים אָבער אויסגע־
פינען. אוודאי מוז שווער זײַן דאָס, וואָס ווערט
אזוי זעלטן געפונען. וואָרעם ווי וואָלט עס
מעגלעך געווען, ווען דאָס גליק וואָלט געווען
גרייט גלײַך צו דער האנט און מע וואָלט עס
געקאָנט געפינען אָן גרויסער אָנשטרענגונג?

(„עטיק")

דער גײַסט קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס־ניט־איז
אָדער זיך דערמאָנען אין זאכן פון דער פאר־
גאנגענהײַט אזוי לאנג נאָר, קאָלזמאן דער קער־
פּער עקזיסטירט.

(„עטיק")

א פרײַער מענטש טראכט וועגן קיין זאך ניט
אזוי ווייניק, ווי וועגן טויט, און די כאָכמע
זײַנע איז נאָכצוקלערן ניט וועגן טויט, נאָר
וועגן לעבן.

(„עטיק")

נאָר דער פינצטערער און טרויעריקער אָבערגלויבן פאַרבאַט אונדז זיך אָפּצוגעבן מיט פרייד. וואָס גרעסער ס'איז אונדזער פרייד, צו אַלץ א גרעסערער פּערפעקטקייט, שליימעס דערגרייכן מיר.

(פון א בריוו צו א פריינט)

אַרויסזאָגונגען וועגן שפּינאָזען

מע דאַרף אונערקענען פאַר דעם גרעסטן פאַרדינסט פון דער דעמלטיקער פילאָסאָפיע... דאָס, וואָס אָנהייבנדיק פון שפּינאָזען און ענדיקנדיק מיט די גרויסע פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, האָט זי אַקשאָנעסדיק געפּרוּווט דערקלערן די וועלט אַן און פאַר זיך, איבערלאָזנדיק די דעטאַלע באַרעכטיקונג דערפון פאַר דער דערקומענדיקער נאַטורוויסנשאַפט.

שפּינאָזעס פרינציפּ פון «Causa sui» דריקט גלענצנדיק אויס די קעגנזײַטיקע ווירקונג פון זאַכן.

(פרידריך ענגעלס)

שפּינאָזעס פילאָסאָפיע איז וויכטיק אַלס פילאָסאָפיע פון דער סובסטאַנץ... בא שפּינאָזען איז אַן אַטריבוט פון דער סובסטאַנץ דאָס דענקען...

שפּינאָזע זאָגט: עס עקזיסטירט בלויז איין סובסטאַנץ; זי איז אוניווערסאַל, אומענדלעך און אַבסאָליוט. אַלע אַנדערע, אַזויגערופענע ענדלעכע סובסטאַנצן דרינגען אַרויס פון איר, שווימען פון איר אַרויס אָדער ווערן אין איר דערטרונקען. אַלע ענדלעכע זאַכן האָט שפּינאָזע מיט פולער רעכט געהאַלטן בלויז פאַר מאָדוסן פון דער אומענדלעכער סובסטאַנץ, פּונקט ווי די הײַנטצײַטיקע נאַטורוויסנשאַפט שטייט אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט פון אייביקײַט פון דער מאַטעריע און אומויסשעפּלעכקײַט פון איר קראַפט, דאָס הייסט זי באַשטעטיקט פולשטענדיק די האַנאָכע, אַז אַלע ענדלעכע זאַכן זײַנען מאָדוסן פון דער אומענדלעכער סובסטאַנץ.

(וו. אי. לענין)

שפּינאָזע איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע אָדער שפּינאָזיזם, אָדער קיין שום פילאָסאָפיע.

(געאָרג ווילהעלם העגעל)

א מויעך, וואָס האָט אַזוי אַנטשיידן געווירקט אויף מיר און וועלכער האָט דערצו נאָך געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף מײַן גאַנץ אַרט דענקען — איז געווען שפּינאָזע.

(יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע)

באַם לייענען שפּינאָזען ווערן מיר דורכגענומען מיט אַזאַ געפיל, ווי באַם אָנבליק פון דער גרויסער נאַטור אין איר העכסט באַלעבטער רויִקײַט: מיר זעען פאַר זיך א וואַלד פון צום הימל־גרייכנדיקע געדאַנקען, וואָס די סאַמע העכסטע בלענדיקע צווײַגן זײַנע וויגן זיך, ווי די כוואַליעס אויפן יאַם, בעת די אומבאַוועגלעכע פעסטע שטאַמען זייערע זײַנען אײַנגעוואָרצלט אין דער אייביקער ערד... פון שפּינאָזעס ווערק ווייעט מיט לופט פון דער צוקונפט.

(היינריך היינע)

שפּינאָזע איז איינער פון די גרעסטע העלדן פון דער מענטשהײַט. ער האָט אַוועקגענומען בא די מענטשן די נאַריש־פּוסטע מוירע פאַרן טויט און די אומזיסטיקע האָפענונג צו ווערן אומשטערבלעך, געבנדיק זיי דאָס געפיל און דערווײַזנדיק זיי, אַז זיי זײַנען אייביק.

(אַנאַטאָל פראַנס)

שפּינאָזע! א וואַרעמקײַט צעגיסט זיך איבערן קערפּער, אַזוי אָפט ווי מע דערמאָנט זיך וועגן אים און מע פאַרטיפט זיך אין אים. ווער ס'האָט אים אין דער יוגנט געלייענט, דער האָט זײַן גײַסט געטויוועלט אין א ברענענדיקן, לײַטערנדיקן פײַער. שפּינאָזע איז דער הייליקער פונעם דענקען, ווי שעלי — פון דער פּאָעזיע.

(געאָרג בראַנדעס)

שפּינאָזע האָט ניט גלאַט אַזוי געשליפן גלעזער — ער האָט געשליפן ברילן פאַר א נײַעם וועלט־באַנעם.

(שלוימע מיכאָעלס)

מוישע כאשטשעוואצקי

איינער פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג, האָט מוישע כאשטשעוואצקי פרוכטבאר געארבעט אויך אין פיל אנדערע ליטערארישע זשאנרען. עס האָבן פארנומען א וואָגיק אָרט אין אונדזער ליטעראטור זײַנע איבערזעצונגען פון דער אוקראַיִנישער קלאסיק, ווי אויך די פּילצאָליקע דאָקומענטאלע פארצייכענונגען און דערציילונגען, קריטישע און ליטעראריש־היסטאָרישע עסייען, וועלכע כאשטשעוואצקי האָט געשאפן אין מעשעך פון זײַן קורץ לעבן.

אָפּמערקנדיק דעם שרײַבערס 80־טן געבורטסטאָג, פארעפנטלעכן מיר אן אויסצוג פון זײַן בוך „א רײַזע קיין ביראָבידזשאן”, וועלכער איז דערשינען אין 1937.

א טאָג אין ביראָבידזשאן

אזוי הייבט זיך אָן א טאָג אין ביראָבידזשאן.

אין מאָסקווע אפן קרעמל־טורעם האָט איצט דער זייגער זיכער און אווטאָריטעט אויסגעציילט צוועלף, און אין דער האלבנאכטיקער שטילקײַט פון דער אנשלאָפן־ווערנדיקער הויפּטשטאָט האָבן זיך דערהערט די ערשטע מוטיקע קלאנגען פונעם פּראָלעטארישן הימן, און דאָ זײַנען שוין די קליינע ווײַזערס פון אלע טאשן־ און האנט־זייגערס, פון אלע טיש־ און וואנט־זייגערס אין די שטיבער און אנשטאלטן דורכגעלאָפן דעם רעכטן האלבן קרײַז פונעם ציפערבלאט און שוין פארכאפּט אפילע איין שאָ־טיילונג פונעם צווייטן האלב־קרײַז. ס'איז 7 אזייגער פארטאָג, אייגנטלעך, שוין עמעסער טאָג — בלויז דער אינדערפרי איז הײַנט א ביסל א נעפּלדיקער. אָבער באלד וועט שוין די אָנגעגליטע זון, א פריש אויסגעבאָדענע אין די וואסערן פונעם שטילן אָקעאן, דורכרײַסן די גרויע נעפּל־דעק און וועט באלויכטן מיט איר ע שטראלן די נאָענטע שטילע סאָפּקע, דעם קוימען־שפּיץ פון „דעטאל”, די גרויסע פענצטער פונעם געגנט־קאָמיטעט, די ברוינע וואסערן פון דער שנעל־פליסנדיקער בירע און דעם גאנצן היפּשן אָנגעוואלגער פון געבײַדעס. בוי־מאטעריאלן און מאשינעס און דעם בונטן מענטשן־געזעמל, וואָס אלץ צוזאמען בילדן זיי די נײַע שטאָט אין דער טײַגע, די הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — ביראָבידזשאן.

שאָ־שטיל אין גאס. פארטאָגעדיק ליידיק און פוסט. און די גאס איז גאָרניט קיין גאס, נאָר עפּעס ווי א מין וועג, א צײַטווײַליקער וועג אף א בויונג. און די בויונג גייט מיטאמאָל און פון פארשיידענע עקן. דאָ גראָבט מען נאָך א פונדאמענט, דאָרטן שטעלט מען אוף ווענט, דאָ ציט מען אוף א דאך, דאָרטן שטעלט מען ארײַן פענצטער.

איינציקע דורכגייער גייען מיט די טראָטו־ארלעך. מע באַגריסט זיך און מע גייט ווײַטער. אָפּטמאָל פליט דורך א גוטמאָרגן פון איין זײַט גאַס אף דער צווייטער: די גאַס איז צעגראָבן, און כאָטש מע גייט אפילע ביידע אין איין ריכטונג, דאָך וועלן זיי זיך ערשט צונויפגיין באַם ראָג, ווו ס׳איז איבערגעוואָרפן א בריקל.

אָט גייט אף דער ארבעט דער סטעלמאַך יאָסל קליינמאַן, אַן ארטעלניק פון דער „רעוואָליוציע־ראָד״. ער איז א קליינינקער, אָט דער יאָסל, א דארער, מיט א בלאַס פּאָנעם און רויטע ווײַעס. דאָס בלאָנדע בערדל זײַנס נעמט שוין צוביסלעכווײַז גרוי ווערן. נאָר אזוי איז ער נאָך א גאַנץ דראַטיקער, א פעסטער. גייט ער איצט אף דער ארבעט צו זיך אין ארטעל ארײַן. ער איז הײַנט, ווי אלע מאָל, ארויס פארפרי. ער האָט ליב, יאָסל, קומען אין ארטעל ארײַן דעמלט, ווען ס׳איז נאָך דאָרט קיין איין לעבעדיקער מענטש ניטאָ, אויסער דעם וועכטער. ניט אזוי אף ארײַנצוכאַפּן און אָנארבעטן מערער מיט א פּאָר „כאַדעס״, נאָר גלאַט אזוי, פון פארגעניגן וועגן. ער וועט לאַנגזאַם שטיל דורכגיין דעם ברייטן הויף, וואָס איז פארוואַלגערט מיט געלן שמעקעדיקן געהילץ און מיט גרייטער פּראָדוקציע, דורכגיין די צעכן, פארקוקן אין דער גרויסער נײַער קוזניע מיטן צענדליק האָרנעס, וואָס ווערן צעבלאָזן ניט מיט די הענט, נאָר דורך מעכאַניזירטע בלאָזזעק, און אזוי גייענדיק, וועט ער זיך אלעמאָל א וויש טאָן די טרערנדיקע אויגן און קלײַבן נאכעס פון דער באַלעבאַטישקײַט, וואָס מע האָט זיך פאַר די יאָרן דעראָבעראָט. און אזוי גייענדיק, וועט ער זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען דאָס 28־טע יאָר, די נאכט, ווען ער איז געקומען אהערצו מיטן ערשטן עשעלאָן. א גוסרעגן איז געגאַנגען יענע נאכט. ארום איז געווען שווארצע פינצטערניש, בלויז א קליין קאַנעצל האָט געברענט אף דער סטאַנציע. די איבערוואַנדערער האָבן געטיאָפּעט אין דער בלאָטע און געזוכט דעם „געזערד״. דערנאָך האָט יאָסל מיט זײַנע קינדער — צוויי זין זײַנען געקומען דעמלט מיט אים — צוזאמען מיט אנדערע איבערוואַנדערער געגראָבן קאַנאַוועס, געקאָרטשעוועט וואלד. מענטשן זײַנען אוועקגעפאָרן, אנדערע זײַנען געקומען. יאָסל מיט זײַנע זין זײַנען געבליבן. דערנאָך האָט יאָסל אופגעגעבן דעם געדאַנק וועגן דעם ארטעל. דאָס איז געווען טכילעס קימאַט ווי א מישפּאָכע־ארטעל. ער מיט זײַנע צוויי זין — סטעלמאַכס — האָבן זיך צונויפגערעדט מיט נאָך פיר — שמידן, טאַקע זייערע לאַנדסלײַט, און האָבן אָרגאַניזירט אַן ארטעל. זיי האָבן דאַן אָפּגעדונגען אין טיכאָנקע — אזוי האָט דאַן געהייסן די שטאָט בירָאָבידזשאַן — א קליינעם הילצערנעם סאַרײַ, אינסטרומענטן האָבן זיי געהאַט אייגענע, און זיך געשטעלט ארבעטן. און יאָסל האָט געטראָפן. וואַגנס און רעדער צו וואַגנס האָט מען געדאַרפט האָבן אין בירָאָבידזשאַן וואָס מער, און פון יאָר צו יאָר איז דער ארטעל געוואַקסן. פון 7 מענטשן זײַנען זיי געוואָרן 17 און דערנאָך 70, און איצט שוין מיסטאָמע צוויי מאָל זיבעציק. און די פּראָדוקציע איז געוואָרן נאָך גרעסער. ווי קאָן מען עס גאָר איצט פארגלײַכן יענעם הילצערנעם סאַרײַ מיט דער איצטיקער ארטעל־געבײַדע? ס׳פעלט דאָך בעעמעס נאָר א קוימען, ס׳זאָל זײַן אַן עמעסע פאַבריק. גייט זיך אזוי יאָסל קליינמאַן איבער זײַן מעלוכע, פינטלט מיט די רויטע אויגן און שמייכלט אין בלאָנדן בערדל זײַנעם. און ער דערמאָנט זיך ווידער. מע האָט דאָך געלאַכט פון אים דעמלט, גוטפרײַנט האָבן געלאַכט פון אים. זײַנער אַן אייגענער שוואָגער — א קאָוועל — איז פונדאַנען אוועקגעפאָרן און אים פארן אוועקפאָרן א זאָג געטאָן:

— הערסטו, יאָסל, לאָמיר שוין בעסער פאָרן איניינעם אהיים, אליין פאָרן וועט דיר זײַן סקוטשנע.

און יאָסל האָט געפינטלט מיט די רויטע אויגן און געענטפערט:

— פאָר, פאָר, וועסט נאָך קומען צוריק מיטן בײַטשל.

איז ווער זשע איז געווען גערעכט? ער איז טאַקע געקומען, דער שוואָגער זײַנער, צוריק און זיך א צײַט געשעמט קוקן יאָסלען אין די אויגן ארײַן און סאַפּקאָלסאָף זיך געבעטן, מע זאָל אים צוריק ארײַננעמען אין ארטעל ארײַן.

און פארוואָס עפּעס דער איינער שוואָגער זײַנער? וויפל נאָך פרײַנט און קרוויוים און פרײַנט פון די קרוויוים האָט ער שוין ארויסגענומען פאַר דער דאָזיקער צײַט אהער קיין בירָאָבידזשאַן? ווײ, ווײ! מע קאָן זיי דען אויסרעכענען? אוודאי העכער הונדערט מענטשן. דער ייִנגסטער זון זײַנער, לייבל, וואָס וווינט נאָך מיט אים איניינעם, זאָגט:

— טאַטע, דו ווייסט, ווען דו זאָלסט צונויפרופן אמאָל אף א יאָמטעוו די גאַנצע מישפּאָכע, נאָר א קאָנפערענץ. מע וואָלט באַדאַרפט אָפּדינגען דעם טעאַטער, אז אלע זאָלן ארײַן. אָט אזא מישפּאָכע איז דאָס.

יאָסל שמייכלט דאַן גוטמוטיק, פינטלט מיט די רויטע אויגן און זאָגט צום זון:

— וואָס זשע מיינסטו, מירן טאַקע דארפן אמאָל מאכן אזא קאָנפערענץ. נישקאָשע, מע וועט אונדז געבן דעם טעאַטער אומזיסט. אונדזער מעלוכע שאַצט מענטשן.

יאָסל גייט זיך א ציכטיקער, אַן ארומגעוואַשענער אין ארטעל ארײַן צו שעפּן א ביסל נאַכעס פון פאַר דער ארבעט. אָבער הײַנט האָט

זיך שוין פאַר אים עמעצער גע־
פעדערט. ער פילט מיט דער נאָז,
אַז עמעצער איז שוין דאָ. און
ווירקלעך, אַרײַנגעקומען אין קוז־
ניע, האָט ער זיך אָף דער טיר
אָנגעשלאָגן מיט אים, מיטן שוואַ־
גער טאַקע מיט זײַנעם, שלוימעס
הוקײַלע. א גרויסער און א שוואַר־
צער איז שלוימע, אײַנגאַנצן א
קעגנזאַץ צו דעם קלייניקן און
דאַרן יאָסלען. הייסט עס, אַז שלוי־
מע איז גאָר הײַנט געקומען נאָך
פרײַער.

באַגעגענען זיך אַזוי אײַנעם פרי־
מאָרגעדיקן צעך די ביידע שוואָ־
גערס.

— א גוטמאָרגן, וואָס אַזוי
פרי? — פרעגט שלוימע.

— א שיינער פרי, — ענטפערט
יאָסל, — ווי איך זע, האָסטו מיך
נאָך איבערגעפעדערט.

— א „סראַטשנע זאַקאַז״, —
ענטפערט שלוימע.

— א „סראַטשנע״, זאָגסטו?
וויפל האָסטו באַקומען דעם לעצטן
האַלבן כוידעש אויסגעצאָלט?

— ניט ווייניקער פון דיר מיס־
טאַמע. און ניט מערער אויך.

אָט אַזוי ווערטלען זיך דורך
גוטמוטיק די צוויי שוואָגערס און
צעגייען זיך. זיי זײַנען צופרידן
איינער מיטן צווייטן. ווײַל דעם
אַמאָליקן סיכסעך האָבן שוין ביידע
לאַנג פאַרגעסן אָדער זיך גע־
מאַכט פאַרגעסן.

אָבער יאָסל דאַרף נאָך כאַפּן א קוק אין די
אַנדערע צעכן. און זע — ער טרעפט נאָך איין
מענטשן, וואָס איז הײַנט געקומען פאַר אים.
דאָס איז מענדל זאַק — א נײַער מענטש בא
זיי אין אַרטעל. יאָסל ווייסט אים ווייניק. ער
ווייסט נאָר, אַז ער איז א טשערקאַסער, געוועזן
אַלע יאָרן א פּריקאַזטשיק אין א שניטקראָם
און עפּשער טאַקע אַליין א שניטקרעמער. נו,
האָט זיך דאָס קרעמערײַ אויסגעלאָזט, איז ער
געקומען אהער קיין ביראָבידזשאַן און, וואָס א
ייִדן פאַלט אײַן — ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט צו
ווערן אָף דער עלטער דאַפקע אַן אַרבעטער.
מאָלט אײַך, ס'איז אים ניט גרינג אָנגעקומען.
ניט איין מאָל זיך די פינגער צעשניטן ביזן
בליי, אַז זיי זײַנען פאָרט ניט געוווינט צו קיין
האַמער און פײַל. נאָר אַז א מענטש האָט זיך
אײַנגעשפּאַרט, און א קאָפּ אָף די פּלייצעס האָט
ער, נו, האָט ער זיך דערשלאָגן א קוואַליפיקאַ־


פרילינג קומט...

ס'האָט דער פרילינג זיך אין ווינט
פאַרהוילן,
צו ס'האָבן ווינטער־שלעק אים וואַו
באַהאַלטן
און פאַרפּײַניקט אין א שטײַג:
— שווײַג!..

נאַכט ווערט שוואַרץ און נאַכט נאָך
שוואַרצער,
פרילינג לויפט אַרום אין קאַרצער,
שלאָגט די פענצטער, גרייזט בײַסט,
רײַסט.

נאָר אין קאַלטער נאַכט־שטיל הערט ער:
ס'געהען הין־צוריק צוויי וועכטער,
און די שפּאָן דערלאַנגען האַרב:
— שטאַרב!

און דער ווינטער קריעלט און שײַנט:
א פאַרפּײַניקטע ליגט מײַן פּײַנט:
וואַרפט איך אַלץ זײַן ווינטער־שרעק
דעקט צו אַלץ מיט קריהען־דעק.

זעהט ער וואַר א בליטל בליהט,
שרײַט ער אויס מיט בייזער: פריר,
זעהט ער וואַר א שטראָמל רינט,
ווערט אויך א פעסטן שפּינט.

אָט אַזוי מיט האַרטער האַנט
ווינטער פירט זײַן שנייען־לאַנד.
נאָר דער פרילינג פריי צו שפּעטער
פון זײַן פלעט באַפרײַען זיך וועט ער,
און דער ווינטער מיט די שלעק,
ווערט אַוועק...

מ. מישאַל.

מוישע כאַשטשעוואַצקיס ערשטע ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט
געוועזן אין דער צײַטונג „נײַע צײַט״ דעם 6 אַפּרעל 1918

ציע. און וואָס מיינט איר — ער יאָגט שוין אַרי־
בער א סאַך ייִנגערע פון אים, סײַ מיט דער
צאָל און סײַ מיט דער קוואַליטעט. עמעס, ער
האָט נאָך קרעמערשע שטיקלעך, אָט דער זאַק.
ער האָט ליב אַרײַנכאַפּן. דערבײַ שמייכלט ער
מיט זײַנע גראָבע ליפּן און זאָגט:

— זאָל מײַנס איבערגייַן.

קומט ער א ביסל פריִער, גייט אַוועק א ביסל
שפּעטער, מאַכט קירצער דעם וואַרמעס.

— וואָס איז, — זאָגט ער, — איך אַרבעט, כאַ־
לילע, פאַר יענעם?

און — זאָל בעסער זײַן א זאַפּאַס, איידער
ס'זאָל אויספעלן איין שרויף, ווען מע וועט אים
דאַרפן.

...און נאָך גייט אָף דער אַרבעט דער יונגער
סטאַכאַנאָוועץ פון דער מעבל־פאַבריק „דימי־
טראָוו״ — יאַנקל מילנער.

יאַנקל מילנער האָט ערשט יענע וואָך גע־

שטעלט א רעקאָרד פון אויסטאָקן פיסלעך פאר שטולן — 1000 פיסלעך האָט ער אויסגעטאָקט בא א נאָרמע פון דריטהאלבן הונדערט. אָבער פאר די עטלעכע טעג האָבן אים כעוורע גע־נומען אָניאָגן, און נעכטן האָט איוואן טשור־קין, א רוסישער יאט, וואָס ארבעט מיט אים האנט־בא־האנט, אויסגעטאָקט ניט נאָר טויזנט, נאָר נאָך מיט צוואנציק שטיק מערער. האָט יאנקל דערקלערט, אז אויב אזוי, וועט ער נאָך הייַנט געבן 1100. שפּאנט איצט מילנער אף דער ארבעט, שפּאנט גיך, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער געלער גימנאסטיאָרקע, און דאָס אינדערפריִענדיקע ווינטל שויבערט אים די בלאָנדע האָר אפן קאָפּ.

...און נאָך גייט אף דער ארבעט, פריילעך אונטערשפּרינגענדיק אף די הילצערנע בריק־לעך, דער מוליער און שטוקאטור שייַע גלאנץ. ער גייט הייַנט אף דער ארבעט דאָס ערשטע מאָל און איז דעריבער שטארק אופגעלייגט. ניט אזוי וואָס ער האָט געקראָגן ארבעט, נאָר וואָס אזא ארבעט! וואָס הייסט, ער וועט ארבעטן אף דער בויונג פון דער גרעסטער געבייַדע אין ביראָבידזשאן, א פירשטאָקיקע שטיינערנע געבייַדע, און דערצו נאָך א שול, און דאָס איז ניט קיין קלייניקייַט.

און עס שנייַדן שוין די ציין פון די זעג־רא־מען די מעכטיקע צעדער־קלעצער אין „דע־טאל”. און געשיקטע הענט בייגן פלינק דעם צעפּארעטן יאסען אין דער מעבל־פאבריק „די־מיטראָוו”. און עס צעשפּריצן אין אלע זייַטן פייַערדיקע פונקען די שווערע האמערס אין קוזניע פון דער „רעוואָליוציע־ראָד”, און, וויגנ־דיק זיך אף שאָקלדיקע געשטעלן, ארבעטן די מוליערס און שטוקאטורן, טעסלערס און סטאָ־ליערס אף דער בויונג פון דער שול, פון קינאָ, פון דער נייַ־פאבריק און פון פיל אנדערע צענ־דליקער געבייַדעס. און גראָבערס פארטיפערן די קאנאוועס בא די זייַטן פון דער אָקטיאבער־גאס, צוגרייטנדיק זי צו ברוקירונג. און עס טראָגן זיך מיט רויש אָנגעלאָדענע און ליידיקע לאסט־אויטאָמאָבילן איבער דער פארטיזאנער־און וואלדהיים־גאסן. און עס קלאפּן דורך די אָפענע פענצטער און טירן די מאשינעס פון די פארשיידענע קלענערע ארטעלן.

די מוליערס וואלקעווען ווענט, די טעסלערס פּאסן צו א בערוועגע צו א בערווענע, דורכ־לייגנדיק זיי מיט קלאָטשע, די גראָבערס שיטן אָן אלץ העכער און העכער די גאס מיט זאמד און מיט שטיינדלעך, צוגרייטנדיק זי צו ברו־קירונג, א טראקטאָר שלעפּט נאָך זיך א שווערן אָנגעפּאקטן לאסט־אויטאָמאָביל, אין דער מעבל־פאבריק לאָדט מען אָן אף מאשינעס א פארענ־דיקטע באשטעלונג, צו דער נייַ־פאבריק האָט אן אויטאָמאָביל געבראכט פון דער באן די אָנ־געקומענע אויסשטאטונג, און אין באנק גייט מען ארויס געלט אף באצאָלן פאר סכוירעס און פאר בוי־מאטעריאלן.

און אין דער וויסנשאפטלעכער קאָמיסיע באם אויספּירקאָם שטייען איבער א קארטע אָנגע־בויגן עטלעכע יונגע געאָלאָגן, אויסארבעטנדיק דעם מארשרוט פון א נייַער וויכטיקער עקספּע־דיציע.

דאָ טאקע בא א קליין טישל, באם פענצטער, זיצט, אָנגעבויגן דעם הוילן קאָפּ איבערן פּא־פּיר, דער וויסנשאפטלעכער טוער, דער שפּראכקענער, כאווער שנייַדער, און זעצט איבער אף ייִדיש די קאָנסטיטוציע פון פססר. ער זעצט זי איבער פונעם טעקסט, וואָס איז אהער ספּעציִעל צוגעשיקט געוואָרן פון מאָסק־ווע מיט א געהעריקן באגלייט־פּאפּיר: „צוגע־שיקט געוואָרן צום איבערזעצן אף דער מעלו־כע־שפּראך פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט”. און אין צימער איז טומלדיק און הייס. און דער הוילער שארבן באם כאווער שנייַדער איז באדעקט מיט קליינע טראָפּנדלעך שווייס, און ער טראכט לאנג אף יעדער וואָרט — זייַן איבערזעצונג פון דער קאָנסטיטוציע וועט דאָך זייַן די אָפּיציִעלע און די איינציק־גילטיקע פאר דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ער האלט שוין באם איבערעכענען די רעפּובליקן, קאנטן און געגנטן, וואָס גייען ארייַן אין באשטאנד פון רספּסר.

און ער שרייַבט:

פּונקט... אין באשטאנד פון רספּסר גייען אריַין די פאָלגנדיקע רעפּובליקן... קאנטן... געגנטן: די אדיגייער, די ייִדישע...

און אינעם ברייטן צעך פונעם נאָך ניט־דער־בויטן וועגענער־זאוואָד האָבן זיך פארזאמלט די ארבעטער אין דער צייַט פון איבעררייַס צו באהאנדלען די קאָנסטיטוציע, און עס טרעטן ארויס איינער נאָכן צווייטן — א ייִד און א רוס, אן אוקראִינער און א פין, א לעט און א כינע־זער, א קארייער און א גאָלד. און עס ווייַזט זיך ארויס, אז דעם זאוואָד בויען 13 נאציִאָנא־ליטעטן. און זיי אלע, ניט געקוקט אף זייערע פארשיידענע שפּראכן, פארשטייען זיי גוט איי־נער דעם אנדערן, ווייַל זיי ריידן אף דער שפּראך פון ארבעט, און אלע געהערן זיי צו איין גרויסן פאָטערלאנד, וואָס רופט זיך אָן ראטנפארבאנד.

מאַטל גרוביאַן

פון דער דיכטערישער ירושה

מײַן שענסטע ליד

די ערד האָב איך,
דעם הימל האָב איך,
די זון האָב איך,
דיך האָב איך,
דעם טאָג האָב איך,
די נאַכט האָב איך.
און נאָך האָב איך
א וואַלד א גרינעם,
א ראָזן באַגינען,
דאָס בלאָע קלייד
פון אָפּענעם יאַם,
פון שטערן דעם פלאַם!
ליבע האָב איך,
סינע האָב איך,
פענצטער צום גאָרטן,
טויבן געפּאָרטע,
א ווײַטן בליק,
א טײַך און א בריק!
און נאָך האָב איך
א קאָווען אף דר׳ערד,
א זאָטל צו א פערד,
א זומערדיקן רעגן,
אומענדלעכע וועגן,
האָלץ אף שניצן א וויג!
און נאָך האָב איך
סאָנים און פרײַנט,
א לאָמפּ, וואָס שײַנט
אין הארץ בא מיר טיף,
א וואָגן מיט רעדער,
א צוג און א שיף,
קאַרשן אפן בוים,
און דעם שטאַם פון א
דעמב,
א זוניק־קינדערישן טרוים,
און א לײַוונט העמד,
כײַעלעך אין שטײַגן,
מאלפּעס אף די צווײַגן,
פּושקינס לידער אפן טיש,
נעצן זילבערנע מיט פיש!

ציטאַדעל

(פונעם לענינגראַדער ציקל)

ס׳רײַסט זיך די ליד
ווי א פויגל פון הארצן.
קאַמער און קאַרצער,
קאַרצער און קאַמער —
דרײַ הונדערט יאָר ניט צעקלאַפּט
אָט די שטומקײַט קיין האַמער,
דרײַ הונדערט יאָר
איז דער מענטשלעכער גײַסט
געווען אונטער/ שלעסער.
די פינצטערניש
אף מיר פאַלט,
גלײַך איך וואָלט אין קייסער געשאָסן
און מיך דאָ אין קייטן מע האַלט.

צוויי ראָטעס סאָלדאַטן,
ווי פּאַרקנס בא די ווענט;
מ׳האָט אוליאַנאָוון געבראַכט,
וועטראָווע האָט מיט קעראָסין
פון איר טפיסע־לאָמפּ זיך באַגאָסן,
און א הײליקע ברענט! —
פול מיט קאָשמאַרן איז די נאַכט.
מײַן לײַב ברענט
מיט אירע וווּנדן,
גלײַך איך וואָלט אין קייסער
געשאָסן,
איך ליג אפן שטיין דאָ געבונדן.
די שטילקײַט זיך שפּאַלט,
אלע קאַמער שטייען אָפן,
אזוי פאַרדעכטיק, ליידיק? —
פונדאַנען די קאַטאָרזשניקעס
זײַנען קיינמאָל
אין ערגעץ ניט געלאָפן,

אזא וווּנדער
האָט ניט געטראָפן —
זיי זײַנען אַלע געקעפּט!

נאָר הער, ווי הויך אַף אַ קאָל
מיט דוירעס זיי ריידן.
מיך דאַרף מען אויך,
ווי זיי, באַשטראָפן,
איך וואָלט דען אַנדערש געלעבט?..
איך הער, אַ האָגל
פּויקט אין די ווענט.
דאָס קלאַפּן זיך איבער
בונטאַרן, פּאָעטן
מיט די דעקאַבריסטן.

א הילצערן טישל,
און אײַזערן בעטל —
דאָס מעבל פון שווידער־יאָרן
וויסטע.
איך פיבער!
צי זיך אויס אינדערלענג
אַף זשעליאַבאָווס
טפּיסע־בעטל,
באַטאַפּ מיט די הענט
סאָפיע פּעראָווסקעס קאַלאַדע־שיך.
אין אַזעלכע שיך
מ'האָט גיין געקענט
קיין סיביר, קאַווקאַז, דערבענט,
צו דער טליע —
און איצט קומען
צו מיר אין האַרץ,
ציינדן לויטערע פּריזען!

דו הערסט, ווי סע קלינגען
די ווענט,
אַזש די אויערן ווערן צעריסן?
דאָס לייענען פּושקינס לידער
די דעקאַבריסטן.

פון דער ניעווע שלאָגט
אַ ווינט אַזאַ פרישער;
אויך טשערנישעווסקיס קאַמער
איז אָפן,
דער ווינט וואָלט די זײַטלעך
פון „טשטאָ דיעלאַט" געמישט,
נאָר דער ראָמאַן איז פון טפּיסע
אַנטלאָפן.
קום צו דער ניעווע!
די לעוואָנע פון איר בלוילעכן קאָס
איצט טרינקט —
און מײַן ניט־פּאַרוואָלקנטע
צווייטע יוגנט
אין די שיפּלעך זינגט.
צי דאָס האָבן זיך געלאָזט
באַלאַגערן די ציטאַדעל
קעמפער, פּאַר וועמען צעשטעלט
געווען זײַנען טליִעס
אַף שריט און טריט...
פונוואַנען אַף מײַן קאָפּ אַזויפיל
פראָסט
אין אַ פרילינג־נאַכט
מיט גאָלדענע ווערסלעס
און שוימיקן צווײַט? —
איך הער רילייעווס
און בעסטוזשעווס ליד,
זי גאַנוועט צו מײַן האַרץ
און אַף שטיקער צעשינדט עס
מיט דוירעסדיקן ווייטעק!

קום, כאָטש טרעפן אין דער טפּיסע
וועסט קיינעם איצט ניט,
לייג אַוועק
אין אַ ליידיקער קאַמער
אַפן טישל קווייטן.

אווגוסט 1968, לענינגראד

ווען דער דעמב בליט

גאָט מײַנער! פיר מיך אַרײַן
אין דער וועלט פון קלאַנגען,
עפן מיר זייערע קישעף־טויערן,
אַזוי אַז ניט נאָר מיט די אויגן
כ'זאָל זען דאָס טראָפּנדל שײַן,
וואָס אַפן בוים איז צעהאַנגען;
סע זאָלן הערן די אויערן
דעם קלאַנג פון אַ שטראַל,
וואָס צו דער ערד זיך ציט,
די פאַרב, וואָס באַפאַלט
דעם דעמב, ווען ער בליט,
דעם געראַנגל פון פאַרבן
באַ די קווייטן אין פעלד;
נאָך זיי כ'וואָלט געגאַנגען
און דעם ניגן פון מײַן נעשאָמע
אונטער די פיס זיי געשפּרייט.
וואָס שטילער, אַלץ העכער
זינגט דאָס לעבן די ליד,
ערשטער טוי אַף דעכער
מײַן האַרץ צעגליט.
איך אַליין בין פון פאַרבן
און סע קלינגט מײַן געמיט.

איך קען פלוצעם שטארבן
באם לאנדן פון א פרישער ליד.
נאָר טויב כ'וועל ניט שטארבן,
ווען דער דעמב בליט,
מיט דעם געזאנג פון אלע געזאנגען.

1969

דער פאָטאָגראַף

דער פאָטאָגראַף איז דאָ צי אוועקגעפלויגן?..
ער שטייט מיר פאַר די אויגן
אויסגעבויגן —
אונטער דעם צודעק פון א טוך א שווארצן.
קריך מיר ניט, מײַן ליד, אין הארצן,
פּיק עס ניט אויס, ווי א פויגל.
די גאנצע מישפּאָכע אויסגעזעצט
אף הילצערנע בענק,
א שאבעס באטאָג, איך געדענק,
און אין האלדז ווערט מיר ענג...
דער טאטע מיט דער מאמען,
דער זיידע מיט דער באָבען,
מײַן ברודער מיט דער שוועסטער,
מײַן שוועגער מיטן שוואָגער
און זייערע פינף קינדערלעך אויך.
„ספּאָקוינאָ, סנימאַיו!"
א זשמורע מיט אן אייגל —
א שאָס און א רויך;
ווי נעכטן דורך אזא פײַער...
מײַן מאמעס כיין־גריבלעך איך געדענק!
— „טשטאָ זשעלאיעטיע" זאָל זײַן אף דער
וואנט? —
א שיפל אינעם יאם,
א וועלדל, וואָס גרינט,
א שליטן פון בארגיקער הייך?..
אוי, ווי פארקלעמט ווערט מײַן הארץ,
דאָס אש פון מײַן מישפּאָכע־בילד
איך האלט אין די הענט —
אלץ אוועק איז מיטן פײַער,
און דער פאָטאָגראַף איז אויך פארברענט,
דער, וואָס האָט אוועקגעלייגט אף מײַן אקסל
מײַן מאמעס אייביק ווארעמע הענט.

איך טוליע מײַן קאָפּ אונטער טוך דעם שווארצן
און דריק דאָס ביסעלע אש צום הארצן.

באנײַטע ערד

כ'האָב איבערגעניצט
מײַנע אלטע כאלוימעס,
זיי זײַנען שוין געווען
א לאטע אף א לאטע,
וואָס אָנטאָן זיי
וויל מיר יעדער גוילעם.
כ'האָב אין גענעם
פאַר מײַן שטאָם
און פאַר מײַן עמעס
ווי א ליכט געפלאטערט
צווישן וועלף,
וואָס איצט נאָך הוילן.
אָפן האָט מײַן ווונד
טאָג און נאכט
זיך געיאַטערט;
נאָר מײַן האָפענונג
כ'האָב ניט געקוילעט.
מיט ציטער אין הארץ
טראָג איך ווידער
דער באנײַטער ערד
א מעסטל זוימען,
גיי אויף, מײַן לעבן,
גיי אויף מיט פרישער מי,
מיט נײַע טרוימען.

הערש רעמעניק

דעם דיכטערס פּראָזע

(וועגן ארן ווערגעליסעס בוך „רײַזעס”)

ווען צוריק מיט צוועלף יאָר האָבן אין „סאָוועטיש היימלאנד” זיך אָנגעהויבן דרוקן ארן ווערגעליסעס פארצייכענונגען „צוואנציק טעג אין אמעריקע”, האָט זיך גלײַך געלאָזט פילן, אז דאָס איז ניט קיין צופעליקע באשרײַבונג פון א רײַזע, וואָס דער אוטאָר האָט דורכגעמאכט. לויט דער אינטאָנאציע, לויטן פאטאָס און, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט, לויט דער באגײַסטערונג האָט מען געקאָנט באמערקן, אז אָט דער זשאנער פון פראָזע איז אָט דעם דיכטער ניט בלויז ניט פרעמד, נאָר, פארקערט, אייגן און אָרגאניש ניט ווייניקער, ווי לידער און פּאָעמעס.

פאראן פראָזע וויסנשאפטלעכע, פּובליציסטישע, מעמואריסטישע, פּאָלעמישע, וועלכע ווירקט ניט ווייניקער ווי קינסטלערישע עמאָציִאָנעל, אָבער דעריקער ווירקט זי אפן באוווּסטזײַן פונעם לייענער. זי מאָלט אלגעמיינע דערשײַנונגען פונעם סאָציִאלן לעבן און איז פארבונדן מיט די אקטועלע פּראָצעסן פון דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט.

הערצען האָט געשריבן: „א גרויסער קינסטלער קאָן ניט זײַן ניט הײַנטצײַטיק. בלויז דער מיטלמעסיקײַט איז געגעבן די רעכט צו זײַן אומאָפּהענגיק פונעם צײַט־גײַסט”. הײַנע, פּושקין, שטשעדרין, גאָרקי, מאיאקאָווסקי, ערענבורג און טאקע הערצען אליין האָבן ניט צופעליק זיך ניט געקאָנט באגרענעצן מיט איין זשאנער פון ליטערארישער שאפונג. אין זייער שטענדיקער לײַדנשאפטלעכער שטרעבונג אָפּצושפּיגלען און פארקערפּערן וואָס טיפער און אלזײַטיקער די קאָנפליקטן און קאָנטראסטן פונעם ארומיקן לעבן האָבן זיי זיך געווענדט צו פארשיידענע פאָרמען פון וואָרט־שאפונג. דיכטער, לעמאָשל, האָבן געשריבן ראָמאנען, פּיעסן, קריטישע און ליטעראטור־היסטאָרישע עטיודן, פּראָזאִיקער און דראמאטורגן האָבן ווי געביטן זיך מיט זייערע בארופן... דער קינסטלער וויל מער ניט זײַן באגרענעצט מיט איין זשאנער. דאָס אופגעברויזטע לעבן, די דערגרייכונגען פון דער טעכניק און פון דער וויסנשאפט, די היסטאָרישע און סאָציִאלע וועלטקאטאקליזמען, די זאָרגן פארן גורל פון דער מענטשהײַט — דאָס אלץ רעגט דעם קינסטלער און סטימולירט אים צו נײַער פאָרם־זוכונג און עקספּערימענטן, קעדיי ניט בלויז אָפּשפּיגלען, נאָר אליין אקטיוו זיך באטייליקן מיט זײַן שאפונג אין די אלע פּראָצעסן.

צו אָט דער קאטעגאָריע קינסטלער געהערט ארן ווערגעליס. אלס דיכטער האָט ער פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער ליטעראטור גלײַך מיטן אָנהייב פון זײַן שאפן. אין ווערגעליסעס ליריק האָט מען גלײַך באמערקט דעם שעפערישן אומרו פון א זוכערישער נאטור. אין זײַן דיכטונג גופע איז שוין געווען עמאָציע און געדאנקלעכקײַט, אינטויִטיווע דערפינדונג און אינטעלעקטועלער באוווּסטזיניקער אויסדרוק, טרײַהײַט דער טראדיציע, פון איין זײַט, און נאָוואטאָרישע דרייסטקײַט, פון דער צווייטער. זײַן דיכטונג גופע האָט אָנגעזאָגט, אז עס איז געקומען ניט בלויז א דיכטער. און אזוי איז טאקע געשען. ווערגעליס האָט אין די זעכציקער יאָרן אָנגעהויבן שרײַבן ליטעראטור־קריטישע עטיודן, ליטערארישע פּראָבלעם־ארטיקלען, אלץ מער און מער זיך פארנומען מיט פּובליציסטיק און פּאָלעמיק, געמאכט דראמאטישע פּרוּוון, פארעפנטלעכט זײַן ראָמאן „די

א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. רײַזעס. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל”, מאָסקווע, 1976.

צײַט". איצט האָבן מיר באַקומען דעם גרויס־פאַרנעמיקן בוך פּראָזע „רײַזעס".

אינעם נײַעם פאַר אים זשאַנער פון פּראָזע פילט זיך ווערגעליס גענוג פרײַ, אַלנפאַלס ניט ווייניקער פרײַ, ווי אין דיכטונג. און דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס „רײַזעס" זײַנען ניט פּאַשעט וועג־באַשרײַבונגען, נאָר סוביעקטיווע איבערלעבונגען, באַאָבאַכטונגען, סוביעקטיווע אײַנדרוקן, פּערזענלעכע אָפּרעגונגען, אינדיווידועלע טרעפענישן מיט מענטשן, לענדער, קאָלעקטיוון. פאַרן קינסטלער גופא איז דאָס א קאָלאָסאַלער מאַטעריאַל פאַר נײַע, אומבאַקאַנטע ביז איצט איבערלעבונגען און געדאַנקען. אַנדערש געזאָגט, דאָס זײַנען נײַע אָביעקטיווע רעאַליטעטן פאַר נײַע באַטראַכטונגען. אײנצײַטיק איז דאָס מאַטעריאַל פאַר דיכטונג. איך בין גענייגט צו אָפּנעמען ווערגעליסעס פּראָזע ווי אײַגנאַרטיקע דיכטונג, און דערפאַר האָב איך אַרויסגעשטעלט דאָס קעפּל פון אָט דעם אַרטיקל — „דעם דיכטערס פּראָזע".

ווערגעליסעס „רײַזעס" — דאָס איז פּראָזע, אָבער אויך דיכטונג. אין בוך זײַנען אָפּגעדרוקט 53 לידער, 1316 פּערזן, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט צונויפשטעלן א זאַמלונג לידער. אין אַלע טיילן פונעם בוך „רײַזעס" איז די ליד — א גלײַכבאַרעכטיקטער קאָמפּאָנענט מיטן פּראָזאַישן עטיוד, א מין דיכטערישער „קאָמענטאַר" צום רעפּאָרטאַזש, צו דעם בריוו, צו דער דערציילערישער פאַרצייכענונג. פּראָזע און פּאָעזיע גייען באַנאַנד אין ווערגעליסעס „רײַזעס", און זיי פילן זיך גאָר ניט פרעמד איינס צום צווייטן. די פּראָזע נייטיקט זיך אין דער דיכטונג, און פאַרקערט. די עטיודן וועגן ענגלאַנד, לעמאָשל, ווערן באַ ווערגעליסן באַגלייט מיט אַסאָציִאַציעס אַרום דעם אַמאָליקן ווײַטשעפּל, אַרום מאָריס ווינטשעווסקין און זײַן ליד וועגן לאָנדאָן. הײַנטצײַטיקײַט און אַקטועלע פּראָבלעמען פון אונדזער איצטיקן לעבן באַקומען דורך יענער ליד א פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהײַט. נעכטן און הײַנט שטעלן זיך שוין פאָר ווי א געזעצמעסיקער פּראָצעס.

און אַזוי — אין דעם גאַנצן בוך. זײַענדיק אין אַמעריקע, „באַגעגנט" זיך דער אויטאָר מיט שאָלעם־אַלייכעמען. אין פּאַריזש פאַרפירט ער א שמועס וועגן גאָלדפאַדענען, אין אַמסטערדאַם — וועגן שפּינאָזען. און ניט בלויז וועגן פאַרגאַנגענע שעפער און פּערזענלעכקײַטן שרײַבט ווערגעליס. אַף די זײַטלעך פונעם בוך שטעלן זיך אויס און מעלדן וועגן זיך אונדזערע מיטצײַטלער: מאַרק שאַגאַל, שמואל־יוסף אַגנאָן, נאָכמען מײַזיל, יאַנקעוו גלאַטשטיין, מייער טשיזש, דאָרע טייטלבוים, הערשל מײַער און נאָך פיל אַנדערע אין פּוילן, אין ענגלאַנד, אין פראַנקרײַך, אין שווייצאַריע, אין בולגאַריע, אין עסטרײַך, אין איטאַליע... און וועגן דעם אַלץ ווערט דערציילט אין פּראָזע, אָבער אויך אין דיכטונג, יאָ, אומבאַדינגט — אויך אין דיכטונג.

אָט די אײַגנשאַפט פון באַטראַכטן און פאַרקערפּערן די ווירקלעכקײַט אײַנצײַטיק אין פּראָזע און אין פּאָעזיע איז עפּשער אײנערלעך און אויסערלעך דאָס סאַמע אָריגינעלע און כאַראַקטעריסטישע פאַרן אויטאָר פון „רײַזעס". דערמיט איז דאָס ווערק פאַרבונדן מיט א באַשטימטער טראַדיציע אין דער רוסישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז שוין לאַנג באַמערקט, אַז איינער און דער זעלבער אידייִשער אײַנהאַלט ווערט באַ א ריי אָנגעזעענע קינסטלער, באַזונדערס דיכטער, פאַרקערפּערט אײַנצײַטיק אין דיכטונג און אין פּראָזע. היינע האָט אין זײַנע גרונט־ווערק „בוך דער לידער" און „רײַזע־בילדער", אין זײַן דיכטונג און אין זײַן פּראָזע, אויסגעדריקט די אידייען פון פּאָליטישער און סאָציִאַלער באַפרײַונג, רעמיניסצענצן וועגן רעוואָליוציע. די פּראָזע היינעס איז טאַקע לויט איר סטיל און לויט איר מאַניר ליריש, דיכטעריש, אַסאָציִאַטיוו, קאַפּריזפול, אָנגעזעטיקט מיט אומדערוואַרטע פּלוצלינגדיקע און ניט געוויינלעכע אימפּראָוויזאַציעס, באַטראַכטונגען. פּושקין האָט דאָס געשטאַלט פון פּיאָטער דעם ערשטן אַלס פאַרקערפּערונג פונעם רוסלענדישן אופשטײַג צו אייראָפּעיִשער קולטור און ציוויליזאַציע געשאַפן אין פּראָזע און אין דיכטונג, אין דער דערציילונג „דער אַראַפּ פון פּיאָטער דעם גרויסן" און אין די פּאָעמעס „פּאָלטאַווע", „דער קופּערנער רײַטער".

אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן מיר בוילעטע בײַשפּילן, ווען איינער און דער זעלבער קינסטלערישער מאַטעריאַל ווערט פאַרקערפּערט פונעם שרײַבער אין פאַרשיידענע זשאַנרען. פּערעץ מאַרקיש האָט די פּראָבלעמען פון רעוואָליוציע און די נאַציִאָנאַלע פּראָבלעם קינסטלעריש געשטעלט און געלייזט אין זײַנע דיכטערישע און פּראָזע־עפּאָפּייען „ברידער" און „דאָר־אויס, דאָר־אײַן". דער אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז קינסטלעריש פאַרקערפּערט אינעם ראָמאַן „טראָט פון דורעס" און אין דער פּיעסע „אופשטאַנד אין געטאָ". און ווער ס'האָט אופמערקזאַם געלייענט מאַרקישעס ווערק, זײַנע לידער און פּאָעמעס, ראָמאַנען און דערציילונגען, פּיעסן, ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען, עסייען און פּובליציסטישע עטיודן, דער וועט מאַסקים זײַן, אַז אומעטום, אין אַלע זשאַנרען איז ער פריִער פאַר אַלץ א דיכטער, א דיכטער — א ראָמאַניסט, א דיכטער — א דראַמאַטורג, א דיכטער — אַן עסייִיסט און פּובליציסט. אַפן פאָדערגרונט פילן מיר אומעטום אין זײַנע ווערק דעם דיכטערישן פּאַטאָס.

און אַזוי איז אויך אין ווערגעליסעס ווערק און אין זײַנע „רײַזעס". זיי זײַנען דערציילעריש, מאָלעריש, פּאָלעמיש, איראָניש. אָבער פריִער פאַר אַלץ און אין דער ערשטער ריי זײַנען זיי דיכטעריש, ליריש, פּאַטעטיש. אין דעם זין אונטערשיידן זיי זיך ניט פון זײַנע לידער און פּאָעמעס פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר. דער בוך „רײַזעס" איז אין פולן אײַנקלאַנג מיט ווערגעליסעס לעצטע לידער־זאַמלונגען „אויג אַף אויג" (ניו־יאָרק, 1969), „פון אַלעף ביז טאָף" (מאָסקווע, 1970)

און מיט די לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנט־
לעכט פאַר די לעצטע פינף יאָר אין זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס זײַנען לידער און
פּאָעמעס וועגן די סאַמע וויכטיקע אַקטועלע
פּאָליטישע, סאָציאַלע, שטייגערישע פּראָבלע־
מען פון דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקייט אין
נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

ווערגעליסעס בוך „רײַזעס" שליסט אײַן באַ־
שרײַבונגען פון אַנדערהאַלבן צענדליק לענ־
דער אַפן אַמעריקאַנער און אייראָפּעיִשן קאָנטי־
נענטן. שוין דאָס אַליין גיט צו דעם ווערק
וואָגיקייט, ווערטפולקייט און אינטערעס. די
פּאָליטישע געשעענישן אין דער וועלט בײַטן
זיך ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ, קומען אויף און
ווערן פאַרשוווּנדן. זיי ווערן אָפט באַנײַט אין
זיקאָרן אַדאַנק דער קינסטלערישער ליטעראַ־
טור. וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין
אויסלאַנד פאַרמאָגן מיר ביז גאָר ווייניק מאַ־
טעריאַל, און אין דעם פּראַט איז ווערגעליסעס
בוך „רײַזעס" אַן אײנציקע דערשײַנונג אין דער
ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז אַ ווערק, וואָס
איבעראַשט מאַמעש מיט דעם פאַרשיידנאַרטיקן
מאַטעריאַל און מיטן אויפֿן פון שילדערן.

קוידעמקאָל דאַרף מען אָפּמערקן, אַז ווערגע־
ליסן האָט זיך אײַנגעגעבן אויסמײַדן צוויי גע־
פאַרן, וועלכע לויערן געוויינלעך אַף אַ שרײַ־
בער, וואָס נעמט זיך שרײַבן וועגן אויסלאַנד.
ערשטנס, די געפאַר, אַזוי צו זאָגן, פון גרויס־
האַלטערײַ, פון ביטל־באַציִונג צו די, וואָס ווױ־
נען ניט אין לאַנד פונעם סאָציאַליזם. ניטאָ אין
„רײַזעס" אַפילו קיין סימן פון אַזאַ אויבער־
פלעכלעכער באַציִונג צו די אַנדערע לענדער
פון דער וועלט. ווערגעליסן איז פרעמד דער
וווּלגאַרער צוגאַנג צו דערשײַנונגען. מיט דער
גרעסטער אַכטונג באַציט ער זיך צו דער קול־
טור, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער
און יאָרטויזנטער געשאַפן געוואָרן אין פראַנ־
קרײַך און אין ענגלאַנד, אין די פאַראייניקטע
שטאַטן פון אַמעריקע און אין איטאַליע, אין
בעלגיע און אין אורוגווײַ, אין פּוילן און אין
טשעכאָסלאָוואַקיע. דער אויטאָר פון „רײַזעס"
שעצט די מאָדערנע טעכניק פון פּשאַ און די
אוראַלט־גרויע דענקמעלער פונעם אַמאָליקן
רוים. מע פילט מאַמעש, אַז דער סאָוועטישער
שעפער גיט אָפּ קאָוועד דער מענטשלעכער מי
אומעטום, ווו זי אַנטפּלעקט אירע אומענדלעכע
מעגלעכקייטן און ווערטן. אָט וויאַזוי ער זינגט
אויס אַ באַגײַסטערטע ליד דער טעכניק פון
ניו־יאָרק, די וואָלקנקראַצערס, דער הייך פון
„עמפּײַר סטייט בילדינג":

איך בייג זיך אַראָפּ פונעם הימלקראַצער
איבער דער הויכער פּאַרענטעש.
ניו־יאָרק, ביסט די פּרוכט פון קאָאָפּעראַציע
צווישן נאַטור און מענטש.

קעדיי איך זאָל זען דײַנע אַלע שויבן
און הערן דײַן גאַנצן ראַש, —
דו האָסט מיך מיט גוווּרע אויפגעהויבן
אַף הונדערט צוויי עטאַזש.

פאַר דעם נאַר אַליין, פאַר אַזאַ מין קויען,
פאַר אַזאַ מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג אַ דאַנק.

און ניט בלויז אין לידער, נאָר אויך אין
פּראָזע זאָגט דער אויטאָר פון „רײַזעס" שוואַ־
כים דער מעכטיקייט פון מענטשלעכע דערגריי־
כונגען, דער ציוויליזאַציע און דעם סייכל פור־
נעם מענטשן. ווערגעליס שרײַבט:

„איז אָט — וועגן איניען ארכיטעקטור,
וואָלקנקראַצערס... די רענטע פאַר דער ערד,
אַף וועלכער עס שטייט „עמפּײַר סטעיט ביל־
דינג", האָט באַטראָפן עלף מיליאָן דאָלאַר.
פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ פּויטעקע איז ווײ־
ניק אַף אָט דעם אָרט אופהייבן צום הימל פופ־
ציק שטאָק, זיבעציק שטאָק, אַכציק... מע האָט
יאַקאָס דערצויגן ביז הונדערט צוויי שטאָק.
דער מאַנהעטן־באָדן האָט עס אויסגעהאַלטן:
דער אינדזל איז דורכויס פון גראַניט.
איצט, מאַך איך צו זיך, זײַ זיך מאַטריֵעך
און פאַרגעס אַף אַ רעגעלע, ווי הויך עס האָט
דיר אַמאָל אויסגעוויזן די סאָלדאַטישע טראַנשיי
מיט די אויסגעהאַקטע סוקעוואַטע בעריאָזע־
שטאַמען, צונויפגעלייגטע ווי אַ דאַך איבערן
קאָפּ. פאַרגעס דאָס געפיל פון הויכקייט אין דעם
גוט געמאַכטן ערדשטיבל באַ דער בירע און
קריך בימכילע אַרויף אַף דעם „דעכעלע", וואָס
איז פיר הונדערט מעטער ווײַט פון דער ערד..."

פון דער צווייטער זײַט, איז אין „רײַזעס"
אַוודע ניטאָ קיין סימען פון קניִען פאַר אויס־
לאַנד, פאַר דער רײַכקייט און פאַר דעם גלאַנץ
פון דער בורזשואַזער וועלט. דער אויטאָר פור־
נעם בוך איז אָביעקטיוו, און אַלס אַזעלכער זעט
ער די ווידערשפּרוכן פון אָט דער וועלט, איר
צעפּוילטקייט, דעם אונטערגאַנג אירן. דער סאָ־
וועטישער אויטאָר איז ניכטער, ווען ער באַ־
שרײַבט סײַ די דערגרייכונגען, סײַ די סאָ־
ציאַלע און קולטורעלע קאָנטראַסטן — דאָס פּאָ־
זיטיווע און דאָס נעגאַטיווע אין דער פאַרור־
טיילטער וועלט. דער מעכאַבער פונעם בוך
„רײַזעס" איז ניט קיין צאַד, נאָר אַ שויפעט.
אַלס עכטער קינסטלער, איז ווערגעליס אי
קעמפעריש, אי געדערעכטיק. זײַן בוך איז געוווּער
און קונסט.

ווערגעליסעס „רײַזעס" זײַנען ניט קיין טור־
ריסטישע באַשרײַבונגען פון „געזען און גע־
הערט", ניט קיין אײַנדרוקן פון אַ מענטשן, וואָס
האָט ניט וואָס צו טאָן און פאַרברענגט די צײַט
אין אורלויב־כוידעש, קעדיי צו פאַרטרײַבן דעם
לאַנגווײַל. דער בוך „רײַזעס" איז דורכויס פונק־
ציאָנעל אין זײַן פּאָרטראַכט, אין זײַן פאַר־
ווירקלעכונג און אין זײַנע אויספירן.

די צענטראַלע טעמע פון „רײַזעס" איז ניט
אויסלאַנד בכלל, נאָר די אידעאָלאָגישע

שטרײַטן אין אויסלאַנד אַרום דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, קאָנקרעטער — אַרום דער אַזויגערופענער ייִדן־פּראָבלעם, אַרום דער פּראָבלעם פון ייִדישער קולטור און ליטעראַטור. ווערגעליס ווערט ניט מיד צו באַווײַזן די עמעסע, די ווירקלעכע לאַגע פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד, צו באַלײַכטן דעם נעכטן, דעם הײַנט און דעם מאָרגן פון דער ייִדישער קולטור. אומעטום אין אויסלאַנד זעט ער ניט איין ייִדישע קולטור, נאָר צוויי — אַ פּראָגרעסיווע און אַ רעאַקציאָנערע. ער זעט און באַווײַזט דעם קאַמף, די אָנשטרענגונגען פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט און די „שמאַד־שטיק פון דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע", וועלכע ווערט אויך ניט מיד צו פירן אַ קאַמף קעגן קאָמוניזם. ווערגעליסעס „רײַזעס" זײַנען פאַרן לייענער אַ מין האַנטבוך וועגן פראַגן פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, דערבײַ אַ קינסטלערישער האַנטבוך, וואָס פירט אונדז אַרום אינעם הײַנט און אין דעם נעכטן.

איך וועל זיך דערלויבן דאָ ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פונעם בוך, וואָס באַשטעטיקט, לויט מײַן מיינונג, דאָס געזאָגטע. אין קאַפּיטל „רי פּאַראַדי, 14" שרײַבט ווערגעליס:

„פּאַראַדי הייסט גאַניידן. רי פּאַראַדי — די גאַס פון גאַניידן.

אַ גאַס, ווי אַלע גאַסן. אַ סאַך קראָמען מיט פּאַרפּאַר, פּאַיאַנס און קאָלערליי געפּעס.

זײַט זיך מאַטריעך און קוקט אַרײַן אין רי פּאַראַדי, 14, אין אָט דעם הויף, וואָס איז איינציײַטיק אַ מין געסעלע. גייט אַרײַן, שעמט זיך ניט. אויב איר זײַט אַ מענטש פון פאָלק, אַ מענטש פון גוטן ווילן, וועט איר דאָ זײַן בא זיך אין דער היים. גייט אַרײַן, טײַערע.

דאָ איז דער שטאַב פונעם ייִדישן פאַרבאַנד פון ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף („אוניאָן"), דאָ קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער „נײַער פּרעסע", וועלכע איז אַף שטענדיק פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף מיט אירע נײַנציק שלאַכטנומערן, דערשינענע אומלעגאַל אין אָקופּירטן פראַנקרײַך...

יאָ, דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּאַריזש איז אַ העראָישע פּאָעמע, און רי פּאַראַדי, 14 — די ערשטע שורע אין דער פּאָעמע.

אַ לויב צו דיר, פּראָגרעסיווער ייִדישער פּאַריזש!

אַ לויב צו דיר, רי פּאַראַדי, 14!

ווען איך האָב אַמאָל אַ פרעג געטאָן אַלבערט יודינען, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אוניאָן": „אַף וואָסער פּלאַטפאָרם שטייט אײַער אָרגאַניזאַציע?", האָט יודין געענטפערט: „מיר שטייען אַף דער פּלאַטפאָרם פון הונדערט צוואַנציק טויזנט דעפּאָרטירטע בײַס דער היטלערישער גזיירע פראַנצויזישע ייִדן, צווישן זיי פינף און צוואַנציק טויזנט קינדער. מיר שטייען אַף דער פּלאַטפאָרם פון די זיבן טויזנט ייִדן, וועלכע מע האָט דעם 21 אווגוסט 1941 אַראָפּגעשלעפּט פון די בעטן אין 11־טן אַראַנדיסמאַן (אַ ראַיאָן אין פּאַריזש) און אָפּגעשיקט אין דעם גענעם פון קאָנצענטראַציע־לאַגער דראַנסי; פון די דרײַסיק טויזנט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע מע האָט אין מעשעך פון איין נאַכט, דאָנערשטיק דעם 16 יון 1942, אַרײַנגעוואָרפן אין ווינטער־וועלאָדראָם און דערנאָך — 13 טויזנט מענטשן אין אַן עשעלאָן — אָפּגעשיקט אין די קרעמאַטאָריעס. מיר שטייען אַף דער פּלאַטפאָרם פונעם יונגן מאַרסעל ריימאָן (דעם פּאַריזשער טשאַפּײַעוו), וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין עקזעקוטירן דעם „מיליטערבעפעלסהאַבער פון גרויס פּאַריזש" גענעראַל פאָן שאַוטבערג; פונעם ערשטן פּאַריזשער אָטריאַד פרײַשיסער און פּאַרטיזאַנער, פונעם צווייטן אָטריאַד מיטן נאָמען „סטאַלינגראַד", פונעם דריטן „עליטאַ־אָטריאַד", פון די פּאַרטיזאַנישע באַטאַליאָנען „קאַרמאַניאָל" אין ליאָן, „ליבערטאַו" אין גרענאָבל און „מענדל־לאַגער" (אָפּנאָמען פון איר גרינדער) אין טולוז. מיר גייען ניט אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרם פון די ייִדישע קאַמפס־גרופּן באַם „אוניאָן" אַף אַ שפּעטערן עטאַפּ פון דער מילכאָמע; פון די פינף און דרײַסיק גרופּעס פון דער ייִדישער פּאַטריאָטישער מיליץ בײַס דעם פאָלקס־אויפשטאַנד אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. מיר וועלן קיינמאָל ניט אַראָפּגיין פון דער פּלאַטפאָרם פון מוני נאַדלער און מוישע בורשטין — די גרינדער פון דער אומלעגאַלער „נײַער פּרעסע", וועלכע זײַנען דערשאָסן געוואָרן, און פון אַ סאַך אַנדערע פאָלקס־העלדן, פון די, וועגן וועלכע מאָריס טאָרעז האָט געשריבן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פון דאָוויד דיאַמאַנטס בוך „ייִדישע העלדן אין פראַנצויזישן ווידערשטאַנדס־קאַמף": „בײַס די פינצטערע יאָרן פון דער אָקופּאַציע און פון דער ווישיערשאַפט האָבן זיי, פּונקט ווי אַלע פראַנצויזן, וואָס זײַנען געבליבן טרײַ דעם פאָטערלאַנד, געשטעלט העכער פון אַלץ דעם גײַסט פון איבערגעגעבנקײַט און מעסירעסנעפעש..."

איך האָב געבראַכט דאָ קימאַט דאָס גאַנצע קאַפּיטעלע „רי פּאַראַדי, 14", קעדיי דער לייענער זאָל באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם אויפן פון פּובליציסטישער פּראָזע־שילדערונג בא ווערגעליסן אין זײַן בוך „רײַזעס". דער אווטאָר וואַרפט אַריבער אַ בריקל פון הײַנט צום נעכטן און גיט אַ בילד וועגן דער ניט ווײַטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס איז אין טאָך הײַנטצײַטיקײַט, וועגן די העלדישע אויפטוען פון די ייִדישע קעמפער קעגן דעם דײַטשישן פאַשיזם. און דאָס, — זאָגט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אוניאָן" אַלבערט יודין, — איז אויך איצט די פּלאַטפאָרם פון „אוניאָן". און מיט אים איז מאַסקים דער אווטאָר פונעם בוך.

און ווי אין אַ ריי אַנדערע פאַלן, פאַרענדיקט ווערגעליס זײַן קאַפּיטל פּראָזע מיט אַ ליד:

אונטערוועגנס — ניט אין וואנדער,
נאָר באַם אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך היַינט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

אויסגעוועון שוין וויפל ערטער
אין אבסטראקטן ייִדיש־לאנד;
ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט,
ניט דערפאָרן צו קיין ראנד.

ס'טראָגט דער וואָגן שנעל זיך טאקע
(איַינגעשפּאנט אין אים א הירש) —
מיטן דישל אין מאָנאקאָ,
מיט די רעדער אין פּאריזש.

ערשט ארויס פון א נעסיִע,
בין איך ווידער נאווענאד,
ווערסטן ציִען זיך און ציִען,
און דער וועג — ער איז ניט גלאט.

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר אין אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך היַינט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

מע זאָגט: „א גאסט קומט אף א ווײַל און זעט אף א מײַל”. אין א באשטימטער מאָס האָט דאָס א שײַכעס צו ווערגעליסעס רײַזעס. עס טרעפט, שרײַבער פארברענגען זייער צײַט אין אויסלאנד אין פארלויף פון כאדאָשים, יאָרן, אפילע צענדליקער יאָרן. דאן קאָן מען שרײַבן וועגן דעם לאנד אָדער וועגן די לענדער ניט ווי רײַזנדער, נאָר ווי טוישווים. ווערגעליס איז פון די, וואָס קומען אף א וואָך צי צוויי, דרײַ וואָכן, — און די רײַזע איז געענדיקט. פאר אזא קורצער צײַט איז שווער צו שאפן געניוע באשרײַבונגען פונעם געזעענעם און געהערטן. נאָך שווערער איז די פאראלגעמיינערונג, דער סינטעטישער און אנאליטישער אָפּקלײַב פונעם מאטעריאל. ווען מע לייענט ווערגעליסעס „רײַזעס”, איבערצײַגט מען זיך, אז דער אווטאָר קאָן אָט די שווערע מעלאָכע. פעלקער זײַנען ווי מענטשן. עס איז אין זיי פאראן דאָס אינדיווידועלע, דאָס פערזענלעכע און דאָס אלגעמיינע. ווי באוווסט, זײַנען דאָס נאציִאָנאלע און דאָס אינטערנאציִאָנאלע א דיִאלעקטישע איינהײַט. אָן דעם נאציִאָנאלן וואָלט ניט מעגלעך געוועזן דאָס אינטערנאציִאָנאלע. אין ווערגעליסעס בוך „רײַזעס” פילט זיך באזונדערס בולט אָט דער פרינציפּ פון באטראכטן די דערשײַנונגען אין זייער נאציִאָנאלן און אינטערנאציִאָנאלן אספעקט, אין זייער דיִאלעקטישער איינהײַט.

דער אווטאָר פון „רײַזעס” האָט באשריבן זײַנע אײַנדרוקן וועגן זעכצן לענדער פון דער וועלט. די רײַזעס זײַנען פאָרגעקומען אין פארשיידענע צײַטן, מיט אינטערוואלן פון עטלעכע כאדאָשים, געוויינלעך. אָבער אין קיין איין פאל טרעפן מיר ניט קיין איבערכאזערונג אין דער באשרײַבונג פון דעם לאנד, וואָס דער אווטאָר באזוכט. דער לייענער ווערט ארײַנגעפירט אין סאמע טאָך פון דער געשיכטלעכער פארגאנגענהײַט און פון דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט אינעם לעבן פון דעם לאנד און פון דעם פאָלק. און מע דארף אָפּגעבן רעכט דעם שרײַבער: ער איז קיינמאָל ניט אויבערפלעכלעך, ניט באנאל, ווען ער רעדט וועגן דער קולטור פונעם פאָלק אמאָל און הײַנט. עס פילט זיך באהאוונטקײַט אין דער באשרײַבונג פון דער פראנצויזישער מאָלערײַ, פון די אמעריקאנער מוזייען, פון די רעליקוויעס און דענקמעלער אינעם אוראלטן רוים.

מיר האָבן גענוג געהערט און געלייענט וועגן די פארברעכנס פון די דײַטשישע פאשיסטן אין פוילן, וועגן די גרוילן פון די ייִדישע אסירים אין טרעבלינקע, אָשווענטשים, וועגן דער העלדישקײַט און די ליידן פון דער ווארשעווער געטאָ. און מיר ווערן ווידער דערשיטערט, ווען מיר לייענען בא ווערגעליסן וועגן אָט די געשיכטלעכע פאקטן. מיר הערן אינעם הײַנטיקן אָשוועטשים דעם אליארעם־רוף פון פאבריקסירענעס, באגלייט מיט דעם פײַפן, וואָס האָט בא די פאשיסטן גערופן די ארעסטאנטן אפן אפּעל. דער אווטאָר דערגרייכט דאָס, וואָס ער וויל: דער לייענער ווערט אָנגעשטעקט מיט געפילן פון ווייטעק און פון טרויער איבער דעם, וואָס אזוינס האָט געקאָנט פאָרקומען, און מיט האָפענונג, אז אזוינס וועט מער שוין ניט געשען.

„פּינקטלעכקײַט און קורצקײַט, — זאָגט פּושקין, — דאָס זײַנען די ערשטע מײַלעס פון דער פּראָזע; זי פאָדערט געדאנקען און געדאנקען — אָן זיי טויגן די גלענצנדיקע אויסדרוקן צו גאָרנישט”.

אָט דער פּושקינישער געבאָט פון „פּינקטלעכקײַט און קורצקײַט”, פון „געדאנקען און געדאנקען” איז פולשטענדיק אײַנגעהיט אין ווערגעליסעס פּראָזע, וועלכע איז אויך דיכטונג. איבערן גאנצן בוך זײַנען צעשפּרייט אָן א שיר פּייזאזשן, פּאָרטרעטן פון מענטשן, שטייגערבילדער, כאראקטעריסטיקעס פון לענדער, פעלקער, אָרגאניזאציעס, פּארטייען, געזעלשאפטלעכע און קולטור־דערשײַנונגען. דאָס אלץ קריצט זיך אײַן אין זיקאָרן, גיט א פאָרשטעלונג וועגן אזוינס, וואָס ביז איצט איז דאָס געוועזן אומבאקאנט, אין בעסטן פאל — ניט גענוג קלאָר. ווערגעליס איז שטענדיק לאקאָניש און פּינקטלעך, ער איז קאָנקרעט אין דער שילדערונג, וועלכע איז שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט געדאנק און איז צילגעווענדט, דערבײַ אויך דרייסט און נײַ. ווערגעליס האָט ניט מוירע צו זײַן א ביסעלע „ווייניקער פּרום פון דעם פּויפּסט”, ווי דאָס טרעפט בא אייניקע שרײַבער. דער לייענער גלייבט דעם אווטאָר און גייט נאָך אים אהין, וווהין עס פירן די וועגן פון פארשטאנד. דאָס איז ליטעראטור, קינסטלערישע פּראָזע, וואָס באַרײַכערט דעם באוווסטזײַן און די פאָרשטעלונגען פונעם לייענער.

אין איין אָרט שרײַבט ווערגעליס:

„שוין נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרלאָזט ענגלאַנד, האָט דער סקאַנדאַל טאַקע אויסגעבראָכן, און איך וועל אינקורצן וועגן אים דערציילן, קעדיי די ווײַטערדיקע באַשרײַבונג זאָל אַרײַנעמען אין זיך מער פאַרב און שטימונג־שאַטירונגען".

אָט די שטרעבונג פונעם אווטאָר צו „מער פאַרב און שטימונג־שאַטירונגען" אין פּראָצעס פון שילדערן די ווירקלעכקייט פילט זיך אומעטום אינעם בוך „רײַזעס".

נאָך איין מײַלע פון ווערגעליסעס פּראָזע — איראָניע אלס מיטל פון דער שילדערונג. אין ווערגעליסעס דיכטונג איז פאַראַן איראָניע, אָבער מער אנטפּלעקט זיך אָט די סטיליסטישע אייגנשאַפט אין זײַן פּובליציסטישער פּאָלעמיק און ביכלאַל אין זײַן פּראָזע.

אָט איז אַן אָרט אין „רײַזעס":

„ווען דער אָפיציעלער טייל פון דער פּרעס־קאָנפערענץ, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף רוסיש און ענגליש, איז פאַרענדיקט, דערפיל איך, ווי מיטאַמאָל גיט זיך קימאַט דער גאַנצער אוילעם קאָרעספּאָנדענטן א מין דריי איבער אויף אַן אנדער זײַט און הייבט אָן ריידן מיט מיר יידיש. „אַ, — זאָג איך, — ראַבויסײַ, איר בראַקט דאָך גאַנץ פײַן מאַמע־לאָשן"... עמעצער צעלאַכט זיך, נאָר מע נעמט ווידער, שוין אפן היימישן אויפן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן די רייד, שטעלן פראַגעס:

— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם באַשלוס צו באַאיקאָטירן אײַך?

— וועמען — אײַך?

— אײַך פּערזענלעך.

— ווער האָט אָנגענומען אזא באַשלוס?

— דער ראַט פון די ראַבאָנים.

— איך בין ניט געקומען צוגאַסט צו ראַבאָנים..."

אַן אנדער אָרט:

„דערזען מיך, האָט רענע קאַסען אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף שנייערסאָנען:

— מײַן אלטער כאַווער האָט מיר אָקאָרשט דערציילט, אז ער האָט אײַך אײַנגעלאַדן צו זיך אויף א פרײַטיקצונאַכטס... עסן געפילטע פיש און הערן, ווי מע זינגט זמירעס... און איר האָט אָנגענומען די אײַנלאַדונג... עס געפעלט מיר, וואָס באָלשעוויקעס זײַנען געוואָרן אזוי ביי־געווודיק!

— די באָלשעוויקעס האָבן דען אמאָל זיך אָפּגעזאָגט צו עסן געפילטע פיש?"

ווערגעליס באַהערשט דעם הומאָריסטישן נוסעך, אײַנהיטנדיק דערבײַ טאַקט און מאָס, נאַטירלעכקייט פון פירן דעם שמועס. ער פאַלט ניט אַרײַן אין דעם, וואָס מע זאָגט, „כאָכמענען זיך". דער קלוגער געלעכטער מאַכט לעבעדיק די שילדערונג און העכערט דעם אינטערעס צו די דערציילונגען אין דעם בוך „רײַזעס".

די פּראָזע־מײַסטערשאַפט אין „רײַזעס" קאָן מען זען אין דער שפּראַך און אויך אין אלע אנדערע פאָרמען און מיטלען פון דערציילן.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען בײַשפּילן פון פּאָרטרעטן, וועלכע ווערן אָנגעצייכנט גענוי און כאַראַקטערפול, פון פייזאַזשן, פון שטייגער־שילדערונג, פון דעטאַלן־מאָלערײַ. עס זײַנען אינעם בוך פאַראַן, נאַטירלעך, לירישע און פּובליציסטישע אָפּוועגדונגען. זיי זײַנען אומפאַרמײַדלעך אין אזא מין פּראָזע, נאָר זיי שטערן ניט דער באַוועגונג פונעם „סוזשעט".

„רײַזעס" איז א בוך קינסטלערישע פּובליציסטישע פּראָזע. איך וויל דאָ באַטראַכטן דאָס ווערק אין אַספּעקט פון טעאָריע און היסטאָריע פון פּובליציסטיק. וו. אי. לענין האָט געשריבן, אז פּובליציסטיק איז די געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקייט, א פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן. לויט איר כאַראַקטער איז זי פאַרבונדן מיט פילאָסאָפיע, היסטאָריע, פּאָליטעקאָנאָמיע, עסטעטיק. זי איז אָבער ברייטער ווי יעדע פון אָט די וויסנשאַפטן, שליסט זיי אײַן אין זיך. צום אונטערשייד פון זיי איז זי ניט באַגרענעצט מיט איין ספּערע און ווירקט אין אלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן.

זײַענדיק אלזײַטיק און אוניווערסאַל לויט איר אינהאַלט און לויט איר פאָרנעם, איז די פּובליציסטיק אין דער זעלבער צײַט דינאַמיש, באַוועגלעך און לײַדנשאַפטלעך. זי איז אגרעסיוו, אָנגעזעטיקט און דורכגעדרונגען מיט קעמפערישן געזעלשאַפטלעכן פּאַטאָס. גלײַכגילטיקײַט און קאַלטע אײַנגעהאַלטנקײַט זײַנען פרעמד דער עכטער פּובליציסטיק. שטענדיק „וויינט" זי אָדער זי „לאַכט", זי טריומפירט ניצאָכן אָדער פירט פאַרביטערטע שלאַכטן קעגן דעם אָנגרײַפנדיקן סוינע. די פּובליציסטיק איז ניט גענייגט צו קאָמפּראָמיסן, זי איז אומבאַראַכמאָנעסדיק צום קעגנער און באַפרידיקט זיך בלויז מיט זײַן פולשטענדיקער קאַפּיטוליאַציע אָדער מיט זײַן פאַרניכטונג.

פּובליציסטיק איז די מער זוכנדיקע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן. אין איר אייביקן, אומופהערלעכן שטרעבן צו פאַרווירקלעכן באַשטימטע אופגאַבן און אידייען טרעט זי אויס נײַע וועגן אין די סאַמע פאַרשיידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן וויסן; זי איז דער אויסשפּיר־אַטריאַד פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן.

די פּובליציסטיק איז שטענדיק פונקציאָנעל, זאַכלעך, צילגעווענדט. אין איר יעדן שריט איז פאַרבאָרגן א קאָנקרעטע אופגאַבע. זי איז א סוינע פון אַבסטראַקציע, אנערקענט ניט קיין וואָרט אָן טאַט, קיין טעאָריע אָן פּראַקטיק. זי ווייסט די ווערט פון דער ניט־אָנזעעוודיקער דערשײַנונג, פונעם טייל אין דעם גאַנצן, אָבער איר ציל איז דאָס באַדײַטנדיקע און דאָס אלגעמיינע. און זי קאָן, אויב מע דאַרף, מאַקריוו זײַן מיט דעם צײַטווײַליקן און פאַרבײַגייענדיקן צוליב דעם ענדציל, מיט דעם אומבאַדײַטנדיקן צוליב דעם איקערדיקן, מיט א טייל צוליב דעם גאַנצן, מיט דעם מיטל צוליב דעם ציל, מיט פאָרם צוליב אינהאַלט.

די פובליציסטיק דולדעט ניט קיין רוטינע, קיין פאַרגליווערטקײַט, קיין פשאַרעדיקײַט. זי איז קריטיש און רעוואָליוציאָנער. זי לאָזט ניט דורך קיין פעלערן ניט באַם קעגנער, ניט בא זיך. אופדעקנדיק די פעלערן און באַזײַטיקנדיק זיי, איז זי א מעסירעסנעפעשדיקער קעמפער פאַרן עמעס.

דאָס אַלץ, נאַטירלעך, האָט א שײַכעס בלויז צו פאַרגעשריטענער, רעוואָליוציאָנערער און, אין דער ערשטער ריי, צו מאַרקסיסטיש־לענינישער, קאָמוניסטישער פובליציסטיק, וועלכע דריקט אויס די אידייען און אינטערעסן פון אופקומענדיקע, רעוואָליוציאָנערע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס. וואָס איז שײַעך אָבער דער רעאַקציאָנערער פובליציסטיק, וועלכע דריקט אויס אידייען און אינטערעסן פון דער אונטערגייענדיקער געזעלשאַפט, איז זי, די רעאַקציאָנערע פובליציסטיק, פאַרקערט, א קעמפער ניט פאַרן עמעס, נאָר פאַר פאַלשקײַט און אָפנאַרעײַ. דעריבער איז זי ניט אופריכטיק, דעריבער איז זי פאַכדאָנעסדיק, צופאַסלעריש, אָפאָרטוניסטיש און פירט די געזעלשאַפט ניט פאָרויס, נאָר צוריק.

א זיכערער יעסאָד, א רעאַלע באַזע און אַן אומויסשעפלעכער קוואַל פון דער פאַרגעשריטענער פובליציסטיק איז די ווירקלעכקײַט, די מאַטעריעלע און גײַסטיקע טעטיקײַט פון די מענטשן. אין אַלע צײַטן און עפאָכעס פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז די אַנטוויקלונג פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור און פון דער פובליציסטיק געגאַנגען צוזאַמען, זיי האָבן דערגאַנצט איינע די צווייטע. פושקין, באַלזאַק, ל. נ. טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, סוויפט, שטשעדרין, הײַנע, וואָלטער, לעסינג, טשערנישעווסקי, גאָרקי זײַנען געווען ניט בלויז גרויסע קינסטלער, נאָר אויך גרויסע פובליציסטן. פון דער צווייטער זײַט, איז באַוווּסט, אַז די גרויסע פובליציסטן, די קלאַסיקער פון פובליציסטישער קונסט האָבן זיך געווענדט צו קינסטלערישער שאַפונג, זײַנען אַרויסגעטראָטן דירעקט אַלס שעפער פון קינסטלערישע ווערק.

די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור איז באַזונדערס רײַך מיט בײַשפילן, ווען עס גייען זיך צונויף און גייען צוזאַמען פובליציסטיק מיט פאָעזיע און בעלעטריסטיק. הערצען, בעלינסקי, טשערנישעווסקי, פלעכאַנאָוו, לענין, דאָבראָליובאָוו, וואָראָווסקי, לונאַטשאַרסקי — אָט איז די גרויסאַרטיקע גאַלעריי פון די קלאַסיקער און שעפער פונעם רוסישן פובליציסטישן סטיל. זיי זײַנען געווען ניט בלויז פובליציסטן, נאָר אויך קינסטלער פון וואָרט. די פובליציסטיק האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דער ליטעראַטור און באַזונדערס אַף דער רוסישער שפראַך. די הײַנטצײַטיקע רוסישע ליטעראַרישע שפראַך מיט איר גלאַנץ און פראַכט — דאָס איז די שפראַך פון פושקין, גאָגאָל, טורגעניעוו, ל. טאָלסטאָי, שטשעדרין, נעקראַסאָוו, טשעכאָוו, גאָרקי, אָבער אויך פון די גרויסע רוסישע פובליציסטן. די שפראַך פון דער רוסישער פובליציסטיק, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש באַנײַט און באַרײַכערט מיט נײַע טערמינען, מיט נײַעם לעקסישן מאַטעריאַל, מיט קעמפערישע פאָלעמישע אויסדרוקן, מיט ספעציפישע קאָנסטרוקציעס פון זאַצן און פראַזעס, מיט קאָמפליצירטע פעריאָדן און מיט א רײַכער פראַזעאָלאָגיע — אָט די רוסישע פובליציסטישע שפראַך איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער רוסישער ליטעראַרישער שפראַך, פון דער רוסישער וואָרט־קונסט, פונעם גאַנצן סטיל פון דער רוסישער ליטעראַטור.

אין פאַרגלײַך מיט דער רוסישער פובליציסטיק איז די ייִדישע געווען אָפגעשטאַנען. דער בוילעטסטער באַווײַז דערצו איז די קימאַט פולע אָפוועזנהײַט פון פאָלעמיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פונעם 19־טן יאָרהונדערט. מע קאָן אָנרופן בלויז באַזונדערע עפיזאָדן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן פאָלעמישע שטרײַטן: לעמאָשל, דער קאָנפליקט צווישן מענדל לעפין און יאַנקעוו־שמועל ביק, פון איין זײַט, און טעוויע פעדער, פון דער צווייטער זײַט, אַרום דער איבערזעצונג פון „מישליי" אין די צענער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט — פאַר און קעגן ייִדיש.

מער באַדײַטנדיק זײַנען געווען די פאָלעמישע שטרײַטן צווישן מענדעלען, קאָוונערן און גאָטלאָבערן אין די 60־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. די דאָזיקע שטרײַטן, האגאם זיי האָבן באַרירט אויך פראַגן פון ייִדישער שפראַך און ליטעראַטור, זײַנען אָבער געפירט געוואָרן מערסטנטייל אַף העברעיִש און טיילווײַז אַף רוסיש. די אָנגעזעענסטע קריטיקער פון יענער צײַט — דער „ייִדישער פיסאַרעוו" קאָוונער און דער „ייִדישער בעלינסקי" פאַפערנע האָבן געשריבן אַף העברעיִש אָדער רוסיש.

שטאַרקע עלעמענטן פון סאַטירע און פאָלעמיק זײַנען פאַראַן אין מענדעלעס און לינעצקיס ווערק („דאָס קליינע מענטשעלע", „די טאַקסע", „די קליאַטשע", „דאָס פוילישע ייִנגל", „פריטשעפע", „דער וואָרעם אין כריין"); דאָס זײַנען פאַקטיש די ערשטע פאָלעמישע שאַפונגען אין ייִדיש. אָבער מיר האָבן איצט אין זינען הויפטזאַכלעך פובליציסטישע קאַמפן, פאַרשאַרפטע טעאָרעטישע שטרײַטן צווישן פאָרשטייער פון קעגנגעשטעלטע אידייִשע אָנשויונגען.

די שוואַכע אַנטוויקלונג פון דער פאָלעמישער קונסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז די לעצטע פאָר צענדליק יאָר פונעם פאָריקן יאָרהונדערט איז א רעזולטאַט פון דער אָפגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער פובליציסטיק. דער דאָזיקער זשאַנער קאָן זיך אַנטוויקלען מיט גיכע טעמפן, ווען עס קומט אוף א פאַרצווײַגטע פרעסע.

די ייִדישע ליטעראַטור, וועלכע האָט ביזן לעצטן יאָרצענדליק פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט פאַקטיש ניט געהאַט קיין פעריאָדישע אויסגאַבעס, קיין צײַטונגען און זשורנאַלן, האָט איבער אָט דער סיבע ניט אַנטהאַלטן קיין פובליציסטיק און, נאַטירלעך, אויך קיין פאָלע־

מיק. „קאָל מעוואסער" אין די 60־ער יאָרן און „יודישעס פאָלקסבלאט" אין די 80־ער יאָרן זײַנען נאָך ניט געווען בעקויעך צו שאפן די פובליציסטישע שפּראַך און דעם פובליציסטישן סטיל.

אין סאָף 80־ער און אין די 90־ער יאָרן האָבן די מער אקטיווערע שרײַבער פון יענער צײַט — שאָלעם־אלייכעם, י.־ל. פּערעץ, מאָרדכע ספּעקטאָר אופגעשטעלט ליטעראַרישע טריבונעס (שאָלעם־אלייכעם — „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק" און „די יאָמטעוו־בלעטלעך", ספּעקטאָר — „דעם הויזפרײַנד"). אין די נײַע באדינגונגען האָט זיך אָנגעהויבן שאפן א ייִדישע פּרעסע, עס איז אופגעקומען א ליטעראַטור־קריטיק און פובליציסטיק אף ייִדיש. און דעמלט טאקע האָט זיך אנטוויקלט די פּאָלעמישע פאָרם. אין דער ערשטער ריי האָב איך אין זינען שאַלעם־אלייכעמס גלענצנדיקן פּאמפלעט „שאָמערס מישפּעט", וואָס איז א מוסטער פון פּאָלעמישער קונסט ביז הײַנטיקן טאָג און דער אָנהייב פון פּאָלעמישער קונסט אף ייִדיש. פּערעץ טרעט ארויס אלס פובליציסט איבער פארשיידענע פראגן פון סאָציאָלאָגיע, פּאָליטיק, קולטור, ליטעראַטור. שאָלעם־אלייכעם און פּערעץ זײַנען די גרונטלייגער פון דער פובליציסטיק און פון דער פּאָלעמיק אף ייִדיש.

דער מעכטיקער אופבלי פון דער ייִדישער קולטור אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט, דאָס אנטשטיין פון א פארצווײַגטער פּרעסע אף ייִדיש, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגלט די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפטלעכער באוועגונג און דעם קאמף צווישן די סאָציאַלע קויכעס, דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט, דעם קאמף צווישן די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַליסטישע אידייען און די אידייען פון נאציאָנאליזם און שאָוויניזם, — דאָס אלץ האָט מיטגעווירקט דער אנטוויקלונג פון פובליציסטיק און פּאָלעמיק אף ייִדיש. עס קומט אוף די סיסטעמאטישע פּראָפעסיאָנעלע קריטיק פון באלמאכשאָוועסן און ניגערן, דאָוויד פרישמאנס פּאָלעמישע שאפונג, נאָמבערגס עסייִסטיק, זשיטלאָווסקיס פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע פובליציסטיק; ענדלעך, אנטשטייט א מארקסיסטישע ייִדישע פובליציסטיק, פּאָלעמיק און ליטעראַטור־קריטיק (מ. ליטוואקאָוו, מ. אָלגין, די גרויסע פּלעיאדע סאָוועטישע פובליציסטן און ליטעראַטור־קריטיקער).

האגאם איך האָב דאָ געזאָגט, אז די ייִדישע פובליציסטיק און פּאָלעמיק איז געווען אָפּגעשטאנען, דארף מען פונדעסטוועגן אונטערשטרײַכן, אז די מער באדײַטנדיקע ייִדישע שרײַבער האָבן אָפּגעגעבן גרויס אופמערקזאמקײַט גראָד דער פובליציסטישער פּראָזע, דער פּאָלעמיק און דער עסייִסטיק. מענדעלע האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אף העברעיִש מיט די פובליציסטישע און ליטעראַטור־קריטישע ווערק „משפט שלום" און „עין משפט". וועגן שאָלעם־אלייכעמען און פּערעצן איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן. פון א גאָר גרויסן באדײַט זײַנען מאָריס ווינטשעווסקיס פובליציסטישע, פּאָלעמישע און עסייִסטישע ווערק. ער איז געווען אין טאָך דער אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער פובליציסטישער פּראָזע. אין פּעריאָד צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מילכאָמעס האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געשאפן א רײַכע פּאָלעמישע און פובליציסטישע פּראָזע. איך האָב דאָ אין זינען אויסער אזעלכע אָנגעזעענע פּאָלעמיסטן, ווי מוישע ליטוואקאָוו אָדער יאשע בראָנשטיין, די גלענצנדיקע עסייִסטיק פון פּערעץ מארקישן, דאָוויד בערגעלסאָנען, איציק פעפערן, שאכנע עפּשטיינען, שלוימע מיכאָעלסן און אנדערע. אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע איז באוווּסט די פובליציסטישע פּראָזע פון מוישע קאץ, מוישע נאדיר, קאלמען מארמאָר, ה. לייוויק, יאנקעוו גלאטשטיין און אנדערע.

אויך אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור גיבן אָפּ די שרײַבער אופמערקזאמקײַט דער עסייִסטיק און דער פובליציסטישער פּראָזע, מיטהעלפנדיק דערמיט דער ליטעראַטור־קריטיק און דער ליטעראַטור אינגאנצן גענומען. מיר האָבן פאר די לעצטע אָנדערהאלבן צענדליק יאָר זיך באקענט מיט דער גלענצנדיקער עסייִסטיק פון מוישע אלטמאן און יאנקעוו שטערנבערג; אירמע דרוקערס פובליציסטישע פּראָזע איז אונדז שוין לאנג באוווּסט. אויך אנדערע הײַנטצײַטיקע פּראָזאיִקער און דיכטער (אווראָם גאָנטאר, שמועל גאָרדאָן, יעכיִעל טשיטשעלניצקי, יעשוע ליובאָמירסקי, זאלמען קאהאן, מאָטל טאלאלאיעווסקי, כאיִם מעלאמור און אנד.) ברענגען ארײַן א וויכטיקן בײַטראָג אין דער פובליציסטישער פּראָזע.

אין אזא קאָנטעקסט באקומט ווערגעליסעס פּראָזע א באזונדערע באדײַטונג, ווײַל אין זײַן שאפונג איז פּראָזע ניט קיין בײַזאך, נאָר אן אָרגאנישער באשטאנדטייל פון דער גאנצער ליטעראַרישער טעטיקײַט. „רײַזעס" איז א וויכטיק ווערק, א הויכע דערגרייכונג סײַ אין ארן ווערגעליסעס שאפן, סײַ אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור.

אַף היסטאָרישע טעמעס

פּראָפ. ג. באָנדאַרעווסקי

אין א נעץ פון ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס

דריטער שמועס

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט אונטער דער ווירקונג פונעם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס אָנגעהויבן האַסטיק פאַרקלענערן זיך די ייִדישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. אויב אין 1925 האָט די צאָל אוילים באַטראָפן 33.135, איז זי אין 1927 געפאַלן ביז 2.713. אין דער זעלבער צײַט האָבן צוליבן וווּקס פון דער אַרבעטסלאָזיקײַט, צוליב דער אַנטוישונג אין די גליקן, וואָס די ציִעניסטן האָבן צוגעזאָגט, פיל ייִדן אָנגעהויבן לויפן פון פּאַלעסטינע. שוין אין 1927 האָט די צאָל עמיגראַנטן פון פּאַלעסטינע איבערגעשטיגן די צאָל אימיגראַנטן אַף 2.358 מענטשן. עס איז היפּש געפאַלן דער אויטאָריטעט פון די ציִעניסטישע מאַנהיגים, וועלכע האָבן שוין געהאַט פיל קלענערע מעגלעכקײַטן צו אויסטרייסלען די קעשענעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מײַרעוו־אייראָפּע און אַמעריקע, רײַסן בא אָרעם און רײַך געלט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן זיך פאַרשטאַרקט די כלוקעדייעס צווישן די אײַנפלוסרײַכע ייִדישע ציִעניסטישע און ניט־ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין 1929 צוזאַמען געגרינדעט די ייִדישע אַגענץ. א גרעסערע צאָל ייִדישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופילן די פאָדערונגען פונעם „היסטאַדרוט"[1], זיי זאָלן ניט אָנעמען אַף אַרבעט אַלס באַטראַקעס אַראַבישע פעלאַכן (די פעלאַכן פלעגן באַקומען פאַר א 12־שאָיִקן אַרבעטסטאָג אין צוויי מאָל א קלענערן לוין איידער די ייִדישע באַטראַקעס).

די לאָנדאָנער פּרעסע האָט אָנגעהויבן פּובליקירן א גרויסע צאָל אַרטיקלען, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע ווידערשפּרעכט די פאַרפליכטונגען, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן די אַראַבער אַפן סמאַך פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַק־מאַגאָנען און הוסיינען.

די לאַגע איז געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער, ווען אין ענגלישן מיניסטאָרן־קאַבינעט איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיניסטער פון די קאָלאָניעס דער באַוווּסטער פאַביִאַנער[2] — לאָרד פּאַספילד (סידניי וועב), וועלכער האָט צוזאַמען מיט זײַן פרוי בעאַטריסע אָנגעשריבן א ריי ווערק וועגן דער געשיכטע פונעם טרעד־יוניִאָניזם (די דאָזיקע ווערק האָט בעשײַטע איבער־

פּאַרזעצונג. אָנהייב, זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 11 און 12 פון 1976.

[1] די ציִעניסטישע פּראָפאַריינישע אָרגאַניזאַציע.

[2] „פאַביִאַנער געזעלשאַפט" — אַן ענגלישע רעפאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין 1884. אין 1915 האָט וו. אי. לענין געשריבן וועגן דער „פאַביִאַנער געזעלשאַפט", אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם סאַמע פאַרענדיקטן אויסדרוק פון אָפּאָרטוניזם אין דער ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק.

געזעצט און רעדאַגירט וו. אי. לענין). בעאַטריסע וועב האָט געהאַלטן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג „ברעכט אָפּ אַ גראָבן אויפֿן די רעכט פֿון דער גרונט־באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינע, וועמען קיינער קאָן ניט פֿאַרבאָטן צו לעבן און אַרבעטן דאָרט, וווּ עס זײַנען געבוירן געוואָרן און עס האָבן געלעבט זייערע טאַטעס און זיידעס". אַלע רייד וועגן דעם צוריקקערן זיך פֿון די ייִדן אין 2000 יאָר אַרום אָפּ דער ערד פֿון זייערע אָוועס האָט זי געהאַלטן פֿאַר ניט איבערצײַגעוודיקע.

אין אַזאַ קאָמפּליצירטער סיטואַציע האָט די אָנפֿירונג פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע בעראָש מיט כאַיִם ווייצמאַנען געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו אויסוואַרטן און ניט פֿאַרשאַרפֿן די באַציִונגען מיט דער נײַער ענגלישער רעגירונג, וואָס בעראָש פֿון איר איז געשטאַנען ראַמסיי מאַקדאָנאַלד. אַזאַ פּאָזיציע איז אָבער ניט געפֿעלן געוואָרן די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן פֿון די ציוניסטן בעראָש מיט וו. זשאַבאָטינסקין. די דאָזיקע קרײַזן האָבן אָפֿן אויסגעדריקט זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס זיי זײַנען נאָענט צו מוסאָלינין, זיי האָבן גערופֿן צו טעראָר. נאָך מער, זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן אַזויגערופֿענעם „רעוויזיאָניסטישן" פֿליגל פֿון די ציוניסטן און שפּעטער געשאַפֿן די „נײַע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע", האָט געפֿאָדערט, מע זאָל קאַטעגאָריש אָפּוואַרפֿן טשערטשילס ווײַס בוך פֿון 1922 און געבן די אוילים דאָס רעכט צו אופֿקויפֿן ערד ניט בלויז אין גאַנץ פּאַלעסטינע, נאָר אויך אין טראַנסיאָרדאַניע.

דאָס האָבן טאַקע זשאַבאָטינסקיס קוילער־יונגען פּראָוואָצירט אין אויגוסט 1929 אין ירושאָלאַיִם צוזאַמענשטויסן צווישן די אַראַבער און ייִדן. אַלס פּראָטעסט קעגן דער ירושאָלאַיִמער דעמאָנסטראַציע פֿון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, וועלכע האָבן מאַרשירט איבער די אַראַבישע קוואַרטאַלן און אויסגערופֿן אַנטי־אַראַבישע לאָזונגען, האָט דער אויספֿירקאָם פֿונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער קאָנגרעס (געשאַפֿן געוואָרן אין 1920) געענטפֿערט מיט אַ קאָנטער־דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיך גלײַך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אין נאַבלוס (שכעם) האָבן די אופֿגעשטאַנענע אַראַבער אַטאַקירט די מיליטערישע קאַזאַרמעס, אופֿגעהאַנגען אָפּ דער שטאָט־דומע אַן אַראַבישן פֿלאַג. אין כײַפֿע איז פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט די ענגלישע מיליטערישע מאַטראָסן. אין אַקע און יאַפֿע זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אָנפֿאַלן אָפּ די רעגירונגס־געבײַדעס. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריבערוואַקסן אין אַן אופֿשטאַנד קעגן די ענגלענדער, איז דורכגעגאַנגען אונטער די לאָזונגען: אָפּשאַפֿן דעם ענגלישן מאַנדאַט, פּראָקלאַמירן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקײַט פֿון פּאַלעסטינע, אַנולירן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, אָפּשטעלן די אימיגראַציע און פֿאַרבאָטן צו פֿאַרקויפֿן ערד.

די עקסצעסן, וועלכע זײַנען בײַס דער דאָזיקער באַוועגונג געווען, די סטיכיישע גוואַלדטאַטן זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך די אינטריגעס פֿון די ציוניסטן, דורך דער מאַסן־עקספּראָפּריאַציע פֿון דער סאַמע פּרוכטבאַרער ערד מיצאַד די ייִדישע קאָלאָניסטן און די ציוניסטישע „ערד־פֿאָנדן", דורך די אַקציעס פֿון פֿאַרטרײַבן די אַראַבער פֿון די פֿאַשעפֿעלדער און פֿון אָפּנעמען בײַ זיי די וואַסער־קוואַלן.

פֿאַר די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע פּראָקלאַמירן אָפֿן דעם לאָזונג „צעטייל און הערש", איז געווען באַזונדערס געפֿערלעך דאָס, וואָס דער אופֿשטאַנד אין פּאַלעסטינע האָט געפֿונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין די סאַמע ווײַטע ראַיאָנען פֿון דער בריטישער אימפּעריע. אין באָמביי איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ קאָנפֿערענץ פֿון די מוסולמענער פֿון אינדיע, אָפּ וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן פּאַלעסטינע. די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, אַז פּאַלעסטינע און אירע מוסולמענישע הייליקטימער געפֿינען זיך אונטער דער אָפּעטראָפּעס פֿון דער גאַנצער מוסולמענישער וועלט. זי האָט געפֿאָדערט צו אַנולירן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, אָפּשטעלן דעם ענגלישן פּאַלעסטינע־מאַנדאַט און געבן פּאַלעסטינע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. פֿרײַטיק דעם 16 מײַ 1930 איז דערקלערט געוואָרן אַלס „טאָג פֿון פּאַלעסטינע", ווען אַלע מוסולמענער פֿון אינדיע, בירמע און ציילאָן האָבן געבעטן פֿאַר איר גאָט אין די מעטשעטן און דערנאָך אָרגאַניזירט מאַרשן און דעמאָנסטראַציעס. „די עמעסע סיבע פֿון די צוזאַמענשטויסן דאַרף מען זוכן ניט אין דער רעליגיע, נאָר אינעם עקאָנאָמישן קאַמף צווישן די גיירים און די היגע טוישווים... פּאַלעסטינע פֿאַרבלײַבט פֿאַקטיש אַן ענגלישע קאָלאָניע, — האָט געשריבן דזש. נערו, — אין אייניקע פּראָטים לײַדט פּאַלעסטינע נאָך מער איידער אַן עמעסע קאָלאָניע. די ענגלענדער, ווידער, סטאַרען זיך פֿאַרהיטן אָט די לאַגע, זיי רייצן אָן די ייִדן קעגן די אַראַבער".

קיין פּאַלעסטינע איז אַרײַנגעפֿירט געוואָרן בריטיש מיליטער פֿון מיצראַיִם און מאַלטע.

קעדיי צונישט מאכן די פּרוּוון פון די אַראַבער פון סיריע און טראַנסיאַרדאַניע צו העלפן די פּאַלעסטינער, האָבן די קאָלאָניזאַטאָרן געלאָזט אין גאַנג אַפילע אַוויִאַציע און שטיק־גאַזן.

די פּראָוואָקאַציע, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּאַלעסטינע לויט זשאַבאָטינסקיס איניציאַטיוו און האָט זיך פאַרענדיקט מיט די בלוטיקע געשעענישן פון 1929, האָט געשאַפן די מעגלעכקײַט פאַר די קאָלאָניזאַטאָרן צו דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפּ איבער די פּראָגרעסיווע קויכעס פונעם לאַנד, פאַרפעסטיקן די בריטישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע. די ציִוניסטן האָבן אָפן געשפּילט די ראָליע פון באַהעלפער פון די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן אַפן נאָענטן מיזרעך. אין דער זעלבער צײַט האָבן די בלוטיקע געשעענישן געהאָלפן דער ציִוניסטישער באַוועגונג צו באַהעפטן אירע רייען אונטערן טערעץ, אַז דער „הייליקער זאַך" דראָעט אַ געפאַר, און אַזויאַרום בײַקומען אין אַ געוויסער מאָס דעם אינערלעכן קריזיס, פאַרשטאַרקן דעם צופלוס פון געלט־מיטלען. גראָד אין אָט דעם פּעריִאָד האָט כאַיִם ווייצמאַן פיבערהאַפט פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע אַמעריקאַנער יידישע פינאַנסיסטן, קוידעמקאָל מיט דער ניו־יאָרקער באַנקירן־פירמע „קון, לעב עט קאָ" און מיט דער פירמע פון די וואַרבורגן, וועמעס פיליִאַלן עס האָבן פונקציִאָנירט אין ניו־יאָרק, לאָנדאָן און האַמבורג. ווייצמאַן האָט רעאַליזירט זײַן פּלאַן, וועגן וועלכן ער האָט מיט אַ לאַנגער צײַט פריִער צום ערשטן מאָל דערציילט איינעם פון די לידערס פונעם אַמעריקאַנער ציִוניזם — לויִס מאַרשאַלן. אַלס ענטפער אַף מאַרשאַלס באַמערקונג, אַז קעדיי צו רעאַליזירן די פּאַלעסטינער פּלענער פון די ציִוניסטן, „וועט זיך פאָדערן אַ האַלבער מיליאַרד דאָלאַר", האָט ווייצמאַן געענטפערט: „מיר וועלן דאַרפן אַ סאַך מער, הער מאַרשאַל. אָבער דאָס געלט איז שוין פאַראַן, עס ליגט אין די קעשענעס פון די אַמעריקאַנער יידן. אײַער זאַך און מײַן זאַך איז — אַרויסנעמען פון אָט די קעשענעס אַ טייל פונעם געלט".

די געשעענישן פון די יאָרן 1929 — 1930, ווען עס איז געשאַפן און פאַרפעסטיקט געוואָרן דער איינהײַטלעכער פראָנט פון די ציִוניסטן מיט די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן קעגן דער באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די פעלקער פונעם אַראַבישן מיזרעך און פון דער בריטישער אימפּעריע אינגאַנצן גענומען, זײַנען כאַראַקטעריסטיש אויך אין אַ צווייטער הינזיכט. זיי זײַנען געוואָרן דער אָנהייב פון אַן אייגנאַרטיקער געזעצמעסיקײַט: די ציִוניסטישע קרײַזן פּראָוואָצירן קאָנפליקטן מיט די אַראַבער אַקוראַט דעמלט, ווען עס ווערט שטאַרק פאַרקלענערט די עליִע, ווען די עמיגראַציע פון פּאַלעסטינע (שפּעטער — פון יִשׂראל) גלײַכט זיך אויס מיט דער אימיגראַציע און ווערט גרעסער פון איר, און דאָס האָט פון שטענדיק אָן, נאַטירלעך, געבראַכט צו דער אָפּשוואַכונג פון די פינאַנץ־מאַטאָנעס און דאָטאַציעס מיצאַד די יידישע געלט־זעק פון מײַרעוו. וואָס עס האָט פאַרשטאַרקט דעם קריזיס אין דער ציִוניסטישער באַוועגונג און אײנצײַטיק אָפּגעשוואַכט אין דער באַוועגונג די פּאָזיציעס פון די „שפּאַרבערס". אַזוי איז געווען אין 1929, ווען זשאַבאָטינסקיס קוילער־יונגען האָבן פּראָוואָצירט די פּאַלעסטינער אומרוען, אַזוי איז געווען אין 1956, ווען די רעגירנדיקע קרײַזן פון מעדינאַס יִשׂראל האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָליע אינעם צוגרייטן די אַגרעסיע פונעם דרײַבונד יִשׂראל — ענגלאַנד — פראַנקרײַך קעגן מיצראַיִם, אַזוי איז געווען אין 1967 — ערעוו דעם באַרימטן „בליצקריג".

די יאָרן 1929 — 1930 זײַנען רײַך אין געשעענישן אויך פון אַן אַנדער כאַראַקטער. די שרעק פאַר דעם אויפבריוז פון צאָרן מיצאַד דעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אונטער אַנטיציִוניסטישע לאָזונגען (די ציִוניסטישע פּרעסע האָט זיי אינטערפּרעטירט אַלס אַנטי־יידישע), האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט די רעדלפירער פון דער ציִוניסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד און, באַזונדערס, אין די פאַרייניקטע שטאַטן צו מאַכן גוואַלדן, אַז „די יידישע זאַך אין פּאַלעסטינע שטייט אונטער אַ געפאַר" און דורך דעם בײַקומען דעם ערנסטן ווידערשטאַנד קעגן דער ציִוניסטישער באַוועגונג מיצאַד די אײַנפלוס־רײַכע יידישע קרײַזן פון מײַרעוו און דערשלאָגן זיך דערצו, אַז אין אויגוסט 1929 איז אַפן

XVI ציִוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך געשאַפן געוואָרן די יידישע אַגענץ, ווו עס זײַנען אַף פּאַריטעטע יעסוידעס אַרײַן אָנפירנדיקע טוער סײַ פון ציִוניסטישע, סײַ פון ניט־ציִוניסטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אין דער אָנפירונג פון דער יידישער אַגענץ זײַנען צוזאַמען מיט ווייצמאַנען, נאָכעם סאָקאָלאָוון, הערבערט סעמיועלן, פעליקס וואַרבורגן אײַנגעשלאָסן געוואָרן אויך דער באַוווסטער יידישער שרײַבער שאָלעם אַש, דער לידער פון די פראַנצויזישע סאָציִאַליסטן (שפּעטער — פּרעמיער פון דער רעגירונג פונעם פאָלקס־פראָנט) לעאָן בלום, אַלבערט איינשטיין אאַ.

די מוירע פאַר דער אַראַבישער באַוועגונג קעגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע האָט געבראַכט צו ערנסטע ענדערונגען אין די לינקע ציִוניסטישע און פּראָציִוניסטישע

אָרגאַניזאַציעס פון פּאַלעסטינע. אין יאַנואַר 1930 האָבן אויפן צוזאַמענפאָר אין טעל־אַוויוו זיך פאַראייניקט די צוויי גרעסטע אָרגאַניזאַציעס — „האַפּאָעל האַצאַיִר" און „אַכדוט האַאַוואָדאַ", און עס איז געבוירן געוואָרן די סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מאַפּאַי. די רעכט־ציִעניסטישע לידערס, באַזונדערס די ציִעניסטן־רעוויזיאָניסטן פון פאַשיסטישן שניט זײַנען געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די לינקע טענדענצן אין פּאַלעסטינע. ס'איז געוואַקסן דער אײַנפלוס פונעם יונגן סאָציִאַליסטישן לידער וו. אַרלאָזאָראָוו (דעם אָנהענגער פון א דערנעענטערונג מיט די פּראָגרעסיווע אַראַבישע אָרגאַניזאַציעס), וועלכער איז אין 1931 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אָנפירער פונעם וויכטיקסטן — דעם פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער ייִדישער אַגענץ. אין יוני 1933 איז אַרלאָזאָראָוו דערמאָרדעט געוואָרן אין טעל־אַוויוו. ביז דעם מאָרד האָבן זשאַבאָטינסקי און זײַן קנופּיע געפירט קעגן אַרלאָזאָראָוון א פאַרביסענע העצע.

די געשעענישן פון 1929 האָבן אַרויסגערופן פּאָליטישע מאַנעוורען אויך מיצאַד די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן, אַף צו אויספאָרשן די בלוטיקע אומרוען האָט מען געשיקט קיין פּאַלעסטינע עטלעכע ספּעציִעלע קאָמיסיעס. די אויספירן פון די קאָמיסיעס האָבן באַוויזן, אַז די גרונט־סיבע איז געווען די טעטיקייט פון די ציִעניסטישע פּאָליטיקאַנער און קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט און אויפגעקויפט בײַ די קאָרומפּירטע שייכן די סאַמע ווערטפולע און פּרוקטבאַרע ערד־פּלעצער אינעם לאַנד, פאַריאָגט די אַראַבישע פעלאַכן פון דער ערד, וועלכע זיי האָבן דורעסלאַנג באַאַרבעט, פאַרבאָטן די ייִדישע קאָלאָניסטן צו נעמען אַף אַרבעט אַראַבישע באַטראַקעס, פאַרכאַפּט בײַ די בעדוּיִנער די פּאַשע־פּלעצער און וואַסער־קוואַלן.

אין רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג איז די ענגלישע רעגירונג געווען געצוווּנגען צו פאַרעפנטלעכן אין אָקטיאַבער 1930 א ווײַס בוך (מע האָט עס אויך גערופן „פּאַסווילד־מעמאָראַנדום", לויטן נאָמען פונעם מיניסטער פאַר קאָלאָניעס). אין אָט דעם בוך איז דעקלאַרירט געוואָרן, אַז עס ווערט באַגרענעצט די ייִדישע אימיגראַציע, דאָס אויפקויפן נײַע ערד־באַצירקן, עס ווערן אָפּגעוואָרפן די פּרעטענזיעס פון דער ייִדישער אַגענץ צו פאַרנעמען א הערשנדיקע לאַגע אין פּאַלעסטינע. דאָס ווײַסע בוך באַטאָנט, אַז דער אויפהאַלטער פונעם מאַנדאַט, דה. גרויסבריטאַניע, איז מעכויעוו אַף איין אויפן באַזאָרגן די רעכט סײַ פון די ייִדן, סײַ פון די אַראַבער.

דער דאָזיקער דאָקומענט, וועלכן די מאַקדאָנאַלד־רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט מיטן ציל צו לינדערן די אָנגעשטרענגטע לאַגע אין פּאַלעסטינע און פאַרבעסערן די באַציִונגען מיט די רעגירנדיקע קרײַזן פון די שכנישע אַראַבישע לענדער, קוידעמקאָל פון מיצראַיִם, טראַנס־יאָרדאַניע און איראַק, האָט אַרויסגערופן א גוואַלדיקן צאָרן אין די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס און אין די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פון גרויסבריטאַניע, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די קאָלאָניִאַלע אינטערעסן אַפן נאָענטן מיזרעך. קעגן דעם ווײַסן בוך זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט אַרטיקלען און רעדעס באָלדוּיִן, טשעמבערלען, טשערטשיל, באַלפור. שטורמישע סצענעס האָבן אין האַרבסט 1930 זיך אָפּגעשפּילט אינעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. דעם 25 אָקטיאַבער 1930 האָט דער לידער פון די אַמעריקאַנער ציִעניסטן ווײַז דורכגעפירט א פאַרזאַמלונג פון 250 רײַכסטע ייִדישע פינאַנסיסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן געשיקט א פּראָטעסט דער ענגלישער רעגירונג. אין אָנהייב נאָיאַבער 1930 איז די אָרגאַניזאַציע פון די ציִעניסטן־רעוויזיאָניסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפיציִעלן פאָרשלאָג צו דערקלערן א באָיקאָט קעגן די ענגלישע סכוירעס, אויב גרויסבריטאַניע וועט ניט אָפּשאַפן דעם „פּאַסווילד־מעמאָראַנדום". אָט די גאַנצע קאַמפּאַניע איז דורכגעגאַנגען אונטער דער אָנפירונג פון ווייצמאַנען, וועלכער האָט אָן אויפהער זיך אַרומגעטראָגן צווישן לאָנדאָן, ניו־יאָרק און זשענעווע.

אויסנוצנדיק די ערנסטע עקאָנאָמישע שוועריקײַטן, וועלכע גרויסבריטאַניע האָט איבערגעלעבט איבער דעם עקאָנאָמישן קריזיס, דעזינפאָרמירנדיק די וועלט־עפנטלעכקײַט וועגן דערווירקלעכער לאַגע אין פּאַלעסטינע, האָבן די ציִעניסטישע לידערס געצוווּנגען די לייבאָר־רעגירונג פון גרויסבריטאַניע צו דעזאַוווּיִרן פאַקטיש דעם „פּאַסווילד־מעמאָראַנדום". דעם 14 פעווראַל 1931 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א בריוו פונעם פּרעמיער־מיניסטער פון גרויסבריטאַניע מאַקדאָנאַלד צום פאָרזיצער פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ווייצמאַן. די אַראַבער האָבן אָט דעם בריוו אָנגערופן „דער שוואַרצער בריוו". אין אים האָט די בריטישע רעגירונג פאַקטיש קאַפּיטולירט פאַר דעם דרוק פונעם פאַראייניקטן פראָנט פון די ציִעניסטן מיט זייערע הויכגעשטעלטע באַשיצער אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די באַגרענעצונגען, וועלכע דאָס ווײַסע בוך האָט אײַנגעפירט אַף דער ייִדישער אימיגראַציע,

באזונדערס אפן אופקויפן ערד אין פאלעסטינע, זײַנען שטארק אָפגעשוואכט געוואָרן. ווייצמאן האָט געשריבן אין זײַנע מעמוארן: „...ערשט נאָך מאקדאָנאלדס בריוו איז אין דער פּאָזיציע פון דער רעגירונג, אויך פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע, פאָרגעקומען אן ענדערונג, וועלכע האָט געגעבן די מעגלעכקײַט צו דערשלאָגן זיך פּרעכטיקע דערפאָלגן אין די ווײַטערדיקע יאָרן". און בעעמעס, שוין אין 1932 האָט די צאָל נײַע אוילים באטראָפן העכער 40 טויזנט. פאר צוויי יאָר צײַט זײַנען די ערד־גיטער פון די ציִעניסטישע קאָלאָניזאציע־געזעלשאפטן אויסגעוואקסן מער ווי אַף 30 פּראָצ. די אלגעמיינע צאָל פאמיליעס פון פעלאכן, וועלכע די ציִעניסטן האָבן צום אָנהייב פון די 30־ער יאָרן פארטריבן פון זייער ערד, האָט דערגרייכט ביז 20 טויזנט. ווען מע פארגלײַכט די סאכאקלען פון די ציילונגען פון דער באפעלקערונג אין 1922 און אין 1931, זעט מען, אז פאר אָט די 9 יאָר איז די אראבישע באפעלקערונג פון פאלעסטינע אויסגעוואקסן אַף 29 פּראָצ. און די יִדישע אַף 108 פּראָצ.

אין 1933 האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער אופשטאנד פון די פאלעסטינער אראבער, וועלכער האָט געטראָגן א שארף אויסגעשפּראָכענעם אנטיבריטישן כאראקטער.

אָנגעהויבן האָט זיך דער אופשטאנד אין יאפע אין אָקטיאבער 1933. די אומרוען האָבן שנעל ארומגעכאפּט כײַפע און ירושאָלאַיִם. אויב דער אופברויז אין 1929 האָט געטראָגן דעריקער אן אנטיציִעניסטישן כאראקטער, איז דער אופשטאנד פון 1933 געווען אָפן געווענדט קעגן די קאָלאָניִאלע באלעבאטים — די ענגלישע אימפּעריִאליסטן, וועלכע האָבן אָפן און אלזײַטיק אונטערגעהאלטן די ציִעניסטישע קאָלאָניסטן. אינעם אופשטאנד האָבן צום ערשטן מאָל אָנטיילגענומען די פרויען פון פאלעסטינע. אין נאָיאבער פונעם זעלבן יאָר האָט די באוועגונג פון סאָלידאריטעט מיט די פאלעסטינער ארומגעכאפּט טראנסיאָרדאניע, סיריע, איראק, מיצראַיִם. אין באגדאד און מאָסול זײַנען די דעמאָנסטראציעס געגאנגען אונטערן לאָזונג „נידער מיט די ציִעניסטן און אימפּעריִאליסטן". מיטינגען פון סאָלידאריטעט מיטן אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע זײַנען פאָרגעקומען אין אביסיניע, באזונדערס אין אינדיע.

די בריטישע קאָלאָניזאטאָרן האָבן געשיקט קיין פאלעסטינע שטארקע מיליטער־טיילן. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך אָנגעהויבן הינטערקוליסן־אונטערהאנדלונגען מיט די רעאקציִאָנערע מיטגלידער פונעם אראבישן פאלעסטינער קאָנגרעס און מיט די פעאָדאלע רעגירער פון די שכיינישע אראבישע לענדער. אין גאנג פון די דאָזיקע אונטערהאנדלונגען האָבן די קאָלאָניזאטאָרן צוגעזאָגט צונויפרופן די געזעצגעבערישע פארזאמלונג פון פאלעסטינע און באגרענעצן די יִדישע אימיגראציע.

אָבער פון די בײדע פארפליכטונגען האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. וועגן דעם האָבן זיך געזאָרגט די ציִעניסטישע קרײַזן פון מײַרעוו און די קאָנסערוואטיווע טוער פון גרויסבריטאניע. ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, וואָלט (אין די באדינגונגען, ווען אין לאנד איז די צאָל אראבער א סאך א גרעסערע איידער די צאָל יִדן) דאָס צונויפרופן אוועלכע־ניט־איז געזעצגעבערישע פארזאמלונג, זאָל זײַן אפילע בלויז א קאָנסולטאטיווע, טייקעף זיך אָפּגערופן אַף די פּלענער צו גרינדן א יִדישע מעלוכע אין פאלעסטינע. דעריבער האָבן די ציִעניסטן שוין אין די ערשטע טעג פונעם מאנדאט מיט אלע מיטלען קעגנגעשטעלט זיך דעם פאָרשלאָג צונויפרופן א געזעצגעבערישע פארזאמלונג. אין די דאָזיקע באדינגונגען האָט דאָס אראבישע פאָלק פון פאלעסטינע פארלאָרן די עלעמענטארע דעמאָקראטישע רעפּרעזענטאטיווע רעכט, וועלכע די אראבער האָבן פארמאָגט ניט בלויז אין מיצראַיִם און איראק, נאָר אויך אין סיריע און ליבאן (האגאם די דאָזיקע לענדער האָבן זיך געפונען אונטערן קנאפּל פון די פראנצויזישע מאנדאטאריער). די טעטיקײַט פון די ציִעניסטן האָט, אזויארום, שטארק פארקאָמפּליצירט דעם קאמף פון די פאלעסטינער אראבער פאר זייערע עלעמענטארע רעכט, וועלכע זײַנען פאָרויסגעזען געווען דורכן סטאטוט פון דער פעלקער־ליגע און דורך די אנטשפּרעכיקע גרונטלאגן וועגן דער מאנדאט־סיסטעם.

ווען אין דײַטשלאנד זײַנען געקומען צו דער מאכט די פאשיסטן און עס האָבן זיך צעווילדעוועט די כײַישע רעדיפעס קעגן דער יִדישער באפעלקערונג, האָבן די ציִעניסטן באקומען א געלעגנהײַט צו פאָדערן בא די בריטישע מאכט־אָרגאנען, אז זיי זאָלן ניט בלויז אָפּזאָגן זיך פון די צוזאָגן, וועלכע זיי האָבן געגעבן די פאלעסטינער וועגן באגרענעצן די יִדישע אימיגראציע, נאָר, פארקערט, זיי זאָלן פארגרעסערן די קוואָטע. אין די יאָרן 1934 — 1935 זײַנען קיין פאלעסטינע ארײַנגעפאָרן 104 טויזנט יִדן, דה. מער איידער פאר די פריִערדיקע צען יאָר.

די אימיגראציע איז געגאנגען באנאנד מיטן פארטרײַבן די אראבישע פעלאכן פון זייער ערד. אין מארט 1936 האָט דער ענגלישער פארלאמענט, ווידעראמאָל, אונטערן דרוק פון

די ציִעניסטן, אָפּגעוואָרפן די געזעצפּראָיעקטן וועגן שאפן אין פּאלעסטינע א געזעצגעבערישע פארזאמלונג און וועגן אָפּהיטן די רעכט פון די פעלאכן־ארענדאטאָרן.

די פּאלעסטינער אראבער האָבן דערויף געענטפערט מיט א נײַעם אנטי־אימפּעריִאליסטישן און אנטיציִעניסטישן אופשטאנד, וואָס איז דורכגעגאנגען אונטער דער אָנפירונג פונעם העכסטן אראבישן קאָמיטעט (געשאפן אין 1936). דער אופשטאנד איז פאָרגעקומען אין באדינגונגען, ווען אפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך האָט געהערשט אן אלגעמיינער אופשטײַג פון דער באפרײַונגס־באוועגונג, ווען די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריִאליסטן האָבן זיך פארשארפט ביזן לעצטן גראד און דערפירט צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אין אפּרעל 1936 האָט דער העכסטער אראבישער קאָמיטעט דערקלערט אן אלגעמיינעם שטרײַק פון דער אראבישער באפעלקערונג פון פּאלעסטינע. אינעם שטרײַק האָבן אָנטיילגענומען הונדערטער טויזנטער פעלאכן, ארבעטער, קוסטארן, פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ. מע האָט אופגעהערט צאָלן שטײַערן, אויספילן די פאראָרדענונגען פון די מאכט־אָרגאנען. די גאסן־דעמאָנסטראציעס זײַנען אריבער אין באוואָפנטע צוזאמענשטויסן, אין גאנצן לאנד האָט זיך צעפלאקערט א פארטיזאנישע מילכאָמע. קיין פּאלעסטינע זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן פארשטארקטע מיליטער־טיילן, א שטראָף־ארמיי אונטער ווייוועלס קאָמאנדשאפט. די טיילן פון דער שטראָף־ארמיי האָבן געהאנדלט אין ענגן קאָנטאקט מיט די באוואָפנטע אָטריאדן פון די ציִעניסטן, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָליע פון א פארבינדונגסרינג צווישן דער בריטישער קריגס־קאָמאנדשאפט און דער געהיימער ציִעניסטישער ארמיי „האגאנא", וועלכע איז געשאפן געוואָרן נאָך אין 1920. די „האגאנא" האָט ניט בלויז געמאָרדעט אומבאשיצטע פעלאכן, נאָר אויך זיך צערעכנט מיט די ייִדן, בא וועמען דער געדאנקענגאנג איז ניט צונויפגעפאלן מיטן ציִעניסטישן. ניט לאנג צוריק איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז לויטן באפעל פון דער קאָמאנדשאפט פון „האגאנא" איז נאָך אין 1924 דערמאָרדעט געוואָרן אין ירושאָלאיִם דער טאלאנטפולסטער דיכטער דע האן, וועלכער איז געקומען פון האָלאנד, געוועזן אן איבערצײַגטער ציִעניסט, אָבער דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן דרוקן ארטיקלען און פּאָעמעס, אין וועלכע ער האָט דעמאסקירט די ציִעניסטן.

דער אקטיווער קאמף פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע האָט דערפירט דערצו, אז עס איז געוואָרן ברייטער די אנטיפעאָדאלע און אנטי־אימפּעריִאליסטישע באוועגונג אפן גאנצן אראבישן מיזרעך, קרעפטיקער זײַנען געוואָרן די אידייען פון אראבישער אײנהײַט אף אן אנטי־אימפּעריִאליסטישער באזע. דאָס האָט אָנגעהויבן ארויסרופן אן אומרו אין די רעגירנדיקע קרײַזן פון די שכיינישע אראבישע לענדער. די בריטישע דיפּלאָמאטיע האָט זיך באנוצט מיט אָט דער געלעגנהײַט און דערשלאָגן זיך דערצו, אז אין אָקטיאבער 1936 זײַנען פיר אראבישע מאָנארכן — די קיניגן פון איראק, סאוד־אראביע און יעמען און דער טראנסיאָרדאנער עמיר — ארויסגעטראָטן מיט א ווענדונג צום העכסטן אראבישן קאָמיטעט, ווו זיי האָבן פאָרגעלייגט גאראנטירן די „גוטע קאוואָנעס פון ענגלאנד". דער העכסטער אראבישער קאָמיטעט, וואָס א גרויסער טייל פון זײַנע מיטגלידער איז אויך ניט געוועזן פאראינטערעסירט צו פארשטארקן דעם אנטי־אימפּעריִאליסטישן כאראקטער פון דער מילכאָמע, האָט גערופן די פאָלקסמאסן פון פּאלעסטינע, זיי זאָלן צײַטווײַליק אָפּשטעלן דעם קאמף.

אין נאָיאבער 1936 איז קיין פּאלעסטינע געקומען אן ענגלישע קיניגלעכע קאָמיסיע בעראָש מיטן לאָרד פּיל. די קאָמיסיע האָט קאָנסטאטירט, אז די מאנדאט־סיסטעם אין פּאלעסטינע האָט באנקראָטירט. זי האָט רעקאָמענדירט צו אָפּשאפן די מאנדאט־סיסטעם און צעטיילן דאָס לאנד אף עטלעכע טעריטאָריעס מיט א פארשיידענעם צווישנפעלקערלעכן סטאטוט. ווי דער לידער פון די ענגלישע ליבעראלן סעמיועל האָט געזאָגט, האָט דער פּראָיעקט פון פּילס קאָמיסיע פאָרויסגעזען צו שאפן „א סאאר, א פּוילישן קאָרידאָר, א האלבן טוץ דאנציקס און מעמעלס אף א טעריטאָריע אינגאנצן גענומען די גרייס ווי די ענגלישע שטאָט וועלס".

דער באריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין יול 1937, האָט ארויסגערופן גרויס צאָרן ניט בלויז אין פּאלעסטינע, נאָר אויך אין אלע אראבישע לענדער. אלס ענטפער אפן פּלאן צו צעטיילן זייער היימלאנד האָבן די אראבישע פאָלקסמאסן באנײַט דעם באוואָפנטן קאמף. דער העכסטער אראבישער קאָמיטעט איז אויך געוועזן געצווונגען צו פארנעמען אן אנטיבריטישע פּאָזיציע. די ענגלישע מאכט־אָרגאנען האָבן פארשטארקט די רעפּרעסיעס. עס איז פארבאָטן געוואָרן די טעטיקײַט פונעם העכסטן אראבישן קאָמיטעט, זײַנע מיטגלידער זײַנען פארשיקט געוואָרן אף די סיישעלער אינדזלען. די קריגס־געריכטן האָבן פארמישפּעט צום טויט הונדערטער אראבישע פּאטריִאָטן. עס איז אײַנגעפירט געוואָרן קאָלעקטיווע פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר יעדן פּארטיזאנער: אין א דאָרף, ווו מע האָט געכאפּט א פּארטיזאנער, איז די גאנצע געמיינדע רעפּרעסירט געוואָרן.

די אַלע מאַסמיטלען זײַנען אָבער ניט געווען אימשטאַנד צו אָפּשאַפֿן די נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונגס־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע און די אַלץ שטאַרקער ווערנדיקע שטיצע, וועלכע זי האָט באַקומען אין די אַנדערע לענדער פֿונעם אַראַבישן מיזרעך. דאָס האָט ערנסט אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציעס פֿונעם בריטישן אימפּעריאַליזם אין אָט דעם סטראַטעגיש זייער וויכטיקן ראַיאָן, און ס'האָבן עס אויסגענוצט אין זייערע אינטערעסן די איטאַליענישע און באַזונדערס די דײַטשישע פֿאַשיסטן. דעריבער האָט לאָנדאָן, צוגלײַך מיטן טעראָר, ווידער אָנגעהויבן לאָזן אין גאַנג די קאָמפּליצירטע פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע מאַנעוורען. אין 1937 איז קיין פּאַלעסטינע געשיקט געוואָרן אַ נײַע קיניגלעכע קאָמיסיע בעראָש מיט ווודהאַרדן. ווען אויך אירע פּלענער און פֿאַרשלאָגן האָבן גאָרנישט ניט געגעבן, האָט די בריטישע רעגירונג, נאָך אַן ערנסטער צוגרייטונג, צונויפֿגערופֿן אין לאָנדאָן אין פֿעברואַל 1939 אַ „קאָנפֿערענץ פֿון רונדן טיש", אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען פֿאַרשטייער פֿון גרויסבריטאַניע, לידערס פֿון די אַראַבישע פּאָליטישע פּאַרטייען פֿון פּאַלעסטינע, דעלעגאַטן פֿון איראַק, סאַוד־אַראַביע, יעמען, עגיפּטן, טראַנסיאָרדאַניע און די אָנפֿירער פֿון דער ייִדישער אַגענץ. אַף וויפֿל אַלע אַראַבישע דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די פֿולמאַכטן פֿון די פֿאַרשטייער פֿון דער ייִדישער אַגענץ, ווײַל דאָס וואָלט, לויט זייער מיינונג, באַטײַט, אַז זיי אָנערקענען די צעטיילונג פֿונעם לאַנד, האָט דער ענגלישער קאָלאָניע־מיניסטער מאַקדאָנאַלד געמוזט פֿירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע און ייִדישע דעלעגאַטן באַזונדער. די אָנטיילנעמער פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט מען פֿאָרגעלייגט אַ נײַעם ענגלישן פּלאַן: שאַפֿן אין פּאַלעסטינע אין 10 יאָר אַרום אַן אײנהײַטלעכע, פֿאָרמעל אומאָפּהענגיקע אַראַביש־ייִדישע מעלוכע, וועלכע וועט שליסן אַ פֿאַרבינדעטן אָפּמאַך מיט גרויסבריטאַניע און אויסטיילן פֿאַר איר קריגס־באַזעס. אין מעשעך פֿונעם צענײאָריקן איבערגאַנגס־פּעריאָד וועלן צו דער פֿאַרוואַלטונג מיטן לאַנד בעהאַדראָגע צוגעלאָזט ווערן ייִדישע און אַראַבישע מיניסטאָרן, נאָר די אַלגעמיינע אָנפֿירונג וועט פֿאַרבלײַבן אין די הענט פֿונעם ענגלישן גובערנאַטאָר. די ייִדישע אימיגראַציע וועט באַגרענעצט ווערן, און אָנהייבנדיק פֿון 1944 וועט מען זי אינגאַנצן פֿאַרבאָטן. ס'וועט אויך שטרענג פֿאַרקלענערט ווערן דער אופֿקויף פֿון ערד מיצאַד דעם ציוניסטישן קאָלאָניזאַציע־פֿאָנד.

דער נײַער ענגלישער פּלאַן איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן סײַ מיצאַד די אַראַבישע, סײַ מיצאַד די ייִדישע פֿאַרשטייער. די אַראַבער האָבן געפֿאָדערט, מע זאָל טייקעף אָפּשאַפֿן דעם מאַנדאַט און פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקײַט פֿון פּאַלעסטינע. די ציוניסטן האָבן גערופֿן גרויסבריטאַניע, זי זאָל דערלאָזן דאָס שאַפֿן אַ ייִדישע מעלוכע אַף אַ טייל פֿון דער טעריטאָריע פֿון פּאַלעסטינע, און דעריקער — מיט קיין זאַך ניט באַגרענעצן די עליע. די לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ האָט קיינע רעזולטאַטן ניט געגעבן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אַפֿן שוועל איז שוין געשטאַנען די צווייטע וועלט־מילכאָמע, האָט די בריטישע רעגירונג באַשטעטיקט איר פּלאַן מיט אַן אײנזײַטיקן אַקט. אין מײַ 1939 האָט זי אים פֿאַרעפֿנטלעכט אַלס אַ „דעקלאַראַציע וועגן דער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע" און דערקלערט אים פֿאַר גילטיק. אין דער דעקלאַראַציע איז געמאָלדן געוואָרן, אַז פֿון אַפּרעל 1944 וועט אָפּגעשטעלט יעטווידע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. די טעריטאָריע פֿונעם לאַנד איז צעטיילט געוואָרן אַף דרײַ זאָנעס. אין דער זאָנע «A» (63,4 פּראָצ. פֿונעם לאַנד־שעטעך) איז די ייִדן פֿאַרבאָטן געוואָרן צו קויפֿן ערד. אין דער זאָנע «B» (31,6 פּראָצ.) האָבן ייִדן יאָ געמעגט קויפֿן ערד, אָבער לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פֿונעם בריטישן אויבער־קאָמיסאַר. בלויז אין דער זאָנע «C» (5 פּראָצ. פֿון דער טעריטאָריע) האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן געהאַט דאָס רעכט צו קויפֿן ערד אָן באַגרענעצונג.

די „דעקלאַראַציע וועגן דער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע" — דאָס ווײַסע בוך פֿון 1939 — איז בעלי־סאָפּעק געווען אַ נײַער עטאַפּ אין דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק פֿון גרויסבריטאַניע און האָט באַוויזן, אַז דער בריטישער אימפּעריאַליזם זאָגט זיך אָפּ פֿון זײַן פֿריערדיקער אַקטיווער פּראָציוניסטישער ליניע. די סיבע דערפֿון איז געווען — דער קראַך פֿון דער מאַנדאַט־פּאָליטיק, דער קאָלאָסאַלער אופֿשטײַג פֿון דער אַראַבישער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג, דער קאָמפּליצירטער ספּעקטאָר פֿון די צווישנפֿעלקערלעכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סטראַטעגישע באַדינגונגען.

דער קער אין דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק פֿון גרויסבריטאַניע איז אופֿגענומען געוואָרן אַף מעסערס מיצאַד די ציוניסטן פֿון אַלע ניואַנסן און שאַטירונגען, ער האָט געבראַכט צו אַ שאַרפֿן פּאָליטישן, דיפּלאָמאַטישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן קאַמף אין ענגלאַנד און, באַזונדערס, אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, צו אַ דויערנדיקער און בלוטפֿאַרגיסערישער קריגס־קאָנפֿראָנטאַציע אין פּאַלעסטינע.

נאָך לאַנגע וואַקלונגען ,מיט וועמען גייען: מיט בערלין, לאָנדאָן און סטאַמבול, האָבן די וויזשערס פונעם פּאָליטישן קאָמפּאַס פונעם ציִוניזם א לאַנגע צײַט זיך באַוועגט אין דער זײַט פון סיטי. אָבער דאָס האָט ניט אויסגעשלאָסן אויך אַנדערע אויסערנפּאָליטישע קאָמבי־נאַציעס. אזוי, לעמאָשל, האָט שוין אין די ערשטע נאָכמלכאָמע־יאָרן ווייצמאַן אײַנגעשטעלט ענגע קאָנטאַקטן מיט די איטאַליענישע פאַשיסטן, טרעפנדיק זיך צוליב צוטרוילעכע שמועסן פּערזענלעך מיט מוסאָלינין. ווי ווייצמאַן האָט איבערגעגעבן, איז מוסאָליני „געווען זייער העפלעך, האָט פרײַ גערעדט וועגן דער מעגלעכער קאָמבינאַציע רוים — פּאַריזש — לאָנדאָן" און האָט באַהאַנדלט מיטן פּאָרזיצער פון דער ציִוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע די מעגלעכ־קײַט, אז איטאַליע זאָל אײַנקויפן מעדיקאַמענטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט פּראָדוצירט ווערן דורך יידישע פאַרמאַצעווטישע פירמעס אין פּאַלעסטינע. מוסאָליני האָט געוואָלט אויסנוצן די אײַנפלוסרײַכע ציִוניסטישע קרײַזן אין דער בריטישער הויפּטשטאָט אלס מעגלעכע פאַר־מיטלער צוליב פאַרבעסערן די ענגליש־איטאַליענישע באַציִונגען אינעם פּעריאָד פון דעם עטיאָפּישן (אביסינישן) קריזיס, און ביזן יאָר 1938 האָט ער געדולדעט די עקזיסטענץ פון אַן אומלעגאַלער יידישער מיליטערישער יאַם־שול, וועלכע דער פיליאַל פון „האַגאַנאַ" האָט געעפנט אין טשיוויט־בעקי.

די ציִוניסטן האָבן אײַנגעשטעלט א קאָנטאַקט אויך מיט דער פּוילישער רעגירונג, האַגאַם די פּילסודטשיקעס האָבן געפירט אַן אָפענע אנטיסעמיטישע פּאָליטיק.

ס'זײַנען באַוווּסט אויך די קאָנטאַקטן פון די ציִוניסטן מיט די דײַטשישע פאַשיסטן, אין דער ערשטער ריי מיט די הימלער־לײַט. באַהאַנדלענדיק די ראָליע פון זשאַבאָטינסקין, האָט דער פּראַגער זשורנאַל „נויעס טאַגעבוך" געשריבן, אז „זײַן ראָליע איז א טראַגיש־גראָ־טעסקישע פון דאַן אָן, זינט ער האָט מיטן געלט פונעם שטײַגנדיקן איטאַליענישן, און באַ־זונדערס דײַטשישן פאַשיזם זיך גענומען שאַפן צווישן דעם יידנטום א פאַשיסטישע פּאַרטיי, אָדער, אויב ריידן פּינקטלעכער, א נאָך מער עקסטרעמע אנטי־אַרבעטערשע און אנטי־אַראַ־בישע פּאַרטיי, האַגאַם, נאַטירלעך, ניט קיין אנטיסעמיטישן וואַריאַנט פון דער היטלעריסטי־שער פּאַרטיי".

נאָך אין 1933 איז צווישן דעם מעלוכע־באַנק פונעם היטלער־דײַטשלאַנד „רײַכסבאַנק" און דער יידישער אַגענץ אונטערגעשריבן געוואָרן א געהיימע פאַרשטענדיקונג וועגן א האַנדלס־געזעלשאַפט, וואָס איז קאָדירט געוואָרן מיטן העברעיִשן וואָרט „האַאַוואַראַ"[1]. לויט דער דאָזיקער פאַרשטענדיקונג האָבן די יידן, וועלכע זײַנען אריבערגעפאָרן פון דײַטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע, באַקומען אלס קאָמפּענסאַציע פאַר זייער פאַרמעגן, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די נאַציסטן, א באַשטימטן פּראָצענט פונעם קאָסטן פון די דײַטשישע סכוירעס, וועלכע זײַנען פאַרקויפט געוואָרן אין פּאַלעסטינע מיט דער הילף פון די ציִוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס. עטוואָס שפּעטער איז געשלאָסן געוואָרן אויך א צווייטע פאַרשטענדיקונג — וועגן מיטהעלפן געהיים די יידישע אימיגראַנטן אריבערצופאָרן פון דײַטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע. פאַרמעל האָבן די פאַשיסטישע מאַכט־אָרגאַנען ניט געוואָלט פאַרשאַרפן די באַציִונגען מיט די אַראַבער, זיי האָבן געשטערט די יידן צו עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, די יידישע עמיגראַנטן פלעגן אָפט באַקומען וויזעס קלוימערשט אויף צו פאָרן אין די לענדער פון לאַטײַן־אַמעריקע. זיי פלעגן פאַרלאָזן דײַטשלאַנד אויף שיפן, וועלכע זײַנען געגאַנגען קיין בראַזיליע אָדער אַרגענטינע, אָבער אין די פּאָרטן פון די אַזאָרישע אינדזלען האָבן א סאַך פון זיי געהיים זיך איבערגעזעצט אויף אַנדערע שיפן און אָפּגעשוווּמען קיין פּאַלעסטינע.

אין 1937 איז לויט דער איניציאַטיוו פונעם פּאָרזיצער פון „רײַכסבאַנק" יאַלמאַר שאַכט די פאַרשטענדיקונג „האַאַוואַראַ" פאַרשפּרייט געוואָרן אויפן גאַנצן נאָענטן מיזרעך. די ציִו־ניסטן האָבן אזויאַרום באַקומען צוגאָבלעכע קאַפּיטאַלן אויף אויפקויפן ערד אין פּאַלעסטינע. פאַר די זעקס יאָר, וואָס עס האָט פונקציאָנירט די פאַרשטענדיקונג „האַאַוואַראַ", האָבן די יידישע אַגענץ און די אַנדערע ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע געהאַט די מעג־לעכקײַט צו אימפּאָרטירן פון דײַטשלאַנד א קאַפּיטאַל, וואָס האָט באַטראָפן די קאָלאָסאַלע סומע פון 8 מיליאָן פונט סטערלינג.

דאָס „האַאַוואַראַ"־געשעפט איז געווען א מין פּראָטאָטיפּ פון דער פאַרשטענדיקונג צווישן אַדענאַוערן און בען־גוריאָנען וועגן רעפּאַראַציעס, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ניט ווייניק געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם קריגס־פּאָטענציאַל פון מעדינאַס יִסראָעל.

(סאָף קומט)

---

[1] „העברה" — בוכשטעבלעך „אַן אריבערגאַנג", א „טײַך־אריבערגאַנג".

נאטאליע אנצעלעוויטש

וועגן דעם יידישן יישעוו אין לאטײַן=אמעריקע

כאַשעוועד רעדאקטאָר, איך בין שוין אן עלטערער מענטש. איך וווין אלע יאָרן אין לענינגראד, אָבער אן אָפּשטאמיקער בין איך פון לאטײַן־אמעריקע. מײַנע עלטערן זײַנען געווען צווישן די ייִדישע עמיגראנטן פון רוסלאנד, וועלכע האָבן אין די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשאפן אין ארגענטינע ייִדישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניעס.

אין דאָרעם־אמעריקע האָט שטענדיק געלעבט און לעבט אויך הײַנט א היפּשע ייִדישע באפעלקערונג, וואָס איז געזעלשאפטלעך אקטיוו. איך בין א שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“, און איך וואָלט אײַך געווען זייער דאנקבאר, ווען איר פארעפנט־לעכט אין זשורנאל אן ארטיקל וועגן די ייִדישע ייִשוּווים אין לאטײַן־אמעריקע, וועגן דער שאָדן־טעטיקײַט פון די דאָרטיקע ציִעניסטן.

דעם דאָזיקן בריוו שרײַב איך לויט דער באַקאָשע פון פיל פרײַנט מײַנע, וועלכע האָבן זיך באקאנט מיט אינטערעס אין אונדזער זשורנאל מיט אזעלכע מאטעריאלן, ווי א. קיסלאָווס און ס. ראָגאָווס „וועגן דעם ייִדישן ייִשעוו אין די פאַרייניקטע שטאטן פון אמעריקע“ און אנד. איך מיין, אז די שוין פארעפנטלעכטע מאטעריאלן פון אָט דעם מין רופן לאָגיש ארויס די נייטיקײַט אויך פון א נאָטיץ בעשײַכעס לאטײַן־אמעריקע.

מיט אכטונג

י. אבראמסאָן, לענינגראד

אייניקע סטאטיסטישע ציפערן

אין לאטײַן־אמעריקע (דאָרעם־אמעריקע) לעבט איצט ארום 850 טויזנט ייִדן. דאָס זײַנען אין דער מערהײַט עמיגראנטן פון צענטראל־ און מיזרעך־אייראָפּע, טיילווײַז אויך פון מײַ־רעוו־אייראָפּע. קיין לאטײַן־אמעריקע זײַנען זיי געקומען אין סאָף XIX אָנהייב XX יה. א גרויסער טייל פון די מיזרעך־אייראָפּעיִשע ייִדן האָט זיך אהער אריבערגעצויגן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

די הײַנטיקע לאטײַן־אמעריקאנישע ייִדן געהערן לויט דער סאָציִאלער לאגע, אלס קלאל, צו די מיטל־שיכטן. די דאָזיקע ייִדישע ייִשוּווים זײַנען „אמעריקאניזירט“, אָבער אין טאָך פארהיטן זיי מערסטנס דעם קאָלאָריט פון די אָפּשטאם־לענדער. די ציִעניסטן, צוזאמען מיט די רעליגיִעזע און פילאנטראָפּישע אָרגאניזאציעס פון קאָל־האמינים, האָבן שטענדיק גע־שטרעבט צו איזאָלירן די ייִדישע באפעלקערונג פון דער ארומיקער סוויווע.

דער גרעסטער לאטײַן־אמעריקאנישער ייִדישער ייִשעוו געפינט זיך אין ארגענטינע. דאָ לעבט הײַנט א האלבער מיליאָן ייִדן (בלויז אין דער הויפּטשטאָט פון ארגענטינע, אין בוענאָס־אײַרעס, זײַנען פאראן 360 טויזנט ייִדן). 150 טויזנט ייִדן וווינען אין בראזיליע, עטוואָס מער פון 50 טויזנט אין אורוגוויַי, 40 טויזנט אין מעקסיקע, העכער 30 טויזנט אין טשילי, 15 טויזנט אין ווענעסועלע. קליינע ייִדישע ייִשוּווים זײַנען פאראן אויך אין פּערו, פּאנאמע, באָליוויע, גוואטעמאלע, עקוואדאָר, פּאראגוויַי, פּוערטאָ־ריקאָ, יאמײַקע און אנד. 1150 ייִדן וווינען אין דער סאָציִאליסטישער קובע.

דער עטנישער באשטאנד פון די לאטײַן־אמעריקאנישע ייִדן איז א פארשיידנארטיקער. דער ארגענטינער ייִדישער ייִשעוו באשטייט פון בעערעך 445 טויזנט אשקענאזים, וועלכע שטאמען אין גרונט פון מיזרעך־אייראָפּע, די איבעריקע זײַנען ספארדים. די לאטײַן־אמעריקאנישע ייִדן ריידן אף ייִדיש, לאדינאָ, שפּאניש, ענגליש, פראנצויזיש, פּאָרטוגעזיש, דײַטש און אנדערע שפּראכן.

אין א סאך לענדער פון לאטײַן־אמעריקע דערגרייכט א הויכן גראד די עקאָנאָמישע אינ־טעגראציע פון די ייִדן. „דער גרעסטער טייל פון דער ארגענטינער יוגנט, — שרײַבט דער

ארגענטינער פובליציסט רווון סיניי, — אידענטיפיצירט זיך אינגאנצן מיט ארגענטינע, מיט איר פאָלק און מיט אירע פּראָבלעמען... צווישן דער ייִדישער יוגנט פון ארגענטינע וואַקסן די אַנטי־ציוניסטישע שטימונגען".

דער ציוניסטישער סאָציאָלאָג קעסטעלמאַן זאָגט ארויס דעם זעלבן געדאַנק און דער־קלערט אים אַף פּאָלגנדן אויפן: „זײַן פאַרבונדן מיט ייִסראַעל, — האָט ער געזאָגט אַפּן צוזאַ־מענפאַר פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין ניצע, — באַטײַט איצט זײַן פאַרבונדן מיט די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע".

דער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראַעל „דער וועג" שרײַבט: „די קאַמפּאַניע פאַר אידענטיפיצירן די ארגענטינער ייִדן מיט ציוניזם איז פולשטענדיק דורכגע־פאַלן דערפאַר, ווײַל די ייִדישע מאַסן פון ארגענטינע זעען, אַז אין דעם זעלבן לאַגער, ווו עס געפינען זיך די מיליטאַריסטישע און רעאַקציאָנערע קנופּיעס, וועלכע דינען די אינטערעסן פון די יאַנקיס, פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אויך די מיליטאַריסטישע און רעאַקציאָנערע לידערס פון ייִסראַעל".

די ציוניסטן קריכן פון דער הויט, קעדיי אײַנשמועסן די ייִדישע מאַסן פון לאַטײַן־אַמע־ריקע, אַז אַן עמעסע היים וועלן זיי געפינען בלויז אין ייִסראַעל. די לינקע ציוניסטן גיבן צו, אַז אין ייִסראַעל וועלן זיי קאָנען „אײַנשליסן זיך אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם". די עמיגראַנטן איבערצײַגן זיך אָבער גאַנץ לײַכט, אַז די דאָזיקע ציוניסטישע צוזאָגן זײַנען ניט ווערט קיין ביטערע ציבעלע.

דער ציוניזם אין לאַטײַן־אַמעריקע

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פונקציאָנירן אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, זײַנען פאַקטיש פּיליאַלן פון די זעלבע קערפּערשאַפטן אין ייִסראַעל.

דער צווישנפעלקערלעכער ציוניזם און די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראַעל פאַרשטאַרקן אין די לעצטע יאָרן זייער אידעאָלאָגישע האשפּאָע אין די לענדער פון לאַטײַן־אַמעריקע. צוליב עפעקט נוצן זיי אויס פאַרשיידענע מיטלען: זיי שיקן אַהין אָפיציעלע און ניט אָפּי־ציעלע שליכים; פּראַקטיקירן רײַזעס פון ייִסראַעלדיקע פּאָליטישע, מיליטערישע און פּראָפּאַרײַ־נישע טוער, פון קולטור־טוער איבערן רעגיאָן; טיילן אויס געלט־מיטלען אַף צו פינאַנסירן דאָרט קאָלערליי אָרגאַניזאַציעס; אָרגאַניזירן באַצאָלטע רײַזעס קיין ייִסראַעל; פירן דורך (פינאַנסירן) אין די לענדער אידעאָלאָגישע סימפּאָזיומס, קאָנפערענצן און קאָנגרעסן; נוצן אויס אין די אינטערעסן פון פּראָפּאַגאַנדע די דאָרטיקע פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע.

אָט וואָס עס האָט אַפּן X צוזאַמענפאַר פונעם ארגענטינער „איקוף" געזאָגט דער דעמאָל־טיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אורוגווײַער „איקוף" מייער טשיזש: „ניט געקוקט דערויף, וואָס די ציוניסטישע אינוועסטיציעס אין לאַטײַן־אַמעריקע זײַנען, ווי עס זעט אויס, ווײַט פון רענטאַבעלקײַט, ווערן זיי, פונדעסטוועגן, ניט בלויז פאַרגעזעצט, נאָר אַפילע פאַרגרע־סערט. דער ציוניזם ווײַזט ארויס צו אונדזערע לענדער פיל מער אופמערקזאַמקײַט, איידער, אַשטייגער, צו מײַרעוו־אייראָפּע און צו די פאַרייניקטע שטאַטן. דאָס קומט פאַר אין גרונט דערפאַר, ווײַל לאַטײַן־אַמעריקע לעבט איבער אַ פּראָצעס פון טיפע רעוואָליוציאָנערע איבער־געשטאַלטונגען, און דער ציוניזם, אַ געווער אין די הענט פונעם אימפּעריאַליזם, שטעלט זיך אַ ציל ניט צו דערלאָזן, אַז די ייִדישע מאַסן, קוידעמקאָל די יוגנט, זאָל אָנטיילנעמען אין דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג פון אונדזערע פעלקער, אַז די ייִדישע מאַסן זאָלן ווערן אַ קויעך, וואָס טרעט ארויס קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און אַנטי־אָליגאַרכישע באַ־וועגונגען".

איינקע אַספּעקטן פון דער דיפּלאָמאַטישער טעטיקײַט פון ייִסראַעל אין לאַטײַן־אַמעריקע

די צאָל דיפּלאָמאַטישע מיסיעס פון ייִסראַעל אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער איז פון דרײַ אין 1957 אויסגעוואַקסן ביז זיבעצן (געזאַנדטשאַפטן) אין 1973. אַף די פּאָסטנס פון געזאַנדטע און אַף אַנדערע דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס ווערן מיצאַד דער ייִסראַעל־רעגירונג באַשטימט געוויזענע בירגער פון די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, וועלכע האָבן באַקומען היכבילדונג אין די אוניווערסיטעטן פון לאַטײַן־אַמעריקע און שפּעטער דורכגעגאַנגען די געהעריקע צוגרייטונג אין ייִסראַעל.

די אַקטיוויזירונג פון דער דיפּלאָמאַטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקײַט פון תעל־אוויוו

אין לאטײַן־אַמעריקע האָט שוין פיל מאָל געדינט די אינטערעסן סײַ פון די רעגירנדיקע קרײַזן אין ייִשׂראל, סײַ פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם אינגאַנצן גענומען. אָט זײַנען אַ פּאָר בײַשפּילן.

אויף דער XXVII סעסיע פון דער גענעראַלער אַנסאַמבלײַ פון די פאַראייניקטע נאַציעס (אין 1973), ווען מע האָט אָפּגעשטימט די רעזאָליוציע וועגן אַרויספירן פון די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס דאָס מיליטער פון ייִשׂראל, האָבן בלויז זיבן מעלוכעס געשטימט קעגן. פון די זיבן זײַנען 6 געווען לאַטײַן־אַמעריקאַנישע — באָליוויע, קאָלומביע, קאָסטאַ־ריקאַ, ניקאַראַגואַ, דאָמיניקאַנער „רעפּובליק" און אורוגווײַ. גראָד מיט די דאָזיקע מעלוכעס, אויך מיט סטרעסנערס פּאַראַגווײַ, מיט פּינאָטשעטס טשילי און מיט ענלעכע צו זיי רעזשימען האַלט ייִשׂראל אונטער די בעסטע באַציִונגען. ייִשׂראל איז געווען דאָס צווייטע לאַנד, נאָך אַמעריקע, וואָס האָט אָנערקענט פּינאָטשעטן, וועלכער האָט, פון זײַן זײַט, דעמאָנסטרירט הייסע סימפּאַטיעס צום ציוניזם, באַשטימענדיק אַלס געזאַנדטן אין ייִשׂראל דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין טשילי סעמיועל גלאַזער.

די רעגירונג פון טשילי האָט באַלוינט מיט אַן אָרדן פּאַר פּיליאַריקער דינסט אַלס געזאַנדטער פון ייִשׂראל אין סאַנטיאַגאָ מוישע אַ. טאָוון. דעם אָרדן האָט איבערגעגעבן דער אויסערן־מיניסטער פון טשילי וויצע־אַדמיראַל פּאַטריסיאָ קאַרוואַיאַל. מוישע אַ. טאָוו איז פריִער געווען דער הויפּט פונעם לאַטײַן־אַמעריקאַנישן אָפּטייל אינעם אויסערן־מיניסטעריום פון ייִשׂראל.

די קריגס־עקספּערטן פון ייִשׂראל לערנען פּינאָטשעטס מיליטער־לײַט, וויאַזוי צו באַנוצן זיך מיטן וואָפן, וואָס קומט אָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ייִשׂראל האָט געהאָלפן דעם סטרעסנער־רעזשים אין פּאַראַגווײַ צו בויען אַן אַעראָפּאָרט, וואָס איז נייטיק געווען די מעלוכעס פונעם צאָפן־אַטלאַנטישן פּאַקט („נאַטאָ").

אַזעלכע בײַשפּילן קאָן מען ברענגען אַ סאַך. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז הײַנט־צו־טאָג באַזאָרגט ייִשׂראל צענטראַל־אַמעריקע מיט געווער. דאָס פאַרשטאַרקט, פאַרשטייט זיך, דעם באַוואָפענונגס־געיעג, פאַרשאַרפט די סיטואַציע אין דעם דאָזיקן ראַיאָן.

די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון ייִשׂראל אין לאַטײַן־אַמעריקע מישן זיך קעסיידער אַרײַן אין די אינערלעכע ענינים פון די לענדער, זיי פירן דאָרט אַן אַקטיווע פּראָציוניסטישע און אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער געזאַנדטער פון ייִשׂראל אין בראַזיליע געלייענט דאָרט לעקציעס, אין וועלכע ער האָט באַהויפּט, אַז דער הויפּט־שולדיקער פונעם פאַרצויגענעם קריזיס אויפן נאָענטן מיזרעך איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער איז, קלוימערשט, מער פון אַלעמען פאַראינטערעסירט, אַז אין נאָענטן מיזרעך זאָל לאַנג זיך האַלטן דער מאַצעוו „ניט שאָלעם, ניט מילכאָמע".

ווען אין 1970 איז קיין אורוגווײַ געקומען צוגאַסט דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער, הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן כוידעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס, האָבן די ציוניסטן געטאָן אַלץ, קעדיי אַראָפּרײַסן זײַנע פּרעסע־קאָנפערענצן, נאָר זיי האָט זיך דאָס ניט אײַנגעגעבן. די געזאַנדטשאַפט פון ייִשׂראל האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון די ציוניסטישע אַקטיוויסטן און מיטאַרבעטער פון די רעכטע ייִדישע צײַטונגען, וועלכע דערשײַנען אין אורוגווײַ. אויף דער באַראַטונג האָט דער סעקרעטאַר פון דער געזאַנדטשאַפט פון ייִשׂראל פּאַרגעלייענט אַ דעפּעש פונעם אויסערן־מיניסטעריום פון ייִשׂראל, ווו עס ווערט געגעבן אַן אויסרייד די אורוגווײַער ציוניסטן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַראָפּרײַסן די קאָנטאַקטן פונעם מאָסקווער גאַסט מיט די אורוגווײַער ייִדן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַטײַן־אַמעריקע

לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן פון דער ציוניסטישער וועלט־קערפּערשאַפט האָבן אין 1972 די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון לאַטײַן־אַמעריקע פאַרמאָגט 50 — 60 טויזנט מיטגלידער. קעדיי מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז זייער באַוועגונג טראָגט אַ מאַסן־כאַראַקטער, באַמיִען זיך די ציוניסטן אַרײַנציִען אין זייערע רייען וואָס מער מענטשן, אַפילע קינדער.

אין אַרגענטינע, וועלכע רעכנט זיך פאַרן צענטער פון דער ציוניסטישער אַקטיוויקייט אינעם רעגיאָן, באַטרעפט די צאָל ציוניסטן צווישן דעם האַלבן מיליאָן ייִדן סאַכאַקל 19 טויזנט, און אין דער דאָזיקער צאָל גייען אַרײַן אַפילע 12—13־יאָריקע קינדער. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם אַרגענטינער „איקוף" ראַסקאָוואַן האָט געשריבן אין 1972, אַז „קוים 5% פון דער ייִדישער יוגנט געפינט זיך אונטער אַ לעפּיערעכדיקן אײַנפלוס פונעם ציוניזם".

צו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַרגענטינע געהערן „אַמיאַ" (ייִדישע אַרגענטינער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז טעטיק בלויז צווישן די אַשקענאַזים) און „וואַאַד האַכינוך". די טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס ווערט קאָאָרדינירט דורך דער „דאַיאַ". די

דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן אין 1935 און זי פּרעטענדירט צו זײַן די פֿאַרשטייערשאַפט פֿון די ייִדישע קערפּערשאַפטן אין אַרגענטינע. „דאַיאַ" פֿאַרייניקט די ציִעניסטן פֿון פֿאַרשיידנסטע ריכטונגען — אָנהייבנדיק פֿון די עקסטרעם־רעכטע ביז די אַזויגערופֿענע ציִעניסטן־„סאָציִאַליסטן" און ציִעניסטן־„מאַרקסיסטן". סײַ די „סאָציִאַליסטן", סײַ די „מאַרקסיסטן" פֿריידיקן, אַז די ייִדן דאַרפֿן זײַן איזאָלירט פֿון דער אַרגענטינער געזעלשאַפֿט. זיי שרעקן די ייִדישע באַפֿעלקערונג מיט דער פּערספּעקטיוו פֿון אַ סאָציִאַליסטישער רעוואָליוציע.

עס איז באַוווּסט, אַז „דאַיאַ" האָט שטאַרק נויסע־כיין געוועזן באַ די אַרגענטינער מאַכט־אָרגאַנען, זי איז אַפֿילע באַפֿרײַט פֿון צאָלן שטײַערן. די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרמאָגן ריזיקע פֿינאַנץ־רעסורסן. דער יאָר־בודזשעט בלויז פֿון „אַמיִאַ" באַטרעפֿט העכער 3 מיליאַרד פּעסאָ, דה. פֿערטהאַלבן מיליאָן אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

אין אורוגווײַ איז דער פּראָצענט אָרגאַניזירטע ציִעניסטן העכער איידער אין אַנדערע לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע. לויט די אָנגאַבן פֿון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, באַטרעפֿט דאָ די אַבסאָליוטע צאָל זייערע 8400 מענטשן, ווען דער ייִדישער ייִשעוו ציילט אָן, ווי געזאָגט, אַרום 50 טויזנט מענטשן. אין בראַזיליע איז די צאָל אָרגאַניזירטע ציִעניסטן, לויט די אָנגאַבן פֿון זייערע אייגענע צענטערן, 11.500, אין קאָלומביע — 1350, אין פּאַראַגווײַ — 130.

אין ווענעסועלע איז אין 1972 געווען 1.800 ציִעניסטן. די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דאָרט געשאַפֿן געוואָרן אין 1949, האָט אין די 60־ער יאָרן אַרײַנגענומען אין אירע הענט אַ סאַך צענטראַלע פּאָזיציעס אינעם לעבן פֿונעם ייִדישן ייִשעוו. הײַנט־צו־טאָג פֿירט זי אָן אַקטיווע אַנטיסאָוועטישע און אַנטיקאָמוניסטישע טעטיקײַט צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿונעם לאַנד.

אַקטיוו זײַנען די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מעקסיקע, וועלכע האָבן שוין אַ 50־יאָריקע געשיכטע. אין די לענדער פֿון צענטראַל־אַמעריקע (האָנדוראַס, גוואַטעמאַלע, סאַלוואַדאָר, קאָסטאַ־ריקאַ) זײַנען טעטיק אַרום 1000 אָרגאַניזירטע ציִעניסטן.

אַ סאַך ציִעניסטישע קערפּערשאַפֿטן פֿונעם רעגיאָן זײַנען ענג פֿאַרבונדן מיט די צענטרען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ייִסראָעל. אין פֿיל ייִדישע שולן אַרבעטן אַלס לערער ציִעניסטן, געקומענע פֿון ייִסראָעל. אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע, וועלכע פֿאַרענדיקן אָט די ייִדישע שולן, זעצן פֿאָר זייער בילדונג אין טעל־אָוויוו און אין ירושלאַיִם.

דער אַזויגערופֿענער „מאַרקסיסטישער" ציִעניזם רופֿט די מאַסן פֿונעם קליינבירגערטום, זיי זאָלן גיין צוזאַמען מיט דער גרויס־בורזשואַזיע, דה. פֿאַרנעמען אינעם פּאָליטישן לעבן אַ קאָנטררעוואָליוציִאָנערע פּאָזיציע.

נאָך דער רעוואָליוציע אין קובע האָבן די „לינקע" ציִעניסטן אַ ביסל מאָדיפֿיצירט זייערע טעזיסן: אַ רעוואָליוציע אין לאַטײַן־אַמעריקע, זאָגן זיי, איז אומפֿאַרמײַדלעך. זי וועט אָבער אָנטרעפֿן אויף אַ ווידערשטאַנד מיצאַד די קלייבירגערלעכע מאַסן און מיצאַד די מיטל־שיכטן, וועלכע האָבן זיך ניט וואָס צו קלאָגן אויף זייער עקאָנאָמישער לאַגע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן די „לינקע" ציִעניסטן דערפֿונדן אַ טעאָריע, אַז דער רעוואָליוציִאָנערער פּראָצעס אין לאַטײַן־אַמעריקע וועט אַראָפּשווענקען די ייִדישע באַפֿעלקערונג, וועלכע וועט מוזן עמיגרירן קיין ייִסראָעל. ליידער זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק פֿאַלן, ווען די „מאַרקסיסטישע" ציִעניסטן ווערן אונטערגעהאַלטן דורך אַזעלכע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וואָס האָבן געפֿונען אָנשפּאַר אין די מאַסן אַדאַנק זייער דעמאָקראַטישער פֿאַרגאַנגענהײַט.

אַנטיסאָוועטיזם, אַנטיקאָמוניזם

איינע פֿון די גרונט־ריכטונגען פֿון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז, ווי באַוווּסט, אַנטיסאָוועטיזם, אַנטיקאָמוניזם. אין מײַ 1970, למשל, האָט אין אַ רײ לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע זיך דורכגעקײַקלט אַ כוואַליע פֿון ציִעניסטישע אַנטיסאָוועטישע מאַניפֿעסטאַציעס. „קעדיי שטיצן די פּאָליטיק פֿון דער ייִסראָעל־רעגירונג אינעם קאָנפֿליקט אויפֿן נאָענטן מיזרעך, זײַנען די רעאַקציִאָנערע לידערס פֿונעם ציִעניזם גרייט אונטערצוהאַלטן דעם נעאָ־פֿאַשיזם און דעם אַנטיסעמיטיזם. אַ באַווײַז דערפֿון איז די פּאָזיציע פֿון די טשילער ציִעניסטן בענוגע דער מיליטערישער כונטע", — שרײַבט דער פּראָגרעסיווער זשורנאַל „טיעמפּאָ" („צײַט"), וואָס דערשײַנט אין אַרגענטינע. אַ צווייטער באַווײַז זײַנען די ציִעניסטישע פּאָרומס אונטערן פּראָוואָקאַציִאָנעלן לאָזונג „פֿאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן".

„דער גרונט־ציל פֿון די ציִעניסטן, — שרײַבט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון קאָלומביע הילבערטאָ וויִעראַ, — איז אָפּוווירקן קוידעמקאָל אויף יענע פֿאָרשטייער פֿון דער אינטעליגענץ, וועלכע האַלטן, אַז זיי זײַנען פּראָגרעסיוו. פֿיל פֿון זיי לאַדט מען אײַן קיין ייִסראָעל, מיט זייער הילף פֿירט מען דורך אין לאַטײַן־אַמעריקע קאָנ־

גרעסן אַף „העלפֿן די ייִדן אין פּסטר", דה. אַף צעפּלאַקערן די אַנטיסאָוועטישע און אַנטיקאָמו־ניסטישע היסטעריע".

אַזוי, אַשטייגער, האָט מען אַלס אַנפֿירער פֿון דער קאָנפֿערענץ אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ אין 1968 אײַנגעלאַדן דעם בראַזילישן סענאַטאָר אַראָן שטיינברוק. לויט ווי עס האָבן אים געזאָגט די ציוניסטן און זייערע אַגענטן, וואַרטן די סאָוועטישע ייִדן מיט אומגעדולד, אַז גראָד אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ און דאַפֿקע לויט זײַן אײַנלאַדונג זאָלן זיך צונויפֿקומען וואָס מער וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, און די טעמע פֿון זייערע שמועסן זאָל זײַן — דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין סאָוועטן־רוסלאַנד. דער סענאַטאָר איז אַרויסגעטראָטן אַלס טרובאַדור פֿון די ציוניסטן. אינגיכן נאָך דער קאָנפֿערענץ איז ער געקומען קיין מאָסקווע און אין דער רע־דאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך מודיע געווען, אַז ער האָט כאַראַטע, וואָס מע האָט אים געקאָנט אויסנוצן אין אַזאַ מין פּראָוואָקאַציע.

אַף דער קאָנפֿערענץ צו „פּאַרטיידיקן די ייִדן פֿון פּסטר", וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפֿט אַפּרעל 1974 אין סאַן כאָסע (קאָסטאַ־ריקאַ), זײַנען געקומען דעלעגאַ־ציעס פֿון די לענדער מיט אַ מיליטעריש־פֿאַשיסטישן רעזשים — פֿון טשילי, בראַזיליע, אורו־גוויי, באָליוויע, אויך פֿאָרשטייער פֿון דער פֿאַשיסטישער „באַוועגונג פֿרײַע קאָסטאַ־ריקאַ".

ייִדישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פֿון לאַטײַן־אַמעריקע אין קאַמף קעגן דעם ציוניזם

קימאַט אין יעדן לאַטײַן־אַמעריקאַנישן ייִדישן יישוב זײַנען פֿאַראַן פּראָגרעסיווע אָרגאַ־ניזאַציעס, איינִיקע פֿון זיי עקזיסטירן שוין יאָרצענדליקער. אַ פֿירנדיקע לאַגע פֿאַרנעמען צווישן זיי די אָרטיקע פֿעדעראַציעס פֿון די ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿטן („איקוף"). אָרגאַ־ניזאַציעס פֿון „איקוף" זײַנען פֿאַראַן אין אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגוויי.

דער „איקוף" איז אויפֿגעקומען אין 1937 אויפֿן פּאַריזשער קאָנגרעס. ער איז געשאַפֿן גע־וואָרן מיטן ציל צו פֿאַרטיידיקן און אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור אַף דער באַזע פֿון קאַמף קעגן פֿאַשיזם און מילכאָמע, קעגן אָבסקוראַנטיזם, פֿאַר הומאַניזם, פֿאַר שאַפֿן אַ „נײַע פֿרײַע וועלט פֿון סאָציאַלן יושער".

פֿון די דרײַ לאַטײַן־אַמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציעס פֿון „איקוף" איז די גרעסטע און אַקטיווסטע די אַרגענטינער, וועלכע האַלט אונטער ענגע פֿאַרבינדונגען מיט די דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס פֿונעם לאַנד — מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אַרגענטינע, מיט דער שאָלעם־באַוועגונג, מיט דער ליגע פֿון מענטשן־רעכט, מיטן פֿאַרבאַנד פֿון אַרגענטינער פֿרויען און פֿיל אַנדערע. ער טרעט אַרויס קאָנסעקווענט פֿאַר אַ יושערדיקן שאָלעם אויפֿן נאָענטן מיזרעך, מאָביליזירט די ייִדישע מאַסן צום קאַמף פֿאַר פּראָגרעס און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דער אַרגענטינער „איקוף" גיט אַרויס דעם כוידעש־זשורנאַל „טיעמפּאָ" אין שפּאַניש און די וואָכנצײַטונג אין ייִדיש „אונדזער לעבן" (מיט אַ זײַטל אַף שפּאַניש).

איין מאָל אין פֿיר יאָר ווערט צונויפֿגערופֿן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿונעם אַרגענטינער „איקוף". אין אים באַטייליקן זיך אויך פֿאָרשטייער פֿונעם בראַזילישן און אורוגווײַשן „איקוף".

אָנהייבנדיק פֿונעם 1912 פֿונקציאָנירט די „ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון י.־ל. פּערעץ" (אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פֿע), דער ליטעראַטור־ און ביבליאָטעק־צענטער אין בוענאָס־אײַרעס־פּראָווינץ. ס'איז אויך באַוווּסט דער טעאַטער „איפֿט", דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פֿאַרלאַג „היימלאַנד".

וואָס איז שײַך דער „איקוף"־טעטיקייט אין אַזאַ לאַנד, לעמאָשל, ווי אורוגוויי, ווו ערשט ניט לאַנג צוריק האָט די ייִדישע פּראָגרעסיווע באַוועגונג דערגרייכט אַ גאָר ברייטן פֿאַרנעם, איז זי איצט אַף אַזויפֿיל אונטערדריקט מיצאַד דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטור, אַז עס איז איבערגעריסן געוואָרן יעטווידע פֿאַרבינדונג מיט איר.

ווײַטער ברענגען מיר איינִיקע אויסצוגן פֿון מאַטעריאַלן אין דער ייִדישער פּרעסע, ווו עס ווערן געגעבן נײַע ידיעס און אָפּשאַצונגען פֿון דעם מאַצעוו אינעם ייִדישן יישעוו אין אַרגענטינע.

פאַשיסטישע אטענטאטן קעגן „איקוף" און „איפּט"

די כוואַליע אנטיסעמיטישע אטענטאטן איז דערגאנגען אויך צום „איקוף" און צו דעם טעאטער.

דעם 24 אווגוסט פאָריקן יאָר פאַרטאָג איז געוואָרפן געוואָרן א באָמבע אפן ביניען פונעם „איקוף". דער אופרײַס האָט צעשטערט דעם פראָנט־אַרײַנגאנג און אויך אָנגעמאכט שאָדנס אינווייניק.

מיט א פּאָר טעג פריִער איז אונטערגעלייגט געוואָרן א באָמבע אינעם „איפּט"־טעאטער, אָבער אין לעצטן מאָמענט איז געלונגען צו מאכן זי אומשעדלעך.

גלײַך נאָכן אופרײַס האָט זיך פאַרזאמלט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון „איקוף" צוזאמען מיט פאָרשטייער פון די אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס. עס איז אָנגענומען געוואָרן א פּראָטעסט־רעזאָליוציע און א קאָמוניקאַט פאַר דער פּרעסע. ס'איז אויך געבעטן געוואָרן א זעונג מיטן אינערן־מיניסטער.

פון דער צווייטער זײַט, איז באַשלאָסן געוואָרן פאָרזעצן אָן שום איבערײַס אַלע פּראָגראַמירטע ארבעטן, אײַנגעשלאָסן די צוגרייטונגען צום 11־טן לאנד־קאָנגרעס פון „איקוף".

אין שײַכעס מיט דער לעצטער סעריע אנטיסעמיטישע אטענטאטן האָט דער „איקוף" פאַרעפנטלעכט דעם 20 אווגוסט פאָלגנדן קאָמוניקאַט:

„די פעדעראציע פון ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין ארגענטינע („איקוף") דריקט אויס פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פונעם לאנד איר שאַרפסטן פּראָטעסט אין פאַרבינדונג מיט די קרימינעלע אטענטאטן, וואָס זײַנען באַגאנגען געוואָרן קעגן אינסטיטוציעס און פערזאָנען פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

די פאַקטן, וועגן וועלכע די פּרעסע האָט באַקאנט געמאכט, די אנטיסעמיטישע לאָזונגען און אופשריפטן, די פאַרשפּרייטונג פון אויסגאַבעס, וואָס האָבן די האָזע צו באַרעכטיקן ראַסן־טעאָריעס פון היטלעריזם, די אָנגריפן און סעקוועסטרירונגען, — דאָס אַלץ גיט א פאָרשטעלונג וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון דער נאַצי־פאַשיסטישער אקטיווקײַט אין לאנד.

מיר שטעמפּלען די אטענטאטן אפן דעמאָקראַטישן צוזאמענלעבן, ווי א פּרווו צו שאַפן א קלימאַט פאַר דער נעגירונג פון אונדזערע מענטשן־רעכט.

אין מאָמענט, ווען מיר גרייטן זיך, אין צוזאמענארבעט מיט צאָלרײַכע קאָלעקטיוון, פײַערן 100 יאָר פון דעם קאָלאָניזאציע־ און אימיגראציע־געזעץ אַלס אויסדרוק פון אונדזער אײַנגעוואָרצלטקײַט אין לאנד, וועט זיך די גרופּקעלעך פון ראַסן־העצער ניט אײַנגעבן צו צעטיילן דאָס ארגענטינער פאָלק, פון וועלכן מיר זײַנען אן אומאָפּטיילבארער באַשטאנדטייל.

בעמעשעך פון זייער גאנצער עקזיסטענץ זײַנען דער „איקוף" און דער „איפּט" אויסגעשטאַנען אָן א שיר פאַרפאָלגונגען. מיר זײַנען זיכער, אַז אויך דער נײַער באָמבע־אופרײַס וועט קיינעם אין „איקוף" ניט דערשרעקן.

„אונדזער לעבן", בוענאָס־אײַרעס.

אָף דער סעסיע פון וואַאר־האַקעהילעס

עס לאָזט זיך ניט זאָגן קלאָר, וויפל ייִדן עס לעבן הײַנט אין ארגענטינע, מאַכמעס קיינער האָט אַזא ציילונג ניט דורכגעפירט. מיט א צען יאָר צוריק האָבן ייִדישע צײַטונגען אין דער וועלט געשריבן, אַז אין ארגענטינע לעבט א האַלבער מיליאָן ייִדן. הײַנטיקס יאָר איז שוין געווען אין פיל ערטער אָנגעגעבן, אַז דאָרט זײַנען דאָ 315 טויזנט ייִדן.

ווער האָט געציילט? קיינער ניט! מ'זאָגט סטאם אַזוי. א ריי ייִדישע הויפּט־אינסטיטוציעס אין בוענאָס־אײַרעס האָבן פאַרשונג־קאָמיסיעס, וואָס כעזשבענען, און עס קומט ארויס א לאָקשן־ברעט...

איצט האָט זיך קאָהאָל ארומגעזען, אַז עס איז ניט גוט אָף פיל געביטן. ווען דער ייִדישער אוילעם וואָלט געהערט, מיט וויפל אומרו אַסקאָנים פון בוענאָס־אײַרעס און פון דער פּראָווינץ האָבן גערעדט בא דער סעסיע פונעם וואַאר־האַקעהילעס אין לעצטער וואָך, וואָלטן זיי דערפילט א ציטער איבערן לײַב.

„אונדזער וואָרט", פּאַריזש.

אומרו אין א יידישן יישעוו

עס מערן זיך די פאַלן פון וואָרפן באָמבעס קעגן יידישע אינסטיטוציעס. אזעלכע פאַקטן האָבן מיר געהאט צו פאַרצייכענען אין מענדאָסא און אין קאָרדאָווא, ווו עס איז פאָרגעקומען א מיטינג, אף וועלכן די יידן האָבן פּראָטעסטירט קעגן אנטיסעמיטישע אָנגריפן.

ווען מיר דערמאָנען שוין קאָרדאָווא, מוזן מיר צוגעבן אָט וואָס. דאָס היגע שפּאַניש־יידישע וואָכנבלאט „מונדא איזראעליטא" האָט אינפאָרמירט, אז פון דאָרטן איז געפאָרן א גרויסע גרופּע יידישע יוגנטלעכע קיין ייִסראַעל, און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אנטוישטע. איצט האָבן זיי ניט בלויז איבערגעריסן מיט זייערע באוועגונגען, נאָר אויך מיט דער יידישער קעהילע ביכלאל. א טייל פון זיי איז אריינגעטראָטן אין די טעראָר־אָרגאַניזאציעס און אין די צוזאמענשטויסן זיינען זיי געפאַלן. אייניקע זיינען ארעסטירט געוואָרן.

אן אומרו רופט ארויס די אָפענע נאצי־פּראָפּאגאנדע, וואָס ווערט לעצטנס געפירט מיצאד היטלערי־סטישע קרייזן. אויסער די העצעס אפן אָרט האָבן מיר געהערט, אז דער ארגענטינער אמבאסאדאָר אין איראַן האָט זיך דערלויבט ארויסצוטרעטן מיט אנטיסעמיטישע דיבורים אף א באנקעט לעקאָוועד ארגענטינער טעכניקער, וואָס האָבן באזוכט דאָס דאָזיקע לאנד.

ב. ברוקער, „אונדזער וואָרט", פאַריז

ארגענטינע: אומעטיקע בסורעס

דער אמטירנדיקער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאציע באהויפּטעט, אז דאָס ארגענטינער יידנטום געפינט זיך אין א גרויסער סאַקאָנע, „וויל זיך ניט ראַטעווען". ניט בלויז וואָס עס איז ניטאָ קיין אליה, נאָר עס איז אפילע פאַראַן א „דעציעניזאציע" און ייִסראַעל האָט פאַרלוירן איר צוציונגס־קראַפט. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם מאַצעוו זיינען „די לינקע עלעמענטן פון דער יידישער יוגנט" און די „ניט עפעקטיווע און ניט רעפּרעזענטאטיווע פירערשאפט".

אין א רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בייט סאָקאָלאָוו אין טעל־אוויוו, האָט ער איבערגעגעבן, אז ער איז ארויסגערופן געוואָרן קיין ארגענטינע, קעדיי צו פאַרמיידן א שטרייק פון די לערער אין די יידישע שולן. ער האָט שטאַרק קריטיקירט די יידישע מאַנהיגים, וועלכע, לויט זיין מיינונג, „זיינען ניט ווערט אָנצופירן מיט אזא גרויסער יידישער קעהילע". די פירערשאפט באשטייט „פון פּאָליטישע פונקציאָנערן, וואָס צעטיילן די אמטן צווישן זיך". (אלע ציטאַטן לויט דער „יטא" פון 10 אָקטיאַבער). דולטשין האָט אויך איבערגעגעבן, אז די יידישע אגענץ האָט אויסגעארבעט פּלענער פאַר דער רעטונג פונעם ארגענטינער יידנטום, אָבער זיי זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די וואָרטזאָגער פונעם יישעוו.

ער האָט אויך באמערקט, אז די שליכים ווערן אָנגעשטעקט מיט דער אלגעמיינער לינקיסטישער אַטמאָספער, אָבער דאָס איז שוין אן אינערלעכער פּאַרטייִשער איניען, אף וועלכן מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן.

מיר זיינען פולשטענדיק מאַסקים מיט דולטשינס אנאליז וועגן דעם מאַצעוו אין דאָרעם־אמעריקע, וועגן וועלכן מיר האָבן אָפט דערציילט. ער האָט ניט איבערגעטריבן אף קיין האָר.

פונדעסטוועגן האַלטן מיר, אז די אטאקע אף דער פירערשאפט פון ארגענטינער יידנטום אין אזא שאַרפער פאָרם איז ניט צייטיק און אומנוצלעך. ערשטנס, איז די קעהילע ניט ווייניקער רעפּרעזענטאטיוו ווי אנדערע קערפּערשאפטן אין גרויסע יישעווים. וואָס שייעך דאָס זיך זעלבסטבאשטימען און טיילן כיבודים, איז עס א סאך ווייניקער אין ארגענטינע, איידער אין אנדערע קעהילעס. מיר זיינען ניט קיין אדוואָקאַטן פון די ארגענטינער פּאַרנאַסים פון קאָהאַל, אָבער וואָס וועט ארויסקומען, אז מע וועט זיי אטאַקירן? שטייט אן אנדער אָנפירערשאפט בא דער טיר? אויב יאָ, וואָס איז זי? עפּשער די לינקע?

בערל פרימער, „לעצטע נייעס", טעל־אוויוו

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

די טעראָריסטן און זייערע פּאַרטיידיקער

די געשוואָרענע ריכטער פון באַלטימאָרער קרײַזגעריכט האָבן באַקומען א געוויסע פאָרשטעלונג, ווי עס איז געגרייט געוואָרן דער ערשטער אקט פונעם סצענארי, ווו עס זײַנען געווען פאָרויסגעזען טעראָריסטישע אָנפאַלן אַף די דיפּלאָמאטן פון דער סאָוועטישער געזאַנדטשאַפט.

אינעם טעראָריסטישן אָנפאַל אַף די מיטארבעטער פון דער סאָוועטישער געזאַנדטשאַפט ווערט באַשולדיקט וויליאַם פּערל, דער אָנפירער פון וואַשינגטאָנער אָפּטייל פון „דזשוּיִש דעפענס ליג". ער איז איינער פון די אָנגעקלאָגטע אַפן געריכט. דאָס איז דער זעלבער פּערל, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק בעראָש פון א גרופּע פּאַגראָמשטשיקעס פון „דזשוּיִש דעפענס ליג" ארײַנגעריסן זיך אין לאָקאַל פון טאַסס. ווי ער איז זיך אליין מוידע, איז באַאופטראָגט געוואָרן צו דורכפירן דעם טעראָריסטישן אקט איינער רייבען לעוו־טאָוו, א געוועזענער בירגער פון יִשׂראָעל, איצט א געהיים־אַגענט פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ.

דער געהילף פונעם פעדעראַלן פּראָקוראָר דזשעפריס ווײַט האָט אין זײַן ארויסטרעטונג אַפן געריכט געזאָגט, אז פּערל האָט געקראָגן א ביקס מיטן קאַליבער פון 22 מילימעטער. פאַרווערבירט לעוו־טאָוון, האָט ער אים באַאופטראָגט צו שיסן אין די פענצטער פון די סאָוועטישע דיפּלאָמאטן. נאָר לעוו־טאָוו איז צוליב עפּעס (די סיבע איז נאָך דערווײַל ניט קלאָר) צוערשט אוועק אין דער יִשׂראָעל־געזאַנדטשאַפט, דערנאָך אין דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ, ווו מע האָט אים געגעבן אן אנדער ביקס און א רעוואָלווער. נאָך דעם האָט ער עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אינעם ראַיאָן, ווו עס וווינען די סאָוועטישע דיפּלאָמאטן, און אָנגעקלונגען פּערלען. פּערל האָט צו וויסן געגעבן די אינפאָרמאַציעס־אַגענטורן, אז די שיסערײַ איז אן אופּטו פון „דזשוּיִש דעפענס ליג" און איז ארויסגעטראָטן מיט א דערקלערונג פאַר דער פּרעסע „וועגן די יִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

מײַקל אַרקין, א מעקלער פונעם האַנדל מיט אומבאַוועגלעכן אייגנטום אין שטאָט מערילענד (ער איז ארויסגעטראָטן אַפן געריכט אלס איידעס פון דער פּאַרטיידיקונג), האָט מיטגעטיילט, אז לעוו־טאָוו האָט אים געזאָגט, אז ער טוט זײַן זאַך „לויט אן אינסטרוקציע פון יִשׂראָעל".

די לאַנגע רעשימע טעראָריסטישע אקטן, וואָס די שולדיקע אין זיי האָט מען נאָך ביז איצט ניט געפונען, האָט געבראַכט דער „דזשוּיִש דעפענס ליג" דעם „רום" פון אן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פּאָליצײַ און מיט דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ.

דער קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאַרייניקטע נאַציעס, וואָס האַלט אונטער די פאַרבינדונג מיטן לאַנד, ווו די אָרגאַניזאַציע געפינט זיך, האָט דעם 3 מאַרט פאַריקן יאָר באַשלאָסן, אז די פּאַסיווקײַט פון דער רעגירונג פון פּשא בענעגייע „דזשוּיִש דעפענס ליג" גייט אזוי ווײַט ארויס פון די ראַמען פון געדולד, אז ער האָט דער רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן אוועקגעשיקט א פּראָטעסט.

די גינסטיקע באַציִונג פון דער רעגירונג צו מעִיר קאַהאַנע, דעם לידער פון „דזשוּיִש דעפענס ליג", האָט ארויסגערופן אַלגעמיינע אופמערקזאַמקײַט. אין 1971 איז מעִיר קאַהאַנע אָנערקענט געוואָרן פאַר שולדיק אין א פאַרשווערונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אלס א ציל צו פּראָדוצירן, באַקומען און היטן אופּרײַס־ און ברען־אַפּאַראַטן, נאָר מע האָט אים באַדינגלעך באַפרײַט, ניט האַלטנדיק אים אין טפּיסע אפילע קיין איין טאָג. דעמלט טאַקע האָט דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון די פאַרייניקטע שטאַטן ראָבערט מאָרס דערקלערט, אז אָט דער באַשלוס איז סאַנקציאָנירט געוואָרן „אין די העכסטע רעגירונגס־ספערן".

געפינענדיק זיך אַף דער פרײַ, האָט קאַהאַנע ניט איין מאָל געהייסן די מיטגלידער פון „דזשוּיִש דעפענס ליג", זיי זאָלן אָרגאַניזירן אָנפאַלן אָדער ארויסטרעטן מיט דראָונגען. ניט געקוקט דערוף, וואָס מיט אזא אופירונג האָט ער אויוועך געווען אַפן באַדינג, לויט וועלכן מע האָט אים אָפּגעלאָזט אַף דער פרײַ, האָט מען קעגן אים ניט אָנגענומען קיינע מאָסמיטלען. קאַהאַנע איז שוין לאַנג באַוווּסט אלס אַגענט פון דער צענטראַלער אויסשפּיר־פאַרוואַלטונג. אונטערן נאָמען מײַקל קינג האָט ער פיל יאָרן געאַרבעט אלס קאָנסולטאַנט פון דער קאָמיסיע פון קאָנגרעס פאַר אויספאָרשן די אַנטי־אַמעריקאַנישע טעטיקײַט.

„דיילי וואָרלד", ניו־יאָרק

א דיפּלאָם אפן שפּיץ פון א באַגנעט

דער העברעישער אוניווערסיטעט פון יערושאלאיִם האָט די טעג צוגעטיילט דעם פראנצויזישן שרייַבער און פילאָסאָף זשאַן פּאָל סארטר דעם דיפּלאָם „דאָקטאָר האָנאָריס קאַוזיס". דער טעאָרעטיקער פון דער עקזיסטענציאַליסטישער שיטע האָט זיך ניט אָפּ־געזאָגט פון אָט דער מאָטאָנע.

דער זון פון א פאָלק, וואָס האָט צוריק מיט צוויי הונדערט יאָר געשטורעמט די טויערן פון דער באַסטיליע און שווער געקעמפט אין די בלוטיקע טעג פון דער פאַריזשער קאָמונע, האָט, ווייַזט אויס, פאַרגעסן, אז דער דייַטשישער סאָציאַליסט אווגוסט בעבעל האָט געזאָגט: „אויב די בורזשואַזיע לויבט מיך, איז א סימן, אז איך האָב געמאַכט א פעלער לעגאבע די קעמפנדיקע פאָלקסמאַסן".

דער דיפּלאָם, וואָס פּאָל סארטר האָט די טעג געקראָגן, איז ניט געקומען פון די ייִסראָעלדיקע פאָלקסמאַסן, נאָר פאַרקערט...

די אונטערדריקטע ארבעטער־מאַסן אין ייִסראָעל קאָנען זיך ניט באַשעפטיקן היינט־צו־טאָג מיט צוטיילן דיפּלאָמען. זיי ראַנגלען זיך היינט שווער אונטער דער הערשאַפט פון א רעגירונג, וואָס וויל זיך ניט רעכענען מיט זייערע סאָציאַלע נייטן; א רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אלס ציל צו דינען דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און דער רעאַקציע אָף דער וועלט.

מע דאַרף ניט זיין קיין פילאָסאָף, קעדיי צו זען, ווער עס זיינען די קויכעס, וואָס קעמפן פאַר שאָלעם אין אונדזער ראַיאָן, און ווער זיינען די, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א געפאַר פון מילכאָמע.

א רעאַליסטישער קוק אָף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער מאַפּע און ביפראַט אָף דער פּאָזיציע פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און די פּראָבלעמען פון אונדזער ראַיאָן קאָן דינען אלס שליסל צו פאַרשטיין, וויאַזוי און מיט וועמענס הילף קאָן געלייזט ווערן דער ייִסראָעל־אַראַבישער קאָנפליקט.

עס וואָלט געווונטשן געווען, אז דער שרייבער זש. פּאָל סארטר זאָל זיך באַפרייען פון זיינע אבסורדישע פילאָסאָפישע ספּעקוליאַציעס, זיך אַראָפּלאָזן אָף דער ערד און זען, וויאַזוי די קאַפּיטאַליסטישע וועלט זעט היינט אויס; וויאַזוי דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם רעאַגירט לעגאַבע דעם קאַמף פון די פעלקער פון אַפריקע, אַזיע און דאָרעם־אַמעריקע פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

אוודע איז א קאָוועד פאַר א שרייבער צו באַקומען דעם דיפּלאָם „דאָקטאָר האָנאָריס". דאָס פאַרשאַפט אים אָנערקענונג און פּאָפּוליאַריטעט. עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע: פונוואַנען קומט זי און ווער הייבט איצט זיין פּאָפּוליאַריטעט.

דוכט זיך, אז דאָס מאָל האָט דער פילאָסאָף סארטר געווונען א דיפּלאָם און פאַרלוירן א וועלט — א וועלט, וואָס קעמפט פאַר שאָלעם און קעגן שאָוויניזם און ראַסיזם.

זש. פּאָל סארטר איז פון די אינטעלעקטואַלן, וועלכע קאָנען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן אין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אין די מאַנעווורען פון א קלאַס און פון א רעגירונג, וואָס רעדט קלוימערשט וועגן דעמאָקראַטיע, וועגן הומאַניזם, און פאַקטיש דערשטיקט זי דעם קאַמף פאַר באַפרייונג פון די פעלקער און פאַר שאָלעם.

סארטר ווייסט עפּשער ניט, אז די הערשער אונדזערע שטרעבן איינצוהילן זייערע מייַסים אין א פּור־פּור־מאַנטל, זיך ארומרינגלען מיט שרייבער און אינטעלעקטואַלן, וועלכע ווידמען איר לויב־געזאַנגען. בלויז פאַר אָט די שוואָכים זיינען זיי גרייט צו געבן דיפּלאָמען, אַזוי ווי זיי גיבן די פולע אָנערקענונג און פריינטשאַפט דעם ראַסיסט פאָרסטער פון דאָרעם־אַפריקע, דעם פאַשיסטישן הערשער פון טשילי פּינאָטשעט און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מעיוכאָסים.

גרויסע שרייבער, דענקער אנטפּלעקן זיך פאַר דער מענטשהייט און ווערן פּאָפּולער ניט בלויז מיט זייערע טאַלאַנטפולע שאַפונגען, נאָר בעיִקער מיט זייער באַטייליקונג אינעם קאַמף פאַר סאָציאַלן יוישער, פאַר שאָלעם און פּראָגרעס.

עס איז קעדיי צו דערמאָנען בא דער געלעגנהייט, וויאַזוי דער ייִדישער פילאָסאָף פונעם 7־טן יאָרהונדערט באָרעך שפּינאָזע האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פונעם היידלבערגער אוניווערסיטעט איבערצונעמען די קאַטעדרע פון פילאָסאָפיע, וויאַזוי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווידמענען זיינס א ווערק דעם פראַנצויזישן קיניג לוי דעם 14־טן.

דער פראַנצויזישער מאָלער ה. דאָמיע האָט אין זיין בילד „די גאַס טראַנסנאָנען" פאַרייביקט די בלוטיקע פאַרברעכנס פון דער פראַנצויזישער רעאַקציע — א בילד, וואָס ווייַזט, וויאַזוי דעם 15 אַפּרעל 1834, זיינען אין דער שטאָט ליאָן זעלנער אריין אין א הויז אָף דער גאַס טראַנסנאָנען און אויסגעהארגעט אלע איינוווינער. ווען דאָמיע וואָלט היינט געלעבט און געזען די בלוטיקע געשעענישן אין „טאָג פון באָדן", וואָלט ער פונדאַסניי געשאַפן אזא מין בילד, קעדיי די וועלט זאָל וויסן, און א טייל אינטעלעקטואַלן פון פאַריזש, לאָנדאָן און ניו־יאָרק זאָלן זיך וויניקער פרייען מיט דיפּלאָמען, וואָס די ייִסראָעל־רעגירונג טיילט זיי צו.

מיט כאַניפעדיקע רייד, מיט צוטיילן דיפּלאָמען פּרוּווט די ייִסראָעל־רעגירונג צודעקן די איזאָליאַציע, אין וועלכער זי געפינט זיך היינט־צו־טאָג אין דער וועלט.

דאָס מאָל האָט זי געכאַפּט אין איר פּאָליטישער נעץ דעם שרייבער, וועלכער האָט מיט זיינע דראַמעס „די ארעסטירטע פון אַלטאָנאַ" און „די טויטע אָן באַגראָבעניש" באַוויזן צו שילדערן די געפאַר פון פאַשיזם, פון מילכאָמע און זיך געשטעלט מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אין די רייען פון די קעמפער פאַר שאָלעם און פּראָגרעס.

י. וו. („דער וועג")
טעל־אַוויוו

■ ■ ■

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

די צײַטונג „אונדזער פרײַנט" מוז און וועט לעבן

צוריק מיט א קורצער צײַט האָט די ייִדישע פאָלקס־צײַטונג פון אורוגווײַ „אונדזער פרײַנט" אָפּגעמערקט איר 40־יאָריקן יובילײ. ס׳איז, קאָן זײַן, איינער פון די זעלטענע פאלן, ווען די פולע מערהײַט קולטור־מענטשן אין א ייִדישן ייִשעוו פונעם בורזשואזן מײַרעוו זאָל זײַן, ווי מע זאָגט, איין נעשאָמע מיט א צײַטונג, ליב האָבן זי מיט לײַב און זעל. די פּראָגרעסיווע ייִדישע פאָלקס־מאסן פון אורוגווײַ האָבן ווי דאָס אויג אין קאָפּ אופגעהאלטן זייער אויסגעהיטע אין פריידן און ליידן טריבונע. „אונדזער פרײַנט" פלעגט געדרוקט ווערן יעדן טאָג אף גראָבלעך, ניט גלאט פאפיר, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאר צונויפגעזאמלטע פארהאָרעוועטע פעזעס. די ארטיקלען, נאָטיצן און קאָמענטארן, דער ליטערארישער מאטעריאל, די אינפאָרמאטיווע מיטיילונגען וועגן דעם לעבן אינעם לאנד און אין דער וועלט און ספּעציעל וועגן דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן פלעגן זײַן געשריבן מיט אזא אָנזעעוודיקעמעסדיקער און פולקום אופריכטיקער פען, אז ניט גלייבן דער צײַטונג איז געווען אומעגלעך, בלויז א שלעכטער מענטש, בלויז א בייזוויליקע פאָליטישע קערפּערשאפט האָט געקאָנט ארויסווײַזן צו איר פײַנטשאפט.

אין סאָוועטנפארבאנד האָט „אונדזער פרײַנט" געהאט א גוטן שעם. די פאָלקס־צײַטונג פלעגט ברענגען פון די ווײַטע ברעגן פון לא־פּלאטא וואַרעמע גרוסן פון א דינאמישן ייִשעוו, ווו פּראָגרעסיווע רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס זײַנען ניט פארוועלקט געוואָרן, ווו רעאקציע, אָבסקוראנטיזם, ציוניזם האָבן ניט באוויזן אראָפּצופירן פון וועג דעם פּאָשעטן מענטשן. ס׳האָט געפרייט די שפרודלדיקע באגאבטקײַט פון די מיטארבעטער פון דער צײַטונג.

מיט א צײַט צוריק איז איבערגעריסן געוואָרן אונדזער פארבינדונג מיט „אונדזער פרײַנט". די פּאָטשט האָט אופגעהערט ארײַנצוברענגען די שוועסטער־צײַטונג. עס זײַנען דערגאנגען אומרויִקע ידיִעס וועגן דעם פאשיסטישן פוטש אין אורוגווײַ, וועגן ארעסטן און פארפאָלגונגען. א האָפענונג איז געווען: עפשער...

און אָט ליגט פאר אונדז א נומער פון פאריזשער „אונדזער וואָרט" (21 דעקאבער 1976), ווו ס׳איז אָפּגעדרוקט א שמועס פונעם בוענאָס־אײַרעסער אונטערוועלט־„זשורנאליסט" י. האָרן מיטן רעדאקטאָר פון דער פארהאסטער מיצאד די ייִדישע מאסן אין אורוגווײַ ציִעניסטישער צײַטונג „הײַנט" ש. גרינבערג. מיטיילנדיק, אז „הײַנט" גייט ארויס אויך באם פאשיסטישן רעזשים, האגאם „די צאָל אבאָנענטן איז קליין, די צאָל מיטארבעטער זייער ווייניק" (דה., סײַ די לייענער, סײַ די זשורנאליסטן האלטן זיך פון איר פונדערווײַטנס), האָט ש. גרינבערג, ווי עס גיט איבער י. האָרן, „אָן באדויערן דערמאָנט, אז שוין א יאָר, ווי עס איז אונטערגעגאנגען" „אונדזער פרײַנט". די געמיינע ווערטער פונעם פינצטערלינג וועגן דעם, אז ער באדויערט ניט, וואָס די פאָלקס־צײַטונג איז געפאלן מאמעש אפן שלאכטפעלד אין קאמף קעגן דער סאָלדאפאָנישער פאשיסטישער קנופיע דערמאָנען אונדז אין די מײַסים פון דער אורוגווײַער ייִדישער רעאקציע, וועלכע האָט נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן זיך אײַנגעקויפט אין יִכעס דורך מיטהעלפן דער דיקטאטור פונעם דר. טעררא, וואָס האָט דאן געווילדעוועט אין אורוגווײַ. וועגן דעם האָט, געדענקט זיך, געשריבן זײַנערצײַט אין „אונדזער פרײַנט" דער ייִדישער געזעלשאפטלעכער טוער קארלאָס לעוואָוויטש: „אָנגעזעענע ציִעניסטישע, אזויגערופענע „נאציאָנאלע" קלאל־ייִסראָעל־אסקאָנים האָבן זיך אָפיציעל פארנומען מיט מעסירע. זיי האָבן אדאנק דער מעסירע־באשעפטיקונג באקומען מעלוכע־פּאָסטנס און שפּעטער געהאָלפן צענזורירן ייִדישע בריוו, אָנגעוויזן אף פאָליטיש־פארדעכטיקע עלעמענטן"...

מיר ווייסן ניט די קאָנקרעטע אומשטענדן, וויאַזוי עס איז אין מאָנטעווידעאָ געשלאָסן געוואָרן די העלדישע ייִדישע טאָג־צײַטונג „אונדזער פרײַנט". איינס איז קלאָר: די צאָל אבאָנענטן, די ליבע פון די פאָלקס־מאסן, דער ענטוזיאזם און איבערגעגעבנקײַט פון די מיטארבעטער, די צונויפגעזאמלטע פארהאָרעוועטע פעזעס, — אלץ האָט אין דעם פאל מיט „אונדזער פרײַנט" אויסגעזען גאָר אנדערש, ווי אין דעם פאל מיטן „הײַנט"; ש. גרינבערגס „הײַנט" אָבער האָט ניט ארויסגערופן קיין דערווידערונג באם אורוגווײַער פאשיזם...

איבערשיקנדיק אונדזערע סאָלידאַריטעט־געפילן די לייענער און שעפער פון דער שוועסטער־צײַטונג „אונדזער פרײַנט", דריקן מיר אויס די האָפענונג, אז נאָכן גיכן קראך פון דער אנטיפאָלקישער פאשיסטישער דיקטאטור אין אורוגווײַ וועלן ווידער זיך אָנצינדן די ליכט אינעם מאָנטעווידעער פּראָגרעסיוון ייִדישן קולטור־פאלאץ אף זשיטלאָווסקיס נאָמען, און דאָרט, אינעם „מוישע־ריכטער־הויז", וועט אָן ערנסטער אוילעם, ווי געוויינלעך, זיך צונויפקלײַבן אף צו באהאנדלען די מאָסמיטלען, וועלכע פאָדערן זיך אף צו פאָרזעצן דאָס ארויסגעבן די פאָלקס־צײַטונג „אונדזער פרײַנט". דאן וועט, צו אונדזער גרויסער פרייד, ווידער אײַנגעשטעלט ווערן אָן ענגע פרײַנטלעכע פארבינדונג צווישן קיראָוו־גאס, 17 אין מאָסקווע און כוליִאָ ערערא איאָבעס, 1171 אין מאָנטעווידעאָ — צווישן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" און דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט".

גאָט זאָל אָפּהיטן פון אזא אַנשיקעניש...

זינט עס האָבן זיך באוויזן — אַלץ אָפטער און געדיכטער — אומדערלאָזבארע, ניט קאָנטראָלירטע טענער אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט“, אָט דער אין פאַרגאַנגענעם פּעריאָד הויך־קוואַליפיצירטער און עכט־אָפּגעהיטער פונעם פּראָפעסיאָנעלן זשורנאַליסטישן שטאַנדפּונקט צײַטונג, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גלײַך אויף גלײַך מיט דעם אַראָפּגעשלאָגענעם פונעם געוויינלעכן דערעך רעדאַקטאָר פּ. נאָוויק טיילט דעם סקאַנדאַליעזן טאָן אין דער איצטיקער „מאָרגן־פרײַהײַט“ דער פאַרוואַלטער פון רעדאַקציע כ. סולער, — איז אויפגעשוווּמען, נאַטירלעך, די פראַגע: ווער איז ער, סולער, און וועלכע טאַלאַנטן האָבן אים, דעם ווירטשאַפטס־פירער אינעם „סטעף“, געגעבן סמיכעס אויף אידייִש־זשורנאַליסטישער פירערשאַפט לויטן נײַעם קורס פון דער צײַטונג?

מע דאַרף, פאַרשטייט זיך, ניט אָננעמען אַזעלכע זאַכן ערנסט, כ. סולער איז פון יענע פאַרבנלאָזע פאַרשוינען, וועלכע רופן ניט אַרויס קיין ווילן צו פעסטשטעלן, ווער זיי זײַנען און וואָס זיי זײַנען, אָבער דאָס, וואָס גראָד ער איז געוואָרן, באַגלײַך מיט נאָוויקן, דער וואָרטזאָגער אין מוישע אָלגינס „מאָרגן־פרײַהײַט“ אינעם פּעריאָד פון איר טראַגישער געפאַלנקײַט, וועט בעפּיירעש פאַרצייכנט ווערן, ווען עס וועט קומען די צײַט, נאָך דער אידייִשער יערידע, אונטערצופירן אַ סאַכאַקל.

איינע פון די וויכטיקסטע טעמאַטישע אָפּטיילן אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ איז פון שטענדיק אָן דער וועכנטלעכער איבערזיכט „אין דער ייִדישער פּרעסע“, וועלכער שטעלט אַוועק אונטערן פּאָלעמישן פּראָזשעקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ אָן אָפּקלײַב פון צײַטונגס־ און זשורנאַל־פּובליציסטיק אין פאַרשיידענע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. פאַרשטענדלעך, אַז דעם דאָזיקן אָפּטייל פירט דער רעדאַקטאָר, אָבער אָנהייבנדיק פון אַ געוויסער צײַט האָט זיך דאָרט אַלס נאָוויקס דובליאָר פאַרפונדעוועט כ. סולער.

וועגן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ פון דעם, וואָס עס טוט אין דער זשורנאַליסטיק דער פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“, איז ניט קעדײַ צו ריידן, מיר וועלן בלויז דאָ אָפּמערקן איינע פון זײַנע „מעטאָדעס“. ווען ער וויל שוין אינגאַנצן אַוועקלייגן אויף קאַלט זײַנעם אַ קעגנער פון דער פּראָגרעסיווער, קאָמוניסטישער זײַט, באַשולדיקט ער אים אין שוטפעס מיט עמעצן אויף דער קעגנזעצלעכער, אַנטיקאָמוניסטישער זײַט. קאָן זײַן, אַז טאַקע ער, סולער, האָט דערפונדן דעם „אַרגומענט“, אַז אויב מע קריטיקירט די פעלערן אין דער איצטיקער „מאָרגן־פרײַהײַט“, „שפּילט מען אַרײַן אין די הענט“ פונעם „פאָרווערטס“...

ס׳איז קעדײַ צו ברענגען אַ פּאָר „פּערל“ פון סולערס לעצטע וועכנטלעכע איבערזיכטן.

דער „בירָאָבידזשאַנער שטערן“ האָט איבערגעדרוקט פון „איזוועסטיאַ“ אָן אַרטיקל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די אַליאַרמירנדיקע ווערטער: „עס גייט ניט דורך קיין טאָג אָן מיטיילונגען וועגן אומזיניקן וואָלונטוריזם פון די רעגירער פון ייִסראָעל“... סולערן געפעלט עס ניט. ער זוכט אָפּ אין אַ טראָצקיסטישער צײַטונג, וואָס גייט אַרויס אין פּשאַ, אָן אַרטיקל, „אין וועלכן עס ווערט פאַרדאַמט די ייִסראָעל־רעגירונג“, און נעמט צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. „מיר ווילן כאַסוועכאָלילע ניט, — שרײַבט ער, — באַשולדיקן דעם „ב. ב. שטערן“ אין טראָצקיזם. ווען עס קומט אָבער צו אַטאַקעס אויף מעדינאַס ייִסראָעל, איז פאַראַן מאָדנע אײַנשטימיקײַט פון דעם אָרגאַן פון די טראָצקיסטן און פון דער ייִדישער צײַטונג אין בירָאָבידזשאַן“...

איצט פאַרשטייט איר שוין, אויף וואָס סולער איז פייִק?

און נאָך אַ בײַשפּיל פון זײַן „מעטאָדע“.

אונדזערע לייענער געדענקען זיכער דאָס ביזעביזאָענדיקע בעטן זיך מיצאַד די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ און פונעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור“, אַז די ציִעניסטן זאָלן זיי צולאָזן צום יערושאָלאַיִמער באַלאַגאַן אַרום דער ייִדישער קולטור, און ווי אַזוי דער מאַקאַרטיסטישער „פאָרווערטס“ האָט גראָביונגעריש פאַרהאַקט פאַר זיי די טיר. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין גאַנג פון דער צוגרייטונג צו דער „אַלוועלטלעכער“ אַסיפע און שוין נאָך איר דורכפאַל אָנגעוויזן, צווישן אַנדערס, אויף דער שענדלעכער אויפפירונג פון די רענעגאַטן. איצט לאָמיר זען, ווי אַזוי סע פאָרעט זיך אַרום די אַנטוויקלונגען אין אָט דעם איניען כ. סולער.

מיר וועלן ברענגען אַ גרעסערע שטעל פון זײַנעם אַ וועכנטלעכן איבערזיכט פון דער ייִדישער פּרעסע, ווײַל דאָ איז אָנשוילעך צו זען, ווער עס איז און וואָס עס איז כ. סולער. ער שרײַבט: „ש. וועבער, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, און אַרן ווערגעליס, דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, שטימען אײַן איינער מיטן צווייטן. דער ערשטער (וועלכער זידלט זיך דאָס מאָל, כאָלילע, ניט) פאַרדאַמט פּ. נאָוויקן פאַר „פאַראַט צום ייִדישן פאָלק“ — ניט מער און ניט ווייניקער — און דער צווייטער פאַרדאַמט אים פאַר פאַראַט צום סאָציאַליזם. די נאָענטקײַט איז אַזוי גרויס צווישן די צוויי רעדאַקטאָרן, אַז מע הערט זעלטן, זיי זאָלן קריטיקירן איינער דעם צווייטן. אַלנפאַלס, טוט דאָס ניט דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. אָט, לעמאָשל, האַלט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, אַז מע טאָר די קאָמוניסטן (פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס) ניט צולאָזן צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש, ווײַל זיי זײַנען „פאַררעטער צום ייִדישן פאָלק“ (אַ קלייניקײַט!), און דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האַלט, אַז די לינקע טאָרן זיך ניט באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ, ווײַל דאָס איז אַ ציִעניסטישע מאַכערײַקע און דערמיט אַליין איז די קאָנפערענץ שוין טרייף. אַזוי, אַז מע קאָן זאָגן, אַז ש. וועבער און אַרן ווערגעליס האָבן צווישן זיך אַ מין פאַראייניקטן פראָנט, עמעס, אַ נעגאַטיוון פראָנט, אָבער ס׳איז דאָך דאָ אַ געוויסע אייניקײַט אין באַקעמפן די „מאָרגן־פרײַהײַט“ און אין אַטאַקירן איר רעדאַקטאָר“...

בעעמעס: גאָט זאָל אָפּהיטן פון אזא אַנשיקעניש. עס באַקומט זיך, ווי אינעם פאָלקס־ווערטל — אַז מע שיקט איינעם פאַרמאַכן די לאָדן, פאַרמאַכט ער זיי אין דער גאַנצער שטאָט...

די באַערונג פֿון א שאַקאַל

ווען די כּיירוט־דעפּוטאַטקע פֿונעם יִשׂראָעלדיקן פּאַרלאַמענט געולא קאָהען איז ארויס מיט א פֿאָדערונג, עס זאָל גערופֿן ווערן א ספּעציִעלע קנעסעט־זיצונג אַף צו באַערן דעם פֿאַנאַטיש־רעאַקציִאָנערן דיכטער אורי צווי גרינבערג אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 80־יאָריקן געבורטסטאָג, האָבן פֿיל מענטשן אין דער מדינה און אויסער איר געהאָפֿט, אַז צו דעם וועט ניט דערגיין, כאָטשבי דערפֿאַר, ווײַל די אָפֿיציִעלע אינסטאַנצן פֿון יִשׂראָעל וועלן זיך היטן, מע זאָל זיי ניט באַשולדיקן אין דעמאָנסטרירן סימפּאַטיע צו גרינבערגס ראַסיסטישע און מיליטאַריסטישע אידייען. אויסער דעם, ווייסן אַלע, אַז אַפֿילו אַזעלכע גיגאַנטן פֿון דער יִשׂראָעל־ליטעראַטור, ווי ש. י. אַגנאָן, אָדער נאַטאַן אַלטערמאַן, זײַנען ניט דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ קאָוועד. ס׳האָט אָבער אָפּגעשפּילט איר ראָליע די אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרסאַמטקײַט אין די רעגירנדיקע ספֿערן פֿון דער מדינה, און די שאַנד איז געשען: מיטן אויסנאַם פֿון די דעפּוטאַטן פֿון דער יִשׂראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פֿון מאַפּאַם, האָבן אַף דער „ספּעציִעלער זיצונג“ זיך צונויפֿגעקליבן די שוין באַוווּסטע מיט זייער עקסטרעמיסטישער אויפֿירונג יִשׂראָעל־פּאַרלאַמענטאַריִער.

ווועלן מיר דעם לייענער דערמאָנען, אַרום וועמען עס איז געוווען די גדולה.

נאָך אין זײַן יוגנטלעכן באָהעמע־פּעריאָד, בײַס ער האָט, צוזאַמען מיט די דעמלט־זוכנדיקע עפּעס אויסטערלישס אָנפֿאַנגער פּ. מאַרקיש און מ. ראַוויטש, געשאַפֿן א קונדייסים־קרײַז „כאַליאַסטרע“ און אַרויסגעגעבן דעם אַוואַנגאַרדיסטישן זשורנאַל „אַלבאַטראָס“, געראַשט און געטומלט אַף די שפּאַלטן פֿון די יִדישע און העברעיִשע זשורנאַלן „יִדישער אַרבײַטער“, „הפּועל הצעיר“, „רביבים“, „סנונית“, „העולם“ אאַ — שוין דאַן האָט אורי צווי גרינבערג זיך געמאַכט א שעם פֿון א דיכטער, וועלכער זוכט „דאָס גרויזאַמע אינעם ליד, דאָס כאַאָטישע אינעם בילד, דאָס אויסגעשריי פֿונעם בלוט“, און ער פֿאַרשטייט ניט און וויל ניט אויפֿנעמען די רעוואָליוציִאָנערע אויפֿטרייסלונגען, ציִענדיק זיך מער צום אַנאַרכיסטישן, רעאַקציִאָנערן.

אין 1924 פֿאָרט ער אַריבער קיין פּאַלעסטינע, דערקלערט זיך דאָרט פֿאַר א „פּראָלעטאַרישן פּאָעט“, נאָר טרעט אײַנגיכן אַרויף אַף דער רעוויזיִאָניסטיש־ציִעניסטישער פּלאַטפֿאָרם, ווערט זשאַבאָטינסקיס א תּלמיד, אַן אָנגעהעריקער צום עקסטרעם־רעאַקציִאָנערן פֿליגל אין אָט דער באַוועגונג, און נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת יִשׂראָעל איז ער א „כאַווער“ אין דער ערשטער קנעסעט, פֿאַרטרעטנדיק דאָרט דעם פֿאַשיסטישן כּיירוט. עקסטרעם־רעכטע פּאָליטישע אָנשויונגען, דעמאָנסטראַטיווע רעליגיִעזקײַט, אידייִשע אָנגעהעריקײַט צו דער אַנעקסיִאָניסטישער באַוועגונג „גאַנץ ערעץ־יִשׂראָעל“, — דאָס אַלץ איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אורי צווי גרינבערגס געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט. איבערגייענדיק אין זײַן דיכטונג פֿון דער יִדישער שפּראַך אַף העברעיִש, פֿאַרנעמט ער אַן אָרט אינעם באַוווּסטזײַן פֿון די לייענער ווי א זינגער פֿון אויסגעשפּראָכענעם שאָוויניזם, פֿעלקער־האַס, ראַסיזם, ווי אַן אָנפּאַלער אַף אַלץ, וואָס האָט אַפֿילו א שוואַכע נייגונג צו סאָציִאַלן פּראָגרעס. אין נאָמען פֿון דער „געטלעכער נאַציִע“ רופֿט ער אָן די אַראַבישע אײַנוווינער פֿונעם לאַנד „הינט פֿון אַראַביע, אָפּפֿאַל פֿון אַראַביע, שמוץ פֿון אייזלען און קעמלען“... די „וואַרעמע יִדן“, די „שיינע יִדן“ שטעלט ער אַנטקעגן דער „גויִשער וועלט“. אין זײַן לעצטן בוך „רחובות הנהר“ („די גאַסן פֿון טײַך“, 1951) באַקומט זײַן פֿעלקער־האַס אַן אויסדרוק פֿון היסטעריע („די וועלט פֿון די גויִם איז א נאַכטוואַלד פֿון כײַעס“... די אַנדערע אַרויסזאָגונגען פֿונעם צעווילדעוועטן פֿאַשיסטישן טרובאַדור איז פּאָשעט ניט מעגלעך צו איבערכאַזערן דאָ, ווײַל זיי זײַנען מעכוץ די געזעצן פֿון מענטשישער ווירדע).

עמעצער קאָן מיינען, אַז דאָס ווידמענען א פֿײַערלעכע קנעסעט־זיצונג אורי צווי גרינבערגן איז עפּעס א מין „פֿאָרמעלער אַקט“. אָבער די רעגירנדיקע ציִעניסטישע קרײַזן אין יִשׂראָעל רעכענען גאַנץ אַנדערש. אַזוי, לעמאָשל, האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פֿון דער מדינה אַרויסגעגעבן א פֿאַראָרדענונג, אַז אין אַלע קינדער־שולן זאָלן געלייענט ווערן לעקציעס וועגן גרינבערגס פּאָעזיע. עס איז ספּעציִעל צוגעגרייט געוואָרן מיצאַד דעם מיניסטעריום דער נייטיקער מעטאָדישער מאַטעריאַל פֿאַר אַלע שטופֿעס אין די שולן...

צוקוקנדיק דעם טאַראַראַם אַרום אורי צווי גרינבערגן, האָט דער לינקער פּויעלע־ציִעניסטישער פּובליציסט מייער יערי געשריבן אין דער צײַטונג „על המישמאָר“: „איך זע אין דעם אַן אַלגעמיינעם אויספֿאַרקויף פֿון די ווערטן פֿון דער אַרבעטער־ און כאַלוצישער באַוועגונג און א קאַפּיטולאַציע פֿאַר דער שאָוויניסטישער און אַנעקסיִאָניסטישער פּראַזעאָלאָגיע, וואָס פֿון דעם נעמט זיך דאָס איזאָלירן אונדז (געמיינט יִשׂראָעל. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“) אין דער וועלט און דאָס שטעלן אין א געפֿאַר אונדזער צוקונפֿט“.

אַזעלכע ווערטער זײַנען אָבער ווי אַרבעס אין וואַנט. דאָס פֿאַרשטייט גוט אַליין אורי צווי גרינבערג, וועלכער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט וועגן זײַן ווין־לאַנד, אַז דאָרט „הערט מען זיך צו צום געיאָמער פֿון שאַקאַלן מיט גרויס ראַכמים“.

ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט נאָר מע הערט זיך צו צום געוויי פֿון שאַקאַלן, נאָר מע פּראַוועט פֿאַר זיי מעלוכישע צערעמאָניעס פֿון באַערונג...

■ ■ ■

ווילנער יידישער טעאַטער — 20 יאָר

אין ליטע קאָן מען אָפט הערן דאָס וואָרט „דראוגיסטע". מע האָט אויך מיט אָט דעם וואָרט אָנגערופן דעם נײַעם פּרעכטיקן האָטעל אַף דער שטילער, געמיטלעכער טשורליאַניס־גאַס, וועלכע הייבט זיך אָן קימאַט אין צענטער פונעם נײַעם ראַיאָן אין דער ליטווישער הויפּט־שטאָט און שפּאַרט זיך אָן מיט איר צווייטן עק אין א מאַסיוון פּאַרק. „דראוגיסטע" הייסט — פרײַנטשאַפט.

מיט עכטער פעלקער־פרײַנטשאַפט איז דורכ־געדרונגען דאָס גאַנצע לעבן אין ווילנע. גע־פילט און געזען האָט מען דאָס אויך אין די לעצטע טעג פונעם פאַריקן יאָר, ווען די שטאָט האָט אָפּגעמערקט דעם 20־יאָריקן יובילײ פו־נעם יידישן פאָלקס־טעאַטער.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי — פאָלקס־טעאַטער. אינדערעמעסן איז דאָס א גאַנצער קאָמפּלעקס פון פאָלקס־קונסט: א דראַמאַטישער, אינסטרו־מענטאַלער און עסטראַדע־קאָלעקטיוון, א כאָר־און טאַנץ־קאָלעקטיוון. וועגן דעם יאָמטעוו האָבן מיטגעטיילט פיל צענדליקער פאַרביקע אַפישן, אָפּגעדרוקטע אַף יידיש, ליטוויש און רוסיש, וועלכע מע האָט צעהאַנגען אין די גאַסן און אַף די פּלעצער פון דער שטאָט.

די פײַערונגען זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א דערהויבענעם, ברייטן שעפערישן באַ־ריכט פון דער יידישער זעלבסטעטיקער פאָלקס־קונסט, וועלכער האָט געדויערט פונעם 17 ביזן 23 דעקאַבער און האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון טויזנטער יידישע און ניט־יידישע צושויער.

דעם 17 דעקאַבער, אינעם ערשטן טאָג פון די יובילײ־פײַערונגען, האָט אין דעם פּראָפאַ־ריינען־פּאַלאַץ געהערשט א יאָמטעוודיקע שטי־מונג. באַם אַרײַנגאַנג און אין דער צענטראַלער פאָיע האָט מען געקאָנט זען מאָנטאַזשן פון אַלטע און נײַע אַפישן, פאָטאָ־סטענדן מיט פילפאַרביקע מאַטעריאַלן וועגן דעם רעפּער־טואַר פון די אַנסאַמבלען, פּאָרטרעטן פון די וועטעראַנען פונעם פאָלקס־טעאַטער און פון דער נײַ־צוגעקומענער יוגנט.

צו 7 אַזייגער אָפּדערנאַכט איז דער גרויסער צושויער־זאַל פונעם פּאַלאַץ, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן מער פון 1200 מענטשן, שוין געווען פולגעפּאַקט. דער קאָוועד צו עפענען די יובי־ליי־פײַערונגען איז אויסגעפאַלן אַף איינעם פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די יידישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון אין ווילנע, דעם פאָרזיצער פונעם קונסט־ראַט באַם פּראָפאַריינען־הויז, דעם פאַר־דינסטפולן קולטור־טוער פון דער רעפּובליק יאַנקעוו ווינניצקי. זײַן וואָרט איז, ווי אַלעמאָל, געווען קורץ, געפּרעסט און באַשיידן, נאָר די ציפערן וועגן דער צאָל שטעלונגען און קאָנ־צערט־פּראָגראַמעס (450!) און וועגן דער צאָל צושויער, וועלכע האָבן באַזוכט די אַרויסטרע־טונגען פון דער דראַמאַטישער טרופּע און פון אַלע אַנסאַמבלען פונעם פאָלקס־טעאַטער (אַרום 500.000!) זײַנען געווען אַזוי אײַנדרוקספול, אַז אין זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן א שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

יאַנקעוו ווינניצקי גיט איבער דאָס וואָרט דעם וועטעראַן פונעם פאָלקס־טעאַטער יולי קאַץ. צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז קאַצן אויסגעפאַלן דאָס גליק צו באַגריסן די ווילנער צושויער מיטן ערשטן קאָנצערט פון די יידישע קינסט־לערישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון — דעמלט נאָך אין א ניט גרויסן אַרבעטער־קלוב פון דער ליטווישער הויפּטשטאָט.

— פון יענער ערשטער אַרויסטרעטונג ביזן הײַנטיקן שעפערישן באַריכט פון א קאָלעקטיוו פון העכער הונדערט אָנטיילנעמער איז פאָלג מיך א גאַנג! — זאָגט ער.

ער דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי די קאָלעק־טיוון זײַנען געוואַקסן סײַ אין צאָל, סײַ שעפע־ריש, און איצט פאַרנעמען זיי א בעקאָוועדיק אָרט אין דער צעצווײַגטער סיסטעם פון קינסט־לערישער זעלבסטעטיקײַט פון די פּראָפאַריינען. דאָ, אין דעם פּאַלאַץ, איז דעם יידישן דראַמאַ־טישן קאָלעקטיוו צוגעייגנט געוואָרן דער ערן־טיטל פאָלקס־טעאַטער. די אַנסאַמבלען פון די סאַמע פאַרשיידנסטע עסטראַדע־זשאַנרען פאַר־נעמען קעסיידער א בעקאָוועדיק אָרט אַף קאָנ־קורסן און פעסטיוואַלן.

עס צעעפנט זיך דער מאַסיווער פאָרהאַנג, און הינטער אים באַווײַזט זיך נאָך איינער, א פילפאַרביקער. ער איז דעקאָרירט מיט אַפישן און נעמען פון ספּעקטאַקלען, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַר צוואַנציק יאָר.

בא דער ראַמפּע האָט זיך אויסגעשטעלט די יוגנט פונעם פאָלקס־טעאַטער, וועלכע איז ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק געקומען אין דער יידישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. די יונגע אַרטיסטן גייען אַראָפּ פון דער בינע, און, באַגריסנדיק די צושויער, סקאַנדירן זיי א מעלאָדעקלאַמאַציע „מיר זײַנען אַלט צוואַנ־ציק יאָר".

און ווי נאָר עס הילכן אָפּ די אַפּלאָדיסמענטן, קלינגט א ליד וועגן לעבינען (ווערטער — אַרן וואָרגעליס, מוזיק — זינאָווי קאָמפּאַנייעץ). עס פילט זי אויס דער סאָליסט א. קוראַס צוזאַמען מיטן כאָר.

אָט אַזוי הייבט זיך אָן די יאָמטעוודיקע פּראָגראַם. דער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו פילט

אויס א סצענע פון בוזי מילערס פּיעסע „פונעם הימל פאלט גאָרניט אראָפּ", דער אָרקעסטער און די סאָליסטן קוראס, בראוזע און גאָרנ־שטיין — א מוזיקאל בילד לויט אווראָם גאָנ־טארס באלאדע „לייעלע". נאָך דער סצענע פו־נעם ספּעקטאקל „די פּאָליציי־שאָ" ווערט בא־וויזן א טאנץ־סיוויטע „יוגנט", געשטעלט פון נ. מארגאָלין און ר. סווישטשאָווא.

דער יובילײ־קאָנצערט דויערט, און אין ביידע אָפּטיילונגען באטייליקן זיך אלע קאָלעקטיוון. דער אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן (אָנפירער אי. קאַץ) פילט אויס וואריאַציעס אַף פאָלקס־מעלאָדיעס (קאָמפּאָזיטאָר קאפּלאַן). אין דער סצענע פונעם ספּעקטאקל „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" (רעזשי יו. קאַץ) זיינען פארטראָטן די ארטיסטן צ. פראנק, מ. קאנאָ־וויטש, ט. גאָרעליק, נ. לעווינא. דאָס כאָרעאָ־גראפישע בילד „א קליינשטעטלדיקע כאסענע" האָט געשטעלט דער כאָרעאָגראף ניקאָלײַ מאר־גאָלין. דער דאָזיקער טאנץ איז, אגעוו, ניט לאנג צוריק באוויזן געוואָרן אין דער רעפּובלי־קאנישער טעלעוויזיע.

צום סאָף פון דער צווייטער אָפּטיילונג שטעלן זיך אויס אַף דער בינע אלע אָנטיילנע־מער. איצט נעמען זיי אוף באגריסונגען און ווינטשעוואניעס:

— אין נאָמען פון דער אָנפירונג פונעם פראָפאריינען־פּאלאַץ...

— אין נאָמען פונעם קולטור־אָפּטייל פון שטאָט־סאָוועט...

— אין נאָמען פון דער ווילנער טעאטראלער געזעלשאפטלעכקייט...

— אין נאָמען פון די קאָלעקטיוון פון דער ליטווישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט...

— אין נאָמען פונעם קאָלעקטיוו פון דער פּוילישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט...

— אין נאָמען פון דעם מאָסקווער ייִדישן טעאטראלן אנסאמבל...

די מיטגלידער פונעם פאָלקס־טעאטער בא־קומען ערן־גראמאָטעס און אנדערע אויסצײ־כענונגען.

דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" יויסעף שוס־טער גיט איבער א באגריסונגס־אדרעס פון רעדאקציע:

די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, די רעדקאָלעגיע און רעדאקציע פונעם כוידעש־זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק דעם טײַערן באל־יוּיוול און ווינטשן די ארטיסטן, דעם גאנצן קאָלעקטיוו מיט אלע זײַנע זשאנער־אָפּצווײַגן פיל קויכעס און נײַע דערפאָלגן באם שאפן אן עכט סאָוועטישן און טיף־פאָלקסטימלעכן, באכיינטן מיט נאציאָנאלער אויסדריקלעכקײַט און אין דער פולער מאָס הײַנטצײַ־טיקן רעפּערטואר. מיר ווינטשן אײַך א סטאבילן דערפאָלג בא די צושויער, ווי אויך א גליקלעכע פרעסע ארום אײַערע פאָרשטעלונגען.

מיר הערן ניט אוף צו גלייבן, אז יעדערער פון אײַך — סײַ די אָנפירונג פון טעאטער, סײַ די אר־טיסטן — פארלירן ניט פון אויג יענע גרויסע טראדי־ציעס, וועלכע עס האָבן אין מעשעך פון א יאָרהונ־דערט אָנגעזאמלט דער ייִדישער טעאטער ביכלאל און די טעאטראלע ווילנע ביפראט. ס'איז אויך קיין סאָפעק ניט, אז בויען און פאָרזעצן ייִדיש טעאטער אין איצטיקן צײַט־אָפּשניט איז מעגלעך בלויז באם באדינג, אז אלץ, וואָס קומט פאָר אַף דער בינע, איז געווענדט מיטן פּאָנעם צו דער הײַנטיקער וועלט. פארשטייט זיך, אז די אָרגאנישע פארבינדונג צווישן דער ליטעראטור און דער בינע־קונסט איז דער יעסאָד, אַף וועלכן ס'איז מעגלעך אויסצובויען דעם פעסטן ביניען פון אונדזער טעאטער.

מיר, ייִדישע שרײַבער, פארשטייען עס גאנץ גוט. און איר קאָנט אויסרעכענען אַף אונדזער שעפערישן בײַטראָג.

נאָכאמאָל באגריסן מיר אײַך מיטן וווּנדערלעכן יוּיוול. מיר ווינטשן דער סאָוועטישער ליטע פיל נאכעס פון איר ייִדישן פאָלקס־טעאטער.

דער דיכטער כאיִם ביידער באגריסט דעם פאָלקס־טעאטער מיט א ליד:

אין יאָרן־לויף, אַף קרייצוועגן פון צײַטן,
ווו נאָר עס פלעכט זיך איבער מיט געדאכטס,
איך האָב געזען דיך, ווילנע,
כאָטש פונוויַיטן,
נאָר אײַנגעבאקן ביסט געווען אין הארץ.
די לענג און ברייט פון אלטן טכום־האמוישעוו
כ'האָב אויסגעשפּאנט אין וואנדער אָן א שיר, —
נעם אוף מיך, ווי אן אלטן טוישעוו,
וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט מיט דיר.
מיט לײַב און לעבן ענג צונויפגעבונדן,
באם שלאָס־בארג דײַנעם א פארטראכטער כ'שטיי,
און דײַנע וווּנדן זײַנען מײַנע וווּנדן,
און דײַן פּאָנאר טוט אויך, ווי דיר, מיר וויי,
נאָר האָסט אזוינס, מיט וואָס מיר אלע מעגן
מיט ווירדע און מיט פרייד זיך האלטן גרויס, —
און לעקערט גייט ארויס צו מיר אנטקעגן,
און יוליס שימעלעוויטש גייט ארויס.
עס האָט דער טויט, איך ווייס, אַף זיי קיין שליטע,
פארייביקט האָט דאָס לעבן זיי אליין, —
מאדייסקער קומט צו גיין, און גלעזעריטע,
און פאָלקע טשארני קומט אפסנײַ צו גיין.
קיין מיטלײַד דארפן מיר ניט, קיין ראכמאָנעס —
מיר זײַנען דאָ און וועלן שטענדיק זײַן,
און קולבאקס ליד, און קלאנגען פון טשורליאָניס
אין קוואל אין איינעם גיסן זיך ארײַן.
ניט בלויז דער רום פון ווײַטע אָוועס ביסטו —
ער קייפלט זיך, מיט יעדן טאָג זיך מערט
אין פראָסטן וואָרט, וואָס רופט זיך „דראוגיסטע"
און וואָס צום ערשטן מאָל כ'האָב הײַנט דערהערט.
צום ערשטן מאָל. איך האָב אָקאָרשט איינעם
מיט אײַך דערזען — ניין, ניט קיין נעס, אָ, ניין!
אין אָט דעם גרויסן זאל פון די פאריינען
געקומען איז גאָלדפאדן, דוכט, צו גיין.
און טויזנטפאכיק איז אונדז ליב און טײַער,
און האסטיק ברויזט און שלאָגט אין הארץ דאָס
בלוט:
עס לעבט דאָס וואָרט. דאָס וואָרט איז פול מיט
פייער.
עס לעבט די ליד, וואָס טראָגט פון פאָלק דעם מוט!

די פײַערונגען דויערן. ווידער פארנעמט זײַן אָרט דער גרויסער אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן. אַף דער בינע — אלע אָנטייל־נעמער פון די קאָלעקטיוון פון דער ווילנער ייִדישער זעלבסטעטיקײַט. זיי פילן אויס די יובילײ־ליד „צוואנציק יאָר", און דער גאנצער זאל כאפּט אונטער די מעלאָדיע.

ווילנע זינגט.
ווילנע טאנצט.
ווילנע פײַערט...

דער צושויער־זאַל

א טאַנץ־סוויטע

אף א רעפּעטיציע פונעם כאָרעאָגראַפישן אַנסאַמבל

עס טרעט ארויס דער כאָר

דער וואָקאַליש-מוזיקאַלישער אַנסאַמבל

פאַרשיידנס

דער מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט אין ציפערן

אינעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט זייַנען פאַראַן 16 לערן־פאַקולטעטן, אַן אינסטיטוט פון די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, 4 וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן, אַן אינסטיטוט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לעקטאָרן בא די קאַטעדרעס פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, אַ פאַקולטעט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לעקטאָרן אין די הויכשולן, 272 קאַטעדרעס, 360 לאַבאָראַטאָריעס, 163 לערן־קאַבינעטן, 11 לערן־וויסנשאַפטלעכע סטאַנציעס, 3 מוזייען, אַ באָטאַנישער גאָרטן, 4 אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס, אַ צוגרייטונגס־פאַקולטעט פאַר אויסלענדישע בירגער. עס פונקציאָנירן אויך אַ סאַך אָוונט־ און הינטער־אויגיקע צוגרייטונגס־קורסן.

דער קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט פאַרמאָגט העכער 7500 לעקטאָרן און וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער. צווישן זיי 112 אַקאַדעמיקער און מיטגליד־קאָרעספּאָנדענטן פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר, 22 העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. דאָ לערנען זיך בא 28 טויזנט סטודענטן פון העכער 100 לענדער פון דער וועלט, 5000 אַספּיראַנטן.

אין זכוס פון איר עלטערבאָבע

דער באַוווּסטער פראַנצויזישער רעזשיסער, אַקטיאָר און פּראָדיוסער פּיער רישאַר, וועלכער איז באַקאַנט דעם סאָוועטישן צושויער לויטן פילם „דער הויכער בלאָנדין אינעם שוואַרצן שוך“, שטעלט איצט אַ קינסטלערישן פילם „דאָס שפּילכל“. אויסצופילן די הויפּט־ראָל האָט ער אייַנגעלאַדן די 24־יאָריקע סילווי רייַכענבאַך, די פּראַוו פונעם באַלעבאָס פון איינעם פון די גאַנץ פּאָפּולערע פּאַריזשער רעסטאָראַנען. סילווי האָט גלייַכצייַטיק באַקומען אַ ריי אייַנלאַדונגען פון אַמעריקע. די מייַסע באַשטייט אין דעם, וואָס סילווי האָט ניט לאַנג צוריק אָנטיילגענומען אין די צערעמאָניעס, געווידמעט דעם אָנדענק פון איר עלטערבאָבע — דער באַרימטער פראַנצויזישער אַקטריסע סאַרע בערנאַר. צי וועט עס זייַן אַ נייַער שטערן אין דער טעאַטראַלער קונסט, איז נאָך שווער צו זאָגן.

העמינגווייס ליטעראַרישע ירושע

דער שרייַבער ערנעסט העמינגוויי האָט נאָך זייַן טויט איבערגעלאָזט אַ מאַסע ניט־פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן, וועלכע ווערן איצט געבראַכט אין אָרדענונג.

וועגן דעם האָט געמאָלדן אין באָסטאָן דעם שרייַבערס אַלמאָנע מערי אוועלש העמינגוויי. זי האָט דערציילט, אַז ביים העמינגוויי האָט געלעבט אין קובע, האָט ער זייער אַ סאַך געאַרבעט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, זאָל טייקעף פאַרעפנטלעכט ווערן. זי האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז מעגלעך אַ פּובליקאַציע פון העמינגווייס אַ נייַעם בוך.

אָפּגעצאָלט

און 1890 האָט אין פּעטערבורג אָנגעהויבן דערשייַנען אַ פילבענדיקע אויסגאַבע — „ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך“. אַרויסגעבן אים האָבן זיך אונטערגענומען די ברייט באַוווּסטע אין יענע צייַטן פ. בראָקהאַוז (לייַפּציק) און אי. יעפראָן (פּעטערבורג).

די אַלגעמיינע רעדאַקציע פונעם „ווערטערבוך“ האָט גענומען אויף זיך דער פּראָפעסאָר אי. אַנדרייעווסקי. ער איז געווען אַן ערודיט, אַ ברייט געבילדעטער ענציקלאָפּעדיסט, נאָר זייער אַ געלטגייַציקער. ביים זייַן ערשטן באַזוך פון דער רעדאַקציע פונעם „ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך“ האָט אַנדרייעווסקי פאַרזיכערט די מיטאַרבעטער פון דער אויסגאַבע: „אייַער מי, מייַנע הערן, וועט באַלוינט ווערן מיט דער פאָרלעגער האַנט“.

ווען אָבער ס׳איז דערשינען דער ערשטער באַנד פונעם „ווערטערבוך“ און די אויטאָרן זייַנען געקומען צו דער קאַסע, זייַנען אַ סאַך פון זיי, פול מיט שטוינונג, אַוועק פון דאָרט מיט ליידיקע הענט: דעם האָנאָראַר האָט אַנדרייעווסקי צוגעשריבן אויף זייַן קאָנטע.

— אַך, אַזאַ אָנזיקאָרנדיקער הונט וואָס איך בין (דאָס איז געווען זייַן באַליבט ווערטל), — האָט אויסגעשריִען אַנדרייעווסקי, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט די אויטאָרן. — מייַנע הערן, די דאָזיקע געשיכטע איז פּאָשעט אַ מיספאַרשטייעניש. אָט וועט דערשייַנען דער צווייטער באַנד, מיר וועלן איבערמאַכן די כעזשבוינעס, און יעדערער וועט באַקומען זייַנס.

נאָר ס׳איז דערשינען דער צווייטער באַנד, און די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט. האָבן די מיטאַרבעטער פונעם „ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך“ באַשטימט אים אָנלערנען.

אינעם באַנד, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק, האָבן זיי אינעם נייטיקן אָרט אַרייַנגעשטעלט צוויי שורעס: „אָנזיקאָרנדיקער הונט — אַ הונט, וואָס איז גיריק צו אַזאַרטקייַט“.

דאָס איז געווען אַ בייזוויליקע נעקאָמע. עמעס, ווייַט ניט אַלע לייענער האָבן פאַרשטאַנען דעם זין פון די דאָזיקע שורעס. אָבער די אויטאָרן פון דעם דאָזיקן בייזן שפּאַס האָבן זיך שוין באַמיט, אַז אין די ברייטע קרייַזן זאָל מען וויסן וועגן אַנדרייעווסקיס שווינדל.

אינגיכן איז הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם „ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך“ געוואָרן דער פּראָפעסאָר פ. פּעטרושעווסקי.

א. פּאַלאַדין („נעדיעליא“)

פאַרשיידנס

אַ היילונגס־קורס פאַר... פאַרען

ער האָט געלאַנדעט אינעם פּאַריזשער אַעראָפּאָרט בורזשע, ווו אים האָט באַגעגנט אַן ערן־קאַראַול פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן און רעפּובליקאַנישער גוואַרדיע פון פראַנקרייַך. די סאָלדאַטן האָבן גענומען די ביקסן אַף קאַראַול. דעם הויכן גאַסט האָבן פריידיק באַגריסט מעלוכע־באַאַמטע. אָבער די קיניגלעכע פּערזאָן האָט ניט געקאָנט אָפּדאַנקען פאַרן וואַרעמען אויפנאַם. ס׳גייט אַ רייד וועגן ראַמזעס II, דעם עגיפּטישן פּאַרע, וועלכער איז אין 3000 יאָר אַרום נאָכן טויט אָנגעקומען קיין פּאַריזש אַף „היילונג".

דער ערשטער האָט באַמערקט די געפאַר, וואָס האָט באַדראָעט די מומיִע פון ראַמזעס II, דער פראַנצויזישער געלערנטער מאָריס ביוקיי. אויספאָרשנדיק די מומיִע אונטער רענטגען־שטראַלן און אַ מיקראָסקאָפּ, האָט ער געשטעלט דעם דיִאַגנאָז, אַז די באַקטעריעס, דער שימל און אינזעקטן מאַכן פון איר אַ טעל. „די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג האָבן דערשיטערט די מיטאַרבעטער פונעם קאַיִרער נאַציִאָנאַלן מוזיי", — האָט געזאָגט ביוקיי. „אויסהיילן" ראַמזעס II האָבן זיך אונטערגענומען די פראַנצויזישע ספּעציִאַליסטן, וועלכע האָבן שוין אַף זייער קאָנטע ניט איין מייע „גערעטעוועטע" מומיִעס.

(פונעם זשורנאַל „ניוסוויק")

די שטים פון די ליימענע פּליטקעס

ספּעציִאַליסטן־אַרכעאָלאָגן פון רוים האָבן דעשיפרירט עטלעכע טויזנט אויפשריפטן אַף ליימענע פּליטקעס, וועלכע מע האָט אַנטדעקט מיט אַ יאָר צוריק אַף צאָפן פון סיריע ניט וויַיט פון כאַלעב. אין דער טיף פון פיר מעטער אונטער דער ערד האָט מען געפונען דאָרטן 15 טויזנט ליימענע פּליטקעס מיט אויפשריפטן, וועלכע, ווי מע איז זיך מעשאַער, זייַנען געהיט געוואָרן אינעם קייסערלעכן פּאַלאַץ פון דער פאַרשוווּנדענער שטאָט עבלאַ. די אויפשריפטן געהערן צום פּעריִאָד פון 2400—2250 יאָר ביז אונדזער ערע. עבלאַ איז געווען דער צענטער פון אַ בליִענדיקער מעלוכע מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע. איר ווירקונגס־ספער האָט זיך פאַרשפּרייט פון די מיזרעך־גרענעצן פון עגיפּטע און ביז דער איצטיקער טעריטאָריע פון טערקיי.

אַן אייגנאַרטיקער רעקאָרד

די פראַנצויזן האָבן שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס זייער לאַנד האָט אויסגעקעמפט אינגאַנצן צוויי גאָלדענע און ביז גאָר ווייניק זילבערנע און בראָנזענע מעדאַלן אַף דער אָלימפּיִאַדע אין מאָנטרעאַל. די פּרעסע האָט ניט געקאַרגט קיין קריטיק, סאַרקאַזם, פאָרווורפן. נאָר אָט האָט די צייַטונג „זשורנאַל דיו דימאַנש" דערפרייט אירע לייענער: פראַנקרייַך האָט געשטעלט אַ ניט־געהערטן רעקאָרד, אַרויסגייענדיק אַפן ערשטן אָרט אין אייראָפּע לויט דער צאָל היימישע באַלעבאַטיִם. היינט־צו־טאָג פּאַסן אויף די פראַנצויזן אַכט מיליאָן הינט, זיבן מיליאָן קעץ, באַ פינף מיליאָן פאַרשיידענע מינים פויגלען און פונקט אַזויפיל יאַם־כאַזיירימלעך, ערד־וועווערקעס, קיניגלעך אאַוו. דעם דאָזיקן אויפבליץ פון ליבע צו דער היימישער פאַונע דערקלערט די צייַטונג אַלס „אַן אייגנאַרטיקע רעפּוע פון נאָסטאַלגיע און איינזאַמקייַט אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווו ס׳ווערט אַלץ מער צעשטערט דער גלייַכגעוויכט צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור".

דער אומשטערבלעכער הוליווער

ס׳איז געוואָרן 250 יאָר, זינט ס׳זייַנען דערשינען „הוליווערס רייַזעס" — איינס פון די אַמערסטנס געלייענטע און באַליבטע ביכער.

אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון דער ערשטער אויסגאַבע פונעם בוך. זי איז דערשינען אָנעם נאָמען דזשאָנאַטאַן סוויפט, אָבער לויט דער גלענצנדיקער ליטעראַרישער מייַסטערשאַפט און בייַסיקער סאַטירע האָט דער ענגלישער לייענער גלייַך דערקענט, ווער עס איז דער אַווטאָר. עמעס, „הוליווערס רייַזעס" זייַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ געווויסער מאָס געקירצט. דער פאַרלעגער האָט ניט געוואָלט ריזיקירן מיט זייַנע אויערן (פאַר אַרויסגעבן אַנטימעלוכישע און גאָטלעסטערנדיקע ביכער פלעגט מען אין יענער צייַט אַף אַזאַ אויפן באַשטראָפן), און אָן דער דערלויבעניש פונעם אַווטאָר האָט ער אַרויסגענומען פונעם בוך די אַמערסטנס „געפערלעכע" ערטער. סוויפט האָט אויסגעדריקט זייַן אויפגעבראַכטקייַט אין אַ בריוו פונעם קלוימערשט עקזיסטירנדיקן הוליווער און האָט צוגעשיקט צו זייַן פרייַנט, דעם ענגלישן ליטעראַט פאָרדן, אַן עקזעמפּליאַר מיט זייַנע אייגנהאַנטיקע צוגאָבן און ענדערונגען. דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר ווערט אויך היינט־צו־טאָג פאַררעכנט אַלס דער איינציקער אורשפּרינגלעכער טעקסט פון „הוליווערס רייַזעס" און געפינט זיך איצט אינעם לאָנדאָנער מוזיי „וויקטאָריִאַ און אַלבערט".

איינע נאָך דער אַנדערער זייַנען דערשינען נייַע אויסגאַבעס — פון פילבענדיקע ביז קעשענע־פאָרמאַט. ס׳האָבן זיך באַוויזן פילצאָליקע פּלאַגיִאַטן און פאָרזעצונגען פון די „רייַזעס". בלויז אין דער ענגלישער שפּראַך זייַנען אונטער דער הוליווערס נאָמען געווען אָפּגעדרוקט באַ הונדערט אַזעלכע נאָכמאַכונגען. דעם בוך האָט מען איבערגעזעצט אַף אַנדערע שפּראַכן, צווישן זיי אויך אַף רוסיש (אין 1772).

סוויפטס ווערק האָבן הויך אָפּגעשאַצט נ. ל. טאָלסטאָי, וו. ג. בעלינסקי און אַ. וו. לונאַטשאַרסקי. אַף דער דירעקטער קרויוועשאַפט פון סוויפטס און שטשעדרינס טאַלאַנטן האָט אָנגעוויזן אי. ס. טורגעניעוו.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זייַנען „הוליווערס רייַזעס" דערשינען 162 מאָל מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון העכער זעקס מיט אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן. צו דער איצטיקער געדענק־דאַטע איז דאָס ווערק אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער סעריע „ביבליִאָטעק פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור".

(לויט ט. איוואַנאָוועס נאָטיץ אין „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ")

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

וועגן דער אַרבעט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אין דער לעצטער אַבאָניר־קאַמפּאַניע האָבן מיר געבעטן זיך אַרויסזאָגן אייניקע שרײַבער...

ווי שטענדיק, זײַנען אין די לעצטע כאָדאָשים פונעם פאַריקן יאָר אָנגעקומען פרייליכע ידיעות וועגן דעם, וויאַזוי עס גייט דורך די אַבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד“. די קורצע פאַרצייכענונגען, וועלכע מיר דרוקן דאָ, זײַנען איידעס, אַז אונדזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער האָבן ניט ווייניק אָפּגעטאָן, קעדיי דער זשורנאַל זאָל דערגיין צו יעדן איינעם, וועמען עס אינטערעסירט זיך מיט אונדזער ליטעראַטור.

וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס פון יאָר צו יאָר וואַקסט די צאָל אַבאָנענטן פונעם ייִנגערן דאָר.

אין דער שטאָט נאָוואָראָסיִיסק האָבן מיר געהאַט געציילטע לייענער, ניט געווען דאָרט קיין געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער. און אָט זיץ איך אין קאַבינעט בײַ דער פאַרוואַלטערן פונעם שטאָטישן אָפּטייל פון „סאָיוזפּע־טשאַט“ נינע ניקאָלײַעוונא ווערִיגאָ. זי נעמט בײַ מיר דעם נומ. 8 „סאָוועטיש היימ־לאַנד“ (1976) און זאָגט:

— איך וועל אײַך דעם זשורנאַל ניט אומקערן... איר האָט געזען אונדזער נײַע וויטרינע פון די פּעריאָדישע אויסגאַבעס? אָט וועל איך אים אוועקשטעלן, זאָל מען וויסן בײַ אונדז, אין דער העלדן־שטאָט נאָוואָראָ־סיִיסק, אַז אין מאָסקווע דערשײַנט אַזאַ פּרעכטיקער זשורנאַל.

און זי שטעלט אים אַוועק צווישן אַנ־דערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אַזוי, אַז מע זאָל זען די הילע סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש. אין קאַטאַלאָג פון די אויסגאַבעס שטרײַכט זי אונטער מיט אַ קאָלירטן בלײַער זײַן אינדעקס און טוט אַ שמייכל:

— דאָבראָ פּאָזשאַלאָוואַט (ווילקאָמען) אין נאָוואָראָסיִיסק!

דער ערשטער צוגעקומענער לייענער איז דאָרט געווען גריגאָרי מיכײַלאָוויטש קאַבלונאָוו.

איך פרעג זיך אָן בײַ אים, וויפל צײַט ער וווינט אין נאָוואָראָסיִיסק, און ער ענט־פערט, אַז בעסאַכאַקל איז ער דרײַסיק יאָר געווען אַ מיליטערישער כירורג, און צוזאַ־מען מיט זײַן מיליטער־טייל איז ער ניט





געזעסן אף אן אָרט. מיט ניַיגער נעמט ער דעם זשורנאַל אין האַנט און זאָגט דערביַי, אַז ייִדיש האָט ער ניט שלעכט געקענט. לעבן אים שטייט זיַין טאָכטער לינע, אַ מוזיקערן, און זי הערט זיך איַין ווי דער טאַטע לייענט...

אַ סאַך ניַיע לייענער זיַינען צוגעקומען אין ראָסטאָוו, דאָרט איז באַזונדערס טעטיק אין דער אַבאָנירונג איינער פון די אַווטאָרן פון אונדזער זשורנאַל הערשל באַראַז. ער ווייסט גוט אַלע לייענער פון זיַין שטאָט, איז מיט זיי שטענדיק ענג פאַרבונדן, און אויך די לייענער ציִען זיך צו אים.

גוטע גרויסן האָט אונדז צוגעשיקט אין גאַנג פון דער אַבאָנירונג זאַלמען מינקין פון דאָ־ניעצק. ער מיט זיַינע געהילפן האָבן אין סאַך אַקטיאַבער שוין אַבאָנירט באַ 60 לייענער.

דער געטריַיער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער, אַן אַנטיילנעמער אינעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער וועלוול שאַלקינסקי האָט אונדז צוגעשיקט אַ בריוועלע מיט אַ צעטל פון 18 אַבאָנענטן, וועלכע ער האָט פּערזענלעך געשאַפן.

וועלי סאַלאָמאָנאָווע ליובאָטשאַנסקע פון אָדעס שריַיבט: „איך אַליין האָב אויסגעשריבן דעם זשורנאַל אפן קומענדיקן יאָר און האָב אַבאָנירט פאָלגנדע כאַווירים: גאַריעווסקין ב. ל. פון פעטראָפּאַוולאָווסק אף קאַמטשאַטקע, כאַימאָוויטש יע. ל. פון טאַשקענט, פּינוס ב. וו. און גרינגאָלד ר. יע. פון אָדעס. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן דערלערנען די שפּראַך אין 1974, די אַנדערע האָבן געענדיקט אַ ייִדישע צעניאָריקע שול, זיי זיַינען מיַינע שול־כאַווירים. אַלע וועלן זיי, אָנהייבנדיק פונעם 1977, זיַין שטענדיקע אַבאָנענטן".

פון סמאָלענסק טיילט מיט דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער א. שקונדין, אַז ער האָט אַבאָנירט פינף ניַיע לייענער. עפּעס־ווייניקער האָט געשאַפן אין לונינעץ (וויַיסרוסלאַנד) דריַי אַבאַ־נענטן. י. שפּרינדעס און מ. בערעזשאַנסקי פון לענינגראַד — צו צוויי.

און אָט איז אַ בריוועלע פון אָדעס, פון אונדזער לאַנגיאָריקן פאַרשפּרייטער באָריס שטי־וועלמאַן. אין אָט דער שטאָט איז ער אַ ניַיער טוישעוו, נאָר ער האָט שוין באַוויזן דאָ צו שאַפן אַרום זיך אַן אַקטיוו פון ניַיע לייענער.

איך שריַיב אָט די שורעס, ווען מיר האָבן נאָך ניט קיין ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון דער אַבאָנירונג. איך בין אָבער איבערצייַגט, אַז, ווי אַלע יאָר, וועט די צאָל אַבאָנענטן אַף „סאָוועטיש היימלאַנד" שטיַיגן, וויַיל וועגן דעם זאָרגן זיך אונדזערע אומדערמידלעכע און געטריַיע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

יאָשע טשערניס

די אַבאָנירונג אין ראָסטאָוו. אין צענטער הערשל באַראַז

מיט הארץ און פאַרשטאַנד

און ווידער אָן אַבאָניר־קאַמפּאַניע...

מיר שײַנט, אַז דער איקער איז, סע זאָל ניט זײַן קיין קאַמפּאַניע, נאָר אַ געדולדיקע לאַנג־דויעריקע אַרבעט אין מעשעך פון אַ קײַלעכיק יאָר. און צום אַלעם ערשטן — אַ פרײַנטלעכער שמועס, טאַקע וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד", ס'הייסט — וועגן די ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען, לידער, פּובליציס־טישע מאַטעריאַלן, וואָס דרוקן זיך אין יעדן נו־מער. די דערפאַרונג באַווײַזט: אויב מע „העלפט" מיט הארץ און פאַרשטאַנד די לייענער צו לייע־נען דאָס, וואָס איז געדרוקט אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל, פאַרשפּאַרט מען דערנאָך אַגי־טירן, אַז זיי זאָלן זיך אַבאָנירן.

כ'מיין, סע וועט ניט זײַן איבעריק צו דער־ציילן דאָ וועגן אייניקע אַרויסזאָגונגען פון לוואָווער לייענער, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו הערן בעשאַס דער אַבאָניר־„קאַמפּאַניע" אין די לעצטע כאַדאָשים פונעם פאַריקן יאָר.

כ אַ י ם ס י י פ ע ר, בוי־אַרבעטער. זינט איך לייען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַ ליטעראַטור, פּונקט ווי אַ מענטש, דאַרף האָבן אַ כאַראַקטער און זעלבסטווירדע, און אַז די ייִדישע ליטעראַ־טור אין אונדזער לאַנד איז מיר ליב מיט איר סאָוועטישן כאַראַקטער, מיט איר סאָוועטישער ווירדע. און נאָך אָט וואָס: אין אונדזער מאַ־ליער־לאָשן איז פאַראַן אַ וואָרט אָטדעלקאַ, אויף ייִדיש באַטײַט עס עפּשער אָפּאַרבעטן אויף ריין, אָדער אויספּוצן די זאַך, צי עפּשער נאָך עפּעס... איך האָב זיך דערמאָנט אין אָט דעם וואָרט, קעדיי ווינטשן די אויטאָרן פון „סאָווע־טיש היימלאַנד", אַז די „אָטדעלקע" פון זייערע ווערק זאָל טאָמיד זײַן אָן אויסגעצייכנטע.

נ י ס ן פ י ו ו ע ן, פּאַדפּאַלקאָווניק אין דעמי־סיע. דער זשורנאַל איז שיין און לויטן טעמאַ־טישן דיאַפּאַזאָן ברייט. פונדעסטוועגן מיין איך, אַז ער וואָלט געדאַרפט זײַן נאָך ברייטער.

— וויפל איז דער שיר?

פאַרטראַכט ער זיך אויף אַ ווײַלע און זאָגט:

— וויפל איז דער שיר, ווייס איך ניט. כ'מיין אָבער, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" דאַרף זײַן ווי אַ מין שפּיגל פון אונדזער הײַנטצײַטיק לעבן.

י אַ נ ק ע ו ו מ ו ס ל י ן, פאָטאָגראַף. מיר איז איבערהויפּט געפעלן דער יוביל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס איז אַרויס אין אויגוסט פונעם פאַריקן יאָר. לייענסט אים, און עפּעס אַ דערהויבנקייט פּילט אָן דײַן האַרץ: עס האָט זיך ניט איבערגעריסן דער פאָדעם, ער ציט זיך ווײַטער — פון „אייגנס" ביז „סאָ־וועטיש היימלאַנד"!

י אַ ק אָ ו ו ג ע ר ש ק אָ ו ו י ט ש, הויפּט־בוכ־האַלטער (ער פאַרמאָגט אַלע הונדערט צוויי און זעכציק בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד"). אַ זשורנאַל רופט מען דערפאַר „צײַטשריפט", ווײַל זײַן אינהאַלט ענדערט זיך מיט דער צײַט. „סאָוועטיש היימלאַנד" באַווײַזט דערווײַל מע־רער באַוועגלעכקײַט אין דער פּובליציסטיק: ווי נאָר עס הייבט זיך אָן צו טאָן עפּעס באַם איי־דיישן קעגנער, באַמערקט עס שוין די קעמפע־רישע פּובליציסטיק. מײַן ווונטש איז, אַז די „שיינע ליטעראַטור", ווי מע רופט זי, זאָל אויך גיכער זיך אָפּרופן אויף די לויפנדיקע געשעע־נישן. איך וויל, לעמאָשל, אַז אין דער ייִדישער דערציילונג זאָל שוין זײַן הײַנטצײַטיקע אַרכי־טעקטור, איצטיקע קליידער־מאָדעס, ביכלאַל — די הײַנטיקע וועלט...

א ל ב ע ר ט ס ט אָ ל ס ק י, אַקטיאָר. ס'קאָן אוואַדע זײַן, אַז ווען עס באַווײַזט זיך אַ גרויס טעאַטראַל קונסט־ווערק, עפּעס אַן אינטערעסאַנ־טע און רעגענדיקע פּיעסע, וואָלט גראַד דאָס געווירקט, ס'זאָל אופשטיין דער נײַער ייִדישער טעאַטער. איר מעגט אײַך לאַכן, נאָר אָפּט טרעפט אַ פאַרקערטע לאָגיק...

...דאָס האָב איך אַרויסגעשריבן פון מײַן נאָ־טיץ־ביכל די רייד פון לוואָווער לייענער. פאַרשטייט זיך, אַז די צאָל פאַרשריבענע מיי־נונגען איז פיל מער.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך וועגן זיי?

טאַקע אַנטקעגן דעם, וואָס קאַלזמאַן מיר האָבן נאָך אַזעלכע טײַערע לייענער, מעגן מיר זײַן אַפילע גרויס באַ זיך.

א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ל י ז ע ן

אין שײַע ספּעקטאָרס מישפּאָכע

שײַע ספּעקטאָר איז אין זשיטאָמיר איינער פון די וויינציק־געבליבענע בירגער פון דער שטאָט, וועלכע האָבן זיך נאָך באַטייליקט אין די רעוואָליוציאָנערע שטרײַטן אין 1905 און שפּעטער אין די שלאַכטן פאַר אײַנשטעלן די ראַטנמאַכט. ער האָט שוין צעביטן דעם נײַנטן יאָרצענדליק, אָבער די יאָרן האָבן אים ניט אײַנגעבויגן, ער זעט אויס נאָך גאַנץ קרעפּ־טיק, און מע קאָן אָפּט זען, ווי ער שפּאַנט איבער די נײַע שענער געוואָרענע זשיטאָמי־רער גאַסן.

דער אַלטער קאָמוניסט שײַע ספּעקטאָר איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד", און טאַקע דאָס האָט מיך געבראַכט צו אים אַהיים. ווױנען וווינט ער צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער כאַנע, דער ציין־דאָקטערן, און מיט איר מאַן לייב גרינשפּון, דעם אינזשעניר. זייער דירע איז אַ גערוימע און אויסגעשטאַט מיט געשמאַק.

אָט איז געקומען צוגאַסט צום זיידן זײַן איי־ניקל דאַוויד, אַ ציין־טעכניקער. ער און די מאַ־מע אַרבעטן אין איין פּאָליקליניק, און מע איז

שייַע ספּעקטאָר

פון זיי צופרידן. נאכעס האָט דער זיידע אויך
פונעם סאמע ייִנגסטן אייניקל — אלעקסאנדער,
וועלכער האָט פאראיאָרן פארענדיקט אין מאָסק־
ווע דעם אוויִא־אינסטיטוט און איז איצט אַן
אינזשעניער אַף א לעניִנגראַדער זאַוואָד.

שייַע ספּעקטאָר שטאָלצירט מיט זייַן איידעם.
לייב גרינשפּון איז אַן אינזשעניער אפן פּאָטשט־
אמט. בייס דער מילכאָמע איז ער געווען א
מאָטיקער סאָלדאַט און פארמאָגט מיליטערישע
באַלוינונגען. מיט א צייַט צוריק האָט זיך בא
אים אפן שרײַבטיש באוויזן א קרישטאָלענע
וואַזע מיט זייַן פּאָרטרעט. די מאַטאָנע האָט אים
אונטערגעטראָגן צום 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג
איבערן פאשיזם דער קאָלעקטיוו, וווּ ער
ארבעט.

שייַע ספּעקטאָרס שטוב לעבט מיט אלע גע־
זעלשאַפטלעכע זאָרגן פון דער צייַט. און ביכער
זייַנען דאָ ניט קיין געסט. אין דער רייַכער בי־
בליאָטעק פארנעמט א באַזונדער אָרט דער
זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

— אונדזער טאַטע, — דערציילט לייב גרינ־
שפּון, — איז ניט נאָר א לייענער, נאָר א פּראָ־
פּאַגאַנדיסט. מיך האָט ער שוין פון לאַנג גע־
מאַכט פאר אַן אָנהענגער פונעם זשורנאַל, ער
טרעט ניט אָפּ, ביז איך וועל ניט איבערלייענען
דאָס, וואָס אים געפעלט. און איך האָב קיינמאָל
ניט כאַראָטע. איך דערמאָן זיך פּעפערן. איך האָב
אַפילע געדרוקט עפּעס־וואָס אייגנס אין דער
צייַטונג „יונגע גוואַרדיע".

שייַע ספּעקטאָר איז לויטן פאַך געווען אַן
אייַנבינדער. איצט קומט אים צוניץ זייַן גע־
וועזענע פראָפעסיע. ער קלייַבט אָפּ אינעם
זשורנאַל באַזונדערע דערציילונגען, פארצייכע־
נונגען, ראָמאַנען און אַנדערע מאַטעריאַלן און
בינדט זיי אייַן אין א בוך־פאָרם לויט דער טע־
מאַטיק. די דאָזיקע זאַמלונגען זעען אויס זייער
פייַן.

— צוליב וואָס טוט איר דאָס? — פרעג איך.

— ניט נאָר צוליב זיך אליין, א זשורנאַל איז
א זשורנאַל, און א „זאַמלבוך" איז עפּעס אַנ־
דערש. זאָל דאָס סאמע בעסטע און אינטערע־
סאַנטסטע, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט,
זיך פארהיטן און בלייַבן ווי א שטיקל ירושע
פאר מייַנע אייניקלעך און אוראייניקלעך. אָט
קלייַב איך זיך צונויפזאַמלען אין איין בוך די
לעקציעס וועגן יידיש, איך מיין, אז עס וועט
זיך באַקומען א פייַנער לערן־מאַטעריאַל.

ער איז א געזעלשאַפטלעכער פארשפרייטער
פונעם זשורנאַל. ער האַלט אָפּן דיסקאַנט אלע
זשיטאָמירער אַבאָנענטן און לאָזט קיינעם ניט
ארויס פון אויג, איבערהויפּט, ווען עס גייט די
אַבאָנירונג. אָט האָט ער זיך דערוווּסט, אז דער
קירזשנער יאַנקל דאַרפמאַן איז קראַנק געוואָרן
פונקט דעמלט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די
אַבאָנירונג. איז ער אוועק אָף דער פּאָטשט און
האָט פאר אים אויסגעשריבן דעם זשורנאַל אפן
1977. בא יאַנקל דאַרפמאַנען איז דאָס געווען
אזוי אָנגעלייגט, ווי מע וואָלט אים געבראַכט די
בעסטע מאַטאָנע.

איך האָב געפרעגט בא שייַע ספּעקטאָרן, צי
עס איז אים ניט שווער זיך פארנעמען מיט אָט
דער זאַך, איז ער אַפילע געוואָרן א ביסל ברוי־
געז:

— האָט ניט קיין ראַכמאָנעס אַף מיר, עלטער
ווער איך ניט דערפון. און נאָך זאָלט איר וויסן,
אז פאר מיר איז אונדזער זשורנאַל ווי א מין
רעפּועָ צו דער עלטער, ער ברענגט מיר פאר־
געניגן, און דאָס פארלענגערט מיר די יאָרן...

גייענדיק פון שייַעס שטוב צוריק אין האָטעל,
האָב איך באַגעגנט מייַן באַקאַנטע, די לערערן
פון דער 20־טער מיטלשול אַנע ערענבורג. זי
ווינט א קוואַרטאַל ווייַטער. צו מייַנע אייַנ־
דרוקן וועגן אָט דעם מענטשן האָט זי צוגע־
געבן:

— בא אונדז אין זשיטאָמיר קען שייַע ספּעק־
טאָר אַלעמען, און אלע ווייסן אים. אויך אין
מייַן שול איז ער א געגאַרטער גאַסט. די קינ־
דער האָבן ליב צו הערן זייַנע דערציילונגען
וועגן דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט.

טאַקע פון איר, פון אַנע ערענבורג, האָב איך
זיך דערוווּסט אזא געשיכטע.

אין 1905 יאָר האָט מען שייַע ספּעקטאָרן
אַרייַנגעזעצט אין טורמע פאר אָנטיילנעמען אין
א דעמאָנסטראַציע קעגן צאַריזם, האָט די מו־
טער זייַנע זייער איבערגעלעבט. זי האָט גע־
וואָלט אָנגעבן א פּראָשעניע דעם זשיטאָמירער
פּאָליצמייסטער, מע זאָל איר זון באַפרייַען,
נאָר מע האָט זי אַפילע נאָענט ניט צוגעלאָזט
צום הויכן טשינאָווניק. קעדיי צווינגען, מע זאָל
זי אויסהערן, האָט זי באַשטימט זיך א וואַרף
טאָן אונטער די פיס פון די פערד בא דעם פּאָ־
ליצמייסטערס פאַעטאָן. אזוי האָט זי זיך אופגע־
פירט, אָט די העלדישע און מעסירעסנעפעשדיקע
פרוי...

סאָניע פּרײַ

דאָס איז טשיקאַווע

פון וואָס היילט די טײַגע?

אן אוניקאלע ביבליִאָטעק וועגן די הייל־אייגנשאפטן פון דער טײַגע־פלאָרע האָט צונויפגעזאמלט דער פּראָפעסאָר פונעם כאבאראָווסקער מעדיצינישן אינסטיטוט ניקאָלײַ קאָנסטאנטינאָוויטש פּרוענטאָוו. כּוץ די ביכער, וועלכע פארנעמען דאָס הויפּט־אָרט אין דער דירע, זײַנען דאָ פאראן פּיליצאָליקע סטעלאזשן מיט אָן א שיר פּאפּקעס, קעסטעלעך מיט פּערפּאָקארטעס. סאכאקל העכער נײַן טויזנט פארנאָטירונגען, דאָקומענטן, וואָס אנטהאלטן ידיעות וועגן דער געהיימניספולער „גרינער אפּטייק".

— וויִאזוי אָריִענטירט איר זיך אין אָט דעם רעפּועס־יאם פון דער טײַגע? — פרעג איך פּרוענטאָוון. — אָן א „קאָמפּאס" איז דאָ מיסטאמע אומעגלעך זיך באגיין?

— נאטירלעך, — איז מאסקים ניקאָלײַ קאָנסטאנטינאָוויטש. — אלע ידיעות זײַנען סיסטעמאטיזירט. אף יעדערן פון די 1300 געוויקסן איז פאראן א מין פּאספּאָרט. אין אים טראָג איך ארײַן ניט בלויז די אָנגאבן וועגן דעם קאָנקרעטן פאָרשטייער פון דער פלאָרע, זײַן גענויע „ביִאָגראפיע", נאָר אויך ידיעות וועגן זײַנע נאָענטסטע קרויווים בא אונדז אין לאנד און אין אויסלאנד. מיט דער הילף פון א ספּעציִעלן „שליסל" איז שוין ניט שווער אָפּצוזוכן דעם נייטיקן דאָקומענט.

— ס'איז פאראן א ווערטל: „בלויז פון טויט איז אין וואלד ניטאָ קיין רעפּועה". איז וואָס פאר א קראנקײַטן, פונדעסטוועגן, היילט די טײַגע?

— איר האָט אליין געענטפערט אף אײַער פראגע, — שמייכלט פּרוענטאָוו. — בעעמעס טאקע: די ווײַטמיזרעכדיקע טײַגע איז די „גרינע אפּטייק" פונעם לאנד. פאראן דאָ ניט ווייניק אזעלכע געוויקסן, וועלכע טרעפן זיך ניט אין אן אנדער ווינקל פון פּססר.

אגעוו, נאָך אין 1674 האָט איינער א מעלוכע־באאמטער, סעמיאָן יעפּישעוו, געגעבן צו וויסן דעם קייסער: „און אזעלכע, גרויסער גאָסודאר, רעפּועה־גראָזן, ווי די, וואָס וואקסן אין אָט די ערטער פון סיביר, זײַנען אין דײַנע רוסישע שטעט ניטאָ".

די בארימטע אין דער גאנצער וועלט געוויקסן זשענשען, עלעוטעראקאָק און אנדערע פאָרשטייער פונעם „מעכטיקן הײַפל" אראליִקולטורן היילן ניט בלויז פון קראנקײַטן, נאָר זיי זײַנען א ווערטפול פּראָפילאקטיש מיטל. מיט דער הילף פון לימאָניק, אשטייגער, האָט מען זיך אויסגעלערנט היילן מאָגן־קראנקײַטן, די זאמאניכע פארשטארקט די טעטיקײַט פונעם הארצן און העכערט דעם בלוט־דרוק, ווען ער איז א צו נידעריקער. אראלי מאנטשזשורער נאָרמאליזירט דעם שלאָף, פארפעסטיקט די נערוון־סיסטעם. מע רעקאָמענדירט אים מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן שווערע קראנקײַטן. און דאָך ווייסן מיר נאָך ווייניק וועגן די מעגלעכקײַטן פון דער „גרינער אפּטייק".

— און דאָס זאָגט איר, דער אויטאָר פונעם בוך „רעפּועה־געוויקסן פונעם ווײַטן מיזרעך", אין וועלכן עס אנטהאלטן זיך ידיעות וועגן 700 פאָרשטייער פון דער ווײַטמיזרעכדיקער הייל־פלאָרע?..

— אצינד האָט זיך אָנגעזאמלט א מאטעריאל, פאר וועלכן עס וואָלטן מיסטאמע ניט געווען צו גרויס דרײַ אזעלכע ביכער, אָבער ניט אין דעם גייט עס... נעמט, צום בײַשפּיל, שוואָמען. דאָס איז נאָך אלץ א סאָד אונטער זיבן שטעמפּלען. אפן ווײַטן מיזרעך וואקסן בא אָנדערהאלבן טויזנט מינים שוואָמען, אן ערעך צוויי צענדליק האלט מען פאר גיפטיקע, דערבײַ איז ניט באוווּסט, ווער עס האָט דער ערשטער ארויסגעטראָגן זיי אזא אורטייל. עפּשער האָט א זין אויסדריקן א צווייפל מיקויעך זייער אבסאָליוטער שעדלעכקײַט. צי פארבאָרגן ניט אין זיך אָט די גיפטיקע שוואָמען אנטיגיפט־אייגנשאפטן? פאראן שוואָמען, וואָס מע האלט, אז מע מעג זיי עסן. די צאָל זייערע איז ניט גרויס. און וועגן טויזנטער אנדערע איז קימאט גאָרנישט ניט באוווּסט...

— אצינד וועט אין אײַער ביבליִאָטעק זיך באווײַזן א „שוואָמען־אפּטייל"?

— שוואָמען, אלס פאָרשטייער פון דער ווײַטמיזרעכדיקער פלאָרע, אינטערעסירן מיך אין דער ערשטער ריי צוליב הייל־צוועקן. צום באדויערן, איז ליטעראטור אף אָט דער טעמע פאראן ווייניק.

— איך האָב געהערט: פאראן בא אײַך א סאך מאטעריאלן מיקויעך דער „גרינער אפּטייק", וועלכע איר האָט באקומען פון פאָלקס־רויפים און זייערע פּאציִענטן.

— דאָס זײַנען זייער אינטערעסאנטע קוואלן. עס שטייט נאָך אָבער פאָר אויסצופאָרשן דעם מעכאניזם פון דער אופווירקונג פון די אָדער יענע גראָזן.

דער דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאפטן, פארוואלטער מיט דער קאטעדרע פון פארמאקאָלאָגיע פונעם כאבאראָווסקער מעדיצינישן אינסטיטוט נ. ק. פּרוענטאָוו פארברענגט זײַן אורלויב, אלס קלאל, אין דער טײַגע. אף א מאָטאָר־שיפל דערקלײַבט ער זיך איבער די טײַכן כאָר, אורמי, טונגוסקע, צו די פארבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער „גרינער אפּטייק".

ס. איסיעוו

■ ■ ■

כראָניק

די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" וועגן אירמע דרוקערס 70־טן געבורטסטאָג

אין איינעם פון אירע יאַנואַר־נומערן האָט די קיִעווער צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" פאַרעפנטלעכט מ. טאַלאַלאַיעווסקיס אַרטיקל, וואָס איז געווידמעט אירמע דרוקערס 70־טן געבורטסטאָג. צווישן אַנדערס איז דאָרט געזאָגט:

„אירמע דרוקער איז דער מעכאַבער פונעם ראָמאַן „מוזיקאַנטן" — אַ ברייטער לײַוונט, אין וועלכן די העלדן האָבן דורך זייער גאַנץ לעבן דורכגעטראָגן די פלאַמיקע ליבע צו קונסט, צו די ליכטיקע געפילן, וואָס זיי רופן אַרויס באַ דעם אַרבעטס־פאָלק. אָבער דער שרײַבער צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט דער פרוכטבאַרער אַרבעט אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראַטור. אַ היפּשע אָפּשאַצונג האָבן באַקומען זײַנע קריטישע עטיודן וועגן דער שאַפונג פון שאָלעם־אַלייכעמען, זײַן בוך נאָוועלן וועגן מענדעלע מויכער־ספאָרימען. די דאָזיקע ווערק זאָגן איידעס וועגן דער בוילעטער פּאָזיציע פונעם אויטאָר אינעם אַקטיוון שאַפונגס־פּראָצעס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור".

הירש רעלעסעס דערציילונגען אין זשורנאַל „ניעמאַן"

דער ליטעראַרישער כוידעש־זשורנאַל „ניעמאַן", וואָס דערשײַנט אין מינסק אין דער רוסישער שפּראַך, האָט אינעם דעקאַבער־נומער פון 1976 פאַרעפנטלעכט הירש רעלעסעס אַ ציקל דערציילונגען אין דער איבערזעצונג פון ייִדיש. די דערציילונגען ווערן באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פון דער רעדאַקציע, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעמערקט דער היינטצײַטיקער כאַראַקטער פון ה. רעלעסעס שאַפונגען.

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אַ שעפערישע באַגעגעניש מיט אַ ביראָבידזשאַנער דיכטער

די סעקציע פון פּאָעזיע באַ דער כאַבאַראָווסקער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון רספסר האָט דורכגעפירט אַ שעפערישע באַגעגעניש מיטן ביראָבידזשאַנער דיכטער לעאָניד שקאָלניק. די מערהײַט לידער, וועלכע ל. שקאָלניק האָט פאָרגעלייענט, זײַנען אײַנגעשלאָסן אין זײַן לידער־זאַמלונג, וועלכע וועט אינגיכן דערשײַנען אין כאַבאַראָווסקער פאַרלאַג.

אין דער באַהאַנדלונג פון שקאָלניקס שאַפונגען האָבן זיך באַטייליקט דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער קאַנטישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע וויקטאָר אַלעקסאַנדראָווסקי, דער פאַרוואַלטער מיטן פּאָעזיע־אָפּטייל פונעם זשורנאַל „דאַלני וואָסטאָק" מיכאַיִל אָסלאַמאָוו, די דיכטער איציק בראָנפמאַן, באָריס קאָפּליגין, ליודמילע מילאַניטש אאַ.

עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דעם דיכטערס שעפערישער וווּקס, זײַן ענגע פאַרבינדונג מיטן לעבן, מיט די אויפטוען פון די סאָוועטישע מענטשן.

נײַעס פון אויסלאַנד

יאָרבוך פון די בולגאַרישע ייִדן — „גאָדישניק" נום. 10

עס איז דערשינען דער 10 באַנד פון דעם יאָרבוך פון די בולגאַרישע ייִדן, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיצאַד דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער ייִדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע.

דער באַנד צייכנט זיך אויס מיט פאַרשיידנאַרטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אָף פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, דעמאָגראַפישע און קולטור־פּראָבלעמען. אינעם פאָרוואָרט שרײַבט דער באַוווּסטער געלערנטער פּראָפעסאָר ב. ראַנקאָ: „דער „גאָדישניק" האָט פאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין דער בולגאַרישער וויסנשאַפט־היסטאָרישער ליטעראַטור. ער פאַרדינט אַ היפּשע אָפּשאַצונג פון דער אַקאַדעמישער סוויווע".

צום אָנדענק פון די נאַצי־קאָרבאָנעס אין איטאַליע

אין ניו־יאָרק איז דערשינען אַ בוך פון ראָבערט שוואַרץ „די שוואַרצע נאַכט", אין וועלכן עס ווערט באַשריבן אַ טראַגישער עפּיזאָד פון דער לעצטער מילכאָמע.

דעם 16־טן נאָיאַבער 1940 האָט אייכמאַנס פאַרטרעטער אין איטאַליע אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן. אין אָט דעם טאָג זײַנען 1259 פרויען, מענער און קינדער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אָשווענטשים, ווו אַלע זײַנען אומגעקומען.

אַ זאַמלונג פון אוניקאַלע בריוו

אין ייִסראָעל איז דערשינען אַ זאַמלונג פון אוראַלטע העברעיִשע בריוו, דער עלטסטער פון וועלכע איז דאַטירט מיטן יאָר 593 פאַר אונדזער צײַטרעכענונג, געשריבן פון ייִרמיהאָו (ירמיה) האַנאָווי צו די ייִדן פון באָוול. אַ בריוו פון ראַבי גאַמליִעל האַזאָקן, דעם נאָסי פון סאַנהעדרין, צו די ייִדן פון באָוול, גריכנלאַנד און אַנדערע ערטער, געהערט צום ערשטן יאָרהונדערט פון דער נײַער צײַטרעכענונג. אין אים ווערט מיטגעטיילט דער באַשלוס פונעם סאַנהעדרין צוצוגעבן נאָך איין כוידעש צו יענעם יאָר, וואָס וועט זיך רעכענען אַלס אַן איבעריאָר. אַ שפּעטערדיקער דאָקומענט איז דער בריוו פון ראַבי שלוימע בען יעהודע פון יערושאָלאַיִם צו זײַנעם אַ כאַווער פון אַלט־פאָסטאַט, אין וועלכן עס ווערט באַשריבן אַן ערדציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעקאַבער 1033.

פאַראַן אויך אַ בריוו פונעם ראַמבאַם צו זײַן זון פון שפּאַניע וועגן דער רײַזע פונעם ראַמבאַם קיין יערושאָלאַיִם.

■ ■ ■

פעליעטאָנען אין דער אויסלענדישער פרעסע

זע נאָר, ווער ס'קומט קיין ייִסראָעל

איין רייזע געקומען צו אונדז א דערפראַרענע,
האָט מען איין לאַד זי געגומען דערוואַרעמען,
מע מוז דאָך דער נאַרוואָס געקומען צופאַרענער
מיט היימישקייט וואַרעמער נעמען דערבאַרעמען,
האָט זי אין רוסלאַנד נאָר ייִדיש גערעדט,
דער סודיא האָט געפּלאַצט און געבראַכט א פּערעוואָדשיק,
און אין לאַד האָט מען רייזען געגעבן א בעט:
פּאָזשאַלויסטאַ, פּאַ רוסקי צו אונדז גאַוואַריטיע...

און פייגעלעך האָבן געזונגען פּי־פּי־פּי,
זע נאָר, ווער ס'קומט צו אונדז פון נישט הי.

דערנאָך האָט מען רייזען דערלאַנגט א בוקעט
אין נאָמען פון אַלע שטרײַק־קאָמאַנדעס אינײַנעם,
פון לאַד, פון אשדאָד, פון היגער אין הינערפעלט,
און פון דאַנטיסטן מיט דאַנטיסטישע צייגער.
האָט רייזע געוויינט: זי איז ביט געווינט,
די שטרײַקן מיט מיסעס אין נאָר אַף א געלעכטער,
האָט זי זיך פון גרויס סימכע צעוויינט,
און ס'האָט זי פאַרנומען א וואַרעמקייט אַן עכטע,
ביז זי האָט געזען „דעם מעכעס" אין לאַד,
ווי ער שטייט און געגעצט און „שטרײַקט אַף פּאַמעלעך",
איז איר געוואָרן א טשוטקעלע נישט גוט,
און ס'האָט זי געטרייסט דער פּאָקיד, דער לעמעך.

און פייגעלעך האָבן געזונגען פּי־פּי־פּי,
זע נאָר, ווער ס'קומט צו אונדז פון נישט הי.

דערנאָך האָט די פרייד דערמאָנט זיך אין איר,
מע מוז דאָך אמאָל זיך אין רייזען דערמאָנען,
האָט זי איר אונטערגעטראָגן אונטער דער טיר
די ליכטיקע בסורע וועגן ייִדישע שפּיאָנען.
האָט רייזע געמיינט: זי איז געוואָרן פאַרכאַפּט
אין ליוויע, לעמאַשל, וואָס שעלט ציִעניסטן,
ביז זי האָט זיך אין לעצטער מינוט דאָך געכאַפּט —
געלאָפן קיין ירושאַלאַים, ווי פון א טשיסטקע,
און האָט זיך געגעבן אליין דאָרט די מי,
געזוכט א נאַכט ביז אײַנדערפרי,
און דאָך די ייִדישע מעדינע געפונען.

און פייגעלעך האָבן געזונגען פּי־פּי־פּי,
זע נאָר, ווער ס'קומט צו אונדז פון נישט הי...

סרוליק („לעצטע נײַעס")

פעליעטאָנען אין דער אויסלאַנדישער פרעסע

די פאַרקישעפטער ראָד

איך האָב געהאַט א פעטער פּינכעס. ער איז געווען א גאַנץ ווױלער ייִד. נאָר ער האָט ליב געהאַט א ביסעלע בראַנפן... מע קען ניט זאָגן, אז ער איז געווען א שיקער. נאָר פון מאַכן אַן איבעריקע קויסע האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. אַרײַנקומענדיק אין שענק, פלעגט ער נעמען א גלעזעלע בראַנפן מיט פאַרבײַסעכץ, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אײער־קיכעלע... ווען ער האָט דעם בראַנפן אויסגעטרונקען, איז אים געבליבן א שטיקל אײער־קיכעלע, האָט ער דאָך ניט געוואָלט עסן דאָס איבערגעבליבענע קיכעלע אָן בראַנפן און גענומען נאָך א גלעזעלע בראַנפן... אַזױװי צום צווייטן גלעזעלע האָט ער שוין ניט געהאַט קיין גאַנץ קיכעלע, איז אים געבליבן בראַנפן... האָט ער דאָך ניט געוואָלט טרינקען אָן פאַרבײַסעכץ און גענומען נאָך א קיכעלע... איז דאָך אים ווידער געבליבן קיכעלע, האָט ער ווידער גענומען בראַנפן, אאַוו.

מיט איין וואָרט: ער איז אָפּגעזעסן שײנע עטלעכע שאָ אין שענק און ניט געקענט אויסגלײַכן דעם כעזשבן...

די מײַסע מיט מײַן פעטער האָט זיך מיר דערמאָנט, ווען איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן די פאָדערונגען, וואָס די אַרבעטער שטעלן אַרויס אין ייִשׂראל, ווען די פּרײַזן מאַכן „א וועט־געלויף" און אַלץ ווערט טײַערער...

עס הייבט זיך אָן אַזױ:

אין א שײנעם פרימאָרגן גייען די ווײַבער אַרויס אײַנקויפן. ווײַזט זיך אַרויס, אז אַלץ איז טײַערער געוואָרן. די פּרײַזן זײַנען „אונטערגעשפּרונגען". לויפן די ווײַבער אַהיים מיט א גוואַלד, מיט אַן א שיר טײַנעס צו זייערע מענער, האַלעמײַ זיי שווײַגן, מע גיט אויס געלט און מע קויפט גאָרניט.

וואָס זשע טוען די אַרבעטער? זיי מאַכן א שטרײַק, מע זאָל זיי דערלייגן עטלעכע גילדן צום לוין, ווײַל אַלץ איז טײַערער געוואָרן.

וואָס זשע טוען די פאַבריקאַנטן, סאָכרים און אונטערנעמער? זיי טוען א פּאָשעטע זאַך: זיי הייבן די פּרײַזן... וואָס זשע טוען די אַרבעטער, ווען אַלץ איז ווידער געוואָרן טײַערער? זיי שטרײַקן. קומען די פאַבריקאַנטן, סאָכרים און אונטערנעמער און הייבן ווידער די פּרײַזן...

נאָר מע שמועסט, אז אויב די פאַבריקאַנטן און סאָכרים הייבן די פּרײַזן, נעמען זיי ניט בלויז אַזױפיל, וויפל זיי צאָלן די אַרבעטער. מע „הייבט" שוין א ביסל מער, ווײַל זייערע באַדערפענישן זײַנען אויך געוואָרן טײַערער...

לאָמיר נעמען א מאָדערנעם אויסלענדישן אויטאָ, איז דאָך קאָלאָסאַל געוואַקסן זײַן פּרײַז... אָדער מע וויל זיך בויען א „שטיקל" ווילע, און אָפּטמאָל ניט איינע. איז דאָך דאָס פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע אויסגאַבן. און אויב עס וואַקסט אונטער א ייִנגל און ווערט באַרמיצווע, מוז מען דאָך פּראַווען די סודע אין א גרויסן עלעגאַנטן זאַל און אײַנלאַדן הונדערטער געסט. די אויסגאַבן זײַנען גוואַלדיק גרויסע...

איך וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך א גאַנץ צעטל אַזעלכע באַדערפענישן פון „ערשטן געברויך", וואָס מוזן נעבעך באַפרידיקט ווערן. דעריבער נעמט מען אַלע מאָל טײַערער.

וואָס זשע טוען די אַרבעטער? (איך זע, אז איר כאַפּט פאַר מיר, ווײַל איר ווייסט שוין) — די אַרבעטער האָבן ניט קיין אַנדער ברירע, ווי פאָדערן...

נאָר אויב בײַ מײַן פעטער האָט זיך די קייט פון בראַנפן און קיכעלעך געענדיקט מיט נאָך עטלעכע גלעזלעך מאַשקע און מיט א פּאָר קיכעלעך, איז אין ייִשׂראל די לאַגע אַן אַנדערע. די פאַרקישעפטע ראָד דרייט זיך מיט אַן אומגעהײַערער שנעלקײַט, זי קען אַזױ אַרײַנדרייען, אז מע זאָל זיך ניט קענען אַרויסדרייען...

דאָוויד רויטנבערג („ייִשׂראל־שטימע")

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

גורעוויטש, יויסעף
(1966 — 1905)

— איבערזעצער. געבוירן אין באַברויסק. יויסעף גורעוויטש האָט איבערגעזעצט אין רוסיש ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער און פּראָזאַיקער, דערונטער פון שמועל האַלקין, לייב קוויטקאָ, אווראָם גאָנטאַר, כאַנע וויַנערמאַן, אירמע דרוקער, מישע לעוו. ער האָט אויך איבערגעזעצט א ריי ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען, י.־ל. פּערעצן, שאָלעם אשס ראָמאַן „די מוטער".

ביבליאָגראַפיע: זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 10, מאָסקווע, 1965, ז. 152.

גורשטיין, ארן
(1941 — 1895)

— קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין קראָלעוועץ, טשערניגאָווער געגנט (אוקראַיִנע). זיַין פאָטער איז געווען אן אָנגעשטעלטער אין א טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. גורשטיין האָט געלערנט אין כיידער און אין פּריַוואַטע וועלטלעכע שולן. אין 1913 געענדיקט א ייִדישע גימנאַזיע אין ווילנע. אין 1916 שטודירט העברעיִשע ליטעראַטור אַפן פאַקולטעט פון אָריענטאַלישע שפּראַכן אין פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע מיטגעאַרבעט אין דער סאָוועטישער פּרעסע. אין די יאָרן פון בירגערקריג פריַיוויליק אריַינגעטראָטן אין דער רויטער ארמיי. נאָך דער דעמאָביליזאַציע געאַרבעט אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע איניאַנים. אָנהייבנדיק פון די צוואַנציקער יאָרן, אנטוויקלט גורשטיין אן אינטענסיווע שעפערישע וויסנשאַפטלעכע ארבעט איבער קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע אף ייִדיש און אף רוסיש. ער פאַרעפנטלעכט א ריי ארבעטן וועגן די קלאַסיקער, וועגן אָנגעזעענע ייִדישע און רוסישע סאָוועטישע שריַיבער, וועגן וויכטיקע פּראָבלעמען פון טעאָריע און היסטאָריע פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. לייענט לעקציעס וועגן ייִדישער ליטעראַטור אינעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען אלס דאָצענט פון דער קאַטעדרע פון ייִדישער ליטעראַטור. דרוקט ארטיקלען אין „פּראַוודאַ". נעמט אן אָנטייל אין דער וויסנשאַפטלעכער ארבעט פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין קיִעוו, אין דער רעדאַקציע פון די אויסגאַבעס פון די קלאַסיקער און אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אף גאָרקיס נאָמען. נאָכן אָנפאַל פונעם דיַיטשישן פאַשיזם אפן ראַטנפאַרבאַנד איז גורשטיין פריַיוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי און איז געפאַלן אפן שלאַכטפעלד אין סאָף 1941.

ווערק: „דער איצטיקער צושטאַנד פון פערעצעס ביאָגראַפיע", „צייַטשריפט" ב. 1, מינסק 1926; „סאַכאַקלען פון דער מענדעלע־פאָרשונג", דאָרטן, ב. 2—3, מינסק, 1928; „דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די 60־ער יאָרן", „שריפטן", ב. 1, קיִעוו, 1928; „א נייַע ווענדונג אין דער מענדעלע־פאָרשונג", „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער", מאָסקווע, 1929; „פאָלקאַנאָווס אָנשווונגען וועגן ליטעראַטור", זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", נומער 3—4, קיִעוו, 1935; „מענדעלעס בריוו" אין דער זאַמלונג „מענדעלע און זיַין צייַט", מאָסקווע, 1940; „דער ייִדישער טעאַטער אין די 60־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט", דאָרטן; אין בוכפאָרם זיַינען דערשינען: „פראַגן פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קענטעניש", מאָסקווע, 1931; „פּראָבלעמעס פון קריטיק" (צוזאַמען מיט מ. ווינער), מאָסקווע, 1933; „שאָלעם־אַלייכעם, זיַין לעבן און שאַפן", מאָסקווע, 1946.

ביבליאָגראַפיע: ש. ניגער, זשורנאַל „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1934; י. נוסינאָוו, צייַטונג „אייניקייַט", מאָסקווע, 5 אווגוסט 1942; י. דאָברושין, דאָרטן, מאָסקווע, 17 מאַרט 1945; ריוועקע רובין, דאָרטן, מאָסקווע, 7 נאָיאַבער 1945; כ. נאַדעל, דאָרטן, מאָסקווע, 5 יול 1947; ייִסראָעל סערעבריאַני, „דער יונגער גורשטיין וועגן דעם יונגן מענדעלע", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12, מאָסקווע, 1975; מ. נאָטאָוויטש, „ארן גורשטיין — דער מענטש און שריַיבער", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 9, מאָסקווע, 1966; כ. ביידער, „אף די שפּורן פון ארן גורשטיין", זשורנאַל „אין גאַנג", נומער 5, בוענאָס־איירעס, 1972; מיכאַיִל גערשענזאָן, „גורשטיין און כיסמאַטולין", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 5, 1975.

גילדין, כאַים
(1944 — 1884)

— דיכטער, פּראָזאַיקער. געבוירן אין ניקאָפּאָל, יעקאַטערינאָסלאַווער געגנט (אוקראַינע) אין אן ארבעטער־מישפּאָכע. צו 12 יאָר אָנגעהויבן ארבעטן אין א שוך־פאַבריק. געוועזן צוויי מאָל ארעסטירט פאר אָנטיילנעמען אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין די יאָרן 1908 — 1914 געאַרבעט אף א פאַבריק אין ווארשע און געדרוקט אין דער יידישער פּרעסע באַריכטן פונעם ארבעטער־לעבן. אין 1915 זיך אומגעקערט קיין אוקראַינע. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע גענומען אן אָנטייל אין בירגערקריג אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. אין 1919 אריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי. גילדין איז געווען אן אַקטיווער טוער פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג — אין „פּראָלעטקולט" (1920), אין ראַפּפּ. ער איז אויך געווען עטלעכע יאָר רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „די רויטע וועלט". אין זיינע לידער און דערציילונגען האָט ער באַזונגען די העראָיק פון בירגערקריג און די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

ווערק: „לידער" (צוזאמען מיט דאַוויד אוטקעס, מאָטיע גורעוויטש, עלישע ראַדין, הירש ריקלין), האַמעל, 1921; „האַמער־קלאַנגען", לידער, מאָסקווע, 1922; „רויטע פורים־שפּיל", בופאָנאַדע, מאָסקווע, 1923; „לענינ׳אַדע", פּאָעמע, קיִעוו, 1926; „ברונעמס", דערציילונגען, כאַרקאָוו, 1929; „באַ אונדז אין לאַנד איז מײַ", לידער, כאַרקאָוו, 1932; „פּאַנען אַף באַגנעטן", לידער (צוזאמען מיט איציק פעפער), כאַרקאָוו, 1932; געזאַמלטע ווערק, ב. 1, לידער און פּאָעמעס, כאַרקאָוו, 1932; „אַנגריף", דערציילונג, כאַרקאָוו, 1934; „דער קאַנטשיק". דערציילונג, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1936.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 1; מ. ליטוואַקאָוו, „אין אומרו", ב. 2, מאָסקווע, 1926; י. בראָנשטיין, „אַטאַקע", מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931; ש. ניגער, „ליטעראַרישע בלעטער", ווארשע, 29 אפּרעל 1927; מ. מיזשיריצקי, זשורנאַל „פּאַרמעסט", כאַרקאָוו, אָקטיאַבער, 1936.

גלייזער, מוניע
(1976 — 1905)

— ליטעראַטור־קריטיקער, זשורנאַליסט. געבוירן אין שטעטל רישקאַני (מאָלדאַוויע), פאַרענדיקט דעם אָדעסער אינסטיטוט פון סאָציאַלער דערציִונג און געאַרבעט אלס לערער אין פאַרשידענע ראַיאָנען פונעם לאַנד (אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק, כאַרקאָוו, באַשקיריע און אַנד.). אָנהייבנדיק פונעם 1947, האָט גלייזער געוווינט אין ליובערצי (מאָסקווער געגנט). ער האָט זיך באַטייליקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט א ריי אַרטיקלען וועגן סאָוועטישע און אויסלענדישע שרייבער און ווערק.

ביבליאָגראַפיע: זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 7, מאָסקווע, 1976.

גערשענזאָן, מוישע
(1944 — 1903)

— דראַמאַטורג, מעשאָלים־שרייבער. געבוירן אין שטעטל טשערניכאָוו (אוקראַינע). געענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט (יידישע אָפּטיילונג), געווען איינער פון די גרינדער פונעם טעאַטער־קאָלעקטיוו „מעשולאַכעס", פאַר וועלכן ער האָט געשריבן איינאַקטערס, סאַטירישע לידער און מיניאַטורן. גענומען אן אָנטייל אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אלס אָפיצער פון דער סאָוועטישער ארמיי, געפאַלן אין שלאַכט קעגן דעם דײַטשישן פאַשיזם דעם 16 אפּרעל 1943. זײַנע פּיעסן „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און „כעלמער כאַכאָמים" זײַנען מיט דערפאָלג אופגעפירט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערן.

ווערק: „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", א פאָלקס־שפּיל אין דרײַ אַקטן, קיִעוו, 1939; „כעלמער כאַכאָמים", קאָמעדיע אין דרײַ אַקטן, זעקס בילדער, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 3, מאָסקווע, 1964.

ביבליאָגראַפיע. כאַנע גערשענזאָן, „וועגן מוישע גערשענזאָנען", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 6, מאָסקווע, 1966.

גרינזײַד, איציק
(1942—1905)

— פּראָזאַיקער, .. זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין א מישפּאָכע פון א סטאָליער אין מאָלאָוו (אוקראַינע), געאַרבעט אלס שלאָסער, זיך דערצויגן אין א יוגנטהויז, געענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום אין וויניצע. פון 1927 אָנגעהויבן די ליטעראַרישע טעטיקײַט אלס זשורנאַליסט, בעלעטריסט, רעדאַקטאָר. אי. גרינזײַד איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון די צײַטונגען „זײַ גרייט", „יונגע גוואַרדיע". אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער אוועק אפן פראָנט. געפאַלן אין שלאַכט.

ווערק: „אופקום", דערציילונגען, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932.

ביבליאָגראַפיע. הערש רעמעניק, „איציק גרינזײַדס „אופקום", זשורנאַל „פּראָליט", נומער 8, קיִעוו, 1932; יעכיעל טשיטשעלניצקי, „אונדזער כאַווער איציק גרינזײַד", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 8, מאָסקווע, 1966.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Шолом-Алейхем

Отрывок из «Песни песней»

Бузя — тайна для меня. Скорбная тайна. Несколько раз за день меняется у нее настроение, как на дворе в летний облачный день: то тепло, то прохладно, то солнце выглянет из-за облаков — и становится прекрасно. Но вот надвигается новая туча — и снова становится грустно и сумрачно.

Не проходит и дня, чтоб Бузя не получила письма от «кого-то». Не проходит и дня, чтобы не отвечала «кому-то».

Я знаю отлично, кто этот «кто-то», и я ее не спрашиваю. Я не говорю больше с Бузей о «нем». Я считаю, что «он» здесь лишний, навязанный. Но Бузя сама говорит о нем. Не слишком ли много говорит она о нем? В те считанные минуты, когда мы остаемся с ней наедине, Бузя говорит мне о нем и хвалит его. Расхваливает его изо всех сил. Не слишком ли много хвалит она его?

Она говорит мне:

— Хочешь знать, кто он? (Она опускает глаза.) Он благородный. О! Очень благородный. Он славный. О! Очень славный. Но... (Она поднимает глаза на меня и смеется.) Ему далеко до тебя... Где ему до тебя?..

Что хочет Бузя этим сказать? Она хочет меня задобрить? Или она подшучивает надо мной?

Нет, она не хочет меня задобрить, она не подшучивает надо мной. Она изливает свое сердце...

Это ясно, как дважды два.

После чая мать и Бузя ушли в кухню хлопотать о завтраке, а я с отцом встали на молитву. Я быстро отделался. А отец, закутавшись в талес и филактерии, еще стоял лицом к стене и славил бога. Вдруг вошла Бузя, одетая, с зонтиком в руке, и говорит мне:

— Пойдем.

— Куда?

— За город. Погуляем немного. Прекрасный день. Исключительный день.

שאָלעם־אַלייכעם
(1916—1859)

א פראגמענט פון „שיר־השירים“

בוזי איז א סאָד פאר מיר, א שמערצלעכער סאָד. עטלעכע מאָל אין טאָג בײַט זיך בא איר די שטימונג, ווי דער אינדרויסן אין א זומערדיקן וואָלקן־טאָג: אָט איז ווארעם, אָט איז קיל, אָט טוט א שײַן ארויס די זון פון די וואָלקנס ארויס — און עס ווערט שיין. ביז עס רוקט זיך אָן א נײַער וואָלקן — און עס ווערט ווידער טריב און טונקל.

נישטאָ דער טאָג, וואָס בוזי זאָל ניט באקומען א בריוו פון „עמעצן“. נישטאָ דער טאָג, זי זאָל ניט ענטפערן דעם „עמעצן“.

איך ווייס גאנץ גוט, ווער דער „עמעצער“ איז, און איך פרעג זי נישט. איך רעד נישט מער מיט בוזין פון „אים“. איך האלט, אז „ער“ איז דאָ אן איבעריקער, אן אָנגעוואָרפענער. בוזי רעדט אָבער אליין פון אים. רעדט זי ניט פון אים שוין צופיל? אין די געציילטע מינוטן, ווען מיר בלײַבן מיט איר אליין אינצווייען, רעדט מיט מיר בוזי פון „אים“ און לויבט אים. לויבט אים אין טאָג ארײַן. לויבט זי אים נישט צופיל?

זי זאָגט צו מיר:

— דו ווילסט וויסן, וואָס ער איז? (זי לאָזט אראָפּ די אויגן). ער איז א פײַנער — אָ! זייער א פײַנער. ער איז א ווילער — אָ! זייער א ווילער. נאָר... (זי הייבט אוף די אויגן אף מיר און לאכט). ער קומט ניט צו דיר... ווי קומט ער צו דיר?..

וואָס מיינט דערמיט בוזי? זי וויל מיך פארגיטיקן? אָדער זי טרײַבט מיט מיר קאטאָוועס?

ניין, ניט זי וויל מיך פארגיטיקן, ניט זי טרײַבט מיט מיר קאטאָוועס. נאָר זי רעדט זיך אויס דאָס הארץ...

דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי.

נאָך דער טיי זײַנען די מאמע און בוזי אוועק אין קיך וועגן אָנבײַסן, און איך מיטן טאטן האָבן זיך געשטעלט דאווענען. איך האָב עס געמאכט בעקיצער. נאָר דער טאטע, אײַנגעוויקלט אין טאלעס און טפילן, איז נאָך געשטאנען מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און געלויבט גאָט. קומט אָן פלוצעם בוזי אויסגעקליידט, מיט א זאָנטיקל אין האנט, און רופט זיך אָן צו מיר:

— קום.

— ווּהין?

— הינטער דער שטאָט ארויס. א ביסל זיך דורכגיין. א שיינער טאָג. א זעלטענער טאָג.

א רעטעניש

Загадка

עס פליִען צוועלף פֿויגלען[1]. קומען די ערשטע דרײַ[2], ווערט קאַלט און ווײַס[3].
עס פליִען די אַנדערע[4] דרײַ — צעגייט דער שניי[5], די פֿעלדער ווערן גרין[6]. קומט דער דריטער דרײַלינג[7] — ווערט הייס[8], אַלץ ווערט צײַטיק[9]. קומט דער פֿערטער[10] דרײַלינג — בלאָזן ווינטן[11], גייען רעגנס אָן א שיר[12].
און די פֿויגלען זײַנען ניט קיין פּאַשעטע[13]. בא יעדן פֿויגל — צו פֿיר פֿליגלען[14], און בא יעדן פֿליגל — צו זיבן פֿעדערן[15]. און יעדער פֿעדער האָט זיך זײַן נאָמען[16] און איז האַלב שוואַרץ[17] און האַלב ווײַס. א מאַך[18] מיט א פֿליגל — ווערט העל־ליכטיק[19]; א מאַך מיט נאָך[20] א פֿליגל — ווערט שטאָק־פֿינצטער[21].

Перевод: 1) летят двенадцать птиц; 2) прибывают первые три; 3) становится холодно и бело; 4) другие; 5) тает снег; 6) поля зеленеют (становятся зелеными); 7) третья тройка; 8) жарко; 9) всё зреет (становится зрелым); 10) четвертый(-ая); 11) дуют ветры; 12) идут дожди без конца; 13) не простые; 14) у каждой птицы по четыре крыла; 15) по семи перьев; 16) свое имя; 17) наполовину чёрен; 18) мах (взмах); 19) светлым-светло; 20) еще; 21) темным-темно.

לאָמיר ציילן

Давайте считать

איינס (1), צוויי (2), דרײַ, פֿיר, פֿינף, זעקס, זיבן, אַכט, נײַן, צען, עלף, צוועלף, דרײַצן, פֿערצן, פֿופֿצן, זעכצן, זיבעצן, אַכצן, נײַנצן, צוואַנציק (20), איין און צוואַנציק (21), צוויי און צוואַנציק (22)... דרײַסיק (30), פֿערציק (40), פֿופֿציק, זעכציק, זיבעציק, אַכציק, נײַנציק, הונדערט (100), צוויי הונדערט (200), דרײַ הונדערט (300)... טויזנט (1000), צוויי טויזנט, דרײַ טויזנט... א מיליאָן, צוויי מיליאָן, דרײַ מיליאָן...; מי־ליאָנען פֿויגלען, מיליאָנען פֿליגלען. צוויי מיליאָן פֿויגלען, פֿיר מיליאָן פֿליגלען.
דער ערשטער[1], צווייטער[2], דריטער, פֿערטער, פֿינפֿטער, זעקסטער, זיבעטער, אַכטער, נײַנטער, צענ־טער, עלפֿטער, צוועלפֿטער, דרײַצנטער, פֿערצנטער, פֿופֿצנטער, זעכצנטער, זיבעצנטער, אַכצנטער, נײַנצנ־טער, צוואַנציקסטער, דער איין־און־צוואַנציקסטער, צוויי־און־צוואַנציקסטער... דרײַסיקסטער, פֿערציקסטער... דער הונדערטסטער[3]... טויזנטסטער[4];
די ערשטע[5], צווייטע[6], דריטע, פֿערטע, פֿינפֿטע, זעקסטע... צוואַנציקסטע... הונדערטסטע[7];
דאָס ערשטע[8], צווייטע[9], דריטע, פֿערטע...
איין (דער) מאַן, הימל, שטערן, וואָלקן, טאָג, חודש, פֿרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער[10];
איין (די) פֿרוי, וועלט, ערד, זון, לעוואָנע, נאַכט, וואָך, שטוב, גאַס, שטאָט[11];
איין (דאָס) קינד, לאַנד, פֿעלד, גראָז, אָרט, דאָרף, הויז, יאָר, פֿאָלק, פּנים[12].
איינער א מאַן, איינער א טאָג... אין איינעם א חודש;
איינע א פֿרוי, איינע א נאַכט... אין איינער א נאַכט, אין איינער א וואָך;
איינס א קינד, איינס א לאַנד... אין איינעם אן אָרט, אין איינעם א יאָר.
דער ערשטער טאָג, חודש, פֿרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער, יום־טובֿ[13].
די ערשטע נאַכט, וואָך, שטוב, שטאָט, שטימונג[14], מינוט, האַנט, שׂימחה[15].
דאָס ערשטע קינד, אָרט, דאָרף, הויז, יאָר, פֿאָלק, אויג, האַרץ.
אין א יאָר איז 12 חדשים. אין א חודש — 30 אָדער 31 טעג. אין דעם צווייטן חודש, אין פֿעברואַל, איז 28 אָדער 29 טעג. אין א וואָך איז 7 טעג. זיי הייסן: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק, שבת. שבת און זונטיק זײַנען בא אונדז רו־טעג. אין א מעת־לעת[16] איז 24 שעה. אין א שעה 60 מינוט. אין א יאָר איז 365 טעג. אין אן איבעריאָר[17] 366 טעג. א האַלב יאָר איז 6 חדשים. א פֿערטל יאָר איז 3 חדשים. א דריטל יאָר איז 4 חדשים. אין 2 יאָר איז 24 חדשים.
31 טעג זײַנען אין דעם ערשטן, דריטן, פֿינפֿטן, זיבעטן, אַכטן, צענטן און צוועלפֿטן חודש. 30 טעג זײַנען אין דעם פֿערטן, זעקסטן, נײַנטן און עלפֿטן חודש. אין דעם צווייטן חודש אין 28 טעג, אין אן איבעריאָר — 29. אן איבעריאָר איז אַלע 4 יאָר.
דער ערשטער טאָג אין יאָר איז נײַיאָר. דער אַכטער טאָג אין דעם דריטן חודש איז דער פֿרויען־טאָג. דער ערשטער טאָג אינעם פֿינפֿטן חודש איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער יום־טובֿ — דער ערשטער מײַ. דער נײַנטער טאָג אין דעם זעלבן[18] חודש איז דער טאָג פֿון זיג. דער זיבעטער טאָג אין דעם עלפֿטן חודש איז דער יום־טובֿ פֿון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.
אין פֿריידן[19] איז א יאָר א טאָג; אין לײַדן[20] איז א טאָג א יאָר.
דער שווערסטער פּעלץ[21] איז אום ווינטער גרינג[22]; דאָס גרינגסטע העמד[23] איז אום זומער שווער[24].
די צײַט[25] איז דער בעסטער דאָקטער. די צײַט מאַכט גראָ די פּאות[26] און בײַט די דעה[27].
אז מע געווינט[28] צײַט, געווינט מען א סך[29].

Перевод: 1) первый; 2) второй; 3) сотый; 4) тысячный; 5) первая; 6) вторая; 7) сотая; 8) первое; 9) второе; 10) один мужчина (муж), небо, звезда, облако (туча), день, месяц, весна, лето, осень, зима; 11) одна женщина (жена), вселенная (мир), земля, солнце, луна, ночь, неделя, дом, улица, город; 12) одно дитя (ребенок), страна, поле, трава, место, село (деревня), дом, год, народ, лицо; 13) праздник; 14) настроение; 15) радость (веселье); 16) сутки; 17) високосный год; 18) в том же; 19) на радостях; 20) в страданиях; 21) самый тяжелый тулуп; 22) лёгок; 23) самая легкая сорочка (рубаха); 24) тяжела; 25) время; 26) делает седым пейс (волосы у висков); 27) изменяет мнение, ум, сознание; 28) выигрывают; 29) много.

סובסטאַנטיוון קומען אָפט[1] מיט די פּרעפיקסן „אום־, באַל־, גע־", דער פּרעפיקס „אום־" איז אן אקצענטירטער; „באַל־" און „גע־" זײַנען אָן אקצענט[2].

דער פּרעפיקס „אום־" באַטײַט קעגנזאַץ[3]. לעמאָשל: אָרדענונג — אומאָרדענונג[4]; גליק — אומגליק[5]; זין — אומזין[6]; כיין — אומכיין[7]; צוטרוי — אומצוטרוי[8]; צוכט — אומצוכט[9]; קאָוועד — אומקאָוועד[10]; רו — אומרו[11]; רעכט — אומרעכט[12]; שולד — אומשולד[13].

דער פּרעפיקס „באַל־" באַטײַט אן אײגנטימער[14], א טוער[15]. לעמאָשל: אײצע — באַלײצע[16]; אגאָלע — באַלאגאָלע[17]; אכסאניע — באַלאכסאניע[18]; ביטאָכן — באַלביטאָכן[19]; גײַווע — באַלגײַווע[20]; טויווע — באַלטויווע[21]; כויוו — באַלכויוו[22]; מעלאָכע — באַלמעלאָכע[23]; פּאַרנאָסע — באַלפּאַרנאָסע[24]; סימכע — באַלסימכע[25].

דער פּרעפיקס „גע־" באַטײַט א זאמלונג[26], א פּראָצעס און אנדערע[27]. לעמאָשל: בײן — געבײן[28]; בעטן — געבעט[29]; װײנען — געװײן[30]; װעבן — געװעב[31]; דולדן — געדולד[32]; מישן — געמיש[33]; נײען — גענײ[34]; פאנגען — געפאנג[35]; פילן — געפיל[36].

א רײ[37] סובסטאַנטיוון מיטן פּרעפיקס „גע־" האָבן אן אינװײניקסטע בײגונג (פלעקסיע)[38]. פאַרגלײַכט[39]: געבאָרן — געבורט[40]; באקן — געבעק(ס)[41]; דענקען — געדאנק[42]; זיצן — געזעסן[43]; יאָגן — געיעג[44]; זינגען — געזאנג[45]; טרינקען — געטראנק[46]; שענקען — געשאנק[47]; שלאָגן — געשלעג[48]; שרײַען — געשרײ[49].

סובסטאַנטיוון מיטן פּרעפיקס „גע־" (אָן סופיקס) זײַנען פון זאכלעכן (נײטראלן) מין[50], אָבער[51]: דער געדאנק, די (דאָס) געשטאַלט[25].

Перевод: 1) часто; 2) без ударений; 3) противоположное; 4) порядок — беспорядок; 5) счастье — несчастье; 6) смысл — бессмыслица, вздор; 7) обаяние, симпатия — антипатия, нерасположение; 8) доверие — недоверие; 9) чистоплотный — нечистоплотный; неопрятный; 10) уважение, честь, почет — неуважение; 11) покой — беспокойство; маятник; 12) право; ладно — несправедливость; 13) вина — невиновность; 14) владелец; 15) деятель; 16) совет — советник; 17) воз, телега — возчик; 18) гостиница, постоялый двор — хозяин постоялого двора; 19) надежда, упование — уповающий; 20) чванство, высокомерие — чванливый, гордец; 21) услуга, одолжение, милость — благодетель; 22) долг — должник; 23) ремесло — ремесленник; 24) заработок, доход — зарабатывающий; 25) радость, торжество — хозяин торжества; 26) сборный; 27) другие; 28) кость — скелет, останки; 29) просить, молить — просьба, мольба; 30) плакать — плач; 31) ткать — ткань; 32) терпеть — терпение; 33) мешать — смесь, помесь; 34) шить — шитьё; 35) ловить; пленять — ловля, улов; 36) чувствовать — чувство, ощущение; 37) ряд; 38) внутренняя флексия, чередование; 39) сравните; 40) рожать — рождение; 41) печь — печенье; 42) мыслить — мысль; 43) сидеть — сидение, зад; 44) гонять — погоня, охота; 45) петь — пение; 46) пить — напиток, питье; 47) дарить — подарок; 48) бить — драка, битва; 49) кричать — крик; 50) средний род; 51) но; 52) образ, вид.

דאָצענט ע. פאלקאָװיטש

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 8.XII.1976 г. Подписано к печати 12.I.1977 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 969.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1977 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 2

1977

В НОМЕРЕ:

Произведения наших читателей. Рассказы, очерки, стихи.
Ш. Горшман. По дорогам Литвы и Белоруссии (путевые заметки).
З. Вендроф. Рассказы.
Х. Меламуд. Дни и ночи. Роман (окончание).
Р. Левин (Израиль). Черная весна (повесть).
Стихи И. Бухбиндера, М. Могилевича, М. Грубиана.
Памятные даты. К 300-летию со дня смерти Спинозы.
Литературная критика. Г. Ременик. Проза поэта.

Беседы на исторические темы. Г. Бондаревский. Сионизм и борьба за Палестину (статья третья).
Отвечаем на вопросы читателей. Н. Анцелевич. Антисемитизм в странах Латинской Америки.

Листая журналы и газеты. Хроника. Разное. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Беседы о еврейском языке.